STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04039

# TSVEY MISHPOHES

Y. Finer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פינער

✶

# צוויי משפחות

פאַר מיין מאַמען —
דער מחבר

י. פינער

# צוויי משפחות

ראָמאַן

פֿאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

1971

**J. FINER**

**TSWEI MISHPOCHES**

J. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel Aviv, Israel

י. פינער ✶ צוויי משפחות
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©
נדפס בישראל
תשל״ב — 1971

Printed in Israel 1971

דפוס „אורלי״, תל־אביב טל. 3 20 62

# אַרייַנפיר

י. פינער איז שוין באַקאַנט דעם יידישן לייענער פון עטלעכע נאָוועלן־זאַמלונגען, ער האָט שוין זיין אָרט אַלס שרייבער, אויף וויפל ס׳איז פאַר אַ שרייבער בכלל מעגלעך צו האָבן אַ באַשטימט אָרט, ווען דער תוך פון שרייבן איז גראָד דאָס אומאויפהערלעכע זוכן. דאָך האָט די קריטיק אין י. פינערס ביז איצטיקע שאַפונגען אויסגעפונען געוויסע אייגנאַרטיקע שטריכן. דאָס איז נישט בלויז פינערס טעמאַטיק פון אַרומזוכן זיך אין פלאָנטער פון לעבן, פון פרוּוון אַרויסראַטעווען דאָס מענטשלעך־גוטע אין פאַרשידענע אָפט מאָל פינצטערע סיטואַציעס, פון ווען דערגייין דורך אַלע קאָמפּליצירטקייטן פון דער מענטשלעכער נשמה צו אירע ער־שטיקע פשוטע געפילן. דאָס איז אויך דער אופן און די פאָרעם, אין וועלכער ער זוכט אויסצודריקן זיך אַליין און דעם אַרום.

פינער מאָלט נישט מיט קיין פעטע איילפאַרבן, ער צייכנט מיט דינע ליניעס, וואָס אָט טויכן זיי אויף, אָט פאַרשווינדן זיי הינטער אַ נעפל. פאַראַן אין זיי צייטנווייז אַ דיסקרעטער טרוי־עריקער הומאָר, צייטנווייז אַפילו אַ סאַטירישער שטריך, אָבער מערסטנטייל קומט אויף פון זיי אַן אומעט, וואָס זיין אורשפרונג איז די אומבאַהאָלפנקייט פון מענטש.

„צוויי משפחות״ איז אַ נייער וואַריאַנט פון י. פינערס שאַ־פונג. דאָס איז כמו אַ ליטעראַרישע כראָניק פון צוויי יידישע משפחות, אַריבערגעפאָרענע פון פוילן קיין פראַנקרייך אין די צוואַנציקער יאָרן. צוויי משפחות פון קעגנזעצלעכן שטייגער, קעגנ־זעצלעכער קולטור און קעגנזעצלעכן יחוס, וועלכע, צעוואַקסנדיק און צעצווייגנדיק זיך אויף דער נייער ערד, קומען אין באַרירונג

צווישן זיך, באַהעפטן זיך אַפילו טיילווייז, ענדערן אין די נייע באַדינגונגען זייער טראַדיציאָנעלע אויפפירונג און אויסזען, אַסי־מילירן זיך בהדרגהדיק מיט דער נייער ווירקלעכקייט.

געשיכטע, נעמענדיק אַלס אויסגאַנגפּונקט געשעענישן, וועלכע דערציילן וועגן עליות און ירידות פון גאַנצע מענטשלעכע ציבורים, וועגן זייערע קעגנזייטיקע קאָנפליקטן, פאַרמעסטן און געמיינזאַמע אינטערעסן, דערזעט געווײנלעך נישט דעם איינצלנעם מענטשן מיט זיינע יחידישע איבערלעבונגען, ליידן און פריידן, זעונגען און טרוימען, פּונקט ווי אַ געצייכנטע סכעמע פון אַ וועלכער ס'איז געגנט גיט נישט איבער אירע פאַרשידנפאַרביקע, לעבעדיקע קאָלירן, באַגרענעצנדיק זיך בלויז צו אַ נעץ פון קרומע און גלייכע ליניעס, באַטיטלטע מיט טויטע מאָסן און ציפערן.

ליטעראַטור דאַקעגן, נעמענדיק אַלס אויסגאַנגפּונקט דעם איינצלנעם מענטשן מיט זיינע נצחונות און דורכפאַלן, איידעלע און נידעריקע טאַטן, שטרעבונגען און חלומות, גיט במילא אויך די געשיכטע פון פּראָבלעמען, אידעען און טענדענצן פון גאַנצן כלל במשך פון אַ באַשטימטן צייטאָפּשניט, אָדער די געשיכטע אין איר לעבעדיקער אַנטוויקלונג, אין איר שווערן און ווייטיקלעכן וווקס, אין איר קאָנקרעטן גאַנג דורך דעם קאָנקרעטן מענטשן.

„צוויי משפחות" איז אַזאַ קאָנקרעטע געשיכטע פון וואַנדערונ־גען און גייסטיקע אומוואַנדלונגען פון טויזנטער פּוילישע יידן אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, פול מיט האָפענונגען און אַנטוישונגען, מיט שווערע און ווייטיק־לעכע נסיונות, אין דער אָנקליידונג פון יחידישע, מענטשלעכע איבערלעבונגען. עס איז נישט קיין גראָדליניקער און איינליניקער סיפור־המעשה מיט קליינע זייטיקע דיגרעסיעס, ווי, לאָמיר זאָגן, אַ טייך מיט קליינע צופלוסן פון דער זייט, נאָר גיכער שוין ווי אַ בוים, וואָס זיין שטאַם פאַרשווינדט אין פלאָנטער פון צווייגן, וועלכע פאַרפלעכטן זיך איינע אין די אַנדערע. די גורלות פון צענדליקער געשילדערטע געשטאַלטן זענען ערגעץ ווו פאַרבונדן

צווישן זיך דורך די בשותפותדיקע באַדינגונגען פון נײַ־געקומענע עמיגראַנטן אין דעם ספּעציפישן קלימאַט פון פּאַריז. עס איז נישט קיין ראָמאַן אין טראַדיציאָנעלן זין פון וואָרט. דער אינ־האַלט איז נישט קאָנסטרויִרט לויט אַ האַרמאָנישן פּלאַן אין אַלטן נוסח. פאַרקערט, די באַזונדערע ליניעס זענען אַסימעטריש און דיסהאַרמאָניש, הייבן זיך פּלוצעם אָן און לאָזן זיך אומגע־ריכט אויס, פּלאָנטערן זיך אַריין איינע אין די אַנדערע און רייסן זיך איבער. עס איז אַ שטיק לעבעדיק לעבן, וואָס זיין געבוי איז ווי אַ נעץ פון צופאַלן. צי האָט דער אויטאָר געצאָלט צינז דער אַפּאַבולאַרער מאָדע פון אונדזער צייט? מעגלעך. אָבער יעדע קאָנסעקווענטע מעשהדיקע ליניע וואָלט פאַרליטעראַרישט די אַזוי וויכטיקע געשעענישן פון יענער צייט. דאַקעגן די צופעליקייט פון די באַשריבענע מענטשלעכע גורלות גיט צו דער גאַנצקייט באַ־גלויבטקייט און רעאַליטעט.

י. פינער געהערט נישט צו די שרייבער, וואָס שטעקן אַרויס דעם קאָפּ דורכן פענצטער, כדי צו פאַרפיקסירן דאָס דרויסנדיקע לעבן. גיכער דערציילט ער פון אַ וועלט, וואָס ער טראָגט אין זיך, אָדער ווען אַפילו פון אַ דרויסנדיקער, איז פון אַזאַ, וואָס ער האָט דורך טיפער איבערלעבונג זיך צוגעאייגנט. פון דאַנען די אימפּרע־סיאָניסטישע מאַניער פון פאָרשטעלן זיינע פּערסאָנאַזשן און די טיילווייזע אויסטערלישקייט אין זייער טראַכטן און אויפפירונג, וואָס קומט פון אויטאָרס געמיט, פון זיינע צעשויבערטע שטימונ־גען.

אָבער „צוויי משפחות" איז, ווי געזאָגט, גאָר אַ נייער וואַ־ריאַנט אין פינערס שרייבן. די שילדערונגען פון די געשיכטלעכע געשעענישן דערנענטערן זיך דורך דער מאַניער פון זייער שילדערונג צו אויטענטישע פאַרצייכענונגען, כאָטש די דאַטעס און פּערזאָנען זענען, פאַרשטייט זיך, אַבסאָלוט באַדינגלעך. די געשטאַלטן זענען געגעבן בולט און קלאָר אין זייער אויסערלעכן אויסזען און אין זייערע אינערלעכע איבערלעבונגען. פיל פון זיי, וועלכע פאַרנעמען

דעם אויבנאָן אין דער דאָזיקער עפּאָפּעע פון משפחות־איבער־וואַנדערונג און פון גייסטיקער אומוואַנדלונג, ווי, למשל, דער ראש פון דער משפחה גראָסמאַן, זיין פרוי יוכבד און זייער עלטס־טער זון הירשקע, דעסגלייכן דער ראש פון דער משפחה שטיין — ר׳ פנחס, זיין טאָכטער בת־שבע — איינע פון די צענדליקער אייגענע און בשותּפותדיקע קינדער פון זיינע דריי פרויען — די אַלע זענען פאַרגאַנצטע פיגורן, געשילדערט קאָנסעקווענט אין זייערע האַנ־דלונגען און מחשבות, פּסיכאָלאָגיש פּאַרטיפטע און פולשטענדיק באַגלייבטע, לעבעדיקע. מיר פאָלגן זיי נאָך פון דעם ערשטן זייטל מיט אינטערעס, ווייל זיי לעבן מיט זייער אייגן לעבן, אונטערשיידן זיך איינע פון די אַנדערע מיט זייערע אינדיווידואַליטעטן, און דאָס, וואָס זיי רעדן און טוען — באַדינגט פון זייערע כאַראַקטערן, דערציונג און אָביעקטיווע באַדינגונגען — דעקט אויף פאַר אונדז דעם וועזנטלעכן תּוך פון דער צייט און פון דער סביבה, אין וועלכער זיי לעבן, ווי אויך די שווערע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן קיין רו נישט געגעבן די יידישע איינוואַנדערער און פּליטים אין יענע טראַגישע יאָרן.

אויך די עפּיזאָדישע פיגורן, וועלכע גייען דורך פאַר אונדז אין דעם דאָזיקן מיט פאַרנעם געשריבענעם ווערק, זענען געצייכנט פּרעציז, בולט און פּסיכאָלאָגיש אמתדיק. אַזאַ איז מאַדאַם בילד־מאַן פון רומעניע, צוקערמאַן, זיין טאָכטער זשינעט, די מאַמע האָדל־אָדעט, דער סטודענט ביבי און צענדליקער אַנדערע. פינער גיט די דאָזיקע גרויסע גאַלעריע פון מענטשן נישט באַשרייבעריש, סטאַטיש, נאָר אין פּראָצעס פון זייער האַנדלען. דערביי דעקט יעדער איינער פון זיי אויף דורך ריין פּערזענלעכע, ס׳הייסט קאָנקרעטע ענינים, אַ ניי ווינקעלע פון אַלגעמיינעם לעבן אין יענער צייט.

פינער איז אויך אַ גוטער שמועסער. ער דערציילט וועגן מענטשן און זייערע מעשים אַזוי, אַז עס גלוסט זיך לייענען, שטעלט פאַר נייע געפילן, איבערלעבונגען, רעיונות און אינער־

לעכע דיאַלאָגן אויף אַזאַ נאַטירלעכן אופן, ווי מיר זאָלן זיי האָבן אונטערגעהערט.

מען דאַרף אויך אונטערשטרייכן דעם ריינעם און דיסקרעטן הומאָר, וועלכער קומט אין פאַרשידענע ערטער צום אויסדרוק אין דער שילדערונג פון אַ געשטאַלט, ווי מאַדאַם בילדמאַן, צי פון אַ גאַנצער סצענע, ווי דאָס איז דער באַזוך אין שפּיטאָל, אין וועלכן עס געפינען זיך די פאַרוווּנדעטע שפּאַנישע קעמפער.

דער גאַנצער קלימאַט פון בוך, זיין דיסקרעטע אינערלעכע טענדענץ, ווי אויך די שילדערונג פון באַזונדערע געשטאַלטן, סצענעס און סיטואַציעס, זענען דורכגענומען גלייכצייטיק מיט אַ טיף הומאַניטאַרן און נאַציאָנאַלן געפיל. אין הינטערגרונט פון אַלע באַשריבענע פערזאָנען און געשעענישן פילט זיך אַרויס די גרויסע זאָרג פאַר דעם גורל פון מענטש און פאַר דעם גורל פון ייד, ווי אויך די טיפע פאַרשטענדעניש פאַר דער אינטימער שייכות צווישן זיי ביידע.

די דאָזיקע אַלע וואַלאָרן שאַפן די דערקענטעניש־ווערט פון דעם ווערק, ווי אַ ליטעראַרישער דאָקומענט פון אַ גאַר וויכטיקן צייט־אָפּשניט אין דער געשיכטע פון די פּוילישע יידן אויף זייערע טראַגישע וואַנדערוועגן, ד״ה פון אַזאַ דאָקומענט, וואָס נישט בלויז ער אינפאָרמירט אונדז וועגן די מענטשן, געשעענישן און אידעען פון יענער צייט, נאָר מאַכט זיי אונדז איבערלעבן פון ס׳ניי.

דערגרייכנדיק דאָס, הייסט דערגרייכן דעם עיקרדיקן ציל, צו וועלכן עס שטרעבט יעדער ערלעכער שרייבער — באַווירקן די מענטשן צו נאָבעלער מחשבה און נאָבעלן טאַט.

**דוד ספּאַרד**

## קאַפּיטל 1

— מען פֿאָרט קיין פּאַריז...

— ווער פֿאָרט ?

— וואָס הייסט ווער ?

— יוכבד... יאָסל דעם רוצחס יידענע... די עגונה... די גאַנצע משפּחה פֿאָרט קיין פּאַריז... יאָסל נעמט זיי אַלעמען אַראָפּ...

— אַ מזל פֿון אַ שוסטער אַ לאַטוטניק! אויב ער נעמט אַראָפּ זיין ווייב און זיינע קינדער, האָט ער דאָך אַוודאי אין פּאַריז געמאַכט אַ סך געלט, איז ער דאָך דאָרטן נתעשר געוואָרן, אַנישט, וואָס איז דאָ פּלוצלינג די בהלה ?

— אַ ראיה ווי צען מאָל גאָרנישט. אין פּאַריז וואַלגערט זיך אויך נישט קיין גאָלד אויף די גאַסן, און טאָמער אַפילו יאָ, איז יאָסל נישט דער מענטש, וואָס וועט עס אויפהייבן...

— פֿון דעסטוועגן איז ע ר אין פּאַריז, נישט דו, נישט איך; פֿון דעסטוועגן פֿאָרט יוכבד איצט קיין פּאַריז! ז י פֿאָרט צו איר מאַן.

— ווער עס פֿאַרגינט איר נישט, רבונו־של־עולם... מ׳שטיינס געזאָגט: איר מזל...

הכלל: דאָס שטעטל איז געגאַנגען כּאָדראָם מיט יוכבדס פֿאָרן קיין פּאַריז, די עיקר־סענסאַציע אָבער איז געווען אין דער קעלערשטוב, ווו יוכבד מיט אירע פֿינף לעבעדיקע יתומים האָבן ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק געוווינט. דאָס קליינוואַרג:ביילקע, שעפּסעלע און מלכהלע, איז גאָר געווען אויסער זיך פֿאַר פֿרייד. אין קלייניקייט — מען פֿאָרט קיין פּאַריז. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז דער טאַטע פֿאַרפֿאַלן געוואָרן ערגעץ אין דער גרויסער וועלט און מען האָט פֿון אים די גאַנצע צייט קיין פּיפּס נישט געהערט, און איצט שרייבט ער צו דער מאַמעשי, זי זאָל

אויספּאַרקויפן פון שטוב אַלץ וואָס נאָר מעגלעך, איינפּאַקן די פּאָר שמאַטעס און שוין, כאַטש די מינוט, קומען קיין פּאַריז.

וואָס איז דאָרטן מיט אים פּלוצלינג געשען? האָט ער זיך פאַרבענקט נאָך זיין ווייב און קינדער? אַ רעטעניש און גאָר.

זענען טאַקע אַלע אין פּשעטיני געווען פאַרטאָן מיטן פּרווון טרעפן די דאָזיקע שווערע רעטעניש: די שכנות, די מאַרק־הענדלערינס, די ווייבער ביי די געשטעלן אין מאַרק, וואָס אָט ווערן זיי אומגעריכטערהייט פּטור פון אַ קאָנקורענטקע. ווער האָט געקאָנט פאַראויסזען, אַז יאָסל דער רוצח, וואָס האָט געשלאָגן דאָס ווייב מכות רצח, וועט פּלוצלינג אָנשרייבן אַ בריוו צו איר, זי זאָל שוין קומען צו פליִען צו אים.

גאַנץ פּשעטיני האָט דאָך פון לאַנג שוין באַשלאָסן, אַז יוכבד איז פאַרבליבן אויף אייביק אַ וויסטע עגונה און אַז אירע קינדער זענען ווי לעבעדיקע יתומים. יאָסל דער לאַטוטניק קאָן דאָך אין אַזאַ שטאָט ווי פּאַריז שוין האָבן צען מאָל חתונה געהאַט.

און פּלוצלינג אַזאַ מין געשיכטע! דאָס איז גאָרנישט צו פאַרשטיין מיטן גראָדן שׂכל.

געווען זענען אויך ווייבער, וואָס זיי איז גלאַט געווען אַ רחמנות אויף יוכבדן. אין פּשעטיני, ווען יאָסל פלעגט זי שלאָגן, פלעגט ס׳גאַנצע שטעטל זיך אַריינמישן:

— סטייטש און סטייטש? אַ ייד זאָל שלאָגן זיין ווייב, ווי אַ שיכורער גוי? מען טאָר צו דעם נישט צולאָזן!

— צעברעכן די ביינער דאַרף מען אים! וואָס שווייגט מען?

האָט מען טאַקע אין שטעטל גערזאָגט:

— ווייסט איר פאַר וואָס יאָסל דער שוסטער איז אַנטלאָפן קיין פּאַריז? ווייל דאָ האָט מען אים נישט געלאָזן שלאָגן זיין ווייב.

— אָט פאַר וואָס ער נעמט זיין ווייב אַראָפּ צו זיך — האָט אַ יידענע זיך געכאַפּט.

יוכבד האָט זיך געפּאַקט אין וועג אַריין און געוויינט. געוויינט, וואָס יאָסל האָט זי געלאָזט זיצן אַזוי לאַנג מיט פינף קליינע קינדערלעך, און זי האָט זיך אויך געשראָקן פאַר פּאַריז. דאָס האַרץ האָט איר פאַרקלעמט, וואָס

זי דאַרף פּלוצלינג אַוועקפאָרן פון פּשעטיני, פון דעם שטעטלשן בית־עולם, וווּ עס ליגן אירע טאַטע־מאַמע, אירע פעטערס, אירע מומעס. און ווער וועט דאָרטן אויף איר, מ׳שטײנס געזאָגט ?

ס׳איז נאָך גוט, וואָס זי איז פאַרנומען מיטן פּאַקן, אַנישט וואָלט זי גאָר אַראָפּ פון זינען, חס ושלום.

לייכט צו זאָגן: זיך פּאַקן! דאָס בעטגעוואַנט, די ליילעכער, די קישנס, די פּערענעס — דאָס וועט זי מיטנעמען. דאָס אַנטועכץ, מ׳שטײנס געזאָגט, אַ קליידל, אַ יאַקל, די פאַרלאַטעטע הייזלעך פון די קינדער — וועט זי אויך נישט איבערלאָזן, כאָטש געדאַרפט וואָלט זי דאָס אַלץ אַרויסוואַרפן; ס׳איז אַ חרפּה זיך צו באַווייזן דערמיט אין פּאַריז. אַלע וועלן זי מסתמא דאָרטן אויסלאַכן. אָבער וואָס טוט מען מיט די פּאָר לאָמע בענקלעך, מיטן טיש, דעם קאַליקן, מיטן אַלמער, מיטן צעבראָכענעם וואַנטזייגער? מיטשלעפּן די דאָזיקע שברי־כּלים קיין פּאַריז? אַ געלעכטער! פאַרקויפן עס דאָ? אַ צע־בראָכענע פּרוטה וועט קיינער דערפאַר נישט געבן.

זי פּאַקט זיך און וויינט... אפשר האָט יאָסל אין פּאַריז פאַר די לעצטע צוויי יאָר זיך אויסגעמענטשלט? אפשר האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז שלעכט זיך אַרומצוואַלגערן איינער אַליין אין דער פרעמד און נישט צו האָבן קיינעם, ווער עס זאָל אים אויסוואַשן אַ העמד, ווער עס זאָל אים דערלאַנגען אַ טעלער געקעכטס צום טיש... אפשר?

און וואָס וועט ווערן פון די קינדער? וועלן זיי כאָטש קאָנען גיין אין פּאַריז אין חדר? איז דאָרטן פאַראַן אַ חדר? יאָסל איז דאָך אַן עם־הארץ, אַ גראָבער יונג. וויל ער, אַז אויך זיינע קינדער זאָלן בלייבן גראָבע יונגען?

יוכבד האָט זיך באַמיט צו פאַרגעסן אַלע צרות, וואָס דער מאַן האָט איר אָנגעטאָן; זי האָט געפּרוווט אויסלייגן אַלץ צום גוטן. צוויי טעג און צוויי נעכט וועט דויערן די נסיעה. וועט זי צום ערשטן מאָל אין איר לעבן קאָנען זיך אויסרוען אַ ביסל. זי וואָלט שוין לאַנג, מיט אירע קינדער געשטאָרבן פון הונגער, ווען זי פאַרדינט נישט צו אַ ביסל אויפן מאַרק מיט איר ביסל צעלניק. זי האָט אין די לעצטע טעג אָנגעבאַקן און אָנגעקאָכט אַזוי פיל, אַז ס׳וועט קלעקן אויף אַ וואָך צייט פאַר איר און פאַר אירע

קינדער, און עס וועט נאָך בלייבן פאַר יאָסלען אויך. ווו עסט ער דאָרט? ער מוז אָפּקומען מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט...

אין דער אמתן, טראַכט ווייטער יוכבד, איז ער אפשר גאָרנישט אַזאַ שלעכטער, ווי עס קאָן זיך אויסדוכטן, ווען דער כעס כאַפּט אים אָן. ער גופא האָט אויך געמוזט ליידן פון די קללות און קלעפּ, וואָס ער האָט גע־שאָטן אויף איר און אויף די קינדער... די גרויסע אָרעמקייט... די פינצטערע קעלערשטוב, וווהין ס'איז קיין מאָל נישט צוגעקומען די ליכטיקע שיין...

— וואָס ווייסטו שוין ווידער, מאַמעשי? — דערשרעקט זיך דער אַכטיעריקער שעפּסעלע — מיר פאָרן דאָך קיין פּאַריז... דאַרפסט נישט וויינען, מאַמעשי.

שעפּסעלע כאַפּט אַרום די מאַמען מיט ביידע הענטלעך און קושט זי, כאָטש ער שעמט זיך אַ ביסל פאַר די איבעריקע קינדער. אויף אים קוקנדיק האָט די צען־יעריקע ביילקע זיך אויך צעיאָמערט. אַפילו די דרייצן־יעריקע מלכהלע האָט אויך פאַרקרימט די ליפּן; זי האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי אָט־אָט וועט זי זיך אויך צעכליפּען — די גרויסע מויד מיט די לאַנגע, בלאָנדע צעפּלעך! אין דער אמתן האָט געצאַפּלט אַ דערוואַרטונג אין אירע גלידער: זי האָט אַליין נישט געוווּסט, וואָס עס קומט פאַר אין איר.

נאָר די ניינצן־יעריקע פּערעלע, וואָס וואָלט אין נאָרמאַלע צייטן שוין געשטאַנען אין שידוכים, אַ מיידל מיט שלאַנקע גלידער און מיט פּיס פון אַ טענצערין, איז געזעסן, ווי זי וואָלט דאָ געווען אַ פרעמדע. זי איז געזעסן און געחלומט מיט אָפענע אויגן פון דער ווייטער און באַלד שוין אַזוי נאָענטער ריזנשטאָט, וועגן וועלכער זי האָט זיך אַזוי פיל אָנגעהערט און אַזוי פיל אָנגעלייענט. אַן אומבאַקאַנטע וועלט וועט זיך באַלד אַנטפּלעקן פאַר איר. מענטשן האָבן געזאָגט, אַז זי איז געבוירן געוואָרן אַ טענצערין. אויף די שטעטלשע בעלער איז זי שטענדיק געווען די סאַמע ערשטע. זי האָט זיך נישט געלערנט טאַנצן. זי האָט דאָס אין בלוט. געגוג זי זאָל הערן אַ מעלאָדיע, און גלייך פאַרגלוסט זיך איר צו לאָזן אין אַ טאַנץ.

דאָך האָט זי עפּעס ווי מורא, זי ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס. זי

שרעקט זיך פאַר איר אייגענעם קערפּער, פאַר די שאָטנס אין דער צוקונפט, פאַר איר בייזן טאָטן.

זי ווייסט, אַז די מאַמע האָט זי שטאַרק ליב און אַז זי מיינט בלויז איר גליק. דערפאַר האָט זי איר געהאַלטן אין איין וואָרענען, אַז מיט חיימקען זאָל זי נישט האָבן קיין שום מגע ומשא: „ער איז אַן אויסוואורף! ער וויל דיך בלויז פאַרפירן. וועסט זיך אַליין, חלילה, אומברענגען, און דיין מאַמען וועסטו אויך טרייבן אין דר'ערד אַריין".

וואָס האָט זי אָבער געקאָנט טאָן, אַז חיימקע איז פאָרט אַזאַ שיינער בחור? ער האָט איר געזאָגט, אַז פון אַלע מיידלעך, וואָס ער קען, איז זי די שענסטע; ער האָט זי מער ליב פאַר אַלעמען. אמת, פון חתונה האָבן האַלט ער נישט, וואָרעם אַ מאַן דאַרף חתונה האָבן ערשט צו פינף און דרייסיק, פריסטענס — צו דרייסיק יאָר, ער אָבער איז איצט אַלט נישט מער, ווי פיר און צוואַנציק יאָר. האָט זי דאָך געזען, פּערעלע, אַז די מאַמע איז אין גרונט גענומען געווען גערעכט, אָבער זי האָט אים פאָרט ליב געהאַט און זיך געטראָפן מיט אים אין געהיים.

אויך מענטשן האָבן זי געוואָרנט: דו ביסט יאָסל דעם שוסטערס אַ טאָכטער, און ער איז אַ זון פון ר' שמואל דעם האָלץ־סוחר. איז טאַקע דאָס פאָרן קיין פּאַריז איצט דער בעסטער אויסוועג פאַר איר. און אפשר וועט חיימקע שפּעטער קומען צו פאָרן צו איר קיין פּאַריז, ווו יחוס שפּילט נישט אַזאַ ראָל ווי אין פּשעטיצי?

פון דער גאַנצער משפּחה איז איצט אין גאַנצן וואָך בלויז איין הירשקע. ער איז אַ יונג מיט ביינער. מיט אַ וואָך צוריק איז ער אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר. ער האָט זיך אויסגעלערנט שטעפּעריי, וואָס וואָלט געווען אַ גאַנץ גוט פאַך, ווען עס וואָלט נאָר געווען אַרבעט. הירשקע ווייסט פון וואַנען עס נעמט זיך אַרבעטסלאָזיקייט אין דער וועלט. ער האָט געלייענט אַ סך ביכלעך און בראָשורן, ווו די סיבות פון דער דאָזיקער מכה זענען באַשריבן מיט אַלע פּיטשעווקעס. ער האָט אויך געפונען דאָרטן אָנווייזונגען וועגן די מיטלען זי צו באַקעמפן. ווייסט ער, וואָס ער האָט צו טאָן: ער איז אַ קעמ־פער פאַר אַ נייער מענטשלעכער אָרדענונג, ווו עס וועט מער נישט זיין

קיין אָרעם און רייך און ווו איין מענטש וועט נישט מער אונטערדריקן דעם צווייטן.

געדאַרפט וואָלט ער אייגנטלעך בלייבן אין פּוילן, אין פּשעטיני, אָדער פאָרן קיין וואַרשע. ער קומט זיך פאָר ווי אַ שטיקל דעזערטיר דערמיט, וואָס ער פאָרט קיין פּאַריז. זיין חבר שלומקע האָט עס אים אין אַ שמועס געגעבן אָנצוהערן. ער איז אפשר גערעכט. שלומקע וואָלט נישט אַוועקגע־פאָרן פון פּוילן, ער וואָלט נישט אַנטלאָפן, כאָטש די פּאָליציי האָט אים אויפן אויג. אָבער אויך אין פּאַריז וועט הירשקע קאָנען קעמפן פאַר דער נייער אָרדענונג. דאָרט אפשר נאָך מער ווי אין פּוילן. דאָרט וועט ער אויך האָבן די מעגלעכקייט ווייטער זיך צו לערנען אויף אָוונט־קורסן. נישקשה, די שפּראַך וועט ער זיך שוין ווי נישט איז אויסלערנען.

— ווייַן נישט, מאַמעשי — בעט זיך הירשקע — דו וועסט זען, אין פּאַריז וועל איך געפינען אַרבעט. דער טאַטע, פערעלע און איך — אַלע וועלן מיר אַרבעטן, און דו וועסט נישט דאַרפן מער שטיין אויפן מאַרק אין קעלט, אין רעגן...

— איך וועל אויך זוכן אַרבעט אין פּאַריז — כאַפּט זיך אַרויס מלכה־לע — איך בין שוין אַ גרויסע!

— איך אויך — מישט זיך אַריין שעפּסעלע, וואָס האַלט זיך אויך פאַר אַ גרויסן — ניין אפשר, מאַמעשי?

יוכבד קוקט אָן אירע קינדער. דאָס האַרץ זאָגט איר, אַז אין פּאַריז וועט זי מער נישט דאַרפן אַזוי פיל ליידן ווי אין פּשעטיני, כאָטש דאָ איז זי פאָרט ביי זיך אין דער היים, צווישן אייגענע, אין אַ שטעטל פול מיט יידן. עס איז דאָ פאַר וועמען אויסצורעדן דאָס האַרץ און פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן.

צוריק געשמועסט אָבער ווייסט זי, אַז יעדער איז דאָ פאַרנומען מיט זיך אַליין, מיט די אייגענע צרות און דאגות; אַלעמען איז ענג און ביטער, חוץ די פאָר גבירים, ווי צום ביישפּיל ר׳ שמואל דער האָלץ־סוחר, וואָס איז אַ האַרטער ייד אַ גזלן... גומל דאַרף זי בענטשן, טראַכט זי זיך, וואָס איר האָט זיך איינגעגעבן איבערצורעדן פערעלען זי זאָל מיטפאָרן קיין פּאַריז.

ביז צו דער לעצטער מינוט האָט זי זיך געעקשנט: ניין, זי וועט בלייבן אין פּשעטיני. דאָס האַרץ האָט זי נישט געלאָזט אָוועקפאָרן פון היימקען.

אמת, אַז מען טראַכט זיך גוט אַריין, מוז מען צוגעבן, אַז פּאַריז איז פאַר פּערעלען אויך נישט קיין אויסוועג. נאָר וואָס זאָל זי זיך ערגערן פון פאָרויס? זי האָט געגוג אירע איצטיקע צרות. היות אָבער אַ מאַמע דאַרף וויינען, סיי איבער דעם, וואָס איז שוין אַוועק, און סיי איבער דעם, וואָס דאַרף ערשט קומען, וויינט זי ווייטער שטילערהייט.

— מאַמעשי — בעט זיך ביי איר דער קליינער שעפּסעלע, וואָס הייסן הייסט ער שבתי און דערפאַר טאַקע רופט מען אים שעפּסעלע — ווייַן נישט. אים גופא אָבער איז דאָס הערצל פאַרקלעמט. ער דערמאָנט זיך אין זיינע חברימלעך, מיט וועלכע ער פלעגט זיך שפּילן אין קנעפּלעך, אין גריבלעך. אין שמשון הגבור. ער דערמאָנט זיך אין דעם שטעטלשן טייכל, ווו ער פלעגט זיך באָדן און זיך מאַכן, ווי ער וואָלט געקענט שווימען; אַפילו אין זיין רבין מיט דער לאַנגער בעזעמדיקער באָרד און מיט דער שוואַרצער צעריסענער קאַפּאָטע. ער וואָלט איצט געגעבן, ער ווייסט אַליין נישט וואָס, ווען ער וואָלט געקאָנט בלייבן נאָך אַ ביסל אין פּשעטיני.

ווו איז פאַראַן נאָך אַזאַ טייך, ווי אין פּשעטיני, ווו מען קען זיך באָדן און מען דאַרף נישט מורא האָבן, וואָרעם אין דעם סאַמע טיפסטן אָרט קומט דאָס וואַסער צו ביז צום האַלדז, און אַז מען איז אַ גרויסער, ווי זיין ברודער הירשקע, קומט עס צו נישט העכער, ווי ביזן פּופּיק?

און אָט פאָרט מען שוין. אין וואַגאָן בייטן זיך אויף יעדער סטאַציע די פּאַסאַזשירן. עס פאַרגייט אויך שנעל די צייט. אָט איז טאָג און אָט איז שוין ווידער נאַכט. נאָר וואָס איז די נפקא מינה: טאָג צי נאַכט? אייגנטלעך איז נאָך נישט אין גאַנצן נאַכט. קוקט מען אַרויס דורכן וואַגאָן־פענצטערל, זעט מען, ווי די פעלדער און וועלדער פליִען פאַרביי. די מאַמע פּאַקט אויס פון אַ פּעקל ברויט מיט קעז.

— נאַ, מיין קינד. פאַרגעס נישט אַ ברכה צו מאַכן!

די מאַמע זיצט אויפן מיטן באַנק. אַרום איר זיצן די קינדער. די מאַמע דרעמלט און זיפצט אין האַלבשלאָף, כאָטש פון צייט צו צייט באַווייזט זיך

אַ שמייכל אויף אירע פאַרוועלקטע ליפּן. אפשר חלומט זיך איר אַ שיינער חלום? אפשר פרייט זי זיך אין שלאָף מיט אירע קינדער, וואָס זענען אַלע גאָר ווילע, גאָר געראָטענע?

דורך צוויי גרענעצן איז מען שוין דורכגעפאָרן. ביי דער ערשטער האָבן אַלע — איטלעכער אויף זיין שטייגער — זיך געזעגנט מיט פּוילן, מיט פּשעטיני, וואָס איז פאַרבליבן פון יענער זייט.

אַ ניי לאַנד, נייע פּאַסאַזשירן, אַלטע, יונגע, אָבער אַז מען קוקט אַרויס דורכן פענצטערל, זעט מען די זעלביקע הימלען, וואָס אין דער היים, און די שטיבלעך זענען אויך די זעלביקע. אפשר אַ ביסל שענערע, פריילעכערע.

אָט איז ווידער אַ ניי לאַנד, מען האָט צום צווייטן מאָל געביטן דעם צוג און מען האָט ווידער אויף עפּעס אַ גרענעץ געמוזט אויפבינדן די פּעק און פּעקלעך, כדי צאָל־באַאַמטע זאָלן זען, אַז מער ווי שמאָטעס פירט מען נישט מיט זיך.

אָבער פון פראַנקרייך זעט מען נאָך דערוייל כמעט ווי גאָרנישט, ווייל ס׳איז נאַכט און די אויגן קלעפּן זיך ביי יוכבדן און ביי די קינדער.

# קאַפּיטל 2

יאָסל איז געקומען אַפּוואַרטן זיין משפחה אויפן וואָקזאַל. האָסטיק אַ קוש געטאָן יעדעס קינד און יוכבדן בלויז דערלאַנגט די האַנט:

— וואָס מאַכט איר עפּעס? — האָט ער ווי פון יוצא וועגן אַ פרעג געטאָן.

— וואָס זאָל מען מאַכן? — האָט יוכבד געענטפערט מיט אַ פראַגע — און דו, וואָס מאַכסטו?

— עט! — האָט ער אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— וואָס עט? — האָט יוכבד אים איבערגעפרעגט.

— די פּעקלעך ווו זענען?

— אָט זענען די פּעקלעך. מען וואָלט געדאַרפט עמעצן בעטן ער זאָל אונדז העלפן אַרויסטראָגן די פּעקלעך פון וואָקזאַל. אָבער ווו זענען די קינדער? שעפּסעלע, ביילקע, מלכהלע, פּערעלע! פּערעלע, דו פּאַסט אויף אויף זיי? ווו איז הירשקע פאַרפאַלן געוואָרן? וויי איז מיר! בלייבט אַלע שטיין אויף אַן אָרט. איר זאָלט זיך נישט פאַרלירן.

— וואָס מאַכסטו, טאַטעשי? — האָט שעפּסעלע סוף־כל־סוף זיך דער־וועגט אַ פרעג צו טאָן.

— איך מאַך... איך מאַך וואָס איך קאָן... — האָט יאָסל אַ מרוקע געטאָן אַן אומצופרידענער.

— דאָס איז פּאַריז? — האָט שעפּסעלע אַ פרעג געטאָן.

— שעפּסקע! — האָט דער טאַטע זיך אַראָפּגעבויגן צו אים. — ביזט נאָך אַלץ אַזאַ לאָבוז ווי פריִער? פּאַריז. וואָס דען איז דאָס? פּשעטיני?

— יאָסל! — האָט זיך יוכבד ביי אים געבעטן — פאַר וואָס פרעגסטו נישט ווי ער לערנט זיך? זיין רבי האָט גאָרנישט געקאָנט זיך אָפּלויבן פון אים, כאָטש שׂכר־לימוד האָב איך דאָס לעצטע יאָר נישט געקאָנט פאַר

אים צאַלן. אַלץ איז אין פּשעטיני אַזוי טייער געוואָרן. נישט פּערעלע, נישט הירשקע האָבן געאַרבעט דאָס לעצטע האַלבע יאָר — אָרעמע קינדער.

— אָרעמע... אָרעמע... — האָט יאָסל זי נאָכגעקרימט — און דאָ מיינסטו פאַרדינט מען גאָלד? אויב איר מיינט, אַז איר וועט דאָ לעקן האָניק, האָט איר נישט געטראָפן דאָס אָרט.

— איך מיין גאָרנישט, אָבער דער ערשטער טאָג, אין דער ערשטער שעה, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, וואָלסטו דאָך געמעגט רעדן ווייכער אַ ביסל, כאָטש צו די קינדער...

— דו הייבסט שוין ווידער אָן, קלאָגמוטער? דו האָסט מיר נאָך דאָ אויסגעפּעלט אויף מיין קאָפּ.

יוכבד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די פּעקלעך, ווי מען וואָלט איר אונטערגעהאַקט די פיס. טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן.

— אָט, ווי מיר זעען אויס, מיינע אָרעמע קינדער — האָט זי געיאָ־מערט — פּאַריז... ווער האָט אים געבעטן ער זאָל שרייבן מיר זאָלן קומען? ווער? געזעסן אין פּשעטיני... אַ וויסטע עגונה... נאָ דיר אַ ברוך־הבא...

מילא, די מאַמע איז שוין געוואָרן צוגעוווינט צו אַזאַ מין באַהאַנדלונג. זאָל זיך דוכטן: ס'איז נאָך אַלץ פּשעטיני. און אויב זי האָט זיך איצט פונאַנ־דערגעוויינט, איז דאָס געווען נישט מער ווי אַ המשך. אַ רחמנות איז געווען אויף די קינדער, כאָטש דעם אמת געזאָגט, האָבן זיי אויך גאַנץ גוט געקענט זייער טאַטן.

באַזונדערס שלעכט האָט זיך דערפילט הירשקע. ער האָט זיך געשראָקן פאַר זיין אייגענעם כוח, פאַר זיינע מוסקלען, וואָס זענען ווי אַנגעשוואָלן געוואָרן פאַר כעס.

דאָס גלייכסטע וואָלט אפשר געווען, טראַכט הירשקע, ווען ער רופט זיך איצט אָפּ צו זיין טאַטן:

— הער נאַר, דו... — יאָ, טאָקע אַזוי: דו, וועט ער צו אים זאָגן, ווי צו אַ ווילד־פרעמדן מענטשן. — הער נאַר, דו... וואָס געווען איז געווען. נאָר פון היינט אָן קענען מיר דיך נישט. פאַר אַלעמען איז גלייכער דו זאָלסט וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן פון אונדזערע אויגן. מיר ווילן פון דיר נישט וויסן, פּונקט אַזוי ווי דו האָסט פון אונדז נישט געוואָלט וויסן. מיר

דאַרפן נישט האָבן דיין דירה. מיר האָבן ביז איצט געלעבט אָן דיר, וועלן מיר ווייטער לעבן אָן דיר...

אָבער ווו וועט מען זיך אַהינטאָן? ווו וועט מען איצטער גיין אָן אַ שפּראַך אויף דער צונג, אָן אַ פראַנק אין קעשענע? וואָלט ער געווען אַליין, הירשקע, מילא, ער וואָלט שוין נישט פאַרפאַלן געוואָרן, אָבער די מאַמע, פערעלע, שעפסעלע, מלכהלע, ביילקע — ווו וועלן זיי זיך אַהינטאָן און וואָס וועט פון זיי ווערן? האָלט זיך הירשקע איין מיט אַלע כוחות און זאָגט גאָרנישט.

## קאַפּיטל 3

פּאַראַן איז אין פּאַריז אַ קוואַרטאַל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „בעלוויל״. דאָס באַדייט: די שיינע שטאָט.

איז בעלוויל טאַקע אַזוי שיין?

אַ מאָל... אַ מאָל איז בעלוויל טאַקע געווען זייער אַ שיינע שטאָט, אַ זעלבשטענדיקע שטאָט. איז געקומען פּאַריז און האָט זי איינגעשלונגען. פֿאַרבליבן זענען בלויז די זכרונות פֿון אַ מאָל, אין אַ לידל וואָס אַ פֿאָלקס־זינגער פֿאַרפֿאַסט, אָדער אין עפּעס אַ וואָרט, אַ זאָץ, וואָס האָט זיך פֿאַר־וואַלגערט אין גאַסן־לשון. יעדעס מאָל, ווען די אַלטיטשקע בעלווילער איינוווינער הערן אַזאַ מין ליד, אָדער אַ וואָרט אַזאַ, וואָס דערמאָנט זיי אָן די אַלטע צייטן, שטעלן זיך זיי טרערן אין די אויגן.

דאָס האַרץ פֿון פּאַריז, די געגנט, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט פֿון ביידע זייטן סענע, האָט אַנעקטירט בעלוויל, פּונקט אַזוי, ווי זי האָט אַנעקטירט די איבעריקע פּעריפֿעריע־שטעט, וועלכע זענען נישט געווען אַזוי שיין ווי אָט אַ די „שיינע שטאָט״, וואָס ליגט אויף אַ הויכן באַרג. ביסלעכווייז איז די שיינקייט אויך פֿאַרטראָגן געוואָרן אין אַנדערע געגנטן, דאָרטן ווו עס וווינען די רייכע לייט, די גרויסע סוחרים, די באַנקירן. אין בעלוויל איז פֿאַרבליבן בלויז די אָמאָליקע אָרעמקייט און דאָס אַמאָליקע שמוץ.

בעלוויל האָט אויף דעם פֿאָלקס־לשון געהייסן ביסטראָ, וואָס באַדייט אייגנטלעך — גאָרנישט מיט גאָרנישט. פֿון דער אַמאָליקער שיינער שטאָט איז כמעט ווי גאָרנישט נישט געבליבן. פֿון דעסטוועגן האָבן די פֿראַנצוי־זישע פֿאָלקס־מענטשן און די אַרבעטער זייער ליב זייער „ביסטראָ״, פּראָסט־פּשוט דערפֿאַר, ווייל זי איז זייער היים. דער רוב פֿון די בעלווילער איינ־וווינער וואָלט זי נישט אויסגעביטן אויף דער רייכסטער געגנט פֿון פּאַריז.

עס טרעפֿט: עמעצער שפּרייט אויס אַ ראָגאָזשע אויפֿן מיטן גאַס און

נעמט זיך קייקלען, מאַכן קונצן, שלינגען פייער און זיך קושן מיט שלאַנגען. דאָס זענען פּראָפעסיאָנעלע קונצנמאַכערס, ס׳רוב נישט קיין געבוירענע אין בעלוויל גופא. קיין בעלוויל קומען זיי בלויז אַראָפּ אויף גאַסטראָלן מיט זייערע הוידעס און שיס־מאַכערייקעס, וואָס מען קאָן דערביי געווינען אַ וואַזע, אַ קילאָ צוקער אָדער אַ חזירל פון לעקעך.

אין די זומערדיקע זונטיקס — ווער איז דעמאָלט צו די בעלווילער איינוווינער גלייך? אַלע געפינען זיי זיך אויף דער גאַס, אָדער אויף די טעראַסעס פון די קאַפעס און די קאַטאַרינקעס שפּילן און טומלען.

בעלוויל איז אויך אַ לאַנגע, לאַנגע גאַס, וואָס הייבט זיך אָן ערגעץ ווייט, אין דער פאָרשטאָט לע לילאַ, און לאָזט זיך באַרג־אַראָפּ ביז צום בולוואַר בעלוויל, גלייך ווי זי וואָלט געאיילט אַנצוקומען וואָס גיכער אויפן פּלאַץ פון דער רעפּובליק, ווו עס געפינט זיך דער שטיינערנער פאַנטאַן מיט דער מאַריאַנע, וואָס האַלט אַ פאַקל אין דער האַנט און אויף איר געשטעל זענען אויסגעקריצט אַלערליי סצענעס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אין איר לויפעניש שטעלט זיך בעלוויל אָפּ אַלע פאָר טריט, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, אָדער גלאַט אַזוי פון נייגעריקייט וועגן, כדי צו כאַפּן אַ קוק אין אַ וויטרינע, איבערלייענען אַ פּלאַקאַט פון אַ קינאָ אָדער אַן אַפיש וועגן אַ מיטינג, וואָס וועט פאָרקומען דעם און דעם טאָג. מען דאַרף אָבער אַכטונג געבן און נישט בלייבן שטיין אויפן מיטן גאַס, ווייל די גאַס איז זייער אַ שמאָלע און די אויטאָמאָבילן, די וועלאָסיפּעדן און די מאָטאָר־רעדלעך יאָגן זיך דאָ ווי די רוחות. זעלטן ווען איז דאָ ווער פון די פאַרבייגייער אויפגערעגט, סיידן זיין ווייב האָט אים אָנגעהרגעט, אָדער ער אַנטלויפט פון דער פּאָליציי, ווייל ער האָט דערהרגעט זיין ווייב צי זיין געליבטע אויף טויט... דאָס טרעפט אויך.

אַזוי האָט בעלוויל אויסגעזען, ווען יאָסל גראָסמאַן איז אַראָפּגעקומען פון פּוילן קיין פּאַריז.

יאָסל גראָסמאַן האָט געהאַט צוגעגרייט באַצייטנס אויפן בעלוויל אַ „רעזידענץ״ פאַר זיין משפחה — אַ קעלערשטוב. די דאָזיקע קעלערשטוב

איז אים אויך נישט אָנגעקומען לייכט, כאָטש זי איז געלעגן אין איינער פון די סאַמע פינצטערסטע בעלווילער געסלעך, וווהין די זון קומט קיין מאָל נישט צו. אין פוילן האָט ער אויך געוווינט אין אַ קעלער, איז טאַקע קיין גרויסע ענדערונג אין זיין לעבן נישט פאָרגעקומען, אַלע קעלערס אין דער גאַנצער וועלט זענען גלייך.

יאָסל איז געבליבן דער זעלביקער וואָס אַ מאָל, כאָטש געטרונקען האָט ער נישט, קיין סקאַנדאַלן אויפן גאַס האָט ער אויך נישט געמאַכט. בלויז פינצטער און טרויעריק איז געווען אין שטוב, פינצטער און טרויעריק איז געווען יוכבדן אויפן האַרצן, און זי האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען און קלאָגן אויף איר ביטערן מזל.

גראָסמאַן האָט קיין מאָל נישט געקאָנט באַווייזן קיין פריילעכע מינע אויפן פנים, ער האָט נישט געקאָנט קיין שמייכל טאָן. און טאָמער האָט ער יאָ אַ מאָל פּרובירט אַ שמייכל טאָן, פלעגט אַרויסקומען אַווילדע גרימאַסע, וואָס האָט אָנגעיאָגט אַ שרעק אויף די אַרומיקע.

קיין פּאַריז זענען זיך צונויפגעפאָרן יידישע עמיגראַנטן פון גאַנץ אייראָפּע. יעדער האָט געפונען זיין קרייז, זיין סביבה. יידן האָבן געגרינדעט סאָסיעטעס, לאַנדסמאַנשאַפטן, זיך באַמיט אַריינצוברענגען אין דעם קאָכיקן פרעמדן פּאַריז אַ ביסל היימישקייט. אַנדערע האָבן זיך גרופּירט אַרום עפּעס אַ חסידישן רבין.

יאָסל גראָסמאַן אָבער — גאָרנישט. צו קיינעם איז ער נישט צוגע־שטאַנען, קיינער האָט זיך מיט אים נישט געחברט, ווי ער זאָל זיין שטום און טויב צום אַרום — צו פרעמדע אַזוי גוט ווי צו דער אייגענער פאַמיליע, און אַפילו צו זיך אַליין. קיין זאַך האָט אים נישט אינטערעסירט. קיין ברעקל נייגעריקייט האָט ער נישט אַרויסגעוויזן צו גאָרנישט. ווי ער זאָל האָבן אַרומגעגאַנגען אין אַ פרעמדער און אומפאַרשטענדלעכער שטאָט.

פונקט פאַרקערט איז געווען מיט יאָסלס קינדער. זיי האָבן פון דעם ערשטן טאָג זיך געפילט גלייך ווי זיי וואָלטן אויפן בעלוויל געבוירן גע־וואָרן, כאָטש דאָ איז אַלץ געווען גאָר אַנדערש, ווי אין דער אַלטער היים.

די קינדער פון זייערע שכנים האָבן זיי אויפגענומען ווי זייערס גלייכן

און עס האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי בעלוויל איז געוואָרן זייער אמתע היים.

די קאָנסיערזשקע (הויזוועכטערין) איז געווען אַ פּרוי אַ צוגעלאָזטע. זי האָט די יידישע עמיגראַנטן מקרב געווען און אויך יוכבדן אַרויסגעהאָלפן מיט וואָס נאָר זי האָט געקאָנט. יוכבד וואָלט גערן אויסגעפּאַקט איר פּעקל צרות, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען פון איר מאַן, די קאָנסיערזשקע ווידער — פון איר „פריינד", ווי מען רופט אין פראַנצויזיש אַ מאַן אויף צופלייסן, מיט וועמען מען לעבט אָן חופה און קידושין, און צו וועלכן זי האָט אויך געהאַט גאָר גרויסע טענות. ער איז איר שטאַרק דערגאַנגען די יאָרן; געאַרבעט האָט ער זייער ווייניק און דאָס רוב טעג און נעכט פלעגט ער פאַרברענגען אין די שענקן. זי איז געווען די גאַנצע פאַרדינערקע אי פאַר זיך, אי פאַר איר מאַן דעם שיכור און אי פאַר אירע קינדער פון אַלע דריי „בעטן" — זעקס אַרום און אַרום, וואָס זי האָט געהאַט קודם מיט איר ערשטן אמתן מאַן, דערנאָך מיט איר פריִערדיקן „פריינד", און אַצינד מיט איר איצטיקן „פריינד", מיט וועמען זי האָט זיך פאַרדרייט, זי ווייסט אַליין נישט צו וואָס זי האָט עס נייטיק געהאַט.

דאָס אַלץ האָט די קאָנסיערזשקע זיך באַמיט מיטצוטיילן יוכבדן ביים סאַמע ערשטן „שמועס", וואָס זי האָט געהאַט מיט איר, אויף אַ צעקאָלע־טשעטן פראַנצויזיש, מיינענדיק, אַז מאַדאַם גראָסמאַן וועט אַזאַ פראַנצויזיש לייכטער באַגרייפן.

אָבער ס׳איז אַ שאָד געווען איר מי. יוכבד האָט קיין איין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. אויף שטום־לשון וואָלט יוכבד שוין בעסער פאַרשטאַנען, ווייל די שפּראַך פון צרות, פון נויט און פון פּיין איז אויף דער גאַנצער וועלט די זעלבע: אַ זיפץ, אַ פּאָר טרערן, אַן „אוי", אַ „וויי" — און שוין פאַר־שטייט איין פרויִיש האַרץ דאָס צווייטע, בפרט נאָך, ווען דאָס זיפצעניש איז אַ זיפצעניש צוליב אַ מאַן, וואָס איז נישט פאַר גאָט און נישט פאַר לייט. אָבער מאַדאַם פּעטי (אין פראַנצויזיש באַדייט עס „קליין", זי איז געווען אַ נידעריקע און אַ רונדע, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי האָט אַן אויפהער געקלעטערט אַרויף און אַראָפּ אויף די טרעפּ פון דעם פינפשטאָקיקן הויז), האָט גאָרנישט געאויקעט, זי האָט נישט פאַרגאָסן קיין איין טרער אַפילו

בײַם דערצײלן איר לעבנס־געשיכטע. פאַרקערט, זי האָט די גאַנצע צײַט געשמײכלט און אירע קײַלעכדיקע אויגן האָבן זיך עפּעס ווי געפרײט, וואָס זי האָט אַזאַ „פרײַנד", וואָרעם אַנטקעגן איר פריִערדיקן פרײַנד און אַפילו אויך אין פאַרגלײַך מיטן ערשטן מאַן, איז ער אַ בריליאַנט פון אַ מאַן. שלאָגן שלאָגט ער זי זײער זעלטן, סײַדן ער האָט שוין גאָר אַ סך געטרונקען. אויף אײן קלאַפּ, וואָס ער גיט איר, ענטפערט זי מיט אַנדערע דרײַ קלעפּ. עס טרעפט, אַז זי איז גאָר די ערשטע. צוויי מאָל אַ חודש אין דורכשניט חזרט זיך איבער דאָס דאָזיקע געשלעג. ס'איז אַזאַ מין ספּאָרט בײַ זײ. אַלע שכנים קלײַבן זיך דעמאָלט צונויף בײַ די פענצטער פון דער קאָנסיערזשקעס דירה און הערן זיך צו, ווי צו אַ קאָנצערט. אַ שאָד נאָר, וואָס דעם ספּעקטאַקל גופא זעט מען נישט.

אין תוך אָבער איז מאַדאַם פּעטי געווען אַ גוטמוטיקע פרוי און האָט אירע צרות זיך נישט גענומען שטאַרק צום האַרצן. דערפאַר האָט זי אָבער געפונען טרײסטווערטער פאַר יוכבדן. זי האָט אַרײַנגעקנעלט אין איר, ווי אַזוי זי וואָלט געדאַרפט זיך נוהג זײַן מיט איר מאַן:

— קאָמפּרי? (פאַרשטאַנען?) אַז אַ מאַן שטרעקט אויס זײַן האַנט צו שלאָגן, דאַרף מען פלינק און געשיקט זיך געבן אַ דרײ פון הינטן, פון הינטער זײַן רוקן און — נאַ דיר!... קאָמפּרי? אַלץ, וואָס אַ מאַן פאַרדינט, מוז ער אָפּגעבן זײַן ווײַב. זי קאָן אים געבן, אויב זי וויל, אַ פּאָר פראַנק אויף טאַבאַק, אויף קאַווע אָדער אויף אַ גלעזל ווײַן, דאָס איז אַלץ. גלויבט מיר, מאַדאַם גראָסמאַן! ווען מײַן מאַן וואָלט נישט געווען אַזוי פויל, ווען ער וואָלט געאַרבעט פונקט אַזוי ווי אײַער מאַן, ווען מײַן פרײַנד וואָלט נישט געהאַט אַזאַ מיאוסע תאווה צו שיכורן און וואָלט געווען פונקט אַזוי ניכטער ווי אײַער מאַן, וואָלט איך שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ שײנע פּאָר פראַנק. אַזוי אָבער מוז איך גײן רוימען און וואַשן בײַ יענעם און סוף־כל־סוף האָב איך גאָרנישט מיט נישט.

יוכבד האָט אויסגעהערט דער קאָנסיערזשקעס מענה־לשון און האָט אין אַלץ מיט איר מסכּים געווען. זי האָט ליב באַקומען די דאָזיקע פרוי, כאָטש זײ זענען געווען אַזוי פאַרשידן אײנע פון דער צווײטער, פּונקט ווי זײערע מענער. דער דערשלאָגענער און אַנגעכמורעטער יאָסל — אויב ער האָט

ווען נישט איז אויפגעהויבן אַ האַנט אויף זיין ווייב, איז עס געווען בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט פון זיין קלעם נישט געפונען קיין אויסוועג, בעת דער קאַנסיערזשקעס „פריינד״, פלעגט שלאָגן זיין „חברטע״ פון פאַרגעניגן. די קאַנסיערזשקע אַליין האָט עס גאָר אַנדערש נישט פאַרשטאַנען. שלאָגן דאָס ווייב איז פאַר דער קאַנסיערזשקעס פריינד געווען אַן אופן, ווי אַזוי זיך מיט איר צו פאַרשטענדיקן און אפשר אויך אַ מיטל ווי אַזוי איר אויף זיין שטייגער אַרויסצוּווייזן זיין ליבע.

האָט זיך יוכבד צוגעהערט צו דער קאַנסיערזשקע און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט: פאַרשטיין האָב איך טאַקע נישט פאַרשטאַנען, אָבער איך האָב, דעם אמת געזאָגט, שוין שלום געמאַכט מיט מיין גורל, זאָל עס שוין גיין ווי עס גייט... אַ דאַנק גאָט וואָס ער איז נישט קיין שיכור, נישט קיין אויסברענגער, וואָס ער יאָגט זיך נישט נאָך פרעמדע פרויען און איז נישט קיין הולטאַי.

אין דעם הויף האָבן געוווינט נאָך פיר יידישע משפחות, איינע פון רומעניע און דריי פון פוילן, וואָס זענען אויך דאָ נישט לאַנג געקומען קיין פּאַריז. דעם רומענישן ייד האָט מען גערופן מסיע בילדמאַן און זי מאַדאַם בילדמאַן.

געווען איז מאַדאַם בילדמאַן אַ קאָזאַק אַ יידענע און אַ פּיסק האָט זי געהאַט אויף שרויפן. עס האָבן זיך פון איר געשאָטן ווערטער און ווערטלעך אין אַ געמיש פון יידיש און רומעניש, וואָס איז פון טאָג צו טאָג רייכער געוואָרן מיט נייע פראַנצויזישע אויסדרוקן. אַ סברא, אַז אין איר באַרעדעוו־דיקייט האָט זי אויפגעהערט צו פאַרשטיין זיך גופא, פאַרלוירן דעם זין פון דעם, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן און דערציילן.

— איר הערט? — האָט זי איין מאָל גענומען אַריינטענהן אין יוכבדן — איר הערט, מאַדאַם גראָסמאַן? טאָמער דאַרף נישט זיין קיין „סאַ־וואַ״ (נישקשה) ביי עמעצן, איז כאָטש גיי צערייס זיך... דו מעגסט איבערקערן די גאַנצע וועלט, און דאָך וועט זיך גאָרנישט נישט רירן פון אָרט. נעמט די פּוילישע, אָט קומען זיי אַראָפּ אין פּאַריז און מאָרגן וועלן זיי זיך שוין האָבן גאַנץ פיין „דעבּרויעט״ (זיך אויסטויגן). פרעגט נישט ווי אַזוי. זיי זענען אַלע גרויסע „עסקראָקן״ (שווינדלער). איך מיין נישט

איך, חלילה, מאַדאַם גראַסמאַן. כאָטש איר זענט אַ פּוילישע — איך בעט אייך הונדערט מאָל „פּאַרדאָן״ (אַנטשולדיקונג) — זענט איר דאָך „האָנעט״ (ערלעך) און איר ליידט נעבעך... וואָס? איך זע נישט? נאָר איינס זאָג איך אייך: פאַר די פּוילישע דאַרף מען זיך היטן ווי פאַר פייער! איך מיין נישט אייך... שיִע זאַלצמאַן מיין איך און מיסיע בינדער מיין איך, וואָס ווינען אויך אין אונדזער הויף. מען זאָגט אויף זיי, אַז נישט אומזיסט זענען זיי אַנטלאָפן פון פּוילן, זיי זענען, זאָגט מען, אַנטלאָפן פון „פּריזאָן״ (טורמע). היטן דאַרף מען זיך פאַר זיי! אַ „לאַנג״ (אַ צונג; אַ שפּראַך) האָבן זיי, וואָס מאַכט פון אַלעמען אַש און בלאָטע. איך האָב פאַר זיי קיין מורא נישט, דאַרפט איר טאַקע מאַכן „אַטאַנסיאָן״ (זיין פאָרזיכטיק) און זיי גאָרנישט דערציילן. מען קאָן נישט וויסן מיט וועמען מען האָט צו טאָן. איך בין אייך אַ גוטער פריינד, וואָרן איך אייך, טאָמער וועט איר זיין פריינדלעך מיט זיי, וועלן מיר, איך מיט אייך, נישט זיין מער קיין „אַמי״ (גוטע פריינד). ווען איך וועל האָבן מער צייט, וועל איך אייך דערציילן, וואָס פאַראַ מיאוסע שפּיצלעך זיי האָבן מיר אָפּגעטאָן, אָבער איצט, געוואַלד! אָט קומען דאָך באַלד צולויפן מיינע ממזרים פון „עקאָל״ (פאָלקסשול) און איך האָב נאָך פאַר זיי דאָס עסן נישט צוגעגרייט, זיי וועלן מיך דאָך „אַסאַסינען״, (דערמאָרדן, אומק־הרגענען).

— אָבער מאַדאַם בילדמאַן — האָט יוכבד זיך געוווּנדערט — אויב זיי זענען שוין יאָ אַזעלכע שלעכטע מענטשן, ווי איר זאָגט, טאָ פאַר וואָס האָט איר יענעם טאָג זיך געקושט מיט מאַדאַם זאַלצמאַן? פאַר וואָס גייט איר אַלע אָוונט מיט איר אין קאַפע? מיר האָט זיך געדוכט, אַז איר זענט ביידע די בעסטע גוטע־פריינד...

— זעט איר דאָך אַליין, מאַדאַם גראַסמאַן, אַז נישט אַלץ, וואָס שיינט, איז גאָלד. ווען מען קושט זיך, זעען אַלע, אָבער ווען מען קריגט זיך... נאָר ס'איז לאַנג צו דערציילן, וואַרט נאָר אונטער אַ ביסל, וועט איר אַליין זען, מאַדאַם גראַסמאַן, וואָס פאַר אַ פאַלש שטיק זי איז, אייער מאַדאַם זאַלצמאַן...

— מיין מאַדאַם?

— איר זענט דאָך אויך אַ פּוילישע!

— איז וואָס?

— גאָרנישט, איך מיין נאָר...

— וואָס מיינט איר?

— איך מיין, אַז איר האָט זיך נישט וואָס איבערצונעמען דערמיט, וואָס איר זענט אַ פּוילישע.

— ווער נעמט זיך איבער?

— איר אפשר טאַקע נישט, אָבער עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס נעמען זיך יאָ איבער און זאָגן נאָך, אַז די גרויסע „וואַליורס״ זענען די רומענישע.

— וואָס הייסט „וואַליורס״?

— איר ווייסט נישט וואָס עס הייסט? איז דאָך אומזיסט מיינע רייד... „וואַליורס״ איז „וואואיו״ (אויסוווּרפן), די פּוילישע, נישט די רומענישע. איז דען פאַראַן נאָר אַ גרעסערער שלאָק, אַ גרעסערע „פּיטען״ (גאַסנפּרוי) ווי מאַדאַם בינדער, צום ביישפּיל? פון וואַרשע שטאַמט זי, אָדער פון לאָדזש. איך ווייס נישט גענוי.

— וואָס הייסט?

— איר זענט נאָך דאָ אַ גרינע... פּאַרדאָן! נאָר דערצו דאַרף מען זיין... ווי זאָל איך עס זאָגן? דערצו דאַרף מען זיין אַ ביסל יינגער ווי איר זענט...

— יינגער?

— אַז מען איז יינגער און מען איז דערצו נאָך אויסגעלאַסן... פרעגט שוין גאָרנישט... אַפילו אַזאַ מיאוסקייט ווי די מאַדאַם בינדער איז דאָ אויך אַ סחורה.

— אָבער וואָס האָט זי געטאָן?

— וואָס זי האָט געטאָן? אַוועקגעהרגעט האָט זי קיינעם נישט, אָבער אין מקווה גיין — גייט זי אויך נישט, און ווייטער... וועמען אַרט דאָס? יעדער מעג טאָן, וואָס אים געפעלט, אַבי דער מאַן כאַפּט זיך נישט, ס'איז נישט מיין דאגה.

— נאָר, אַז איר רעדט שוין, טאָ...

— וואָס? איר ווילט איך זאָל אייך אויסרעכענען אַלע פליאַטקעס? גלויבט מיר, מאַדאַם גראָסמאַן! ס'איז „פּאַ לאַ פּען״ (עס לוינט נישט) איך האָב קיין צייט נישט... מיינע ממזרים...

יוכבד האָט זיך דערמאָנט, אַז אויך אירע קינדער וועלן באַלד קומען פון קלאַס אין איינעם מיט די קינדער פון פרוי בינדער, וואָרעם זיי גייען דאָך אין דער זעלביקער שול, אין דער שול פון באַראָן הירש, אָדער אין ראָטשילדס שול, זי ווייסט נישט ווען די דאָזיקע שול געהערט. אַבי מען לערנט דאָרט מיט זיי אַ ביסל ייִדישקייט.

די דאָזיקע פאָלקסשול האָט זיך געפונען אויף רי סעקרעטאַן, נישט זייער ווייט פון דעם בעלוויל, און אַ סך ייִדישע עמיגראַנטן־קינדער, דער עיקר צווישן די נאָר וואָס געקומענע פון די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער און פון צפון־אַפריקע, האָבן זיך דאָרט געלערנט. די ייִדישקייט, וואָס מען האָט דאָרט געלערנט, איז באַשטאַנען אין אַ ביסל עברי, אויפן שפּיץ מעסער, און אַ קאַפּעלע חומש. אין די העכערע קלאַסן האָט מען געלערנט אַ ביסל געשיכטע אויף פראַנצויזיש. אָבער פּאָרט בעסער ווי גאָרנישט. די קינדער, וואָס גייען אין דער דאָזיקער שול, זענען ווייניקער אָפּגעפרעמדט פון זייערע טאַטע־מאַמע, ווי די קינדער, וואָס גייען אין די אַלגעמיינע פראַנצויזישע פאָלקסשולן, און זייער ייִדישקייט, כאָטש אָן ייִדיש, האַלט לענגער אָן.

מילא, יאָסל גראָסמאַן — אים אַרט דאָס אין גאַנצן נישט, אַבי מען פּאַרדרייט אים נישט דעם קאָפּ.

— אַ שיינער טאַטע — פלעגט יוכבד זיך שטילערהייט באַקלאָגן פאַר זיך אַליין — ער זאָל דאָס אַ מאָל פרעגן וואָס עס טוט זיך מיט די קינדער, וואָס זיי מאַכן, ווי זיי לערנען זיך, וואָס דער לערער זאָגט וועגן זיי... גאָר־נישט. אַ פרעמדער מענטש...

אָבער ווען זי נעמט באַטראַכטן איר פּאַריזער מערכה, מוז זי צוגעבן, אַז דאָ איז איר לעבן אַ סך לייכטער ווי אין פּשעטיני און אַז דער בייט, וואָס זי האָט געמאַכט, איז גאָרנישט אַזאַ שלעכטער.

קודם כל — די קינדער. וועגן זיי האָט זי כלל נישט וואָס זיך צו באַ־קלאָגן. הלוואַי ווייטער זאָל נישט זיין ערגער! ווען זי דערלאַנגט אַ קוק אויף די קינדער פון מאַדאַם זאַלצמאַן, אַ שטייגער, ווי זיי גייען שבת און יום־טוב אין קלאַס און הייבן נישט אָן צו וויסן נישט פון קיין שבת, נישט

פון קיין יום־טוב, דאַנקט זי דעם רבונו של עולם, וואָס ער האָט איר צוגע־שיקט אין פּאַריז אַזאַ מין חדר. אין דעם פּרט, קאָן מען זאָגן, איז איר ביי־געשטאַנען זכות־אָבות. איר טאַטע, איר מאַמע ע״ה האָבן זיך אויך געמיט פּאַר אירעטוועגן, כאָטש פון דעם גוטן אָרט אין פּשעטיני, ווו זיי זענען נקבר געוואָרן, ביז צו דער היגער באַראָן הירש־ אָדער ראָטשילד־פּאַלקסשול איז דער מהלך גאָרנישט אַזאַ קליינער.

איין צרה: הירשקע. וואָס וויל ער, הירשקע? וואָס אַרט אים, אַז די קינדער — ביילקעלע, שעפּסעלע און מלכהלע — גייען אין אַ פּאַלקסשול, ווו מען דאַרף נישט שרייבן שבת? וועמען טוען זיי דערמיט אַ רעה, ווער ליידט דערפון? ער זאָגט, אַז דאָרט וועלן זיי זיך נישט אויסלערנען אַזוי גיך פראַנצויזיש, ווי אין אַן אמתר פאָלקסשול, וואָרעם דאָס איז, זאָגט ער, אַ חדר, נישט קיין פּאָלקסשול, און דאָ מאַכט מען, טענהט ער, פון די קינדער קאַליקעס, נישט קיין מענטשן. וואָלט די דאָזיקע פּאָלקסשול געווען אַ גוטע, וואָלט דאָך ראָטשילד גופא געשיקט זיינע אייגענע קינדער אַהין, אָבער ער שיקט זיינע קינדער אין די טייערסטע ליצייען, ווייל ער האָט געלט, ער האָט אַ סך געלט, און פאַר די אָרעמע עמיגראַנטן־קינדער איז אַלץ גוט און פיין. ער איז אַ צבועק, ראָטשילד, אַ קאַפּיטאַליסט, אַ באַנקיר!

— זאָל שוין זיין ווי דו זאָגסט — טענהט יוכבד אַריין אין הירשקען איטלעך מאָל, ווען עס קומט צו רייד וועגן דער ראָטשילד־שול און ער קאָכט זיך און נעמט סטראַשען מיט דער רעוואָלוציע — זאָל שוין זיין, אַז ראָטשילד וויל טאַקע נישט זיינע קינדער זאָלן זיך חברן מיט אונדזערע קינדער, איז וואָס קאָן איך אים טאָן? אַבי ער גיט געלט אויסצוהאַלטן די פּאַלקסשול. ווי וואָלט געווען, ווען ער זאָגט, אַז ער קימערט זיך בכלל נישט וועגן אונדזערע קינדער, אַז אים אַרט נישט, צי זיי שרייבן יאָ אום שבת, צי נישט? זאָגסטו דאָך אָבער, אַז דיך אַרט נישט, אויב דיין ברודערל און אויב דיין שוועסטערל וועלן מחלל שבת זיין, ענטפער איך דיר, מיך אַרט עס יאָ. אויף דיר האָב איך נישט מער קיין שליטה, דו האָסט שוין אין פּשעטיני מחלל שבת געווען. וואָס קאָן איך זיך העלפן? איך דאַנק גאָט, וואָס ער האָט אין דיר כאָטש אַריינגעגעבן אַ גוט האַרץ און דו ביסט אַזאַ גוט קינד, וואָלסטו נאָר געווען אַ ביסעלע מער ייד...

— מאַמעשי! — רופט זיך הירשקע אָפּ צו איר — איך בין אַ ייד אָן שבת אויך, אפשר נאָך אַ בעסערער ייד ווי די, וואָס גלאָצן כסדר מיט די אויגן און צאַפּן אויס דאָס בלוט ביי די אַרבעטער...

— גיי שוין, גיי, הירשקע! דו ווייסט נעבעך נישט וואָס דו רעדסט. גאָט זאָל דיך נישט שטראָפן פאַר די רייד... מילא, דו וועסט אַ מאָל אויך קומען צום שׂכל, דעמאָלט וועסטו אַנדערש רעדן, דעמאָלט וועסטו וויסן, אַז מען קאָן זיין אי פרום, אי גוט, און אַז איינס שטערט נישט דאָס אַנדערע.

אויך פּערעלע האָט זיך צו ביסלעך דורכגעשלאָגן איר אייגענעם וועג. אמת, קיין טענצערין איז זי נישט געוואָרן, אָבער אַרבעט ווי אַ שניידערקע האָט זי באַקומען און זי פאַרדינט איצט אַ ביסל מער ווי אויף איר אייגענער אויסקומעניש. די מאַמע האָט ביז איצט בשום אופן נישט געוואָלט נעמען פון איר אַ פּראַנק אפילו. זי דאַנקט גאָט, וואָס פּערעלע דאַרף צום טאָטן נישט אָנקומען. אַדרבה, וואָלט יוכבד געקאָנט אָפּשפּאָרן עפּעס פון זיך און פון די איבעריקע קינדער, וואָלט זי נאָך פּערעלען אַרויסגעהאָלפן מיט אַ פּאָר פראַנק. אַראָפּגעקומען איז זי פון פּשעטיני נאַקעט און הויל, קאָן מען זאָגן, וואָרעם די פּאָר שמאַטעס, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון דאָרטן, קאָן זי דאָ נישט אָנטאָן. און האָטעל־געלט דאַרף מען צאָלן, ווייל וווינען וווינט פּערעלע אין אַ האָטעל, ווי פיל אַנדערע מיידלעך און בחורים. וואָס דען? אין דער קעלערשטוב האָט זי געזאָלט בלייבן וווינען? אין דער נעץ? אין דער אמתן וואָלט זי גאָר געדאַרפט אַרויספאָרן אין די בערג. דער דאָקטער האָט אָנומלט, ווען זי האָט זיך צוגעקילט, אַ זאָג געטאָן, אַז ס׳וואָלט נישט געשאַדט ווען זי זאָל פאָרן אויף אַ פּאָר חדשים אין די בערג... דאָס האָט זי מיטגעבראַכט פון פּשעטיני! שוואַכע לונגען האָט זי באַקומען אין דער קעלערשטוב, ווער זי דאָך נישט אַריינקריכן איצט ווידער אין אַ קעלערשטוב.

וואָס שייך חיימקען, ווייסט שוין די מאַמע גאָרנישט, וואָס צו טראַכטן. יעדעס מאָל ווען זי פּרוווט אָנקניפּן מיט איר עלטסטער טאָכטער אַ שמועס וועגן דעם דאָזיקן זייער אַנגעווייטיקטן ענין, דרייט זיך פּערעלע אַרויס און ענטפערט נישט צו דער זאַך. יוכבד אָבער ווייסט, אַז פּערעלע שרייבט זיך

נאָך איבער מיט אים, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס יענער דאַרטן האָט שוין חתונה געהאַט מיט זיין דאָרטיקער כלה, אַ מויד מיט אַ סך נדן. די מאַמע האָט שטאַרק מורא איר טאָכטער זאָל נישט אָפּטאָן ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מיאוסע זאַך, וואָרעם אָפּרעדן אַ מאַן פון זיין פרוי דאָס ערשטע יאָר נאָך דער חתונה — וואָס קאָן שוין זיין ערגער?

האָט טאַקע יוכבד געענוג האַרץ־קלעמעניש. ס'איז שוין אפשר גלייכער, טראַכט זי זיך, צו האָבן טעכטער, וואָס זענען נישט אַזוי שיין ווי פּערעלע און נעמען נישט אַזוי אויס ביי בחורים, דאַרף מען ווייניקער ציטערן זיי זאָלן נישט אַראָפּגיין פון גלייכן וועג.

און ווידער ווייזט זיך יוכבד פונאַנדער און שאָקלט בעת־מעשה מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט מסכים געווען דערמיט, אַז עס איז דאָ וועגן וואָס צו וויינען, וועגן וואָס טרויעריק צו זיין, כאָטש געדאַרפט וואָלט אַלץ אַנדערש זיין; עס קומט איר שוין אַ ביסל מנוחה.

ס'איז גראָד זונטיק.ביילקע און שעפּסעלע זענען ביידע אין שטוב און עס פאַרדריסט זי, וואָס זיי שפּילן זיך נישט אין הויף. רעגענען רעגנט נישט, וואָלטן זיי דאָך געמעגט אַ ביסל זיין אויף דער לופט.

— גייט, קינדער, גייט! — איר דרייט זיך מיר דאָ אַרום אומזיסט און אומנישט. וואָס טוט איר דאָ?

— אָבער פאַר וואָס ווייַנסטו? — רופט זיך אָן צו איר שעפּסעלע, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען די ריכטיקע סיבה, פאַר וואָס ער זיצט אין שטוב און גייט נישט אַרויס אין הויף זיך שפּילן — פאַר וואָס וויינסטו, מאַמעשי?

— וואָס וויינסטו? — שטייט אויף ביילקע צו צו דער מאַמען.

— פאַר וואָס זאָל איך נישט וויינען? — פּרוּווט יוכבד זיך פאַרענטפערן פאַר אירע קינדער — ווו דען זאָל איך אַהינטאָן די טרערן מיינע?

זי טוט אַ שמייכל, אויף אַזאַ מין תירוץ האָט זי זיך אַליין נישט געריכט.

## קאַפּיטל 4

נישט ווייט פון קוינסק, לעבן ראַדאָשיץ, ליגט אַ דאָרף, וואָס הייסט וואָליע. בלויז איין יידישע משפחה וווינט אין דעם דאָזיקן דאָרף: די משפחה שטיקהאָלץ.

לייזער שטיקהאָלץ, אַ טאַטע פון זיבן קינדער, אַ ייד אַ למדן, זיצט טאָג ווי נאַכט און לערנט. איי, מען דאַרף דאָך האָבן פון וואַנען צו לעבן? מילא, לעבט מען נישט אין רחבות, אָבער מען דאַרף דאָך כאָטש דערהאַלטן די נשמה? איז אויף דעם פאַראַן אַ ווייב.

לייזערס ווייב, דבורה, איז אַ נייטאָרין, אַ שניידערקע. פּונקט אַזוי ווי איר מאַן, איז זי אויך פאַרנומען טאָג און נאַכט, אָבער ביי דער ניימאַשין, נישט ביי דער גמרא, פאַרשטייט זיך. פאַראַן אַ פּאַראַפּיע מיט פּויערטעס, קליידן זיי זיך אַלע ביי דבורה שטיקהאָלץ.

אַמאָליקע יאָרן, ווען די קינדער זענען נאָך געווען קליין, האָט דבורה זייער שווער געהאָרעוועט אויפן ביסן ברויט, ווייל חוץ פאַרדינען אויף פּרנסה פאַר איר מאַן, אירע זיבן קינדערלעך, האָט זי נאָך געדאַרפט קאָכן, וואַשן, אויפּרוימען די שטובן, אָבער מיט דער צייט זענען אירע קינדער אויסגעוואַקסן און האָבן גענומען פאַרבייטן דער מאַמען ביי דער ניימאַשין. עס רעדט זיך דאָ וועגן די טעכטער, ווייל די יינגלעך האָבן דאָך געמוזט זיצן און לערנען מיטן טאַטן.

פון אַלע פיר טעכטער דבורהס איז די עלטסטע, רייזעלע, געווען די סאַמע געראָטנסטע: אַ שיינע, אַ קלוגע, אַ ווילע און אַ שטילע ווי אַ טויב. זי איז געווען די גוטסקייט אַליין. שטענדיק ווי פאַרחלומט, פלעגט זי ליב האָבן נאָך דער אַרבעט אַרומשפּאַצירן אין דעם סאָד מיט פּרוכטביימער, וואָס האָט געהערט צו דער משפחה שטיקהאָלץ און האָט, זומערצייט, אַריינגע־בראַכט אַ האַלבע פּרנסה. רייזעלע איז געווען פאַרליבט. דאָס איז געווען

זיכער. זי האָט אָבער נישט געוווּסט אין וועמען זי איז פֿאַרליבט. כאָטש אַ סך דורכגייער, הענדלער און סתם יידישע וואַנדערער, פֿלעגן גאַנץ אָפֿט אָפּשטאָטן דער משפּחה שטיקהאָלץ אַ באַזוך. ס'איז אָבער צווישן זיי קיינער נישט געווען, ווער עס זאָל איר געפֿעלן ווערן. ביז זי האָט דערזען דודן.

נישט ווייט פֿון דעם דאָרף איז געשטאַנען אַ מיל. דער מילנער באַשטאַט, אַ הייסער חסיד פֿון דעם ראַדאָשיצער רבין, האָט זיך דערוווּסט, אַז ר' לייזער שטיקהאָלץ קערט זיך אָן מיטן ראַדאָשיצער בעל־מופת אַ שטיקל קרוב. איז איטלעך מאָל ווען ער איז געווען אין דער דאָזיקער געגנט, פֿלעגט ער אַראָפּקומען צו ר' לייזערן כאַפּן אַ שמועס וועגן דעם צדיק און וועגן זיינע וווּנדער. קומען פֿלעגט ער מיט זיין עלטסטן זון דוד, וואָס האָט אים געהאָלפֿן אויפֿקויפֿן די תבואות ביי די פּויערים.

רייזעלע האָט, ביים דריטן אָדער פֿערטן באַזוך זייערן, זיך דערוווּסט אין וועמען זי איז געווען פֿאַרליבט די גאַנצע צייט. ס'האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז דער דאָזיקער בחור, מיט זיין גרויסשטאָטישער און געשיקטער באַנעמונג לגבי איר, איז דער אמתער העלד פֿון אַלע אירע חלומות. ער האָט איר צוגעשווירן ליבע, ווי עס פּירט זיך, און זי האָט אים געגלויבט. די שיינע, נאַיִווע רייזעלע איז געוואָרן שוואַנגער.

צו וועמען זאָל זיך רייזעלע ווענדן אין איר בראָך? דוד וויל פֿון גאָרנישט וויסן. ער שאָקלט זיך אָפּ פֿון אַלץ. דערציילן דעם טאַטן אירן? בלויז דער געדאַנק שלאָגט אַרויס אַ קאַלטן שווייס אויף איר שטערן. קיין חברטעס האָט זי נישט. אפֿשר איז עס צום גוטן, זי וואָלט זיך דאָך אַזוי געשעמט. זי שעמט זיך אויך פֿאַר אירע שוועסטער, פֿאַר אירע ברידער. אָבער צום מערסטן שעמט זי זיך פֿאַר איר טאַטן... ניין, פֿאַר אים האָט זי מורא. אַ קרוב פֿון ראַדאָשיצער רבין — דאַרף אים טרעפֿן אַזאַ ווייסט אומגליק מיט זיין טאָכטער. בלייבט די גוטע מאַמע, אָבער אויך פֿאַר איר קאָן רייזעלע זיך נישט פֿאַרטרויען. קראַנק איז זי און שוואַך, זי קאָן נאָך, חלילה, קריגן אַ האַרצשלאַק. רייזעלע ווינטשט זיך דעם טויט, וויל זיך אָנטאָן אַ מעשה, אַריינוואַרפֿן זיך אין טייך, אַרונטערוואַרפֿן זיך אונטער די רעדער פֿון דער באַן, אָדער גאָר זיך סמען.

רייזעלע האָט זיך נישט געקאָנט צוקלייבן קיין פּאַסיקן טויט, איז זי

געלעגן וואָך גאַנצע נעכט און געוויינט. ביי דער אַרבעט האָט זי אויך גע־וויינט. ביז איר מאַמע האָט זיך געכאַפּט, וואָס מיט איר טאָכטער קומט פאָר און זי גענומען אויף אַ פאַרהער, באַזאַכט, מיט האַלבע ווערטער, מיט זיפצן, מיט קרעכצן.

— דוד ?

— דוד.

— ווען איז דאָס געשען, רייזעלע ?

— איך ווייס נישט, מאַמעשי.

— דו ווייסט נישט ? איז אפשר נישט דאָס ?

— יאָ, מאַמעשי... דוד.

— האָסט מיט אים גערעדט ? האָסט אים דערציילט ?

— יאָ, מאַמעשי.

— און וואָס האָט ער געזאָגט ?

— גאָרנישט.

— וואָס הייסט גאָרנישט ?

— ער האָט געזאָגט איך זאָל פאָרן קיין קוינסק, איך טאָר נישט לענגער טראָגן...

— אַן אויסוווּרף איז ער, רייזעלע מיין קינד, מיין אָרעם קינד.

רייזעלע האָט זיך פונאַנדערגעוויינט און קיין איין וואָרט מער נישט געקאָנט אַרויסברענגען.

דבורה האָט אויך געוויינט. זי האָט זיך אָבער באַמיט צו באַרויִקן רייזעלען און זי געגלעט איבער די האָר.

— מאַמעשי, מען דאַרף זען, אַז דער טאַטע זאָל זיך נישט...

— לייכט צו זאָגן. ווי אַזוי מאַכט מען עס ? ער איז דאָך דיין טאַטע, מוז ער דערפון וויסן.

— איך האָב מורא, מאַמעשי, איך האָב אַזוי מורא...

— באַדאַרפט מורא האָבן באַצייטנס, נישט איצט ווען דאָס אומגליק איז שוין געשען...

— מאַמעשי, הרגע מיך...

— וואָס רעדסטו, טאָכטער מיינע ? ס'איז אַן אומגליק, ווי איז מיר און

ווינד איז מיר... איך וויל אויף די ליפּן מיינע נישט אַרויסברענגען... אַ ממזר...

דבורה איז שיִער־שיִער נישט געפאַלן אין חלשות. אַרויסרעדנדיק דאָס וואָרט. אָבער פּלוצלינג האָט זי אויסגעגליכן דעם רוקן, די שטריכן אויף איר צעקנייטשט פּנים האָבן זיך ווי פאַרשטייפט. ס'איז קענטיק, אַז זי האָט עפּעס באַשלאָסן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דבורהן געלונגען צו געפינען אַ פּאַסיקע מינוט ווען צו דערציילן לייזערן אַלץ, וואָס עס איז געשען. לייזער אַליין איז געפאָרן קיין קוינסק טרעפן דודן, כדי צו פועלן ביי אים, ער זאָל דאָך חתונה האָבן מיט רייזעלען, אַנישט קוילעט ער אַוועק די גאַנצע פאַמיליע, פּראָסט־פּשוט: ער נעמט אַ מעסער און קוילעט אַלעמען... געהערט עפּעס? דער גיהנום וועט דאָך קנאַפּ זיין פאַר אים!

אָבער דוד האָט פון גאָרנישט נישט געוואָלט הערן און וויסן. קיינער קאָן אים דאָך נישט צווינגען חתונה צו האָבן מיט אַ מיידל, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט אַ בויך. גראָד איצט האָלט מען אים אין רעדן די רייכסטע שידוכים.

האָט מען געטראַכט אַהין, געטראַכט אַהער, ביז מען האָט זיך דער־טראַכט. אַז קיין אַנדער עצה איז נישטאָ ווי זי צו שיקן קיין פּאַריז. אין פּאַריז האָט זי אַ מומען, יוכבד הייסט זי, זי איז דבורהס אַ יינגערע שוועס־טער. דאָרטן וועט זי שוין געפינען עמעצן וועט עס ווער איר העלפן.

די הכנות צו רייזעלעס רייזע קיין פּאַריז זענען געמאַכט געוואָרן איינס־צוויי. אַ ביסל געלט איז געווען, רייזעלעס נדן־געלט. האָט מען שנעל אין קוינסק אַרויסגענומען אַ פּאַס און אין וואַרשע אַ פּראַנצויזישע וויזע, און רייזעלע איז אַוועק קיין פּאַריז.

## קאַפּיטל 5

ווי נאָר רייזעלע האָט אַ שטעל געטאָן אַ פוס אויף דעם פּאַריזער וואָקזאַל איז זי געוואָרן אין גאַנצן צעטומלט. זי האָט נישט געוווּסט אויף וואָס פריִער צו כאַפּן אַ קוק. אַזוי פיל מענטשן, אַלע לויפן זיי, אַלע שטופּן זיי זיך און אַלע גייען זיי אָנגעטאָן עפּעס ווי יום־טובדיק. כאָטש ווען זי דערלאַנגט אַ קוק אויף זיך אַליין, מוז זי זאָגן, אַז זי גייט אויך גאַנץ גוט אָנגעטאָן. פאַרן אַוועקפאָרן האָט זי זיך אויפגענייט אַ ניי קלייד, דווקא לויט אַ פּאַריזער מאָדע־זשורנאַל צוגעשניטן, און זי האָט זיך אויך געמאַכט אַ נייעם מאַנטל. האָט זי זיך נישט וואָס צו שעמען מיט איר אָנטועכץ. אָבער ס'איז איר גאָרנישט צו מוט. ווער ווייסט, צי די מומע יוכבד האָט באַקומען די טעלעגראַמע, אַז זי קומט צו פאָרן? און אויב זי האָט יאָ דערהאַלטן די טעלעגראַמע, ווער ווייסט צי זי וועט קומען זי אָפּנעמען? אַ שיינער גאַסט מישטיינס געזאָגט: אַ מיידל מיט אַ בויך... אמת, אויסערלעך איז אויף איר דערווייל גאָרנישט נישט קענטיק, אָבער ווי לאַנג נאָך וועט זי פאַרבלייבן אַזוי שלאַנק? נאָך אַ וואָך, נאָך צוויי וואָכן. אַ שרעקלעכע נסיעה האָט זי דורכגעמאַכט: זי האָט אַ גאַנצע נאַכט געבראָכן. זי ווייסט וואָס דאָס באַדייט... האָט זי געדאַרפט מאַכן אַזאַ ווייטע נסיעה, כדי צו באַגיין דאָ זעלבסטמאָרד? וואָרעם וואָס איז שוין איצטער איר לעבן מישטיינס געזאָגט? זי וועט זיך דאָך שעמען צו קוקן איר מומען אין די אויגן אַריין. וואָס וועט זאָגן פּערעלע? און הירשקע, וואָס וועט ער זאָגן? רייזעלע ווייסט, אַז פּערעלע איז אויך נישט קיין צדקנית. די מעשה מיט חיימקען... פּערעלע איז אָבער נישט אַזאַ לעמעשקע ווי זי. אין פּאַריז איז זי געקומען אָן אַ בויך...

— רייזעלע, רייזעלע, ווען ביסטו געקומען?

— איר זעט דאָך, מומע. נאָר וואָס געקומען...

— איך ווייס, איך ווייס... אָבער וואָס מאַכסטו ? וואָס מאַכט דיין מאַמע ? דער טאַטע וואָס מאַכט ? ווי אַזוי ביסטו געקומען צו פאָרן ?

רייזעלע איז צעטומלט. אויף וועלכער פראַגע זאָל זי פריִער ענטפערן דער מומען ? וואָס זי מאַכט און ווי אַזוי זי איז געקומען צו פאָרן ? איר דוכט זיך, אַז די מומע קוקט איר צו פיל אויפן בויך. אָט איז אויך פערעלע. ווי שיין זי איז ! זי איז אין פּאַריז נאָך שענער געוואָרן. רויטע ליפּן, דאָס פּנים בלאַס, וואָס דען ? ס'איז דאָך עפּעס פּאַריז. אַלע פּודערן זיך און פאַרבן זיך.

— דו דאַרפסט זיך נישט זאָרגן, רייזעלע, דו וועסט וווינען צוזאַמען מיט פערעלען ביי איר אין האָטעל, אין איר צימער — זאָגט די מומע.

— אַ גרויסן דאַנק אייך, מומעשי !

— האָסט מיר נישט וואָס צו דאַנקען, רייזעלע. וואָלט פערעלע נישט געקאָנט זיך באַפרייען היינט פון דער אַרבעט, ווער ווייסט, צי איך וואָלט גאָר געקאָנט קומען צו דער באַן, ווייל פון אונדז ביז צום וואָקזאַל איז אַ היפּש שטיקל וועג. איינע אַליין וואָלט איך קיין מאָל נישט געטראָפן דעם וועג, און פאָרן מיט דער מעטראָ — איז נישט פאַר מיין קאָפּ...

— גענוג — רופט זיך אָפּ פערעלע — וואָס שטייען מיר אויפן מיטן וואָקזאַל ?

— טאַקע, וואָס שטייען מיר דאָ ? גיב מיר דיין טשעמאָדאַן, רייזעלע, ווי איז מיר, אַזאַ שווערן טשעמאָדאַן האָסטו געשלעפּט ? אָסור מיר, אויב דו טאָרסט עס טאָן.

רייזעלע ווערט רויט פון דאָס גיי. ווידער האָט די מומע געמאַכט אַן אָנצוהערעניש.

— גיב מיר דיין טשעמאָדאַן — זאָגט פערעלע — איך וועל צורופן אַ טרעגער. דער עיקר, זאָלסט זיך וועגן גאָרנישט נישט זאָרגן.

— ביסט גערעכט, פערעלע ! — זאָגט יוכבד — נאָר זיך נישט זאָרגן... עס טרעפט... כאָטש איך שטעל זיך פאָר ווי דבורהלען איז איצט אויפן האַרצן...

— מאַמע ! — ערגערט זיך פערעלע — נאָך וואָס די רייד ? איך זאָג דיר, רייזעלע, אַלץ וועט זיין ווי צום בעסטן...

פיר וואָכן זענען שוין אַוועק זינט רייזעלע איז אָראָפּגעקומען קיין פּאַריז. פּערעלע האָט געפונען פאַר איר אַ פּאַסיקע קליניק הינטער פּאַריז און די אָפּעראַציע האָט זיך איינגעגעבן. רייזעלען איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. זי האָט זיך צוגעפּאַסט צום יידישן עמיגראַנטן־לעבן אין פּאַריז. אַ שניידערקע איז זי נאָך געווען פון דער היים, האָט זי באַלד געקראָגן אַרבעט ביי דאַמען־קאָנפעקציע, אויפן זעלביקן אָרט, ווו איר קוזינע פּערעלע אַרבעט. בכלל האָט זיך פּערעלע אָפּגעגעבן מיט איר קוזינע אַזוי, אַז בעסער קאָן שוין גאָרנישט זיין. קודם־כל האָט זי אַריינגענומען רייזעלען צו זיך אין צימערל, דערנאָך האָט זי איר פאַרשאַפט אַרבעט, דערנאָך אויסגעזוכט פאַר איר אַ קליניק, און ווען זי איז צוריקגעקומען פון דער קליניק, האָט פּערעלע אָנגעהויבן מיט איר צו לערנען פראַנצויזיש, דאָס ביסל פראַנצויזיש, וואָס זי האָט באַוויזן — פון זיך אַליין, פון הערן און פון לייענען די שילדן — זיך אויסצולערנען פאַר דעם קנאַפּן יאָר פון איר זיין אין פּאַריז.

איצט טראַכט שוין רייזעלע צו דינגען פאַר זיך אַ צימערל אין דעם זעלביקן האָטעל, וואָרעם זי אַרבעט ווי אַ „האַנט" ביי דאַמען־קאָנפעקציע און פאַרדינט גאַנץ גוט. אין איין וואָך האָט זי באַוויזן צו פאַרגעסן די שניידעריי, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון דער היים, פאַרגעסן זיך צו צאַצקען מיט אַ קלייד, צו פאַרברענגען שעהען ביים אויסגלעטן אַ פאַלד. איר פּאַטראָן איז געווען צופרידן פון איר אַרבעט און זי אַרויסגעשטעלט ווי אַ ביישפּיל. אין גיכקייט האָט זי איבערגעשטיגן אַלע אַנדערע אַרבעטערינס, וואָס האָבן זיך נאָך אַלץ נישט צוגעוווינט צום פּאַריזער ריטעם.

דיביידע קוזינעס, פּערעלע און רייזעלע — ווי איין מאַמע וואָלט זיי ביידן געהאַט. אמת, פּערעלע איז שלאַנקער ווי רייזעלע, גראַציעזער, אָבער וואָס אַ טאָג ציט זיך רייזעלעס פיגור אַלץ מער אויס, ווי זי וואָלט זיך פאַרקוקט אויף פּערעלען, און עס געלינגט איר טאַקע אין אַ גרויסער מאָס.

עפּעס וואָס בינדט זיי צונויף מער ווי בלויז די קרובהשאַפט זייערע. עס זעט אויס, ווי זיי וואָלטן ביידע זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם זעלביקן סוד, ווי עס וואָלט זיך זיי ביידן געחלומט דער זעלביקער חלום. וואָס פאַר אַ סוד איז דאָס? וואָס פאַר אַ חלום חלומט זיך זיי? דאָס ווייסן זיי ביידע

נישט. אַוודאי האָט ער עפּעס אַ שייכות מיט ליבע, אָבער וואָס פֿאַר אַ נאָמען טראָגט די ליבע, דאָס ווייסן זיי נישט.

יוכבד האָט אַ טעות, אויב זי מיינט, אַז פּערעלע שרייבט זיך נאָך איבער מיט חיימקען. זי האָט כמעט פֿאַרגעסן, ווי אַזוי ער זעט אויס. אויס חיימקע! נישטאָ חיימקע! זאָל ער יאָ חתונה האָבן מיט זיין רייכער כלה, זאָל ער נישט חתונה האָבן מיט איר. זי וויל אים נישט מער זען, זי וויל פֿון אים מער נישט וויסן. נישט אויס נקמה האָט זי אים נישט געענטפֿערט אויף זיינע לעצטע פֿיר־פֿינף בריוו, נאָר פּראָסט־פּשוט דערפֿאַר, ווייל ער לאַנגווייליקט זי און זי איז גאָרנישט אַנטציקט פֿון זיין אָנזאָג, אַז ער קלייבט זיך צו קומען קיין פּאַריז.

— פֿאַר וואָס איז דיר חיימקע, פּלוצלינג מיאוס געוואָרן? איך גלייב נישט, אַז דיך פֿאַרדריסט נישט, וואָס ער האָט אַ כלה.

— וואָס רעדסטו, רייזעלע? איך דאַרף נאָר אויסרעדן אַ וואָרט, וועט ער קומען צו פֿליִען צו מיר. אָבער איך וויל גאָרנישט ער זאָל קומען. איך וועל אים אויף מיין שוועל נישט אַרויפֿלאָזן. מיט עקל דערמאָן איך זיך אין דעם, וואָס איז צווישן אונדז ביידן פֿאָרגעקומען. כאָטש אויסערלעך איז ער אַ שיינער בחור... איך ווייס נישט צי דו פֿאַרשטייסט מיך...

— איך פֿאַרשטיי. איך פֿאַרשטיי. אָבער איך קאָן נישט אויסדריקן דאָס, וואָס איך פֿאַרשטיי. מיר פֿעלן ווערטער. ווייסט, פּערעלע, אונדז ביידן פֿעלט בילדונג. מיר דאַרפֿן זיך לערנען.

— ביסט גערעכט, רייזעלע. מיר האָבן אָבער צו ווייניק צייט. דער וואָרשטאָט ציט אַרויס דעם מאַרך פֿון די ביינער.

— וואָס קאָן מען טאָן, אַז מיר דאַרפֿן אַרבעטן, שווער אַרבעטן?

— וויפֿל מאָל קריג איך זיך מיט מיין ברודער הירשקען, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן האַנרי. ער זאָגט מיר, אַז איך בין אַ קליינבירגערין. איך טראָג זיך אַרום מיט חלומות, אַנשטאָט צו ווערן אַ קעמפֿערקע פֿאַר דער אַרבעטער־זאַך. איך וואָלט, ווי אַ סך אַנדערע יידישע און נישט־יידישע מיידלעך, געדאַרפֿט גיין אויף מיטינגען און אויף מאַניפֿעסטאַציעס. אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז דאָס האַרץ ציט מיך פֿאָרט נישט צו דעם. „דו האָסט אַ צו שיין פּנימל", וואַרפֿט מיר האַנרי פֿאָר, „דו האָסט פֿיינט זיך צו מישן

אין פאָליטיק״. איך מוז זיך מודה זיין, אַז ער איז גערעכט. איך האָב טאַקע פיינט דאָס אַלץ.

פערעלע טראַכט נישט מער פון חיימקען און רייזעלע טראַכט נישט מער פון דודן: אי פערעלע האָט „עמעצן״, אי רייזעלע האָט „עמעצן״. ביידע זענען זיי נישט פון בעלוויל, ביידע נישט קיין עמיגראַנטן, נאָר פראַנצויזיש־יידישע יונגעלייט.

אָבער נישט פערעלעס, נישט רייזעלעס פאַרבינדונגען זענען אַזעלכע, ווי מען קאָן לייענען אין די געוויינלעכע ראָמאַנען. זייערע ראָמאַנען זענען אָן לײדנשאַפט, אָן ברען, כמעט ניכטערע, כאָטש נישט פערעלע, נישט רייזעלע זענען אויסגערעכנטע מיידלעך.

אָט ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן פערעלעס ראָמאַן: קיין פּאַריז איז אַראָפּגעקומען פון אויסלאַנד אַ יידישע טעאַטער־טרופּע אויף גאַסטראָלן. אויף איינער פון די פאָרשטעלונגען, וואָס די דאָזיקע טעאַטער־טרופּע האָט געגעבן אין דעם טעאַטער סאַן־מאַרטען, איז פערעלען אויסגעקומען צו זיצן לעבן אַ יונגנמאַן, וואָס האָט קנאַפּ פאַרשטאַנען יידיש. זיינע עלטערן שטאַמען פון רוסלאַנד. ער גופא איז שוין געבוירן געוואָרן אין פּאַריז און הייסט פּאַפּאָווסקי, סאַשאַ פּאַפּאָווסקי.

בעת דעם אַנטראַקט האָט ער מיט איר אָנגעקניפּט אַ שמועס, זיך געוואָלט דערוויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך אין דער פּיעסע. אין טעאַטער איז ער געקומען, ווייל מען האָט אים געזאָגט, אַז די טרופּע איז אַן אויסגעצייכנטע און אַז די האַנדלונג פון דעם טעאַטער־שטיק שפּילט זיך אָפּ אין רוסלאַנד. די ביכער פון טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, טשעכאָוו, גאָרקי, טורגעניעוו האָט ער געלייענט אין דער פראַנצויזישער איבערזעצונג; וועגן יידן האָט ער פון זיינע אַסימילירטע עלטערן אויך עפּעס געהערט דערציילן — ער געדענקט שוין נישט גענוי וואָס. האָט ער זיך געטראַכט: ער וועט גיין אַ קוק טאָן ווי אַ יידיש טעאַטער זעט אויס. ער פרעגט אויס פערעלען נישט בלויז וועגן דער פּיעסע, נאָר בכלל וועגן יידן, וועגן זייער לעבן, וועגן זייער לשון.

פראַנצויזיש האָט פערעלע צו יענער צייט גערעדט זייער שוואַך, אָבער

ער האָט זי פֿאַרשטאַנען כמעט אויפֿן ווונק. כּדי זי זאָל קאָנען אים דערציילן נאָך מער וועגן דער דאָזיקער פּיעסע און אויך וועגן אַנדערע יידישע פּיע־סעס, דער עיקר אָבער וועגן זיך גופֿא, האָט ער געפֿרעגט, צי זי וויל זיך מיט אים טרעפֿן דעם קומענדיקן זונטיק אין אַ קאַפֿע. און ווייל אירע קענטע־נישן אין פֿראַנצויזיש זענען פֿאַר די פּאָר טעג נישט זייער אויסגעברייטערט געוואָרן, האָט ער איר פֿאָרגעשלאָגן צו געבן רעגלמעסיק פֿראַנצויזישע לעקציעס.

אַ לערער איז ער געווען אַ גוטער, האָבן טאַקע אירע קענטעענישן זיך פֿאַרמערט פֿון זונטיק צו זונטיק. ביסלעכווייז האָבן זיי אויך אָנגעהויבן צו שפּילן אַ ליבע, אָבער, ווי שוין דערמאָנט, אויף אַ ניכטערן אופֿן, גאַרנישט פּאַריזעריש. ער האָט זיין שטודיום נאָך נישט געהאַט פֿאַרענדיקט און זי האָט אין די ערשטע מאָנאַטן פֿון זייער באַקאַנטשאַפֿט נאָך אַלץ געבענקט שטילערהייט נאָך חיימקען. ס'איז נישט אין גאַנצן אמת דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט איינרעדן רייזעלען. אַפֿילו היינט טרעפֿט, אַז איר באַפֿאַלט אַ זיסער ווייטיק, ווען זי דערלאַנגט אַ טראַכט וועגן דעם שיינעם, ווילדן חיימקע מיט דער טשופּרינע שוואַרצע האָר. ווי קאָן מען אים פֿאַרגלייכן צו פּאַפּאָווסקין ? אמת, פּאַפּאָווסקי איז אויך נישט קיין מיאוסער בחור, אָבער אים פֿעלט יענעמס ברען ; ער פֿאַרמאָגט אויך נישט חיימקעס גרינע אויגן, וואָס לאַכן אַזוי קעציש־שטיפֿעריש.

אָבער זינט פֿערעלע האָט באַשלאָסן, אַז איר אייגענע שיינקייט איז איר געגנוג צו לעבן און הנאה צו האָבן פֿון לעבן, האָט זי פּאַפּאָווסקין ליב באַקומען. ס'איז שוין כמעט אַ באַשלאָסענע זאַך, אַז ווי נאָר ער וועט ענדיקן שטודירן און וועט באַקומען זיין אינזשעניר־דיפּלאָם, וועלן זיי חתונה האָבן. וואָס ווייטער וועט זיין, וויל זי נישט טראַכטן. אפֿשר וועט זי אים מיט דער צייט אַזוי ליב באַקומען, ווי זי האָט ליב געהאַט דעם ווילדן חיימקען.

## קאפיטל 6

ווּ הייבט זיך אָן דאָס יידישע פּאַריז און ווּ ענדיקט זיך עס?

צווישן די צוואַנציק אַראָנדיסמאַנגען, וואָס פּאַריז פאַרמאָגט, זענען פאַראַן דריי יידישע: דאָס גאָר אַלטע „פּלעצל", דער „מיטליעריקער" מאָנמאַרטר און דאָס יונג־אַלטע בעלוויל. צווישן אָט די דריי קוואַרטאַלן ציִען זיך גאַסן און געסלעך, באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, וואָס זענען זיך מתחתן איינעם מיטן אַנדערן. פאַראַן משפּחה־באַציִונגען און אויך אַרבעטס־באַציִונגען, וואָס ווערן גאָר שנעל אָנגעקניפּט צווישן די פּריש־אַראָפּגעקומענע יידישע אַרבעטער־עמיגראַנטן און די מער איינגעזעסענע פאַבריקאַנטן־עמיגראַנטן.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז אַלע יידישע אַרבעטער וווינען אויפן בעלוויל, אַז אַלע יידישע פאַבריקאַנטן און סוחרים וווינען אויפן פּלעצל און אַז אַלע פאַסאָן־אַרבעטער, אָדער זעלבשטענדיקע בעלי־מלאכות וווינען אויפן מאָנמאַרטר, אָדער אויף די גאַסן, וואָס פאַרבינדן איין הויפּט־קוואַרטאַל מיט דעם צווייטן, אין דעם הו־האַ פון פּאַריזער יידישן לעבן, ניין, אַזאַ מין געזעץ איז נישטאָ.

מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז חוץ „אַנטשלאָסענע", אַזוי צו זאָגן, אַרבעטער, ס'הייסט אַזעלכע, וואָס קיין אַנדערע אַמביציעס, ווי צו פאַרדינען זייער לעבן דורך פיזישער אַרבעט האָבן זיי נישט, זענען אויך פאַראַן צייטווייליקע אַרבעטער, וואָס האָבן בדעה צו ווערן מיט דער צייט אַ דאָקטער, אַן אינזשעניר, אַ ליטעראַט.

צו דער קאַטעגאָריע געהערן כלערליי „אָנגעהויבענע" אָדער „נישט־פאַרענדיקטע" סטודענטן, וואָס האָבן קיין אַנדער ברירה נישט ווי אַזוי צו פאַרדינען זייער אויסקומעניש ביז עס וועט ווערן פון זיי אַ לייט, סיידן עמעצער איז זיך שוין אין גאַנצן מיאש פון אַ וואַרעמען מיטאָג און ער באַשליסט צו שלאָפן אונטער די בריקן פון דער סענע. אָבער אויך דאָרט

זענען אַלע פּלעצער פאַרנומען דורך די היימישע וואַגאַבונדן, און דאָס איינ־רייסן מיט זיי דראָט טייל מאָל מיט אַ מעסער אין זייט.

אין אַלגעמיין איז נישט שווער צו דערקענען אין אַ יידישן עמיגראַנט וואָס איז נאָך נישט „אויסגעגרינט״, ווו ער ווינט, אין וואָס פאַר אַ שטאָט־טייל און במילא אויך, צי ער איז אַן איינפאַכער אַרבעטער ביי יענעם, צי אַ פאַסאָן־אַרבעטער, צי אַ פאַבריקאַנט אָדער גאָר אַ סטודענטל, וואָס איז אַ קעלנער אין אַ יידישן רעסטאָראַן, אַ פּרעסער פון הויזן, אָדער אַ שטונדן־געבער.

איז אפשר נישט קיין צופאַל, וואָס ר׳ פּנחס שטיין האָט זיך פאַר־פלאַנצט נישט אויפן „בעלוויל״, ווי דאָס האָבן געטאָן יאָסל, יוכבד און נאָך אַ סך פּוילישע און רומעניש יידישע עמיגראַנטן, נאָר דווקא אויפן „פּלעצל״ וואָס איז אַ מער איינגעפונדעוועטע יידישע „קאַרטיע״ (שטאָטטייל). איז דאָך פאַראַן עפּעס אַן אונטערשיד צווישן אים און יאָסל גראָסמאַנען.

שייך צו זאָגן אַן אונטערשיד? יאָסל גראָסמאַן איז אַ שוסטער אַ לאַ־טוטניק פון אייביקע צייטן אָן, און ער וועט שוין פאַרבלייבן אַ לאַטוטניק, צו וואָס פאַר אַ מלאכה ער זאָל זיך נישט נעמען אין פּאַריז. אַ גראָבער יונג געווען און אַ גראָבער יונג וועט ער בלייבן, אַפילו ווען ער וועט זיך אויסמענטשלען. פּאַריז איז טאַקע נישט פּשעטיני, פּאַריז איז אַ נייע וועלט, אָבער אַ נאַטור בייט זיך קיין מאָל נישט. וואָס זאָל מען זיך נאַרן?

פּנחס שטיין אָבער איז גאָר אַן אַנדערער מין מענטש. פּנחס שטיין איז נישט יאָסל גראָסמאַן. זיי קענען זיך גאָרנישט. פון וואַנען זאָלן זיי זיך קענען? אמת, זיי זענען ביידע געקומען צו פאָרן קיין פּאַריז אין דער זעל־ביקער צייט, אין דער זעלביקער וואָך, קאָן זיין. אָבער יאָסל איז אַראָפּ־געקומען אַהער פון פּשעטיני, וואָס פאַרמאָגט סך־הכל אַ דריי־פיר טויזנט יידן, בעת פּנחס — לאָמיר זאָגן ר׳ פּנחס, ווי אַלע רופן אים — האָט געוווינט אין לאָדזש, אַ שטאָט, וואָס עס פעלט נישט קיין סך זי זאָל זיין אַזוי גרויס ווי וואַרשע. ר׳ פּנחס איז נישט סתם אַזוי אַ ייד אַ באַלעבאָס, נאָר אַ תקיף, אַ כהן, אַ קאָכלעפל. פריִער אין לאָדזש, איצטער אין פּאַריז, אויפן „פּלעצל״.

שוין דעם צווייטן טאָג נאָך זיין קומען אַהער, איידער נאָך אַפילו ער

האָט געהאַט אַ דירה, האָט ער שוין געזאָגט אַ דעה אין דער שול און געשעפּט כבוד מיט דער פולער האַנט. אַנדערש איז גאָרנישט מעגלעך: „ר' פּנחס, וואָס מיינט איר?", „ר' פּנחס, ווי איז אייער מיינונג, לאָמיר הערן!".

און אַ „מיינונג" האָט ר' פּנחס וועגן אַלץ: וועגן דעם וועטער, וועגן דעם, וואָס פאַר אַ פּאַסקודנע שטאָט עס איז פּאַריז, וואָרעם אַלץ איז דאָך דאָ הפקר.

טאָ פאַר וואָס איז ר' פּנחס געקומען לעבן אין אַזאַ אויסגעלאַסענער שטאָט? פאַר וואָס איז ער נישט פאַרבליבן דאָרט, ווו ער איז געווען, אין לאָדזש? דעם אמת געזאָגט, האָט ער אפילו אַ ביסל חרטה אויפן בייט, וואָס ער האָט געמאַכט. נאָר זיינע געשעפטן דאָרטן זענען לעצטנס געגאַנגען באַרג־אַראָפּ. כאָטש אַזאַ פּרנסה ווי ער האָט געהאַט אין לאָדזש ביז צו דער לעצטער מינוט — ווער ווייסט צי ער וועט זיך צו איר דערשלאָגן דאָ אין פּאַריז, ווו איינער פאַרגינט נישט דעם צווייטן דעם ביסן אין מויל.

ווער זענען זיי, די נישט־פאַרגינערס? טאַקע אונדזערע יידעלעך. וואָרעם מיט די פראַנצויזן האָט ער דאָך נישט קיין מגע ומשׂא. ער קאָן גאָר־נישט זייער לשון. נאָר מען גיט זיך שוין אַן עצה. דער עיקר איז נישט די שפּראַך, נאָר דער קאָפּ. און ער, ר' פּנחס, האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס — נישט צו פאַרזינדיקן! פּויליש האָט ער דען יאָ געקענט? פון דעסטוועגן וואָלט ער דאָ געווען זיכער כאָטש מיט אַ העלפט חיונה ווי אין לאָדזש, וואָלט ער אויך נישט געהאַט וואָס זיך צו דאַגהן. קען ער נישט קיין פראַנ־צויזיש — וואָס איז דאָ דער אומגליק? זיינע קינדער אָבער — נישטאָ גאָר אַזאַ שפּראַך, וואָס זיי זאָלן נישט זיין אין שטאַנד זיך אויסצולערנען איינס און צוויי.

ר' פּנחסן דאַרפן נאָר קומען אויפן געדאַנק זיינע קינדער, זעט ער שוין זיי אַלעמען, יעדערן מיט זיין הילוך, מיט זיינע תנועות און מיט זיינע שטיק. ער פאַרפּלאָנטערט נישט דעם זון פון איין ווייב מיט דעם זון פון דער צווייטער. פאַראַן ביי אים זין און טעכטער אי פון דער ערשטער ווייב, אי פון דער צווייטער. די צווייטע איז געווען אַן אַלמנה און מיטגעבראַכט פיר אייגענע קינדער. מיט ר' פּנחסן האָט זי אויך געהאַט פיר נייע קינדער. ווען זיין צווייט ווייב איז געשטאָרבן, האָט ער גענומען אַ דריט ווייב, —

אויך מיט אַ פּאָר קינדער קיין עין־הרע. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן אַ גאַנצע אַרמיי. וואָלט זייער טאַטע געווען נישט ר׳ פּנחס, וואָלט ער שוין לאַנג געהאַט פאַרלוירן דעם קאָנטראָל איבער זיי.

אָבער קודם־כל לאָמיר וויסן וויניקסטנס ווי זיי הייסן, זיינע קינדער פון ערשטן, פון צווייטן און פון דריטן ווייב, וואָרעם שפּעטער, ווען זיי וועלן אונטערוואַקסן, וועט מען שוין גאָרנישט קאָנען אַרויסקריכן פון דעם פּלאָנטער. און אָנהייבן וועלן מיר פון דעם סאַמע עלטסטן זון אפרים, וואָס זיין מאַמע איז געווען ר׳ פּנחסעס ערשט ווייב, פייגעלע, ר׳ פישלס טאָכטער.

דאָס איז שוין אַ מעשׂה פון מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט. ר׳ פּנחסל איז דעמאָלט געווען אַ יונגער באַלעבעסל, סמיכה אויף רבנות האָט ער געהאַט, און ער וואָלט געקאָנט ווערן רב אין דער גרעסטער שטאָט ביי יידן. נאָר וואָס? ער האָט דאָס נישט געהאַט נייטיק, וויל זיין טאַטע, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, אויך געהאַט סמיכות אויף רבנות, איז געווען אַ טעקסטיל־פאַבריקאַנט. אַ לאָדזשער געבוירענער, נישט ווי עס טרעפט אַ ייד קומט צו פאָרן פון עפּעס אַ קליין שטעטל און ווערט אַ לאָדזשער. ניין, די פאַמיליע שטיין האָט געלעבט אין לאָדזש נאָך איידער זי איז געווען דאָס, וואָס זי איז היינט, אַ שטאָט מיט פאַבריקן, מיט קוימענס, וועבערייען, צווערנע־רייען, שפּינערייען, פאַרבערייען, שפּולערייען, שטאַפּערייען, גרויסע שניט־קראָמען. דאָס היינטיקע „פּוילישע מאַנטשעסטער” איז נאָך געלעגן אין די וויקעלעך, ווען ר׳ פּנחסעס עלטער־זיידע האָט שוין געוווינט אין לאָדזש.

אמת, ר׳ פּנחסעס טאַטע איז נישט געווען קיין ישׂראל פּאָזנאַנסקי, וואָס איז כמעט אַזוי רייך ווי ראָטשילד, אָבער עס האָט אים, חלילה, גאָרנישט נישט געפעלט. די שענסטע עליה שבת און יום־טוב, אַ דירה, אמת, נישט קיין פּאַלאַץ און אָן קאַנדעליאַברעס, אָבער — הלוואַי האָט ר׳ פּנחס דאָ אין פּאַריז אַזאַ דירה.

פּנחסל האָט געזאָלט ווערן רב. האָט אָבער דער איזשביצער רבי גופא אים אָפּגעראָטן דערפון. איז ער געוואָרן אַ טעקסטיל־פאַבריקאַנט ווי זיין טאַטע. נאָך דעם ווי זיין פאַבריקל האָט אָפּגעברענט, נישט היינט געדאַכט,

האָט ער געעפּנט אַ שניטקראָם, טאַקע מיטן געלט, וואָס ער האָט באַקומען פון דער אַסעקוראַציע־געזעלשאַפט.

דאָס איז שוין געווען עטלעכע יאָר נאָך דעם, ווי ער האָט געהאַט חתונה געהאַט מיט פייגעלען. אפרים, זיין עלטסטער זון, האָט שוין דאַן געהאַט אַ שוועסטערל, סאָניע רופט מען זי.

נאָך דעם געבורט פון אַט דיביידע קינדער האָט זיך דאָס קינדלען פון זיין ערשט ווייב, פייגעלען, נישט אָפּגעשטעלט. אַ צדיקת און אַ בריה איז זי געווען, הייגט דער גרויסער יחוס אירער!

דערפאַר טאַקע האָט פּנחסל זי גענומען אָן אַ גראָשן נדן, אָן אויסשטייער. איין קליינקייט — כמעט אַ קאָצקער אייניקל, דערצו אײדל־בלאַס ווי די לבנה. פאַרבליבן אַ יתומה, האָט זי זיך אויסגעהאָדעוועט אין דעם קאָצקער הויף און איז דאָרט פאַררעכנט געווען ווי אַן אייגן קינד.

ווי קומט אָבער פּנחסל צו קאָצק ? ווי אַזוי האָט ער, אַן אייניקל פון איינעם פון די הויפּט־רעדלפירערס אין דער מלחמה, וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן די קאָצקער און איזשביצער חסידים, געקאָנט אָפּטאָן אַזאַ מין זאַך און חתונה האָבן דווקא מיט אַ „קאָצקער אייניקל" ? האָט אָבער זיין טאַטע, דער זון פון דעם גענעראַל פון דער איזשביצער „אַרמיי", נישט בלויז מסכים געווען צום שידוך, נאָר אים צוגערעדט.

אַ מעשׂה איז דאָס אַן אויסטערלישע. אַפילו ווען זי וואָלט מיט ר' פּנחסן גופא נישט געהאַט קיין שייכות, וואָלט זיך אויך געלוינט זי איבערצודערציילן פאַר זיינע קינדער, זיי זאָלן וויסן, אַז זיי זענען געקומען אויף דער וועלט ווי אַ רעזולטאַט, קאָן מען זאָגן, פון דער מלחמה, וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן די קאָצקער און די איזשביצער חסידים, בעסער געזאָגט, אַ דאַנק דעם שלום־אָפּמאַך, וואָס איז נאָך דעם געשלאָסן געוואָרן צווישן קאָצק און איזשביץ.

לאָמיר אָבער דערציילן די מעשׂה, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט אַ קנאַפּן יאָרהונדערט צוריק, פונקט אַזוי, ווי עס האָט זי דערציילט ר' פּנחס גופא אין איינעם אַ שׂמחת־תורה נאָך די הקפות, אַ צוויי־דריי יאָר נאָך דעם, ווי די משפחה האָט זיך באַזעצט אין פּאַריז.

נישט ביי אַלע זיינע קינדער איז דער אינטערעס צו דער געשיכטע געווען אַ גלייכער, וואָרעם זיי האָבן נישט אַלע געהאַט די זעלבע מאַמע. געווען זענען צווישן זיי אַפילו אַזעלכע, וואָס ר׳ פּנחס איז גאָרנישט געווען זייער טאַטע.

זענען זיך צונויפגעקומען אַלע קינדער, זיך אויסגעזעצט ביים לאַנגן טיש, כדי זיך צוצוהערן צו דער דאָזיקער פאַמיליע־געשיכטע, וואָס ווערט דורך ר׳ פּנחסן דערציילט מיט אַ קניטש און מיט געשמאַק.

די ערשטע קינדער זיינע, פייגעלעס קינדער, זיצן אויבן אָן, וואָרעם זיי זענען דאָך דאָ די הויפּט־מחותנים. דערנאָך קומען די קינדער פון ר׳ פּנחסעס צווייט ווייב, ציפּע, וואָס האָבן אויך נאָך אַ שטיקל שייכות צו דער געשיקטע, וואָרעם זייער מאַמע איז געווען פייגעלעס אַ לייבלעכע שוועסטער און פייגע־לעס זין און טעכטער זענען נישט בלויז זייערע שטיפברידער און שטיפשוועס־טער, נאָך אויך זייערע קוזינען און זייערע קוזינעס. ווייטער קומען די קינ־דער בלויז פון ציפּען, וואָס זייער טאַטע איז נעבעך אַוועק פון דער וועלט פאַר דער צייט און זיי איז באַשערט געווען צו קריגן פאַר אַ שטיפטאַטן ר׳ פּנחסן. זייער שייכות צו דער מעשה איז שוין נישט אַזאַ גרויסע, אָבער זייער מאַמע איז פאָרט געווען אַ שוועסטער פון זייער מומען פייגעלע. אַ טאָכטער פון איינעם פון די וויכטיקסטע „שלום־נעמערס" אין דעם קאָצקער הויף. גאָר צו לעצט קומען די קינדער, וואָס ר׳ פּנחס האָט געהאַט מיט זיין דריט ווייב — גאָלדע רופט מען זי, זאָל זי לעבן און געזונט זיין.

— וויסן זאָלט איר, מיינע קינדער, אַז דאָס איז געשען מיט אַ צייט פריִער, נאָך איידער איר זענט געבוירן געוואָרן, איידער אַפילו איך בין געקומען אויף דער וועלט. היינט איז אַ רבי נישט מער קיין רבי, חסידים זענען אויך נישט מער דאָס וואָס אַ מאָל, קאָצק, איזשביצע — ווער פון אייך קימערט זיך וועגן דעם? אָבער אַמאָליקע צייטן איז קאָצק געווען קאָצק. און אַז ר׳ מנחם־מענדל מאָרגענשטערן זצ"ל האָט איינגעזען, אַז קאָצק איז אַראָפּ פונעם דרך־הישר, האָט ער זיך צעבונטעוועט און האָט פאַר רבין געקרוינט ר׳ מרדכי־יוסף איזשביצער. צו ר׳ מרדכי־יוסף זענען באַלד צוגעשטאַנען אַ סך קאָצקער חסידים, אָנגעזעענע בעלי־בתים פון לאָדזש, עסקנים און פּרנסים, ווי למשל, ר׳ חנא האַמבורסקי, שמואל

בזשעזשינער, ר׳ יעקב־וואָלף און דער ראש גופא פון דער לאָדזשער קהילה, ר׳ יחזקאל. ער און אייער זיידע זענען טאַקע געווען די הויפּט־מאַכערס ביי די נייע איזשביצער חסידים. אויס קאָצק, נישטאָ מער קאָצק.

ר׳ פּנחס טוט אַ זיפץ גלייך ווי די מפּלה פון קאָצק וואָלט אים פאַר־שאַפט צער און עגמת־נפש. הערט מען זיך אָבער צו גוט צו דעם דאָזיקן זיפץ, פאַרשטייט מען, אַז ער העלפט אים בלויז אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

— אויס קאָצק איז נאָך נישט אויס וועלט — צעשאָקלט זיך ר׳ פּנחס ווייטער — מיין זיידע האָט אויפגעמאַכט אין לאָדזש אַן איזשביצער שטיבל און די אַמאָליקע קאָצקער חסידים האָבן אָנגעהויבן צו דאַווענען אויף אַן אַנדער נוסח. עס רעדט זיך אַזוי: „אַן אַנדער נוסח". אין דער אמתן איז דער נוסח פאַרבליבן דער זעלביקער, נאָר פון דעמאָלט אָן האָט ער געטראָגן דעם נאָמען „איזשביצער נוסח".

— וואָס איז געוואָרן פון קאָצק? — דערלאַנגט אַ פרעג דער עלטסטער זון ר׳ פּנחסעס, כאָטש ער קען שוין דעם טאַטנס ענטפער אויף אויסנווייניק.

— וואָס פון קאָצק איז געוואָרן? דו מיינסט די וועלט איז אונטער־געגאַנגען? נישקשה, די חסידים, וואָס זענען פאַרבליבן געטריי דעם אַלטן קאָצקער רבין, זענען אויך נישט געבליבן שטיין מיט פאַרלייגטע הענט. צוזאַמען מיטן דעמאָלטיקן לאָדזשער רב — מען זאָגט, אַז זיינס אַן אייניקל איז געוואָרן אַ שרייבער אויף יידיש — ר׳ יחזקאל נאָמבערג האָט מען אים גערופן — האָבן זיי זיך געהאַלטן אייזן־פעסט אין זייער רבין אין קאָצק און זיי האָבן די איזשביצער חסידים שיִער נישט אַריינגעלייגט אין חרם. מען האָט זיך געשלאָגן און געפּאַטשט. די קאָצקער און די איזשביצער חסידים האָבן זיך נישט מער מתחתן געווען איינער מיטן צווייטן. נאָך מער: טאַטעס האָבן זיך צעקריגט מיט קינדער און קינדער מיט זייערע טאַטעס. דער האָט געהאַלטן פאַר דעם קאָצקער רבין, און דער — פאַר דעם איזשביצער רבין.

— אַ גאַנצער דרייפוס־אַפערע — רופט זיך אָפּ די יִינגסטע טאַכטער פון פייגעלעס צד, בת־שבע — באַשעלע, וואָס ווערט פאַררעכנט ווי די סאַמע געלערנטסטע אין דער משפחה, וואָרעם זי איז אַ סטודענטקע, און גראַד געשיכטע שטודירט זי.

— ווּ קומט דאָ דרייפוס? — בייזערט זיך ר׳ פּנחס. אין דער אמתן אָבער איז ער שטאָלץ אַז מיט דרייפוסן, וואָס האָט, אַלע גוייִם אויף צו להכעיס, געוווּנען דעם פּראָצעס, און מיט זיין טאָכטער, מיט פייגעלעס מיזינקעלע. ער איז שטאָלץ מיט איר, וואָס זי שטודירט די געשיכטע פון דרייפוסן, און דווקא אין אַ פראַנצויזישן אוניווערסיטעט, אויף דער סאָרבאָנע, ווי דאָס הייסט ביי איר.

— זאָגסט דאָך אַליין, טאַטעשי, אַז מען האָט זיך געשלאָגן, געהרגעט וועגן קאָצק און וועגן איזשביץ. איך פאַרשטיי נישט איבער וואָס מען האָט געדאַרפט זיך שלאָגן.

— געוויס פאַרשטייסטו נישט, מיין טאָכטער — ענטפערט איר דער טאַטע — אין דיינע אוניווערסיטעטן לערנט מען נישט פון קאָצק און אויך נישט פון איזשביץ, ווי באַלד מיר רעדן שוין יאָ דערפון, קאָן איך דיר זאָגן, מיין טאָכטער, אַז ווען נישט די דאָזיקע געשלעגן, וואָלסטו דאָ אפשר נישט געזעסן לעבן מיר, ווייל איך וואָלט מיט דיין מאַמען נישט חתונה געהאַט. ווער קאָן פאַרשטיין גאָטס דרכים?... נישט בלויז מען האָט זיך געשלאָגן, נאָר די געשעפטן זענען קאַליע געוואָרן, וואָרעם אַן איזשביצער חסיד האָט נישט מער געוואָלט האָבן צו טאָן מיט אַ קאָצקער חסיד. אויס קרעדיט, אויס אַרבעט. אַ סך יידן זענען רויִנירט געוואָרן.

— ערגער נאָך ווי די דרייפוס־אַפּערע — בת־שבע זאָגט עס אַרויס מיט אַזאַ טאָן, אַז אַלע צעלאַכן זיך, ר׳ פּנחס גופא אויך.

— ביסט גערעכט, מיין טאָכטער. ערגער נאָך ווי די דרייפוס־געשיכטע, וואָרעם עס איז אויסגעבראָכן אַ מגפה, נישט היינט געדאַכט. פינף יאָר נאָכאַנאַנד האָט זי געדויערט. אַ פאַרפּלייצונג האָט אָפּגעוווישט די תבואות אויף די פעלדער, מענטשן זענען געפאַלן ווי די פליגן אי פון הונגער אי פון דער כאָליערע. איז טאַקע נישט קיין וווּנדער, וואָס יידן זענען געלאָפן פון לאָדזש. וואָלט די מלחמה צווישן די קאָצקער און די איזשביצער חסידים אָנגעהאַלטן נאָך אַ פּאָר יאָר, וואָלטן אין לאָדזש מער קיין יידן נישט געבליבן.

— ווי האָט זיך די דאָזיקע מלחמה פאַרט פאַרענדיקט?

— די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט... ווי לאַנג איז דען דער שיעור זיך צו רייסן? ס׳האָבן דען אויסגעפעלט חסידים אין פּוילן? עס זענען געווען

געגוג חסידים אי פאַר דעם קאָצקער, אי פאַר דעם איזשביצער רבין. מאַכט זיך אַ מעשׂה, אַז אין איזשביצע גופא זענען אין איין צייט אַוועק אויף יענער וועלט דריי זייער חשובע בעלי־בתים פון לאָדזש, וואָס זענען געהאַט געקומען נעמען שלום פון דעם רבין אין איינעם מיט הונדערטער אַנדערע איזשביצער חסידים פון צענדליקער שטעט און שטעטלעך. געהייסן האָבן זיי: ר׳ איציקל, ר׳ ישׂראל־יעקב און ר׳ מעכל.

— זעסט שוין, טאַטעשי — רופט זיך אָפּ רבקהלע מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל אויף די ליפּן — זעסטו שוין, אַז די איזשביצער האָבן נישט געטאָרט אַוועקגיין פון קאָצק און גרינדן אַן אייגענע פּאַרטיי.

שוין פון דעם איינעם וואָרט „פּאַרטיי״, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין איר בולט־איראָנישער באַמערקונג, איז צו זען, ווי זי האַלט אי פון די קאָצקער, אי פון די איזשביצער חסידים. נאָך עפּעס קאָן מען פון אָט דעם וואָרט „פּאַרטיי״ פאַרשטיין, אַז זי איז די איינציקע פון דער מאַמע פייגעלעס צד, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פּאָליטיק. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, זענען איר די קאָצקער חסידים פאָרט געווען מער צום האַרצן, ווי די איזשביצער, ווייל זי האָט איר יונג־פאַרשטאָרבענע מאַמען שטאַרק ליב געהאַט, זי איז ביים טויט פון איר מוטער שוין געווען אַ קינד פון פינף יאָר.

מאַכט זיך ר׳ פּנחסל גלייך ער וואָלט דאָס וואָרט „פּאַרטיי״ פאַרהערט און טוט אַ זיפץ, מער גאָרנישט. ער ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס. אים דוכט, אַז רבקהלען האָט ער מער ליב ווי אַלע אַנדערע קינדער, כאָטש פון איר האָט ער דאָך געהאַט צער מער ווי פון אַלע אַנדערע, צער און חרפּה, וואָרעם אין לאָדזש האָט זי זיך אַרומגעשלעפּט טאָג און נאַכט מיט די אַרבעטער פון באַלוט, און אין טורמע איז זי שוין אויך געזעסן. ווען אים וואָלט זיך נישט איינגעגעבן אַ „שמיר״ צו טאָן מיט אַ שיינע פּאָר טויזנט זלאָטעס, וואָלט זי אפשר נאָך היינט געזעסן.

— קאָן זיין דערפאַר — ענטפערט ר׳ פּנחס, ווענדנדיק זיך דער עיקר צו רבקהלען — האָט דיין זיידע, אַן איזשביצער חסיד, מיך צוגערעדט איך זאָל חתונה האָבן מיט דיין מאַמען.

וואָס אָבער האָבן ר׳ פּנחסעס איבעריקע קינדער פון דער דאָזיקער מעשׂה? אַריינמישן, מישן זיי זיך קיין מאָל נישט אַריין. זיי קענען זי שוין

אויף אויסנווייניק, כאָטש יעדעס מאָל, ווען ר׳ פּנחס דערציילט זי, קומט צו אַ נייער זיפץ. די פראַגן פון פייגעלעס קינדער זענען אויך נישט שטענדיק די זעלביקע.

אַלץ וואָלט ר׳ פּנחסל מוחל געווען זיינע קינדער, אָבער זאָל עמעצער פון זיינע זין אָדער טעכטער פּרוּוון זיך אַרויסדרייען פון דער דאָזיקער, אין ערגעץ נישט געשריבענער מעשה, וואָלט זיי מער נישט געפעלט... ר׳ פּנחס איז אַ כהן, און ווי אַלע כהנים איז ער אַ גרויסער כעסן. אַלע מוזן אים האָרכן. אין רבקהלע האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער ווי ער. אפשר דער־פאַר, ווייל זי איז דער לעבעדיקער פּאָרטרעט פון איר מאַמען, דעם „כמעט קאַצקערס אייניקל״. דאָ קאָן ער זיך שוין מער נישט העלפן. אָבער אויך זי, זאָל זי נאָר וועלן זיך אַרויסדרייען פון דער מעשה זיינער, וואָלט זי דאָס ביי אים בשום־אופן נישט געפועלט.

אַזאַ ייד איז ר׳ פּנחס. די קינדער פון פייגעלען זענען די אַקטיווע צוהערער; די אַנדערע — זענען „פּאַסיווע צוהערער״. אָבער שטילערהייט האָט זיך יעדער פון זיי זיין אייגענע וועלט.

**וואָס איז עס פאַר אַ וועלט?**

דער ערשטער בשותפותדיקער צווילינג פון פּנחסן און ציפּען איז חיימקע און דינה. קאָן מען וועגן זיי דערווייל בלויז זאָגן, אַז זיי האָבן ביידע ביז צו זייער אָפּפאָר קיין פּאַריז מיט עטלעכע יאָר צוריק זיך געלערנט: ער אין אַ ישיבה, זי אין דער לאָדזשער העברעיִשער גימנאַזיע. זי לערנט זיך ווייטער און גרייט זיך שוין איצט צו איר מאַטורע־עקזאַמען. חיים העלפט זיין טאַטן אין געשעפט, ס׳איז פּאַרויסצוזען, אַז ער וועט ווערן אַזאַ געניטער סוחר ווי ר׳ פּנחס אַליין.

די איבעריקע צוויי יינגלעך פון דער מאַמע ציפּעס צד, זשאַמעלע און וועלוועלע, גייען אויך אין אַ מיטלשול. גוטע קעפּלעך האָבן זיי, פאַלט זיי ד׳אָס לערנען נישט שווער.

וואָס שייך ציפּעס אייגענע קינדער, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט ר׳ פּנחסן אַ מתנה פון איר ערשטן פאַרשטאָרבענעם מאַן, נתן און משה, זענען זיי שוין אויסגעזאָרגטע, גאָט צו דאַנקען. אין לאָדזש האָבן זיי אַ שטיק צייט

נאָך זייער מוטערס טויט געווינט ביי זייער שטיפטאַטן ר׳ פנחס און באַהאַנדלט געוואָרן גלייך, ווי זיי וואָלטן געווען זיינע אייגענע קינדער, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי זענען פאַרבליבן קיילעכדיקע יתומים. דערנאָך זענען זיי אַרויס פאַר זיך. נתן האָט זיך אויסגעלערנט בוכהאַלטעריע, און משה איז געוואָרן אַ צאָן־טעכניקער.

אַ מאָדנע זאַך: ר׳ פנחסעס דריט ווייב — גאָלדע הייסט זי — האָט אין לאָדזש נישט געקאָנט זיי פאַרטראָגן, נישט ווייל זי איז אַ שלעכטע, חלילה. זי ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס. אַדרבה, זי איז דווקא גאָר אַ גוטע, און צו די קינדער פון „קאַצקערס אייניקל" איז זי אַן אמתע מאַמע. ערשט אין פּאַריז, ווו נתן און משה קאָנען אויסקומען אָן איר און זיי דאַרפן זי מער נישט האָבן, זוכט זי אַלע מיטלען זיי מקרב צו זיין. זי לייגט ממש איין וועלטן טאָמער זעט זי זיי נישט כאָטש צוויי מאָל אַ וואָך. און אַז זיי קומען, ווייסט זי נישט וואָס מיט זיי צו טאָן: „עסט, קינדערלעך! טרינקט נאָך אַ גלאָז טיי! נעמט נאָך אַ ביסל איינגעמאַכטס! בלייבט נאָך אַ ווילע, איך האָב דאָך אייך שוין אַזוי לאַנג נישט געזען!"

וואָס איז מיט איר דער מער? דערוואַרט זי עפּעס פון זיי? ניין. נישט גאָלדען, נישט איר מאַן פעלט עפּעס, חלילה. די געשעפטן גייען נישט שלעכט, און וואָס שייך נחת פון קינדער, האָט זי דאָך קיין עין־הרע, קיין בייז אויג זאָל נישט שאַטן, דריי אייגענע קינדער, קינדער, וואָס זי האָט אַליין אויסגעטראָגן, זאָלן זיי איר געזונט און שטאַרק זיין. געראָטענע קינ־דער, געזונטע, שיינע. דער בכור וועט שוין באַלד פּראַווען זיין בר־מצווה. אַ מלמד קומט אַריין אין שטוב און לערנט מיט אים אַלץ, וואָס מען דאַרף צו דער בר־מצווה. הירשעלע הייסט ער, נאָך איר טאַטן ז״ל, וואָס איז געווען אַ ייד אַ למדן, כאָטש אַ גרויסער אָרעמאַן. טוט איר טאַקע ווי דאָס האַרץ, וואָס אין די קלאַסן האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן האַנרי, ווייל הירשעלע פאַרשטייט מען דאָרט נישט וואָס דאָס הייסט. אָבער יעדעס מאָל, ווען זי הערט, אַז מען רופט אים האַנרי, ווערט איר פינצטער פאַר די אויגן. דערפאַר אָבער איז גאָלדען געראָטן אָפּצוראַטעווען איר מיידעלעס יידישן נאָמען, וואָרעם דער נאָמען אסתר, ווייזט זיך אַרויס, דאַרף נישט איבערגעזעצט ווערן אין פראַנצויזיש. נישטאָ קיין פראַנצויזישער נאָמען פאַר אסתר.

עפּעס איינער אַ פראַנצויזישער שרייבער, האָט אסתרל איר דערציילט, זאָל האָבן אָנגעשריבן אַ טעאַטער־זאַך, וואָס רופט זיך „אסתר". אַ דאַנק גאָט דערפאַר. אסתר איז געווען אַ מלכה, טוען איר די פראַנצויזן אָן כבוד און לאָזן איבער איר יידישן נאָמען.

זיצט גאָלדע אָן אויסגעפּוצטע ביים לאַנגן שיינעם טיש און קלייבט נחת פון אירע קינדער, פון הירשעלען אָדער פון האַנריִן, וואָס גרייט צו זיין בר־מצווה, פון אסתרלען, וואָס איז שיין ווי גאָלד און פון איר מיזיניקל יונהלע, איר שׂמחה, איר גדולה. זי פרייט זיך אויך מיט די איבעריקע קינדער פון די ערשטע צוויי ווייבער פון איר מאַן, וואָס זענען זיך צונויפ־געקומען אַלע צום טאַטנס שׂמחת־תורה־טיש, כאָטש נישט אַלע האַלטן זיך ביי יידישקייט און פּנחסל (אַזוי רופט זי איר מאַן) האָט געַנוג צער דערפון. דער און יענער גייט אויף בעלער און מאַכט זיך דאָרטן אַ שׂמחת־תורה רחלע, אַ שטייגער, וואָס רופט זיך ראַשעל, לויפט אַרום אויף די בעלער און איר פּנחסלען ציטערט געַנוג דאָס האַרץ איבער דער סכנה, וואָס קאָן, חלילה, דערפון אַרויסקומען. די „הקפה" רופט מען זי אין שטוב, ווייל זי האָט ליב צו טאַנצן. זי מיינט, אַז זי איז געבוירן געוואָרן צו זיין אַן אַרטיסטקע אין קינאָמאַטאָגראַף, אָדער אין סינעמאַ, ווי מען זאָגט דאָ.

אָבער היינט איז שׂמחת־תורה און אַלע קינדער זענען זיך צונויפגע־קומען ביי זייער טאַטן. מען דערציילט זיך מעשׂיות און מען עסט, מען טרינקט, ס'איז פריילעך. טאָ נאָך וואָס זאָל זי זיך מער זאָרגן ווי איר פּנחסל? עס וועט שוין מסתמא רעכט זיין.

יאָ, עס וועט שוין רעכט זיין. מען דאַרף לאָזן גיין ווי עס גייט. סיי ווי קאָן מען דאָך די צייט נישט אָפּשטעלן, און וואָס עס איז באַשערט יעדערן פון הימל, וועט אים מוזן אָנקומען.

## קאַפּיטל 7

דער בולוואַר בעלוויל איז אַ המשך פון בולוואַר מענילמאָנטאַן, וואָס הייבט זיך אָן ביים בית־עולם פּער־לאַשעז. אויףביידע בולוואַרן מעניל־מאָנטאַן און בעלוויל — אַזוי גוט ווי אין אַלע גאַסן, געסלעך און דורכגענג, וואָס צווייגן זיך אָפּ פון זיי, אָדער שלינגען איין איינע די צווייטע, ביז פון איין זייט, גאָר אַרויף, צום פּאַרט דע לילאַ, און פון דער צווייטער, אַראָפּ־צו צום פּלאַץ פון דער באַסטיליע אָדער צום פּלאַץ פון דער רעפּובליק, און נאָך ווייטער, נאָך נידעריקער — אומעטום באַגעגנט מען זיי, די יידישע עמיג־ראַנטן, צונויפגעפּאַרענע אין פּאַריז, ווער אויף שטענדיק, ווער בלויז צייטווייליק, פון פּוילן, פון ליטע, פון רומעניע.

אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן זיי, טייל מאָל ביז אין מיטן דער נאַכט אַריין. ווען זיי האָבן נאָך נישט קיין אַרבעט, צי זיי האָבן די אַרבעט פאַרלוירן, גייען זיי פון בולוואַר צו בולוואַר, פון הויף צו הויף, זוכן עמעצן, וואָס זאָל וועלן ווערן זייער אַרבעטגעבער. עס טרעפט אויך אַז זיי גייען אַרום גלאַט אַזוי זוכן אַ לאַנדסמאַן, פאַר וועמען זיך אויסצורעדן דאָס האַרץ. זיי זענען פאַרבענקט נאָך אַ היימיש פּנים, נאָך אַ גוטן פריינד, נאָך אַ חבר.

ס'איז זייער שווער זיך „אויסצוגרינען", צו ווערן אַ פּאַריזער מיט אַלע פּאַריזער צוגלייך, און ס'איז אַוודאי און אַוודאי שווער זיך צוצופּאַסן אַ מלאכה, וואָס מען זאָל זי קאָנען מאַכן אַזוי שנעל, אַז מען זאָל פאַרדינען אויף אויסקומעניש. ס'איז נישט קיין פראַגע פון אַרבעטן גוט, נאָר פון אַרבעטן שנעל, פון דעריאָגן די מאַשין, פון כאַפּן דעם ריטעם פון אַרבעט אין פּאַריז.

אַ סך יידישע אַרבעטער זענען געוואָרן „העגט" אין פּאַריז. נישט קיין גאַנצע שניידערס, אויף מאָס־שניידערס דאַרף מען זיך לערנען יאָרן לאַנג. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אויף גיך איינניייען קנעפּלעך, אויסנייען לעכלעך,

אָפּשטעפּן אַ נאָט אין אַ פּאָר הויזן, איינניייען אַ קאָלנער און נאָך אַזעלכע איינפאַכע אַרבעטן. פאַראַן אויך קאַמאַשנשטעפּער, בייטלמאַכער, פעלץ־אַרבעטער. עס טרעפט אויך, אַז עמעצער, וואָס איז נאָך נעכטן געווען אַן אַרבעטער ביי יענעם, ווערט אַ פאַבריקאַנט, און זיין פריערדיקער באַלע־באָס מוז זיך בעטן אַרבעט ביי אים.

דאָס אָבער קאָן נאָר געמאָלט זיין ביי אַזעלכע פאַכן, ווי קאָנפעקציע אָדער בייטלמאַכעריי, וואָס מען לערנט זיך אויס איינס און צוויי. דאַקעגן אַזאַ פאַך ווי זייגערמאַכעריי לערנט מען זיך נישט אויס פון היינט אויף מאָרגן. זענען טאַקע צווישן די בעלווילער עמיגראַנטן פאַראַן ווייניק זייגער־מאַכער, סיידן איינער קומט אַראָפּ קיין פּאַריז אַ פאַרטיקער זייגערמאַכער פון דער היים. דאַן עפנט מען אויף אַן אייגענע זייגערמאַכעריי מיט אַ טיר אויף דער גאַס און מען מאַכט אַ לעבן. אָבער דאָס טרעפט זעלטן.

דערפאַר טאַקע איז דער זייגערמאַכער שלום שוואַרצבאַרד אויפן בעלוויל געווען אַ באַקאַנטע פיגור, און זיין זייגערמאַכעריי באַלד ביים אַנ־הייב פון בולוואַר בעלוויל, נעבן דעם גרויסן בית־עולם פּער־לאַשעז, איז געווען אַ צוזאַמענקונפט־אָרט פאַר די בעלווילער יידן. די זייגערמאַכעריי גופא איז געווען גרויס אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן און קיין גרויסע זיבן זאַכן זענען אין דער וויטרין נישט געווען צו זען: אַ פּאָר ביליקע זייגערלעך, עטלעכע וועקערס — דאָס איז אַלץ וואָס שוואַרצבאַרד האָט געהאַט אָנצובאָטן. קוי־פערס זענען געווען זעלטן, אָבער דערפאַר איז שוואַרצבאַרד אין סתם געסט נישט געווען זשעדנע. אין דער דאָזיקער קליינער זייגערמאַכעריי האָט מען גאַנץ אָפט געקאָנט באַגעגענען די אָקערשט אָנגעקומענע עמיגראַנטן, און עס פלעגט טרעפן, אַז זי איז געווען פול מיט מענטשן.

אַן אַנדער זייגערמאַכער וואָלט נישט געלאָזט זיך שטערן אין מיטן דער אַרבעט. שוואַרצבאַרד אָבער פלעגט תמיד שמייכלען גוטמוטיק, אויסהערן אַלעמענס צרות און טרייסטן, און זייער אָפט פלעגט ער אויך אַרויסהעלפן אַ חבר פון אויסלאַנד אָן פּאַפּירן און אָן אַ סאַנטים ביי לייב און לעבן.

געשטאַמט האָט ער נישט פון פּוילן, נישט פון רומעניע, נישט פון ליטע, ווי די מערהייט יידישע עמיגראַנטן פון די צוואַנציקער יאָרן, נאָר

פון אוקראַינע. אייגנטלעך איז ער געקומען קיין פּאַריז נאָך פאַר דער מלחמה און האָט אי לויט זיין אויסזען, אי לויט זיין באַנעמונג געהערט צו דעם טיפּ עמיגראַנטן פון 1905, וואָס זענען אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד נאָך דער מפּלה פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. אַז די דאָזיקע עמיגראַנטן זענען געווען יידן, האָבן זיי חוץ צוליב דער רעאַקציע, וואָס האָט זיך צעבליט אין דעם אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, געהאַט נאָך אַ סיבה צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד: די פּאָגראָם־כוואַליע, וואָס האָט אין יענע יאָרן פאַרפלייצט גאַנץ אוקראַינע.

ביים אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע, באַלד נאָך דעם ווי ער איז דעמאָביליזירט געוואָרן פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, איז שוואַרצבאַרד געפאָרן קיין אוקראַינע דינען דער רעוואָלוציע און ס'איז אים אויסגעקומען צו זיין אַן עדות פון די שרעקלעכע שחיטות, וואָס די פּעטליוראָווצעס האָבן געמאַכט אין זיין היימשטעטל און אין אַלע איבעריקע אוקראַינישע שטעט און שטעטלעך. דאָרט האָט ער געשוווירן נקמה צו נעמען פון דעם הויפּט־תלין, פון פּעטליורען.

אין איינעם אַ טאָג פון חודש מאַי האָט זיך אַרום דעם הויז פון זייגערמאַכער געמאַכט אַ טומל און אַ געלויף. מען האָט קיינעם אין דעם הויז נישט אַריינגעלאָזט. צוויי פּאָליציאַנטן האָבן פאַרשפּאַרט דעם וועג צום אַריינגאַנג. דאָס געזעמל פאַרן הויז האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן.

— איר זעט ווי צעשלאָגן ער איז? ס'איז גלייכער, אַז מען פאַלט נישט אַריין צו זיי אין די הענט.

— ס'איז מסתמא אַ פּאָליטישע זאַך.

— ביסט גערעכט. מען האָט אָוודאי געמאַכט אַ רעוויזיע ביי אים אין שטוב. דו ווייסט, אַז ער איז אַן אַנאַרכיסט? ווער ווייסט, וואָס ער האָט אָנגעטאָן.

— אפשר פאַלשע פּאַפּירן?

— מען דאַרף זיך היטן פאַר די מאַכערס.

— איז ער דען אַ מאַכער פון פאַלשע פּאַפּירן?

דער עולם ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. פּאָליציי יאָגט, טרייבט. אַט זעצט מען אים אַריין אין דעם אויטאָ. מען פירט אים אַוועק. אויפן

## צוויי משפחות

שוועל בלייבט שטיין זיין ווייב, זי וויינט, צוויי פרויען האַלטן זי אונטער פאַר די אָרעמס.

— וואָס איז דאָ געשען ?

די דאָזיקע פראַגע טראַגט זיך פונאַנדער פון דער רי דע לאַ ראָקעט ביז צום בולוואַר מענילמאָנטאַן, אַרונטער צום בולוואַר בעלוויל, פאַר־קירעוועט זיך אין אַלע גאַסן און געסלעך, הילכט אָפּ אין די יידישע הויפן, אין די האָטעלן, אין די הייזער, אומעטום מאַכן זיך רעדלעך:

— וואָס איז געשען ?

— אַן אַטענטאַט.

— אַן אַטענטאַט אויף וועמען ?

— שוואַרצבאַרד דער זייגערמאַכער !

— מיר האָבן דאָך אים איצט געזען. ער לעבט.

— ער האָט עמעצן דערשאָסן. איך האָב אַליין געהערט.

— וועמען דערשאָסן ?

— איך ווייס נישט.

— פאַר וואָס געשאָסן ?

— ער איז אַן אַנאַרכיסט.

— דו ווייסט אַ סך וואָס אַן אַנאַרכיסט איז.

— איך ווייס בעסער פון דיר וואָס אַן אַנאַרכיסט איז. איך האָב שלומען געקענט.

— איך האָב אים אויך געקענט. ווער האָט אים נישט געקענט ?

— נישט אַזוי ווי איך.

— טאָ זאָג, וועמען האָט ער דערשאָסן ? פאַר וואָס ?

— אָט שרייט מען „פּאַרי סואַר״. מיר וועלן זיך באַלד דערוויסן.

און מען האָט זיך טאַקע דערוווסט. יידן פון מענילמאָנטאַן, פון בעלוויל, פון רעפּובליק, פון אַלע עקן פּאַריז האָבן אין איין רגע זיך דערוווסט, וואָס עס איז געשען: שוואַרצבאַרד האָט דערשאָסן דעם באַנדיט פּעטליוראַ. ער האָט אים באַגעגנט אויף דער שוועל פון אַ רעסטאָראַן אין לאַטיינישן קוואַרטאַל און אים דערקענט.

— איר זייט דאָס הער פּעטליוראַ ?

פעטליורא האט א פאכע געטאן מיט זיין שפאציר־שטאק, ווי ער וואלט זיך געוואלט פארטיידיקן פאר דעם דאזיקן יידיש־אויסזעענדיקן יונגנמאן אין ווייסן ארבעטסראק.

— אזוי גאר? האט שווארצבארד געשריגן ווי נישט מיט זיין קול — אט האסטו פאר פראסקוראוו איין קויל, אט האסטו פאר בערדיטשעוו א צווייטע קויל, אט האסטו פאר זשיטאמיר א דריטע קויל.

די פארבייגייער האבן נישט געוווסט, נישט ווער דער אנפאלער איז, נישט ווער דער דערמארדעטער איז; זיי האבן נישט געקענט די סיבה פון דעם דאזיקן אטענטאט. האבן זיי זיך ארויפגעווארפן אויף שלומען און אים שיער־שיער נישט געלינטשט.

דאס אלץ האט מען זיך דערוווּסט פון דער צייטונג. געווען נישט ווייניק יידן, וואס האבן זיך דערמאנט אין זייערע אלטע היימען אין אוקראינע, אין די בית־עולמס, אין די מאסן־קברים. זיי האבן דערפילט ווי זיי וואלטן אי יינגער, אי עלטער געווארן גלייכצייטיק. דער אטענטאט האט זיי פארטראגן הונדערטער מיילן ווייט פון פאריז, אונטער אן אנדערן הימל. ארום זיי האבן געבושעוועט קאזאקן, אוקראינער, יידיש בלוט האט זיך געגאסן ווי וואסער. נאר אט האט די שעה, די לעצטע שעה פון דעם בלוטיקן אטאמאן פעטליורא געשלאגן, און ווו? אין פאריז.

די ידיעה וועגן אטענטאט איבער פעטליוראן איז דעם אייגענעם נאכמיטאג אנגעקומען אויך צו יאסל גראסמאנען אין קעלערשטוב. די נייעס האט מיטגעבראכט יאסל אליין. אלץ איז דאך פארגעקומען נישט ווייט פון שמערל טויבערס שוסטער־ווארשטאט, ווו ער ארבעט.

— א ייד... דער זייגערמאכער... איר ווייסט שוין ווער... ער האט דערשאסן א פאגראמשטשיק פון אוקראינע.

— זאל נאר דערפון נישט ארויסקומען קיין שלעכטס פאר יידן — רופט זיך אפ יוכבד. און זי נעמט שוין דעם פארטעך אין דער האנט אויף אפווישן א טרער פון די אויגן.

— שוין ווידער געוויינט? — שרייט יאסל זיך פונאנדער — ווארט, ווארט, וועסט באלד האבן פון וואס צו וויינען...

און ער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט, גרייט — ער ווייסט אַליין נישט וואָס צו טאָן.

די קינדער, שעפּסעלע און ביילקע, וואָס זענען געזעסן ביים טיש און האָבן צוגעגרייט זייערע לעקציעס, האָבן באַמערקט, ווי דער טאַטע ווערגט זיך מיט זיין גרימצאָרן.

— שרעקט זיך נישט, קינדערלעך — רופט זיך אָפּ די מאַמע — איר ווייסט דאָך. דער טאַטע אייערער קאָן נישט זען...

— איך קאָן נישט זען — האָט יאָסל זיך צעריטשעט — אַזוי פיל מכות דיר אין די זייטן, וויפל טרערן דיינע איך וואָלט וועלן...

— הערסט אויף, צי נישט? — האָט הירשקע אַ געשריי געטאָן אויפן טאַטן.

— הירשעלע, הירשעלע, וואָס טוסטו? — האָט די מאַמע זיך גענומען ביי אים בעטן.

דער מאַמעס תחנונים האָבן געהאָלפן. אַ נישט איז הירשקע געוועזן גרייט זיך אַרויפצווואַרפן אויפן אייגענעם טאַטן.

שוין עטלעכע חדשים, ווי ער ווויינט נישט מער צוזאַמען מיט די עלטערן. ער באַשטייט שוין אַליין זיין שטעטל. פּאַרקערט: אַ העלפט פון דעם וואָס ער פאַרדינט, גיט ער אַוועק דער מאַמען. גראָד היינט איז ער געקומען. וואָס אָבער איז דאָ געשען? פאַר וואָס איז ער פּלוצלינג אַזוי אין כעס געוואָרן?

וואָס קאָן יוכבד נעבעך טאָן? דערציילן אַלע אירע צרות הירשקען, וויל זי נישט. איבעריקנס, קען ער זיי אַליין זייער גוט. וואָלט זי זיך נישט אַריינגעמישט, וואָלט, חלילה, געקומען צו אַ געשלעג צווישן טאַטן און זון. זי איז צופרידן, וואָס ער ווינט באַזונדער. דעמאָלט, ווען ער קומט, האַלט זיך זיין טאַטע איין, כאָטש זיי רעדן נישט אויס קיין וואָרט איינער צום אַנדערן.

הירשקען איז פיינלעך צו טראַכטן וועגן זיין טאַטן. ער זוכט ווי מיט ליכט עפּעס אַ שטריך אין זיין כאַראַקטער, וואָס זאָל העלפן אים דן זיין לכף זכות, נאָר ער געפינט נישט, ער געפינט נישט גאָרנישט. סיידן זיינע צרות, זיין ביטער מזל, זיינע יסורים, וואָס באַגלייטן אים פון זיינע קינדער־יאָרן

און האָבן אָפּגעטויט אין אים דעם ווילן בעסער צו ווערן, רחמנות צו האָבן אויף זיך אַליין, אויף דער אייגענער פאַמיליע. אפשר האָט ער יאָרן לאַנג זיך געווערט, זיך געראַנגלט קעגן דעם דאָזיקן אומגליק זיינעם און נישט געקאָנט אים גובר זיין.

אויב דאָס איז די אמתע סיבה; שלעכט מחמת אומגליקלעך, און אומ־גליקלעך מחמת שלעכט, און פון דאַנען די יאָרן לאַנגע מלחמה קעגן זיך גופא און קעגן זיין גאַנצער פאַמיליע — איז דאָס אַליין שוין אַ זכות.

עס וואָלט דאָך געקאָנט פּאַסירן, אַז ער, הירשקע, זאָל נישט בעסער זיין פון טאַטן, וואָרעם ער קאָן נישט די שוואַרצע בילדער פון זיין קינדהייט פאַרטרייבן פון זיך. צום גליק האָט זיין מאַמע אין זיין לעבן גוט געמאַכט דאָס, וואָס דער טאַטע האָט געהאַט פאַרדאָרבן. און אַרויס איז ער פון אַלע נסיונות — אַזוי דוכט זיך אים — אַ געלייטערטער, אַ מענטש אָן כעס און אָן שׂנאה, אַ דאַנק דעם גוטן מלאך, אַ דאַנק זיין ליבער מאַמען.

זי האָט מיט אירע טרערן אָפּגעוואַשט אַלע שפּורן פון שלעכטס און פון אומגליקן. ווי גוט איז אים, אַז זיין מאַמע האָט געהאַט אַזוי פיל כוח איבערצוטראָגן דאָס אַלץ.

הירשקע באַשליסט צו אַנטלויפן פון דער דאָזיקער פּיינלעכער סצענע. ער וועט אָפּשטאַטן אַ וויזיט זיין שוועסטער פערעלען, פערעלע פּאַפּאָווסקי. זי האָט חתונה געהאַט מיטן פּראַנצויזישן בחור, וואָס זיינע עלטערן שטאַמען פון רוסלאַנד. ער גופא איז שוין געבוירן געוואָרן אין פּאַריז. געוווינט האָבן זיינע עלטערן אין מאָסקווע. דערפאַר טאָקע קען ער נישט רעדן קיין יידיש. אין מאָסקווע האָבן גאָר ווייניק יידן גערעדט יידיש. זיין טאַטע הייסט וולאַדימיר, פון דעם יידישן נאָמען וואָלף, אָדער וועלוול. טאָ וואָס זשע קאָן סאַשאַ פאַרשטיין פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען מיט די יידן אין אוקראַינע ?

דער אַטענטאַט האָט אָבער דאָך געהאַט אַ שטיקל שייכות מיט סאַשאַן. פאָרגעקומען איז ער אויף דער גאַס, וווּ ער וווינט, רי ראַסין. אמת, ער גופא האָט דעם אַטענטאַט נישט בייגעוווינט, אָבער אין אָוונט, ווען ער איז געגאַנגען פון דער ביבליאָטעק סאַן־זשענעוויעוו צו זיך אַהיים, איז ער

פאַרבייגעגאַנגען דעם אָרט, וווּ פּעטליוראַ איז מיט אַ פיר־פינף שעה צוריק דערשאָסן געוואָרן.

איצט דערוויסט ער זיך אויך, אַז פּערעלעס טאַטע אַרבעט אין דעם זעלביקן הויז, וווּ עס געפינט זיך שוואַרצבאַרדס זייגערמאַכעריי. וואָס זאָל דאָס באַדייטן? ווייזט אויס גאָרנישט. אָבער עפּעס וואָס...

— מיך פאַרדריסט, וואָס איך האָב דעם דאָזיקן שוואַרצבאַרד פריִער נישט געקענט — זאָגט סאַשאַ צו הירשקען.

הירשקע פאַרשטייט נישט פאַר וואָס זיין שוואָגער פאַרדריסט. וואָס וואָלט שוין געווען, ווען סאַשאַ וואָלט יאָ געהאַט געקענט דעם זייגערמאַכער?

— איך קען אים פון אויסזען — רופט זיך אָפּ פּערעלע.

— ווי זעט ער אויס? — פרעגט סאַשאַ.

— ווי זעט ער אויס? איך קען נישט גענוג פראַנצויזיש איך זאָל דיר קאָנען שילדערן אַקוראַט אַזוי ווי ער זעט אויס. אַז איך וועל דיר זאָגן, אַז ער איז פון מיטעלן ווּקס, האָט אַ גרויסע טשופּריגע האָר, בלויע אויגן, ווּעסטו שוין וויסן, מיינסטו, ווי ער זעט אויס?

— ווי וואָלסטו דען אין יידיש מיר געגעבן צו פאַרשטיין ווי אַזוי ער זעט אויס?

— אין יידיש וואָלט איך געזאָגט, אַז ער האָט אַ פּנים ווי פון אַ קינד און פון אַ זקן צו גלייכער צייט; אַז פרייד מיט צער זענען אויסגעמישט אין זיינע בלויע אויגן, אַז זיין פּנים דריקט אויס אי טרויער אי האָפענונג. איך ווייס נישט ווי דיר דאָס צו דערקלערן. זעסטו שוין, אַז איך קען זיין פּנים אין פראַנצויזיש נישט באַשרייבן.

— ניין, נישט אַזוי, פּערעלע — זאָגט הירשקע — מיט אַזוינע ווערטער ווּעסטו נישט קומען צו קיין טאָלק נישט אין פראַנצויזיש און אויך נישט אין יידיש. דאָס איז פּאָעזיע.

— איך האָב געהערט, אַז שוואַרצבאַרד שרייבט טאָקע לידער.

— נישט זיינע לידער און נישט זיין אויסזען זענען דער עיקר.

— וואָס דען איז דער עיקר?

— דער עיקר איז דער געדאַנק, מיט וועלכן ער האָט זיך אַרומגעטראָגן, זיין אופן פון טראַכטן. פון איין זייט אַן אַנאַרכיסט, אַן אָנהענגער פון איב־

דיווידועלן טעראָר, און אין דער זעלבער צייט אַ פּאַציפיסט, כאָטש ביים אויסברוך פון דער מלחמה האָט ער זיך געמאָלדן ווי אַ פרייוויליקער אין דער פראַנצויזישער אַרמיי. דערצו נאָך זייער יידיש געשטימט, כאָטש לויט זיין אידעאָלאָגיע דאַרף ער זיין אַן אינטערנאַציאָנאַליסט. קורץ: אַ מענטש פול מיט סתירות און אַט די אַלע סתירות האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויך אויף זיין פּנים.

— איך ווייס נישט וואָס דו מיינסט, האַנרי. דאָס בלוי פון זיינע אויגן האָט דוכט מיר מיט פּאָליטיק גאָרנישט צו טאָן: זיין וווקס איז דורך די אידעאָלאָגישע סתירות, וואָס דו האָסט אין אים אַנטדעקט, אַוודאי נישט העכער, נישט קלענער געוואָרן. אין אַלץ זעסטו פּאָליטיק, מיין טייערער.

סאַשאַ האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. פּערעלעס רעפּליק איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן.

— פּערעלע, איך האָב געמיינט, אַז סאַשאַ וועט דיך אַרויספירן אויפן גלייכן וועג...

— אויפן גלייכן וועג? — האָבןביידע אויף אַ מאָל, סאַשאַ און פּערעלע, אויסגעשטעלט פאַרוווּנדערטע אויגן.

— איר ווייסט גוט, וואָס איך מיין.

דערמיט איז די דיסקוסיע געוואָרן פאַרענדיקט. דער שמועס האָט זיך מער נישט געקלעפּט. הירשקע האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויס אין גאַס, ווו דאָס ווידערקול פון דעם זייגערמאַכערס שאָס האָט נאָך אַלץ אָפּגע־הילכט און צוגעשטעלט שטאָף פאַר אַלעמענס געשפּרעכן.

## קאַפּיטל 8

— אַט איז זשינעט צוקערמאַן — אַ געזונט אין איר קעפּעלע — גיט צו איר טאַטע יעדעס מאָל, ווען ער טוט אַ טראַכט וועגן איר. און טראַכטן טראַכט ער וועגן איר תמיד, ווען עס כאַפּט אים אָן אַ כעס אויף זיין זון בערנאַרד. ער זעט דעמאָלט וואָס פאַר אַ חילוק ס'איז פאַראַן צווישן אַט דיביידע קינדער זיינע. דוכט זיך פון איין טאַטע־מאַמען געבוירן געוואָרן, איז דער זון אַ טעניס־שפּילער, אַ גאַרנישט, אַן אויסברענגער, אַ פּוסטער קאָפּ, בעת די טאָכטער איז אַ צאַרטע נשמה, אין גאַנצן געראָטן אין אים, אַזוי דוכט זיך אים.

פאַר וואָס איז אָבער זיין זון, מיר נישט, דיר נישט, געוואָרן אַ טשעמפּיאָן פון טעניס? וואָלט ער כאָטש געווען אַ פוטבאָל־שפּילער. מילא, איז עס כאָטש אַ פּילקע, ס'איז דאָ וואָס אָנצוזען. אָבער טעניס — אַ קייקעלע, ווי אַ רעשעלע די גרייס און זיך נאַריש געמאַכט. געשפּרונגען אַהין, געשפּרונגען צוריק, אָן שכל, אָן לייב און לעבן. נאָך אַ גליק, וואָס מען קריגט דערפאַר געלט, ווען מען איז אַ טשעמפּיאָן...

בעסער איז שוין מיט זיין טאָכטער זשינעט — אַ געזונט אין איר קעפּעלע — אַ באַלעט־טענצערין איז זי, אַ באַלערינע, און דווקא אַ גרויסע באַלערינע, וואָס אַלע טראָגן זי אַרום אויף די הענט און אַלע יחוסן זיך מיט איר. וואָרעם ווען זי נעמט טאַנצן, איז דאָ וואָס צו זען: ווי אַ ווינט, ווי אַ פעדערל איז זי לייכט, און פלינק ווי אַ מלאך. דערצו איז זי נאָך אַ גרויסע פאַרדינערין, גיט רעציטאַלן אין די שענסטע קאָנצערטזאַלן, אין די שענסטע טעאַטערס פון פּאַריז. ס'איז דאָ פון וועמען הנאה צו האָבן! דאָס איז נישט פוטבאָל און נישט טעניס — נאָר איין צרה איז מיט איר — דאָס הייסט, זי, זשינעט, האַלט עס פאַר אַ צרה.

— דו ווייסט, פּאַפּאַ, — באַקלאָגט זי זיך פאַר אים, ווען זי איז גוט

פאַר אים, ווען זי איז גוט געשטימט, וואָרעם ווען זי איז שלעכט געשטימט, און דאָס פּאַסירט גאָר אָפט, דעמאָלט איז זי אויס מענטש — ווייסט, פּאַפּאַ? איך ווער אַלט און איך פיל ווי מיין טאַנצן ווערט אויך אַלט...

— עס דוכט זיך דיר, זשינעט ליבינקע, טאָכטער מיינע! עס דוכט זיך דיר בלויז. אַלט זאָגסטו? ווי שעמסטו זיך נישט עס אַרויסצובברענגען אויף דיינע ליפּן? דו אַלט? מיט דריי און צוואַנציק יאָר איז מען אַלט?

— ביי אַ טענצערין הייסט עס אַלט — באַשטייט זי אויף דאָס איריקע.

— און ווי אַלט, למשל, דאַרף לויט דיין מיינונג זיין אַ טענצערין? פּרוווט ער זיך ביי איר דערוויסן.

— איך ווייס? זעכצן־זיבעצן יאָר...

— דו האָסט דאָך אָנגעהויבן צו טאַנצן צו דרייצן יאָר און צו זעכצן יאָר ביסטו שוין געווען אַ גאַנצע... וואָס האָסטו זיך צו באַקלאָגן?

— דעמאָלט איז טאַקע געווען גוט.

— ווען דעמאָלט?

— ווען איך בין אַלט געווען זעכצן־זיבעצן יאָר.

— טאָ וואָס האָסטו, לויט דיין מיינונג, געזאָלט טאָן, כדי צו בלייבן שטענדיק נישט עלטער ווי זעכצן־זיבעצן יאָר?

— טאָן דאָ קאָן מען גאָרנישט טאָן...

— וואָס הייסט אַלט זיין, ווען מען איז דריי און צוואַנציק יאָר? אויס־זען זעסטו אויס ווי אַן אַכצניעריקע און דו גייסט פון דערפאָלג צו דער־פאָלג. ניין, מיין טאָכטער, דו האָסט זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן...

— עס זענען דאָ גרעסערע טענצערינס פאַר מיר, פּאַפּאַ! איך נאָר זיך נישט אָפּ.

— איז דען פאַראַן אַ שיעור אין טאַנץ? ס'איז ווי אין אַלצדינג... אָבער דו ביסט נאָך יונג...

— אַננאַ פּאַוולאָוואַ איז געווען אַ גרעסערע טענצערין פאַר מיר...

— ווער זאָגסטו?

— זי איז געשטאָרבן, אַננאַ פּאַוולאָוואַ. אַ גרויסע טענצערין איז זי געווען, אַננאַ פּאַוולאָוואַ...

— אַלע שטאַרבן, מיין טאָכטער...

— זי איז אָבער געשטאָרבן נישט מיט קיין נאַטירלעכן טויט.

— וואָס הייסט ?

— זי איז אומגעקומען אין אַ באַן־קאַטאַסטראָפע.

— ס׳איז טאַקע אַ שאָד.

— אַ שאָד זאָגסטו, פּאַפּאַ ? איר טויט איז געווען אַן אמתע קאַטאַס־טראָפע פאַר דער גאַנצער קונסט.

— וואָס קאָן מען טאָן, מיין טאָכטער ? וואָס קאָן מען טאָן ?

— און איזאַדאָראַ דונקאַן איז אויך אומגעקומען...

— ווער איז זי געווען ? פאַר וואָס איז זי אומגעקומען ?

— איזאַדאָראַ דונקאַן איז אויך געווען אַ גרויסע טענצערין און אומ־געקומען איז זי נאָך טראַגישער ווי אַננאַ פּאַוולאָווא.

— וואָס קאָן זיין נאָך טראַגישער ?

— אַז מען פאָרט אין אַן אויטאָ און דאָס אויטאָ־טירל מאַכט זיך אויף און ס׳איז אַ גרויסער ווינט און די טענצערין טראָגט אַ שאַל, וואָס דער ווינט פאַרדרייט אין ראָד אַרום איר האַלדז אַזוי שטאַרק, אַז זי ווערט דער־שטיקט...

— וואָס קאָן מען טאָן, מיין טאָכטער ?

— און ניזשינסקי, וואָס איז אָוודאי געווען דער גרעסטער טענצער פון אַלע צייטן, ער איז...

— וואָס ? ער איז אויך דערשטיקט געוואָרן פון אַ ווינט ?

— ניין, ער איז משוגע געוואָרן...

— פאַר וואָס ?

— דו פאַרשטייסט, פּאַפּאַ ? עס קומט אַ מאָמענט אין טאַנץ, ווען מען קאָן נישט ווייטער...

— וואָס קאָן מען נישט ווייטער...

— מען קאָן נישט ווייטער טאַנצן...

— פאַר וואָס האָט ער נישט געקאָנט ווייטער טאַנצן ?

— ס׳איז געקומען אַ מאָמענט, ווען ער האָט זיך געזאָגט, אַז וואָס פאַר אַ טאַנץ־פיגור ער זאָל זיך נישט אויסמאָלן אין געדאַנק, וועט זי נישט זיין אין הסכם מיט דעם העכסטן אידעאַל זיינעם...

## י. פינער

— וואָס האָט צו טאָן טאַנץ מיט אידעאַל ?

— פּאַפּאַ, דו דאַרפסט פאַרשטיין, אַז אידעאַל אין דער קונסט, אידעאַל אין באַלעט, איז נישט דאָס זעלביקע וואָס אידעאַל אין לעבן...

— קומט אויס לויט דיר, ערשטנס, אַז ס'איז פאַראַן אַן אידעאַל אין טאַנץ און אין שפּרינגען און, צווייטנס, אַז מען דערגרייכט נישט דעם דאָזיקן אידעאַל, דאַרף מען ווערן, חלילה, משוגע און, דריטנס, טאָמער דער טענצער ווערט שוין יאָ משוגע, דאַרף איך, איזאַק צוקערמאַן, וואָס איך בין בלויז דער גליקלעכער אָדער דער אומגליקלעכער טאַטע פון אַ טענצערין, פּאַטשן בראַוואָ, דאַרף איך אויסגיין פאַר אַנטציקונג פאַר עפּעס אַ טענצער, וואָס האָט געוואָלט ראַטעווען די וועלט דורכן טאַנץ און ס'האָט זיך אים, נעבעך, נישט איינגעגעבן. נו, זאָג אַליין, מיין טאָכטער, רעדסטו נישט קיין נאַריש־קייטן ? ס'איז שוין בעסער, וואָס דו ביסט נישט אַננאַ פּאַוולאָוואַ, נישט איזאַדאָראַ דונקאַן, נישט דער משוגענער טענצער ניזשינסקי. נישקשה! דו וועסט זיך נאָך אויך אַרומזען, ווען גאָט וועט דיר צושיקן דיין באַשערטן און וועסט חתונה האָבן און גאָר דער טאַנץ דיינער וועט פאַרשווינדן ווי אַ בייזער חלום... כאָטש צוריק געשמועסט, האָבן מיר קיינער גאָרנישט נישט פאַרלוירן פון דיין טאַנצן, הלוואַי אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן! גאָט איז אַ טאַטע און זאָל שוין זיין גענוג אויף היינט, ווייל אין אַטעליע, ווען איך בין נישטאָ, גייט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ...

אָפּגעזאָגט דעם דאָזיקן פּזמון, גיט איזאַק צוקערמאַן אַ וואָרף דעם צעדרייטן קאַפּעליוש אויף זיין צעדרייטן קאָפּ און נאָך גיכער ווי מען קאָן דאָס אַרויסרעדן פון מויל, ווערט ער נעלם. זיין טאָכטער בלייבט איבער איינע אַליין אַ פאַרטראַכטע און פאַרזינקט אין אירע מחשבות וועגן אירע דריי און צוואַנציק יאָר, וואָס לויפן פאַרויס.

זשינעטס מאַמע, האָדל, וואָס האָט אין פּאַריז זיך אַ נאָמען געגעבן אָדעט, באַמיט זיך צו באַנייען איר צווייטע אָדער גאָר דריטע יוגנט, דער־פאַר טאַקע איז זי זייער אויפגעבראַכט אויף איר טאָכטער זשינעט, ווען זי נעמט זיך באַקלאָגן איבער אירע דריי און צוואַנציק יאָר. מיר שאַדט זי, טראַכט זיך די מאַמע בעת־מעשה, נאָך מער ווי זיך אַליין, ווייל אַ טאָכטער

פון דריי און צוואַנציק יאָר, וואָס איז אַ באַקאַנטע טענצערין און אַ שיין מיידל, האָט נישט וואָס זיך צו באַקלאָגן אויף איר עלטער. אָבער זי, ווען זי וואָלט אָפּילו חתונה געהאַט צו זיבעצן יאָר און זשינעט וואָלט געווען איר עלטסטע טאָכטער, נישט בערנאַרד, וואָס ער איז עלטער פאַר איר מיט צוויי יאָר, מוז מען איר אויך שוין געבן אַ פערציק יאָר. זי אָבער פילט זיך נאָך יינגער, וואָרעם מיאוס איז זי נישט, פאַרקערט, זי האַלט זיך דווקא פאַר זייער אַ שיינע פרוי, וואָס קאָן נאָך געפעלן ווערן אַ מאַן. און זי וויל געפעלן ווערן.

אָבער זי איז אַן אויסקלייבערין, זי וועט זיך נישט אַריינלאָזן מיט אַבי וועמען. כדי אַ מאַן זאָל איר געפעלן ווערן, דאַרף ער נישט זיין קיין אַרבעטער, דאַרף ער נישט זיין קיין גראָבער יונג. עס שאַדט נישט, ער זאָל אויך האָבן אַ פנים ווי עס באַדאַרף צו זיין. אין איר עלטער איז אָבער פאַרט נישט אַזוי לייכט צו געפינען אַ געליבטן, דערצו נאָך אַ פלאַטאָנישן געליבטן, ווייל פון אוואַנטורעס האַלט זי נישט, זי האָט מורא פאַר קאָמפּלי־קאַציעס. זוכט זי, און איידער וואָס־ווען, מוז זי זיך צופרידנשטעלן מיט דעם סטודענט, וואָס לערנט מיט איר פראַנצויזיש. ביבי בלעכמאַן הייסט ער, אָדער קורץ — ביבי. וואָס איז דאָס פאַר אַ נאָמען ביבי?

פרעגט אים בחרם. ביבי איז אַ צונאָמען, וואָס ער אַליין, אָדער זייטיקע מענטשן האָבן אים געגעבן און ער פּאַסט אים גאַנץ גוט — דער דאָזיקער קליינער און שיִער־שיִער נישט ווייבלעכער נאָמען.

ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק איז ער נאָך געווען אַ גאַסן־הענדלער, האָט פאַרקויפט שניפּסן אין די קאָרידאָרן פון דער מעטראָ, אָדער ערגעץ אויף אַ ראָג גאַס. היינט איז ער שוין אויס שניפּסן־פאַרקויפער, ער איז אַ שטונדן־געבער אין יידישע עמיגראַנטן־הייזער. ער לערנט דאָס פראַנצויזישע לשון מיט דערוואַקסענע טאַקע, וואָרעם די קינדער גייען דאָך אין דער פאָלקסשול. „טאַבל״ — אַ טיש, און „שעז״ — אַ שטול. פאַר וואָס נישט? איז מען אין אַ לאַנד, דאַרף מען קענען די שפּראַך פון דעם לאַנד, אַנישט איז מען ווי אָן אַ צונג.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פון זיין גאַסן־האַנדל האָט ער געהאַט גאַנץ שיין פּרנסה, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו לערעריי. דער גאַסן־

האַנדל, די רעדעס, וואָס ער פלעגט מוזן האַלטן, די גלייכווערטלעך, מיט וועלכע ער האָט כסדר געמוזט זשאָנגלירן, האָבן אים שטאַרק אויסגע־מוטשעט, אויסגעזויגן דעם מאַרך פון די ביינער.

ביבי איז, ווי געזאָגט, אַ לערער פון פראַנצויזיש, אָבער אויך אין זיין נייעם פאַך שיט ער מיט גלייכווערטלעך, מיט וויצן און דווקא אויף מאַמע־לשון. אין יידיש זענען זיי נאָך זאַפטיקער ווי זיינע פראַנצויזישע גלייכ־ווערטלעך, און זיי ווערן ממש פאַרצוקערט.

ביבי גופא אָבער, וואָס מער ער וויצלט זיך, וואָס מער מען לאַכט פון זיינע חכמות, אַלץ מער גריזשעט אים זיין אינערלעכער, זיין היימישער וואָרעם. ניין, אין תוך גענומען איז ביבי גאָרנישט אַזאַ פריילעכער בחור, ווי עס דוכט זיך, פאַרקערט: זייער אָפּט, און דווקא אין די מאָמענטן, ווען עס שפרודלט פון זיין מויל מיט וויצן און מיט גלייכווערטלעך, באַפאַלט אים פלוצלינג אַ מרה־שחורה, וואָס שטעכט אים ווי מיט ברענענדיקע שפיזן. ער פילט זיך ווי אַ קלאָון אין אַ צירק, ווי אַ לץ, ווי אַ קונצנמאַכער, וואָס שלינגט פייער און שווערדן, בעת טראַכטן טראַכט ער גאָר וועגן דעם טויט און וועגן איינזאַמקייט, פון וועלכער מען קאָן נישט אַנטלויפן, וואָרעם זי קומט אָן אומעטום פריִער פאַר אַלעמען.

וואָס איז פאָרט דער מער מיט ביבין?

אָט וואָס: ער איז אַ קליינוווקסיקער, כמעט אַ קאַרליקל, און אַלע באַמיִונגען, וואָס ער האָט געמאַכט צו ווערן עפּעס מער אַנזעעוודיק, האָבן זיך אים נישט איינגעגעבן. דערצו איז ער נאָך אַ געלער, און זיין פּנים איז באַדעקט מיט זומער־שפרענקעלעך. האָט ער טאַקע צו פרויען קיין מזל נישט. אמת, זיי האַלטן אים אַלע פאַר אַ וויציקן, פאַר אַן אָנגענעמען מענטשן און זיי לאַנגווייליקן זיך קיין מאָל נישט אין זיין געזעלשאַפט, אָבער ליבע? קיין שפור נישט פון ליבע. ביבי אָבער לעכצט דווקא נאָך ליבע, אים גלוסט זיך צו זען דעם פייכטן גלאַנץ פון די אויגן ביי אַ פרוי, ווען זי האָט עמעצן ליב אָן חשבונות און אָן איבערטראַכטעניש. איר שמייכל און דער קנייטש פון אירע ליפּן האָבן דעמאָלט אַ גאָר באַזונדערן טעם. וואָס זאָל ער טאָן, ביבי, אַז קיין פרוי האָט אים נישט ליב אַזוי, ווי אַ געליבטן? וואָס קומט אים אַרויס דערפון, וואָס אַלע מיידלעך און פרויען, וועלכע

ער קען, האַלטן אים פֿאַר אַ גוטן חבר, פֿאַר אַ גוטן פֿריינד, פֿאַר אַ מענטשן, מיט וועמען מען קאָן זיך האַלטן אָן עצה — אַז זיי באַציִען זיך צו אים גלייכגילטיק? דערפֿאַר טאַקע האָט קיינער פֿאַר אים קיין מורא נישט. די מענער לאָזן אים צו צו זייערע ווייבער אַפֿילו ביז אין די שלאָפֿצימערן — ווי איינער זאָגט: זאָל ער אַ שטיף טאָן מיט די ווייבער, וואָס קאָן דאָ שוין זיין פֿאַר אַ סכנה?

בלית ברירה איז ביבי, הייסט עס, געוואָרן האָדלס אַ פּלאַטאָנישער געליבטער. און ס'איז אַוועק אַ רייד וועגן ליטעראַטור, וועגן קונסט, וועגן מוזיק, טאַנץ, טעניס. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז דאָס איז אי אים אי איר דערעסן געוואָרן און ס'האָט געהאַלטן ביי אַ „גט״, אַזוי צו זאָגן.

## קאַפּיטל 9

נישקשה פון אַ משפחה די משפחה פון ר׳ פּנחס שטיין: קינדער פון דעם ערשטן, פון דעם צווייטן און פון דעם דריטן ווייב, חוץ דעם די קינדער, וואָס דאָס צווייטע ווייב האָט אַריינגעבראַכט אין שטוב פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן.

נאָטאַן איז, ווי שוין געזאָגט, פון לאַנג זעלבשטענדיק. ער איז נאָך אַלץ נישט קיין באַווייבטער און האָט שוין אין זיך עפּעס פון אַן אַלטן בחור. ער האָט זיך אָפּגעצווייגט פון דעם אַלטן שטאָם פון פּנחס שטיין. אָנגעקומען איז אים דאָס לייכט, ווייל ער האָט פון סאַמע אָנהייב געהאַט מיט דעם שטאָם בלויז אויף אַזוי פיל אַ שייכות, אויף וויפל זיין מאַמע האָט חתונה געהאַט מיט פּנחס שטיין. זיין פאַמיליע־נאָמען איז נישט שטיין, נאָר הענדלער. מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז ער האָט אַ ברודער, וואָס הייסט יאָ שטיין, חיימקע שטיין, ווייל חיימקע איז פּנחס און ציפּע שטיינס אַ לייבלעכער זון, און חיימקעס לייבלעכע שוועסטער, ביילקע, איז אויך זיינע, נאָטאַנס אַ שוועסטער.

נאָטאַן איז אַ בוכהאַלטער, אַ „פּאָדריאַטשיק אויף בילאַנסן״.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען נאָטאַן איז נאָר וואָס געהאַט געקומען קיין פּאַריז, האָט ער צונויפגענומען ביי די יידישע קרעמער אָדער פּאַסאַזשיערס די ציפערן און זיי איבערגעגעבן אַ „בילאַנס־מאַכער״, כדי יידן זאָלן וויסן וויפל שטייערן זיי האָבן צו צאָלן פאַרן יאָר. קיין עושר איז ער דערפון, ווי מען קאָן זיך פאַרשטעלן, נישט געוואָרן.

ער איז געווען אַ מיושבדיקער בחור, אַזוי ווי אַ בוכהאַלטער באַדאַרף זיין, האָט נישט געכאַפּט די פיש פאַר די נעץ. פּאַוואָליע, פּאַמעלעך איז ער זיך געגאַנגען זיין וועג. ער האָט געוווּסט, אַז מיט דער צייט וועט ער זיך

דערשלאָגן דאָס זייניקע און וועט ווערן אַן אמתער „בילאַנס־מאַכער", ווי עס פּאַסט פאַר זיינע בוכהאַלטערישע פעיִקייטן.

די דאָזיקע שעה איז געקומען. היינט האָט ער שוין אַ קאַנטאָר, אַ בוכהאַלטערשע. וואָלט ער געווען אין אַמעריקע, וואָלט ער געקאַנט זאָגן אויף זיך, אַז ער איז אַן „אָלרייטניק", אָבער היות ווי ער איז אַ פּאַריזער, און פראַנצויזיש, וויפל ער באַדאַרף צו זיין מלאכה — קען ער — איז ער אַ „פּאַמאַלניק", ווי מען דריקט זיך אויס אין דעם יידישן פּאַריז.

אַ האַלב „פלעצל" געפינט זיך שוין אונטער זיין בוכהאַלטערישער ממשלה. קיין פאַמיליע, פאַר וועלכער ער זאָל דאַרפן זאָרגן, האָט ער נישט, און אַליין איז ער אויך נישט קיין גרויסער אויסברענגער. ס׳פעלט אים גאָרנישט. מער נישט, וואָס? ס׳איז שוין צייט, ער זאָל נעמען טראַכטן, ווי אַזוי צו פאַרלייגן אַן אייגענע היים. ווי לאַנג קאָן עס אַ מענטש זיך באַנוגענען מיט שטיפברידער, מיט שטיפשוועסטער, מיט אַ שטיפטאַטן, וואָס דערציילט אַלטפרענקישע מעשׂיות פון עפּעס אַ מלחמה, וואָס האָט זיך געפירט ווער ווייסט אין וועלכן יאָרהונדערט צווישן דעם קאָצקער הויף און דעם איזשביצער רבין? ווי לאַנג? אמת, ער פילט זיך צוגעבונדן צו זיי אַלעמען — ער ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס. חוץ דעם האָט ער דאָך אַ לייבלעכן ברודער, וואָס הייסט מאָריס, איז אַ צאָנטעכניקער און האָט אַ פריינדין. דאַרף מען זען צו מאַכן אָרדענונג אויף דעם געביט אויך. „געביט" זאָגט ער, ווייל ביי אים איז אַלץ געביט, פלאַנמעסיק, ווי ער איז געוווינט צו טראַכטן און צו טאָן, דאָס גאַנצע לעבן איז איינגעטיילט אין געביטן, פּונקט אַזוי ווי די ציפערן און די בילאַנסן.

ווי זשע זעט עס אויס ביי אים אויף דעם דאָזיקן געביט?

נאָטאָן איז אַלט זעקס און צוואַנציק יאָר. פאַר אַ מאַן איז דאָס אַ קינ־דערישער עלטער. אַז אַ יונגערמאַן דאַרף שטיין אונטער דער חופּה, ווען ער ווערט אַלט אַכצן יאָר, איז אפשר געווען ריכטיק אַמאָל, אין די קליינע שטעטלעך, ווען די מיידלעך זענען געווען כשרע יידישע טעכטער און ביז צו זייער חתונה פלעגן זיי זיך אויפפירן באַלעבאַטיש, שיין און פיין.

דאָס עקזיסטירט נישט מער, אַפילו נישט אין די קליינע שטעטלעך, ווער שמועסט נאָך אין די גרויסע שטעט, אין דער סאַמע גרעסטער שטאָט

אויף דעם „געביט״, אין פּאַריז, ווו ליבע איז אַזאַ מין אַרטיקל, וואָס קאָן זיך אויך באַגיין אָן אַ חופּה.

אָבער דער עיקר, וואָס אינטערעסירט נאַטאַנען, איז דער בילאַנס, וואָרעם אָן אַ בילאַנס איז דער חשבון נישט קיין חשבון. אַ בילאַנס קאָן מען מאַכן אויך ווען מען האָט חתונה אין דער „מערי״, אָבער דאָס מיידל מוז זיין... קודם־כל דאַרף דאָס מיידל זיין אי שיין, אי פיין, אי זי זאָל אים טאַקע ליבן האָבן. ווי אַזוי אָבער דערוויסט מען זיך, צי דאָס מיידל האָט אים ליב? אַז אַ מיידל איז מסכים ליב צו האָבן פאַר דער חתונה, איז עס דאָך אַ סימן, אַז דער מין מאַן איז איר נישט פרעמד, און ער איז נישט דער ערשטער ביי איר. נישט דער ערשטער, במילא אויך נישט דער לעצטער. פרעגט זיך: ווי אַזוי מאַכט מען אַ „בילאַנס״ פאַר אַ „בילאַנס?״

פאַראַן אַ מיידל, וואָס ער וואָלט גריילעך מיט איר חתונה געהאַט, דאָס איז זשינעט צוקערמאַן. „נישט מער און נישט ווייניקער״. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז זי און ער... דאָס קאָן קיין מאָל נישט געמאָלט זיין, ווייל אויפן „געביט״ פון טאַנץ איז זי איינע אין דער וועלט, און ער מיט טאַנץ האָט קיין שום שייכות נישט. דאָס הייסט טאַנצן טאַנצט ער יאָ אַ ביסל, אָבער בלויז וואַלצן, פּאָלקעס און טשאַרלעסטאָן, זי אָבער איז אַ באַלעט־טענצערין.

קוקט זי זיך טאַקע נישט אום אויף אים, זשינעט צוקערמאַן. ווער ווייסט, פרעגט ער זיך, צי זי האָט אים גאָר ווען עס איז באַמערקט, כאָטש אויף די טאַנץ־רעטשיטאַלן וואָס זי גיט, זיצט ער אין די פאָדערשטע רייען און בראַוואָ פּאַטשט ער מער פאַר אַלעמען. ס׳איז אָבער מער ווי זיכער, אַז בעת זי טאַנצט, קוקט זי זיך אויף קיין מענטשן נישט אום, וואָרעם זי איז אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין איר באַלעט, זי זעט אַפילו נישט איר טאַטע־מאַמע, וועלכע זיצן אויף דער סאַמע ערשטער באַנק לעבן דער סצענע.

ווער ווייסט צי זי האָט אים אַפילו באַמערקט אין איר אייגענער שטוב, ווו ער איז אַן אָפטער איינגייער, צוליב דער בוכהאַלטעריע, וואָס ער מאַכט פאַר איזאַק צוקערמאַן. אַריינגעפירט אַהין האָט אים טאַקע ביבי, דער אייביקער סטודענט, ביי וועמען ער האָט זיך מיט אַ יאָר צוריק געלערנט פראַנצויזיש.

וויפל מאָל האָט נאָטאַן אָנגעהויבן צו רעדן וועגן וויקטאָר הוגאָ, וועגן באַלזאַקן, וועגן סטענדהאַלן און אַפילו וועגן ראָמען ראָלאַנען, אַבי נאָר אויסצונעמען אין די אויגן פון איר שיינער טאָכטער דער טענצערין, אין די אויגן פון מאַדאַם אָדעט, אָבער די צונג האָט זיך אים געפּלאָנטערט, די קני האָבן אים געציטערט און ער האָט פאַרמישט איין מחבר מיטן צווייטן, איין ראָמאַן־פיגור מיט דער אַנדערער.

איין מאָל האָט אים ביבי אָפּגערופן אין אַ זייט און האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ליטעראַטור איז נישט זיין „געביט". וועגן וואָס אָבער זאָל ער רעדן, ווען ער ווערט איינגעלאַדן צו די צוקערמאַנס? וועגן בוכהאַל־טעריע? וועגן בילאַנסן? זיין גאַנצער מיין איז דאָך צו באַווייזן זשינעט צוקערמאַן, אַז ער איז אויך נישט אַבי ווער, אַז חוץ זיין בוכהאַלטעריע, וואָס איז אַ פּראָפעסיע ווי אַלע אַנדערע פּראָפעסיעס, און דווקא נישט אַזאַ מיאוסע פּראָפעסיע, אויף יעדן פאַל פונקט אַזאַ חשוב פאַך, ווי בייטל־מאַכעריי, איז ער אַן אינטעליגענטער מענטש, אַ היינטוועלטיקער, אַ יונגער־מאַן מיט אַ סיטואַציע. זיין ברודער משהקע איז טאַקע נישט קיין טעניס־טשעמפּיאָן ווי זשינעטס ברודער, אָבער ער איז אַ צאָן־טעכניקער, איז כמעט אַ דענטיסט, אַ האַלבער דאָקטער...

מען מוז צוגעבן, אַז זשינעט צוקערמאַן בלאָזט זיך גאָרנישט. אויף וויפל נאָטאַן האָט באַמערקט, בלאָזט זיך בלויז איר מאַמע, איר טאָכטער אָבער איז אַ פּשוטע.

איבעריקנס, איז זשינעט צוקערמאַן נישט מער ווי אַ חלום ביי אים. נישט זי ווייסט, נישט איר מאַמע ווייסט, אַז ער איז פאַרליבט אין דער באַלעט־טענצערין.

יאָ, נישט מער ווי אַ חלום. נאָטאַן טוט אַ זיפץ און נעמט זיך פון דאָס ניי צו זיינע חשבונות. דערווייל אָבער ווערט ער עלטער און עלטער, וועט ער שוין אַזוי פאַרבלייבן אַ בוכהאַלטער, אַן אַלטער בחור? און זשינעט צוקערמאַן? און איר מאַמע, אָדעט צוקערמאַן, וואָס זוכט אַ נשמה, וועלכע זאָל זי פאַרשטיין און זאָל זיך אַריינלאָזן מיט איר אין טיפע ליטעראַרישע

שמועסן? און ביבי — וועט ער אויך שוין אַזוי פֿאַרבלייבן אַן אייביקער סטודענט, וואָס טאַנצט אויף אַלע חתונות, בלויז נישט אויף זיין אייגענער?

ניין, פּאַריז איז אַ שטאָט, ווו יעדערער געפינט זיינס גלייכן, נישט די, איז אַן אַנדערע. אַלע וועלן זיי מיט דער צייט זיך דערשלאָגן צו זייערע באַשערטע.

# קאַפּיטל 10

דוכט זיך צוויי לייבלעכע ברידער פון איין טאַטן און פון איין מאַמען, און דאָך האָט יעדער ברודער זיין באַזונדערן כאַראַקטער. משהקע, אָדער מאָריס הענדלער, ווי ער רופט זיך דאָ, איז פונקט דער היפוך ווי זיין ברודער נאַטאַן.

נאַטאַן איז מיושבדיק, אויסגערעכנט, פּאָרזיכטיק, טריט ביי טריט, ציפּער ביי ציפּער, און מאָריס — היציק, פּאַרשווענדעריש. ער וויל אָריינ־כאַפּן אַלץ מיט אַ מאָל, רעכנט זיך נישט מיט זיין דעביט און נישט מיט זיין קרעדיט, גלייך ער וואָלט קיין מאָל נישט געדאַרפט מאַכן קיין בילאַנסן.

אַזוי האָט ער זיך אויפגעפירט אין אַלץ, אַזוי האָט ער זיך אויך אויפ־געפירט אויפן „געביט״ פון ליבע, ווי זיין ברודער נאַטאַן וואָלט זיך אויס־געדריקט.

געקומען קיין פּאַריז איז ער אין דער זעלבער צייט וואָס זיין ברודער, מיט די זעלביקע קענטעגישן אין פראַנצויזיש און כמעט מיט דעם זעלביקן אויסזען — וואָרעם ביידע ברידער זענען זייער ענלעך געווען איינער צום צווייטן, חוץ דעם, וואָס איינער האָט געטראָגן ברילן, און דער צווייטער נישט, כאָטש ער איז געווען אַ קורצזיכטיקער ווי דער ערשטער. דאָס גופא איז אויך שוין אַ באַווייז פאַר דער פאַרשידנקייט פון זייער כאַראַקטער. מאָריס־משהקע האָט באַלד גענומען זיך אַרומקוקן אין פּאַריז צו זען, וואָס פאַר אַ מין מיידלעך די דאָזיקע וועלטשטאָט פאַרמאָגט.

אים האָט נישט געאַרט, צי דאָס אָדער יענץ מיידל איז אַ „באַלע־באַטישע״ טאָכטער, צי ניין, צי זי איז מסוגל אים צו פאַרראַטן, אָדער זי וועט אים פאַרבלייבן טריי אַזוי לאַנג ווי זי וועט לעבן. ער האָט אַפילו זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דעם, צי דאָס מיידל איז בלאָנד צי שוואַרץ,

אַ נידעריקע, צי אַ הויכגעוווקסיקע, אַ גוטע צי אַ שלעכטע. אים איז בלויז אָנגעגאַנגען, זי זאָל זיין סימפּאַטיש.

אָבער סימפּאַטיש זענען כמעט אַלע פּאַריזער מיידלעך, סיידן אַ קאַליקע, אַ בראָך, אַ שלימזל. אָבער דאָס זעט מען דאָך באַלד. האָט דאָס פּראָבלעם טאַקע גלייך אויפגעהערט צו עקזיסטירן פאַר אים. זיין „באַשערטע" האָט לאַנג אויף זיך נישט געלאָזט וואַרטן. אין אַ מאַגאַט אַרום נאָך זיין אָנקום קיין פּאַריז האָט ער שוין געהאַט זיין געליבטע.

דאָס ערשטע מיידל איז נישט געווען זייער שיין, אָבער אויך נישט מיאוס, נישט זייער קלוג, אָבער אויך נישט נאַריש. איבעריקנס, ווי אַזוי האָט ער געקאָנט וויסן צי זי איז קלוג, צי נאַריש, אַז גערעדט האָט זי דאָך בלויז פראַנצויזיש, און ער די ערשטע צייט — בלויז יידיש. דאָך האָט ער באַלד איינגעזען, אַז זי איז גאָרנישט אַזוי נאַריש, וואָרעם זי האָט באַלד גענומען מאַכן אָנצוהערענישן, אַז עס וואָלט נישט געשאַדט פאַר זיי ביידע, זיי זאָלן זיך דורכגיין אין דער „מערי" און אַרויסנעמען אַ צעטל, אַז זי, די פראַנצויזקע, די קריסטין, און ער, דער אויסלענדער, דער ייד, האָבן חתונה געהאַט. נאָר ער האָט גאָרנישט געטראַכט וועגן חתונה האָבן, דערצו נאָך מיט אַ קריסטין, כאָטש ער איז שוין לאַנג נישט אַזאַ גלויביקער ווי געווען. בפרט, אַז איידער נאָך זי האָט באַוויזן צו ווערן שוואַנגער פון אים, האָט זי שוין גענומען אים פאַרוואַרפן זיין אויסלענדישקייט, זיין יידישן אַקצענט און זיינע יידישע העוויות.

— אַזוי גאָר, מיין „שערי" — האָט ער זיך אָפּגערופן צו זיין „באַ־שערטער" — אַזאַ מין פויגל ביסטו? איידער נאָך וואָס און ווען, גרייפסטו מיך שוין אָן פאַר מיין יידישקייט, פאַר מיין אויסלענדישקייט, פאַר מיין שלעכטן אַקצענט אין פראַנצויזיש? ביסטו טאַקע פאַר מיר נישט קיין פּאַרל, זיי מיר געזונט, „שערי", מיין טייערע כלהניו.

זי האָט געפּרוווט אים צוריקהאַלטן און גענומען זיך פאַרענטפערן פאַר אים:

— דאָס איז דאָך נאָר געווען אין שפּאַס, מיין קראָליקל. ווער ייד? וואָס אויסלענדער? מיין באָבע גופא, זאָגט מען, איז געווען אַ יידישקע, און מיין זיידע איז מסתמא אויך געווען אַן אויסלענדער, אויב איך האָב קיין

טעות נישט. אַבי איך האָב דיך ליב ווי מײן לעבן... נישט אמת, מײן קראַליקל? זאָג, דו האָסט מיך אויך אַזוי ליב ווי איך דיך?

— געוויס האָב איך דיך ליב, שערי! — איז ער ווייכער געוואָרן — אָבער אין דער „מערי" וויל איך דאָך נישט גײן מיט דיר, איך האָב צײט.

— ווער רעדט וועגן מערי? — האָט זי זיך גענומען צוריקציִען — איך האָב דען עפּעס געזאָגט? דו טײטשסט אַלץ אויס צום שלעכטן. איך האָב נאָר געמאַכט אַ שפּאַס. קאָנסטו נישט באַלד מיט מיר חתונה האָבן, וועלן מיר חתונה האָבן שפּעטער. אויך נישט קײן אומגליק. נישט אמת, מײן קראַליקל? איך האָב דיך אַזוי ליב...

ליב אַהין, ליב אַהער, האָט זיך מאָריס געטראַכט, זי איז אים סײ ווי דערעסן געוואָרן מיט אירע „קראַליקלעך", מיט אירע אַלע צערטלעכע ליבע־ווערטער, וואָס קלינגען פאַלש, און אַן אַנטיסעמיטקע אַ באַהאַלטענע איז זי אויך, טאָ וואָס טויג זי אים? נאָך אַ וואָך און נאָך אַ וואָך, וועט זי מסתמא אַרויסקומען מיט די אָפענע קאָרטן און זי וועט אים מכבד זײן מיט אַ „סאַל יופען" (שמוציקער ייד). ער האָט באַשלאָסן צו פאַרענדיקן מיט איר וואָס גיכער.

— נײן, „שערי" — האָט ער זיך אָפּגערופן צו איר דיפּלאָמאַטיש — נישט איצט, נישט שפּעטער. וואָס טויג דיר אַ „מערי", מײן טײערע? וואָס טויג אונדז בײדע אַ „מערי"? איז אונדז דען נישט גוט אַזוי, ווי מיר זענען?

— וואָס פאַר אַ פראַגע? געוויס איז גוט אַזוי ווי מיר זענען. דו ביסט דאָך דער ליבסטער און דער שענסטער פון אַלע מענער, וואָס איך האָב געקענט...

— אַזוי גאָר — איז מאָריס אַרויס מיט לשון — מיט וויפל מענער האָסטו שוין געהאַט צו טאָן ביז איצט? וויפל? פרעג איך דיך. קאָנסט מיר נישט זאָגן? און דו רעדסט נאָך וועגן ליבע, וועגן טרײשאַפט?

— מײן קלײן קראַליקל, וואָס בײזערסטו זיך אַזוי — האָט מאַדלען פאַרדרײט אַ פּיסקל, גלײך ווי זי וואָלט זיך גאָר געקליבן אַ וויין צו טאָן — דו ביסט דאָך בײ מיר... איך שווער דיר...

— איך וואָרן דיך, מאַדלען, שווער נישט פאַלש — האָט מאָריס זיך

צעשריגן ווי נישט מיט זיין קול, אָנשטרענגענדיק זיך גלייכצייטיק נישט צו לאַכן.

— וואַרט, וואַרט, שערי! — איז זי אים פאַרלאָפן דעם וועג — דו ווייסט דאָך גאָרנישט, וואָס איך וויל שווערן. איך האַלט דיך גאָרנישט פאַר אַזאַ נאַר, דו זאָלסט מיר גלייבן, אַז דו ביסט ביי מיר דער ערשטער. געוויס, געוויס האָב איך שוין געקענט אַנדערע מענער פאַר דיר.

— וויפל, וויפל?

— דו לאָזסט דאָך מיך גאָרנישט קומען צום וואָרט, לאָז מיך אויס־רעדן...

— איין וואָרט וויל איך נאָר פון דיר — איז מאָריס צו איר צוגע־שטאַנען — אייגנטלעך נישט קיין וואָרט, נאָר אַ ציפער, אַן איינפאַכע ציפער. וויפל?

— און דו, שערי, זאָג מיר נאָר, דו האָסט גאָר קיין פרויען פאַר מיר נישט געקענט?

— איך בין עפּעס אַנדערש... אַ מאַן, דו ווייסט...

דער טאָן האָט זיך ביי אים אָראָפּגעלאָזט, אין דער אמתן האָט ער טאַקע נישט געהאַט קיין פרוי איידער ער האָט זיך מיט איר באַקענט.

ווי שטאַרק איר פאַרלאַנג איז נישט געווען נישט איינצורייסן מיט אים, ווייל ער איז פאַר איר אין דער אמתן געווען אַ גאַנץ באַקוועמער געליבטער: ער טרינקט נישט, ער שלאָגט זי קיין מאָל נישט, ער צווינגט זי נישט צו פּראָסטיטוּירן מיט אַנדערע, ווי דאָס האָבן, פון צייט צו צייט, געטאָן מיט איר אירע פריִערדיקע געליבטע — ווי באַקוועם ער איז פאַר איר נישט געווען, האָט זי דאָך ביי דעם דאָזיקן פּונקט נישט געקענט זיך איינהאַלטן נישט נקמה צו נעמען אין אים און זי האָט אויסגעשאָסן מיט שוים אויף די ליפּן.

— אַ מאַן ביסטו? אַזוי ווי איך בין אַ מאַן. איך האָב דיר דאָך גע־דאַרפט אַלץ ווייזן און לערנען. אָן מיר, וואָס וואָלט פון דיר געוואָרן? ווי אַזוי וואָלסטו זיך געבן אַן עצה מיט אַ ווייב, אידיאָט איינער? איצט קומסטו נאָך מיט טענות, מיט פאַרוואָרפן אַנשטאָט מיר דאַנקבאַר צו זיין. אַן אויס־

לענדער ביסטו, אַט וואָס דו ביסט! גיי זיך דיר, פאָר צוריק אין דיין לאַנד, פון וואַנען דו ביסט געקומען!

— אָבער „שערי״ — האָט מאָריס זיך דערשראָקן — מאַדלען טייערע! וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

— וואָס קאָנסטו מיר זאָגן? איבעריקנס, האָסטו מיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן. מענער האָב איך געהאַט וויפל נאָר איך האָב געוואָלט. אמתע מענער, נישט אַזעלכע ווי דו, איך קאָן זיי גאָר אַליין נישט איבערציילן. דו ביסט דער לעצטער פון אַ סך.

— דאָס מיין איך אויך — האָט מאָריס זיך געקליבן צו פאַרענדיקן דעם קריג.

— דאָס מיינסטו אויך? איז דאָך ווידער גוט — האָט מאַדלען געפרוווט פאַרענדיקן מיט אַ גינסטיקן פאַר איר סך־הכל די קליינע קריגעריי — האָסט מיך ליב, מיין קראַליקל?

— מירן זען — האָט מאָריס נאַריש אָפּגעענטפערט.

דעם אַנדערן טאָג, ווען זי איז נאָך געווען ביי דער אַרבעט, האָט ער גענומען זיין וואַליזקע, האָט זיך צערעכנט מיטן האָטעל־אייגנטימער און זיך איבערגעקליבן אין גאָר אַן אַנדערער געגנט, אויפן בעלוויל. געווען איז אַפילו אַ רייד, ער זאָל נעמען אַ צימער אין דעם זעלביקן האָטעל, וווּ זיין ברודער נאַטאַן האָט געוווינט, אָבער אים האָט זיך געגלוסט זיין פריי, נישט כסדר אונטער דער השגחה פון זיין ברודערס ברילן. ביידע ברידער האָבן זיך ליב געהאַט. דאָך, וואָס שייך דעם כאַראַקטער, זענען זיי, ווי שוין דערמאָנט, געווען פאַרשידן איינער פון דעם צווייטן.

אַזוי אַרום איז מאָריס געוואָרן אַן איינוווינער פון בעלוויל, און זיין צווייטער ראָמאַן איז זיך שוין פאַרלאָפן דאָרט מיט אַ יידיש מיידל, וואָס האָט געשטאַמט פון רומעניע. אָבער אויך דער דאָזיקער ראָמאַן איז איבערגעריסן געוואָרן. דאָס מאָל צוליב עפּעס אַ פאַרליבעניש צווישן דעם מיידל און אַ פראַנצויז.

עטלעכע חדשים האָט מאָריס געוווינט אין איין האָטעל־צימער מיט גיטעלע זילבער, וואָס איז די ייִנגסטע שוועסטער פון פרוי בילדמאַן, יענע רומענישע, וואָס קאָן נישט פאַרליידן קיין פוילישן ייד. אַ מיידל איז דאָס

נישט קיין פאַרשלאָפּענע, וואָלטן אַלע גלידער אירע געווען אַזוי שיין ווי איר פּנימל! ווי אויף צו להכעיס אָבער האָט גיטעלע געהאַט דיקע קני ווי די קלעצער. זי האָט דעריבער נישט געקאָנט טראָגן קיין קורץ קליידל לויט דער היינטיקער מאָדע.

מאַדאַם בילדמאַן טענהט, אַז שולדיק אין דעם זענען שיַער־שיַער נישט די פּוילישע. גיטעלע האָט נישט קיין מזל, זאָגט זי, זי איז אַ יתומה, זי האָט נישט קיין טאַטן און נישט קיין מאַמען, ווען נישט, וואָלט זי דען אַראָפּגע־קומען אַהער צווישן די פּוילישע, צווישן די פּראָנצוויזן, וואָס זענען מסתמא אויך נישט קיין סך בעסער ווי די פּוילישע דריפּקעס? זי וואָלט פאַרבליבן אין בוקאַרעשט, אין רומעניע, ווו זי וואָלט געקאָנט טאָן דעם בעסטן שידוך. כאָטש אויך דאָ וואַלגערן זיך נישט אַרום אויף דער גאַס אַזעלכע געראָטענע מיידלעך ווי גיטעלע, אויך דאָ וואָלט זי שוין לאַנג געפונען אַ חתן, ווען זי וואָלט געוואָלט נעמען אַבי וועמען פון דער גאַס. זי האָט אָבער צייט, ניש־קשה, אַזוי לאַנג קרענקען זיי, די פּוילישע, ווי זי וועט ווערן אַ כלה פון איינעם פון זיי. ס'איז שוין בעסער חתונה צו האָבן מיט אַ פראַנצויז. וואָס? אפשר ניין? קנאַפּ שיינע בחורים זענען דאָ ביי די פראַנצויזן? ביי גיטעלען וואָלט זי שוין דאָס געפעלט, אָבער זי וויל נישט איר שוועסטער די יתומה זאָל חתונה האָבן מיט אַ גוי. דער טאַטע וואָלט אין קבר נישט אַריבערגע־טראָגן די חרפּה, דעם בזיון. די מאַמע וואָלט זיך אַ מעשה אָנגעטאָן, ווען זי וואָלט נאָך געלעבט...

— איר הערט, מאַדאַם גראָסמאַן? — רעדט זי זיך אַראָפּ פון האַרץ פאַר יוכבדן — איר הערט? ווען איך האָב נישט מורא, אַז אָט־אָט וועט זי פּלוצלינג גאָר נעמען חתונה מיט אַ פראַנצויז, וואָלט איך, מיינט איר, נישט צעפּאַטשט אָט דעם מאַריס הענדלער? אמת, ער איז אַ צאַנטעככניקער און ער פאַרדינט נישט שלעכט, הלוואי אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן! אָבער ס'איז געענוג אַ קוק צו טאָן אויף די ממזרישע אויגעלעך פון אָט דעם „סאַלאָ" (אויסוואָרף), מען זאָל וויסן מיט וועמען מען האָט דאָ צו טאָן. וואָס איז דער וווּנדער? אַ פּוילישער!

— אָבער — וווּנדערט זיך יוכבד — איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איר וואָלט זיך שעצן גליקלעך, ווען ער זאָל וועלן מיט איר חתונה האָבן.

— ווער? איך האָב געזאָגט? געזונט זאָלט איר מיר זיין, איר פאַרשטייט דאָך גאָרנישט וואָס מען רעדט צו אייך. אויב אַפילו איך האָב יאָ געזאָגט, מיינט איר אפשר, אַז ער רייסט זיך מיט איר חתונה צו האָבן? ער אפשר יאָ, אָבער זי וויל דאָך נישט. ער געפעלט איר נישט, זאָגט זי, זי מיינט אַז זי קאָן קריגן עפּעס שענערס, עפּעס בעסערס ווי אַ צאָן־טעכניקער. זי איז אפשר גערעכט.

— אָבער זי וווינט דאָך צוזאַמען מיט אים.

— איר זעט גאָרנישט, וואָס עס טוט זיך אין דער היינטיקער וועלט. איר לעבט נאָך אַלץ דאָרטן, אין...

— אין פשעטיבי ווילט איר זאָגן? איך שעם זיך גאָרנישט מיט פשעטיבי. אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פאַר אַ פיין יידישע שטעטעלע דאָס איז. נו, איז דאָרטן נישטאָ קיין מעטראָ, קיין קאַפעס, קיין קאָרטן, וואָס איז דער אומגליק?

— איך האָב אייך דען עפּעס געזאָגט? איך האָב גאָרנישט קעגן אייער פשעטיבי, „מאַ פּאַראָל״! (מיין וואָרט). וואָס דאַרפט איר זיך באַליידיקן, מאַדאַם גראָסמאַן?

— איך באַליידיק זיך נישט, נאָר איך פאַרשטיי נישט, פאַר וואָס איר זענט אַזוי אין כעס אויף די פוילישע.

— מאַדאַם גראָסמאַן, איך פאַרשטיי אייך נישט. „קאָמפּראַן פּאַ!״ (איך פאַרשטיי נישט), חתונה האָבן מיט אים? ער וויל דאָך נישט, טאָ זאָל ער גיין אין דר׳ערד. ווער דאַרף אים האָבן?

— זי וויל דאָך נישט, האָט איר געזאָגט, אייער שוועסטער וויל דאָך נישט חתונה האָבן מיט אים, וואָס־זשע פאַר אַ טענות האָט איר צו אים?

— זי וויל נישט? ווייסט איר אָבער פאַר וואָס? ווייל ער האָט איר איינגערעדט, אַז ס׳איז אַלץ איינס: יאָ חתונה, נישט חתונה, יאָ אַ חופה, נישט אַ חופה, יאָ אין מערי, נישט אין מערי. שולדיק איז ער, אַנישט וואָלט זי שוין לאַנג מיט אים חתונה געהאַט, מיט אים, אָדער מיט אַ צווייטן. עס פעלן דען אויס בחורים אין פּאַריז?

— איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט וואָס איר ווילט, אַט ווילט איר

נישט און אַט ווילט איר יאָ. כאָטש ער איז אַ פּוילישער, כאָטש ער איז אַ צאָנטעכניקער.

— דאָס וואָס ער איז אַ צאָנטעכניקער, דאָס שאַדט נישט, די צאָנ־טעכניקער פאַרדינען דאָ דווקא זייער גוט, זיי קאָנען געבן אַ ווייב גאַנץ שיין חיונה, נישט ווי מיין מאַן.

— ווילט איר יאָ, הייסט עס? — לאָזט יוכבד נישט נאָך.

— איך וויל יאָ און איך וויל נישט — איז זי זיך מודה.

יוכבד, אָבער, הייבט נישט אָן צו פאַרשטיין נישט וואָס מאַדאַם בילד־מאַן וויל נישט, וואָס איר שוועסטער וויל, און נישט וואָס דער צאָן־טעכ־ניקער וויל. פון דער רומענישער קאָן מען גאָרנישט נישט דערגיין, אָבער וואָס האָט יוכבד זיך צו פאַרנעמען מיט יענעמס משוגענע קלאָ־פּאָטן? וויל זי זיך אָפּטשעפּען פון דעם גאַנצן שמועס און גיט כלומרשט אַ פרעג:

— און ווי האַלט עס איצט ביי זיי?

— ווי עס האַלט, פרעגט איר? ווי קאָן שוין האַלטן? גיטעלע האָט געזען, אַז זי וועט מיט אים נישט אויסקומען, האָט זי זיך פאַרליבט אין איינעם אַ פראַנצויז, אַ פיינער בחור ביז גאָר, אַ מעכאַניקער, מער נישט וואָס, ער איז אַ פראַנצויז, זאָגט אַליין, קאָן מען נישט פּלאַצן? ווען דער טאַטע אירער... די מאַמע...

— און יענער?

— יענער?

— איר חתן, דער צאָנטעכניקער?

— וואָס פאַר אַ דעה האָט ער אויף איר? זי האָט מיט אים חתונה געהאַט?

— זיי האָבן דאָך אָבער...

— אויך מיר אַ לעבן. זעקס חדשים זענען זיי געווען צוזאַמען. אויב זי איז פון אים אַוועק, איז דאָס זיין שולד. פאַר וואָס האָט ער מיט איר נישט חתונה געהאַט, ווי עס פירט זיך ביי יידן? פאַר וואָס האָט ער זי געלאָזט לויפן? פרייע ליבע רופן זיי דאָס. א מיידל אַ יתומה, אָן טאַטע־מאַמע, פון וואַנען זאָל זי וויסן? איך האָב דאָס מייניקע געטאָן. זי איז

אָבער אַ ווילדע ציג, טאָ זײ כאָטש דו אַ מענטש. איז ער אָבער אויך אַ גאָרנישט. נעמט זי, מײן שוועסטער, און פאַרליבט זיך אין אַ שײגעץ, אַלע מענטשן, זאָגט זי, זענען גלײך — גויִים, ײדן...

אַזוי האָט מאָריסעס צווײטער ראָמאַן זיך פאַרענדיקט. ערגער נאָך פון דעם ערשטן. פון מאַדלענען איז ער אַנטלאָפן. ער האָט זיך פון איר אַרויסגעגנבעט. דאָ אָבער איז זי פון אים אַנטלאָפן אין מיטן נאַכט.

## קאַפּיטל 11

סאַנדלערס קאָנפעקציע־פאַבריק אויפן בעלוויל רעכנט זיך פאַר איינער פון די גרעסטע אין פאַריז. אמת אין דער פאַבריק גופא זענען נישטאָ אַזוי פיל אַרבעטער — נישט מער ווי אַ פופצן־צוואַנציק שניידער, מאַשינער, פרעסער, לעכלנייער און „פיניסערס" (די, וואָס פאַרענדיקן די אַרבעט). דערפאַר אָבער האָט סאַנדלערס פאַבריק אַן אַ שיעור פיליעס מיט „פאַסאָניערס", ווי מען רופט זיי דאָ. אויף יעדן דריטן אָדער פערטן שטאָק — סאַנדלערס אַ פיליע. פאַראַן אויך האָטעל־צימערלעך אין די קרומע געס־לעך, וווּ עס זיצן זיינע מענטשן און נייען פאַר אים טאָג ווי נאַכט, ווען ס'איז נאָר סעזאָן. אין „מאַרט־סעזאָן" גייען אַרום די יידישע פאַסאָניערס אויף די בולוואַרן אָן אַ שטאָך אַרבעט.

מען דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז בלויז זומער און ווינטער איז סעזאָן, און פרילינג און האַרבסט איז „מאַרט־סעזאָן" אויפן בעלוויל. ניין, עס זענען אויך פאַראַן אין משך פון יאָר האַלב־סעזאָנען, וואָס זענען נישט אַהין און נישט אַהער. אין די האַלב־סעזאָנען שפּילן זיך אָפּ די ראָמאַנען אויפן בעלוויל, אי די „פרייע", אי די געוויינלעכע, מיט דער „מערי" אָדער אָן דער „מערי", זעלטן ווען מיט אמתע חופּה און קידושין. אַרבעט אין די שניידער־וואַרשטאַטן אויפן בעלוויל איז דעמאָלט קנאַפּ און מען האָט צייט זיך צו ליבן, חתונה האָבן און אויך זיך צו גטן, אויב מען האָט נישט געטראָפן...

אין האַרבסט האָט גיטעלע זיך באַקענט מיט מאַריסן און אין פרילינג איז זי אַנטלאָפן פון אים מיט אַ מעכאַניקער פון אַ גאַראַזש, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם זעלביקן הויף, וואָס סאַנדלערס קאָנפעקציע־פאַבריק.

מאַריס איז געווען אַן אויסלענדער, און זשאַנאַ איז געווען אַ פראַנ־

צויז, אַ יונג אַ ריז, אַ באָקסער. די דאָזיקע ענדערונג איז נישט געווען קיין שווערע. גיטעלע האָט זיך בלויז אַרויסגעקליבן פון דעם צימערל, ווו זי האָט צוזאַמען געוווינט מיט מאָריסן און האָט זיך אַריינגעקליבן אין אַ צווייטן צימערל אין דעם זעלביקן האָטעל.

מאָריס האָט זי באַגעגנט אויף די טרעפּ און געפּרווווט אַ פרעג טאָן פאַר וואָס זי איז פון אים אַוועקגעגאַנגען:

— גיטעלע, פאַר וואָס?

— פאַר דאָס — האָט זי אים צוגעוואָרפן און האָט אויסגעדרייט דעם רוקן.

— האָב איך דיר דען שלעכטס געטאָן? האָב איך דיך באַליידיקט?

— באַליידיקט? ווער ביסטו, דו זאָלסט מיך קאָנען באַליידיקן?

— דו ווייסט שוין גאָרנישט ווער איך בין, גיטעלע?

— זשאָנאָ איז אַן אַטלעט, און דו, וואָס ביסטו?

— און אויב נישט קיין אַטלעט, איז מען שוין גאָרנישט נישט ווערט, מיינסטו? איז מען שוין גאָר קיין מענטש נישט? דאַרף מען אַוועקגיין אָן אַ זיי־געזונט? וואָס האָב איך דיר געטאָן אַזוינס? מיט וואָס האָב איך זיך קעגן דיר פאַרזינדיקט?

— זש'מאָן פו (איך שפּיי אויף דיר), אָט וואָס דו האָסט מיר געטאָן!

— אָבער פאַר וואָס, גיטעלע?

— גיי צו זשאָנאָ, וועט ער דיר זאָגן פאַר וואָס.

מאָריס האָט געהאַלטן, אַז ס'איז גלייכער נישט צו גיין צו זשאָנאָ פרעגן ביי אים פאַר וואָס. ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין קוק, כאָטש זשאָנאָ איז גאָרנישט אַזאַ רוצח, ווי עס דוכט זיך.

דער סוף איז געווען, אַז זשאָנאָ איז גאָר געקומען צו מאָריסן זיך אַנטשולדיקן, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט גיטעלען ביי אים. זאָל ער זאָגן איין וואָרט, האָט דער פראַנצויז אים פאַרזיכערט, וועט ער אים צוריקגעבן די גיטעלע מיטן גרעסטן דאַנק, וואָרעם פריַער פאַר אַלץ, האַלט ער, דאַרף מען זיין אָרנטלעך. אַנישט איז דאָס אַן עק פון דער וועלט. ווער עס וועט זיין שטאַרקער, וועט האָבן אַ סך פּרויען, און דער שוואַכער וועט

גאַרנישט האָבן. זאָל ער זאָגן, מאָריס, צי ער וויל זי האָבן צוריק, צי נײן. אים, זשאַנאַ, פֿעלן קײן פּרויען נישט אויס, מיט אַ מיידל פֿון רומעניע האָט ער נאָך קײן מאָל נישט געהאַט צו טאָן, איצט זעט ער, אַז ס'איז די זעלביקע זאַך. אַלע ווײַבער זענען ווי פֿון אײן טײג געקנאָטן.

דערהערט זשאַנאַס „אָרנטלעכע״ רײד, האָט מאָריס אויך נישט געוואָלט זײַן קײן פֿאַרך און האָט אָפּגעשלאָגן דעם אָנבאָט. אין האַרצן האָט ער גאָר גענומען זיך פֿרײען, וואָס ער איז פּטור געוואָרן פֿון דער דאָזיקער מויד מיט די קרומע פֿיס.

— דײַן גיטעלע — האָט זשאַנאַ נישט נאָכגעלאָזט — זי איז...

— זי איז נישט מער מײַן גיטעלע — האָט מאָריס פּראָטעסטירט.

— דײַנע אָדער מײַנע, אַלץ אײנס. זי פֿאַרדינט, האָב איך געזאָגט, איך זאָל זי אַרויסוואַרפֿן. זי איז נישט קײן מענטש. געשלאָגן האָסטו זי נישט, געלט האָסטו איר געגעבן גענוג, טאָ פֿאַר וואָס איז זי אַוועק פֿון דיר? ווען בײַ מיר וואָלט פּאַסירט אַזאַ מעשׂה, הענט און פֿיס וואָלט איך איר אונטערגעהאַקט, אָבער איך בין נישט קײן גזלן, זאָל זי בלײַבן אַ שטיקל צײַט מיט מיר, ווי באַלד דו ווילסט נישט זי זאָל צוריקקומען. איך, אויף דײַן אָרט, וואָלט אַנדערש געהאַנדלט. אַזוי טאָן, ווי זי האָט געטאָן, טוט מען נישט. ס'איז נאָך גוט, וואָס איך הײס זשאַנאַ, וואָס איך בין אַן אַרבעטער, נישט קײן אַלפֿאָנס.

— געוויס, געוויס — איז מאָריס מסכּים געווען מיט זשאַנאַ — אַזוינס טוט מען נישט. ס'איז נישט אָרנטלעך. אָבער וואָס קאָן מען זיך העלפֿן! אַזוי זענען זײ, די מײדלעך.

— נישט אַלע זענען אַזעלכע. דאָ, אין פֿראַנקרײַך, פֿירט מען זיך אויף אַנדערש.

מאָריס האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן און האָט זיך אַרויסגעדרייט פֿון דעם ווײַטערדיקן שמועס. זשאַנאַ האָט אים אַ דריק געטאָן די האַנט און האָט אים געפֿרעגט:

— האָסטו נישט קײן פּאַראיבל אויף מיר?

אַ נאַרישער פֿראַנצויז, געכאַפּט אַן אַנטיק! גוט אים אַזוי, זאָל ער

נישט קריכן צו יידישע מיידלעך פון רומעניע. ער, מאָריס, וועט דאָס צווייטע מאָל שוין זיין מער פּאָרזיכטיק מיט די מיידלעך. איבעריקנס, איז בכלל צייט אָ טראַכט צו טאָן וועגן אַן אמתער פרוי, וועגן אָ יידיש מיידל פון פוילן און טאַקע מיט אַ חופּה. פאַר וואָס נישט? ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף אַ מיידל, וואָס איז אי א היימישע, אַ פּוילישע, אי אַ סך שענער און איידעלער ווי גיטעלע.

## קאַפּיטל 12

אין סאַנדלערס קאָנפעקציע־פאַבריק האָט גיטעלעס טאַט אַרויסגערופן א שטורעם. אַלע האָבן זי פאַראורטיילט. אפשר דערפאַר, ווייל כמעט אַלע שניידערס און נייטאָרינס האָבן געשטאַמט פון פוילן. בלויז איין גיטעלע איז געווען אַ רומעניש און צוויי נייטאָרינס זענען געווען טשעכישע.

ווען מען האָט דעם פאַרגאַנגענעם האַרבסט זיך דערוווּסט, אַז זי לעבט מיט איינעם אַ צאַנטעכניקער, האָט זיי אַ ביסל פאַרדראָסן, וואָס אַ ווילד־פרעמדער בחור האָט זי אויסגעכאַפּט, אַ בחור מיט אַ פּאַך, וואָס איז זעלטן ביי יידן, אויף יעדן פאַל, אויפן בעלוויל. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן ביי איר געפונען פיזישע מעלות, אויף וועלכע זיי האָבן פריִער נישט געהאַט זיך אומגעקוקט אפילו. זי האָט קרומע פיס? איר פּנים אָבער ציט צו. אמת, אירע האָר זענען אַ ביסל צו בלאָנד אָדער נישט גענוג בלאָנד, אָבער מען קאָן דאָך נישט פאַרמאָגן אַלץ אויף אַ מאָל: אי אַ שיינע טאַליע, אי בלויע אויגן, אי אַ פּיקאַנטן שמייכל, אי שניי־ווייסע ציין און אי באמת בלאָנדע האָר. עפּעס האָט זי אין זיך פון אַ וואַמפּ, אַנישט וואָלט דער צאַנטעכניקער זיך נישט פאַרליבט אין איר. קורץ און גוט: חברה האָט דעמאָלט גענומען זיך ווייצלען אויף איר חשבון, ווי שניידערס קענען. די נייטאָרינס, די „הענט”, האָבן גענומען מאַכן אַנצוהערעניש, אַז אירע ווייסע ציינדלעך זענען מסתמא דעם צאַנטעכניקערס אַרבעט, איר שמייכעלע אַפילו קאָן זיין איז אַ פאַלשער. די בחורים האָט געשאָטן גראָבע וויצן. גיטעלע אָבער האָט זיך געמאַכט ווי זי וואָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען און געהויבן מיט די פּלייצעס. זי האָט מיט דער צייט אַפילו אויפגעהערט צו ווערן רויט.

אייגנטלעך וואָלט זי גאַנץ גוט געקענט אויסקומען אָן דער שניידעריי אויך. מאָריס האָט וויפל מאָל געזאָגט, אַז אויב זי וויל, קאָן זי בלייבן

זיצן אין שטוב און גאַרנישט נישט טאָן. ער פֿאַרדינט גענוג פֿאַר ביידן. טאָמער וועלן זיי איין טאָג באַשליסן חתונה צו האָבן, וועט ער דינגען אַ דירה אויף די גרויסע בולוואַרן. נישקשה. באַלד וועט ער האָבן אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר טויזנט פֿראַנק, וועט ער דינגען אַ שיינע דירה און קויפֿן מעבל. ביז וואָס ווען, קאָן מען אויסהאַלטן אין האָטעל אויך.

גיטעלע האָט אָבער נישט געוואָלט אָוועקגיין פֿונעם וואַרשטאָט. דאָס זיצן אַליין אין צימער האָט זי געלאַנגווייליקט, צו איר שוועסטער גיין מיט אָפּטע באַזוכן האָט זי נישט געהאַט קיין גרויסן חשק, ווייל יענע זאָגט איר כסדר מוסר און לערנט זי ווי אַזוי זי זאָל זיך פֿירן מיט איר חבר. איר שוועסטער מיינט, אַז דאָס גלייכסטע פֿאַר איר וואָלט געווען זי זאָל חתונה האָבן מיט מאָריסן, אַלץ איינס צי זי האָט אים יאָ ליב, צי נישט ליב. דאָס איז נישט קיין שטער צו האָבן קינדער. זי גופֿא, טענהט זי אַריין אין איר שוועסטער, האָט איר מאַן אויך נישט ליב. פֿון דעסטוועגן האָט זי אַ גאַנץ גוט לעבן מיט אים, הלוואַי זאָל נאָר גיטעלע טרעפֿן נישט ערגער! שלעכט איז נאָר, ווען מען האָט נישט ליב אַ געליבטן. ווייל אויב נישט, טאָ מיט וואָס איז ער אַ געליבטער?

גיטעלע האָט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפֿערן איר שוועסטער. איז מאָריס איר געליבטער, אָדער זי ווינט גלאַט אַזוי מיט אים? אפֿשר האָט זי אים טאַקע ליב? ווער ווייסט? איינס אָבער איז זיכער: אַזוי פֿאַרליבט זיין אין אים, אַז אירע געבליטן זאָלן קאָכן אין איר — איז זי נישט. עס קאָן זיין, אַז זי וועט סוף־כּל־סוף חתונה האָבן מיט אים, פֿאַר וואָס נישט? זי איז אָבער נישט פֿון די מיידלעך, וואָס קאָנען זיך אָפּשטעלן לאַנג אויף איין געדאַנק. טאָ זאָל גיין, ווי עס גייט! וואָלט מאָריס צוגעשטאַנען צו איר, וואָלט ער אַרויסגעוויזן אַ ביסל אייפֿערזוכט, וואָלט געווען גאַר אַנדערש. אָבער ער זאָגט גאָרנישט. אפֿשר איז ער גערעכט דערמיט, וואָס ער שווייגט, וואָרעם וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו רעדן?

טרעפֿט ער זיך מיט זיין ברודער, ווערט מאָריס אַ לעבעדיקער. וואָס מאַכט דער? וואָס מאַכט יענער? זי קומט זיך דעמאָלט פֿאָר, ווי אַ פֿרעמדע צווישן אָט די אַלע נעמען, וואָס ווערן אויסגערעכנט. מאָריס האָט אין פּאַריז אַ גרויסע פֿאַמיליע: שטיפֿברידער, שטיפֿשוועסטער און נאָך אַ

אַ מאָל: שטיפברידער און שטיפשוועסטער. רייך איז די משפּחה שטיין. אַלע קינדער שטודירן, וואָס פאַראַ שייכות האָט זי צו זיי? פאַרדריסט דאָס זי טאַקע. זי ווייסט אָבער נישט אייגנטלעך, וואָס איר פאַרדריסט. געדאַרפט וואָלט זי איין מאָל פאַר אַלע מאָל אים באַווייזן זיין פרעמדע באַציִונג צו איר, האָבן טענות צי אים, פאַר וואָס ער שעמט זיך מיט איר, פאַר וואָס ער האַלט זי ווייט פון זיין רייכער משפּחה. זי ווייסט אָבער נישט ווי אַזוי אָנצוהייבן. בורטשעט זי און טראַכט, אַז זי האָט אים פיינט. זאָל איר נאָר אונטערקומען אונטערן האַנט אַבי ווער, וועט זי מיט אים שלאָגן כפּרות.

און דאָס האָט זי טאַקע געטאָן, ווען זשאַנאַ האָט איין מאָל צו איר אַ שמייכל געטאָן. ער האָט זי אַוועקגעפירט אין קינאָ און פון דאָרטן גלייך צו זיך אין צימערל אַריין.

אויף מאָרגן נאָך דער דאַזיקער געשעעניש האָבן אַלע אין סאַנדלערס פאַבריק שוין געוווּסט, וואָס עס איז פאַרגעקומען. פּעך און שוועבל האָט מען געשאָטן אויף איר, חוץ רייזעלע, ווייל זי האָט בכלל זיך געהאַלטן ווייט פון פּליאָטקעס. איר האָט זיך איינגעגעבן צו זיין מיט אַלעמען היימיש און גלייכצייטיק אין אַ זייט, גלייך ווי קיין זאַך דאָ וואָלט איר נישט אָנגעגאַנגען, ווי זי וואָלט געלעבט אין גאָר אַן אַנדערער וועלט. זי האָט נישט פאַרטראָגן די שלעכטע וויצן און די גראָבע רייד אין וואַרשטאַט.

זי האָט מיט עטלעכע חדשים צוריק פון דאָס ביי דורכגעמאַכט אַ שטיקל טראַגעדיע מיט אַ ליבע. „טראַגעדיע" איז אפשר אַ צו שטאַרק וואָרט און עס פּאַסט זיך בעסער צו זאָגן אַנטוישונג. חדשים־לאַנג איז זי אַרומגעגאַנגען מיט אַ בחור, אַ דיכטער, ער איז איר געפעלן געווען, זי איז אים געפעלן געווען, און ס'האָט געהאַלטן דערביי, זיי זאָלן נעמען אַ צימערל אין אַ האָטעל און ווערן אַ פּאָרל, ווי אַ סך אַנדערע יידישע בחורים און מיידלעך אין פּאַריז. אייגנטלעך, האָט אברהם געהאַט אַ גרויסן חסרון: חוץ זיין שרייבן לידער, האָט ער נישט פאַרמאָגט קיין אַנדער באַרוף, און זיך לאָזן אויסהאַלטן פון אַ מיידל האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט כסדר גערעדט פון דיכטונג, פון פרייהייט, פון פערזענלעכקייט און פון אמתער ליבע, אָבער ווי נאָר עס איז געקומען אָנצונעמען אַ באַשלוס האָט ער זיך אַרויס־געדרייט.

וואָלט זי געווען פאַרליבט אין אים גופא, נישט בלויז אין זיינע רייד, וואָלט זי שוין געפונען אַ מיטל, ווי אַזוי אים צוצוטוליען, אָבער זי מוז מודה זיין, אַז מיט זיין פּלאַפּלען פּלעגט ער איר אָפּט מאָל שפּילן אויף די נערוון. אַ מענטש זאָל נישט האָבן קיין ביסל איניציאַטיוו — אַזוינס האָט זי נאָך נישט געזען. זי האָט דאָך נישט געקאָנט אים נעמען מיט געוואַלד, צושטיין צו אים: „לאָמיר גיין ווינבען צוזאַמען, ווי באַלד דו האָסט מיך ליב. וואָס קווענקלסטו זיך אַזוי? קאָנסט געבן לעקציעס אין פּראָנצויזיש, אָדער טאָן עפּעס אַנדערש, אַנישט וועסטו אין דער ערשטער צייט אויס־באַרגן ביי מיר. פּאַר אַ צימערל מוז איך דאָך סיי ווי סיי צאָלן, קאָנען מיר ווינבען צוזאַמען, און נישט דו זאָלסט זיך וואַלגערן אַלע נאַכט ביי אַ צווייטן חבר. באַשליס זיך. זאָג אַ וואָרט!״

אַזוי קלאָר צו רעדן מיט אים האָט איר נישט געפּאַסט, און ער האָט גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען. אפשר האָט ער יאָ פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט, נאָר ער איז געווען צו שטאָלץ אָנצונעמען אַזאַ פאָרשלאָג. האָט ער גע־שוויגן. אפשר האָט ער זי גאָרנישט ליב געהאַט, אַלץ איז מעגלעך. האָט זיך דאָס געשלעפּט, געשלעפּט, ביז אַן אַנדער מיידל האָט אים פאַרכאַפּט. דעם אמת געזאָגט, האָט דאָס איר גאָרנישט פאַרדראָסן, בפרט נאָך אַז יענץ מיידל, דבורהקע, אַ מאַכערקע אין דער קולטור־ליגע, איז מסתמא מער קרבן ווי זיגערין. דבורהקע, מוז רייזעלע זיך מודה זיין, פּאַסט זיך פאַר אים מער ווי זי. אָן שום ספק פאַרשטייט זי בעסער פּאָעזיע ווי זי. אַ רעד־נערין איז זי אויך אַ גוטע, אַ פּראָפּאַגאַנדיסטקע. זי אַרבעט זיך נישט איבער, פאַרשטייען זיי זיך ביידע אַוודאי זייער גוט. געוויס איז דבורהלע אַ קנאַ־פּער פאַרשוין, אָנגעטאָן גייט זי אַבי ווי, זי פאַרבט זיך נישט, זי שמינקט זיך נישט, אַ טראָט האָט זי ווי פון אַ מאַנסביל.

אייגנטלעך זענען רייזעלע און אברהם זיך גאָרנישט פונאַנדערגעגאַנגען; ס'איז קיין מאָל צווישן זיי נישט געקומען צו רייד, אַז דער ראָמאַן זייערער איז אויס. זיי האָבן פּראָסט־פּשוט אויפגעהערט צו רעדן וועגן ליבע בכלל, וועגן חברשער ליבע און פריינדשאַפט בפרט, און דערנאָך האָבן זיי גענומען זעלטענער זיך טרעפן, דאָס איז אַלץ. אָבער עד־היום, ווען זיי באַגעגענען זיך אויף די טרעפּ פון דער קולטור־ליגע, אָדער אויף עפּעס אַן אָוונט,

שמייכלען זיי נאָך איינער צום צווייטן מיט יענעם שמייכעלע, אין וועלכן עס שטעקט פאַרלעגנהייט און אַ מין באַדויערן, וואָס דאָס אַלץ האָט זיך צווישן זיי פאַרענדיקט נאָך איידער אייגנטלעך עס האָט זיך אָנגעהויבן. אויף יעדן פאַל איז מען פאַרבליבן גוטע חברים.

האָט זיך געמאַכט די געשיכטע מיט גיטעלען. דערנאָך האָט מאָריס אָנגעהויבן זיך צו באַווייזן צוויי מאָל אַ טאָג אויף רייזעלעס וועג צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט. ניין, עס איז נישט געווען, ווי עס טרעפט אַ מאָל, ליבע פון ערשטן קוק, ווייל דער קוק איז דאָך נישט געווען דער ערשטער. באַקאַנטע פנימער נאָך פון פריִער. עפּעס ווי פון זיך אַליין האָבן זיי זיך ביידע דערנענטערט איינער צום צווייטן.

צו ערשט זענען זיי געגאַנגען צוזאַמען עסן אין אַ דערבייִיקן יידישן רעסטאָראַן, דערנאָך זענען זיי צוזאַמען געגאַנגען אין קינאָ. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז זענען זיי געוואָרן, קאָן מען זאָגן, חתן־כלה גאָרנישט אויף צו פלייסן. מאָדנע, ס׳איז אַפילו נישט בייטיק געווען קיין סך רייד, זיי זאָלן וויסן, אַז זיי זענען ביידע ווי באַשאַפן איינער פאַרן צווייטן.

אויך די הכנות צו זייער חתונה זענען געווען נאַטירלעכע, גלייך ווי דאָס וואָלט שוין געווען אַן אָפּגעמאַכטע זאַך ווער ווייסט פון ווי לאַנג.

## קאַפּיטל 13

שוין אין די אַכציקער יאָרן פון דעם ניינצטן יאָרהונדערט איז פּאַריז געוואָרן אַ היים, אַ פאַרבייגייענדיקע אָדער אַ שטענדיקע, פאַר טויזנטער יידישע עמיגראַנטן. דעמאָלט זענען זיי אַלע אַנטלאָפן אַהער פון דעם צאַרישן גיהנום אָדער פון רומעניע. אָבער אָט די אַלע ניי־איינגעוואַנדערטע יידן וואָלטן סוף־כל־סוף זיך אויסגעמישט מיט די פראַנצויזישע און עלזאַסער יידן, אַ סך פון זיי וואָלטן אַוועקגעגאַנגען פון יידישקייט, ווען אין דעם גרויסן פּאַריז וואָלט נאָך דער וועלט־מלחמה 1914—1918 זיך נישט אַריינגעגאָסן אַ נייער שטראָם פון יידישע פּליטים.

ווי נאָר די טויערן פון פראַנקרייך האָבן זיך פון דאָס ניי אויפגעמאַכט, זענען זיך באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה צונויפגעפאָרן אין פּאַריז יידן פון רוסלאַנד און פון די נייע מדינות: פּוילן, ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד. געקומען זענען זיי מיט זייער אייגענער שפּראַך, אייגענער קולטור און אייגן ספּעציפיש לעבן.

אַ סך עמיגראַנטן האָבן מיטגעבראַכט אַן אידעאַל, פאַר וועלכן זיי זענען געווען גרייט צו קעמפן אויך אין זייער נייער היים. ס׳זענען געווען צווישן זיי ציוניסטן, טעריטאָריאַליסטן, פּועלי־ציון — רעכטע און לינקע, פאָלקיסטן, יידישיסטן, העברעיִסטן, בונדיסטן, קאָמוניסטן און אַנאַרכיסטן.

געפעלט האָט זיי בלויז איין זאַך: אַ געמיינזאַמער צענטער ווו זיך צו גרופּירן. דעמאָלט איז נאָך נישט געווען אַזאַ גרויסער אונטערשיד צווישן איין פּאַרטיי און דער צווייטער, צווישן גרופּירונגען און אידעאָלאָגיעס. עס האָט געפעלט אַ קולטור־צענטער אין יידיש, וואָס איז געווען זייער אַלעמענס לשון.

די אָרגאַניזאַציע, וואָס די דאָזיקע עמיגראַנטן האָבן געגרינדעט, האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „קולטור־ליגע״.

## י. פינער

די „קולטור־ליגע" האָט דורכגעמאַכט עטלעכע האָניק־חדשים. באַלד אָבער האָבן זיך באַוויזן גרויסע מיינונגס־פאַרשידנהייטן.

צו יענער צייט, ווען אברהם, רייזעלע, מאָריס, הירשקע, דבורהקע און נאָך הונדערטער אַנדערע יידישע עמיגראַנטן פלעגן פאַרברענגען אין דער „קולטור־ליגע" זייערע אָוונטן אין דיסקוסיעס און פאַרוויילונגען, האָט שוין די אָרגאַניזאַציע געהאַלטן שמאָל און איר בנין האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען. אָבער זי איז נאָך אַלץ געווען דאָס אָרט, ווו אַ פריש־געקומענער עמיגראַנט האָט זיך געטראָפן מיט אַן אַנדערן עמיגראַנט, ווו ער האָט געקאָנט באַקומען אַ יידיש בוך צו לייענען, הערן אַ וואָרט אין יידיש און זיך פילן ווי ביי זיך אין דער היים. אין דער „קולטור־ליגע" האָט זיך אויך געפונען אַ מין אַרבעט־בירזשע, ווו איין אַרבעטער פלעגט בייטן זיין פּלאַץ מיט אַ צווייטן אַרבעטער. טייל מאָל פלעגט אויך דער אָדער יענער פאַבריקאַנטל אַהין קומען זוכן אַ „גרינע" האַנט, וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען קיין פּאַריז, ווען־נישט־ווען אויך אַ „פוס" פון אַ מאַשינער, ווייל נישט אַלע שניידער־אונטערנעמער האָבן שוין געהאַט איינגעפירט ניימאַשינען מיט עלעקטרישע מאָטאָרן.

אין דער „קולטור־ליגע" האָט יעדן אָוונט געקאָכט. אין די קאָרידאָרן, צימערן און צימערלעך, זענען פאָרגעקומען זיצונגען פון קאָמיטעטן און פון אַלערליי קאָמיסיעס. דער עיקר אָבער פלעגט זיך טאָן אויף די טרעפּ אין די קוליסן פון דער דאָזיקער איינגעוואָנדערטער יידישער קולטור.

עס האָט אויסגעזען, ווי אָט די אַלע בחורים און מיידלעך וואָלטן געוואָלט ממשיך זיין דאָס לעבן, וואָס זיי האָבן מיט עטלעכע יאָר צוריק געהאַט געפירט אין וואַרשע, אין לאָדזש, אין יאַסי, אין טשערנאָוויץ, אין קאָוונע און אין ריגע.

צווישן די דאָזיקע פריש־אָנגעקומענע עמיגראַנטן זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ, ווייל אָדער זיי האָבן נישט געהאַט קיין סאַנטים ביי דער נשמה, אָדער זייערע פּאַפּירן זענען נישט געווען אין בעסטער אָרדענונג. האָבן זיי געוווּסט, אַז פון דאַנען וועלן זיי אויפן גאַס נישט גיין שלאָפן. עס וועט זיך שוין געפינען עמעצער, אַ לאַנדסמאַן, וואָס וועט זיי מיטנעמען שלאָפן ביי זיך און וועט מיט זיי טיילן דעם לעצטן ביסן ברויט.

צו יענער צייט האָבן זיך אין דער „קולטור־ליגע" אויסגעטיילט עטלעכע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן דאָרט געגומען שפּילן אַ ראָלע. אָט איז ביבי דער סטודענט, באַהאַוונט אי אין פּאָליטיק, אין אין ליטעראַטור, דער עיקר אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. ביבי שטעלט מיט זיך פאָר פּאַריז, אייראָפּע, און איז ווי אַ בריק צווישן „דאָ" און „דאָרט". ער האַלט פאַר די עמיגראַנטן רעפּעראַטן איבער דעם, וואָס פּאַריז איז געווען אַ מאָל, און וואָס זי איז היינט, דערציילט וועגן דעם אָדער יענעם פראַנצויזישן שרייבער. בת־שבע שטיין איז אַ היסטאָריקערין. זי רעדט וועגן מאַרקס, ענגעלס, לאַסאַל, זשאָרעס. הירשקע איז אַריינגעטאָן אין דעם היינט. אים אינטערעסירן סינדיקאַלע פראַגן, פּאָליטישע עקאָנאָמיע. פישעק איז אַ ספּע־ציאַליסט אויף אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. אברהם איז אַ פּאָעט און שוועבט אין די הימלען.

ביסלעכווייז זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט רייזעלע, מאָריס און נאָך אַנדערע הונדערטער נעכטיקע אָדער אייערנעכטיקע עמיגראַנטן.

## קאַפּיטל 14

סיי מאָריס, סיי רייזעלע, זענען געווען היינטוועלטיקע יונגעלייט; זיי זענען ביידע געווען פרײדענקער. ווען זיי דאָך נישט אין פּאַריז, אויפן בעלוויל, ווו עס ווערט אַזוי פיל גערעדט וועגן פרייהייט, גלייכהייט, און, פאַרשטייט זיך, אויך וועגן פרייער ליבע, נעמען אין מיטן דרינגען פראַוועון אַ חתונה מיט אַ חופה, מיט אַ רב און מיט אַלטפרענקישע כלי־קודש.

פון דער צווייטער זייט איז מאָריס פאָרט כמעט ווי ר׳ פּנחסעס אַ זון. כאָטש דעם אמת געזאָגט, איז ער אַפילו נישט קיין שטיפזון, וואָרעם כדי צו זיין אַ שטיפזון וואָלט זיין מאַמע באַדאַרפט איצט לעבן און זוכה זיין פירן איר זון צו דער חופה. אָבער דאָך איז זיין מאַמע געווען ר׳ פּנחסעס ווייב. און ר׳ פּנחס איז נישט אַבי ווער, נאָר אַ ייד אַ באַלעבאָס, אַ תקיף און אַ בן־תורה. ווי אַזוי זשע זאָל ער אים אָנטאָן אַזאַ חרפה און חתונה האָבן אָן חופה וקדושין?

רייזעלע ווידער, ווען זי טוט אַ טראַכט, פון וואָס פאַר אַ שטוב זי קומט אַרויס, שטעלט זי זיך פאַר איר אַלטן טאַטן, ר׳ לייזער, ווי ער זיצט איינגעבויגן איבער דער גמרא און זינגט זיך אונטער אַ ניגון, און עס ווערט איר טרויעריק אויפן האַרצן. נישט גענוג, וואָס זי האָט אים אָנגעטאָן אַזוי פיל צער מיט דודן דעם אויסוואורף, וועלכער האָט זי געלאָזט שטיין מיט אַ בויך, גייט זי ווידער זיך פאַרבינדן מיט אַ צווייטן אָן אַ חופה, אָן אַן אמתער יידישער חתונה. איר טאַטע האָט נישט געוואָלט האָבן קיין ממזר פאַר אַן אייניקל, אָבער צי ווען די קינדער, וואָס זי וועט האָבן מיט מאָריסן נישט זיין קיין ממזרים?

נאָך טרויעריקער ווערט איר, ווען זי דערמאָנט זיך אין איר מאַמען. איר מאַמע האָט דאָך אַוודאי נישט פאַרדינט אַזאַ חתונה! און איר מומע יוכבד? — צי קאָן זי איר דען אָנטאָן אַזאַ עגמת־נפש? פּערעלע, דאַכט

זיך, אַ מיידל פון דער היינטיקער וועלט, האָט אויך חתונה געהאַט מיט חופּה וקדושין. אמת, פּערעלע האָט זיך פון שטענדיק אָן געהאַלטן ווייט פון דער „קולטור־ליגע" און עס האָט זי נישט געאַרט, וואָס איר ברודער הירשקעס חברים און חברטעס זאָגן, און וואָס הירשקע גופא זאָגט. זי איז נישט פון די, טראַכט רייזעלע, וואָס נעמען זיך איבער. אַפילו איר מאַן האָט זי אויך נישט ליב צו שטאַרק, כאָטש ער איז אַ געבילדעטער און נישט קיין מיאוסער. זי איז מסתמא נאָך אַלץ פאַרקאָכט אין איר חיימקען, דעם קליינשטעטלדיקן דאַן־זשואַן.

סיי מאָריס, סיי רייזעלע, האָבן שטילערהייט, הייסט עס, קריטיקירט זייער קומענדיקע שטילע חתונה, וואָס זיי האָבן זיך געגרייט צו פּראַווען — אַ חתונה, אָן חופּה און קדושין.

זיי האָבן נאָך נישט געקאָנט מסכים זיין זיך צו באַנוגענען, ווי דאָס רוב חתן־כלה פון בעלוויל, מיט אָן איינפאַכער ליאַמע ערגעץ אין אַ רעסטאָראַן. זיי האָבן כאָטש געוואָלט זיך שפּירן ווי אמתע חתן־כלה און נישט וואָכעדיק מאַכן באַציינטנס אַ לעבן, וואָס מען גרייט זיך צו פירן צוזאַמען — ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, ווי מען פלעגט זיך צווינטשן אין דער אַלטער היים.

אַ חודש פאַר דער חתונה האָבן זיי אויפגעהערט צו אַרבעטן, נישט ער ביי זיין צאַנטעכניק, נישט זי ביי איר ניימאַשין. קודם־כל דאַרף מען זיך מאַכן נייע מלבושים, זען קריגן עפּעס אַ דירהלע, איינקויפן מעבל און שטוב־כלים, און דערנאָך טאַקע אויך שאַדט נישט אַרויסצופאָרן אויף אַ פּאָר טעג אויסער פּאַריז, אויף דער נאַטור, עסן אין אַ שיינעם רעסטאָ־ראַן, הערן מוזיק, מיט איין וואָרט, זיך געפינען אין אָן אַטמאָספער, ווו מען זאָל קאָנען אויסקוקן ווי אמתע פאַרליבטע.

קורץ, זיי האָבן געטאָן אַלץ, כדי זיך געפעלן צו ווערן, אמת, אָן גרויסער התלהבות, אָן השתפכות־הנפש.

און ווייל אַלץ איז געווען באַשלאָסן צווישן זיי, נאָך איידער זיי האָבן אַפילו געוווסט, צי זיי געפעלן זיך אויף אָן אמתן, האָט עס טאַקע נישט געטויגט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. געדאַרפט האָבן זיי באַשליסן איידער זיי האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט איין נאַכט, אַ צווייטע, אַ דריטע

און אַ פּערטע, אַז זיי האָבן זיך טאַקע ליב, נישט נאָך דעם ווען דער ערשטער רייץ און דער ערשטער פאַרלאַנג זענען פאַרבייגעגאַנגען און האָבן איבערגעלאָזט הינטער זיך אַן אויסגעשלאָפענע ניכטערקייט, אפשר אויך אַ געוויסע ביטערקייט.

רייזעלע האָט, ווי מיר ווייסן, גאַנץ גוט געקענט די געשיכטע, וואָס מאָריסן האָט פּאַסירט מיט גיטעלען. זי האָט אים געלאָזט שטיין און איז אַוועק צו עפּעס אַ זשאַנאַ. דאָס האָט דעם חתנס פּרעסטיזש אין אירע אויגן, פאַרשטייט זיך, נישט געהויבן.

ער ווידער, האָט אויך געוווּסט, וואָס מיט רייזעלע איז געשען איידער זי איז אַראָפּגעקומען מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין פּאַריז. זי גופא האָט דאָס אים דערציילט אין אַ מאָמענט, ווען זי האָט געוואָלט זיין אָפנהאַרציק מיט אים, כדי עס זאָל שפּעטער, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, קיין אַיין שאָטן נישט טונקל מאַכן זייער צוזאַמענלעבן. זיין צוטרוי האָט זי געוואָלט געווינען. אים אָבער איז עס נישט שטאַרק געפעלן געוואָרן. זי האָט עס באַלד געזען. ניין, ער איז נישט געווען אייפערזיכטיק אויף איר פאַרגאַנגענהייט, נאָר אַלץ אין דער דאָזיקער געשיכטע איז נישט געראָטן. געשען איז עס אין אַ קליינעם דערפעלע און בכלל נישט ווי אין קיין געהעריקן ראָמאַן צווישן אַ מיידל, וואָס קעמפט פאַר איר ליבע, און אַ בחור, וואָס וואַרפט זי אַוועק. דאָ איז אַלץ געווען גרוי, וואָכעדיק, דאָרפיש.

אמת, זיינע אַזוי גערופענע ליבעס זענען אויך געווען צרהדיקע, גלייך ווי ער וואָלט געווען ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שלימזל. אָבער ער איז דאָך אַ בחור. ביי אים איז נישט געגאַנגען אין ליבע. אַנשטאָט אין די עפּנטלעכע הייזלעך, איז ער אַוועק וווינען מיט אַ מיידל — פריִער מיט אַ פראַנצויזקע, דערנאָך מיט אַ יידישקע. אָבער קיין מאָל וואָלט אים נישט איינגעפאַלן חתונה צו האָבן נישט מיט דער ערשטער, נישט מיט דער צווייטער.

רייזעלע איז עפּעס אַנדערש. זי איז נישט ווי אַלע אַנדערע. מיט איר וועט ער יאָ חתונה האָבן, אמת, אַן חופּה און קדושין. נישט דערפאַר, ווייל ער טראַכט צו בלייבן מיט איר נישט לאַנג, נאָר ווייל ער איז

אַ פריידענקער, ווייל ער האַלט נישט פון די רעליגיעזע צערעמאָניעס. ער וווינט אין פּאַריז, זי וווינט אויך אין פּאַריז און זי איז שוין נישט דאָס מיידל פון אַ מאָל, דאָס מיידל פון דאָרף, וואָס פאַרליבט זיך אין דעם ערשטן בעסטן בחור, וואָס זי דערזעט.

און דאָך גריזשעט אים אַ וואָרעם. עפּעס איז דאָ נישט קלאָר. דער שידוך מיט רייזעלען קומט אויס קרום אין זיינע אויגן. מאָדנע, דווקא איר שיינקייט ערגערט אים. אים דוכט זיך עפּעס, אַז זי פאָדערט פון אים אַ ליבע, וואָס ער איז נישט אין שטאַנד צו געבן. אַלץ איז געוואָרן פריי, במילא אויך אָן דעם נייטיקן רייץ.

מאָריס כאַפּט זיך, אַז ער פילאָזאָפירט, און ער פרעגט זיך, ווי עס קומט צו אים ער זאָל פּלוצלינג אַריינפאַלן אין חלומות? אַ ניכטערער צאָנטעכניקער וויל חתונה האָבן מיט אַ מיידל נאָר דערפאַר, ווייל אַן אַנדערער האָט זי אָוועקגעוואָרפן... ווער עס האָט אַ סך ליבעס, האָט אים עמעצער אַ מאָל געזאָגט, האָט קיין איינע נישט. מאָריס וויל זיך דערמאָנען, ווער דאָס האָט אים געזאָגט, און ער פאַרטראַכט זיך, ביז ער כאַפּט זיך, אַז ביבי האָט די דאָזיקע באַמערקונג געמאַכט.

— ביסט גערעכט, מיין ליבער! ביסט גערעכט! וואָס מער אין צאָל, אַלץ ווייניקער אויף אַ מאָל.

— ווי האָסטו געזאָגט? — האָט רייזעלע אים אַ פרעג געטאָן — האָסט עס ערגעץ־ווו געליינט? זייער שיין אויסגעדריקט, מיט אַ גראַם נאָך דערצו.

— וואָס? — האָט מאָריס זיך געחידושט.

ער האָט ווי פאַרגעסן, אַז רייזעלע זיצט לעבן אים. ער האָט צו פיל געטרונקען, האָט ער איינגעדרימלט און ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז ער רעדט מיט ביבין. איינזעענדיק זיין טעות, האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט.

וואָרעם געזעסן זענען זיי גאָר ביידע, רייזעלע און ער, אין אַ רוסישן רעסטאָראַן, נישט ווייט פון בולוואַר מאָנפּאַרנאַס, געזעסן אין אַ ווינקעלע איינגעהילט אין אַ רויטלעכן האַלבטונקל און זיך צוגעהערט צו דער מוזיק פון דעם ציגיינער־אָרקעסטער. עס איז שוין געווען אַרום איינס ביי נאַכט. געסט זענען געווען ווייניק. זיי האָבן זיך נישט געאיילט צו גיין

אהיים — ער אין זיין און זי אין איר האָטעל־צימערל אויפן בעלוויל. וואָרעם זיי האָבן נאָך נישט געוווינט צוזאַמען. זיי האָבן נאָך נישט געהאַט חתונה געהאַט, האָט נישט געפּאַסט זיי זאָלן וווינען צוזאַמען.

זאָלן די חברים מאַכן פון זיי חוזק. זיי וווינען נישט צוזאַמען, דווקא דערפאַר, וואָס זיי פירן אַ פרייע ליבע. ווינט מען צוזאַמען, איז די ליבע שוין נישט פריי...

— ביסט גערעכט! האָט רייזעלע מיט אים מסכים געווען, נישט ווייסנדיק פאַר וואָס.

זייער אַ קאָמישער דיאַלאָג איז דאָס געווען, קאָמיש, אָבער דאָך נישט אומאָנגענעם. זיי האָבן זיך געפילט פריי, כמעט גליקלעך. ווי זיי וואָלטן פאַרבראַכט זייער האָניק־חודש, ווי עס וואָלט שוין געווען נאָך דער חתונה זייערער, נאָך דער רעליגיעזער אָדער נאָך דער ציווילער חתונה, און זיי זיצן ערגעץ־ווו אין די בערג אָדער אויפן ברעג ים.

— ווער שטערט אונדז צו מאַכן אַן אמתע חתונה־רייזע? — האָט מאָריס זיך אָפּגערופן צו רייזעלען. ער איז געווען איבערצייגט, אַז זי האָט זיך צוגעהערט צו זיינע געדאַנקען, אַז זי האָט אים פאַרשטאַנען.

— קיינער שטערט אונדז נישט. אָבער וווהין?

— קיין איטאַליע קאָנען מיר נישט פאָרן, ווייל מיר האָבן ביידע נישט קיין אויסלאַנד־פּעסער, האָסט פאַרגעסן, מיין טייערע?

— איך האָב נישט פאַרגעסן, מאָריס. מיר זענען אויסלענדער.

— דערפאַר טאַקע קאָנען מיר נישט פאָרן נישט קיין איטאַליע, נישט אין דער שווייץ, נישט קיין טאַהיטי און נישט קיין האָנאָלולו. ווייסטו גאָר וואָס, רייזעלע? נאָך דער חתונה וועלן מיר טאָן אַלץ, כדי זיך צו נאַטוראַליזירן.

— יאָ, טייערער, זיך נאַטוראַליזירן...

— ווען מיר וועלן זיין פראַנצויזישע בירגער, וועלן מיר קאָנען פאָרן אי קיין איטאַליע, אי קיין יוגאָסלאַוויע — און ווו נישט? אַבי נאָר מיר זאָלן האָבן געלט.

— יאָ, טייערער...

— מיר ווע‏לן דאָן נישט דאַרפן מורא האָבן, אַז מען וועט אונדז אַרויסשיקן פון לאַנד.

— יאָ, טייערער...

זי האָט אַ זיפץ געטאָן. אָדער אפשר האָט זיך עס אים בלויז געדוכט, ער האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— אָבער ווען זאָלן מיר פאָרן? פאַר, אָדער נאָך דער חתונה?

— מיר איז אייגנטלעך נישט קיין אונטערשיד ווען, וואָרעם סיי ווי סיי פּראַווען מיר דאָך נישט קיין אמתע חתונה, איז מיר רעכט כאָטש מאָרגן.

— גוט רייזעלע, מיר פאָרן מאָרגן, ווייסטו גאָר וואָס? מיר וועלן קיינעם נישט דערציילן, מיר וועלן מיט קיינעם זיך נישט געזעגענען. קיינער וועט נישט וויסן נישט ווען, נישט ווו מיר זענען פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין.

— אַנטלויפן?

— איך ווייס נישט, רייזעלע, נאָר וואָס אַרט דיך? פאַר וואָס נישט?

— צוריק געשמועסט, פאַר וואָס טאַקע נישט?

## קאַפּיטל 15

מאָריס האָט געהאַט אָפּעשפּאָרט אַ ביסל געלט, האָט ער טאָקע געקאָנט אויספירן זיין קאַפּריז אָדער פאַנטאַזיע, נעמען זיין כלה אונטערן אָרעם, און היידאַ פאָרן אויף אַ לוסטרייזע אָדער אַ חתונה־רייזע אין די בערג, צי ביים ים.

אַ לוסטרייזע מאַכט מען געוויינלעך נאָר אין דעם דרום־ריכטונג, געוויס, קיין דרום־פראַנקרייך וועט ער פאָרן מיט רייזעלען. וואָס שייך דעם אָרט, זענען אויף גאָר דע ליאָן פאַראַן גענוג מאָפּעס פון פראַנקרייך; מען קאָן אין דער סאָמע לעצטער מינוט אויך זיך אויסקלייבן אַ רייזע־ציל, וואָס וועט ביידן צופרידנשטעלן. קודם־כל טאָקע רייזעלען, וואָרעם אָן איר וואָלט דאָך גאָר דער געדאַנק צו אים נישט געקומען. רייזעלע איז זיין כלה.

רייזעלע איז גליקלעך, מער נאָך ווי זי האָט אפשר געהאָפט. דער דאָזיקער אומגעריכטער רייזע־פּראָיעקט האָט אַלע אירע ספקות און קווענקלענישן געמאַכט צו נישט. זי פרייט זיך, וואָס דאָס לעבן מיט מאָריסן הייבט זיך אָן נישט מאָנאָטאָן. דאָס גופא, וואָס מען האָט באַשלאָסן קיינעם נישט צו דערציילן וועגן און וווהין מען פאָרט, איז, דוכט איר, אַ גוטער סימן אויף ווייטער, אַ סימן, אַז דאָס לעבן וועט זיך נישט פונאַנדערוויקלען ווי אַ גרויער לייוונט אָן סיורפּריזן און אָן אומדערוואַרטער פרייד.

אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל, זענען ביידע תיכף צוגעלאָפן צו דער וואַנטמאַפּע און האָבן גענומען זוכן דאָס אָרט, ווו זיי וועלן פאַרברענגען די פאַר וואָכן פון זייער לוסטרייזע. לאַנג האָבן זיי צווישן די פּאַסיקלעך און די פינטעלעך נישט געזוכט. זיי האָבן געקויפט צוויי בילעטן און אין אַ שעה אַרום האָבן זיי זיך אַריינגעזעצט אין דעם צוג.

פאָרן מיט אַ פּאַרטיקן ציל פאַרמאָגט אַ גוטע זייט און אַ שלעכטע זייט. גוט איז דאָס, וואָס מען ווייסט, אַז מען פאַרלירט נישט קיין צייט, די שלעכטע זייט באַשטייט אין דעם, וואָס דאָס פאָרן גופא איז בלויז אַ מיטל צום ציל און מען וויל אָנקומען וואָס שנעלער אויף דעם אָרט, כדי מען זאָל נישט פטרן צו פיל צייט. אַלץ וואָס האָט נישט קיין דירעקטע שייכות צו אָט דעם ציל, זעט אויס צו זיין אַן איבעריקע לאַסט.

די רייזע, וואָס מאָריס און רייזעלע מאַכן קיין דרום־פראַנקרייך, איז אַ רייזע אָן אַ ציל און איז אַן אמתע לוסטרייזע; ס'איז בלויז דער תענוג פון פאָרן. קיינער וואַרט נישט אויף זיי. אַפילו נישט קיין האָטעל־אייגנטימער, וואָרעם זיי האָבן קיין צייט, אָדער בעסער געזאָגט, קיין חשק נישט געהאַט צו באַשטעלן אַ צימער פאַרויס. קיינער וואַרט נישט אויף זיי און זיי וואַרטן נישט אויף קיינעם. ער און זי, זי און ער — וועמען דאַרפן זיי נאָך?

זיצן זיי אין דעם וואָגאָן ערשטע קלאַס אויף דער ווייך־באַדעקטער סאָפע, איינער נעבן דעם צווייטן. קיינער איז חוץ זיי אין דעם קופּע נישטאָ. אַ גאַנצן קופּע האָבן זיי פאַר זיך אַליין. נישקשה, זיי האָבן עס ביידע כשר פאַרדינט. מיט די אייגענע צען פינגער האָבן זיי זיך אַרויפ־געאַרבעט. ווען זיי וועלן קומען צוריק, וועלן זיי געפינען זייער נעסט, די קינסטלער־סטודיע, וואָס מאָריס האָט געדונגען, פריש אויסגעמאָלט. אַ סך אָפּטרעטגעלט האָט ער באַצאָלט. ער האָט זיך געפרייט, וואָס ער האָט עס געפונען, נישט געקוקט אויף דעם מאַנגל אין דירות. נעבן דעם פּאַרק ביט־שאָמאָן געפינט זיך זייער סטודיע, אויפן זיבעטן שטאָק. פאַראַן אַ ווינדע און פרישע לופט וועט זיי דאָרט נישט פעלן, וואָרעם ביט־שאָמאָן געפינט זיך אויף דעם העכסטן פאַריזער פּונקט; מען איז דאָרט ווי אין די בערג. ס'איז אַן אמתע דאַטשע. די איינוווינער פון דעם אַריסטאָ־קראַטישן זעכצענטן אַראָנדיסמאַן מעגן זיי מקנא זיין. כאָטש די דאָזיקע געגנט גרענעצט מיטן בעלוויל און עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז דער פּאַרק ביט־שאָמאָן איז אַ טייל פון בעלוויל, איז עס פאָרט נישט מער בעלוויל.

אָט וועלכע געדאַנקען עס פּלאָנטערן זיך אין זיין מוח. נאָר וואָס

גייט עס אים אָן? ער איז אַנטלאָפן פון אַלץ און פון אַלעמען — פון זייַנע לאָגישע געדאַנקען אויך. וואָס אַרט אים אויב דאָס, וואָס ער טראַכט, איז נישט קלאָר, נישט לאָגיש?

און ער טראַכט: וואָלט ער געהאַט מזל, וואָלט זיין טאַטע נישט געשטאָרבן, ווען ער איז נאָך געווען אַ פּיצל קינד, און זיין מאַמע וואָלט נישט געשטאָרבן אַזוי יונג, און ער וואָלט נישט פאַרבליבן קיין קיילעכיקער יתום. אמת, זיין שטיפטאַטע האָט אים פון שטוב נישט אַרויסגעטריבן אַפילו נאָך דעם, ווי ער האָט שוין חתונה געהאַט מיט זיין דריטער פרוי, נישט אים, נישט זיין ברודער נתן; שפּעטער זענען זיי אַוועק מיטן פרייען ווילן און עס איז זיי געלונגען זיך אויסצולערנען גוטע פאַכן. וואָרעם סיי נתן מיט זיין בוכהאַלטעריע, סיי ער מיט זיין צאַנטעכניק, פאַרדינען גאַנץ גוט, מער ווי אַ סך אַנדערע, וואָס זיצן ביי דער שטעפּ־מאַשין, זיי ווייסן נישט, וואָס אַרבעטסלאָזיקייט באַדייט. זיי האָבן בלויז קיין מזל נישט, נישט זיין ברודער, נישט ער, צו פרויען. וואָרעם ביידנס ביז־איצטיקע ליבע־אַוואַנטורעס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט מפּלות. הלוואי זאָל אים נאָר געראָטן מיט רייזעלען, הלוואי!

ער האָט ביז איצט קיין איין מאָל ערנסט זיך נישט פאַרטראַכט, ווי עס האַלט ביי אים מיט רייזעלען. האָט זי אים ליב? האָט זי אים נישט ליב? געשלאָפן איז ער מיט איר מער ווי איין מאָל, און יעדעס מאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי האָט אים שטאַרק ליב. ער ווייסט שוין ווי אַזוי מען דערקענט, צי אַ פרוי האָט ליב דעם מאַן מיט וועמען זי פאַר־ברענגט די נאַכט, צי נישט. ער איז נישט מער קיין קליינשטעטלדיקער, ער איז אַ פּאַריזער און איז שוין גענוג דערפאַרן אין די דאָזיקע ענינים. אָבער ווער קאָן דערגייין דעם לעצטן סך־הכל?

— צו וואָס דער „סך־הכל"? — בונטעוועט זיך אַ נייער געדאַנק אין אים — אַרויסגעשפּרונגען מיט אַ ווערטעלע אַזאַ, כדי זיך צו רייצן מיט זיך אַליין! אָט איז רייזעלע, דערלאַנג איר אַ פרעג, וועסטו הערן, צי זי האָט דיך ליב, צי נישט, און וועסט פאַרשפּאָרן אָנצוקומען צו דיין „סך־הכל".

מאַריס האָט געפּאָלגט זיין געדאַנק. ער האָט אַרומגענומען רייזעלען און שטילערהייט זי אַ פרעג געטאָן:

— טייערע מיינע, זאָג מיר נאָר, האָסט מיך ליב?

— ניין — האָט רייזעלע געענטפערט מיט אַ געלעכטערל — איך האָב דיך נישט ליב. וואָס פאַר אַן איינפאַל? ליב זאָל איך דיך האָבן? פאַר וואָס? פאַר ווען? וואָלט איך דיך ליב געהאַט, מיינסטו, וואָלט איך געפאָרן מיט דיר מאַכן אַ לוסטרייזע, כמעט אַ חתונה־רייזע?

— ביסט גערעכט! — האָט מאַריס, אויך אויף אַ געלעכטער, פאַרשטייט זיך, מסכים געווען מיט רייזעלען. — האָסט מיך, הייסט עס, נישט ליב, אַ קאַפּעלע אויך נישט? גלייך דו וואָלסט מיך קיין מאָל נישט געקענט, און פאָרן פאָרסטו מיט מיר אויך נאָר דערפאַר, ווייל איך בין אַ ווילד פרעמדער מאַן פאַר דיר... מילא, מיט לאָגיק האָט דאָס קיין שייכות נישט, אָבער אַ שפיל דאַרף דאָך נישט שטענדיק זיין שׂכלדיק...

— ס'איז נישט קיין שפיל, מאַריס — האָט רייזעלע זיך געעקשנט מיט אַ געמאַכטן ערנסט.

— מיינסט עס טאַקע אויף אַן ערנסט? — איז מאַריס עפּעס ווי קעגן זיין אייגענעם ווילן געוואָרן אַ ביסל אומרויִק.

— ערנסט אויך נישט, מיין טייערער!

— נישט שפּיל, נישט ערנסט, וואָס דען איז עס?

— מן הסתם ווי אַלץ אין לעבן, נישט אַהין און נישט אַהער. מען רעדט, מען פּלוידערט. אַלע זענען מיר קינדער... דערוואַקסענע מענטשן זענען אָפּט מאָל נאָך קינדערישער ווי קינדער. געוויס האָב איך דיך ליב. וואָס פאַר אַ פראַגע?

— גלייב איך דיר, רייזעלע.

— וואָלט איך דיר נישט געזאָגט, אַז איך האָב דיך ליב, וואָלטסטו געווען אין ספק?

— אין ספק נישט, נאָר גאַנץ זיכער אויך נישט.

— איצט איז דיין ריי — האָט רייזעלע גענומען קאָקעטירן — זאָג מיר, צי דו האָסט מיך טאַקע ליב וואָס ליב הייסט?

— הייבט זיך גאַרנישט אָן, רייזעלע. דו האַלטסט מיך טאַקע פאַר אַזאַ נאַר איך זאָל דיך ליב האָבן?

— אַ נאַר ביסטו נישט, אָבער קיין גרויסער חכם, ווייזט אויס, ביסטו אויך נישט, אויב דו האָסט זיך אין מיר פאַרליבט.

— ווער זאָגט דיר דען, אַז איך האָב זיך פאַרליבט אין דיר? דאָס וואָס מיר פאָרן איצט צוזאַמען, איז קיין ראיה נישט, וועלכער מאַן וואָלט זיך דען אָפּגעזאָגט צו מאַכן אַ לוסטרייזע מיט אַזאַ שיין מיידל ווי דו ביסט? קיינער נישט, איך פאַרזיכער דיר.

— און וואָס מיר וועלן וווינען אין איין צימער, איז אויך נישט קיין באַווייז?

— אויך דאָס איז נישט קיין ראיה. אַפילו דאָס, וואָס מיר וועלן שלאָפן אין איין בעט, באַווייזט אויך גאָרנישט.

— און דאָס, וואָס מיר האַלטן ביים חתונה האָבן?

— דאָס אַוודאי און אַוודאי נישט!

— וויל איך טאַקע פון דיר אַן אמתן צייכן פון ליבע, אַנישט...

— אַנישט, וואָס?

— אַנישט הייס איך אָפּשטעלן דעם צוג, אַנישט פאָר איך צוריק קיין פּאַריז, אַנישט ווערט אויס חתונה צווישן אונדז, אַנישט...

— אַנישט, רייזעלע?

פון שפּאַס איז געוואָרן ערנסט, מער ערנסט, ווי זי האָט אַריינגעלייגט אין אירע לעצטע ווערטער. ערשט איצט האָט זי זיך געכאַפּט, אַז עס קאָן זיין, זי האָט געהאַט אַ טעות מיט מאָריסן. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי גיטעלע האָט אים אַוועקגעוואָרפן. אפשר איז זי געווען גערעכט. ווידער דערמאָנט זי זיך אין איר טאַטן... אין איר מאַמען... אין דודן, דעם אויס־וואָרף... אָט די אַלע זכרונות האָבן זי אַזוי גערירט, אַז זי האָט פּלוצלינג גאָר זיך פונאַנדערגעוויינט...

— רייזעלע רייזעלע! וואָס איז דיר, טייערע? פאַר וואָס וויינסטו? האָב איך דיר געזאָגט אַ שלעכט וואָרט? דאָס איז דאָך געווען אַ שפּאַס,

אַ געלעכטער... ביסט אַ נאַרעלע... באַרויִק זיך... איך האָב דיך ליב, ליב, ליב...

— יאָ, מאָריס, איך גלייב דיר...

— טאָ פאַר וואָס וויינסטו?

— דו ווייסט דען נישט, אַז אַ פרוי וויינט ביי יעדער געלעגנהייט? אַ פרוי האָט אויגן, וויינט זי...

— אַ שאָד דיינע שיינע אויגן, רייזעלע! נו שוין, ווייַן שוין נישט מער... איך וועל מער קיין נאַרישקייטן נישט רעדן... לאָמיר מאַכן שלום...

— לאָמיר מאַכן שלום! — האָט רייזעלע מסכים געווען.

## קאַפּיטל 16

דעם זעלביקן טאָג נאָך האָט מען אויפן בעלוויל געוווסט, אַז מאָריס הענדלער און רייזעלע שטיקהאָלץ זענען פאַרשווונדן פון זייער האָטעל, אַוועקגעפאָרן און האָבן קיינעם נישט געזאָגט וווּהין.

— חתן־כלה — באַהאַלטן זיי זיך — האָט מען זיך געוויצלט — זיי האָבן אַוודאי מורא פאַר אַן עין־הרע, כאָטש ווער פאַרגינט זיי נישט?

נישט אמת, נישט פרוי בילדמאַן, די רומענישע, נישט איר שוועסטער, גיטעלע, פאַרגינען רייזעלען איר גליק.

מאַדאַם בילדמאַן לאָזט אויס גאָר איר כעס צו יוכבדן, צו רייזעלעס מומען.

— מען ווייסט דען נישט? — שרייט זי און פאַכעט בעת מעשה מיט אירע דיקע אָרעמס — אָראָפּגעקומען אַ נעבעך, אַ שטיק צרה... וואָס? איר מיינט אפשר, מען ווייסט נישט? מען ווייסט, מען ווייסט, געבראַכט אַ בויך.. ווועמענס דאגה? מען האָט זיך געמאַכט אַ זש׳מאַן פון... וועמען אַרט עס, אַז זי מאַכט אַבאָרטן... אָבער ביסטו שוין יאָ אַזאַ פויגל, טאָ שווייג, קריך נישט צו יענעמס מאַן...

— צו וועמענס מאַן? — פרווט יוכבד דערגיין די סיבה פון בילד־מאַנס כעס.

— איר אויך... איר מאַכט זיך מיר עפּעס ווי נישט וויסנדיק... און איר מיינט אפשר, אַז מען וועט איר שווייגן? איך וועל זי צעפּאַטשן אין מיטן גאַס... אַ העזה פון אַ מויד! געהערט עפּעס? האָט שוין קיין אַנדערן נישט געפונען וועמען צו פאַרדרייען דעם קאָפּ, ווי גראָד דעם צאָנטעכניקער?

— אָבער אייער שוועסטער איז דאָך שוין לאַנג אַוועק פון מאָריסן...

— איר זאָך — האָט מאַדאַם בילדמאַן זיך צעריטשעט — קיינער האָט איר נישט וואָס אַ דעה צו זאָגן. איר זענט נישט איר מאַמע... זי איז אַוועק

פון אים, האָט זי געדאַרפט אַוועקגיין, און קיינעם דאַרף דער קאָפּ נישט דאַרן...

— אָבער...

— נישטאָ קיין אָבער... טראַכט זיך בעסער וועגן אייערע אייגענע קינדער און מישט זיך נישט אין פרעמדע געשעפטן...

— איך מיש זיך? איך ווייס גאַרנישט וואָס איר ווילט פון מיר, איך ווייס נישט פאַר וואָס איר קאָכט זיך אַזוי.

— איר מאַכט זיך תמעוואַטע?... איר ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן?... ווער האָט אויסגעכאַפּט מאָריסן? ווער האָט...

— אויסגעכאַפּט?

— יאָ, יאָ, אויסגעכאַפּט, ס׳יל ווו פּלע...

— אייער שוועסטער איז דאָך...

— לאָזט אַרויס מיין שוועסטער פון מויל, דאָס זאָג איך אייך...

— און איר, הערט אויף מיר צו דערציילן מעשׂיות...

— מעשׂיות זאָגט איר? שוויַיגט בעסער... איר מיינט מען ווייסט נישט? זי האָט זיך געמאַכט אַבאָרטן...

— נישט אייער זאַך, איר הערט? ס׳איז אַ ליגן!...

ווען מאַדאַם פּעטי מישט זיך נישט אַריין, וואָלט אפשר מאַדאַם בילדמאַן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף יוכבדן שלאָגן. יוכבד האָט זיך פונאַנ־דערגעוויינט. זי האָט אויף אַן אמת נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, פאַר וואָס מאַדאַם בילדמאַן קאָכט זיך אַזוי. וואָס וויל זי פון איר האָבן? אויב מאָריס האָט זיך פאַרליבט אין רייזעלען, ווער איז דאָ שולדיק? איר שוועסטער, גיטעלע, וואָס גאַנץ בעלוויל האָט צו טאָן מיט איר, האָט אים דאָך אַוועקגעוואָרפן, אין אַ שייגעץ האָט זי זיך פאַרליבט, איז דאָך מאָריס... ווי זאָל זי זאָגן? נישט מער גיטעלעס חתן... נישט איר חבר, ווי מען זאָגט דאָ אין פּאַריז, טאָ וואָס?... נאָר גיי זוך ביי מאַדאַם בילדמאַן יושר, שׂכל...

היינט טאָקע האָט רייזעלע ווידער געזאָלט קומען צו איר מומען. זי ווינט דאָ דערנעבן, כאַפּט זי זיך אַריין צו איר אַלע טאָג, כאָטש אויף אַ פּאָר מינוט, כדי צו זען, וואָס די קינדער מאַכן, אָדער איר איבערצוגעבן אַ גרוס פון איר שוועסטער. טאָמער פאַרגייט אַ טאָג און רייזעלע קומט

נישט, ווערט יוכבד אומרויִק. איצט האָט זי אַפילו קיין צייט נישט געהאַט אומרויִק צו ווערן, וואָרעם הירשקע האָט איר איבערגעגעבן די נייעס, אַז רייזעלע איז מיט מאָריסן פּלוצלינג אַוועקגעפאָרן און זי האָט קיינעם נישט געזאָגט וווהין.

מילא, טראַכט זיך יוכבד, פאַר וואָס נישט? יונגע מענטשן, אַ מאָנאַט פאַר דער חתונה, ווילן זיי זיין אַליין. ס'איז נישט קיין עוולה, אָבער זיי קלייבן זיך דאָך גאָרנישט חתונה צו האָבן ווי יידישע קינדער... דאָס איז שוין נישט אַזוי שיין... נאָר די בילדמאַן, ווער איז שולדיק, אַז איר שוועסטער האָט נישט געוווּסט ווי אים צו שעצן? פאַר וואָס איז זי פון אים אַנטלאָפן? זי האָט דען נישט געוווּסט, אַז איר פראַנצויז וועט זיך לאַנג ביי איר נישט האַלטן? צו וועמען האָט זי טענות? אַבאָרטן... יוכבד האָט פאַר איר קיין מורא נישט. זאָל זי מסרן אויב זי וויל. ווער וועט איר גלייבן? ניין, מען קאָן נישט וויסן, די חצופה איז פעיִק צו דערציילן מאָריסן... וואָס טוט מען? אפשר וועט מאָריס זיך אויסלאַכן פון אירע מעשׂיות. עס איז אָבער אויך מעגלעך, אַז דאָס קאָן שאַטן צום שידוך. איז גוט, וואָס זיי זענען אַוועקגעפאָרן. מן הסתם האָט רייזעלע דאָס צוגעטראַכט... אָבער איר מומען האָט רייזעלע פאָרט געמעגט אויסזאָגן וווּהין זי פאָרט, וואָלט זי איצט געוווּסט איר אַדרעס, וואָלט יוכבד איר געשריבן זי זאָל באַלד חתונה האָבן מיט מאָריסן דאָרט, ווו זי געפינט זיך. סיי ווי וועט דאָך נישט זיין קיין חופּה, וואָס פאַר אַן אונטערשיד ווו זיי וועלן חתונה האָבן?

יוכבד האָט באַשלאָסן גיין צום האָטעל ווו רייזעלע וווינט און דאָרט פּרוּוון דערגיין איר איצטיקן אַדרעס. זי וועט איר באַשרייבן דעם סקאַנדאַל, וואָס מאַדאַם בילדמאַן, גיטעלעס שוועסטער, האָט איר געמאַכט אין מיטן הויף; זי וועט איר צורעדן, זי זאָל חתונה האָבן נישט אין פּאַריז.

אויפן וועג צום האָטעל האָט זיך אָבער יוכבר איבערגעלייגט, אַז ס'איז אפשר בעסער מאָריס זאָל זיך אַלץ דערוויסן נאָך פאַר דער חתונה, ווייל טאָמער דערוויסט ער זיך נאָך דעם, קען ער זי אַ מאָל גאָר לאָזן שטיין און עס וועט זיין נאָך ערגער. אָבער יוכבד איז אַנטשלאָסן צו לייקענען שטיין און ביין, מעג יענע בילן וויפל זי וויל, זי וועט סיי ווי גאָרנישט קאַליע מאַכן.

אין האָטעל האָט מען, ווי דערמאָנט, אויך נישט געוווּסט ווּהין מאָריס און רייזעלע זענען אַוועקגעפאָרן, און יוכבד האָט זיך געזאָגט, אַז מיט גאָטס הילף וועט אַלץ זיך אויסלאָזן צום גוטן.

אויך אין שטיינס משפּחה האָט מען זיך באַלד דערוווּסט, וואָס עס איז געשען, אָבער קיין גרויסן רושם האָט עס דאָרטן נישט געמאַכט. סיי ווי ווערט מאָריס שוין פון לאַנג פאַררעכנט ווי אַן אָפּגעריסענער צווייג פון פּנחסעס בוים. לעצטנס קומט ער זעלטן צו זיין געוועזענעם שטיפטאַטן.ביידע זענען זיי אָפּגעריסענע צווייגן, אי נתן, אי מאָריס. צייט זיי זאָלן אַליין ווערן ביימער. פון דעסטוועגן — אַזוי האָט מאָריס באַשלאָסן — וועט ער זיי פאַרבעטן אויף זיין חתונה. מסתמא וועלן נישט קומען נישט פּנחס, נישט זיין ווייב, אָבער די איבעריקע שטיינס וועלן אפשר יאָ קומען. ביידע ברידער קומען זיך צונויף גאַנץ אָפט מיט פּנחסעס קינדער, בפרט מיט די, וואָס קומען אַרויף אין „קולטור־ליגע". ווי לאַנג קומט ער אַליין אַריין אין „קולטור־ליגע"? זינט ער האָט זיך באַקענט מיט רייזעלען. זי ווידער, רייזעלע, איז אַריינגעפירט געוואָרן אין די דאָזיקע קרייזן דורך איר קוזין הירשקע. עס מאַכט זיך אַן אָוונט, אַ דיסקוסיע — פאַר וואָס נישט? וואָס קאָן שאַטן אַ ליטעראַרישע טעמע? די וואָס קומען אויף די אָוונטן, אויף די אַלע ליטעראַרישע דיסקוסיעס, זענען נישט מער ווי סימפּאַטיקער.

## קאַפּיטל 17

אַ קאַטאַסטראָפע צו אַ קאַטאַסטראָפע איז נישט גלייך. פאַראַן נאַטיר־לעכע קאַטאַסטראָפעס, ווי, צום ביישפּיל, ערד־ציטערנישן, שׂרפות, מגפות און נאָך אַנדערע שלעק. שווער פון זיי צו אַנטלויפן. אָבער אַרבעטסלאָזיקייט קומט, ווי באַקאַנט, ווי אַ רעזולטאַט פון אַן עקאָנאָמישן קריזיס. מען וואָלט אים אפשר געקאָנט אויסמיידן, ווען מען וואָלט באַצייטנס אָנגענומען די געהעריקע מיטלען קעגן אים, ווען מען וואָלט זיך באַוואָרנט ווי עס באַדאַרף צו זיין.

אָבער ווער האָט עס געקאָנט פאָרויסזען? אומגעריכט איז דער קריזיס געקומען. פון איין טאָג אויפן צווייטן זענען צענדליקער טויזנטער אַרבעטער געבליבן אָן אַרבעט, אָן ברויט.

געליטן פון דעם קריזיס האָבן אַרבעטער בכלל, אָבער מער פון אַלע־מען די יידישע אַרבעטער, ווייל די ערשטע כפּרה זענען אויך דאָס מאָל געווען די יידישע פאַכן: שניידעריי, קירזשנעריי, שטעפּעריי.

איז במילא געווען וואָס צו דיסקוטירן. דאָס מאָל האָט מען גערעדט נישט וועגן טעאָריעס, נאָר וועגן ברויט, וועגן אַ טעלער זופּ, וועגן די פּאָר פראַנק דירה־געלט, וואָס מען דאַרף באַצאָלן אין האָטעל.

נישט בלויז אויפן בעלוויל האָט דער עקאָנאָמישער קריזיס געבושעוועט; אויך אויפן פּלעצל, אויפן מאָנמאַרטר, אין דער רעפּובליק־געגנט און אין דעם באַסטיליע־קוואַרטאַל, אומעטום, ווו נאָר עס האָבן זיך געהאַט באַזעצט די יידישע עמיגראַנטן. אומעטום האָט דער קריזיס זיך באַוויזן מיט זיין אויסגעהונגערטן און פאַרצווייפלטן פּנים.

געליטן האָבן נישט בלויז די אַרבעטנעמער, נאָר אויך די אַרבעטגעבער, די פּאַסאַזשיערס אַזוי גוט, ווי די גרויסע אונטערנעמער, די בייגל־פּאַר־

קויפערינס, די מעקלער, די שדכנים, בטלנים, די פראַנצויזיש־לערער און די יידישע צוגאָבשול־לערער, די מאָלערס, די קינסטלער, די סטודענטן.

ס׳איז אומבאַקאַנט ווענעמס געדאַנק דאָס איז געווען, אפשר איז ער אַנטשטאַנען ביי אַלעמען מיט אַ מאָל, ווייל מענטשן, וואָס ליידן פון דער זעלבער צרה, געפינען אָפט אויס די זעלביקע רפואה פאַר זייערע ליידן. ספּאָנטאַן איז אַנטשטאַנען אויפן בעלוויל אַ קיך פאַר יידישע אַרבעטסלאָזע.

די קיך איז געווען מער ווי אַ קיך פאַר אַרבעטסלאָזע. אַ קלוב איז זי געוואָרן, אַ פאַרזאַמלונגס־לאָקאַל, אַ טעאַטער, אַ טרעפפּונקט, אַ וואָקזאַל און נאָך עפּעס. פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָט דאָרט געזשומעט און געקאָכט ווי אין אַ קעסל. דער אַריין, דער אַרויס. אַ ברייטע קאָמפּאַניע ווערט דאָרט געפירט, נישט בלויז ווי אַזוי צו הייבן דעם קלאַסן־באַוווסטזיין ביי די יידישע איינגעוואַנדערטע אַרבעטער, נאָר אויך ווי אַזוי צו פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך, ווי אַזוי צו פּועלן ביי די יידישע עלטערן זיי זאָלן שיקן דאָנערשטיק און זונטיק זייערע קינדער אין די יידישע צוגאָבשולן, ווו מען לערנט זיי שרייבן און לייענען יידיש, זינגען יידיש, טאַנצן יידיש... אַלץ איז, ווייזט אויס, אַ מיטל אין קאַמף קעגן דער אַרבעטסלאָזיקייט: פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אַ ליד פון אַברהם רייזען, אַ בוך פון י. ל. פּרץ, אַן איינאַקטער פון שלום־עליכם...

דאָס אַלץ וואָלט אייגנטלעך געקאָנט אַפילו אָנפילן מיט נחת די יידישע טוער פון דער פּאַריזער קולטור־ און אַרבעטער־באַוועגונג. דער עולם איז פריי, קיין אַרבעט איז נישטאָ, האָט מען גענוג צייט צו דיסקוטירן און זיך צו פאַרטיפן סיי אין סאָציאַלע, סיי אין קולטור־פראַגן. אָבער ס׳איז פאָרט אַ קריזיס. ווער ווייסט ווי לאַנג ער וועט אָנהאַלטן. דערווייל שעפּן זיך אויס די מיטלען. וואָס וועט זיין ווען אין די טעפּ פון דער קיך פאַר אַרבעטס־לאָזע וועט מער נישט זיין וואָס צו קאָכן?

די קיך גופא איז אַ סימבאָל פון דער פאַרצווייפלונג, וואָס האָט אַרומ־געכאַפּט אַלעמענס געמיטער. דער אַלטער פאַבריק־בנין, וואָס טויג שוין צו גאָרנישט מער, האַלט ביים איינפאַלן. די ווענט זענען אונטערגעשפּאַרט מיט קלעצער, דאָס רוב שויבן זענען אויסגעהאַקט און אויף די טרעפּ פעלן

שטיגן, אַזוי, אַז מען מוז שפּרינגען עטלעכע שטיגן מיט אַ מאָל און מען ריזיקירט צו צעברעכן די פיס.

דער קריזיס האָט לכתחילה געטראָפן די גרעסערע פאַבריקן. בעת אַ שטורעם ווערן אויך צו ערשט אויסגעוואָרצלט די שטאַרקעביימער, דערנאָך די קליינע ביימלעך. צו ערשט זענען געפאַלן אַ קרבן פון דעם קריזיס די איינגעפונדעוועטע אונטערנעמונגען, דערנאָך די קלענערע און צו לעצט אויך די בעלי־מלאכות, די האַנטווערקער, די פאַסאָניערס.

די קיך קאָן נישט מער באַפרידיקן אַלע קולטור־טוער. ביסלעכווייז זענען אַלע צוגעגנג צו דער קיך געוואָרן פאַרוואַנדלט אין פאַרזאַמלונגס־פּלעצער. זי האָט געעפנט פיליעס נישט בלויז אין דער אומגעגנט, אויפן בעלוויל גופא, אין די קאַפעס, נאָר אויך אין אַנדערע קוואַרטאַלן. די אַרבעט האָט זיך פאַרצווייגט און דאָס יידישע וואָרט האָט זיך פונאַנדערגעבליט ווי קיין מאָל נישט פריִער.

די קיך איז געוואָרן דער באַשפּייזונגס־צענטער פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און גאַנץ פאַריז איז געוואָרן איר פּעריפעריע. אין דער דאָזיקער פּעריפעריע זענען ביסלעכוויז אַריינגעצויגן געוואָרן אויך די לאַנדסמאַנשאַפטן, די „סאָסיעטעס״, ווי זיי הייסן.

ביז איצט האָבן די לאַנדסמאַנשאַפטן זיך געהאַלטן אָן אַ זייט אי פון פּאָליטיק, אי פון קולטור. פאַרנומען האָבן זיי זיך נאָר מיט קעגנזייטיקער הילף אויף ד ע ר וועלט און, אַזוי צו זאָגן, אויף י ע נ ע ר וועלט.

וואָס שייך ד ע ר וועלט — פאַר וואָס נישט? יידן, וואָס שטאַמען פון אַ געוויס לאַנד, פון דער אָדער יענער שטאָט אָדער שטעטל, מעגן טאַקע אין דער פרעמד, אין דעם וויסטן גרויסן פאַריז, שטיצן איינער דעם צווייטן. מאַלע וואָס עס מאַכט זיך! ווערט אַ לאַנדסמאַן קראַנק, דאַרף מען אים טאַקע אַרויסהעלפן מיט אַ דאָקטער, מיט רפואות, מיט אַן עצה אָדער מיט אַ גוט וואָרט; איז ער אַ בעל־מלאכה, אַן אָרעמאַן, דאַרף מען אים אויסלייען אַ געוויסע סומע פון דער אַלגעמיינער קאַסע, כדי ער זאָל קאָנען זיך פאַר־שאַפן אַרבעטס־מכשירים; איז ער אַ קרעמער, איז אַ גוטע טאַט צו גאַראַנ־טירן פאַר אים ביי די גראָסיסטן; האָט ער אַ זון, וואָס ווערט בר־מצווה, איז דאָס אַ שמחה פון אַלע סאָסיעטע־לייט, און ווער שמועסט נאָך אַ חתונה, איז

דאָס אַוודאי אַ פּאַסיקע געלעגנהייט פאַר אַלע מיטגלידער פון דער לאַנדס־מאַנשאַפט מיט דעם פּרעזידענט אין דער שפּיץ זיך משמח צו זיין.

וואָס שייך י ע נ ע ר וועלט, וואָלט אַ מעדינער, אַ טשענסטאָכאָווער אָדער אַ וואַרשעווער טויטער ייד געווען אַ פאַרפאַלענער אָן זיין לעבעדיקער לאַנדסמאַנשאַפט. וואָרעם ווער וואָלט אים געבראַכט צו קבר־ישׂראל? ווער וואָלט געשטעלט אַ מצבה אויף זיין קבר?

איז אונטערגעקומען דער עקאָנאָמישער קריזיס. אַ סך יידישע פאַב־ריקאַנטן און בעלי־מלאכות האָבן, ווילנדיק צי נישט ווילנדיק, געמאַכט באַנקראָט; איז פאַר זיי נישט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג ווי אַרומצוגיין ליידיק, זיך צוצוהערן, וואָס דער זאָגט, וואָס יענער זאָגט. ווען דען, אויב נישט אין אַ קריזיס־צייט? פאַר אָדער נאָך אַ קריזיס, איז נישט שייך פאַר־ברידערונג. דאַן גייען זיך פונאַנדער די אינטערעסן. דער בעט אַ לוין־העכערונג, יענער וויל נישט געבן קיין לוין־העכערונג, ביז עס קומט צו אַ שטרייק. צעווערטלט מען זיך, מען קעמפט, די געמיטער זענען פאַר־ביטערט — אַ קלאַס קעגן אַ קלאַס.

איצט אָבער — אויס קלאַסן־קאַמף. אַלעמען האָט דער קריזיס גע־טראָפן, דאַרף מען זען ווי אַזוי אַריבערצוקומען די שווערע, ביטערע צייטן. האָט דער און יענער געגעבן עפּעס צו שטייער אויף דער קיך און האָט געשטיצט די גרויסע באַשפּייזונגס־אונטערנעמונג.

בייזע צינגער האָבן געזאָגט, אַז די פאַבריקאַנטן קאָן מען נישט טרויען. אפשר ווילן זיי גאָר פאַרטונקלען און אָפּשוואַכן דעם קלאַסן־באַוווּסטזיין פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן? אפשר גייט זיי אין האָבן פאַרהיטן די אַרבעטס־קראַפט, וואָס זיי וועלן נאָך דעם קריזיס דאַרפן עקספּלואַטירן, פונקט ווי זיי האָבן עס געטאָן פאַר דעם קריזיס?

דאָס איז אָבער שוין צו פיל דיאַלעקטיק, וואָס איז אַפילו דורך די סאַמע באַוווּסטזיניקע אַרבעטער אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

צווישן די, וואָס האָבן זיך רעגלמעסיק באַשטייערט, און דווקא מיט גרעסערע סומעס, דאַרף מען קודם־כל דערמאָנען די משפּחה שטיין און דעם פאַבריקאַנט צוקערמאַן.

בכיוון האָבן מיר געזאָגט די משפּחה שטיין, נישט פּנחס שטיין, וואָרעם

ער און קלאַסן־באַוווסטזיניקע אַרבעטסלאָזע, ער און יידישע מאָדערנע קולטור, ער און סאָלידאַריטעט — זענען נישט געווען קיין פּאַר. ער האָט אָבער פּאָרט געגעבן, און מער ווי איין מאָל — פֿאַר וואָס?

כדי צו פֿאַרשטיין די דאָזיקע רעטעניש איז נייטיק ווידער אַ מאָל אַ קוק צו טאָן ביי אים אין שטוב, זען ווי עס האָבן מיט דער צייט זיך פֿאַרצווייגט און פֿאַרפּלאָנטערט די פֿאַמיליע־פֿאַרהעלטענישן. וואָס פֿאַר אַ נייע ווינטן האָבן אין זיין גרויסער משפּחה גענומען בלאָזן.

# קאַפּיטל 18

אַ מאָל איז דער „זומפּ״־קוואַרטאַל, ווי ער האָט געהייסן פּאַרצייטנס, אָדער דאָס „פּלעצל״, ווי די יידן האָבן אים שפּעטער אַ נאָמען געגעבן, געווען דער סאַמע אַריסטאָקראַטישסטער שטאָטטייל פון פּאַריז. דערנאָך איז ער צום גרעסטן טייל געוואָרן אַ געגנט פון באַנדיטן, קונצנמאַכער, ווילדע יונגען און גאַסנפרויען. שפּעטער האָבן זיך דאָרט באַזעצט די ערשטע יידישע עמיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די צאַרישע רדיפות און פּאָגראָמען.

נישט ווייניק אַריסטאָקראַטן פון אָט דער געגנט זענען בעת דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע געקעפּט געוואָרן. די איבעריקע האָבן אויסגעוואַנדערט אין אַנדערע שטאָטטיילן, ווייל זיי האָבן דעם שאָטן פון דער באַסטיליע, וואָס געפינט זיך צוויי טריט פון דער „זומפּ״־געגנט, נישט געקאָנט פאַרטראָגן. די ווילדע־יונגען, וואָס האָבן זיי פאַרביטן, האָבן געלעבט אַ יאָרהונדערט לאַנג און מער נאָך אין דעם דאָזיקן האַלב־חרובן קוואַרטאַל און האָבן זיך גאַנץ גוט געפילט. אָבער אויך זיי האָבן דאָרט לאַנג נישט געקאָנט איינזיצן, וואָרעם זיי זענען באַקאַנט ווי אַ וואַנדער־פאָלק, און פונקט ווי די ציגיינער, פילן זיי זיך נישט גוט, ווען זיי בלייבן זיצן אויף איין אָרט. האָט טאַקע אַ גרויסער טייל פון זיי אויסגעוואַנדערט אין אַנדערע געגנטן פון פּאַריז, אָבער נישט אַלע. די גאַס, וואָס הייסט „רי דע מאָווע גאַרסאָן״ (די גאַס פון די בייזע יונגען), איז אַ זכר פון יענע צייטן. עד היום שווימלט און גריבלט אין דעם דאָזיקן געסל מיט ווילדע־יונגען, וואָס לעבן פון גנבה און פון פרויען.

אָבער, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, די יידישע עמיגראַנטן האָבן זיי נישט פאַרשאַפט צרות. זיי זענען נישט קיין אַנטיסעמיטן, און מיט אומגליקלעכע עמיגראַנטן, אַלץ איינס וועלכע, האָבן זיי געהאַט

איינזען. אמת, צו קיין דירעקטע חברשאַפט צווישן די פראַנצויזישע ווילע־יונגען און די איינגעוואַנדערטע יידן איז נישט געקומען. נישט דער אַפשטאַם איז דער זעלביקער, נישט די אינטערעסן זענען גלייכע — אָבער צו רציחות איז אויך נישט געקומען.

און ביסלעכווייז האָבן די יידן איינגענומען, אַזוי צו זאָגן, איין הויז נאָך דעם צווייטן, איין גאַס נאָך דער אַנדערער, ביז זיי זענען מיט דער צייט געוואָרן כמעט די איינציקע באַלעבאַטים אויפן פּלעצל.

וווּ הייבט זיך אָן דאָס פּלעצל? וווּ ענדיקט זיך עס? די גרענעצן צווישן דעם פּלעצל און דעם איבעריקן פּאַריז זענען אויף דער שטאָט־מאַפּע נישט אָנגעמערקט, אַזוי, אַז מען זאָל קאָנען זאָגן: ביז אַהער "פּלעצל" און וואָס ווייטער איז, דאַרף די יידן נישט אָנגיין, פּונקט ווי עס גייט נישט אָן די איינגעבוירענע צו וויסן, וווּ עס הייבט זיך אָן דאָס יידישע פערטל און וווּ עס ענדיקט זיך. דאָס פּלעצל איז נישט קיין געטאָ. דאָ זענען בלויז קאָנצענטרירט די כשרע יאַטקעס, די שולן, די קלייזלעך, די קרעמלעך, וווּ מען קריגט צו קויפן יידישע מאַכלים אין די יידישע רעסטאָראַנען.

איז שוין פאַרשטענדלעך פאַר וואָס פּנחס שטיין האָט זיך באַזעצט מיט זיין משפּחה אויפן "פּלעצל" און האָט זיך מער ווייניקער דאָרט וווּל געפילט. אַ ייד איז דאָ נאָך אַ ייד מיט באָרד און פּאות, און אַ מנין איז דאָ פאַראַן יעדן טאָג צו שחרית, מנחה און מעריב. אמת, אין לאָדזש איז כמעט נישט געווען קיין איין הויז, וואָס זאָל נישט קאָנען צושטעלן צוויי מנינים יידן צו יעדער מינוט. קומט אויס, אַז דאָס "פּלעצל" איז נישט מער ווי איין הויז אין לאָדזש.

ר' פּנחס, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט זיך פאַרוואָרצלט אויפן "פּלעצל" מיט אַ פאַבריק, מיט קינדער און מיט קינדס־קינדער...

ס'איז אונדז ביז איצט נישט אויסגעקומען צו דערציילן, ווי אַזוי ר' פּנחס האָט זוכה געווען צו האָבן אייניקלעך און צו קלייבן נחת פון זיי.

ווען זיין עלטסטע טאָכטער, סאָניע, איז געקומען קיין פּאַריז דריי יאָר פאַר איר טאַטן, האָט זי שוין געהאַט אַ מאַן און צוויי קינדערלעך, אַ ייִנגל און אַ מיידל. איר מאַן, בערנאַרד, האָט אין פּאַריז אַפילו נישט געדאַרפט ענדערן זיין נאָמען, כדי צו ווערן אַ פראַנצויז. ער האָט אויך געהערט צו

דער טעקסטיל־בראַנזשע. געווען אַ גוטער סוחר, אַ גוטער מאַן און אַ גוטער טאַטע צו זיינע קינדער. אַן אײדעם איז ער אויך נישט געווען קיין שלעכטער, וואָרעם ער טאַקע האָט דאָס צוגעגרייט פאַר זיין שווער אַן אָרט אויפן „פּלעצל".

בערנאַרד קעלער האָט פריִער אויך געוווינט נישט ווייט פון „פּלעצל", אָבער זינט ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און געעפנט אַ גרויסן מאַגאַזין נישט ווייט פון דער אָפּערא, וווינט ער אין אָטעי, ווייט, ווייט פון „פּלעצל", אויסערלעך שיידט ער זיך קנאַפּ וואָס אונטער מיט זיין הילוך און מיט זיין באַנעמונג פון אַן אַסימילירטן יידן. ווען ר' פּנחס קומט צו אים צו געסט, איז ער גאָרנישט נישט טועם פון זיין טיש. אַפילו אַ גלאָז טיי טרינקט ער נישט ביי אים. אָבער ווען בערנאַרד קומט אַראָפּ צווישן יידן, האָט ער נישט פיינט אַ יידיש מאַכל און אַן עכט יידיש גלייכווערטל.

נאָך מיט עפּעס איז בערנאַרד קעלער אַ ייד: ער איז אַ ציוניסט, אַן אַלגעמיינער ציוניסט, פאַרשטייט זיך. כאָטש ער איז נישט פון די גאָר אַק־טיווע מיטגלידער, רעכנט מען זיך מיט אים אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָרעם ער איז נישט קיין קאַרגער און לאָזט זיך קאָסטן מער ווי אַן אַנדערער אין זיין שטאַנד פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל און פאַר דעם העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים.

איז טאַקע נישטאָ וואָס מער צו דערציילן וועגן בערנאַרד קעלער — ווייניקסטנס נישט ביז אויף די ווייטערדיקע געשעענישן.

דערפאַר אָבער מוז מען אַ ביסל מער מאַריך זיין ביי ר' פּנחסעס עלטסטן זון, אפרים, וואָרעם ערשטנס איז ער דאָך דער הויפּט־יורש פון זיין טאַטנס נאָמען, און צווייטנס פירט ער ווייטער זיין טאַטנס געשעפטן און זעצט אַזוי אַרום פאַר די לאָדזשער ליניע.

אפרים איז אויך שוין אַ באַווייבטער. חתונה געהאַט האָט ער באַלד דאָס ערשטע יאָר, ווי ער איז געקומען קיין פּאַריז. זיין ווייבעלע איז אַן עלזאַסישע, זשאַן, דאָס הייסט חנה. חוץ איר היפּשן נדן, האָט זי אויך פאַרמאָגט אַ שפּאָר ביסל אַלט־יידישע עלזאַסישע מנהגים, ווערטלעך, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט אפרימס יידיש. געווען איז זי אַ פרומע פון דער היים. ער אָבער, אפרים, איז שטילערהייט געווען אַ שטיקל אַפּיקורס.

די עלזאַסישע פרומקייט האָט זיך אויסגעמישט מיט זיין באַלעבאַטישער פריידענקעריי און ס'איז אַרויסגעקומען אַ מין קאָמפּראָמיס־יידישקייט, וואָס האָט זיך באַנוגנט מיט מעסיקער כשרות אין שטוב און מיט אַ „שטאָט" אין שול.

אַ שבת איבער אַ שבת כאַפּט זיך אפרים אַריין אויף אַ פערטל שעה אין שול, איז מנדר בעת דער עליה, וואָס מען גיט אים, און מיינט, אַז דערמיט האָט ער געטאָן וואָס מעגלעך, כדי נישט מצער צו זיין זיין טאַטן. בעת די יום־טובים פאַרלענגערט ער זיינע באַזוכן אין שול און די נדבות, וואָס ער גיט, זענען אויך גרעסערע. אפרים איז אויך אַ ציוניסט, אָבער אַ רעוויזיאָניסט.

דריי קינדער האָט אים זיין עלזאַסישע פרוי געבוירן: צוויי מיידלעך און איין יינגל. זיי זענען ביי זייער זיידן ממש דאָס לעבן, כאָטש צוזאַמענ־רעדן זיך מיט זיי קומט אים אָן שווער: יידיש פאַרשטייען זיין נאָך ווייניקער ווי בערנאַרדס קינדער, וואָרעם זייער מאַמע האָט מיט זיי קיין מאָל קיין יידיש וואָרט נישט אַרויסגערעדט און דער טאַטע האָט קיין צייט נישט. ער איז פאַרטאָן אין זיינע געשעפטן און גאָר זיין פרייע צייט גיט ער אָפּ פאַר דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג, וואָס ער איז איר קאַסירער.

ר פנחס פאַרמאָגט, ווי שוין געזאָגט, זיבן קינדער פון זיין ערשטן ווייב פייגעלע. אַלע לעבן זיי, דאַנקען גאָט. צוויי האָבן מיר שוין דערמאָנט. לאָמיר ווייטער גיין.

רבקהלע האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַדוואָקאַט, וואָלף גליצמאַן. אין פוילן איז אים שווער געווען צו פּראַקטיצירן, איז ער אויך אַראָפּגעקומען קיין פּאַריז, אַ פּאָר יאָר שפּעטער ווי זיין שווער. געהאַט האָט רבקהלע אַ קינד, איז עס, נישט פאַר קיין יידישער מאַמע געדאַכט, געשטאָרבן, ווען עס איז געווען צוויי חדשים אַלט. מער קיין קינדער האָט זי נישט געהאַט. אָבער זי איז נאָך אַ יונג ווייבל און האָט איר לעצט וואָרט נאָך נישט געזאָגט, ווייזט אויס, כאָטש זי יאָגט זיך נישט נאָך קינדער, טענהט זי, ווייל זי האַלט זיך גופא נאָך פאַר אַ קינד.

זי איז נישט אין גאַנצן אומגערעכט. זי קוקט טאַקע אויס זייער יונג און האָט נאָך אַלץ ליב זיך צו קליידן ווי אַ יונג מיידל. די חן־גריבעלעך

אין אירע באָקן, איר טענצלדיקער גאַנג, איז קלינגעדיק געלעכטער — וועמען קען איינפאַלן, אַז זי האָט אַ מאַן? ער דווקא מאַכט זיך עלטער ווי ער איז. ער רעדט מיט אַ באַס און האָט זיך פאַרלאָזט אַ פּאָר וואָנצעס, כדי ער זאָל אויסזען עלטער ווי ער איז. פון יידישקייט ווייסט דער דאָזיקער אַדוואָקאַט זייער ווייניק. יידישקייט קלעפּט זיך נישט צו אים. דערפאַר אָבער רעדט ער פּויליש אַן אַ ברעקל אַקצענט און קען די געשיכטע פון אַלע פּוילישע מלכים אויף אויסנווייניק. ער שטאַמט פון גאַליציע, אָבער צו דער גאַליציאַנער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס איז דאָ נישט לאַנג געגרינדעט געוואָרן, וויל ער נישט געהערן. ער טענהט, אַז ער איז אַ פראַנצויז, כאָטש ער האָט קיין איין פראַנצויזישן קלַיענט פאַר די אויגן נישט געזען. ער טאָר נאָך אַפילו נישט אַרויסטרעטן ווי אַ ריכטיקער אַדוואָקאַט. נאָר אין קאָמערציעלע סיכסוכים מעג ער געבן עצות.

זאָגט טאַקע ר' פּנחס: ווער צו ערשט אַ ייד, וועט מען נאָך דעם קומען זיך האַלטן אַן עצה מיט דיר, אַנישט וועט קיינער צו דיר נישט האָבן קיין צוטרוי.

צי ער וויל יאָ, צי ער וויל נישט, ער וועט סוף כל סוף מוזן זיך אַנידערזעצן שטודירן יידישקייט איידער נאָך ער וועט זיך נעמען צו פראַנצויזישער יוריספּרודענץ, אַנישט איז אויס מיט זיין אַדוואָקאַטור.

איצט קומט יאַנקעלע, אָדער זשאַק, וואָס איז שוין אַזוי גוט ווי אַ פאַרענדיקטער דאָקטאָר. דאָס יאָר וועט ער אָפּגעבן זיין לעצטן עקזאַמען. וואָלט ער נישט געווען פאַרמישט אין אַ פּאָליטישער אַפּערע און פאַר־שפּאַרט פיר יאָר אין די פּוילישע תפיסות, וואָלט ער שוין לאַנג געווען דאָקטער. זיין טאַטע האָט געהאַט אויסצושטיין גענוג צער און חרפּה איבער זיין זון.

ווען זשאַק איז נאָך זיין באַפרייונג געקומען קיין פּאַריז, האָט זיין טאַטע זיך געשראָקן, אַז ער וועט אויך דאָ זיך פאַרנעמען מיט פּאָליטיק. אָבער ער איז געוואָרן גלייכגילטיק צו אַלץ. אַפילו אַ צייטונג האָט ער אויס־געמיטן צו לייענען. וואָלט מען דאַך געקאָנט מיינען, אַז ער האָט חרטה אויף זיין פאַרגאַנגענער פּאָליטישער טעטיקייט, זיך אָנטוישט אין דער רעוואָלוציע — אויך נישט. ער איז פּשוט געוואָרן אַפּהענטיק און אַפילו זיין

מעדיצין האָט ער שטודירט נישט אַזוי צוליב אינטערעס, נאָר ווייל מען מוז דאָך האָבן אַ וועלכן נישט איז באַגריף אין לעבן, טאָ פאַר וואָס נישט ווייטער שטודירן מעדיצין?

זשאַק איז בכלל אַ שווייגנדיקער פון דער נאַטור און ס'איז שווער צו דערגיין פון אים, וואָס אים אינטערעסירט אין דער אמתן. ווערט נישט אונטערקומען אַ מיידל, וואָס ווערט אים אַרויסרייסן פון זיין לעטאַרגיע, וועט ער אַוודאי פאַרבלייבן אַ בחור, אַזוי זאָגן זיינע ברידער און שוועסטער. זיין טאַטע האָט בכלל אויפגעהערט אים צו זאָגן מוסר, ער ווייסט נישט פון וואָס פריִער אָנצוהייבן. זשאַק הערט אויס, וואָס זיין טאַטע זאָגט און מאַכט אַ שוויג. גיי דערגיי ביי אים אַ טאָלק.

זיין ברודער אָשר איז פונקט דער היפוך פון אים אין אַלץ. איז זשאַק געוועזן אַ קאָמוניסט, איז אָשר געוועזן אַ חלוץ. פון די ערשטן חלוצים אין לאָדזש איז ער געוועזן. נאָך דעם ווי ער האָט דורכגעמאַכט זיין הכשרה־סטאַזש, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישׂראל. ער האָט געאַרבעט אין „גדוד העבודה", געהאַקט שטיינער און געבויט שאָסייען, אַזוי לאַנג ביז ער איז קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע. נאָך דעם ווי ער איז אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל אַ שיינע פּאָר חדשים, זענען אויסגעבראָכן די אַראַבישע אומ־רוען. אויך אין קאַמף מיט די אַראַבער האָט ער זיך אויסגעצייכנט. געקומען איז ער אויף אַ באַזוך קיין פּאַריז צום טאַטן און באַלד נאָך די יום־טובים וועט ער פאָרן צוריק אין זיין קיבוץ, ווו ער האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי אַ תימנקע מיט צוויי קינדער.

אָשר האַלט נישט פון זיין שוואָגער בערנאַרד, דעם אַלגעמיינעם ציוניסט, נישט פון זיין ברודער אפרים, דעם רעוויזיאָניסט. זייער ביידנס ציוניזם, זאָגט ער, איז אַ באַקוועמער פּאַראַד־ציוניזם און איז גאָרנישט נישט ווערט. זאָלן זיי גיין האַקן שטיינער, זאָל זיי ווערן שומרים, וועט דאָס יידישע פאָלק האָבן פון זיי אַ נוצן, אָבער נישט פון זייער פּאַריזער ציוניזם. נישט אַזוי וועט אויפגעבויט ווערן ארץ־ישׂראל.

פון זיין טאָכטער ראַשעל האָט ר' פּנחס ווייניקער קלאָפּאָט ווי פון אַלע זיינע קינדער פון פייגעלעס צד, וואָרעם זי צייכנט זיך מיט גאָרנישט נישט אויס. נישט גוט, נישט שלעכט, נישט איבעריק שיין, נישט מיאוס.

ווי נאָר זי האָט פֿאַרענדיקט אירע זעקס קלאַסן גימנאַזיע, האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ לאָדזשער גבירס אַ זון, וואָס איז איצט איינער פֿון אפרימס שותפים.

ברוינשטיין הייסט ער. פֿון אים איז אויך נישטאָ וואָס אַ סך צו דערציילן. סיידן דאָס, אַז ער צייכנט זיך אויס מיט זיין מיינונגסלאָזיקייט און איז מיט אַלעמען מסכּים. ער האָט פֿיינט זיך צו קריגן, פֿיינט זיך צו אַמפּערן.

דאָס דאָזיקע פֿאַרפּאָלק האָט מיט דריי יאָר צוריק, פּאַסט זיך צו זאָגן, געשאָנקען דעם זיידן אַ פּרעכטיק יינגעלע, וואָרעם ער האָדעוועט זיך ביי פּנחסן מער ווי ביי זיין טאַטע־מאַמע. ער גייט כּמעט נישט אַראָפּ פֿון דעם זיידנס קני, קומען טאָקע כּסדר פֿאָר געשלעגן צווישן אים און פּנחסעסביידע יינגסטע קינדער פֿון דעם דריטן ווייב זיינעם, וואָס זענען נישט קיין סך עלטער ווי ער, שמואליקל. ווער וועט גיכער פֿאַרכאַפּן אַ פּלאַץ אויף דעם זיידנס קני? ווער וועט פֿריִער אַ צופּ טאָן דעם זיידנס לאַנגע, גרויע באָרד?

אַ סך מער איז שוין פֿאַראַן צו דערציילן פֿון פּנחסעס יינגסטער טאָכטער בת־שבע פֿון פֿייגעלעס צד, אָבער וואָס מען זאָל וועגן איר נישט זאָגן, וועט מוזן בלייבן נישט דערזאָגטס; בת־שבע לאָזט זיך נישט איינראַמען אין אַ וועלכער נישט איר ראַם. אַ רעטעניש איז זי פֿאַר איר פֿאַמיליע, פֿאַר אַלע אירע באַקאַנטע און אַפֿילו פֿאַר זיך אַליין. זי איז אַ מיידל מיט קאָמ־פּלעקסן און מיט אַ סך קענטעניש.

קודם־כּל ליידט זי דערפֿון, וואָס איר מאַמע איז צוליב איר אַוועק פֿון דער וועלט, וואָרעם זי איז דאָך געשטאָרבן ווען זי איז מיט איר געלעגן אין קימפּעט. איר געבורט, האַלט בת־שבע, האָט גורם געווען דעם טויט פֿון איר מוטער. מיט וואָס וועט זי קאָנען זיך אויסקויפֿן? מיט יאָרן צוריק האָט זי זיך אַרומגעטראָגן מיט זעלבסטמאָרד־געדאַנקען. זי איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע און מען האָט זי אַרומגעפֿירט צו דאָקטוירים. קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס איר איז, ווייל זי האָט קיינעם נישט אָנגעטרויט, נישט די דאָקטוירים, נישט אירע אייגענע טאַטע־מאַמע (ווייל ר׳ פּנחסעס צווייט ווייב, די שוועסטער פֿון בת־שבעס מאַמען, האָט זי באַהאַנדלט ווי אַן אייגן קינד, אפֿשר נאָך בעסער, און נישט געוווּסט, אַז בת־שבע איז דורך עפּעס אַ צופֿאַל דערגאַנגען, אַז זי איז נישט איר לייבלעכע מאַמע). זי האָט

אַפּילו, קאָן מען זאָגן, נישט אָנגעטרויט זיך אַליין, וואָס עס דריקט איר אויף דער נשמה.

אַ פּאָר יאָרן נאָך אַנאַנד האָט זי זיך אָפּגעגעבן מיט מוזיק און אַרויס־געוויזן גרויסע פעיִקייטן. אַלע האָבן געמיינט, אַז זי וועט ווערן גאָר אַ גרויסע פּיאַניסטקע. די מוזיק איז איר אָבער נמאס געוואָרן און זי האָט זיך צוגעכאַפּט צו מאַלעריי. באַלד אָבער האָט זי אַוועקגעוואָרפן אויך די מאַלעריי און פאַרזונקען אין ביכער. שפּראַכן האָט זי געלערנט. אין דער סאָרבאָנע האָט זי דאָ נישט לאַנג פאַרענדיקט איר געשיכטע־שטודיום און איצט, אַנשטאָט צו טאָן דאָס, וואָס אַנדערע מיידלעך טוען אין איר עלטער, זיך פאַרליבן אין אַ בחור, חתונה האָבן און געבוירן קינדער, וויל זי פון דאָס ניי זיך נעמען צו דער מאַלעריי.

פּאַרטיק געוואָרן מיט איין סעריע קינדער, מיט פייגעלעס סעריע, הייבט זיך איצט אָן אַ נייע סדרה : ציפּע.

דאָס איז געווען דער כשרער נאָמען פון פּנחסעס צווייטע ווייב, פייגעלעס שוועסטער. ציפּע האָט פּנחסן געגעבן, ווי מיר ווייסן, פיר קינדער. קודם חיימקע און דינה, אַ צווילינג, און דערנאָך זשאַמעלע און וועלוועלע. פּנחס וואָלט געהאַט פון די קינדער גרויסע צרות אין פראַנקרייך, ווען זיי וואָלטן געקומען קיין פּאַריז קליינערהייט אין פאַלקסשול־עלטער און מען וואָלט זיך געדאַרפט צעברעכן דעם קאָפּ ווי אַזוי צו פאַרפראַנצויזישן זייערע יידישע נעמען.

זענען זיי אָבער געקומען אַהער כמעט דערוואַקסענע, האָבן זיי זיך אַליין אַן עצה געגעבן מיט זייערע נעמען. חיימקע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן האַרי און דינה, פאַרשטייט זיך, דיאַנאַ, אַ נאָמען וואָס קאָן אויך „פאַר־דייט" ווערן פון די פראַנצויזן. זשאַמעלע האָט זיך אָנגערופן זשאַנאַ, כאָטש מיט זשאַמעלע האָט עס פונקט אַזאַ שייכות ווי האַרי מיט חיים. אָבער וואָס איז דאָ דער אונטערשיד ? אַזאַ נאָמען צי אַן אַנדער נאָמען, אַבי מען ווייסט ווו מען געהערט און וואָס מען וויל אויפטאָן אין לעבן. חיימקע און דינה וואָס זענען ביידע געבוירן געוואָרן אין דעם זעלביקן טאָג, אין דער זעלבער שעה אַפילו, פון דער זעלביקער מאַמען, זענען געווען ענלעך איינער צום צווייטן ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. איין גליק, וואָס זיי

זענען נישט געווען פון דעם זעלביקן מין, אַנישט וואָלט געווען אַ סכנה, אַז מען זאָל זיי פאַרבייטן.ביידע האָבן געהאַט בלויע אויגן, געשניצטע נעזלעך און כמעט דעם זעלבן וווּקס, דאָס הייסט, ער פון מיטעלן וווּקס ווערליק פאַר אַ מאַן, און זי איז געווען אַ הויכע, אַ שלאַנקע.

ביידע האָבן זיך פאַרנומען מיט ספּאָרט. ביידע אַן קאָמפּליקאַציעס אין כאַראַקטער, גאַטירלעכער האַלטונג, באַשיידן; נישט צו פיל באַגאַבט אָבער אויך נישט טעמפּ.

האַרי פאַרמעסט זיך צו ווערן אַן אינזשעניר און דיאַנאַ ווייסט נאָך נישט וואָס זי וועט ווערן. זי איילט זיך נישט צו באַשליסן, אין וואָס פאַר אַ ריכטונג צו קירעווען איר גורל. אַלץ איז פאַרויסגעזען. אַלץ איז צוגע־גרייט פאַר אירטוועגן. דערווייל גיט זי זיך אָפּ זומער מיט טעניס־שפּילן און ווינטער פאָרט זי אין די בערג מאַכן סקי.

וואָס שייך זשאַמעלע — זשאַנאַ — לאָמיר ערשט לאָזן אים פאַרענדיקן זיין ליציי, און וועלוועלען — דאָס גלייכן. דער ערשטער דאַרף דאָס יאָר שוין מאַכן זיין „באַשאַ״, ווי מען זאָגט אין פראַנצויזיש, און וועלוועלע, אָדער וואָווא, ווי מען רופט אים פאַרצויגענערהייט, אין אַ יאָר אַרום.

פון דעם קליינוואַרג, וואָס גייט נאָך אין פאַלקסשול און וואָס געהערט צו פּנחסעס דריטן ווייב, צו גאָלדען, איז דערווייל נישטאָ וואָס צו רעדן. שפּעטער, ווען זיי וועלן אונטערוואַקסן, וועלן זיי אַן ספק אויך דערמאָנט ווערן.

אויך אין דער פאַרצווייגטער פאַמיליע שטיין האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער עקאָנאָמישער קריזיס. ער איז געווען אַן אַלגעמיינער און האָט זיך נישט באַמיט צו וויסן, ווער עס איז אַן אַרבעטער און ווער אַ פאַבריקאַנט. ער האָט אַלעמען פאַרטשעפּעט. נאָך מער: ער האָט די פאַבריקאַנטן צו ערשט געטראָפן און דערנאָך די אַרבעטער.

די משפּחה שטיין האָט אַפילו געהאַלטן ביים מאַכן באַנקראָט, אָבער פּנחסעס גוטער איידעם בערנאַרד האָט נישט צוגעלאָזט דערצו.

פאַר דעם חלוץ אָשרן איז דער קריזיס געווען אַן אויסגעצייכנט פּראָפּאַגאַנדע־מיטל צו באַווייזן, ווי אַזוי יידישע געשעפטן הענגען אין דער

לופטן אַפילו אין פּאַריז, ווי אַזוי קיינער איז נישט זיכער מיט זיין מאָרגן, אויב נישט פּאָליטיש, איז לכל הפּחות עקאָנאָמיש. נאָר אין ארץ־ישׂראל, האָט ער געטענהט, נאָר אויף דער אייגענער ערד און אויף דעם אייגענעם היסטאָרישן באָדן, שטייט מען פעסט אויף די פיס.

קיינער האָט נישט געהאַט וואָס אים צו ענטפערן, נישט בערנאַרד דער אַלגעמיינער ציוניסט, נישט אפרים דער רעוויזיאָניסט. יאָ, אָשר איז גערעכט, טאָמער וועט די לאַגע זיך צושפּיצן און עס וועט שוין גאָרנישט זיין מער קיין אויסוועג, וועט מען פאַרקויפן האָק און פּאָק און מען וועט זיך אַריבערפּעקלען קיין ארץ־ישׂראל. הגם, צוריק געשמועסט, דאָרטן איז דער מצב פון די יידן אויך נישט קיין גלענצנדיקער און מען האָט נאָך דערצו אויסצושטיין צרות און פּלאָגענישן אי פון די ענגלענדער אי פון די אַראַבער. אָבער איינס איז זיכער: אויך ארץ־ישׂראל נייטיק זיך אין קאַפּיטאַל; אויך דאָרט קאָן מען — ס'איז אַ נאַציאָנאַלער חוב — אויפשטעלן פאַבריקן. דאָס לאַנד טאָר נישט בלייבן בלויז ביי דער אַגריקולטור; דאָס לאַנד מוז זיך אַנטוויקלען, אויב עס וויל זיך אַרויסהייבן פון דער אַרומיקער צוריקגעשטאַנענקייט. מען מוז דאָס לאַנד אינדוסטריאַליזירן און אַריינ־לייגן דאָרט אַן אַ שיעור יידישע איניציאַטיוו. אָבער אפשר וועט דער קריזיס דאָך נישט אַנהאַלטן אַזוי לאַנג און מען וועט אין גלות דערווייל נאָך אויך קאָנען מאַכן אַ שטיקל לעבן?

אַט פאַר וואָס ווען די אַרבעטער פון שטיינס פאַבריק זענען געקומען בעטן אַ צושטייער אויף דער קיך פאַר אַרבעטסלאָזע, האָבן זיי זיך נישט אָנגעשטויסן אויף טויבע אויערן. מען דאַרף מיט די אַרבעטער נישט אייב־רייסן. נאָך אַלעמען זענען זיי אויך יידן. בת־שבע האָט אַפילו אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, אַז אין אַ געוויסן זין זענען זיי נאָך בעסערע יידן ווי די, וואָס טראָגן בערד און פּאות. און בכלל וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע: יידן, ציי נישט־יידן. אויף די פאַבריקאַנטן ליגט אַ חוב זיי אַרויסצוהעלפן אין דער נויט. דאָס איז דאָס ווייניקסטע, וואָס זיי דאַרפן טאָן פאַר זייערע אַרבעטער.

## קאַפּיטל 19

איזאַק צוקערמאַן האָט זיך גערעכנט צווישן די גרעסטע פאַבריקאַנטן אין פּאַריז. אין זיין טריקאָטאַזש־פאַבריק האָבן געאַרבעט עטלעכע צענד־ליק יידישע אַרבעטער, אַחוץ די אַזוי גערופענע פּאַסאַניערס, וואָס פלעגן אַרויסנעמען אַרבעט אַהיים.

איזאַק צוקערמאַן איז געווען אַן אויפגעקומענער. אין אַמעריקע וואָלט מען אויף אים געזאָגט „אַ סעלף מעד מאַן", דאָס הייסט אַזאַ, וואָס האָט פון זיך אַליין געמאַכט אַ „מענטש". געקומען איז ער מיט צוויי צענדליק יאָר צוריק נאַקעט און הויל, אָן אַ פאַך, אָן בילדונג, און אָן אַ האָפענונג אפילו, אַז ער וועט זיך אַ מאָל אַרויפאַרבעטן און ווערן אַ פאַבריקאַנט מיט פאַבריקאַנטן גלייך. ער האָט גאָרנישט געהאַט קיין אַמביציעס דערצו. ער האָט זיך פאַרלאָזט אויפן ווינט, אויף אַ ביסעלע מזל, מער אויף גאָרנישט.

מען וואָלט נאָך געקאָנט דערציילן, ווי אַזוי איזאַק צוקערמאַן האָט זיך געוואָרפן פון איין באַרוף צום אַנדערן, כאָטש זיי האָבן אייגנטלעך נישט פאַרדינט דעם נאָמען „באַרוף", ווייל זיי האָבן קיין שום קוואַליפי־קאַציעס נישט פאַרלאַנגט. שוואַרצאַרבעט איז געווען זיין פאַך, איז ער טאַקע געגנוג פאַרשוואַרצט געוואָרן און ער האָט אונטערגעהונגערט גאָרנישט אויף קיין געלעכטער. געווען צייטן, ווען ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס זיין האָטעל־צימערל צו באַצאָלן און געשלאָפן אונטער דער בריק, ווי אַן אמתער וואַגאַבונד, אָדער גאַנצע נעכט אַרומגעשפּאַצירט איבער די גאַסן פון פּאַריז מיט אַ ליידיקן מאָגן, ביז עס פלעגט ווערן טאָג און ער פלעגט קאָנען זיך אַריינכאַפּן צו עפּעס אַ באַקאַנטן, וואָס איז נאָך נישט אַרויסגע־וואָרפן געוואָרן פון האָטעל פאַר נישט באַצאָלן דירה־געלט.

יאָ, שווערע צייטן האָט איזאַק דורכגעמאַכט אין פּאַריז. אָבער ער איז געווען אַ געזונטער בחור און האָט זיך זיין מצב נישט זייער שטאַרק

געגומען צום האַרצן, האָט ער טאַקע אויסגעהאַלטן און איז נישט אַריינ־געפאַלן אין פאַרצווייפלונג.

צוקערמאַן הייבט אָן צו קלעטערן באַרג־אַרויף. אָנגעהויבן האָט ער מיט דעם, וואָס ער איז געוואָרן אַ באַהעלפער ביי איינעם, וואָס איז „גע־שטאַנען" אויף די מערק, אָדער ווי מען דריקט זיך אויס אין פאַריז, „געמאַכט מאַרשעס". ער האָט אים געהאָלפן שטופן דעם האַנטוואַגן. דאָס איז געווען נישט קיין לייכטע מלאכה. אָבער איזאַקן, וואָס האָט צו יענער צייט נאָך געהייסן פּראָסט־פּשוט איציק אָדער איציקל, האָט קיין שום אַרבעט נישט אָפּגעשראָקן. ער האָט זיך צוגעקוקט, ווי אַזוי מען פאַרקויפט אויף די מערק העמדער, גאַטקעס, טאַשנטיכלעך און אַנדערע זאַכן, און אַז מען קאָן דערפון מאַכן אַ לעבן, האָט ער אַליין אויך אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט וועש. אין אָנהייב פאַמעלעך, אין אַ ווינקעלע, נישט אויף קיין געשטעל, וואָס קאָסט „דירה־געלט", נאָר פאַררוקט אין אַ זייט, אויף דר׳ערד. זיין גאַנצע סחורה איז באַשטאַנען פון איין פעקל, וואָס מען האָט געקאָנט טראָגן לייכט אויף דער פּלייצע: דריי־פיר העמדער, פונקט אַזוי פיל גאַטקעס, אַ פּאָר טוץ טאַשנטיכלעך.

איציקן האָט אָפּגעגאָלטן. פון איין מאַרקטאָג צום צווייטן האָט זיין קרעמל זיך פאַרגרעסערט, דאָס לייזעכץ זיך פאַרדאָפּלט, דער פאַרדינסט זיך פאַרדרייפאַכט. ביז ער האָט שוין פאַרמאָגט אַן אייגענעם געשטעל, אַ בכבודיקן האַנטוואַגן, ער אַליין האָט צוגענומען אַ באַהעלפער צום וואָגן, און ער גופא איז זיך געגאַנגען ביי דער זייט.

ער האָט זיך איינגעשאַפט נייע אַרטיקלען: הויזן, רעקלעך, סוועטערס. אַזוי אַרום האָט ער אַרויפגעקלעטערט אויפן שפּיץ לייטער. שטייט ער אַזוי איין מאָל אין אַ מאַרקטאָג אויפן „שפּיץ־לייטער", און עס פאַלט אים איין אַ פּשוטער געדאַנק. ווייטער קלעטערן, העכער שטייגן דאָ קאָן מען נישט, אַ ביסל געלט האָט ער אָפּגעשפּאָרט, סוועטערס זענען אַ גאַנגבאַרער אַרטיקל, קאָמפּליצירטע מאַשינען אויף צו פאַבריצירן זיי דאַרף מען נישט, די פּאָר קליינע מאַשינען קאָן מען קריגן אויף אויסצוצאָלן, און אַרבעטער קאָן מען זיך אויך פאַרשאַפן גאָר לייכט. אַגב, וויפל אַרבעטער דאַרף ער דען האָבן פאַר זיין פאַבריקאַציע? איין־איינציקן און אפשר א שפּולע־

רין. װאָלט ער עפּעס װאָס פֿאַרשטאַנען פֿון שטריקערײ, װאָלט ער בכלל קײן אַרבעטער נישט געדאַרפֿט. ער װאָלט זיך אַלײן אָנידערגעשטעלט בײ דער מאַשין און װאָלט געװען זײן אײגענער פֿאַבריקאַנט און זײן אײגענער אַרבעטער. אָבער אויב עס װעט אים גײן װי ביז איצט, װעט ער בכלל נישט דאַרפֿן אַרבעטן. ער װעט „מאַכן די מאַרשעס", װי דאָס טוען אַ סך אַנדערע, װי דאָס טוען כמעט אַלע ײדישע פֿאַבריקאַנטלעך. שפּעטער װעלן די „מאַרשאַנעס" (די מאַרקהענדלער) קויפֿן בײ אים סװעטערס, און ער װעט זיך זיצן אין דער פֿאַבריק, ער װעט אַרויסגעבן די סחורה, ער װעט מאַכן די חשבונות — ער װעט זײן אַן אמתער פֿאַבריקאַנט.

דאָס אַלץ איז געזאָגט געװאָרן, אויב עס װעט נישט גײן מיט דער פּוטער אַראָפּ. און פֿאַר װאָס זאָל דװקא בײ אים גײן מיט דער פּוטער אַראָפּ, בעת אַלע שטריקערס אַרבעטן זיך אַרויף? צו ערשט האָט מען אײן אַרבעטער, דערנאָך צװײ, ביז מען מוז אָנקומען צו פּאַסאַניערס — אָדער, בעסער געזאָגט, די פּאַסאַניערס צו די פֿאַבריקאַנטן... דאַרף מען אָנהײבן צו טאָן; נאָך דעם װעט שוין במילא אַלץ קומען. אַזאַ אונטער־נעמונג איז װי אַ װאָגן. עס דאַרף נאָר זײן װער עס זאָל אים שטופּן באַרג־אַרויף.

האָט שוין איזאַק צוקערמאַן צװײ מאַשינען און צװײ אַרבעטער, װאָס באַדינען די דאָזיקע מאַשינען, ער האָט שוין אויך אַ דרײ־פּיר פּאַסאַניערס און אַ שפּולערין. אַ ײדיש מײדל איז זי, פֿון פּוילן געקומען קײן פּאַריז, שפּעטער װי ער. זי איז אויך ײנגער װי ער און איז נישט קײן מיאוסע אויך, אָבער טאַקע גאָרנישט קײן מיאוסע, חנװדיק איז זי און זי און באַשײדן. זי איז אָבער אַן אײנפֿאַכע אַרבעטערין, אַ יתומה, און נדן האָט זי נישט.

אָבער װער טראַכט אין פּאַריז פֿון נדן? ער איז, פֿאַרשטײט זיך, װײט פֿון עשירות און װעדליק אַנדערע פֿאַבריקאַנטן, איז איזאַק צוקערמאַן אַפֿילו נישט װערט צו הײסן פֿאַבריקאַנט מיט די צװײ קלײנע מאַשינען זײנע, מיט זײנע פֿאַר אַרבעטער און מיט די עטלעכע הונדערט סװעטערס, װאָס ער אַרבעט אויס יעדן חודש אין סעזאָן־צײט. אָבער ער האָלט דאָך װײדער אין שטײגן. ער אַלײן מאַכט שוין פֿון לאַנג נישט מער קײן „מאַר־שעס", אַנדערע מאַכן „מאַרשעס" פֿאַר אים. די מאַרשאַנעס נעמען בײ

אים די סוועטערס אויף קרעדיט און אין קאמיסיאן, צאלן זיי אים, פאר־שטייט זיך, טייערער.

עס האט נישט לאנג געדויערט, און ער האט חתונה געהאט מיט האדלען. ביי דער געלעגנהייט האט זי, פארשטייט זיך, געביטן איר נאמען אויף אדעט און זי הייסט היינט מאדאם אדעט צוקערמאן.

ביז צום קריזיס האט איזאק צוקערמאן געהאלטן אין איין שטייגן — מאטעריעל, פארשטייט זיך, ווארעם אין די אויגן פון מאדאם אדעט איז זיין אנזען, פארקערט, כסדר געזונקען. כאטש די ראלע, וואס ער האט געשפילט אויפן געזעלשאפטלעכן געביט, אין דעם פאריזער סאסיעטע־לעבן, האט קיינער נישט געקאנט אוועקמאכן מיט דער האנט — איז ער דאך געווען איינער פון די וויכטיקסטע בויער פון דער מעדינער לאנדסמאנשאפט און זינט עטלעכע יאר אפילו איר פרעזידענט.

מאדאם אדעט האט, ווייזט אויס, פון די סאסיעטעס קנאפ וואס געהאל־טן. זי האט געשטרעבט צו עפעס העכערס. וואס איז פאראן דען העכערס, ווי צו האבן א פרעזידענט פאר א מאן? דאס האט זי נישט געוווסט. שווער צו זאגן צי איר מאנס פרעזידענט־טיטל איז איר נישט געפעלן געווארן, צי די סאסיעטע גופא איז איר נישט געווען צום הארצן. און דער אמתן האבן נישט די סאסיעטע, נישט איר פרעזידענט, נישט אירע מיטגלידער און נישט די ווייבער פון אירע מיטגלידער מיט זייערע דאפלטע גוידערס, מיט זייער פאלשן גאלד און נאך פאלשערע צינגער, אויסגענומען אין מאדאם אדעטס אויגן.

מאדאם אדעט גופא האט קנאפ וואס זיך אונטערגעשיידט פון אלע מעדינער ווייבער. אין דעם, אדער אין יענעם פרט, ווי א שטייגער אין פראנצויזיש רעדן, איז זי געשטאנען נאך א שטאפל נידעריקער, ווי למשל די פרוי פון דעם קאסירער פון דער מעדינער סאסיעטע. האט דאך מאדאם בלום גערעדט פראנצויזיש כמעט אן א גרייז און פלעגט אפט גיין אין די קונסט־גאלעריעס אנקוקן די בילדער פון די יידישע און פון די נישט־יידישע מאלערס, ווייל זי האט זיך געהאלטן פאר א שטיקל מבינטע אויף קונסט. און ווער שמועסט נאך מאדאם בלעכער, וואס שפילט פיאנע און פארפעלט נישט קיין איין קאנצערט פון א ווירטואז, א פידלער אדער א

פיאַניסט? פון דעסטוועגן איז מאַדאַם בלעכער בלויז די פרוי פון אַ פשוטן פּרעזידענט „דע פעט״, דאָס הייסט פון אַ „פּרעזידענט״ פאַר הוליאַנ־קעס און „פריילעכע״ צוזאַמענקונפטן פון דער מעדינער לאַנדסמאַנשאַפט. אויף עכט יידיש וואָלט מען אים גערופן אַ סאַרוועַר, אַ שמש אָדער גאָר אַ בדחן, ווייל זיין אויפגאַבע איז דאָך באַשטאַנען אין משׂמח צו זיין דעם עולם אויף דער חתונה פון אַ זון אָדער פון אַ טאָכטער פון אַ מיטגליד פון דער מעדינער סאָסיעטע און אויף ענלעכע שׂמחות. אין פראַנקרייך, אַ ליאַדע וואָס, ווערט מען אַ פּרעזידענט. אָבער אַ פּרעזידענט פון אַ גאַנצער סאָסיעטע איז פאָרט עפּעס מער ווי אַ פּרעזידענט דע פעט״.

מאַדאַם אָדעט האָט דעריבער טאַקע נישט געוווסט מיט וואָס זיך צו האַלטן גרויס לגבי איר מאַן דעם פּרעזידענט און דאָס האָט זי נאָך מער פאַרדראָסן. דערפאַר האָט זי זיך באַמיט צו ווערן אַן עלעגאַנטע פאַריזערין. כדי מען זאָל זי מקנא זיין, נישט אַזוי צוליב אירע געראָטענע קינדער, וואָס מען שרייבט וועגן זיי אין די פראַנצויזישע צייטונגען, ווי צוליב איר גופא.

זי האָט זיך געפאַרבט די האָר, געלאָזט מאַכן מאַניקיר און פּעדיקיר, זיך אויך גענומען דערוויסן ביי איר פראַנצויזישן הויזלערער, וועלכער ווייסט אַלץ און קען אַלץ, וואָס פאַר אַ מאָדע פּסיכאָאַנאַליז איז און צי לוינט זיך צו לאָזן באַהאַנדלען פון אַזאַ מין דאָקטער, פּסיכאָלאָג און פּסי־כאָאַנאַליטיקער, כדי צו וויסן פאַר וואָס דער קאָפּ טוט איר אָפּט ווי און עס באַפאַלן זי דאַן מרה־שחורהדיקע געדאַנקען.

ווי גוט ער האָט איר דאָס נישט דערקלערט, וואָס ער זאָל נישט האָבן אַריינגעטייטשט אין דעם וואָרט ״ליבידאָ״ און אין אַלע אירע קאָמ־פּלעקסן — האָט מאַדאַם אָדעט דאָך נישט געקאָנט זיך באַשליסן צו גיין צו אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער, וואָס איז כמעט אַ משוגעים־דאָקטער. פאַר משו־געים־דאָקטוירים האָט מאַדאַם אָדעט שטאַרק מורא געהאַט און זי האָט שוין בעסער געוואָלט פאַרבלייבן ביי אירע קאָמפּלעקסן. זי האָט זיי ליב באַקומען, קאָן מען זאָגן, וואָרעם זיי זענען איר צו נוץ געקומען, ווען זי פלעגט זיך צעווערטלען מיט איר מאַן, אַזוי אַ שטייגער:

— אַ פּרעזידענט ביסטו און דו ווייסט אַפילו נישט וואָס דאָס הייסט „ליבידאָ".

— וואָס טויגן מיר דיינע ליבידעס?

— רעד כאָטש אַרויס ווי אַ מענטש און זאָל מען נישט לאַכן פון דיר — האָט זי אים אונטערגעבראָכן — ליבידאָ איז...

— איך האָב דיר שוין צוואַנציק מאָל געזאָגט דו זאָלסט מיר אויפהערן צו דרייען אַ קאָפּ מיט דיינע ליבידעס. איך האָב אַנדערע דאַגות.

— מען קאָן האָבן אַנדערע דאַגות, און דאָך...

— וואָס זאָגסטו? — איז ער אַן אַנגעצונדענער געוואָרן — מען קאָן האָבן אַנדערע דאגות? אויב איך וועל זיך נישט זאָרגן, פון וואַנען וועסטו נעמען געלט זיך צו לאָזן פאַרבן דיינע האָר אויף געל, אויף רויט אויף גרין און אַנדערע מיתה־משונה־קאָלירן? פון וואַנען וועסטו נעמען?

— נישט ביי דיר נעם איך...

— נישט ביי מיר נעמסטו? אַוודאי פון הימל פאַלט דאָס אַלץ אַראָפּ... דאָס מיינסטו?

— איך האָב נישט וואָס צו מיינען, נישט פאַר דיר אַליין אַרבעט די פאַבריק...

— וועמענס פאַבריק?

— אונדזער פאַבריק.

— נישט אונדזער פאַבריק, נאָר מיין פאַבריק! איך אַליין האָב זי אויפגעשטעלט, דו ברעכסט זיך דעם קאָפּ וועקסלען צו צאָלן? דו טראַכסט וועגן אַזאַ מאָדעל צי אַן אַנדער מאָדעל?... דו זיצסט דאָך אין שטוב און פילאָזאָפירסט מיט ביבין...

— וואָס האָסטו צו ביבין? וואָס האָט ער דיר געטאָן פאַר אַ שלעכטס?

— שלעכטס זאָל ער מיר נאָך טאָן?

— טאָ וואָס קאָכסטו זיך קעגן אים? מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דו ביסט איפערזיכטיק.

איזאַק האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— אויף מיין וואָרט, דו ביסט שוין גאָר משוגע געוואָרן. איפערזיכטיק אויף ביבין? קאָן מען זיין אויף אַ מאַלפּע איפערזיכטיק?

— מען קאָן, מען קאָן. ווען דו וואָלסט געהאַט געלייענט פּרוידן, וואָלסטו געזען, אַז ווער עס האָט אַ נאַטור איבּערזיכטיק צו זיין, קאָן ווערן איבּערזיכטיק אויף אַלץ און אויף אַלעמען.

— וואָס געלייענט? ווען געלייענט? וואָס האָסטו מיר אַ קאָפּ?

— פּרויד...

— וועלכער פּרויד?

— זיגמונט פּרויד...

— זאָל זיין פּרויד, אָבער וואָס ווילסטו פון מיר?

— איך וויל פון דיר גאָרנישט. איך האָב נאָר געזאָגט, אַז עס איז שוין צייט דו זאָלסט וויסן וואָס אַזוינס ליבּידאָ איז.

— שוין ווידער די ליבּידעס... פון מיינטוועגן פאַרליב זיך אין ווען דו ווילסט, אַפילו אין בּיבּין, דו וועסט זען, צי דאָס וועט מיך אָנהייבן צו אַרן. פאַרקערט, איך וועל גאָר נעמען אַ שטיקל נקמה אָן דיר און אָן דיינע ליבּידעס.

די לעצטע ווערטער, וואָס איזאַק האָט געזאָגט, האָט זיין ווייב נישט מער געהערט, זי איז שוין געווען פון יענער זייט טיר. עס האָט איר פאַר־דראָסן, וואָס איר מאַן מיינט, אַז זי פלירטעוועט מיט בּיבּין. ער לאַכט זי אויס. קיין בעסערן ליבּהאָבער, מיינט ער, קאָן זי נישט געפינען. עס האָט זי אויך פאַרדראָסן, וואָס ער מאַכט איר פאָרווורפן. זי ווייסט דאָך, אַז זי איז נישט מער געבילדעט ווי ער, כאָטש זי מאַכט אַן אָנשטעל מיט די ווערטער און מיט די ווערטלעך, וואָס זי וואַרפט אים צו.

ווי מען זעט, זענען די פאַמיליע־באַציִונגען צווישן מסיע און מאַדאַם צוקערמאַן נישט געווען זייער האַרציקע. אָבער אַזוי לאַנג ווי די פאַבּריק איז נאָך געגאַנגען און איזאַק צוקערמאַן איז רייכער געוואָרן פון סעזאָן צו סעזאָן, אַזוי לאַנג ווי זיין ווייב האָט נאָך געפּרוווט מיט אַלערליי שטעכ־ווערטלעך באַווייזן איר מאַן, אַז ער איז טאַקע פאַרבּליבּן אַ קליינשטעטל־דיקער מעדינער, בעת זי, פאַרקערט, איז געוואָרן אַן אמתע דאַמע מיט געפאַרבּטע האָר, מיט אַ הויזלערער אַ סטודענט, מיט פלאַזשעס און פּסי־כאָאַנאַליזעס, — האָט דאָס נישט אויסגעמאַכט. מען האָט זיך צעווערטלט, אָבער עס איז אַלץ פאַרבּליבּן ביים אַלטן. די פאַמיליע צוקערמאַן איז געווען

באַקאַנט אין פּאַריז ווי אַ בכבודיקע פאַמיליע. אַזוי ווייניקסטנס האָבן מענטשן געמיינט, ווייל אויסערלעך איז דאָך אַלץ געווען שטיל און פיין.

זינט ער איז געוואָרן אַ שטיקל פאַבריקאַנט, האָט ער זיך אָפּגעגעבן אויך מיט געזעלשאַפטלעכע ענינים. ער איז געוואָרן פּרעזידענט פון דער מעדינער לאַנדסמאַנשאַפט, נישט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ פאַר־מעגלעכער מענטש — אין פּאַריז זענען געווען רייכערע יידישע פאַבריקאַנטן ווי ער, אַפילו צווישן די, וואָס האָבן אָפּגעשטאַמט פון מעדין. אויפן פּרעזידענט־בענקל איז ער אַרויף נישט אַזוי, ווייל אים האָט זיך געגלוסט כבוד, נאָר דער עיקר, ווייל ער איז נאָך אַלץ געווען צוגעבונדן צו מעדין. ער האָט ליב געהאַט זיך צו פאַרנעמען מיט זיינע אָרעמע לאַנדס־לייט, טאָן וועמען אַ טובה. אַרויסהעלפן ווו ס׳איז נייטיק געווען, איז פאַר אים געווען אַ פרייד, ער האָט אָפט אַרויסגעהאָלפן מיט הלוואות אַפילו יענע לאַנדסלייט זיינע, וואָס זענען נישט געווען קיין מיטגלידער פון דער סאָ־סיעטע. פישעקן, צום ביישפּיל האָט ער אַריינגענומען אין זיין פאַבריק, כאָטש ער האָט פון שטריקעריי קיין אַנונג נישט געהאַט.

טאָקע פישעק האָט דאָס באַקומען ביי איזאַק צוקערמאַנען מער ווי איין מאָל אַ גאַנץ שיינעם צושטייער פאַר דער אַרבעטער־קיך. אין איזאַקס פאַבריק האָבן געאַרבעט עטלעכע אַרבעטער פון מעדין. כאָטש דער קריזיס האָט אים גופא צוגעדריקט צו דער וואַנט, האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיטן גורל פון די אַרבעטסלאָזע מעדינער און צוליב זיי אויך מיט אַלע אַנדערע יידישע אַרבעטסלאָזע.

זיין פיינע האַלטונג דאַרף נאָך מער באַוווּנדערט ווערן, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז איזאַק צוקערמאַן האָט גראָד צו דער צייט געהאַט אויסצושטיין אַן אייגענעם קריזיס. זיין טאָכטער זשינעט איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן, נישט פיזיש, נאָר גייסטיק. אַ צייט האָט ער מורא געהאַט נישט בלויז אַרויסצורעדן דאָס דאָזיקע וואָרט, נאָר אַפילו עס אַרויפצולאָזן אויפן געדאַנק.

מיט איין מאָל איז דאָס אומגליק געקומען. אין מיטן אַ באַלעט איז איזאַקס טאָכטער געבליבן שטיין אויף דער סצענע און ווייטער נישט גערירט זיך פון אָרט. די מוזיק האָט געשפּילט, אָבער זי האָט מער נישט

געטאַנצט. ווי פאַרגליווערט איז זי געבליבן שטיין אויף דער סצענע. מען האָט זי אַפּלאָדירט און זי האָט זיך אַפילו נישט אַ נויג געטאָן. קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס מיט איר איז געשען. דער פאָרהאַנג האָט זיך אַרונטערגעלאָזט און זיך צוריק מער נישט אויפגעהויבן.

איזאַק און אָדעט, וואָס זענען געזעסן ווי שטענדיק אין דער ערשטער ריי, האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט אַ פּאָר טעג צוריק אין שטוב איז זי אויך געבליבן שטיין אין מיטן טאַנץ ווי פאַרגליווערט. מינוטן לאַנג האָט דאָס געדויערט, דערנאָך איז זי אַנידער־געפאַלן אויף דער סאָפע און זיך צעוויינט. מען האָט גערופן אַ דאָקטער. ער האָט פאַרשריבן באַרויִקונג־טראָפּנס און ס'איז איר בעסער געוואָרן. עס וואָלט גוט געווען, האָט דער דאָקטער געזאָגט, ווען זי פאָרט אַוועק ערגעץ־ווּ אין די בערג אויף אַ פּאָר מאָנאַטן, זי בײַטיקט זיך אין פולשטענ־דיקער רו. אָבער זי צווינגען דערצו, האָט דער דאָקטער געזאָגט, קאָן נאָך פאַרערגערן איר צושטאַנד.

דעם אַנדערן טאָג האָט מען גערופן אַ צווייטן דאָקטער. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. פון איר אַליין האָט מען קיין איין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסקריגן, גלייך ווי זי וואָלט, חלילה, שטום געוואָרן.

זי האָט פאַרלאָרן דעם אינטערעס צו אַלץ און צו אַלעמען. אַפילו טאַנצן האָט זי נישט מער געוואָלט.

דער קריזיס האָט זיך ווייטער געצויגן. איזאַק צוקערמאַן האָט מער נישט געקאָנט באַצאָלן זיינע וועקסלען. דער קאָמאָרניק האָט פאַרזיגלט זיין פאַבריק. אויס פאַבריק, אויס מאַשינען, אויס אַרבעטער! אַ כפּרה וואָלט ער געשלאָגן מיט אַלץ פאַר איין שמייכעלע פון זיין טאָכטער, פאַר איין פאַ, פאַר איין טאַנץ־פיגור! זיין ווייב האָט אויפגעהערט צו רעדן פון פרוידן. ס'איז שטיל געוואָרן ביי איזאַקן אין שטוב, טראַגיש שטיל. געוויס, פון הונגער איז מען נישט געשטאָרבן, דאָס עלעקטרישע ליכט איז נאָך אויך נישט געווען אָפּגעשניטן. אין ערגסטן פאַל וואָלט מען געקאָנט פאַרזעצן די צירונג פון מאַדאַם אָדעט. זי גופא האָט אָנגעבאָטן דאָס צו טאָן. די פּיאַנע וואָלט מען אויך געקאָנט פאַרקויפן, סיי ווי טאַנצט די

טאַכטער נישט מער. אָבער די מעלאַנכאָליע האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין שטוב. נישט בלויז זשינעט איז געוואָרן מעלאַנכאָליש, אַלץ אין שטוב איז געוואָרן מעלאַנכאָליש. איזאַק צוקערמאַן אויך.

לאַנג האָט זיין מעלאַנכאָליע נישט געדויערט. אין איינעם אַ טאָג איז ער אַוועק פון שטוב און איז מער נישט צוריקגעקומען. ער האָט קיינעם נישט דערציילט וווהין ער גייט און וואָס ער קלייבט זיך צו טאָן. און אפשר איז ער בלויז געגאַנגען שפּאַצירן ביים ברעג פון דער סענע כדי צוצוטראַכטן עפּעס אַ מיטל קעגן דעם קריזיס, קעגן זיין טאַכטערס קראַנ־קייט, קעגן זיין אייגענער מעלאַנכאָליע. נישט ער אַליין ליידט דאָך פון דעם קריזיס. נישקשה, אייביק וועט ער נישט אָנהאַלטן, ער גופא האָט שוין געהאַט ערגערע צייטן.

אָבער וועך טראַכט איצט פון קריזיס ? איזאַק טראַכט פון זיין געראָ־טענער טאַכטער. אַזאַ שיין קינד האָט ער געהאַט און פּלוצלינג —

איצט איז שוין נאָך דער אַרבעט, האָט מען נישט וואָס זיך צו איילן. אויף דער סענע איז דער פּאַרקער אַ סך אַ קלענערער, ווי אין מעטראָ. דאָ איז בכלל קיין פּאַרקער נישטאָ. רויִק פליסן די וואַסערן, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט נישט געווען. נישטאָ קיין קריזיס אויף דער וועלט, נישטאָ קיין טאַכטער, וואָס ווערט פּלוצלינג מעלאַנכאָליש, נישטאָ קיין ווייבער מיט ליבידעס... האָדל די שפּולערין... ער האָט זי גענומען אָן אַ סאָנטים, ער האָט גענומען פאַר איר אַ לערער, איינעם אַ ביבי, פּרווידס אַ תלמיד... יאָ, ער האָט צו פיל געטרונקען, ער האַלט זיך נישט מער פעסט אויף די פיס... מסתמא איז דאָס אַ באַשערטע זאַך... מסתמא...

אַרויסגעצויגן איזאַקס קערפּער פון דער סענע האָט מען דעם אַנדערן טאָג. אַ לוויה האָט ער געהאַט גאָר אַ בכבודיקע. נישט בלויז די מע־דינער סאָסיעטע־לייט האָבן אים באַקלאָגט, נאָר פון אַנדערע סאָסיעטעס אויך. ער איז אומעטום געווען אָנגעזען. מער ווי טויזנט מענטשן זענען געקומען צו זיין לוויה. ער האָט אויף אָן אמת געהאַט זייער אַ סך גוטע פריינד. חוץ דעם זענען דאָך אַלע אַרומגעגאַנגען ליידיק, אָן אַרבעט...

אָדעט האָט פאַרגעסן אַלע צרות, וואָס ער האָט איר כלומרשט געהאַט אָנגעטאָן אין לעבן מיט זיין אַלטפרענקישקייט. איצט איז איר אויסגעקומען,

אַז ס'איז גאָר קיין בעסערער מאַן קיין מאָל נישט געווען אויף דער גאָרער וועלט. איזאַק, איר קרוין, איר טייערער מאַן, צו זיין גוטסקייט איז גאָר קיין שיעור נישט געווען!

מער פון אַלעמען האָט, ווייזט אויס, געליטן זשינעט. זי האָט איר פאָטער שטאַרק ליב געהאַט, אַ סך מער ווי איר מאַמען, אַ סך מער ווי איר ברודער, אָבער זי האָט נישט געוויינט. ווי פאַרגליווערט איז זי געשטאַנען ביים קבר מיט אַרונטערגעלאָזטע ברעמען. דער אויסדרוק פון איר פנים איז דאָס מאָל נישט געווען קיין מעלאַנכאָלישער, נאָר אַ טיף־טרויעריקער.

בערנאַרד איז גראָד געווען אין ניצע דעם טאָג ווען זיין טאַטע איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ער האָט באַקומען די טעלעגראַמע צו דער צייט. ער האָט זיך פונאַנדערגעוויינט ביים טאַטנס קבר און בעת מעשׂה פאַרגעסן אין אַלע זיינע טורנירן. דאָס לעבן פון אַ מענטש איז פאָרט ווערט מער ווי דער גרעסטער נצחון ביי אַ טורניר. און נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַ זון, אַ יידישער זון פון אַ יידישן טאַטן.

אַ הספּד האָט מען איזאַקן געמאַכט אַ רירנדיקן. בלעכער האָט גערעדט. ער האָט דערמאָנט אַלע מעלות פון דעם פּרעזידענט פון דער מעדינער סאָסיעטע. ער איז געווען אַן אמתער צדיק, נישט מער און נישט ווייניקער, ער האָט געהאַט אַ גוט האַרץ און יעדן האָט ער געהאָלפן מיט דער פולער האַנט. די מעדינער לאַנדסמאַנשאַפט האָט פאַרלאָרן נישט בלויז איר פּרעזידענט, נאָר איר טאַטן, איר וווילטעטער, איר פאַרזאָרגער.

געמיינט האָט ער עס ערנסט, כאָטש ביז צו איזאַקס טויט האָט ער געהאַלטן אַז צוקערמאַן איז אַ דיקטאַטאָר, אַן אוזורפּאַטאָר. על פּי יושר האָט גאָר בלעכער געדאַרפט ווערן דער פּרעזידענט. און ער וואָלט טאַקע געוואָרן פּרעזידענט, ווען צוקערמאַן מיט זיינע אינטריגעס וואָלט נישט געהאַט אוזורפּירט די מערהייט שטימען. איצט אָבער, ווי באַלד ער איז אַזוי טראַגיש געשטאָרבן, איז ער אים מוחל אַלץ, זאָל ער שוין רוען בשלום אין זיין קבר!

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דאָס לעבן פון איזאַק צוקערמאַן, דאָס לעבן פון דעם פּרעזידענט פון דער מעדינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז.

## קאַפּיטל 20

דאָס קינפּטיקע פּאַרפּאָלק, מאָריס און רייזעלע, זענען געפאָרן קיין דרום־פראַנקרייך, אין דעם טייל פראַנקרייך, וואָס זעט אויס ווי באַשאַפן פאַר פאַרליבטע. זיי זענען געקומען קיין ניצע, האָבן דאָרט איבערגענעכטיקט און אין דער פרי גענומען שטודירן די מאַפּע פון דער סביבה ביז זיי האָבן אויסגעפונען עפּעס אַ קליין דערפל.

ס'איז געווען טיף אין האַרבסט. דער דאַטשע־סעזאָן איז נאָך נישט געווען אָנגעהויבן. האָבן זיי פאַרבראַכט כמעט זייער גאַנצע צייט מיט זכרונות פון אַ מאָל. ער האָט איר דערציילט וועגן די קינדער־יאָרן זיינע, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דעם „פוילישן מאַנטשעסטער”, ווי מען האָט לאָדזש גערופן. הונדערטער פאַבריקן, טויזנטער ווערקשטאַטן, אַ שטאָט, וואָס פאַרמאָגט מער ווי צוויי הונדערט טויזנט אַרבעטער, און צווישן זיי פיל יידן. מיליאַרדן מעטער סחורות ווערן נאָך עד היום פּראָדוצירט אין לאָדזש דורך יידישע הענט, נישט געקוקט אויף דער פוילישער אַנטי־סעמיטישער פּאָליטיק, וואָס באַמיט זיך אַרויסצושטופּן די יידן פון דער פּראָדוקציע.

יידישע פאַבריקן, יידישע אַרבעטער, פרומע און נישט פרומע. קאָכט דאָרט טאַקע דאָס יידישע לעבן. אַ רעגנבויגן פון יידישע פּאַרטייען און באַוועגונגען. דאָס פּאַריזער יידישע לעבן קוקט אויס ווי אַ קאַריקאַטור לגבי דעם יידישן לעבן אין לאָדזש. וואָס איז די פּאַריזער „קולטור־ליגע” מיט אַלע אירע אויפטוען לגבי די הונדערטער אָרגאַניזאַציעס אין לאָדזש? אַ טראָפּן אין ים, נישט מער.

פון זיינע קינדער־יאָרן ביי פּנחס שטיין וויל ער רייזעלען דערציילן. ער איז נישט ערגער באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַלע איבעריקע קינדער, וועל־כע האָבן געטראָגן דעם צונאָמען שטיין, און נישט ווי ער — הענדלער. איז

דאָך זיין מאַמע געווען אַ שוועסטער פון פנחסעס ערשטער פרוי. זי איז געווען זיין צווייטע ווייב און ס׳איז געווען אַ גוט לעבן צווישן זיי, גאָר אַ גוט לעבן. טאָ וואָס איז דאָ שייך צו זאָגן זיך פילן פרעמד? אָבער ער איז פאַרט געווען אַ יתום. ער האָט נישט געהאַט קיין אמתן טאַטן. אַ שטיפּ־טאַטן האָט ער געהאַט און ווען זיין מוטער איז געשטאָרבן, האָט ער אַפילו קיין שטיפטאַטן שוין אויך נישט געהאַט, נאָר שטיפברידער און שטיפּ־שוועסטער. שפּעטער ווען פנחסעס צווייטע ווייב איז אויך געשטאָרבן און ער האָט חתונה געהאַט צום דריטן מאָל, איז מאָריס נאָך מער פאַריתומט געוואָרן. עטלעכע מאָל איז ער פאַריתומט געוואָרן, יעדעס מאָל מער. צו לעצט איז ער זיך פאָרגעקומען ווי אַ פרעמד צווייגל, וואָס מען האָט געהאַט צוגעקלעפּט צו אַן אַלטן דעמב. קאָן זיך דען אַ שוואַך צווייגל האַלטן לאַנג אויף אַ פרעמדן בוים? ניין. צוויי צווייגלעך אַזעלכע זענען זיי, ער און זיין ברודער נתן, דער בוכהאַלטער.

וואָס פאַר אַ מין מענטש זיין ברודער איז, וויל רייזעלע וויסן? מאָדנע. עס דוכט זיך אים, אַז זיין לייבלעכן ברודער קען ער נאָך ווייניקער ווי פנחסעס קינדער. געוויס ווייניקער. איין זאַך איז זיכער. נתן איז אַ סך מיושבדיקער ווי ער, געלאַסענער, געזעצלעכער. ער איז אַ בוכהאַלטער. זיינע באַוועגונגען זענען לאַנגזאַמע, זיינע געדאַנקען אויך אַזוי. אַלץ, וואָס ער טראַכט און פילט, גייט פּאַמעלעך און מיט אַ סדר, איינס נאָכן צווייטן. מאָריס אָבער פאַרלאָזט זיך מער אויף זיין אינטויציע ווי אויף זיין שכל. איבעריקנס, זיך גופא קען ער דען? וועלכער מענטש קען עס זיך? ווער ווייסט ווי אַזוי ער וועט רעאַגירן אין אַ מאָמענט, ווען ער וועט קיין צייט נישט האָבן צו באַקלערן און צו באַטראַכטן? אַלע אַנאַליזן, וואָס מען מאַכט פון דעם אייגענעם כאַראַקטער, ווייזן זיך זייער אָפט אַרויס פאַלש. קיינער קאָן נישט זאָגן גענוי, ווער און וואָס ער איז.

— נישט אמת, רייזעלע? — האָט מאָריס געוואָלט וויסן ווי ס׳איז איר מיינונג.

— אמת מאָריס! איך טראַכט אויך אַזוי — האָט רייזעלע מסכים געווען — ביי אַ פרוי איז עס נאָך אָפטער ווי ביי אַ מאַן, דוכט מיר.

— ביסט גערעכט, רייזעלע! אַ פרוי קען זיך נאָך ווייניקער ווי

אַ מאָן, טאַקע דערפאַר, ווייל זי איז אינטויִטיווער און האַנדלט אָפּט נישט באַטראַכטערהייט.

— איך ווייס נישט, צי דאָס איז טאַקע די סיבה, אָבער איך ווייס, אַז איך גופא, טרעפט, טראַכט איינס און טו עפּעס אַנדערש, טייל מאָל טאַקע אין דער זעלבער צייט. עפּעס אַזוי ווי צוויי באַזונדערע מענטשן.

— דער שׂכל קריגט זיך ביי דיר מיטן געפיל.

— ניין, ס׳איז נישט דאָס, מאָריס. נישט דער שׂכל קריגט זיך ביי מיר מיטן געפיל, ווי דו האָסט אַזוי שיין זיך אויסגעדריקט, נאָר צוויי קעגנזעצלעכע געפילן קומען אויף טייל מאָל ביי מיר צו דער גלייכער צייט און יעדעס פון זיי מאָנט און רופט. וואָס שייך שׂכל, איז ער ביי מיר גאָר קליין. זאָגט מען דאָך: לאַנגע האָר — קורצער שׂכל...

— איצט פאַרשטיי איך שוין פאַר וואָס דו האָסט זיך אָפּגעשוירן די האָר — האָט זיך מאָריס אָנגערופן מיט אַ געלעכטער.

רייזעלע האָט זיך אויך פונאַנדערגעלאַכט.

## קאַפּיטל 21

בת־שבע שטיין איז אויף מאַנפּאַרנאַס אַ באַקאַנטע פיגור. זי האָט זיך ווידער גענומען צו מאָלעריי. נאָר מיט דער לופט פון מאַנפּאַרנאַס דאַרף אַ מאָלער אָטעמען, אויב ער וויל דערגרייכן אַ נאָמען און אַן אָנזען. אמת, אין דער צייט, וואָס מען דרייט זיך אַרום אויף בולוואַר מאַנפּאַרנאַס, מאָלט מען נישט. נאָר מען לויפט אַרום פון קאַפע צו קאַפע, מען רעדט, מען שמועסט, מען מאַכט באַקאַנטשאַפטן. אָבער מען איז אַ פרייער פויגל און מען געהערט צו די אויסגעווײלטע, צו די, וואָס קאָנען זיך דערלויבן צו פאַראַכטן געלט און נישט צו מאַכן קיין גרויס וועזן פון אַרבעט.

מען איז נישט קיין קליינבירגער, נישט קיין אַרבעטער, און דאָך נישט קיין לײדיקגײער. מען האָט בלויז אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון די פלייצעס און מען וואַרפט זיך אונטער נאָר דער אינספּיראַציע. ער ווערט שוין קומען זאָגט מען זיך, דער טאָג, ווען מען וועט קאָנען שאַפן אמתע קונסטווערק, דערווייל דאַרף מען זיך נישט אָנטאָן קיין שום צוואַנג.

איבעריקנס, געפינט זיך בת־שבע אין דער גליקלעכער לאַגע, וואָס זי דאַרף נישט פאַרקויפן קיין בילדער. זי האָט אַלץ, וואָס זי דאַרף. איר טאַטע איז אַ ייד אַן עושר. עס וואָלט אים נישט אויסגעמאַכט, ווען זיין טאָכטער וואָלט בכלל נישט געווען קיין מאָלערין. צו וואָס דאַרף זי בכלל מאָלן? — טענהט ער. וואָס פעלט איר, וואָס וויל זי נאָך? האָט זי געוואָלט שטודירן געשיכטע, האָט ער זי געלאָזט שטודירן געשיכטע, כאָטש ער האָט באַצייטנס געוווסט, אַז זי וועט פון דעם קיין שום נוץ נישט האָבן. וואָס דאַרף זי עס? אָבער מאָלעריי — דאָס איז שוין אַזאַ קאַפּריז, וואָס ער קאָן נישט פאַרשטיין און נישט באַגרייפן.

— בת־שבע, טאָכטער מיינע! — האָט וויפל מאָל דער אַלטער טאַטע געפּרווט אַריינטענהן אין זיין טאָכטער — זאָג מיר, צו וואָס טויג דיר

דיין מאָלעריי? איך שטער דיר נישט, דו ווייסט דאָך, דו ווילסט דווקא מאָלן — מאָל! אָבער איך בעט דיך, דערקלער מיר וואָס עס קומט אַרויס, ווען דו האָסט שוין אָנגעמאָלן אַ בילד, ווען דו האָסט שוין געמאַכט אַ פּאָרטרעט?

— איך בין נישט קיין פּאָרטרעט־מאָלערין.

— איך ווייס, איך ווייס, האָסט עס מיר שוין אַ מאָל דערקלערט, כאָטש איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען. אַ שווערן בלאַט גמרא קאָן איך אַפילו היינט אויך נאָך, מיט גאָטס הילף, דורכקריכן, אַפילו אַ הארבן תוספות, מיין איך, וועל איך אויך נאָך איינבייסן, אָבער פאַר וואָס, אויב שוין יאָ מאָלן, פאַר וואָס נישט קיין פּאָרטרעטן? דאָס פאַרשטיי איך נישט... לויט מיר קומט אויס גאָר פאַר־קערט, אַז אויב שוין יאָ מאָלן, איז פּאָרטרעטן, כאָטש דאָס איז פאַרבאָטן לויטן יידישן דין. אָבער דאָס איז אַ שטיקל תכלית, איז מען פּעיִק, ווערט דער פּאָרטרעט ענלעך און מען קאָן אים אויפהענגען אויף דער וואַנט.

— דערפאַר טאַקע, טאַטעשי — האָט בת־שבע האַלב אין וויץ און האַלב אין ערנסט זיך אָפּגערופן — דערפאַר טאַקע וויל איך קיין פּאָרטרעטן נישט מאָלן.

— וואָס הייסט? — האָט ר׳ פּנחס זיך געוווּנדערט.

— ווייל אַ פּאָרטרעט, ווי מען זאָל אים נישט מאָלן, מוז ער דאָך זיין כאָטש אַ ביסל ענלעך צום מאָדעל.

— געזונט זאָלסטו מיר זיין, טאָכטערל — האָט זיך ר׳ פּנחס ביי בת־שבען געבעטן — רעד ווי אַ מענטש. איך האָב דעם איינדרוק, אַז דו וויצלסט זיך מיט מיר, נישט אַנדערש, ווי דו מאַכסט חוזק פון דיין אַלטן טאַטן.

— חלילה, טאַטעשי! — האָט זיך בת־שבע פאַרענטפערט, זי האָט באמת ליב געהאַט איר טאַטן, קודם כל דערפאַר, ווייל ער איז געווען, ווי זי פלעגט זאָגן, אַ גאַנצע נאַטור, נישט געקוקט אויף דעם, אָדער אפשר דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ פאַרצייטיקער. אַ גאַנצע נאַטור, אַן קאָמפּראָמיסן, אַ גראַדליניקער. טאַקע שטרענג, אָבער גערעכט, אַ מענטש,

וואָס האָט פיינט זיך צו בייגן פאַר יענעם. זי האָט אים רעספּעקטירט פאַר זיין הדרת־פּנימדיקער געשטאַלט, פאַר זיין שיינער גרויער באָרד, ער איז ווי רעמבראַנדטס אַ פּאָרטרעט. ער זעט אויס ווי פּיסאַראָ, דער פאָטער פון פראַנצויזישן אימפּרעסיאָניזם. פּיסאַראָ איז דאָך אויך געווען אַ ייד. וואָלט ער זיך געלאָזט מאָלן, וואָלט ער מסכים געווען צו פּאָזירן, וואָלט בת־שבע, קאָן זיין, זיך אָפּגעזאָגט אויף אַ געוויסער צייט פון איר היינטיקער קונסט־קאָנצעפּציע, לאָמיר זאָגן, ביז זי וואָלט געהאַט פאַר־ענדיקט זיין פּאָרטרעט. זי וואָלט אפשר געווען אין שטאַנד צו מאָלן איר טאַטן אויף אויסנווייניק, אָבער דאָס איז ווידער אין סתירה צו אירע קונסט־פּרינציפּן, וואָס פאַרלאַנגען אַ מאָדעל, כאָטש מען דאַרף נישט, נייִן, מען טאָר גאָרנישט זיך האַלטן ביי דער ווירקלעכקייט, אָדער לאָמיר זאָגן... נאָר וואָס מען זאָל נישט זאָגן, באַקלערט זי זיך, וועט די פאָרמולירונג נישט זיין קיין גענויע, טאָקע דערפאַר, ווייל קיינעם פון די מאָנפּאַרנאַס־קינסטלער האָט זיך נאָך נישט איינגעגעבן צו פאָרמולירן ווי געהעריק די דאָזיקע קאָנצעפּציע, כאָטש זי ווערט דיסקוטירט און באַהאַנדלט שוין צען אָדער פופצן יאָר נאָך אַנאַנד.

— חלילה, טאַטעשי! — האָט בת־שבע זיך פאַרענטפערט — ס׳איז נישט קיין וויץ. אַ פּאָרטרעט טאָר נישט ענלעך זיין צום מאָדעל.

— צו וואָס דאַרף אַ פּאָרטרעט — האָט פּנחס זיך געחידושט — יאָ זיין ענלעך, אויב נישט צו זיין מאָדעל?

— אַ פּאָרטרעט דאַרף זיין ענלעך צו זיך אַליין — האָט בת־שבע געענטפערט אין אַ קאַטעגאָרישן טאָן.

— ווי זאָגסטו? איך האָב נישט פאַרשטאַנען. רעטעניש גיסטו מיר אויף, טאָכטערל.

— ס׳איז שווער צו פאַרשטיין. נישט אַלע מאָלער פאַרשטייען עס און זעלטן ווער ווייסט ווי אַזוי דאָס צו געבן צו פאַרשטיין.

— טשעקאַווע צו וויסן, אויב אַזוי, צי דו, טעכטערל, צי דו גופא פאַרשטייסט וואָס דו זאָגסט. אַדרבא, לאָמיר הערן.

— איך?

— יאָ, דו, טאָקע דו — האָט פּנחס נישט נאָכגעלאָזט.

— מיר דוכט זיך, יאָ.

— דיר דוכט זיך בלויז?

— געוויס. איך קונסט קאָן מען קיין מאָל נישט זאָגן אויף זיכער: דאָס און נישט עפּעס אַנדערש. מען זוכט...

— וואָס זוכט מען?

— מען זוכט דעם אמת.

— וועלכן אמת? וואָס רעדסטו, טאַטעלע? — האָט ר׳ פּנחס אַ צעשראָקענער אַנגעקוקט זיין בת־שבען, ווי זי וואָלט נישט גערעדט צו דער זאַך, די שעה זאָל נישט זיין.

— מען זוכט די ריכטיקע פאָרמול, טאַטעשי!

— פאַרשטיי איך שוין ווידער נישט, וואָס דו רעדסט...

— מען זוכט אַ פאָרמול.

— וואָס?

— אַ פאָרמול פון אַ קאָנצעפּציע, טאַטעשי.

— איך הייב נישט אָן צו פאַרשטיין.

— גוט, איך וויל זאָגן, אַז מען זוכט די קונסט, די מאָלעריי, מיין איך, זאָל איבערגעבן, סיי אין ליניע, סיי אין פאָרעם, סיי אין פאַרב, נישט אַזוי די זאַך גופא, וואָס ווערט געמאָלן, נאָר איר אויסדרוק, אָדער לאָמיר זאָגן די אינעווייניקסטע, די אינטימע נאַטור פון דעם אָביעקט, וואָס דאַרף קומען צום אויסדרוק.

— אסור מיר, אויב איך פאַרשטיי אַ וואָרט.

— טאַטעשי! איך ווייס נישט ווי אַזוי אַנדערש צו זאָגן. דו האָסט זיך דאָך מיט קיין מאָלעריי קיין מאָל נישט פאַראינטערעסירט, איז טאַקע שווער...

— אָבער צו וואָס דאַרפסטו בכלל זיך פאַרנעמען מיט זאַכן, וואָס זענען אַזוי שווער?

— וועגן דעם האָבן מיר שוין גענוג גערעדט, טאַטעשי.

— גערעדט, יאָ. אָבער פאַרענטפערט די קשיא האָסטו מיר קיין מאָל נישט.

— וואָס ווילסטו, זאָל איך פאַרענטפערן?

— זאָלסט מיר זאָגן, צו וואָס דו דאַרפסט עס? פּאָלג מיך, די גאַנצע מאַלעריי טויג אויף טויזנט כּפּרות. וואָס געווען איז געווען. געזוכט האָסטו, ווי דו זאָגסט אַליין, ווי מיט ליכט געזוכט, און געפונען האָסטו גאָרנישט, אַפילו נישט אויף אַ רפואה... איז מה רעש? די וועלט גייט נישט אונטער. ערגער וואָלט געווען, זעסטו, ווען דו געפינסט חלילה נישט קיין גליק, קיין מזל. דו האָסט אָבער, גאָט צו דאַנקען, אַ טאַטן וואָס זאָרגט פאַר דיר און זשאַלעוועט דיר גאָרנישט... זאָג אַליין, טאָכטערל, האָב איך דיר ווען נישט איז אין עפּעס אָפּגעזאָגט?

— ניין, טאַטעשי — איז זי צוגעפאַלן צו אים. אין דער מינוט איז ער ביז גאָר ענלעך געווען צו רעמבראַנדטס אַלטן רב פון אַמסטערדאַם: פּאַטריאַרכאַלישע שיינקייט און איידלקייט אין גאָר זיין געשטאַלט.

— מסכּים, טאָכטערל? — האָט איר ר׳ פּנחס געגלעט פּאַטערלעך די האָר.

— וואָס מסכּים, טאַטעשי? — האָט בת־שבע געפרעגט.

— ביסט מסכּים אָװעקצוװאַרפן די נאַרישקייטן דײַנע און נעמען טראַכטן פון...

— פון וואָס, טאַטעשי?

— ווייסט אַליין פון וואָס — האָט ר׳ פּנחס זיך עפּעס ווי נישט געטרויט צו פאַרענדיקן זיין זאַץ. ער האָט מורא געהאַט זי זאָל זיך נישט אַרויסרייסן פון זיינע אָרעמס און אַנטלויפן, ווי תמיד, ווען ער פרוווט רעדן מיט איר קלאָרע רייד. — אדרבה, טאָכטערל! — האָט ער געמורמלט אין באָרד אַריין, קוים, קוים וואָס מען האָט געהערט — וויל איך דיר דען אַרויפצווינגען אַ חתן, וואָס געפעלט דיר נישט? אָבער... צווישן אונדז גערעדט, פאַר וואָס זאָל ער דיר נישט געפעלן ווערן? דו אַליין האָסט דאָך געזאָגט, אַז...

— וואָס האָב איך געזאָגט?

— האָסט געזאָגט, אַז ער איז אַ גאַנץ שיינער בחור און נישט קיין נאַר אויך.

— ווער?

— פינקעלשטיין. דו אַליין האָסט דאָך אים געבראַכט צו פירן אַהער.

האָסט אפילו געזאָגט... אַ חבר, האָסטו געזאָגט, איז ער דיינער... פון דיין פאַקולטעט... געשיכטע...

— ניין, ער האָט שטודירט ליטעראַטור.

— זאָל זיין ליטעראַטור! וואָס פאַר אַן אונטערשיד? שטודירט האָט ער, דיין חבר?

— שטודירט. איז וואָס, טאַטעשי?

— פאַרענדיקט האָט ער זיין שטודירן?

— פאַרענדיקט...

— און אַ שיינער איז ער אויך?

— יאָ, טאַטעשי! אַ שיינער בחור.

— און פון אַ לייטישער פאַמיליע... דאָס, זעסטו, ווייס איך אפשר בעסער ווי דו.

— פון וואַנען? ווי אַזוי? איך פאַרשטיי נישט, טאַטעשי.

— וואָס איז דאָ נישטאָ צו פאַרשטיין? איך האָב געזען, דו חברסט זיך מיט אים... געהערט, אַז דו דוצסט זיך מיט אים, בין איך נישט פויל געווען און בין געגאַנגען זיך נאָכפרעגן אויף זיינע עלטערן, אויף זיין פאַמיליע... יאָ, מיין טאָכטער, האָסט זיך נישט וואָס צו שעמען מיט זיינע עלטערן. הלוואי פאַרמאָג איך כאָטש אַ העלפט פון דעם, וואָס זיי פאַרמאָגן... כאָטש איך גופא, גאָט צו דאַנקען, האָב אויך נישט וואָס זיך צו באַקלאָגן, אַ דאַנק און אַ לויב השם יתברך...

— איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט, טאַטעשי.

— אַז דו לאָזט נישט אויסרעדן ביז צום סוף. האָב איך זיך, הייסט עס, נאָכגעפרעגט...

— ביי וועמען?

— ביי מענטשן, פאַרשטייט זיך. ביי וועמען דען? איבעריקנס, ס'איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויף זייער געשעפט ביי פאַלע רויאַל, נעבן דעם קעניגלעכן פאַלאַץ. וואָס פאַר אַ רייכקייט. גאָלד, דימענטן, בריליאַנטן!

— איך קען דאָס געשעפט. איך בין דאָרט שוין געווען. אין אַלע יוועליר־געשעפטן איז פאַראַן גאָלד, דימענטן און בריליאַנטן...

— איז דאָס אפשר אַ חרפה?

— נישט קיין חרפה.

— זעסטו שוין? און ווי זאָגסטו, רופט מען אים, דיין חבר?

— שלמה פינקעלשטיין.

— נישט קיין מיאוסער נאָמען, האָ?

— נישט קיין מיאוסער נאָמען.

— טאָ וואָס שווייגסטו?

— פאַר וואָס זאָל איך שרייען?

— ווייסט גאַנץ גוט וואָס איך מיין. האָסטו מיין הסכמה, אויב דו ווילסט אים פאַר אַ חתן.

— איך דאַנק דיר, טאַטעשי, איך דאַנק דיר אויפריכטיק. איך אָבער ווייס גאָרנישט, צי ער וויל מיך פאַר אַ כלה.

— זיך געדוצט...

— איך דוץ זיך מיט אַ סך בחורים.

— פון איין פאַקולטעט...

— איך מיין, אַז דו וואָלסט געווען שטאַרק אומצופרידן ווען איך זאָל חתונה האָבן מיט אַלע בחורים, וואָס איך דוץ און וואָס האָבן שטודירט אין דעם זעלביקן פאַקולטעט וואָס איך...

— וואָס רעדסטו פאַר אַ נאַרישקייט? — האָט זיך ר' פנחס געבייזערט.

— אַנטשולדיק מיר, טאַטעשי, איך האָב טאַקע גערעדט נאַריש־קייטן. איצט וועל איך דיר אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת. שלמה דוכט מיר, איז גאָרנישט קעגן דעם מיר זאָלן חתונה האָבן...

— נו?

— אָבער איך וויל נישט. ער געפעלט מיר נישט.

— דיינער אַ חבר...

— ווי אַ חבר געפעלט ער מיר, אָבער נישט ווי אַ חתן.

— טאָכטערל! — האָט ר' פנחס גענומען זיפצן און קרעכצן — וואָס זאָל איך מיט דיר טאָן? מסתמא פאַרשטיי איך שוין גאָרנישט וואָס עס איז גוט און וואָס נישט. גיב אַכטונג, טאָכטער, די יאָרן רוקן זיך...

— איך ווייס, טאַטעשי.

— די צייט בלייבט נישט שטיין אויף איין אָרט.

— איך ווייס.

— איז מען צו פיל איבערקלייבעריש...

— אַן אַלטע מויד מיט אַ גרויען צאָפּ — האָט בת־שבע צוגעגעבן.

— נישטאָ וואָס צו לאַכן...

— איך דאַנק דיר, טאַטעשי. לאָמיר וועגן דעם מער נישט רעדן.

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט צווישן טאַטן און טאָכטער דער שמועס, וואָס דאָס מאָל האָט ער זיך אָנגעהויבן וועגן מאַלעריי און האָט זיך אומגעריכט פאַרקירעוועט אין דער ריכטונג פון תכלית־זאַכן פאַר אַ מיידל, וואָס וויל נישט הערן פון חתונה האָבן, פון שידוכים און פון ענלעכע קליינבירגערלעכע שטאַרק פאַרעלטערטע געגג און פירונגען.

אָבער די מעשה פינקעלשטיין איז דערמיט ווייט נישט געווען פאַר־ענדיקט, וואָרעם בת־שבע האָט נאָך נישט געוווסט, ווו זי האַלט מיט אים.

שלמה, איז, ווי געזאָגט, געווען אַ זון פון רייכע עלטערן. ווי דאָס רוב יידישע סטודענטן, אָקערשט פאַרענדיקטע, האָט ער סימפּאַטיזירט מיט די „לינקע". ער האָט אָבער נישט געוווסט אויף קלאָר, ווי אַזוי אויס־צודריקן זיינע סימפּאַטיעס און ווי אַזוי זיי אָנצווווענדן. חוץ דעם, האָט ער זיך נאָך אַלץ געוואַקלט אין זיינע פּאָליטישע מיינונגען. אויף וויפל ער האָט בכלל זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, וואָס די וועלט דערוואַרט פון אים און וואָס ער דערוואַרט פון דער וועלט, האָבן די געדאַנקען זיינע זיך אָנגעשטויסן אויף דריי ריכטונגען מיט אַ מאָל: קאָמוניזם, אַנאַרכיזם און אויך אַ ביסעלע ציוניזם. אויב צווישן ציוניזם און סאָציאַליזם וואָלט אין זיין וועלט־באַנעם אפשר נאָך געקאָנט קומען צו אַ פשרה, אָדער צו אַ שידוך, ווי אַזוי זאָל ער צונויפּפּאָרן מאַרקסיזם און אַנאַרכיזם?

פאַר איינעם, וואָס האָט נישט קיין דאגות פרנסה, אָבער האָט צייט צו באַטראַכטן אַ פּראָבלעם פון אַלע זייטן, קאָן אַזאַ צושטאַנד פאַרשאַפן אמתע מאַראַלישע יסורים. אָבער גראָד דער דאָזיקער צושטאַנד צווישן דער און יענער פּאָליטישער ריכטונג, צווישן דעם אָדער יענעם געדאַנק, פּאַסט זיך גוט אַריין אין דער אַטמאָספער, וואָס הערשט נאָך האַלבער

נאַכט אין די קאָפּעס פון מאָנפּאַרנאַס — קינסטלערישער סקעפּטיציזם, ראָמאַנטישע שיכרות, מאָלערישע „ווירקלעכקייט״, פאַרחלומטער ניהיליזם, סקאַנדאַלן צווישן אימפּרעסיאָניזם און עקספּרעסיאָניזם, פּאָליטיש־ליטעראַרישער סורעאַליזם.

שלמה איז פון תמיד אָן געווען אַ פּאַסיווע נאַטור. אַן איין־איינציקער איז ער געווען ביי זיינע פאַרמעגלעכע עלטערן. זיי האָבן אים שטענדיק נאָכגעגעבן אַלע זיינע קאַפּריזן, ס׳איז גענוג געווען ער זאָל עפּעס וועלן, און עס איז תיכף דערפילט געוואָרן.

אַזאַ מין דערציִונג וואָלט געקאָנט האָבן אַ גאַר שלעכטע ווירקונג אויף זיין כאַראַקטער. צום גליק פאַר זיין פאַמיליע און פאַר אים גופא זענען זיינע קאַפּריזן געווען מעסיקע. טאָמער האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן דעם סאַמע קלענסטן ווידערשטאַנד, צי זיין טאַטע האָט אים נישט געוואָלט נאָכגעבן, אָדער זיין גוווערנאַנטקע, האָט זיך שלמה נישט איינגעשפּאַרט, ווי דאָס טוען אַנדערע צעבאַלעוועטע קינדער. דאָך האָט די דאָזיקע צעבאַלעוועטקייט אין אַ געוויסן זין קאַליע געמאַכט שלמהס כאַראַקטער, וואָרעם זי האָט באַזייטיקט אַלע שוועריקייטן פון זיין וועג, און זיין פאַרלאַנג אויסצופירן דאָס, וואָס ער וויל דערגרייכן, האָט קיין מאָל נישט געקאָנט קומען צום אויסדרוק. זיין ווילן איז יונגערהייט געליימט געוואָרן.

אָט פאַר וואָס ער איז אויך, וואָס שייך זיינע געפילן צו בת־שבע, פאַרבליבן וואַקלדיק. דאָס הייסט נישט, אַז ער האָט זי נישט ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן, אָבער ער האָט זיך באַגנוגנט מיט דער בלויזער פריינדשאַפט, וואָס זי האָט אים אַרויסגעוויזן.

בת־שבע, פאַרקערט, איז געווען זייער אַן אַקטיווע נאַטור, זי איז געווען אַנטשלאָסן אַפילו אין אירע קווענקלענישן, אַזוי צו זאָגן. איז איר שלמה געפעלן געווען? יאָ און נישט. זי האָט זייער געשעצט זיין אָפנ־האַרציקייט און ערלעכקייט. אויך פיזיש איז ער איר געפעלן געוואָרן. סיי לויט איר געדאַנקען־גאַנג, סיי לויט דער באַלעבאַטישער און פאַרמעג־לעכער סביבה, אין וועלכער זי האָט זיך אויפגעהאָדעוועט, איז זי געווען

ענלעך צו שלמהן, זי וואָלט דעריבער געדאַרפט זיך פילן זייער נאָענט צו אים. עס האָט טאַקע אויסגעזען גלייך, ווי זיי וואָלטן באַשאַפן געוואָרן איינער פאַרן צווייטן, אַ באַשערט פאָרל. אָבער עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך נישט דעפינירן, האָט געהאַמעוועט יעדן דערנענטערונגס־פרווו, וואָס סיי ער, סיי זי האָבן פון צייט צו צייט געמאַכט.

## קאַפּיטל 22

ס'איז כמעט נישט געווען קיין איין פּאָך אין פּאַריז, וואָס האָט פונעם קריזיס נישט געליטן, חוץ, פאַרשטייט זיך, דער בעקער־פּאָך, די מעדיצין און די צאָנטעכניק־בראַנזשע.

אמת, די צאָנטעכניקער זענען נישט געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. נייע ציין זיך אַריינשטעלן אין מויל איז אין אַ געוויסן זין אַ לוקסוס־אַרטיקל, אָבער אין גאַנצן, ווי צום ביישפּיל אין דעם שניידער־ און אין דעם שטריקער־פּאָך, האָט די צאָנטעכניק דאָך זיך נישט אָפּגעשטעלט. מאָריס וואָלט נישט געדאַרפט בלייבן אַרבעטסלאָז, ווען ער וואָלט אומבאַדינגט געמוזט גלייך גיין פאַרדינען אויף דעם שטיקל ברויט.

מיטן קומען צוריק קיין פּאַריז האָט זיך די חתונה־רייזע פון דעם קינפּטיקן פּאָרל נאָך נישט פאַרענדיקט. אין אַ געוויסן זין האָט זי זיך ערשט אָנגעהויבן. צו ערשט האָט מען באַדאַרפט אַריינקלייבן זיך אין דער סטודיע, וואָס איז שוין געווען אויסגעמאָלן און גרייט אויפצונעמען דאָס מעבל. איז דאָס אַ חתונה־רייזע אין פּאַריז גופא, פון בעלוויל ביז צום פּאַרק ביט־שאָמאָן.

דאָס מעבל גופא איז אויך געווען אַ שטיקל פּראָבלעם, וואָרעם פון איין זייט דאַרף מען דאָך זען, אַז דאָס מעבל זאָל זיין צוגעפּאַסט צו אַ סטודיע, עס זאָל טראָגן אַ מין באָהעם־כאַראַקטער; נישט קיין פאַבריק־מעבל, נאָר צונויפגעשלאָגן פון ברעטער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קינסטלער־געשמאַק.

פון דער צווייטער זייט, וואָס פאַר אַ קינסטלער־פּאָרל זענען זיי? זיי וועלן דאָך בלויז וווינען אין אַ קינסטלער־סטודיע. אָבער דאָס איז שוין געווען גענוג, זיי זאָלן פאַראַכטן דאָס פּאַרטיקע בורזשואַזע סטאַנדאַרט־מעבל, וואָס מען קויפט אין די געשעפטן.

צום גליק האָבן די מעבל־פאַבריקאַנטן פאַרויסגעזען אויך אַזאַ מין קאַטעגאָריע פון קליִענטן, ליבהאָבער פון קונסט, דאָס הייסט אַזעלכע קליִענטן, וואָס אַליין זענען זיי טאַקע נישט קיין מאָלער און קאָנען זיך פאַרגינען אמת מעבל, נישט קיין אָפּגעפאַרבטע קאַסטנס און קאַליקע טישן. פאַר דעם דאָזיקן טיפּ קליִענטן פאַבריצירן זיי טאַקע פאַנטאַזיע־מעבל מיט אַ סך עקן און ווינקלען, נישט קיין שאַבלאָנע טישן, נאָר אַזעלכע, וואָס ווערן אויך באַנוצט אויף אַנדערע צוועקן.

ערב חתונה האָט מען נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן צו דערלייידיקן, דערצו דאַרף מען האָבן צייט. איז זיי דער עקאָנאָמישער קריזיס טאַקע גאַנץ גוט צו נוץ געקומען.

אָבער פרייע צייט איז זיי פאַרבליבן איבער גענוג. כמעט אַלע אָוונט האָבן מאָריס און רייזעלע פאַרבראַכט אויף מאָנפּאַרנאַס, צווישן קינסטלער, קונסט־קריטיקער, קונסט־ליבהאָבער און כל המינים טוריסטן. זיי גופא האָבן גענומען זיך פילן ווי טוריסטן. אַ גוטע און ווילע צייט איז זייער ערב־חתונה געווען פאַר זיי. ס׳איז כלל נישט געווען נייטיק צו פאָרן אין ווייטע לענדער. אַלע לענדער זענען געקומען צו פאָרן צו זיי אויף מאָנ־פּאַרנאַס.

מאָנפּאַרנאַס ביי נאַכט איז אַ ריזן־ספּעקטאַקל, אין וועלכן עס באַטיי־ליקן זיך אַן אַ שיעור אַקטיאָרן און צוקוקער. כאָטש אין דער אמתן אי׳ז שווער צו מאַכן אַ חילוק צווישן דעם אַקטיאָר, וואָס שפּילט אין דער פּיעסע פון מאָנפּאַרנאַס אַ וועלכע נישט איז ראָל, און צווישן דעם צופעליקן צו־שויער. יעדער מאָלער, יעדער מאָדעל אָדער שרייבער איז דאָרט צו גלייכער צייט אויך אַ צושויער.

די טוריסטן אין די באַקוועמע בייכיקע אויטאָס פון דער קוק־טראַנס־פּאָרט־פירמע קומען אַראָפּ אויף מאָנפּאַרנאַס ערשט נאָך האַלבער נאַכט. זיי בלייבן נישט לאַנג זיצן אויף די טעראַסן פון די קאַפעס, אויב זיי זעצן זיך בכלל. זיי ווערן איינגעשלונגען פון די קאַבאַרעטן, פון די טאַנצזאַלן און פון די מוזיקהאַלן. זיי לאָזן בלויז איבער אַ טויבן און גרילצנדיקן קלאַנג פון אַמעריקאַנישן ענגליש אויף די טראָטואַרן און אויף די טעראַסן. די דאָזיקע אינוואַזיע חזרט זיך איבער אַלע פינף מינוט, ביז באַגינען.

מיט חדשים צוריק, דעמאָלט ווען ייִדישע אַרבעטער פּלעגן נאָך זיצן טאָג־איין, טאָג־אויס ביי דער מאַשין און פּלעגן דאַרפן אויפשטיין פרי צו דער אַרבעט, האָבן זיי נישט געקאָנט זיך פאַרגינען צו פטרן זייערע אָוונטן פון אַ גאַנצער וואָך אויף די טעראַסן פון די קאַפעס. בלויז אין דער נאַכט פון שבת אויף זונטיק פלעגן זיי זיך דאָרטן באַווייזן.

זענען דאָך אויף מאָנפּאַרנאַס ביי נאַכט, ווי די טוריסטן זאָגן, אַלע פינף קאָנטינענטן קאָנצענטרירט אויף איין איינציקן פּאַריזער בולוואַר. מאָנפּאַרנאַס איז אַ מין דזשונגל, אַ יאַריד, אַ וועלט פאַר זיך.

איצט אָבער האָבן די אַרבעטער צייט. און טאָמער זיי האָבן נישט קיין געלט אויף אַ מעטראָ — זענען זיי נישט פויל צו גיין צו פוס. במילא דאַרפן זיי אויך זיך נישט זאָרגן וועגן פאַרזאַמען די לעצטע אונטערערד־באַן.

צווישן די, וואָס זענען פאַרבליבן „זיצן" אויף דער דאָם־טעראַסע, זענען אויך געווען: בת־שבע שטיין, שלמה פינקעלשטיין און הירשקע גראָסמאַן.

פון זיי דריי איז נאָר איין הירשקע געווען אַן עכטער פּראָלעטאַריער־אַרבעטסלאָזער. כאָטש איצט איז ער געווען פאַרנומען מער ווי אין אַ פאַבריק, וואָרעם ער איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע טוער סיי אין דער קולטור־ליגע, סיי אין דער קיך פאַר אַרבעטסלאָזע. ער איז געוואָרן אַן אמתער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־טוער. פון דעסטוועגן די פּאָר פראַנק אויף אַ מעטראָ־בילעט און אויף אַ קאַווע האָט ער געהאַט.

די אמתע טוריסטן, וואָס קומען אויף מאָנפּאַרנאַס, זאַמלען שטאַרקע עמאָציעס — פאַר זיי איז גענוג בלויז צו כאַפּן אַ קוק אויף די קינסטלער, וואָס לויפן אַרום מיט זייערע בילדער אונטערן אָרעם פון קאַפע צו קאַפע, פון דער ראָטאָנדע צום דאָם און פון דאָרטן אין סעלעקט אָדער אין קופּאָל.

אַ וועלט מיט באָהעמניקעס דרייט זיך דאָ אַרום, יונגעלייט און פרויען, וואָס גאָר זייער לעבן גייט פאַרביי אין דער מאָלעריי און טעצלעך קאַפע־קרעם. זיי זשאָנגלירן מיט זייערע קאָנצעפּציעס ווי קונצנמאַכער מיט פיל־פאַרביקע סטענגעס. זיי בלייבן יונג אַפילו ווען זיי האָבן שוין גרויע האָר, יונג און זאָרגלאָז, כאָטש זיי האָבן נישט מיט וואָס צו באַצאָלן דירה־געלט. צי האָבן זיי בכלל אַ דירה? אַלע זייערע נעכט פאַרברענגען זיי דאָך אויף

מאָנפּאַרנאַס אין די קאַפעס, אין טומל, און געשפּרעכן. זיי ווערן גאָר קיין מאָל נישט מיד. ווען שלאָפן זיי און ווו שלאָפן זיי? האָבן זיי בכלל אַ פאַמיליע? פון וואַנען קומען זיי? וואָס ווילן זיי? קיין שום טוריסט, וואָס קומט אַראָפ קיין פּאַריז, זוכט גאָרנישט קיין ענטפער אויף די פראַגעס. אים געפעלט דווקא דאָס אַלץ, וואָס דאָ איז אומפאַרשטענדלעך, פול מיט רעטענישן און רייצט די פאַנטאַזיע.

פאַראַן יידישע מאָלער, וואָס באַווייזן זיך פון צייט צו צייט אין די יידישע געגנטן. פאַראַן אַפילו אַזעלכע, וואָס קומען אין דער „קולטור־ליגע" און אין דער קיך פאַר אַרבעטסלאָזע. מאָלעריי איז זייער נעבן־באַרוף, אַ מין זונטיק־ און נאַכט־באַרוף. די איבעריקע טעג פון וואָך זענען זיי שניידער, שטעפער אָדער שטריקער. זיי לעבן אין צוויי וועלטן אויף אַ מאָל, ביי טאָג אויף בעלוויל אָדער אויפן „פּלעצל" און ביי נאַכט אויפן מאָנפּאַרנאַס.

פאַראַן אויך פאַריזער, וואָס כאַפּן זיך אַראָפ אויפן מאָנפּאַרנאַס, ווייל אַנדערשווו לאַנגווײלן זיי זיך און זיי זענען מקנא די אמתע טוריסטן.

די מאָנפּאַרנאַסער באַזוכער און קאַפע־מענטשן וואָלט מען געקאָנט איינטיילן אין עטלעכע קאַטעגאָריעס:

קודם די וואָס ציִען זייער חיונה פון דעם מאָנפּאַרנאַסער טאַראַראַם: די קאַפע־אייגנטימער, קעלנער, קאַבאַרעט־קינסטלער, טענצער, טענצערינס, קונצנמאַכער, מאָדעלן, מענלעכע און ווייבלעכע, גאַסנפּרויען — האַלבע און גאַנצע פּראָסטיטוטקעס.

אָן זיי וואָלט מאָנפּאַרנאַס גאָרנישט געקאָנט געמאָלט זיין און במילא אויך נישט זיין דער אַטראַקטיווסטער פּונקט אין פּאַריז. זיי זענען דער יסוד פון דער מאָנפּאַרנאַסער קונסט־ און פאַרגעניגן־אינדוסטריע. די דאָזיקע אינדוסטריע איז אייגנטלעך באַשטימט פאַרן עקספּאָרט. אָבער היות די אויסלענדישע קאָנסומענטן קומען אַראָפ פון אַלע עקן וועלט, אין אָט דעם קוואַרטאַל, וואָס איז דער פּערצנטער שטאָטטייל פון פּאַריז, און היות פּאַריז איז די הויפּטשטאָט פון פראַנקרייך — קאָן מען זאָגן, אַז די דאָזיקע אינדוסטריע איז אין עצם אַן אימפּאָרט־אינדוסטריע. ווארעם אָן די אויסלענדישע טוריסטן וואָלט דער גאַנצער ספּעקטאַקל קיין פּנים און קיין אַנזען נישט געהאַט.

דערנאָך די קינסטלער גופא: מאָלער, צייכענער, מיניאַטוריסטן, אַפּישן־מאַכער, אילוסטראַטאָרן, דעקאָראַטאָרן מכל המינים, סקולפּטאָרן, אַנימאַ־ליסטן, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס מאָלן אָדער שניצן אויס פון האָלץ צי פון ביין, צי פון קאַרטאָן חיות, בהמות אָדער פּאָרטרעטיסטן, פּייזאַזשיסטן, נאַטורמאָרטיסטן, פּאָרטרעטער פון פאַרשידענע שולן, וואָס גיבן זיך אָן אַלס אימאַזשיניסטן, עקספּרעסיאָניסטן, פוטוריסטן, קוביסטן, גאַנץ אָדער האַלב אַבסטראַקטע, גאַנץ, האַלב, אָדער פערטל רעאַליסטן אד״גל.

מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן די שרייבער, פּאָעטן, דראַמאַ־טורגן, זשורנאַליסטן און סתם פען־מענטשן פון אַלע לשונות אין דער וועלט, די וואָס האַלטן אין שרייבן און די וואָס האָבן זיך שוין „אויסגע־שריבן" און איצט קאָנען זיי שוין נישט אָדער ווילן נישט מער שרייבן, ווייל זיי האָבן נישט קיין לייענער, במילא אויך נישט קיין פאַרלעגער. זיי וואַרטן אויף עפּעס אַ נס, אַ מאָל אויך אויף אַ טעמע, וואָס קיינער האָט נאָך נישט באַהאַנדלט, און דערווייל זיצן זיי ביי אַ גלעזל קאַווע און האָפן, אַז עמעצער וועט קומען און וועט זיי „אויסלייזן" פון דעם אָרט, אויף וועלכן זיי זיצן ווי צוגעשמידט, ווייל זיי האָבן נישט קיין סאָנטים אין קעשענע.

אין דער קאַטעגאָריע גייען אויך אַריין מוזיקער אָן אַרבעט, טענצער און טענצערינס, וואָס האָבן נישט וווּ צו טאַנצן, אַרכיטעקטן, וואָס קיינער דאַרף נישט, דראַמאַטורגן, וואָס גייען אויס פּאַר אַ שטיקל סצענע און אַ סך אַנדערע, גאַנץ אָדער האַלב פּראָפעסיאָנעלע קינסטלער.

צו דער צווייטער קאַטעגאָריע געהערן די מאָדעלן, מענלעכע, ווייב־לעכע און אַפילו אויך גייטראַלע, דאָס הייסט די, וואָס קאָנען זיך נישט פאַררופן נישט אויף זייער מענלעכן, נישט אויף זייער ווייבלעכן געשלעכט. אפשר איז ווער פון זיי מיט יאָרן צוריק יאָ געווען אַ מאַנצביל אָדער אַ פרויענצימער. פון יענער צייט שטאַמט טאַקע זייער אָנטועכץ, כאָטש דאָס איז אויך נישט קיין ראיה, ווייל אָט האָבן זיך גענומען באַווייזן אויפן גאַס פרויען פאַרשטעלט ווי מענער, פרויען, וואָס טראָגן הויזן נישט בלויז אין כלומרשטן זין פון וואָרט, נאָר טאַקע אמתע הויזן, שוין אָפּגערעדט פון די כינעזישע און פון די יאַפּאַנישע פרויען, וואָס טראָגן הויזן נאָך פון די

עלטסטע צייטן. דאָקעגן שאָטלענדישע, אינדישע, אַראַבישע און אַנדערע אָריענטאַלישע מענער, טראָגן כאַלאַטן, וועלכע זענען ענלעך צו ריכטיקע פרויען־קליידער.

צו דער דריטער קאַטעגאָריע געהערן די טוריסטן:

עקסצענטרישע אַמעריקאַנער מיט הינטעלעך און אָן הינטעלעך, וואָס זענען געקומען קיין אייראָפּע זיך וואָרפן מיט דאָלאַרן, כדי צו ווייזן וואָס פאַר אַ גרויסע שלימזלניקעס די מענטשן אין אייראָפּע זענען. זיי האָבן ליב נישט די קונסט גופא, נאָר די קינסטלער, וואָס פירן זיך אויף ווי אמתע קינסטלער און האָבן אויסגעהונגערטע, נאָר פריילעכע, זאַרגלאָזע פּנימער. דרום־אַמעריקאַנער, וואָס פאַרמאָגן ריזן־פּלאַנטאַציעס און טונקעלע פּנימער — זיי ברענגען ווייזן זייערע ווייבער רונדע ווי פּעסלעך; ענגלענדער און ענגלענדערקעס, וואָס זענען לאַנג און מאָגער, כאָטש קיין הונגער ליידן זיי נישט און קענען נישט דעם טעם פון נויט; נאָרוועגער, וואָס זעען אויס ווי שיכור; דייטשן, וואָס האָבן רונדע ראַזירטע קעפּ; כינעזער און יאַפּאַנער, קליינע און דינע, וואָס אַ ליאַדע ווינטל, דוכט זיך, קאָן זיי אָוועקטראָגן; רוסישע עמיגראַנטן און ועל כולם: יידן, אַ וועלט מיט יידן, קיין עין־הרע.

צו אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע געהערן די יידישע עמיגראַנטן אין פּאַריז, פון איין זייט, און די סטודענטן פון דער סאָרבאָנע פון דער צווייטער. זיי זענען יאָ טוריסטן און נישט טוריסטן. יאָ פּאַריזער און נישט פּאַריזער. עס ווענדט זיך פון וואָס פאַר אַ זייט מען באַטראַכט זיי און אויך ווי אַזוי זיי גופא קוקן אויף זיך.

די, וואָס פילן זיך ווי אמתע פּאַריזער, ווי יידן, וואָס זענען נאָך לאַנגע וואַנדערונגען ענדלעך אָנגעקומען אויף אָן אָרט, וווּ זיי האָבן זיך ענדגילטיק באַזעצט, וואָלטן געדאַרפט צוגערעכנט ווערן צו די פּאַריזער נישט־יידישע אָדער אַלט־איינגעזעסענע יידישע איינוווינער, וואָס שטעלן קיין מאָל זייער פוס נישט אַריין אין מאָנפּאַרנאַסער געגנט.

אַפילו די, וואָס וווינען אויף מאָנפּאַרנאַס גופא, אָדער אין דעם פערצנטן אַראָנדיסמאַן, אין נאָענטער שכנות מיט דעם דאָזיקן „אויסלענדישן" בולוואַר, וואָלטן אים אויך אויסגעמיטן, ווען זיי וואָלטן געקאָנט

זיך אַריינגנבבענען אין זייערע הייזער דורך עפּעס אַ הינטערטיר. זיי האָבן פּיינט מאָנפּאַרנאַס, זיינע קאַפעס, זיין רעש, זיין טומל, זיינע שפּראַכן און זיינע טוריסטן.

דאַקעגן די, וואָס פילן זיך נאָך ווי אויסלענדער, וואָלטן אייגנטלעך באַדאַרפט וווינען אָדער אין די האָטעלן פון דעם פּערצנטן אַראָנדיסמאַן, אָדער אין די פּאַלאַץ־האָטעלן פון דער אַוועני שאַנז עליזיי, אָדער אין די פּענסיאָנאַטן וויניקסטנס, ווו עס הויזן די בכבודיקע אויסלענדישע משפחות אין פּאַריז, און נישט אויפן בעלוויל, אויפן „פּלעצל", אין דער רעפּובליק — אָדער אין דער באַסטיליע־געגנט — אין די אַרבעטער־פּערטלען.

די טוריסטן ווערן אָפט אַריינגעפירט אין אַ טעות. זייער וויזיע פון פּאַריז־ביינאַכט איז אַ פאַלשע. דאָס עכטע פּאַריז־בייטאָג און אַפילו פון פּאַריז זעען זיי נישט און נעמען מיט פון דער „שטאָט פון ליכט", ווי פּאַריז הייסט אין דער גאַרער וועלט, נישט קיין זכר פון ליכט, נאָר אַ שאָטן, נישט קיין אמתע עמאָציעס, נאָר אַ פאַרבלענדעניש. אפשר זעען גאָר די נעגער פאַרשטעלטע נעגער און די קאָזאַקן אין די קאַבאַרעטן פון מאָנ־מאַרטר און פון מאָנפּאַרנאַס נישט מער ווי הילצערנע אָדער בלעכענע מאַנעקינען מיט ספּרוזשינקעס, ווער ווייסט?

עס קאָן זיין, אַז צווישן אַט די אַלע טוריסטן געפינט זיך אַ מאָל איי־נער, וואָס קוקט אַריין הינטער די קוליסן, טיילט זיך אָפּ פון זיין „פירער" און דערזעט מיט די אייגענע אויגן, וואָס פאַר אַ שטיקל סחורה מען באַט אים אָן און ער כאַפּט זיך, אַז מען האָט אים אָפּגענאַרט: אָנגעבאָטן מוסטערן פון דעם אַמאָליקן רוסלאַנד, אַמאָליקע גראַפן, באַראָנען, פּרינצן, און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז געזאַנג, טאַנץ און שפּיל איז בלויז זייערע אַ נעבן־מלאכה, אַז אין דער אמתן זענען זיי פון תמיד אָן שאָפערן. אויך די מאָנטענעגרישע פּרינצן און די קאַרסישע ים־רויבער קוקן נישט אויס זייער עכט.

עס טרעפט אויך, אַז פון דער מאַסע אַמעריקאַנער טוריסטן, וואָס קומען אַראָפּ אין די גרויסע, בייכיקע טוריסטן־אויטאָמאָבילן, טיילט זיך פּלוצלינג אויס אַן אַמעריקאַנער ייד מיט אַ געבלימטן שניפּס:

— העלאָ, חיים! געזונט זאָלסטו מיר זיין! האַו דו יו דו? וואָס מאַכסטו,

גוטער ברודער? ווי קומסטו אַהער, אין פּאַריז? פּאַר וואָס ביסטו נישט געפאָרן קיין אַמעריקע, צו אונדז? איך בין אַל רייט ווי דו זעסט... יעס... זאָג עפּעס, דערצייל עפּעס... ווינסט שוין לאַנג אין פּאַריז?

ביבי, וואָס זיצט מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַניע אויף דער טעראַסע פון דאָם, ווייסט אַלץ, קען אַלץ. מאָלער און שרייבער, וואָס דרייען זיך אַרום אויף מאָנפּאַרנאַס, קען ער פּערזענלעך; ער דוצט זיך אַפילו מיט זיי. נישט געקוקט אויף דעם, מוז ער אָבער צוגעבן, זענען זייַנע קענטעניש אויבער־פלעכלעכע.

ווייל מען זיך באַקענען ווי עס דאַרף צו זיין מיטן מאָנפּאַרנאַס, מוז מען אָנקומען צו בת־שבע. זי דוצט זיך טאַקע נישט מיט אַלע קינסטלער ווי ביבי, אָבער זי גופא איז אַ מאָלערין.

זיצן זיי אַלע: מאָריס, רייזעלע, ביבי, נתן, הירשקע, פישעק און שלמה פינקלשטיין אויף דער דאָם־טעראַסע און קאָמענטירן מאָנפּאַרנאַס.

— דער מאָנפּאַרנאַס — זאָגט בת־שבע — איז צונויפגעזעצט פון צוויי ווערטער: „מאָן״, דער באַרג און „פּאַרנאַס״. אַ מאָל, מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, איז דער דאָזיקער בולוואַר טאַקע געווען אַ באַרג, אַ פעסטונג. ערשט אין יאָר 1725, אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז דער באַרג געוואָרן אויס באַרג.

— וואָס הייסט געוואָרן אויס באַרג? — פרעגט פישעק, וואָס וויל אַלץ וויסן גרינטלעך.

— מען האָט אים אויסגעגליכן — מישט זיך אַריין הירשקע — דעם באַרג מיטן טאָל. וואָס פאַרשטייסטו נישט?

— און דער נאָמען „פּאַרנאַס״ שטאַמט — דערקלערט בת־שבע ווייטער אַ צופרידענע, וואָס זי קאָן כּאַטש איין מאָל נאָך יאָרן שטודיום אָנווענדן אירע געשיכטלעכע קענטעניש — פון דעם העכסטן באַרג אין גריכנלאַנד פּאַרנאַסאָס, וואָס איז באַרימט מיט זיין דעלפער־טעמפּל און מיט אַפּאָלאָס אָראַקל. געירשנט האָט דער באַרג זיין נאָמען פון דעם גריכישן גאָט פּאַרנאַ־סאָס, דעם זון פון נעפּטון און פון דער נימפע קלעאָדאָראָ.

— ווי איר זעט — גרויסט זיך מאָריס מיט זיין קוזינעס קענטעניש — סינטעטיזירט זי פּאַריזער טאָפּאָגראַפיע מיט גריכישער געשיכטע, געאָגראַ־

פיע מיט מיטאָלאָגיע. אָבער פאַר וואָס גראָד איז דווקא דעם טייל פון פערצנטן אַראָנדיסמאַן באַשערט געווען צו ווערן אַ קינסטלער־ און טוריסטן־געגנט?

— פאַר וואָס? — האָט בת־שבע געענטפערט אַ קנייטש טוענדיק איר הויכן שטערן — נישט לייכט אויף דעם צו ענטפערן. טייל מאָל איז גענוג אַ צופאַל. גענוג אַ קינסטלער זאָל זיך ערגעץ־ווו באַזעצן, אַז ער זאָל באַלד צוציִען באַוווּנדערער, תּלמידים און צו לעצט אויך קונסט־ליבהאָבער. דאָ אָבער האָט, ווייזט אויס, געשטעקט אַן אַנדער סיבה, וועלכע — איז שווער צו זאָגן. סיידן דאָס, וואָס אין דער ווילדעניש מאָנפּאַרנאַס — ווי זי איז געווען נאָך אין אָנהייב נײַנצנטן יאָרהונדערט — האָבן איינזאַמע און איינזאַמקייט־זוכנדיקע מענטשן ליב געהאַט צו שפּאַצירן. דער כראָניקער רישאַרד אין דעם „אמתדיקער פּאַריזער פירער״, דערשינען אין יאָר 1828, שרייבט, אַז די בולוואַרן מאָנפּאַרנאַס און אַנפער...

— ווי האָסטו געזאָגט? — האָט נתן זיך געחידושט — אַנפער?

— יאָ, אַנפער, דער גיהנום־בולוואַר, אַזוי האָט דער בולוואַר געהייסן... לויט רישאַרד זענען די בולוואַרן מאָנפּאַרנאַס און אַנפער געווען שיינע פּראָמענאַדעס. אַלץ האָט דאָ אויסגעזען דאָרפיש, דאָ און דאָרט האָט זיך געפונען אַ קליינע קאַפע אָן אַ פּיצעלע עלעגאַנץ, אַ קרעטשמע אין מיטן אַ קנויל פון קוסטעס, ווו מען האָט קוים זיך געקאָנט דורכשלאָגן אַ וועג. אַזוי ווילד איז דאָ געווען די נאַטור.

— מיך וווּנדערט — האָט הירשקע זיך אַרײַנגעמישט — וואָס מיט אַ יאָרהונדערט צוריק, ווען פּאַריז איז שוין געווען אַ וועלטשטאָט, איז מאָנ־פּאַרנאַס נאָך געלעגן אין די וויקעלעך.

— דאָס איז אָבער אַ געשיכטלעכער פאַקט — האָט בת־שבע גע־זאָגט — מאָנפּאַרנאַס איז נאָך גאָר אַ יונגער קוואַרטאַל און זיין רעפּוטאַ־ציע איז אַלט קוים עטלעכע צענדליק יאָר. פאַר דער מלחמה האָט מאָנ־פּאַרנאַס נאָך געהאַט אַ קנאַפּן אָנזען און דאָס רוב קינסטלער האָבן געוווינט אויפן מאָנמאַרטר. ביז צום היינטיקן טאָג גייט אָן אַ מלחמה צווישן די מאָנמאַרטרער און די מאָנפּאַרנאַסער מאָלער. מאָנמאַרטר איז מער פראַנ־צויזיש און מאָנפּאַרנאַס איז מער קאָסמאָפּאָליטיש. געזיגט האָט מאָנפּאַר־

נאָס אַ דאַנק אירע קאָפּעס: לאַ ראָטאָנד, דער דאָם, די קופּאָל, סעלעקט און נאָך עטלעכע. וואָס שייך קלאָזוערי דע לילאַ, וואָס איז פאַר דער מלחמה געווען אַ קינסטלער־קאַפּע, גייען אַרום קלאַנגען, אַז זי וועט באַלד זיך מוזן צומאַכן. פאַרבליבן געטריי דער דאָזיקער קאַפּע זענען בלויז אַ פּאָר פאַרעלטערטע פראַנצויזישע קינסטלער.

— פאַר וואָס? — האָט רייזעלע געוואָלט וויסן.

— דאָס איז אַ רעטעניש — האָט בת־שבע געענטפערט — אָבער מאָנפּאַרנאַס האַלט דערוויל אין שטייגן, כאָטש עס האָט זיך שוין באַוויזן אַ נייער קאָנקורענט: די געגנט פון סאַן־זשערמען. וועט די דאָזיקע טענדענץ אָנהאַלטן, וועט מאָנפּאַרנאַס אין עטלעכע יאָר אַרום אויך אַרונ־טערגיין פון זיין גדולה.

— מיר וועלן קיינער נישט טרויערן נאָך מאָנפּאַרנאַס — האָט נתן זיך אָפּגערופן.

— געוויס נישט — האָט בת־שבע צוגעשטימט — יאָ, איך האָב פאַרגעסן אייך נאָך צו דערמאָנען, אַז מיט אַכציק יאָר צוריק האָט מאָנ־פּאַרנאַס געהאַט די רעפּוטאַציע פון אַ פאָלקסטימלעכער, פריילעכער, אָבער שטאַרק אויסגעלאַסענער געגנט. די אַמעריקאַנערקעס וואָלטן פון יענעם מאָנפּאַרנאַס מסתמא נאָך מער געווען צופרידן ווי פון דעם היינטיקן מאָנ־פּאַרנאַס. אָט איז אַ לידל, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן דורך דעם באַקאַנטן פּאָעט עסקיראָס. די מעלאָדיע אָבער קען איך נישט. אָט וועל איך אייך ציטירן אין פראַנצויזיש אַ פּאָר פערזן וועגן מאָנפּאַרנאַס, אפשר וועט עמעצער פון אייך זיך אונטערנעמען זיי איבערזעצן אין יידיש.

דאָס איבערזעצן איז אָנגעקומען נישט לייכט. יעדער איינער האָט פאַרעלייגט אַנדערש און ס׳איז שווער געווען צו אַנטשיידן וועמענס איינפאַל איז אַ בעסערער. דער עיקר, מען האָט נישט געוווּסט, ווער עס זאָל פּסקע־נען. סוף כל סוף איז די איבערזעצונג דאָך פאַרטיק געוואָרן און זי האָט אַזוי געקלונגען:

## צוויי משפחות

געשען איז דאָס אין מאַנפּאַרנאַס,
פון יענער זייט, אויף יענעם עק,
פון פאָרגט פרייד, נאָר הינטן האַס ;
פון הינטן שׂנאה, טויט און שרעק.

שיכורים שרייען אומעטום
קופּלעטן מיאוסע, מיך עקלט עס.
דער אַלטער פורמאַן, לאָם און קרום,
צום קבר פירט ער איצט אַ מת.

און לעבן די מצבות מען זויפט
אין שענקל אָפן פראַנק און פריי.
אַ מיידל ווערט פון עמעצן געקויפט,
איר טאַטע דרעמלט, שיכור סיי ווי סיי.

ווייל דאָ, אין אָט דעם שלעכטן אָרט,
ווו ס׳קומען זיך די אויסוואָרפן צונויף,
עס ווערט געטרונקען וויין פון קוואָרט
און שיינקייט ווערט פאַר געלט געקויפט.

— איר ווייסט דאָך — האָט בת־שבע צוגעגעבן — דערנעבן געפינט זיך עד היום אַ בית־עולם, דער מאָנפּאַרנאַסער בית־עולם. אין דעם פּרט האָט זיך גאָרנישט נישט געענדערט. וואָס שייך דעם מאָדעלן־יאַריד, דאָס איז גאָר אַ טשעקאַווער מענטשן־האַנדל. אָבער אויף היינט וועט זיין גענוג. ס׳איז שוין שפּעט.

דאָס קינפּטיקע פּאָרפּאָלק מאָריס און רייזעלע האָבן זיך די ערשטע אויפגעהויבן פון אָרט און האָבן זיך געלאָזט גיין צו דער מעטראָ.

בת־שבע האָט, וואָס אַן אמת, געוואָלט בלייבן מיט הירשקען אַליין, וואָרעם שוין אַ לענגערע צייט, ווי זיי האָבן זיך געטראָפן זייער אָפּט. דעם

אָונט האָבן זיי אייגנטלעך זיך געוואָלט טרעפן גאָר אין אַן אַנדער קאַפע, ווייט פון מאָנפּאַרנאַס, כדי נישט צו באַגעגענען באַקאַנטע. כאָטש עס איז צווישן זיי קיין מאָל נישט געווען קיין רייד פון ליבע. אַ צאַרטער בליק, אַ פעסטער האַנטדרוק, אַ זייער פריינדלעכער „צום ווידערזען" — אָט אין וואָס עס איז ביז איצט באַשטאַנען זייער ראָמאַן.

## קאַפּיטל 23

אַן עקאָנאָמישער קריזיס איז ווי אַ פּאַראַליזאַציע. ער רייסט זיך אַריין אינעם לעבן פון אַ לאַנד, שווענקט אַראָפּ אַלץ, וואָס געפינט זיך אויף זיין וועג. אָבער עס געדויערט אַ צייט, און די וואַסערן ציִען זיך צוריק. צו ערשט כאַפּט זיך אויף צום לעבן איין בראַנזשע, איין פּראָדוקציע־צווייג, און פּאַמעלעך, ביסלעכווייז, הייבן אָן אַלע רעדער זיך צו דרייען פון דאָס ניי און דער רויך שלענגלט זיך ווידער פון פאַבריק־קוימענס. צו ערשט דאַרפן זיך צעוויגן די וויכטיקסטע אינדוסטריעס, דערנאָך ערשט הייבן אויך אָן צו אַרבעטן די יידישע פאַכן: שניידעריי, קירזשנעריי, שטעפּעריי און אַזוי ווייטער.

ווען אויפן בעלוויל האָט מען אָנגעהויבן ווידער צו אַרבעטן, איז אין דער צאָנטעכניק אַריינגעקומען אַ מזל־ברכה. די צאָנטעכניקער זענען פאַרוואָרפן געוואָרן מיט באַשטעלונגען. מאָריס וואָלט געקאָנט אַרבעטן פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, ווען ער זאָל נאָר וועלן.

קודם־כל האָט ער אָבער געוואָלט „גרינדן אַ היים״, דאָס הייסט חתונה האָבן, און זיך אַריינקלייבן „אָפיציעל״ מיט רייזעלען אין זיין קינסטלער־סטודיע נעבן פּאַרק ביט־שאָמאָן. „אָפיציעל״, דאָס הייסט, ר׳ פּנחס שטיין און זיין פּלוניתטע און יאָסל גראָסמאַן מיט יוכבדן זאָלן וויסן, אַז רייזעלע איז נישט בלויז מאָריסעס געזעצלעכע פרוי לויט די פראַנצויזישע דינים, נאָר אויך כדת משה וישראל.

האָבן מאָריס און רייזעלע צוגעטראַכט אַ פרומען ליגן. זיי האָבן דערציילט, אַז זיי זענען געשטאַנען אונטער דער חופּה אין ניצע. אַ יידישע חתונה איז דאָס געווען מיט חופּה וקידושין, כאָטש אָן אונטערפירערס, אָן כלי־זמרים און אָן דער טראַדיציאָנעלער גילדערנער יויך. מען האָט זיי

געגלויבט. סיי פנחס, סיי יוכבד האָבן געמאַכט אַ מינע, ווי זיי וואָלטן זיי געגלויבט. אַ ברירה האָבן זיי געהאַט?

האָט רייזעלע איצט שוין געקאָנט שרייבן אַהיים אַ בריוו און אָנזאָגן די בשׂורה טובה. זי האָט טאַטע־מאַמען קיין ליגן נישט געשריבן, וואָרעם זי האָט נישט געשריבן וואָס פאַר אַ חתונה דאָס איז, און אין פוילן זענען קיין אַנדערע חתונות ווי רעליגיעזע נישט שייך.

אירע עלטערן, אירע ברידער און שוועסטער זענען, יעדער אויף זיין שטייגער, געווען אַ ביסל פאַרוווּנדערט, און אַ בריוו האָט זי פון זיי באַקומען, וואָס האָט געוויגן אפשר הונדערט גראַם. אַ סך בריוו אין איין קאָנווערט האָט זי באַקומען.

אָט ווי אַזוי רייזעלעס טאַטע האָט אָנגעהויבן זיין בריוו:

„לכבוד מיין טאָכטער הצנועה והכשרה מרת רייזל גיטל ברײנע זאָל לעבן און מאַריך ימים ושנים זיין פון היינט אויף שטענדיק.

„קודם ווינטש איך דיר און אונדז אַלעמען ווינטש איך אַ שיינעם מזל־טוב און דיין מאַן ר׳ משה הענדלער, ווי דו שרייבסט. איך האָב אים נישט אויסגעקליבן און דיין מאַמע האָט אים קיין מאָל נישט געזען פאַר די אויגן. אויף דעם ווײנען אונדזערע אַלעמענס הערצער, ווייל עס האָט זיך געמאַכט, אַז דו ביסט פאַרוואָרפן געוואָרן ווייט פון אונדז, אין פאַריז בעוונותינו הרבים. נאָר וואָס קאָן מען זיך העלפן? אַלץ ליגט דאָך אין די הענט פון השם יתברך. פון דעסטוועגן האָבן מיר גרויס צער, וואָס מיר קענען נישט דייך מאַן, קענען נישט אונדזער איידעם. וואָלט ער כאָטש אונדז געשריבן אַ פאָר ווערטער. מיר דאַנקען דיר אָבער און אויך אים דאַנקען מיר פאַר זיין בילד, וואָס דו האָסט אונדז געשיקט. לויטן בילד, ווייזט אויס, שטאַמט ער פון אַ שיינער משפחה און ער אַליין קוקט אויס גאָר אַ לייט. כאָטש ער טראָגט נישט קיין באָרד און פאות, ווי ביי אונדז אַ סך יונגע־לייט און ווי דיינע אייגענע ברידער. זאָל ער כאָטש זיין אַ גוטער מאַן און אַ גוטער פאַרדינער, ווערליק מען האָט מיר דערציילט איז זיין פאַך, וואָס דו שרייבסט, דווקא גאָר אַ גוט פאַך אין פאַריז. אויך אין פוילן וואָלט ער געקאָנט גאַנץ גוט פאַרדינען, ווען עס וואָלט נישט געווען אַזאַ ביטערע צייט פאַר יידן. וואָס זאָל מען טאָן? השם יתברך וועט זיך מרחם זיין אויף אייך, אויף

אונדז און אויף אַלע יידן אין דער גאַנצער וועלט. פון דעסטוועגן פאַר־שטייען מיר נישט, פאַר וואָס דו האָסט אונדז ביז איצט אַזוי ווייניק געשריבן וועגן אים? ווי לאַנג איז ער געווען דיין חתן? מילא, זאָל שוין אַזוי זיין צום גוטן, רבונו של עולם! שוין צייט דו זאָלסט האָבן אַ ביסל נחת אין דיין לעבן. טאָ זע, מיין טאָכטער, און פיר זיך אויף ווי אַ יידישע טאָכטער דאַרף זיך אויפפירן, ווי איך האָב דיך געלערנט און ווי דיין מאַמע האָט דיך געלערנט. מיין נישט, חלילה, אַז אין פּאַריז מעג מען אַרומגיין מיט די אייגענע האָר. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דו וועסט מיך נישט פאָלגן, אויב איך וועל דיר זאָגן דו זאָלסט איצט אָנטאָן אַ פּאַרוק, אָבער חוץ אַ פּאַרוק זענען דאָך פאַראַן אַנדערע זאַכן, אויך אַנדערע מצוות, וואָס אַ יידישע טאָכטער דאַרף אָפּהיטן. דו ווייסט וואָס איך מיין. בעט איך דיך דו זאָלסט זען צו פירן אַ כשרע יידישע שטוב, וואָרעם יידישקייט ווענדט זיך אין אַ גרויסער מאָס פון דער באַלעבאָסטע. טו וואָס מען דאַרף טאָן און עס זאָל נישט אַרויסקומען, חלילה, קיין מכשול, דערפאַר וועט דיך דער אייבערשטער נישט פאַרלאָזן נישט היינט, נישט קיין מאָל, ווי ער האָט אונדז אַלעמען ביז איצט נישט פאַרלאָזן.

„וואָס קאָן איך דיר נאָך פון אונדז שרייבן? גאָרנישט. מען ווערט אַלט, ווי דו ווייסט. דאָס האַרץ, דער מאָגן און די אויגן — זאָל איין גאָט זיך דערבאַרעמען! נאָר מען טאָר נישט זינדיקן. מען דאַרף אַלץ נעמען צו גוטן".

דאָ האָט זיך ערשט רעכט רייזעלעס טאַטע צעשריבן מיט זיין דראָבנער שריפט וועגן געזונט, עלטער, אויספירלעך מיט אַ סדר און ווי עס געהערט צו זיין. נאָר פון דעם מוזן מיר זיך אָפּזאָגן. עס בלייבט אַזוי אויך ווייניק פּלאַץ פאַר איר מאַמעס בריוו, וואָס איז דריי מאָל לענגער ווי דעם טאַטנס. אָט איז אַן אויסצוג פון איר מאַמעס בריוו:

„מיין ליבע, מיין טייערע טאָכטער, זאָל געזונט און שטאַרק זיין! איך האָב באַקומען דיין בריוועלע און איך ווייס אַליין נישט, וואָס עס איז גרעסער געווען — מיין פרייד, צי מיין צער, ווען איך האָב געלייענט דעם בריוו, וואָס דו האָסט אונדז געשריבן. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט גלייך ווי דו וואָלטסט געווען איצט ביי אונדז, ווי דו וואָלטסט איצט געשטאַנען פאַר

מיינע אויגן. ענדלעך, ענדלעך האָסטו אונדז פּאַרט געשריבן. וואָרעם שוין אַ וואָך צייט, ווי מיר האָבן פון דיר גאָרנישט נישט געהערט. זאָג אַליין, טאָכטער, איז דאָס רעכט אַזוי? דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, ווי מיר קוקן אויס די אויגן אונדזערע אויף אַ בריוו פון דיר. דו האָסט דאָך אונדז צוגעזאָגט צו שיקן כאָטש איין בריוו יעדע וואָך. וואָס איז געשען? קאָנסטו זיך שוין טאָקע פאָרשטעלן, ווי אַזוי מיר איז געווען צום האַרצן די גאַנצע צייט. איך האָב נישט געגעסן, נישט געטרונקען, אַן אויג האָב איך נישט צוגעמאַכט. וואָס איז געשען מיט מיין קינד אין דעם ווייטן פּאַריז? האָב איך נישט אויפגעהערט זיך צו פרעגן. איך האָב נישט געוווּסט, וואָס איבערצוקלערן, וואָס צו טראַכטן. פּלוצלינג — אַ לויב דיר גאָט! באַקומען מיר טאָקע אַ בריוו פון דיר, און נאָך וואָס פאַר אַ בריוו! אָט שרייבסטו אונדז, אַז חתונה געהאַט האָסטו מיט אַ בחור, וואָס הייסט משה און מאָריס. מסתמא פירט זיך אַזוי ביי אייך אין פּאַריז: משה איז ביי אייך מאָריס, אָבער דאָס איז נישט אַזוי וויכטיק. ער ווייזט אויס צו זיין אַ ווילער און פיינער יונגערמאַן. זאָגסט דאָך אַליין, אַז ער שטאַמט פון פוילן, פון אַ יידישער שטאָט. מער נישט וואָס? ער איז געבעך אַ יתום, נישט פאַר דיר, נישט פאַר קיין יידיש קינד געדאַכט. נאָך פרי איז ער פאַרבליבן אַ יתום, אָבער ער איז פון אַ פיינער משפחה, ווי דו שרייבסט, דער מאַן פון זיין מאַמען עליה השלום, איז אַ ייד, שרייבסטו, אַ גביר, און זיינע קינדער זענען לייטישע. אָבער זע נאָר, ווי איך האָב שיִער נישט פאַרגעסן דיר צו שיקן אַ מזל־טוב, ווייִ איז מיר! יאָ, מיין קינד, איך ווינטש דיר און דיין מאַן מאָריס מער, געוויס אַ סך מער, ווי איר ווינטשט זיך אַליין. איר זענט דאָך נאָך ביידע — אַ לויב צו גאָט ברוך הוא! — יונג, ווייסט איר נאָך נישט מסתמא, ווי גוט עס איז צו לעבן בשלום, אין נחת, און צו זיין שטענדיק צופרידן מיט דעם, וואָס מען פאַרמאָגט, ווי איך מיט דיין טאַטן זאָל לעבן. ווינטש איך אייך, מיינע ליבע, מיינע טייערע קינדער — משה איז דאָך איצט געוואָרן אויך מיינס אַ קינד; זיבן קינדער האָט מיר גאָט געשאָנקען, איצט איז שוין צייט איך זאָל האָבן אַן אַכט קינד, אַן איידעם, קיין ביין אויג זאָל אים נישט שאַטן — ווינטש איך אייך, איר זאָלט האָבן נחת איינער פון צווייטן, און זאָלסט טאָקע מאַכן אַ גוטע התחלה, מיין טייער קינד, און דיינע ברידער און דיינע שוועסטער זאָלן

אויך באַלד געפינען, יעדער זיין זיווג. ס'איז מסתמא באַשערט געווען, דו זאָלסט פאַרוואָגלט ווערן אין דעם ווייטן פּאַריז, כדי דו זאָלסט דווקא חתונה האָבן מיט מאָריסן. האָט זיך געדאַרפּט מאַכן דו זאָלסט מוזן אָפּפאָרן פון דער היים, פאַרטריבן ווערן איבער... נאָר לאָמיר מער נישט טראַכטן דער־פון, מיין טייער קינד, וואָס געווען איז געווען. פאַר וואָס דערמאָן איך דאָס גאָר? גלייב מיר, מיין ליב קינד, וואָלט מיר נישט אָנגעקומען אַזוי שווער צו שרייבן אַ בריוו, וואָלט איך אים צעריסן, דעם היינטיקן בריוו מיינעם, אויף שטיק־שטיקער, און וואָלט זיך אַוועקגעזעצט דיר שרייבן אַ נייעם בריוו. נאָר ווי באַלד איך האָב שוין יאָ דערמאָנט יענעם אומגליק, נישט היינט געדאַכט, בעט איך דיך דו זאָלסט זיך נישט מער אָפּעסן דאָס האַרץ. וואָס זאָל מען טאָן? אַזעלכע אומגליקן טרעפן אין אַנדערע משפחות אויך. כאָטש עד היום הער איך נישט אויף צו טראַכטן וועגן דעם. איך בין דאָך אַ מאַמע! גענוג געזונט האָט דאָס מיך דעמאָלט געקאָסט. יעדעס מאָל, ווען איך גיב אַ טראַכט און ווען איך דערמאָן זיך אָן דעם גזלן, דעם רוצח, וואָס האָט אונדז אויסגעצאַפּט אַזוי פיל בלוט, אונדז אָנגעטאָן אַזעלכע גרויסע חרפּות, ווילט זיך מיר אים פאַרשעלטן. יאָ, איך האָב פאַרגעסן דיר צו שרייבן, אַז דער באַנדיט האָט דאָך חתונה געהאַט. אַ מיידל האָט ער גענומען פון קוינסק, אַ באַלעבאַטישע טאָכטער — אָך און ווי איז צו אירע יאָרן, שטעל איך זיך פאָר. צוויי קינדער האָבן זיי שוין, אַ יינגל און אַ מיידל. וואָס זאָגסטו דערצו? ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ער האָט חתונה געהאַט, האָט דאָס מיר אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן. אָבער פון דער אַנדערער זייט, ווען איר וואָלט דעמאָלט חתונה געהאַט, ווען ער וואָלט, לאָמיר זאָגן, נישט געווען אַזאַ רוצח, דודקע דער אויסוווּרף, וואָלט איך דאָך דיר היינט נישט געקאָנט ווינטשן אַ מזל־טוב צו דיין חתונה מיט מאָריסן. זעסטו שוין וואָס פאַראַ גרויסן גאָט מיר האָבן אין הימל. שרייבסט, אַז מיר זאָלן קומען צו אייך קיין פּאַריז. מיין טייערע טאָכטער! איך האָב וועגן דעם געקלערט און לאַנג גערעדט מיט דיין טאַטן. מיר וועלן אפשר באַשליסן צו פאַרקויפן אַלץ, אויב נאָר עס וועט זיך געפינען אַ קויפער, וואָרעם היינטיקע צייטן איז נישט אַזוי לייכט צו געפינען אַ פּויער אָדער אַ ייד, וואָס האָט געלט... מיר ווייסן אַליין נאָך נישט וואָס צו טאָן. נאָר וועגן דעם וועלן מיר אם ירצה

השם זיך דורכשמועסן אין אַ צווייטן בריוו. ס׳איז דאָך נישט קיין קלייניקייט, וואָס? מען האָט אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן אין וואָליע, געזעסן אויף אַן אָרט, געהאַט קינדער, זיי אויפגעהאָדעוועט, אַ דאַנק דעם אייבערשטן, און איצט, אויף דער עלטער — גיי שלעפּ זיך אין דער פרעמד, אין דער ווייטער וועלט אַריין. און דאָס, וואָס דו שרייבסט, יוכבד מיט די קינדער, האָט זי דאָך געמוזט פאָרן קיין פּאַריז, אַנישט וואָלט זי פאַרבליבן, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, אַן עגונה. ווער קען דען נישט איר מאַן, יאָסלען? טאַ שרייב מיר ווי ער באַנעמט זיך איצט צו מיין אָרעמער שוועסטער, צו דיין אָרעמער מומען, הייסט עס. וואָרעם זי שרייבט דאָך מיר גאָרנישט מיט גאָרנישט. קיין מאָל באַקלאָגט זי זיך נישט פאַר מיר, גלייך ווי יאָסל וואָלט געווען איין דימענט אין דער וועלט... וואָס נאָך זאָל איך דיר שרייבן, מיין ליב קינד? שוין צייט, אַז דו און מיר אַלע זאָלן אויפגעריכט ווערן, וואָרעם דו האָסט זיך שוין גענוג אָנגעליטן אין דיין לעבן. זאָלסטו טאָקע פאַר דיין צער האָבן אַ ביסעלע נחת און מיר זאָלן הערן איינער פון דעם צווייטן גאָר גוטע נייעס און..."

אין די ווייטערדיקע ווינטשעוואַניעס האָט רייזעלעס מאַמע זיך אַזוי פאַרפלאָנטערט, אַז ס׳איז אַ נס, ווי אַזוי זי האָט דאָך געקאָנט פאַרענדיקן איר בריוו.

אין דעם קאָנווערט זענען נאָך געלעגן צוויי בריוועלעך פון אירע שוועסטער באַשעלע און עטעלע. זיסעלע און אירע דריי ברידער האָבן איר באַזונדער געשריבן. פון די איבעריקע בריוו וועלן מיר דאָ ציטירן בלויז זיסעלעס בריוול.

אָט וואָס זיסעלע האָט געשריבן:

„ליבע שוועסטערל!

„האָסט מיך שטאַרק דערפרייט מיט דיין בשׂורה, ווינטש איך דיר טאָקע אַזוי פיל גוטס, אַזוי פיל פרייד, אַזוי פיל גליק וויפל דו ווינטשסט זיך אַליין. וואָלטסטו מיר אַפילו נישט געשריבן, ליבע שוועסטער, וואָלט איך אויך פאַרשטאַנען, אַז פאַרליבט האָט איר זיך, און אַז עס איז ביי אייך נישט געווען קיין געדרעדטער שידוך. אַפילו ביי אונדז איז אויך שוין געוואָרן אויס מאָדע גערעדטע שידוכים. אויב מען האָט חתונה, איז עס נאָר דורך ליבע. איך דאַנק דיין מאַן פאַר זיין פאָטאָגראַפיע, וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט. איך

וואונדער זיך אָבער, וואָס דו האָסט אונדז נישט געשיקט קיין בילד פון אייער חתונה. פאַר וואָס? זענען דען אין ביצע נישט פאַראַן קיין פאָטאָגראַפן?

ווי איך האָב געהערט, איז ביצע אַ שטאָט ביים ים, אַן אָרט וווהין די רייכסטע און עלעגאַנטסטע פאַרלעך קומען פאַרברענגען זייער האָניק־חודש נאָך דער חתונה. ביי דיר אָבער איז געווען פונקט פאַרקערט: איר זענט דאָרט געווען פאַר דער חתונה. איצט זענט איר ווידער אין פאַריז. מסתמא האָט איר דאָס געהאַט אָפּגערעדט פון לאַנג. איר טוט דאָך גאָרנישט איינער אָן דעם צווייטן, ווי איך פאַרשטיי, און איר האָט זיך שטאַרק ליב. לויטן בילד זעט ער אויס צו זיין זייער אַ שיינער. אַ פּאַך האָט ער אויך, ווי דו שרייבסט, זייער אַ גוטן. ער איז אַ צאָנטעכניקער. דאָס איז דאָך כמעט אַ דענטיסט, וואָרעם אַ ציין־דאָקטער, אַ דענטיסט, איז כמעט אַן אמתער דאָק־טער. גלייב מיר, ליבע רייזעלע, אַז איך בין גליקלעך דאָס צו הערן פון דיר.

מיר פאַרדריסט נאָר אַ ביסל אויף דיר, פאַר וואָס דו שרייבסט מיר אַזוי ווייניק וועגן אייער ליבע. דו ווייסט דאָך ווי ליב איך האָב דיך. איצט וועל איך שוין אפשר קאָנען חתונה האָבן מיט מאירן. וואָלטסטו געוווּסט, ליבע רייזעלע, ווי שטאַרק ליב איך האָב אים! איך קאָן דיר דאָס גאָרנישט באַשרייבן. ער איז אַזאַ שיינער. וואָס זאָגסטו? האָסט דאָך געזען זיין בילד. איך קאָן דיר אָבער זאָגן, אַז אין דער ווירקלעכקייט איז ער נאָך שענער ווי אויפן בילד. ווייסט זען, ווען מיר וועלן קומען צו אייך קיין פאַריז, וואָרעם מיר האָבן אַלע שוין אַזוי גוט ווי באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין פאַריז פריִער אָדער שפּעטער. איך מיין, אַז אויספּאַלן וועט דאָס אין אַ יאָר אָדער אין צוויי יאָר אַרום. דער טאַטע, די מאַמע, קיינער זאָגט נישט מער „ביין". זיי וועלן פאַרקויפן אַלץ און וועלן קומען צו פאָרן קיין פאַריז. דאָ איז נישטאָ מער וואָס צו טאָן. פון יאָר צו יאָר ווערט דאָ אַלץ ערגער. באַלד וועט שוין גאָרנישט זיין אויסצוהאַלטן פאַר אונדז, יידן. אוי, ווי איך פריי זיך שוין מיט פאַריז! דערווייַלע אָבער מוז מען האָבן געדולד. פאַר־ענדיק איך מיין בריוו און איך ווינטש דיר נאָך אַ מאָל אַ גוט מזל מיט דיין אויסגעוויילטן און אַ סך, אַ סך גליק".

נאָך לענגערע קווענקלענישן האָט רייזעלע באַשלאָסן צו ווייזן מאָריסן די בריוו, וואָס זי האָט באַקומען פון דער היים. דער סטיל פון איר טאַטנס און פון איר מאַמעס בריוו איז געווען אַ קאָמיש־האַרציקער, אַזאַ אומגעֶ־שיקט־ליבער, אַזאַ נאַיִוו־עכטער, אַז זי האָט אים געמוזט עמעצן ווייזן. נישט בלויז לאָכן איינער אַליין איז שווער, נאָר אויך זיך פרייען איינער אַליין פאַלט נישט אויס לייכט. גוט, וואָס מאָריס האָט אַ חוש פאַר הומאָר.

אין די פאַר יאָר זינט זי וווינט אין פאַריז האָט רייזעלע גענוג געזען, געהערט, געלייענט, פאַרשטאַנען און האָט זיך אין גאַנצן געביטן. געווען איז זי אַ דאָרפסמיידל, ווען זי איז געקומען קיין פאַריז, איצט איז זי אַ פאַ־ריזערין סיי לויט איר געשמאַק, סיי לויט אירע מאַנירן. זי האָט פאַרמאָגט אַן איינגעבוירענע אינטעליגענץ, וואָס האָט, קאָן מען זאָגן, בלויז געוואַרט אויף דער געלעגנהייט, זי זאָל זיך קאָנען מאַניפעסטירן. מיט איר חוש פאַר הומאָר האָט זי ווי געהעריק אָפּגעשאַצט אי דעם אינהאַלט אי דעם סטיל פון די בריוו, וואָס זי האָט באַקומען פון דער היים.

מאָריסן האָבן די דאָזיקע בריוו אויך שטאַרק הנאה געטאָן. ער האָט זיי געלייענט איין מאָל און נאָך אַ מאָל און איטלעך מאָל זענען זיי אים בעסער געפעלן געוואָרן.

— עס קומט אויס — האָט ער געזאָגט — ווי שלום־עליכם וואָלט זיי געהאַט געשריבן.

לאַנג האָבן רייזעלע און מאָריס קאָמענטירט די בריוו. איטלעך מאָל האָבן זיי אַנטדעקט אין זיי עפּעס נייס, גלייך ווי הינטער יעדן וואָרט וואָלט געלעגן פאַרשטעקט אַ וועלט, אָדער בעסער געזאָגט — אַ ווינקעלע פון אַן אַלטער וועלט, וואָס האַלט ביים אונטערגיין.

ס'איז געקומען דער מאָמענט צו דערגאַנצן די אויסגעטראַכטע חתונה אין ניצע מיט אַן אמתער מאָלצייט, וואָס האָט געזאָלט באַשטעטיקן מאָריסעס און רייזעלעס נייעם סטאַטוס אין די אויגן פון זייערע קרובים.

כדי יוכבד מיט איר מאַן און פנחס מיט זיין ווייב, וואָס עסן נישט קיין טריפות, זאָלן אויך קאָנען זיך באַטייליקן אין דער סעודה, איז געוואָרן באַשלאָסן צו באַשטעלן אַ גרויסע חתונה־וועטשערע אין דעם כשרן רעסטאָ־ראַן נעבן פּלאַץ רעפּובליק.

אויב מען האָט באַשטעלט אַ נאַכטמאָל בלויז פאַר הונדערט און צוואַנציק פאַרשוין, איז עס געוועזן נאָר דערפאַר, ווייל אין דעם דאָזיקן רעסטאָראַן, ווי ענג מען האָט די טישן נישט צונויפגערוקט, האָבן מער קיין געסט נישט געקאָנט אַריין. האָבן טאָקע מאָריס און רייזעלע און זייערע גאָר נאָענטע פריינד און חברים עטלעכע אָוונטן נאָך אַנאַנד זיך געבראָכן די קעפּ ביים אויפשטעלן די רשימה פון די, וואָס מוזן ווערן פאַרבעטן אויף דער סעודה. ווי זיי האָבן נישט געציילט, האָבן זיי דאָך געהאַט דאָס געפיל, אַז עמעצן האָבן זיי פאַרזען.

ווי דאָס חתונה־מאָלצייט איז צוגעגאַנגען, איז שווער צו שילדערן, ווייל חוץ די טראַדיציאָנעלע עסנס: געפילטע פיש, הון, מייערן־צימעס און פאַרשידענע קאָמפּאָטן, איז דער סטיל נישט געווען אין גאַנצן אויסגע־האַלטן. קיינער האָט זיך נישט געפילט ריכטיק היימיש. עס קאָן זיין, אַז דער ליגן, וואָס מאָריס און רייזעלע האָבן פון שלום־וועגן געהאַט צוגעטראַכט וועגן זייער כלומרשטער חתונה אין ניצע, האָט געדריקט אויף דער שטימונג פון די געסט.

יעדער ליגן, אַפילו מיט דער בעסטער און ריינסטער כוונה, ברענגט אַריין אַ געוויסע אומאָרדענונג. מען פילט זיך נישט פריי בשכנות מיט אַ ליגן, וואָס שוועבט אַרום איבער די קעפּ, זאָל דאָס זיין אויף אַ שמחה אין אַ רעסטאָראַן אָדער ביי אַן אַנדער געלעגנהייט. חוץ דעם האָבן דאָך נישט אַלע געפּאַסט אַזוי גוט איינער צום צווייטן. וואָרעם ווי אַזוי שיקט זיך עס, אַז פּנחס שטיין און זיין ווייב זאָלן זיצן ביי איין טיש מיט אַרבעטער, מיט סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן? ביי אַן אַנדער געלעגנהייט וואָלט אַזאַ ייד ווי ר' פּנחס געלאָזט עפּעס הערן פון זיך, עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַן ענגע שייכות מיט יידישע שמחות בכלל און מיט אַ יידישער חתונה בפרט. גע־שאָטן וואָלט ער ווערטלעך פון דער גמרא, געבראַכט אַ מדרש, אַ שטיקל אגדה, סתם אַ דרוש, און דער עולם וואָלט מסתמא געלעקט די פינגער. חסידישע ניגונים וואָלט מען געזונגען און אפשר אויך געטאַנצט אַ שערעלע, אַ מצווה־טענצל.

דאָ אָבער האָט ער כמעט נישט אויפגעמאַכט דאָס מויל, ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן און בלויז אַריינגעמורמלט אין זיין ווייסער באָרד

אַריין עפּעס אַזוינס, וואָס אַפילו זיין טיש־שכן האָט נישט געהערט, נישט פאַרשטאַנען. אפשר האָט ער בעת־מעשׂה זיך דערמאָנט אין משהלעס און נתנקעס מאַמע, וואָס איז געווען פייגעלעס שוועסטער, אין ציפּען, אין זיין צווייט ווייב, הייסט עס. ווער קאָן וויסן?

יוכבד האָט זיך דערמאָנט אין איר שוועסטער, וואָס וווינט אין וואָליע. הלוואַי קומט זי שוין צו פאָרן אַהער וואָס גיכער. יוכבד וועט דאָן האָבן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. אמת, אירע קינדער זענען צו איר זייער גוט. אָבער אויך זיי זענען אָפּגעפרעמדט פון איר, ווי דאָס איז צו זען אין אַלע יידישע פאַמיליעס אין פאַריז. איר מאַן האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, ער מאַכט איר נישט מער קיין סצענעס, ווי אין די פריִערדיקע יאָרן, אָבער ער רעדט בכלל נישט מער. ווי אַ פרעמדער דרייט ער זיך אַרום אין שטוב. ער איז נאָך מער פאַרביסן ווי אַ מאָל. איצט גייט אויך רייזעלע אַוועק. זי איז ביז איצט געווען די איינציקע אין אָט דעם פרעמדן פאַריז, מיט וועמען זי האָט ליב געהאַט צו כאַפּן אַ שמועס.

מאַדנע, רייזעלע, פילט יוכבד, איז איר אַפילו נענטער ווי אירע איי־גענע קינדער. ווען אירע קינדער זאָגן „יאָ, יאָ, מאַמעשי! דו ביסט גערעכט. איך מיין אויך אַזוי", זאָגן זיי עס נאָר, דוכט זיך איר, לפּנים, אין דער אמתן אָבער, זענען אַלע זייערע געדאַנקען גאָר אַנדערש ווו.

יוכבד איז געווען די איינציקע אויף דער שׂמחה, וואָס האָט געלאָזט פאַלן אַ טרער, די איינציקע, וואָס האָט זיך באמת געפרייט און גלייכצייטיק געוויינט. זי האָט פאַרביטן איר שוועסטער, וואָס האָט נעבעך נישט געהאַט די זכיה בייצוווינען איר טאָכטערס חתונה. אין דער מינוט איז זי עפּעס געוואָרן די מאַמע פון אַלע יידישע אימיגרירטע אַרבעטער, סיי פון רייזע־לעס, סיי פון הירשקעס חברים, פון די אַלע יידישע קינדער, וואָס זענען פאַרוואָגלט געוואָרן אין אָט דער גרויסער נאָך אַלץ פרעמדער שטאָט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אַ סך פון זיי האָבן זיך שוין איינגעאָרדנט מיט אַרבעט און האָבן שוין זייער קרייז, ווו זיי לעבן זיך אויס. זי איז געוואָרן די מאַמע אַפילו פון די יעניקע, וואָס זענען אַראָפּגעקומען אַהער קליינער־הייט און געדענקען שוין נישט מער זייערע אַלטע היימען.

ווייַן האָט זיך געגאָסן, און דווקא כשרער ווייַן, וואָס ווערט געטרונקען

פסח. אויך אַנדערע געטראַנקען האָבן נישט געפעלט אויף דער סעודה, כלערליי ליקערן פאַר די פרויען און קאָניאַק פאַר די מענער.

אָבער דאָס אַלץ איז גאָרנישט געווען קעגן דעם, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט שפּעטער, נאָך דער מאָלצייט, אויף מאָנפּאַרנאַס. נאָך דעם, ווי די עלטערע מענטשן פון די משפחות גראָסמאַן און שטיין האָבן זיך געזעגנט מיט דעם יונגן פּאָרל, איז די גאַנצע קאָמפּאַניע פון דעם רעסטאָראַן אַוועקגעפאָרן אויף מאָנפּאַרנאַס.

## קאַפּיטל 24

שלמה פינקעלשטיין האָט געליטן פון זיין פּאַסיווער נאַטור. ער האָט נישט געוווּסט וואָס אָנצוהייבן צו טאָן מיט זיינע ליידיקע טעג און ליידיקע נעכט. אַפילו די דיסקוסיעס, וואָס ער פלעגט, ווי אַלע אַנדערע, פירן אַרום פאַרשידענע טעמעס: פּאָליטיק, קונסט, ליטעראַטור, זענען געווען אָן טעמפּעראַטור. עס האָט אויסגעזען, ווי אים וואָלט אין גרונט גענומען געווען אַלץ איינס, אָדער כמעט אַלץ איינס, צי ער איז גערעכט, צי די אַנדערע זענען גערעכט. פלעגט ער טאַקע זייער גיך נאָכגעבן און אַזוי אַרום אַנטוישן אַפילו זיינע קעגנער, וואָרעם זיי האָבן געזען אין דעם אַ סימן פון פּוסטקייט.

אין זיינע באַציִונגען מיט בת־שבע שטיין איז ער אויך געווען דער היפּוך פון אַן אמתן ליבהאָבער, כאָטש אים האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט זי זייער ליב. ער האָט זיך געלאָזט פון איר באַאיינפלוסן סיי אין די פון אים אַרויסגעזאָגטע מיינונגען, וואָס שייך אַלגעמיינע פּראָבלעמען, און סיי אַפילו וואָס שייך זיין פּראָבלעמאַטישער ליבע. דאָס איז געווען אַ שטילע, רויִקע, באַלעבאַטישע ליבע, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין צוציִונגס־קראַפט, פאַרמאָגט נישט קיין רייץ. איז זי טאַקע געקראָכן ווי אַ טשערעפּאַכע, כמעט ווי נישט גערירט זיך פון אָרט.

זיין האַלטונג האָט וויפל מאָל אַריינגעבראַכט בת־שבען ממש אין פאַרצווייפלונג, נאָר זי האָט דאָך נישט געקאָנט אים זאָגן: „שלמה! איך בעט דיך, ברענג מיך נישט אַרויס פון געדולד, זיי נישט שטענדיק מסכים מיט אַלץ, וואָס איך זאָג. איך קאָן דאָך אויך אַ מאָל האָבן אַ טעות. אַמפּער זיך אַ ביסל מיט מיר, קריג זיך, ווייז מיר אויף, אַז איך בין נישט גערעכט, דאַן וועל איך זען, אַז דו טראַכטסט מיט דיין אייגענעם שׂכל".

געוויס, אַזעלכע רייד האָט זי צו אים נישט געקאָנט רעדן, כאָטש זיי זענען איר געלעגן אויף דער צונג. האָט זי טאַקע געליטן און געלאַנגווייי־

ליקט זיך מיט אים. זי האָט אים אין גאַנצן באַהערשט, אָבער זי האָט זיך עס נישט געווונטשן. פון איין זייט האָט זי טאַקע געוואָלט אַרויפצווינגען אויף יענעם אירע מיינונגען, אים ווייזן, אַז דאָס וואָס זי זאָגט, האָט זי דורכגעטראַכט, דורכגעפילט, און פון דער צווייטער זייט, האָט זי עפּעס ווי געלעכצט „באַהערשט" צו ווערן, זיך אָנצושטויסן אָן אַ ווידערשטאַנד, כדי צו קעמפן, זיך איינצושטעלן אי פאַר אירע מיינונגען, אי פאַר אירע געפילן.

און אָט האָט זיך באַוויזן האַנרי גראָסמאַן. אין אַ סך פּרטים איז ער געווען היפּערשטעליק לגבי שלמה פינקעלשטיין. אויך פיזיש האָט ער נישט געקאָנט זיך מיט אים פאַרגלייכן. שלמה איז געווען אַ הויכגעוווקסיקער בחור מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר, די שטריכן פון זיין פּנים זענען געווען רעגלמעסיקע, אפשר שוין צו רעגלמעסיקע. הירשקע דאַקעגן איז געווען פון מיטעלן וווקס און זיין פּנים איז געווען אַ שאַרפס, אַ קאַנטיקס. פון זיינע האַסטיקע, אַנטשלאָסענע באַוועגונגען האָט מען געקאָנט זען, אַז ער טראָגט אַ מאַסקע אויף זיך, כדי צו באַהאַלטן זיין אומגעשיקטקייט און אפשר אויך די פאַרביטערטקייט, וואָס איז אים נאָך פאַרבליבן פון די קינדער־יאָרן.

אַלץ, וואָס הירשקע האָט געקענט, אָדער געמיינט אַז ער קען, האָט ער באַקומען נישט דורך סיסטעמאַטישער בילדונג, נאָר פון דער גאַס, פון זיך אַליין, אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, אין סינדיקאַט, אין דער קיך פאַר אַרבעטסלאָזע, און ער האָט זיך נישט געקאָנט פאַרמעסטן אין וויסן נישט מיט שלמה פינקעלשטיין און נישט מיט בת־שבע שטיין.

מיט וואָס האָט ער אייגנטלעך געקאָנט איר אימפּאָנירן? דעם אמת געזאָגט, האָט ער זיך גאָרנישט באַמיט איר צו אימפּאָנירן. וואָרעם עס איז אים קיין מאָל נישט אַרויפגעקומען אַפילו אויפן געדאַנק, אַז די שיינע, ווויילגעלערנטע און קינסטלערישע באַגאַבטע באַלעבאַטישע טאָכטער, וואָס האָט אַזוי פיל דערפאָלג אויפן מאַנפּאַרנאַס, זאָל זיך מיט אים אינטערעסירן.

הירשקע האָט געהאַלטן, אַז צווישן אים און איר קאָן קיין רייד נישט זיין וועגן ליבע. צו צווייִ פאַרשידענע וועלטן געהערן זיי ביידע, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט סימפּאַטיעס פאַר די לינקע קרייזן. מען ווייסט, וואָס דאָס וואָרט „סימפּאַטיעס" באַדייט אין אַזאַ פאַל, כמעט דאָס זעלביקע, ווי

דאָס וואָרט „פילאַנטראָפּיע". אַ סימפּאַטיקער באַנוגנט זיך דאָס רוב מיט מיטפילן. ער גופא לעבט נישט איבער די דאָזיקעליידן, פראָסט־פּשוט דערפאַר, ווייל ער אַלייןליידט נישט, ער שטעלט זיך בלויז פאָר, וואָס די אַנדערע פילן. זאָל אים נאָר אויספעלן אַ ביסל פאַרשטעלונגס־קראַפט, וועט ער זיך דערפילן מיד, און אויס מיט זיין סימפּאַטיע. דאַרף מען זיך טאַקע נישט צו פיל פאַרלאָזן אויף זיינע דעקלאַראַציעס און ליבע־דערקלערונגען.

אָבער ווי ער זאָל נישט קלערן און ער זאָל נישט אויסטייטשן אירע ווערטער און זשעסטן, ווערט ער אָלץ נישט קליגער, וואָס באַדייט דאָס אַלץ? וואָלט זי טאַקע געמיינט אים, טאָ פאַר וואָס חנדלט זי זיך אויך צו שלמה פינקעלשטיינען?

אָביעקטיוו גענומען, האָט הירשקע געהאַלטן, אַז שלמה און בת־שבע זענען אַ מער פּאַסיק פּאָרל ווי ער און זי.

אָבער בת־שבע האָט יאָ געוווּסט וועמען זי האָט פוןביידן אויסגעקליבן און וועד איז איר ליבער. זי האָט גוט אויפגעפּאַסט נישט בלויז אויף אירע געפילן, נאָר אויך אויף אירע געדאַנקען, וואָרעם בלויז אויף געפילן, ווייס זי שוין פון לאַנג, טאָר מען זיך נישט פאַרלאָזן. האָט זי אויסגעפונען — אָדער ווייניקסטנס דוכט זיך איר עס אויס אַזוי — אַז האַנרי איז מער פאַרזעג־לעכקייט ווי שלמה. געוויס איז שלמה קולטורעלער און פיינער ווי האַנרי און ער האָט אַ חוש פאַר ניואַנסן, אָבער דערפאַר איז האַנרי אַ גאַנצערע נאַטור, ער ווייס וואָס ער וויל.

איבעריקנס, טראַכט בת־שבע ווייטער, וועד פאַרבינדט זיך דאָס היינטיקע צייטן מיט אַ בחור אויפן גאַנצן לעבן? עס רעדט זיך דאָך נישט וועגן חתונה האָבן. ליבע ווערט היינט־צו־טאָג אויסגעפּרוּווט. פּאַסט מען זיך צו, פאַרבלייבט מען צוזאַמען אַזוי לאַנג, ווי עס לאָזט זיך. טאָמער נישט, איז פאַראַן אַ ברירה, מען גייט זיך פונאַנדער און מען בלייבט גוטע־פריינד, חברים, ווי געווען.

אפשר, קייטלט זיך אין איר מוח איין געדאַנק מיט אַ צווייטן, אפשר וועט זיך שפּעטער אַרויסשטעלן, אַז שלמה איז איר באַשערטער — ווייל ווי נישט ווי האָט זי זיך דאָך שוין צוגעוווינט צו אים און זי קען אים אַ סך בעסער ווי האַנרין.

זי האָט פון איר געפילן־קנויל זיך נישט געקאָנט אַרויספּלאָנטערן און כדי צו באַשליסן ווער און וואָס, וואָלט זי באַדאַרפט האַנדלען פּלוצלינג, נישט באַרעכנט.

אַזאַ מאָמענט איז געקומען. זי האָט באַשלאָסן צו גיין וווינען מיט האַנרין. באַשלאָסן האָט זי עס נישט אָן צושטימונג פון שלמהן. די לעצטע באַמערקונג איז נישט איבעריק, ווי די ווייטערדיקע געשעענישן וועלן עס באַשטעטיקן.

## קאַפּיטל 25

מען וואָלט געקאָנט אויפשטעלן צוויי כּללים, וואָס איינער איז פּונקט דער היפּוך פון דעם צווייטן. ערשטער כּלל: וואָס שטאַרקער און עכטער ס'איז די ליבע, אַלץ גרעסערע שוועריקייטן שטעלן זיך אין איר וועג. צווייטער כּלל: וואָס שטאַרקער און עכטער ס'איז די ליבע, אַלץ גרינגער איז גובר צו זיין אַלע שטערונגען, וואָס שטעלן זיך איר אין וועג.

אין דער אמתן אָבער לאָזט זיך די ליבע אויס פון אַלע כּללים, ווארעם יעדער פאַל פאַרמאָגט זיין אייגנאַרטיקייט, צו וועלכער עס לאָזט זיך נישט צופּאַסן קיין שום פאָרמול.

לאָמיר נעמען, למשל, בת־שבען און הירשקען.

וואָס האָט זייביידן צונויפגעבונדן? וואָס איז אים ביי איר און איר ביי אים געפעלן געוואָרן? קאָן דאָס בכלל קוואַליפיצירט ווערן ווי ליבע? אפשר איז עס ביי איר געווען אַ מין קאַפּריז, אַ שטיקל אַוואַנטורע, ווייל זיי האָבן זיך ווייניק געקענט און דאָס אומבאַקאַנטע רייצט? אים ווידער האָט זי אפשר בלויז אימפּאָנירט?

וואָס מער בת־שבע האָט זיך אָנגעשטרענגט צו דערגיין וואָס אין איר קומט פאָר, אַלץ מער האָט זי זיך דערווייטערט פון זיך אַליין, ביז אַלע אירע גריבלענישן זענען איר נמאס געוואָרן.

אָבער צי איז עס אַזוי לייכט פאַר אַ מיידל ווי בת־שבע צו גיין וווינען מיט אַ בחור אין איין צימער? וואָס וועט זאָגן שלמה, וואָס איז אַזוי גוט ווי איר חתן? וואָס וועט זאָגן איר טאַטע, איר שטיפמוטער, אירע ברידער, אירע שוועסטער, אירע חברטעס?

נישט קאָנענדיק צוטראַכטן קיין ענטפער אויף אַלע פראַגעס און אָנצוהערענישן, וואָס וועלן זיך, אָן שום ספק, נעמען שיטן פון אַלע זייטן, אויב זי וועט טאַקע אויספירן איר פּלאַן, האָט זי באַשלאָסן זיך צו פאַרלאָזן

בלויז אויף איר אינטויִציע. וואַרטן אויף אַן איינפאַל, וואָס וועט איר אַראָפּפאַלן פון הימל און איר ווייזן וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צו האַנדלען.

פּאַריז איז אַ גרויסע שטאָט. חוץ דעם „פּלעצל”, דעם בעלוויל, דער רעפּובליק, דעם לאַטיינישן פּערטל און דער מאָנפּאַרנאַס־געגנט זענען נאָך פאַראַן אַ סך אַנדערע קוואַרטאַלן. אָבער דער מהלך — נישט דער געאָגראַפישער, נאָר דער פּסיכאָלאָגישער — צווישן די ערשט אויסגע־רעכטע שטאָטטיילן און די אַנדערע גאַסן און ווינקלען פון דער כּרך, איז גאָר אַ ווייטער. טרעפט טאַקע, אַז מענטשן לעבן אָפּ אַ גאַנץ לעבן אין איין געגנט און באַגעגענען זיך קיין מאָל נישט מיט מענטשן פון זייער גלייכן וואָס וווינען אין אַן אַנדער קוואַרטאַל.

מען קאָן, הייסט עס, אין פּאַריז גופא פלוצלינג פאַרשווינדן און קיינער זאָל נישט וויסן, ווו מען איז אַהינגעקומען, ווו מען איז פאַרפאַלן געוואָרן, געשטאָרבן, חלילה, זיך אַנגעטאָן אַ מעשה, אָדער גאָר די ציוויליזאַציע איז אייך מיאוס געוואָרן און איר זענט אַוועקגעפאָרן וויַיט, וויַיט, אין אַפריקע, אין די דזשונגלס.

וואָלט דאָס געשען מיט מיר אַליין, האָט בת־שבע זיך ווידער פאַרטראַכט, ווער וואָלט עס געאַרט? אָבער האַנרי... מען ווייסט, אַז עפּעס וואָס שפּינט זיך צווישן מיר און האַנרי. זיינע עלטערן ווייסן גאַנץ גוט, אַז זיי האָבן אַ זון, וואָס הייסט הירשקע — טאָ ווו איז ער פלוצלינג פאַרפאַלן געוואָרן? בת־שבע נעמט אַ בייגעלע פּאַפּיר — אין געדאַנק — און שרייבט אַ בריוועלע אַהיים:

„ליבער טאַטע! ליבע מאַמע! ליבע ברידער און שוועסטער!

ווען איר וועט באַקומען מיין בריוול, שטעל איך זיך פאָר, וועט איר זיין נישט ווייניק איבערראַשט. אָבער איר דאַרפט זיך נישט שרעקן. איך האָב פּראָסט־פּשוט זיך אַרויסגעצויגן פון מיין צימער און פון מיין אַטעליע. נאָך מער: איך בין אַרויסגעפאָרן פון פּאַריז, איך בין אַוועקגעפאָרן קיין דרום־פראַנקרייך, אויף קאָט ד׳אַזיר. ווו ס׳איז וואַרעם און אַנגענעם — אָדער קיין קאָרסיקע, וויַיל דאָרט איז נאָך וואַרעמער, ווי אויף קאָט ד׳אַזיר. אין פּאַריז האָב איך נישט געקאָנט מער אַרבעטן, נישט געהאַט מער וואָס צו מאָלן. צו פיל אַרומגערינגלט בין איך דאָ געווען דורך די זעלביקע מענטשן,

דורך די זעלביקע גאַסן און דורך די אייביקע נאַטור־מאָרטן, וואָס רירן זיך נישט פון אָרט...״ בת־שבע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. דאָס טרעפט איר זייער זעלטן, זי זאָל לאַכן איינע אַליין.

„פרעג נישט, ליבער טאַטע, האָט זיך איר געדוכט, שרייבט זי ווייטער, פרעג נישט פאַר וואָס מיר איז דאָ אַלץ אַזוי מיאוס געוואָרן. פאַר וואָס איך האָב פּלוצלינג געמוזט אָננעמען אַזאַ באַשלוס, פרעג אויך נישט פאַר וואָס איך בין נישט געקומען זיך געזעגענען מיט דיר און מיט אייך אַלעמען. גלויב מיר, אַז איך קאָן דאָס אַליין זיך נישט מוחל זיין, אָבער קיין אַנדער אויסוועג האָב איך נישט געהאַט. איך האָב געמוזט אַוועקפאָרן פון פּאַריז, אַנישט וואָלט מיר פאַרפעלט לופט צו אָטעמען. מיין נישט, אַז הינטער מיין פּלוצלינגדיקן באַשלוס שטעקט עפּעס וואָס, ניין... וואָלט עפּעס געווען קאָנקרעטס, וואָלט איך דיר, גלייב מיר, ליבער טאַטע, דיר דעם ערשטן דערציילט. איך וואָלט זיך מיט דיר געהאַלטן אַן עצה. דו ביסט דאָך מיין ליבער פאָטער, וואָס האָט אַזוי פיל געטאָן פאַר מיר״.

בת־שבע האָט נאָך אַלץ נישט באַשלאָסן וועמען זי האָט מער ליב. איר דוכט זיך אָבער, אַז זי קען זיי ביידן מער ווי זיי קענען זיך אַליין. האַנרי איז, נישט געקוקט אויף זיין שאַרפן און דיאַלעקטישן שׂכל, אַ מענטש, וואָס קאָן אין פּראַקטישן לעבן זיך נישט געבן קיין עצה. ער מיינט, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז אַ מאַשין, ער ווייסט נישט, אַז עס זענען פאַראַן צופאַלן, וואָס מאַכן קאַליע דאָ אַ שרייפל, דאָ אַ רעדל און די מאַשין קאָן ווייטער פונקציאָנירן בלויז אַ דאַנק דער פאַנטאַזיע, וואָס מישט זיך אַריין אין דעם קריטישסטן מאָמענט און פאַרריכט אַלץ, וואָס עס איז צעבראָכן געוואָרן.

שלמה, נישט געקוקט אויף זיין לאַנגזאַמען און עפּעס ווי פאַרשלאָפענעם שׂכל, פאַרמאָגט געוויס דערפינדערישן גייסט, וואָס זאָגט אים אונטער אין דער לעצטער מינוט: דאָס טו און אַהין גיי. ער איילט זיך נישט קיין מאָל, ער ווייסט, אַז דער ריכטיקער געדאַנק וועט אים איינפאַלן צו דער רעכטער צייט. פאַר וואָס ציט זי אָבער מער צו האַנרין?

זי טרעפט זיך מיט האַנרין רעגלמעסיק, כמעט אַן אָוונט איבער אַן

אונטן — איין מאָל אין דער „קולטור־ליגע״, אַ צווייט מאָל ערגעץ אין אַ קאַפע אויף מאָנפּאַרנאַס און אַ דריט מאָל אין דער קינסטלער־אַטעליע.

ביי טאָג זענען סיי האַנרי, סיי שלמה פאַרנומען, שלמה אין דער סאָרבאָנע אָדער אין דער ביבליאָטעק, און האַנרי אין דער פאַבריק.

דער האַרבסט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף פּאַריז. ס'הערט כמעט נישט אויף צו רעגענען ביי טאָג און ביי נאַכט. דער רעגן אָבער שטערט קיינעם נישט. אַ דריבנער, אַ דינינקער רעגן. מען שפּירט אים כמעט נישט. וואָלט עמעץ געגאַנגען מיט אַ שירעם, וואָלט מען אים געוויס געהאַלטן פאַר אַ פּראָווינצער.

האַרבסט און רעגן. און דאָך דוכט זיך בת־שבען, אַז קיין שענערער סעזאָן ווי דער פּאַריזער האַרבסט איז אין דער גאַנצער וועלט גאָר נישט פאַראַן. „שיין״ איז אפשר נישט דער פּאַסיקער אויסדרוק. אין גרונט גענומען זענען דאָך אַלע פיר הויפּט־סעזאָנען און אַלע פיר האַלב־ אָדער אונטער־סעזאָנען שיינע, יעדערער אין זיין צייט. יעדער סעזאָן פאַרמאָגט זיין שיינקייט. אָבער דער האַרבסט האָט אַ באַזונדערן חן — אַ טרויעריקן, אַ מעלאַנכאָלישן חן. גאָרנישט קאָן זיך מיט אים פאַרגלייכן.

בת־שבע שפּאַצירט אַרום אויף די פּאַריזער בולוואַרן, ווי עמעצער, וואָס איילט זיך נישט אין ערגעץ.

ס'איז נאָך מיטאָג. בת־שבע ווייס נישט וויפל עס איז דער זייגער. זי האָט צייט. בכיוון האָט זי איבערגעלאָזט אויף איר נאַכטטישל איר האַנט־זייגערל, זי וויל נישט וויסן ווי שפּעט עס איז.

די בלעטער פאַלן פון די ביימער. אויף די טראָטואַרן און אויפן שאָסיי. אַ שאָד, וואָס עס בלאָזט קיין ווינטל נישט. די בלעטער ליגן פאַרחלשטע אויף דער ערד. ווען עס בלאָזט זיך פונאַנדער אַ ווינטל אין דעם האַרבסטיקן פּאַריז, פליִען די געלע בלעטער אַרום אין דער לופט. גאָר הויך הייבן זיך די געלע בלעטער קיין מאָל נישט אויף, ווייל זיי זענען אָנגעזאַפּט מיטן רעגן. אפשר נעמט די געלע פאַרב זייערע צו פון זיי דאָס לעצטע ביסל חיות?

בת־שבע וויל טראַכטן פון עפּעס אַנדערש, טראַכט זי פון שלמה

פינקעלשטיין, פון אים און נישט פון האַנריין, ווייל שלמה איז ענלעך צום פּאַריזער הארבסט.

ווען אַ מאָלער מאָלט אַ פּאָרטרעט, טראַכט ער אויך פון איינעם פון די פיר נאַטור־סעזאָנען. יעדער סעזאָן, פּונקט ווי יעדעס מענטשלעך פּנים, פאַרמאָגט זיין גרונטפאַרב.

אָט פּאָר וואָס איידער בת־שבע נעמט זיך מאָלן — און אַזוי שוין עטלעכע יאָר נאָך אַנאַנד — לאָזט זי זיך אַרויס אויף אַ שפּאַציר איבער די פּאַריזער בולוואַרן, זי זאַפּט אין זיך אַריין די פאַרבן פון דער שטאָט, זי טרינקט זיך אָן מיט זיי.

דאָס שטערט איר אָבער נישט צו טראַכטן בעת מעשׂה וועגן זאַכן, וואָס אויבנאויפיק, האָבן זיי מיט מאָלעריי קיין שייכות נישט. עס טרעפט אַפילו, אַז גראָד אין אַזעלכע נאָכמיטאָגן אַרבעט איר געדאַנק זייער אינטענסיוו.

סאַמע אויבן, אויפן מאָנמאַרטר וואַלגערט זיך אַרום אַ שטיק פּאַריזער עפּאָכע, וואָס וויל בשום אופן נישט פאַרשווינדן פון דער אַרענע. זי קלאַמערט זיך אין די דאָרפיש אויסזעענדיקע הייזלעך, אין די ענגע, קרומע געסלעך, אין די איינוווינערס, וואָס זענען שוין אַלט און שוואַך געוואָרן, פון יאָרן טאָקע, אָבער אויך פון בענקשאַפט נאָך די פאַרגאַנגענע צייטן.

בת־שבע האָט דאָ סוף־כל־סוף געפונען איר קאָט ד׳אַזיר אָדער איר קאָרסיקאָנער אינדזל. אמת, די רייכסטע פאַנטאַזיע איז נישט אין שטאַנד צו פאַרגלייכן די „פּרייע" קינסטלער־ און באָהעם־קאָמונע מאָנמאַרטר מיט קאָט ד׳אַזיר אָדער מיט קאָרסיקע.

מאָנמאַרטר, ווי זיין נאָמען זאָגט, ליגט אויף אַ באַרג. אויף דעם דאָזיקן באַרג קלעטערט מען אַרויף איבער שטיינערנע טרעפּ.

— די מאָנמאַרטר־געגנט איז זייער אַן אַלטע געגנט. וואָלט זי לכתחילה געווען אַ טייל פון דער שטאָט לוטעציאַ, ווי פּאַריז האָט געהייסן אַמאָליקע צייטן, וואָלט מען אַפילו געקאָנט זאָגן, אַז זי איז די מאַמע פון אַלע פּאַריזער שטאָט־קוואַרטאַלן. חוץ דעם אינדזל סאַן־לוי, פאַרשטייט זיך.

ביז מיט זיבעציק יאָר צוריק אַן ערך איז מאָנמאַרטר געווען אַ שטעטל פֿאַר זיך.

— בת־שבעלע — פּרוווט הירשקע זי פֿאַרטשעפּען — ווי פֿאַסט עס פֿאַר דיר צו זאָגן „אַן ערך״? זאָגט מען אַ דאַטע, דאַרף זי זיין אַ גענויע דאַטע, דאַרף זי שטימען פּונקט צום טאָג, צו דער שעה, צו דער מינוט אַפּילו.

— אויב דו ביסט שוין יאָ אַזאַ פּעדאַנט — רופֿט זיך אָפּ בת־שבע מיט אַ געלעכטער — וועל איך דיר טאַקע אָנגעבן גענוי די דאַטע ווען דאָס איז געשען: מאָנמאַרטר איז אַנעקסירט געוואָרן דורך פּאַריז אין יאָר 1859.

— אין וועלכן מאָנאַט? אין וועלכער שעה? אין וועלכער מינוט?

— דו מיינסט אפשר, אַז איך בין נישט אין שטאַנד דיר צו ענטפֿערן אויף דעם, אויב נישט די שעה און די מינוט, איז ווייניקסטנס דעם טאָג?

— זאָג, לאָמיר הערן.

— ניין, דווקא נישט. דו רייצסט זיך מיט מיר. ווילסט מיך עקזאַ־מינירן — איז דווקא נישט, וועל איך דיר גאָרנישט זאָגן און דו וועסט די געשיכטע פֿון מאָנמאַרטר טאַקע נישט קענען. איך האָב פֿיינט ווען מען לאַכט פֿון מיר.

— נאַרעלע! — פֿאַרענטפֿערט זיך הירשקע מיט אַ געלעכטער — ווי קאָנסטו גאָר מיינען, אַז איך לאַך פֿון דיר? הלוואי וואָלט איך פֿאַרמאָגט כאָטש אַ הונדערטסטל פֿון דיינע קענטענישן פֿון דער געשיכטע פֿון מאָנמאַרטר...

— גוט וואָס דו ביסט זיך כאָטש מודה.

— מודה? וואָס רעדסטו? איך האָב גאָר אַנדערש קיין מאָל נישט געטראַכט.

— אויב דו מיינסט טאַקע ערנסט, פֿאַר וואָס האָסטו בלויז דערמאָנט מאָנמאַרטר, נישט גאַנץ פּאַריז, נישט אייראָפּע, נישט דעם ערדקיילעך, נישט דעם קאָסמאָס?

— איך האָב דערמאָנט בלויז מאָנמאַרטר. אויב איך בין געווען איראָניש, איז די איראָניע געווען געווענדט בלויז קעגן דעם מאָנמאַרטר. איך מיין, אַז איינער, וואָס קען אויסגעצייכנט די געשיכטע פֿון אַלע פֿינף

קאָנטינענטן, דאַרף נישט פטרן זיין צייט און זיך אָפּשטעלן בלויז אויף אַזאַ קליינטשיקן פלעק, אויף אַ קאַרליקל, אַ ברעג ווי עס איז דער מאַנמאַרטר.

— האָסט זיך גוט אַרויסגעדרייט. איך האָב גאַרנישט געוווּסט, אַז דו פאַרמאָגסט אַזוי פיל הומאָר. זע איך טאַקע איין, וואָס אַ טאָג מער, אַז איך האָב מיט דיר געטראָפן, איך האָב אויסגעקליבן דעם סאַמע פּאַסיקסטן...

וויפל מאָל כאַפּט מען זיך אַרויס מיט אַן אומשולדיק וואָרט, וואָס מיינט גאַרנישט, און דאָך איז דאָס ווי אַ שפּיז. „אויסגעקליבן", האָט בת־שבע געזאָגט, זי האָט, הייסט עס, „אויסגעקליבן" הירשקען, און ער האָט זיך געלאָזט פון איר „אויסקלייבן". נישט ער האָט זי „אויסגעקליבן", נאָר זי אים. פאַר וואָס? מסתמא, ווייל ער געהערט צו אַן אַנדערער סביבה. ער איז נישט אַזוי געבילדעט, נישט אַזוי געלערנט, ווי זי.

האַנרין האָט אָבער, דעם אמת געזאָגט, דאָס ווערטעלע „אויסגעקליבן" געגומען הנאה טאָן. אויב זי האָט אים „אויסגעקליבן", האָט זי דאָך אים אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע, האָט זי דאָך עפּעס וואָס אין אים געפונען — אינטעליגענץ, הומאָר און אפשר אויך אַ פונק פון טאַלאַנט...

זי גופא האָט אים אַ מאָל געזאָגט, אַז ער באַזיצט אַן איינגעבוירענעם חוש פאַר קאָלאָריסטיק. וואָס אים פעלט, איז טעכניק. אָבער טעכניק קאָן מען זיך דאָך לייכט דערווערבן. ער וואָלט בלויז געדאַרפט האָבן צייט צו מאָלן, נישט בלויז איין מאָל אין וואָך, זונטיק, ווען ער אַרבעט נישט און כאַפּט זיך צו צו אַ לייוונט. ס'איז אָבער נישט אַזוי לייכט צו ווערן אַ ריכטיקער מאָלער, ווען מען דאַרף גיין אַרבעטן טאָג־איין, טאָג־אויס. ביז איצט האָט הירשקע קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט זיך צו לאָזן אויסהאַלטן פון בת־שבען.

אָט ווי די געדאַנקען האָבן גענומען זיך קייטלען אין האַנריס מוח. האַנרי האָט, פאַרשטייט זיך, ביז וואָס־ווען, זיין אַרבעט נישט געוואָרפן. ער האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, אַז ער איז אַ מאָלער און האָט געוואָרט מיט אומגעדולד אויף אַ מאַרט־סעזאָן, וואָס איז אַן אויסגעצייכנטער סעזאָן צו מאָלן נאַטור־מאָרטן.

## קאַפּיטל 26

דעם בריוו, וואָס בת־שבע האָט געהאַט צוגעטראַכט, האָט זי, פֿאַר־שטייט זיך נישט געשריבן. זי האָט בכלל גאָרנישט געגעבן צו וויסן אַהיים. ס׳איז אויך נישט נייטיק, האָט זי זיך געטראַכט. אויף מאָנפּאַרנאַס פֿאַרמאָגט זי אַן אַטעליע. שוין מער ווי איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז זי איז געבליבן נעכטיקן אין איר אַטעליע, ווי דאָס טוען אַלע מאָלערס, וועט מען אויך דאָס מאָל מיינען אין שטוב, אַז זי שלאָפֿט אין אַטעליע. האָט דאָך איר טאַטע שוין פֿון לאַנג שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז זיין צעבאַלעוועטע און קאַפּריזנע טאָכטער מוז אויספֿירן דאָס איריקע. ער האָט פֿון אָנהייב געפּרוווט זיך בייזערן, קלאַפּן אין טיש, סטראַשען, סוף־כל־סוף האָט ער דאָך נאָכגעגעבן.

האָט זי געמיינט, אַז אַלץ וועט פֿאַרבייגיין רויִק און גלאַט. און טאָמער וועט איר טאַטן דאָס מאָל דאָך קומען אַ געדאַנק גיין זען, צי זי נעכטיקט טאַקע אין איר אַטעליע ? נאָר אַזוינס האָט נאָך קיין מאָל נישט געטראָפֿן. אויך אירע ברידער און שוועסטער פֿלעגן זעלטן ווען צו איר קומען, און טאָמער יאָ, איז דאָס אויך בלויז געווען אין מיטן טאָג, ווען זי האָט זיי ספּעציעל פֿאַרבעטן קומען אָנקוקן אירע בילדער.

פֿרעגט זיך : ווי אַזוי האָט איר טאַטע זיך פֿאַרט דערוווּסט, אַז זי איז אַוועק וווינען אין גאָר אַן אַנדער קוואַרטאַל מיט הירשקען ?

נישט אַנדערש, איינער פֿון אירע, אָדער פֿון זיינע חברים האָט זיי געמסרט. אייפֿערזוכט, אָדער סתם נישט־פֿאַרגינערײַ. אַלץ איז מעגלעך. אָבער ווער ? איז דער ערשטער פֿאַרדאַכט געפֿאַלן אויף שלמהן. נאָר ער איינער האָט געוווּסט זייער אַדרעס.

אָבער דאָס האָט נישט געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט. פֿאַר־קערט, ווי נאָר שלמה האָט זיך דערוווּסט, אַז בת־שבעס טאַטע האָט

אויסגעפונען זייער אַדרעס, איז ער זיי גיך געלאָפן אַנזאָגן, זיי זאָלן זיך היטן, זיי זאָלן זיך אַריבערקלייבן אין אַן אַנדער קוואַרטאַל, אויס־זוכן אַ נייעם צימער, אָדער אפשר זאָלן זיי גאָר אַוועקפאָרן פון פּאַריז.

זיי וואָלטן דאָס געטאָן אויך, ווען בת־שבע וואָלט זיך נישט באַקלערט אין דער לעצטער מינוט, אַז דאָס איז אונטער איר ווערדע זיך צו באַהאַלטן פאַרן טאַטן. וואָס פאַר אַ פאַרברעכן איז זי באַגאַנ־גען? זי האָט חרטה געהאַט, וואָס זי האָט לכתחילה נישט געהאַט דער־ציילט איר טאַטן, אַז זי האָט ליב הירשקען און אַז זי גייט מיט אים צוזאַמען ווינען.

האָט זי זיך טאַקע נישט גערירט פון אָרט. ווי באַלד עס האָט זיך שוין יאָ געמאַכט אַזוי, האָט זי באַשלאָסן דאָס מאָל צו רעדן מיט איר טאַטן קלאָרע רייד. זי איז טאַקע באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער, וואָס זי האָט אים נישט דערציילט די גאַנצע געשיכטע, זאָל ער איר מוחל זיין, אָבער וואָס שייך דעם עצם ענין, מוז זי אים זאָגן, אַז זי פילט זיך אומאָפּהענגיק, זי איז פּוליעריק. ער וועט זיין אין כעס, אָבער וואָס קאָן זי זיך העלפן? זי וועט אים אפשר זאָגן, אַז זי איז אַ מאָ־לערין און זי האָט איר פּריוואַט־לעבן. זי פאַרשטייט בכלל נישט, וואָס פאַר אַ פאַרברעך זי איז דאָ באַגאַנגען. דער טאַטע וועט, פאַר־שטייט זיך, זאָגן, אַז אַזוינס טוט מען נישט, אַז ביי יידן פירט מען זיך נישט אַזוי, אין זיין פאַמיליע האָט מען דאָס נאָך נישט געזען...

ווי אַזוי אָבער האָט ר׳ פנחס זיך דערוווּסט, וואָס זיין טאָכטער האָט אָפּגעטאָן?

פון אַ יידישן פאַראיין האָט מען איין טאָג געקלונגען צו פנחסן, אַז מען אָרדנט דאָרט איין אויף דעם יערלעכן באַל, וואָס דאַרף פאַר־קומען אין אַ חודש אַרום, אַ בילדער־אויסשטעלונג. וויל מען בת־שבע זאָל דאָרטן אויך אויסשטעלן אירע בילדער. פנחס האָט געענטפערט, אַז ער האָט די טעג זיין טאָכטער נישט געזען און ער ראָט זיי דעריבער זיך צו ווענדן צו איר אין איר אַטעליע. אויף דעם האָט מען אים געענט־

פערט, אַז אין אַטעליע איז זי נישטאָ און מען זעט זי נישט אין ערגעץ. ווו איז זי? קיינער אויף מאָנפּאַרנאַס ווייסט נישט וווהין זי האָט זיך אַרויסגעקליבן. עס קאָן זיין, האָט מען אים דורכן טעלעפאָן געזאָגט, אַז זי איז אַוועקגעפאָרן ערגעץ ווו מיט איר חתן.

פּנחסן האָט נישט געפּאַסט צו פרעגן ווו, וואָס און ווען, האָט ער אַריינגעשריגן אין טעלעפאָן־טרייבל:

— וואָס דערציילט איר מיר דאָ? זי איז אַוועקגעפאָרן מיט שלמה פינקעלשטיין און פאַרדרייט מיר נישט דעם קאָפּ.

האָט מען אים געענטפערט.

— גיט אונדז איר אַדרעס, מיר וועלן איר שרייבן. שוין פון לאַנג ווייסן מיר, אַז זי זוכט אויסצושטעלן אירע בילדער, האָט זי איצט אַ גוטע געלעגנהייט, גיט אונדז איר אַדרעס. שלמה פינקעלשטיין ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן. אויב זי איז אַוועקגעפאָרן פון פּאַריז, איז זי נישט מיט אים אַוועקגעפאָרן.

— מיט וועמען דען, אויב נישט מיט אים — האָט זיך אַרויסגע־ריסן ביי פּנחסן אַ קול, וואָס ער אַליין האָט נישט דערקענט, און ס׳האָט זיך אים גענומען דרייען אין קאָפּ. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט אומפאַלן.

— מיט האַנרי.

— מיט וועלכן האַנרי? — האָט ער נאָך באַוויזן צו פרעגן — וואָס פאַר אַ האַנרי?

זיי האָבן, ווייזט אויס זיך געכאַפּט, וואָס זיי האָבן דאָ אָפּגעטאָן, האָבן זיי בלויז אַ מורמל געטאָן „אַ גוטן טאָג” און דערמיט איז דער טעלעפאָנישער שמועס צווישן ר׳ פּנחסן און די פאַרשטייער פון דעם פאַראיין געווען פאַרענדיקט.

פּנחסעס ערשטער געדאַנק איז, פאַרשטייט זיך, געווען צו לויפן צו זיין טאָכטער אין אַטעליע, האָט מען אים דאָך אָבער געזאָגט, אַז זי האָט זיך אַרויסגעקליבן פון איר אַטעליע. אויס מאָנפּאַרנאַס, זי איז אַוועקגעפאָרן מיט עפּעס אַ האַנרי. ווער איז ער, דער דאָזיקער האַנרי?

ער האָט געפּרוּווט זיך דערמאָנען ווער צווישן אירע באַקאַנטע און חברים הייסט האַנרי.

געטראַכט האָט ער אַזוי לאַנג ביז ער האָט זיך דערמאָנט אין הירשקען, יאָסל גראָסמאַנס זון. זיינע אַ קרובה, זיין ווייבס שוועסטערס אַ טאָכטער, דוכט זיך, האָט דאָס דאָ נישט לאַנג חתונה געהאַט מיט משהקען. רייזעלע הייסט זי. ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן, דערמאָנט ער זיך, און איז געקומען צו זייער חתונה. משהקע איז זיינער אַ שטיפזון, האָט ער דאָך נישט געקענט נישט קומען צו זיין חתונה. איר קוזין הירשקע איז אויך געווען אויף דער חתונה. איז זיין טאָכטער הייסט עס, בת־שבע געוואָרן אָט דעם הירשקעס אַ נאָענטע, ווי זיי רופן דאָס אויף זייער לשון, און איצט זענען זיי אַנטלאָפן, ווייסט דער טייוול וווּהין.

ער האָט עפּעס־וואָס געוואָלט טאָן. אָבער, ער איז אַן אַלטער ייד מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, קאָן ער דאָך נישט גיין זוכן זיין אייגענע טאָכטער אין די קאָפּעס פון מאַנפּאַרנאַס. ווי וועט ער אויסזעען, און דער עיקר, וואָס וועט ער פּועלן? זיי האָבן זיך דאָך אַרויסגעקליבן פון מאַנפּאַרנאַס. די סאַמע גרעסטע טאָכטער זיינע האָט אים אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל. און מיט וועמען? ווי און ווינד איז צו אירע יאָרן! ווי און ווינד איז אויך צו זיינע אַלטע יאָרן!

גוט אויף מיר, האָט ער זיך גופא געמוסרט, האָב איך נישט געזאָלט זי לאָזן מאָלן, נישט געזאָלט דינגען פאַר איר אַן אַטעליע. איצט זע איך שוין, מיט וואָס דאָס שמעקט. אַן אַלטער נאַר בין איך... גוט אויף מיר! גאָט ווייס וואָס ער טוט... פון דעסטוועגן... פאַר וואָס אָבער זענען זיי אַנטלאָפן? וואָלט דאָס פּאַסירט מיט שלמה פינקעלשטיין, מילא, אָבער מיט אים וואָלט זי דאָך נישט געדאַרפט זיך באַהאַלטן. אַדרבא און אַדרבא! נאָר זי וויל אים נישט. ווייסט זי דען וואָס זי וויל?

זיין טאָכטער זאָל אָפּטאָן איר אייגענעם טאַטן אַזאַ שפּיצל. וואָלט ער כאָטש געהאַט מיט וועמען זיך צו באַראַטן... ער וועט דאָך נישט גיין זיך האַלטן אַן עצה מיט זיין ווייב, זי איז דאָך נישט בת־

שבעס מאַמע. און וואָס פאַרשטייט דען בכלל אַ יידענע פון אַזעלכע זאַכן? וואָס ווייסט זי וואָס אַ מאַלערין איז? אָבער בת־שבען טאָר ער נישט לאָזן פאַלן. מען לעבט דאָך נישט אין אַ וואַלד, מען לעבט צווישן יידן. זי האָט נאָך גאָט צו דאַנקען אַ טאַטן, ברידער און שוועסטער, שוואָגערס און שוועגערינס...

מען איז געפאָרן צו איר אין אַטעליע, מען איז געגאַנגען פון איין קאַפע אין דעם צווייטן. אין ערגעץ אָבער האָט מען זי נישט געפונען. האָט מען גערעדט מיט דער הויזוועכטערין, אָבער אויך זי האָט נישט געוווּסט פון וואָס צו זאָגן. ווי אין וואַסער אַריין! ס׳איז אַפילו אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַ געדאַנק — און דאָס האָט טאַקע די הויזוועכטערין אָן עצה געגעבן — מען זאָל אַליאַרמירן דעם פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. זאָל די פּאָליציי זוכן די פאַרשווונדענע. אָבער נישט ר׳ פנחס, נישט זיינע קינדער האָבן געוואַגט אונטערצונעמען אַזאַ שריט.

ווי אַזוי פאָרט זיך דערוויסן ווו בת־שבע געפינט זיך? אפשר טאַקע איז זי אַוועקגעפאָרן פון פּאַריז? אפשר אין איינעם מיט יאָסל גראָסמאַנס זון? וואָלט אויב אַזוי קודם כל כדאַי געווען צו דערגיין, צי דער דאָזיקער חברה־מאַן גופא איז אין פּאַריז, צי נישט. איז טאַקע קיין אַנדערע ברירה נישט געבליבן פאַר ר׳ פנחסן ווי צו גיין זיך דערוויסן פריִער פאַר אַלץ, וואָס עס איז געוואָרן מיט הירשקען אָדער האַנרין, ווי מען רופט אים. ס׳איז עפּעס אַ תירוץ? ער וועט מוזן גיין, הייסט עס, צו זיינע עלטערן, צו זיין טאַטע־מאַמע אויפן בעלוויל, און רעדן מיט זיי קלאָרע דיבורים: הערט נאָר, וועט ער זיי זאָגן, וווהין האָט איר פאַרשלעפּט מיין טאָכטער? גיט מיר אַרויס בת־שבען, אַנישט...

ניין, ער טאָר זיי נישט סטראַשען. אָנהייבן דאַרף ער מיט גוטן:

„אַ גוטמאָרגן אייך, ליבע מחותנים מיינע! איך קאָן אייך גאָרנישט זאָגן ווי איך פריי זיך, וואָס אייער זון, הירשקע דער שטעפּער, האָט מיר צוגעכאַפּט מיין טאָכטער. קיין גרעסער גליק האָט נישט געקאָנט פּאַסירן מיט איר... מיט מיר״.

פנחס ווייסט פון פריִוס, אַז אויך נישט דאָס וועט ער זיי זאָגן. ס׳איז אוממעגלעך צוצוטראַכטן פון פאָרויס פּאַסיקע רייד. ס׳איז בכלל שווער

צו וויסן פון פּאַריס, ווי אַזוי אַ שמועס אַנטוויקלט זיך אין דעם אָדער אין יענעם פאַל. מען טראַכט עפּעס צו, און צום סוף קומט גאָר אַרויס עפּעס אַנדערש.

באַשלאָסן האָט ער דאָך קודם זיי אויסצוהערן און לויט דעם, וואָס זיי וועלן זאָגן, וועט ער וויסן וואָס מיט זיי צו רעדן.

# קאַפּיטל 27

סיי הירשקע, סיי בת־שבע האָבן געהאַט אַ טעות אין שלמה פּינקעל־שטיין. קאָן זיין, ער גופא האָט אויך זיך טועה געווען אין זיך. בת־שבע האָט זיך באַמיט צו פאַרשטיין זיין באַציִונג צו איר. שוין עטלעכע יאָר ווי זי קען אים. פון איין זייט האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט בלויז זי איינע ליב געהאַט און ווי ער וואָלט נאָר פון איר געטראַכט. אויב זי האָט פון אים נישט אַרויסגעזען קיין גרויסע ליידנשאַפט, איז דאָס בלויז דערפאַר, האָט זי זיך געטראַכט, ווייל זיין טעמפּעראַמענט איז אַזאַ. ער איז אַ געלאַסענער פון נאַטור. דערפאַר איז זיין געפיל סטאַביל. ווער דאָס קליינע, אָבער זיכערע פלעמל, וואָס ברענט אין זיינע אויגן, לויכטן לענגער.

פון דער צווייטער זייט אָבער, האָט איר נישט אויפגעהערט צו עקבערן דער געדאַנק, אַז ער ליבט זי נישט גענוג. אַז ער וועט באַגעגענען זיין באַשערטע, וועט ער אפשר ווערן גאָר אַן אַנדערער מענטש — מען האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן — און אַלע אַנאַליזן פון זיין נאַטור, אַלע אָבסערוואַציעס וועלן זיך אַרויסווייזן פאַלש.

זי האָט אויך זיך נישט געקאָנט באַשליסן, צי זי גופא האָט אים ליב. אפשר האָט זי בלויז זיך צוגעוווינט צו אים. ס'איז איר באַקוועם אַזוי, עס בלייבט איר איבער צייט און ענערגיע פאַר איר קינסטלערישער טעטיקייט.

ווער ווייסט? אפשר נעמט זיך טאַקע איר ראָמאַן מיט הירשקען פון אָט דעם איבערפלוס פון ענערגיע, אָדער פון דער אומצופרידנקייט, וואָס איר האָט פאַר דער גאַנצער צייט זיך נישט איינגעגעבן צו דער־גרונטעווען שלמהס כאַראַקטער. פאַר הירשקען איז די באַציִונג פון בת־שבע צו שלמהן בכלל געווען אַ רעטעניש. ער האָט בשום אופן נישט

געקאָנט פאַרשטיין, מיט וואָס ער אַליין האָט אויסגענומען ביי בת־שבען. ווי אַזוי האָט זי געקאָנט פועלן ביי זיך אים „אויסצוקלייבן״, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט. נישקשה, הירשקע האָט נאָך פאַרמאָגט געגוג שׂכל און איז נאָך נישט געווען אַזוי פאַרבלענדט, ער זאָל איבערשאַצן זיינע פיזישע אָדער זיינע גייסטיקע מעלות. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז אָביעקטיוו גענומען, שטייט שלמה אַ סך העכער פון אים, און ווען שלמה ציט זיך נישט אַליין צוריק, וואָלט הירשקע קיין מאָל נישט געוואָגט זיך צו פאַרמעסטן מיט אים. ער האָט עס געטאָן נאָר דערפאַר, וואָס שלמה אַליין איז אַוועק און ווייל בת־שבע האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער מעג זיכער זיין מיט זיין נצחון.

נאָך אויסטערלישער איז דאָס, וואָס שלמה גופא האָט אויך ביז נישט לאַנג געמיינט, אַז ער איז נישט פעיִק אויף קיין שטורמישער ליבע. ס׳איז אים אַפילו נישט איינגעפאַלן צו זוכן די סיבה, נישט אין זיין אייגענער נאַטור, נישט אין דעם אָביעקט פון זיין ליבע. דאָס הייסט נישט, אַז בת־שבע איז פיזיש אָדער גייסטיק נישט געווען לויט זיין געשמאַק. פאַרקערט: ס׳איז אים שווער געווען זיך פאַרצושטעלן אַן אַנדער מיידל, וואָס זאָל אים געפעלן ווערן מער ווי בת־שבע. אין זיינע אויגן איז זי געווען דער אידעאַל פון אַ פרוי. אָבער דאָך האָט עפּעס וואָס נישט געשטימט.

אין איינעם אַן אָוונט האָט הירשקע מיטגעבראַכט זיין שוועסטער מלכהלע אויף מאַנפאַרנאַס. זי האָט דאָס ערשטע מאָל אויף שלמהן נישט געמאַכט קיין איבעריקס גוטן איינדרוק. ס׳האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גאַנצע חברה בחורים און מיידלעך, גערעדט האָט מען ווי שטענדיק אין קאַפע וועגן אַלץ און וועגן גאָרנישט. אויך דעם אָוונט איז בת־שבע געווען די וואָרטפירערין.

דעם גאַנצן אָוונט איז מלכהלע געזעסן און געשוויגן. מען האָט זיך וויפל מאָל געוואָנדן דווקא צו איר. מען האָט געוואָלט הערן איר מיינונג, נאָר מער ווי אַ „יאָ״, אַן „אפשר״, אַ „קאָן זיין״ אָדער, פאַרקערט, אַ „ניין״ און אַ „איך טראַכט נישט אַזוי״ — האָט מען פון איר גאָרנישט געקאָנט אַרויסקריגן. שווער געווען צו זאָגן צי זי איז בעת מעשׂה געווען אין קאַפע, אָדער ערגעץ אַנדערש ווו.

זי איז שיין? געוויס, זי פֿאַרמאָגט אַ פֿאַסצינירנדיקן, מען קאָן אַפֿילו זאָגן, אַ דעמאָנישן חן. אָבער איר שיינקייט וואַרפֿט זיך נישט אין די אויגן פֿון ערשטן אויגנבליק. מען דאַרף זי לאַנג אָנקוקן. איר חן ווערט בולט דווקא דעמאָלט, ווען זי האַלט אײַן אַ מחיצה צווישן זיך און דעם אַרום. זי ציט צו און שטויסט אָפּ צו גלײַכער צײַט. אַ טיפֿער סוד ווייעט פֿון איר גאַנצן וועזן און אַן אײַנגעבוירענע איידלקייט קוקט אַרויס פֿון איר בליק, שטעקט אין יעדער באַוועגונג, וואָס זי מאַכט.

שלמה האָט זיך מיט איר געטראָפֿן נאָך עטלעכע מאָל, אָבער יעדעס מאָל אין קאָמפּאַניע, ביז זי האָט באַהערשט זײַנע געדאַנקען. רפֿואות ווירקן אויך נישט באַלד ווי מען נעמט זיי. עס גייט אַריבער אַ ביסל צײַט ביז זיי גייען זיך פֿונאַנדער אין בלוט, דערגרייכן צו די נערוון.

מיט דער צײַט האָבן זיי געגומען זיך באַגעגענען נישט אין קאָמפּאַניע. די דאָזיקע באַגעגענישן זענען אויך געווען צופֿעליקע, זיי האָבן זיך קיין מאָל נישט אָפּגעשמועסט, נאָר עס פֿלעגט געשען, אַז ער פֿלעגט גראָד פֿאַרבייגיין אין דער גאַס, וווּ איר ביוראָ געפֿינט זיך, באַלד נאָך דער אַרבעט, אָדער זיי פֿלעגן זיך באַגעגענען אין מעטראָ. זיי זענען ביידע געווען איבערראַשט.

זי איז געווען אַ בלאַסע און אַ צאַרטע, אַזוי צאַרט און שלאַנק, אַז אים האָט זיך געדוכט: אָט־אָט ברעכט זי זיך איבער, אָט־אָט פֿליט זי אַוועק און פֿאַרשווינדט.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס שלמה איז געקומען צו מלכהלען אַהיים. שוין עטלעכע טעג ווי ער האָט זי נישט געזען. מלכהלע איז געלעגן אין בעט. אַ גריפּע. מלכהלע איז אים געווען דאַנקבאַר, וואָס ער איז געקומען זי באַזוכן. ער איז געזעסן לעבן איר בעטל ביי איר אין שלאָפֿצימער און האָט איר עפּעס וואָס דערציילט.

פּלוצלונג האָט ער דערהערט עפּעס אַ באַקאַנט קול אין עסצימער. וווּ האָט ער געהערט אָט דאָס קול?

— ווער איז דאָרטן? אײַער פֿאָטער אפֿשר? — האָט ער געפֿרעגט מלכהלען. שלמה און מלכהלע האָבן זיך געאײַלט, כאָטש ער האָט מיט

אַלע זיינע באַקאַנטע פון מאַנפּאַרנאַס, מיט וועלכע ער איז געווען אַ סך וויניקער נאָענט ווי מיט מלכהלען, זיך געדוצט.

— ניין — האָט זי געענטפערט — מיין פאָטער איז ביי דער אַרבעט. ער קומט צו גיין ערשט אין אָוונט.

— אַ קענטיקע שטים. איך ווייס נישט ווו איך האָב זי געהערט — האָט ער געזאָגט.

— מיר איז אויך באַקאַנט די שטים — האָט זי זיך אָפּגערופן — אָבער אויך איך ווייס נישט ווען זי געהערט.

— פאַר וואָס בייזערט זיך דער ייִד?

— יאָ, ער מאָנט עפּעס פון דער מאַמען, וואָס וויל ער?

זיי האָבן אָפּגעשפּיצט די אויערן און זיי האָבן זיך צוגעהערט צו דעם הייזעריקלעכן קול.

— עס וועט אייך אַזוי גלאַט נישט אָפּגיין. מיינט נישט, אַז איר וועט מיר צווינגען צו ווערן אייער מחותן. ניין, מיך פירט מען נישט ביי דער נאָז. גיט מיר דעם אַדרעס פון אייער זון, שוין אויף אַן אָרט, אַנישט וועל איך גיין אין פּאָליציי, אַנישט וועל איך... איך וואָרן אייך, צום לעצטן מאָל זאָג איך אייך, מיך צווינגט מען נישט...

— איך ווייס שוין — האָט מלכהלע זיך געכאַפּט — דאָס איז דאָך פּנחס, פּנחס שטיין, בת־שבעס טאַטע, דעם אַדרעס וויל ער האָבן. וואָס איז געשען? ווו איז בת־שבע?

באַלד האָט זיך געלאָזט הערן יוכבדס פּאַרווײנט קול:

— וואָס רעדט איר, פּאַניע שטיין? מיין זונס אַדרעס? איך ווייס נישט, איר קאָנט מיר גלויבן. אָבער פאַר וואָס זענט איר אַזוי אויפּ־געגעגט? וואָס האָט אייך מיין זון געטאָן? וואָס דאַרפט איר זיין אַדרעס?

— ס׳וועט אייך אָפּגיין גלאַט, מיינט איר? איר האָט אַ טעות, מאַדאַם, אַ גרויסן טעות. איך וועל גיין אין פּאָליציי.

— וואָס סטראַשעט איר מיך מיט דער פּאָליציי? — האָט יוכבד אויך אויפגעהויבן איר קול — איך האָב נישט מורא. מיין זון איז נישט, חלילה, קיין גנב, מיין זון האָט נישט וואָס זיך צו שרעקן...

— נאָך ערגער פון אַ גנב — האָט פנחס געשריגן און געטופּעט מיט די פיס — אַ גזלן איז ער, אַ באַנדיט...

— וואָס האָט ער אייך געטאָן? — האָט יוכבד געפרעגט.

— וואָס? — האָט פנחס איר נאָכגעקרימט — תמעוואָטע מאַכט איר זיך, ווי איר וואָלט גאָרנישט געוווּסט, נאָך וואָס איך בין צו אייך געקומען.

— איך ווייס אויף אַן אמת נישט.

— מיין טאָכטער האָט ער מיר צוגעזלט.

— מיין זון?

— יאָ.

— ווער האָט עס אייך דערציילט? — האָט זיך יוכבד געחידושט.

— מען האָט מיר שוין דערציילט, געווען ווער עס זאָל עס מיר דערציילן.

— איך האָב אַנדערע דאגות, אַנדערע זאָרגן, ווי זיך צוצוהערן צו רכילותניקעס — האָט יוכבד גענומען וויינען.

מלכהלע האָט אָנגעקוקט שלמהן, גלייך ווי זי וואָלט זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל עפּעס טאָן.

שלמה האָט אויפגעמאַכט די טיר, און דער ערשטער דיאַלאָג צווישן אים און ר׳ פנחסן איז געווען אַ שטומער, אַ דיאַלאָג, וואָס אין ווערטער וואָלט ער מסתמא אויסגעזען אַזוי:

פנחס: דאָס זענט איר?

שלמה: געוויס בין איך דאָס.

פנחס: שלמה פינקעלשטיין?

שלמה: שלמה פינקעלשטיין.

פנחס: דעם גאָלדשמידס זון?

שלמה: דעם גאָלדשמידס זון.

פנחס: ווייסט איר דאָך אַוודאי ווו מיין טאָכטער איז.

שלמה: פון וואַנען זאָל איך וויסן?

פנחס: איך וויל וויסן ווו מיין טאָכטער געפינט זיך.

שלמה: בין איך דען דער היטער פון אייער טאָכטער? גייט און זוכט זי.

פנחס: ווו זאָל איך זי זוכן?

שלמה: ווייס איך?

— מען האָט מיר געזאָגט דורכן טעלעפאָן — איז פנחס ענדלעך אַרויס מיטן קול — אַז זי איז אַוועק מיט...

הירשקעס נאָמען האָט פנחס זיך געקווענקלט אַרויסצורעדן. ווייל אויב דאָס אַלץ איז נישט אמת, טאָ פאַר וואָס זאָל ער איינרייסן מיט שלמהן. און אפשר איז שלמה פינקעלשטיין אויך געקומען זיך באַקלאָגן אויף הירשקען?

אָבער שלמה האָט זיך גאָר באַמיט רייניצוואַשן הירשקעס מאַמע.

— פרוי גראָסמאַן ווייסט נישט ווו איר זון וווינט. זי ווייסט נישט ווו בת־שבע וווינט. איר מעגט גלייבן, הער שטיין, איך אַליין ווייס אויך נישט ווו זיי וווינען.

ער האָט תיכף חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך אַרויסגערעדט, פאַר וואָס האָט ער געזאָגט „זיי״?

— גוט! — האָט פנחס אַ געשריי געטאָן — ווייס איך שוין אויב אַזוי, וואָס איך האָב צו טאָן.

פנחס איז צו דער פאָליציי, פאַרשטייט זיך, נישט געגאַנגען, וואָרעם וואָס וואָלט זי אים געקאָנט העלפן? בת־שבע איז פּוליאַריק. זי קאָן לעבן מיט וועמען זי וויל לויט די פראַנצויזישע געזעצן. גוטע־פריינד האָבן אים געגעבן אַן אַנדערע עצה: עס זענען פאַראַן פריוואַטע דעטעקטיוון. זיי וועלן שוין אויסגעפינען, ווו דאָס פאַרפאַלק וווינט.

אָבער איידער דער דעטעקטיוו האָט זיך גענומען צו זיין אַרבעט, איז שלמה געלאָפן זיי אָנזאָגן, זיי דערציילן די סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגע־שפּילט ביי הירשקען אין שטוב. ער האָט זיי געראָטן, אַז טאָמער ווילן זיי טאַקע זיך נישט באַגעגענען מיט פנחסן, לוינט בעסער זיי זאָלן שוין זיך אָפּטראָגן אין אַן אַנדער קוואַרטאַל, כאָטש דאָס איז אויך נישט קיין

אויסוועג, וואָרעם דער דעטעקטיוו וועט זייער נייעם אַדרעס פּונקט אַזוי אויסגעפינען ווי דעם איצטיקן, וואָס ער קען אויך נישט.

אָבער נישט בת־שבע, נישט הירשקע, האָבן געוואָלט בייטן זייער אַדרעס. ס׳איז זיי נישט אָנגעשטאַנען זיך צו שפּילן אין באַהעלטעניש. זאָל ער קומען, זאָל ער זיך אויסטענהן מיט זיין טאָכטער. וואָס שייך הירשקען, האָט ער בכלל נישט קיין חשק זיך אַריינצולאָזן אין אַ וויכוח מיט איר טאַטן. ער קען אים קוים און ווייסט נישט, וואָס ער וויל פון אים האָבן. זיין טאָכטער, אויב זי וויל זיך דורכשמועסן מיט איר טאַטן, זאָל זי. אָבער ער, אַ ווילד־פרעמדער מענטש, וואָס גייט עס אים אָן?

ס׳איז געוואָרן באַשלאָסן, אַז ס׳איז גאָרנישט געשען, און אַז ס׳וועט אויך ווייטער גאָרנישט געשען. זאָל שלמה זיך נישט מאַכן קיין אומזיסטע זאָרגן.

## קאַפּיטל 28

הירשקע איז געקומען צו לויפן מיט אַ נייעס צו זיין מאַמען: ער איז געוואָרן אַ מאָלער. ער מאָלט גאַסן, ביימער, אַלץ, וואָס ער זעט אין דער נאַטור. פּייזאַזשן מאָלט ער, ער מאָלט אויך מענטשן. און אויב עס וועט אים געלינגען צו פאַרקויפן זיינע בילדער, וועט ער אפשר אין גאַנצן פאַרוואַרפן זיין שטעפּעריי און ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער מאָלער. צי וועט ער אָבער, פרעגט זיך יוכבד, געווינען פאַרדינען פון זיין נייער אַרבעט? און וואָלט ער נישט גלייך אַנטלאָפן, וואָלט זי אים אפשר געזאָגט: — גוט, אויף ברויט וועסטו פאַרדינען, אָבער צום ברויט דאַרף מען דאָך האָבן נאָך עפּעס וואָס. מען דאַרף זיך אָנטאָן. פאַריז איז דאָך נישט פּשעטיני און מען קאָן נישט אָבי ווי. חוץ דעם איז ער דאָך אַ גוטער זון און ביז איצט האָט ער אונטערגעהאָלפן אין שטוב. אַ העלפט פון דעם גאַנצן עול האָט ער אויף זיך געטראָגן, קיין עין־הרע אַ שטוב מיט קינדער און נישט אַלע פאַרדינען, וואָס? אויף איר מאַן קאָן זי זיך פאַרלאָזן? אַ שלימזל איז ער פריִער געווען, אַ שלימזל איז ער פאַרבליבן, אויב אַפילו ער איז איצט שוין נישט אַזאַ גזלן ווי אַ מאָל.

אָבער וועגן יאָסלען האָט יוכבד צייט צו טראַכטן אַן אַנדערש מאָל. איבעריקנס, האָט זי שוין וועגן אים אַלץ דורכגעטראַכט. סוף־כּל־סוף — פינף קינדער האָט זי געהאַט מיט אים, זענען זיי אַלע גאָט צו דאַנקען געראָטענע, איינער מער ווי דער צווייטער, לייטישע פּעיִקע קינדער, גלייך ווי זיי וואָלטן געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין אַ רייכער, באַלעבאַ־טישער פאַמיליע, ווי צום ביישפּיל ביי ר׳ פּנחס שטיין.

האָט זי זיך, למשל, געקאָנט פאָרשטעלן, אַז הירשעלע, איר עלטסטער זון, וועט פּלוצלינג גאָר ווערן אַ מאָלער? אמת, שטענדיק פלעגט ער ליב האָבן צו מאָלן, אָבער ווען נישט פּנחסעס טאָכטער, ווען נישט בת־שבע,

וואָלט ער דען געקאָנט זיך דערלויבן אויף אַזעלכע שפּילערייען? מילא, זי האָט אַ רייכן טאַטן, גיט ער נאָך אַלע קאַפּריזן. ווילסט שטודירן, שטודיר, ווילסטו מאָלן, פאַר וואָס נישט? אָבער הירשקע?

אָט דאָס איז דאָך די מעשה, טראַכט יוכבד ווייטער, דאָס האָט אים בת־שבע אַריינגעגעבן דעם געדאַנק צו מאָלן, ער זאָל נישט אָפּשטיין פון איר. וואָס הייסט אָבער אָפּשטיין? וואָס פאַר אַ מחותן איז הירשקע מיט בת־שבען?

ביי יוכבדן פאַרפּלאָנטערן זיך די געדאַנקען, איז דען מעגלעך? זי האָט מורא גאָר צו טראַכטן ווייטער. וואָרעם ווער איז זי, יוכבד, און ווער איז ר׳ פּנחס? ווי אַזוי קאָן זי זיך מיט אים פאַרגלייכן? אמת, הירשקע האָט זיך נישט וואָס צו שעמען פאַר בת־שבען, כאָטש ער האָט נישט שטודירט, כאָטש זיין מאַמע איז נישט אַזאַ יחסנטע. נאָר וואָס פאַלט איר איין?

צוריק געטראַכט, וואָס פאַר אַן עוולה איז ער דען באַגאַנגען? אַ בחור האָט זיך באַקענט מיט אַ מיידל און זיי געפעלן זיך. ליבע פרעגט נישט קיין קשיות, און יחוס איז היינטיקע צייטן נאָך נישט אַלץ.

אָבער, מישט זיך אַריין אַ נייער געדאַנק אין דעם וויכוח, וואָס זי פירט מיט זיך אַליין. מען גייט נישט וווינען מיט אַ מיידל פאַר דער חופה. זי האָט אַ טאַטן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. איז טאַקע נישט קיין וווּנדער, וואָס ער איז אויסער זיך.

אָבער וואָס קומט ער אַהער שרייען? וואָס גייט ער נישט שרייען אויף זיין טאָכטער? האָט דאָך הירשקע נישט פאַרשלעפּט זיין בת־שבע מיט געוואַלד. זי האָט מסתמא געוווּסט, אַז איר טאַטע וועט קיין מאָל נישט מסכים זיין צו אַזאַ שידוך.

אָבער איצט, ווי אַזוי פּלאָנטערט מען זיך אַרויס פון דעם גאַנצן עסק? נישטאָ קיין אויסוועג, סיידן זיי זאָלן זיך פונאַנדערגיין... וועט אָבער איר טאַטע זיין צופרידן אויב זיי וועלן זיך פונאַנדערגיין נאָך דעם, ווי זיי האָבן שוין עטלעכע וואָכן געוווינט צוזאַמען? עס שטייט אים נישט אָן דער שידוך? וויל ער גאָר וויסן — שטייט איר, יוכבד, נישט אָן דער שידוך. אַ מיידל, וואָס גייט וווינען מיט אַ בחור פאַר דער

חתונה, איז נישט אַזאַ צנועה. אויב טענות, דאַרף גאָר יוכבד האָבן טענות צו איר, צו בת־שבען, און אויך צו אים, צו איר טאַטן. פאַר וואָס האָט ער אויף איר נישט אַכטונג געגעבן? פאַר וואָס האָט ער זי צעבאַלעוועט? פאַר וואָס האָט ער נאָכגעגעבן אַלע אירע קאַפּריזן? איצט קומט ער נאָך מיט טענות.

אַלץ פאַרפּלאָנטערט זיך אין איר מוח. זי קאָן זיך נישט צופּאַסן צום היגן לעבן. כאָטש זי וווינט שוין מער ווי אַכט יאָר אין פּאַריז, שטעקט זי נאָך מיט אַלע אירע געדאַנקען דאָרטן, אין פּשעטיני, אין פּוילן. אין דער צייט אָבער זענען די קינדער אונטערגעוואַקסן, קיין עין־הרע זאָל זיי נישט שאַטן. זיי ווערן גרעסער און וואַקסן אַלץ מער אַריין אין פּאַריז. קינדער לעבן נישט מיט דער פאַרגאַנגענהייט, ווי די דערוואַקסענע, וואָס אַלץ איז ביי זיי פאַרגאַנגענהייט.

יוכבד שטעלט זיך אָפּ אין געדאַנק ביי ביילקען.

צען יאָר איז ביילקע אַלט געווען, ווען זי איז געקומען אַהער. וואָס איז איר פאַרבליבן אין זכרון פון פּוילן? אַזוי גוט ווי גאָרנישט. היינט פאַרענדיקט זי שוין די שול. געוויס רעדט זי נאָך אין שטוב יידיש, וואָרעם נישט יוכבד, נישט יאָסל, קאָנען רעדן פראַנצויזיש. חוץ אַ פּאָר ווערטער, פאַרשטייט זיך.

און וואָס פעלט שעפּסלען? אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן אַזאַ קעפּל. אַכט יאָר איז ער אַלט געווען ווען ער איז געקומען אַהער, האָט ער נאָך נישט געקאָנט פאַרגעסן צו רעדן יידיש. ביז דער בר־מצווה זיינער האָט ער געדאַוונט אַלע טאָג, האָט געלייענט קריאַת־שמע פאַרן שלאָפן גיין, געטראָגן אַן אַרבע־כנפות. אַ נחת איז געווען צו קוקן אויף אים. ער האָט פון קיינעם נישט געלאָזט זיך אַראָפּפירן פון גראָדן וועג.. די סעקרעטאַן־שול האָט געהאַט אויף אים די בעסטע ווירקונג. אָבער נאָך דעם, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו גיין אין אַ פראַנצויזישן ליצײ, האָט ער אַלץ פאַרגעסן.

יוכבד האָט פון אָנהייב נאָך געפּרוווט אים בעטן לייגן תפילין. האָט ער אָבער געדאַרפט — בפרט אין די ווינטערטעג — אויפשטיין מיט טאָג צוגלייך, באַגינען. וועט ער דאָך נישט צוליב לייגן תפילין פאַרשפּעטיקן

אין קלאַס אַריין. נאָר אויב מען גייט שבת אין ליציי און מען שרייבט אום שבת, וואָס פאַרא ווערט און וואָס פאַר אַ טעם קאָן שוין האָבן דאָס לייגן תפילין? איז זי טאַקע מער נישט צוגעשטאַנען צו אים. זי האָט געוווסט, אַז זי פאַרזינדיקט זיך פאַר גאָט, זי האָט אָבער רחמנות געהאַט אויף אים און האָט זיך געטראַכט: ביז שפעט אין דער נאַכט אַריין לערנט ער זיך, חזרט איבער זיינע לעקציעס, טאָ זאָל ער בלייבן אין בעט נאָך אַ צען, נאָך אַ פינף מינוט. נישקשה, דער רבונו־של־עולם ווייסט אַליין אויך, אַז אין פאַריז איז שווער צו זיין אַ ייד. ס'איז נישט פשעטיני, למשל. גאָט ברוך הוא דאַרף האָבן איינזען. אויף יעדן פאַל, אויב געשטראָפט ווערן, נעמט זי אויף זיך די שטראָף...

יאָ, זי האָט זיך געפילט שולדיק, איר האַרץ איז פול געוואָרן מיט אומרו און מיט שרעק. ס'האָט איר פאַרדראָסן, וואָס שעפּסעלע איז נישט געבוירן געוואָרן קיין מיידל. וואָרעם אַ מיידל דאַרף דאָך נישט טראָגן אויף זיך אַזאַ שווערן עול פון יידישקייט. הירשקע, דוכט זיך יוכבדן, ווייסט אַלץ, פאַרשטייט אַלץ, איז אויף אַלץ אַ מבין, דאָ אָבער איז ער אומגערעכט. ער זאָגט, אַז דער גורל פון אַ יידישער פרוי איז זייער אַ שווערער, זי האָט אַ גרעסערן יאָך צו טראָגן אויף די פּלייצעס ווי דער מאַן.

נאָך שעפּסעלען קומט מלכהלע. מער ווי זעקס קלאַסן גימנאַזיע האָט זי נישט פאַרענדיקט. זי איז נעבעך געווען קראַנק. אַ יאָר צייט איז זי געלעגן אין בעט. דערנאָך האָט מען זי אַריינגענומען אין אַ סאַנאַטאָריע אין די בערג. מיט איר האָט יוכבד נישט געהאַט קיין מזל. אָבער איצט דוכט זיך איר — זי ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס — אַז מלכהלע איז דאָס סאַמע בעסטע קינד ביי איר. זי איז נאָך מער געראָטן ווי די אַנדערע קינדער. האָט זי זי טאַקע אַזוי ליב, אפשר נאָך מער ווי די אַנדערע קינדער אירע... זי איז אַזאַ בלאַסע, אַזאַ צאַרטע. ווי נאָר וואָס, פאַרקילט זי זיך, הוסט, זי האָט צו טאָן מיט די לונגען. וואָס פאַר אַ וווּנדער? ביז דאָ נישט לאַנג האָט מען דאָך געוווינט אין אַ פייכטער קעלער־שטוב. ערשט מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק האָט מען זיך אַריבער־געצויגן אין אַן אַנדער דירה. וויפל געזונט האָט איר געקאָסט, וויפל

אנשטרענגונגען ביז מען האָט געפונען די פיר־צימער־וווינונג, טאַקע אין דעם זעלביקן הויף.

אָרעמע מלכהלע! זי מוז גיין פּאַרדינען. זי וויל נישט ליגן אויף טאַטע־מאַמעס קאַרק. האָט זי זיך אויסגעלערנט שרייבן אויף אַ מאַשינקע און איז געוואָרן אַ סעקרעטאַרשע אין אַ פראַנצויזישער פירמע. אָבער וואָס וועט זיין מיט מלכהלעס געזונט? פאַר וואָס איז זי אַזוי בלאַס און אַזוי מאָגער?

מלכהלע זאָגט, אַז זי פילט זיך גוט, זי איז נישט מער קראַנק און דאָס, וואָס זי איז שלאַנק, איז נישט קיין חסרון, נאָר פאַרקערט, אַ מעלה. זי זעט אויס ווי אַן עכטע פּאַריזערין. זאָל די מאַמעשי זיך נישט זאָרגן. דעם דירעקטאָרס זון וואָס האַלט איצט ביים פאַרענדיקן זיין מעדיצין־שטודיום, געפעלט זי אַזוי אויך; זאָל זי נאָר וועלן, וואָלט זי געקאָנט מיט אים חתונה האָבן כאָטש היינט... מלכהלע האָט יענעם טאָג דערציילט איר מאַמען, אַז דעם דירעקטאָרס זון, אַלבערט, איז פאַרליבט אין איר.

— איז ער אַ ייד? — האָט יוכבד אַ פרעג געטאָן און האָט גלייך חרטה געהאַט אויף איר פראַגע. אפשר האָט זי זיך געשראָקן פאַר איר טאָכטערס ענטפער.

— ניין, נישט קיין ייד — האָט מלכהלע געענטפערט און האָט באַלד צוגעגעבן — אָבער נישט דערפאַר געפעלט ער מיר נישט.

— נאָר פאַר וואָס געפעלט ער דיר נישט? — האָט יוכבד געפרעגט.

— איך ווייס אַליין נישט פאַר וואָס ער געפעלט מיר נישט... דערווייל...

דאָס לעצטע וואָרט האָט יוכבדן אַ שטאָך געטאָן ווי אַ שפּיז ממש. „דערווייל" האָט מלכהלע געזאָגט. הייסט דאָס, אַז עס קאָן נאָך עפּעס ווערן. וועט מלכהלע זיך באַשליסן חתונה צו האָבן מיט נישט קיין יידישן בחור?

אויף דער פראַגע האָט יוכבד מורא געהאַט צו ענטפערן. געוווּסט האָט זי, אַז די צייטן זענען היינט אַנדערע ווי אַ מאָל, יידישע מיידלעך קומען זיך צונויף מיט נישט־יידישע בחורים, מען מאַכט נישט מער קיין אונטערשייד צווישן ייד און נישט־ייד. זי זעט דען נישט, וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט? שווייגט זי. דאָס האַרץ אָבער וויינט אין איר.

זי איז דאָך אַ יידישע מאַמע. דער דאָזיקער שמועס צווישן איר און מלכהלען איז פֿאַרגעקומען מיט עטלעכע חדשים צוריק.

און דאָך איז יוכבד גליקלעך מיט אירע קינדער. פֿון פֿערעלען שעפּט זי גאָר פֿולע הויפֿנס נחת. פֿון איר, פֿון איר מאַן און פֿון אירע צוויי שיינע קינדערלעך.

יוכבד איז אַ באָבע. טראַכט זי פֿון אירע אייניקלעך, גייט איר ממש דאָס האַרץ אַריבער און טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן. אַזאַ פֿרייד, ווי זי האָט פֿון איר טאָכטער, קאָן נאָר אויסגעדריקט ווערן דורך טרערן, נישט אומזיסט איז פֿערעלע דאָס ליבסטע קינד... יוכבד כאַפּט זיך, אַז יעדעס קינד, וואָס קומט איר אַרויף אויפֿן געדאַנק, מיינט זי, אַז עס איז דאָס ליבסטע.

אָבער היינט טראַכט זי דער עיקר וועגן הירשקען — און פֿאַר איין וועגס טאַקע אויך וועגן בת־שבען.

כ׳לעבן, עס וואָלט גאָרנישט געווען קיין שלעכט פּאָרל. יוכבד האָט זיך שוין עטלעכע מאָל געטראָפֿן מיט בת־שבען. הירשקע האָט זי געבראַכט צו פֿירן צו איר. ווי חתן־כלה האָבן זיי זיך אָנגעקוקט. מען האָט געזעז, אַז זי איז פֿאַרליבט אין אים און ער אין איר. אַזוי קוקט זיך אָן נאָר אַ פֿאַרליבט פּאָרל. איז אָבער אַ צרה. איר טאַטע דער יחסן וועט נישט מסכים זיין אויפֿן שידוך. ער האָט דאָך געמאַכט דעם סקאַנדאַל דאָ אין שטוב, די געשרייען. די סטראַשונקעס, גלייך ווי זי, יוכבד, וואָלט געווען די גאַנצע שולדיקע. אין דער אמתן ווייסט זי דאָך נישט פֿון וואָס צו זאָגן. ער האָט דען געפֿרעגט, הירשקע? ער האָט זיך מיט איר געהאַלטן אַן עצה?

— העלף מיר, רבונו־של־עולם! — ווענדט זיך יוכבד אין איר צער צו גאָט — העלף מיר אין מיין נויט! דו ווייסט דאָך, גאָטעניו, וואָס פֿאַר אַ וויל קינד הירשקע איז, וואָס פֿאַר אַ גוטער, געטרייער זון ער איז.

## קאַפּיטל 29

פּאַריז איז נאָך פּאַר היטלערס קומען צו דער מאַכט געווען פול מיט עמיגראַנטן פון דער גאַנצער וועלט. צענדליקער שפּראַכן זענען גערעדט געוואָרן אויף די בולוואַרן, אין די האָטעלן און אין די צאָלרייכע קאַווער־יאַרניעס און רעסטאָראַנען. אָבער נאָך דעם ווי דער היטלער־אוראַגאַן האָט זיך צעבושעוועט אויף יענער זייט ריין, איז פּאַריז געוואָרן אַ מין קעסלגרוב.

אָט זיצט אין אַ קאַפע אַ גרופּע ווייסגוואַרדייער, רעשטלעך פון דעניקינס, קאָלטשאַקס און יודעניטשעס אַרמייען, פּולקאָווניקעס, אָפיצירן. און מען רעדט, מען אָמפּערט זיך נאָך אַלץ וועגן פאַרגאַנגענע נצחונות און מפּלות. אין אַ צווייטער קאַפע, טאַקע אַ טיר לעבן אַ טיר, האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ פּאָר צענדליק אַנטיפאַשיסטן פון איטאַליע; זיי היצן זיך, שרייען איבער איינער דעם צווייטן, ליאַרמען און ס'איז דאָ וועגן וואָס: מוסאָליני האָט באַוויזן אַנצושטעקן אַ צווייט לאַנד און האָט אַזוי אַרום באַקומען אַ נייעם פאַרבינדעטן. די האָפענונג זיך אומצוקערן אין זייער אַלטער היים איז בלאַסער געוואָרן.

די יידישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד האָבן זייער אייגענע געזעלשאַפט; זיי טרעפן זיך מיט זייערע לאַנדסלייט, וואָס האָבן זיך פּונקט ווי זיי געראַטעוועט פון די אוקראַיִנישע פּאָגראָמען, זיי האָבן אויך געגרינדעט אַ פאַראיין, נאָר אָן אָפיצירן און אָן אַ פאָן.

עס טרעפט, אַז אין ערשטן עמיגראַנטן־דור מישן זיך אויס די יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן, ווי דאָס איז צום ביישפּיל געשען מיט דער פאַמיליע פּאָפּאָווסקי, וואָס האָט זיך משדך געווען מיט דער פאַמיליע גראָסמאַן און ווי דאָס געשעט אויך מיט אַ סך אַנדערע עמיגראַנטן־משפּחות אין פּאַריז.

פאַראַן נאָך עמיגראַציע־שיכטן אין פּאַריז ווו מען טרעפט נישט קיין יידן. דערפאַר אָבער זענען פינף און ניינציק פּראָצענט פּליטים פון היטלער־דייטשלאַנד יידן און די פינף איבעריקע פּראָצענט טיילן זיך נישט אויס פון דער אַלגעמיינער מאַסע, וואָס האַלט אין איין וואַקסן.

אַ נייער מעכטיקער פּליטים־שטראָם האָט זיך אַריינגעגאָסן אין דעם עמיגראַנטישן ים. שווער אָבער קומט אָן די נייע וואַסערן זיך אויסצומישן מיט דעם דאָזיקן ים. זענען דאָך די דייטשיש־יידישע פּליטים כמעט אַלע אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן דאָס רוב מיטגעבראַכט זייערע אַלטע פאָראורטיילן וואָס שייך דער יידישער שפּראַך. זיי האָבן פון דער יידישער קולטור קיין שום אַנונג נישט. זיי באַציִען זיך מיט ביטול און פאַראַכטונג צו די יידישע עמיגראַנטן פון אַנדערע לענדער, צו די שניידערס, שוסטערס און אַנדערע באַלמעלאָכעס אָדער פאַבריק־אַרבעטער.

פון דעסטוועגן טרעפט, אַז דער אָדער יענער דייטשישער ייד געפינט אַ געוויסן חן דווקא אין יידיש. דער עיקר געפעלט אים די יידישע סאָלידאַריטעט, וואָס מען טראָגט אים אַנטקעגן פון אַלע זייטן.

אַזוי אַרום זענען צענדליקער דייטשיש־יידישע פּליטים געוואָרן בני־בית אין אַנדערע יידישע עמיגראַנטישע משפחות, אין עמיגראַנטישע אינסטיטוציעס, ווי „אָרט", „אָזע" און אַנדערע הילף־אָרגאַניזאַציעס.

אייניקע פון זיי טראַכטן אַפילו פאָרן זיך באַזעצן קיין ארץ־ישׂראל. אמת, ציוניסטן זענען זיי קיין מאָל נישט געווען און זענען עס היינט אויך נישט, אָבער ארץ־ישׂראל איז דאָס לאַנד פון דעם אַלטן יידישן תנ"ך. ווי אַסימילירט זיי זאָלן נישט זיין, ווייסן זיי, אַז עס האָט דאָרט אַ מאָל געלעבט אַ קעניג דוד, אַ קעניג שלמה. עס האָבן דאָרט געלעבט גרויסע נביאים, וואָס האָבן משפיע געווען מיט זייער יידישן גייסט אויך אויף אַנדערע פעלקער.

זיצט אַ גאַנצע גרופּע אין דער מאָנפּאַרנאַסער קאַוויאַרניע „לאַ קופּאָל". מען דיסקוטירט און מען אַמפּערט זיך איבער דעם, וואָס איז געשען און איבער דעם, וואָס קאָן נאָך געשען.

צען קאַפע־טישלעך זענען קנאַפּ פאַר דער דאָזיקער גרויסער קאָמפּאַ־

ניע, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבן, כמעט צופעליק, קאָן מען זאָגן, ווייל מען האָט זיך נישט אָפּגערעדט אויף קלאָר, אַז מען וועט זיך טרעפן אויף מאָנ־פּאַרנאַס דעם און דעם טאָג, אין דער און דער שעה, כדי צו כאַפּן אַ שמועס. דייטשישע יידן זענען דאָס מאָל געווען דער מיטלפונקט פון דער געזעלשאַפט אין „קופּאָל". זיי האָבן זיך גאַרנישט געריכט אויף דעם, אַז זיי וועלן דאַרפן זיך באַגעגענען מיט די מזרח־אייראָפּעיִשע יידישע עמיגראַנטן.

צופעליק זענען גראָסמאַנס קינדער — רייזעלע און איר מאַן, הירשקע און זיין יונג ווייבל בת־שבע, מלכהלע און שלמה פינקעלשטיין, פּערעלע און איר מאַן, ווי אויך דער גאַנצער יינגערער שבט שטיין, אפרים, דער בכור און זיין פרוי, שׂרהלע־סאָניע און איר מאַן, רבקהלע מיט איר מאַן און אַלע איבעריקע — זיך צונויפגעקומען דעם שבת צו נאַכטס סוף יאָר 1933 אין דער קאַוויאַרניע „לאַ קופּאָל" אויף מאָנפּאַרנאַס.

די דייטשיש־יידישע פּליטים זענען, הייסט עס, אויף אַ נאַטירלעכן אופן באַלאַגערט געוואָרן פון אַלע זייטן, און ווילנדיק נישט ווילנדיק — זיך געפונען אין מיטלפונקט פון דער אָדער יענער גרופּע שטיין צי גראָסמאַן.

## קאַפּיטל 30

האַנס בוימאַן איז ביז צו דער רייכסטאַג־שׂרפה געווען פּראָפעסאָר פון דייטשישער געשיכטע אויפן בערלינער אוניווערסיטעט, כאָטש ער זעט אויס צו זיין נאָך גאָר יונג, נישט מער ווי פינף אָדער זעקס און דרייסיק יאָר. איצט פאַרדריסט אים אפשר, וואָס ער האָט זיך געהאַט אָפּגעגעבן מיט געשיכטע, אין וועלכער עס האָט זיך געקאָנט אַריינכאַפּן אַזאַ היטלער, אַ געשיכטע, וואָס האָט אים חרוב געמאַכט דאָס לעבן.

האַנס בוימאַן געהערט אָבער נישט צו יענער קאַטעגאָריע דייטשישע יידן, וואָס חוץ דער דייטשישער געשיכטע גייט זיי גאָרנישט אָן, דייטשישע געשיכטע איז זיין פאַך, זיין באַרוף, אָבער ער פאַרמאָגט אויך צום גליק זיין פּריוואַט־לעבן. ער איז אַ מעלאָמאַן און מוזיק האָט ער ליבער ווי אַלץ אין דער וועלט.

ער האָט געהאַט אַ כּלה אַ פידלערין; זי האָט געשפּילט אין דעם בערלינער פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער. מיט צוויי יאָר צוריק איז עלזאַ שעין — אַזוי האָט זי געהייסן — געשטאָרבן פון אַ לונגען־קראַנקייט, אין אַ סאַנאַ־טאָריע, נאָך איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט — עפּעס ווי גאָר אין אַ זייט פון דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון די געשעענישן אין דער אוניווער־סאַלער געשיכטע.

פון דעמאָלט אָן האָט פּאַר פּראָפעסאָר האַנס בוימאַן בכלל זיך אויפ־געהערט צו דרייען דאָס ראָד פון דער געשיכטע; ער האָט זיין כּלה זייער ליב געהאַט.

און פּלוצלינג האָט די געשיכטע, וואָס ער איז געווען איר פּראָפעסאָר און אויסטייטשער אויפן בערלינער אוניווערסיטעט, אים פאַרוואָרפן קיין פּאַריז, אין קאַפע „קופּאָל״, לעבן אַ גרופּע מזרח־יידן, וואָס רעדן צווישן זיך יידיש. שטיקלעך און ברעקלעך פון זייער לשון פאַרשטייט ער, אויב

ער שטרענגט זיך גוט אָן און באַווייזט זיך אָנצוכאַפּן אָן אירע אַלטע „מיטל־האָך דייטשישע" ווערצלען.

מיט אים אָבער רעדן זיי פראַנצויזיש, אַ לשון, וואָס איז אים מער געלויפיק, כאָטש די קרובהשאַפט פון פראַנצויזיש צו דייטש איז אַ סך אַ ווייטערע. דאָך וואָלט ער געוואָלט מיט זיי זיך פאַרשטענדיקן דווקא אין יידיש. ער וואָלט וועלן יידיש זאָל אים נישט זיין אַזוי פרעמד; ער גופא פילט זיך אַלץ מער און מער ייד.

פּראָפעסאָר האַנס בוימאַן האָט זיך דערמאָנט אין עלזאַן. זי האָט געהאַט אַ טיפּיש יידישן אויסזען. אַ שוואַרץ־חנעוודיקע איז זי געווען, מיט גרויסע שוואַרצע, אומעטיקע אויגן. געוויס האָט איר אומעט זיך קיין מאָל נישט פאַררופן אויף די ליידן פונעם יידישן פאָלק, מיט וועלכן זי האָט נישט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג, נישט עמאָציאָנעל, נישט געדאַנקלעך, ווארעם געשטאַמט האָט זי פון אַן אַסימילירטער משפחה. איר אומעט איז אָבער פאַרט געווען אַ יידישער, מסתמא דערפאַר, ווייל איר פּנים איז געווען אַ יידישס.

זיצט איצט דער געשיכטע־פּראָפעסאָר האַנס בוימאַן אַרומגערינגלט פון אַ גרופּע יונגע מזרח־איראָפּעיִשע יידן; זיי באַמיִען זיך אַריינצוציִען אים אין אַ שמועס, פון וואַנען ווייסן זיי, אַז ער איז אַ ייד? געוויס פאַרמאָגט ער אויך יידישע שטריכן, כאָטש נישט אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע, אַז מען זאָל אויפן ערשטן בליק קאָנען דערקענען זיין יידישקייט. אויף עלזאַן איז געווען אַ קוק צו טאָן, און מען זאָל תיכף דערזען, אַז זי איז אַ יידישע. איר וואָלט געפּאַסט צו רעדן יידיש.

אַנטקעגן פּראָפעסאָר האַנס בוימאַן זיצט אַ מיידל, וואָס דערמאָנט אים מיט איר אויסזען זיין פאַרשטאָרבענע כלה עלזאַ שעין. ווער איז זי? ווי הייסט זי? דערוויסנדיק זיך איר נאָמען, וועט ער פאַר אַיין וועגס אפשר אויך פאַרשטיין, אין וואָס עס באַשטייט די ענלעכקייט צווישן איר און זיין פאַרשטאָרבענער כלה, די פידלערין עלזאַ שעין — אין די שטריכן פון פּנים, אין דעם אויסדרוק פון די אויגן אָדער אין דעם קנייטש פון אירע ליפּן. יאָ, ער דאַרף ווסן ווי זי הייסט.

און פּראָפעסאָר האַנס בוימאַן שטעלט זיך אויף, פאַרנייגט זיך אַ ביסל צערעמאָניעל און גיט אַ זאָג, ווי ציילנדיק אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, מיינע דאַמען און הערן, איר וועט מיר אַנטאָן דעם כבוד צו זאָגן מיט וועמען איך האָב דאָס פאַרגעניגן צו רעדן. איך הייס האַנס בוימאַן.

ער האָט אויסגעשטרעקט פאַמעלעך די האַנט, ווי ער וואָלט זיך גע־קווענקלט, אין וועלכער ריכטונג ער זאָל זי לאָזן, וועמען ער זאָל פריִער דריקן די האַנט. געוואָלט האָט ער קודם־כל זיך באַקענען מיט דער פרוי, וואָס איז געווען ענלעך צו זיין פריצייטיק פאַרשטאָרבענער כלה, אָבער דאָס האָט זיך נישט זייער געפּאַסט. זי איז געזעסן ביי דעם דריטן טישל. האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צו זיין נאָענטסטן שכן.

זיינע שכנים האָבן זיך אָנגעקוקט: אַלע דייטשישע יידן זענען אַזוי, האָבן זיי זיך געטראַכט. צערעמאָניעל, שטייף און העפלעך. אַפילו אין גלות פאַרלירן זיי נישט זייערע מאַנירן.

קיין גרויסער חסרון איז עס נישט, פאַרקערט, די נייגעריקייט ווערט דורך דעם גרעסער. אויך זיינע שכנים זענען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער, אַפילו די פרויען, וואָס דאָס איז נישט אָנגענומען אין אַ גוטער געזעל־שאַפט, און האָבן זיך פאָרגעשטעלט פאַר האַנס בוימאַן, איינער נאָך דעם אַנדערן.

— און איך הייס בעלאַ גראָסמאַן — האָטביילקע געזאָגט.

— זייער אָנגענעם! — האָט בוימאַן געענטפערט, אפשר אַ ביסל מיט מער באַטאָנונג אין קול, מער פערזענלעך, ווי בעת ער האָט געהאַט געדריקט די הענט פון די איבעריקע בייע באַקאַנטע זיינע. אַזוי האָט זיך אים ווייניק־סטנס געדוכט.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שמועס צווישן פּראָפעסאָר בוימאַן און זיינע טיש־שכנים.

— וועט נישט זיין אומדיסקרעט — האָט הירשקע אָנגעהויבן — צו פרעגן אייך, הער בוימאַן, אין וועלכער שטאָט אין דייטשלאַנד איר האָט געוווינט?

— אדרבה! — האָט בוימאַן געענטפערט — די לעצטע יאָרן האָב איך געוווינט אין בערלין.

— זייט איר נישט קיין געבוירענער אין בערלין גופא?

— ניין, געבוירן בין איך אין קעניגסבערג, אין פּרייסן.

— און אין בערלין?

— מיט פינף יאָר צוריק בין איך נאָמינירט געוואָרן ווי אַ פּראָפעסאָר פון געשיכטע אויפן בערלינער אוניווערסיטעט.

— פון געשיכטע? — האָט בת־שבע זיך געחידושט, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען ווער ווייסט וואָס פאַר אַן אויפטו.

— פאַר וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי... פרײַלין...

— מאַדאַם! — האָט הירשקע אויסגעבעסערט.

— אַנטשולדיקט... מאַדאַם...

— מאַדאַם גראָסמאַן! — איז הירשקע אים ווידער געקומען צו הילף.

— ניין! איך וווּנדער זיך נישט — האָט בת־שבע זיך אָפּגערופן — נאָר איך האָב אויך שטודירט געשיכטע...

— אַזוי? אַזוי? — האָט ער עפּעס ווי צו זיך געמורמלט, ווייזט אויס, כדי צו געווינען צייט און צוצוטראַכטן, וואָס נאָך ער זאָל פרעגן מאַדאַם גראָסמאַן וועגן איר געשיכטע־שטודיום — אויף וואָס פאַר אַ געביט האָט איר זיך ספּעציאַליזירט?

— איך האָב געשריבן אַ טעזע איבער דער נאַפּאָלעאָנישער תקופה — האָט בת־שבע געענטפערט.

— זייער אינטערעסאַנט... זייער אינטערעסאַנט... מאַדאַם גראָסמאַן... דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע תקופות אין דער מאָדערנער געשיכטע פון אייראָפּע, טאַקע די סאַמע וויכטיקסטע, וואָרעם זי האָט דאָך געעפנט אַ וועג סיי פאַר די רעוואָלוציעס, סיי פאַר די רעאַקציעס... וואָלט מיר טאַקע אינטערעסאַנט געווען צו הערן איצט פון אייך, וואָס איר טראַכט פון דער נאַפּאָלעאָנישער תקופה...

— איך האָב אויף דעם געביט גאָרנישט מחדש געווען — האָט זיך מיט אַ שמייכעלע אָפּגערופן בת־שבע. איך האָב בלויז איבערגעקייט דאָס, וואָס אַנדערע האָבן שוין געזאָגט און געשריבן, חוץ אפשר אויף איין פּונקט...

נאָר אויך דאָ קאָן איך זיך נישט באַרימען מיט אָריגינאַליטעט. איבעריקנס, פאַרנעם איך זיך איצט נאָר מיט מאַלעריי...

— וואַרט אַ רגע, איך בעט אייך — האָט פּראָפעסאָר בוימאַן זי אָפּגע־שטעלט אין מיטן די רייד — איך מוז אייך זאָגן, מאַדאַם גראָסמאַן, אַז איך בין איבערראַשט, אַזוי יונג ווי איר זעט אויס.

— אַ דאַנק אייך פאַר אייער קאָמפּלימענט, וואָס איך האָב נישט פאַרדינט.

— איר האָט נאָך מער פאַרדינט — האָט בוימאַן זי נישט געלאָזט פאַרענדיקן — אָבער נישט דאָס וויל איך זאָגן. ווי באַלד מען רעדט שוין יאָ דערפון, ווי באַלד געשיכטע איז אויך מיין באַרוף און די נאַפּאָלעאָנישע תקופה איז מיר נישט זייער פרעמד, כאָטש ספּעציאַליזירט האָב איך זיך דער עיקר אין דער גערמאַנישער פאָרגעשיכטע, וויל איך אייך פרעגן, וואָס פאַר אַ פּונקט איר האָט אין אייער טעזע באַהאַנדלט, פרוי דאָקטאָר?

— ס'איז נישט געווען קיין דאָקטאָראַט־טעזע, נאָר סתם אַן אָפּשלוס־אַרבעט איבער דער עמאַנציפּאַציע...

— וועלכע עמאַנציפּאַציע? — האָט פּראָפעסאָר בוימאַן נישט באַלד פאַרשטאַנען.

— די עמאַנציפּאַציע פון די יידן — האָט בת־שבע געענטפערט — אָבער איך פאַרזיכער אייך נאָך אַ מאָל: אַן אַרבעט אָן אָריגינאַליטעט.

— זאָגט דאָס נישט, פרוי גראָסמאַן... — האָט דער פּראָפעסאָר פּראָ־טעסטירט — די טעמע גופא איז שוין אָריגינעל. איך מוז זיך מודה זיין, אַז עס פרייט מיך, וואָס אונדזער שמועס האָט זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג און בכלל, וואָס דער צופאַל האָט געוואָלט איך זאָל זיך באַקענען דאָ מיט... ווי זאָגט מען עס אין פראַנצויזיש? אויף דייטש זאָגט מען: „גלאַובענסגע־נאָסען".

— קאָרעליזשיאָנער ווילט איר זאָגן — האָט שלמה זיך אַרויסגע־כאַפּט, ווי ער וואָלט געוואָלט ציִען די אויפמערקזאַמקייט אויף זיך.

— יאָ, קאָרעליזשיאָנער! — האָט בוימאַן אונטערגעכאַפּט — צום באַדויערן, האָב איך געזאָגט, בין איך אַ באַהאַוונטער בלויז אין דער גערמאַנישער געשיכטע; פון יידן האָב איך ביז איצט גאָרנישט גע־

ווסט. אויב אירווילט, איז דאָס טאַקע געווען אַ רעזולטאַט פון דער עמאַנציפּאַציע פון די יידן אין פראַנקרייך און שפּעטער אויך אין אַלע איבעריקע לענדער. אייער טעזע איז אָן שום ספק אַ ריכטיקע...

— ווידער האָט איר מיר געמאַכט — האָט בת־שבע געלאַכט — אַ קאָמפּלימענט, וואָס איך האָב נישט פאַרדינט. אָבער דאַ זעט מען שוין קלאָר, אַז איר האָט עס געטאָן אויס העפלעכקייט, וואָרעם נישט בלויז איר האָט מיין זייער מיטלמעסיקע אַרבעט נישט געלייענט, נאָר איר זענט זיך דאָך אָוודאי משער, אַז די אויספירן מיינע זענען געגאַנגען פּונקט אין דער פאַרקערטער ריכטונג פון אייער פּערזענלעכן וועג. איר האָט אַקערשט אַליין געזאָגט, אַז דער יידישער אַספּעקט פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע איז אייך פרעמד...

— באַרופלעך פרעמד — האָט בוימאַן געפּרוווט זיך פאַרענטפערן — פאַרטראָגן אויף אַ דייטשן אוניווערסיטעט פון דייטשישער געשיכטע פאַר דייטשישע סטודענטן, וואָס האָבן צום גרעסטן טייל אַ פּאַנגערמאַניסטישן קוק אויף דער וועלט־געשיכטע און אין דער לעצטער צייט אויך אַ היטלעריס־טיש־ראַסיסטישן צוגאַנג — ווי אַזוי, מיינע הערן און דאַמען, ווי אַזוי האָב איך געקאָנט זיך פאַראינטערעסירן מיט דעם יידישן אַספּעקט?

— געשיכטע — האָט ביילקע זיך צום ערשטן מאָל אַריינגעמישט אין שמועס — איז בלויז פאַר אייך אַ באַרוף? מאָדנע...

— ניין, פריילין גראַסמאַן! — האָט פּראָפעסאָר בוימאַן געענטפערט — די געשיכטע, וואָס איז געווען מיין באַרוף, איז מיר נישט שטאַרק אָנגע־גאַנגען. איך מוז זאָגן, אַז די פאַרווורפן, וואָס זענען מיר געמאַכט געוואָרן אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי־פּרעסע, זענען אין אַ געוויסן זין געווען גערעכט און אויסגעהאַלטן.

— אַזוי גאָר? — האָט זיך הירשקע געחידושט.

— וואָס האָבן זיי אייך פאָרגעוואָרפן, די נאַציס? — האָט שלמה פינקעלשטיין געפרעגט.

— זיי האָבן מיר פאָרגעוואָרפן, אַז איך גיי צו צו דער גערמאַנישער געשיכטע ווי אַ שמוציקער ייד, אַז איך באַטאָן צו שטאַרק דעם איינפלוס פון דער ביבל אויף דער דייטשער געשיכטע זינט קאַרל דעם גרויסן און זינט

לוטערס רעפּאָרמאַציע. דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס ריכטיק. איר פאַר־שטייט?

— און ווי איז אייער איצטיקע מיינונג? — האָט בת־שבע געוואָלט וויסן.

— איך ווייס אַליין נישט — האָט בוימאַן געענטפערט — איך ווייס נישט, וואָס איך זאָל טראַכטן און זאָגן. מיר דאַכט זיך, אַז די אַלטע גערמאַנישע געטער־מיטאָלאָגיע באַהערשט נאָך אַלץ דאָס דייטשישע אונטער־באַוווסטזיין, פון צייט צו צייט רייסט זי זיך אַרויס אויף דער אויבערפלאַך, ווי איצט, צום ביישפּיל, זינט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. דאָס האָט שוין הייגריך היינע באַמערקט. דער אַלט־גערמאַנישער געטש טהאָר, דער גאָט מיטן האַמער, פאַרמעסט זיך דאָן צו צעשמעטערן אַלץ, וואָס פאַלט אים אַרונטער אונטער דער האַנט.

— און ווו זענען די אַנדערע געשיכטעס? — האָט בעלאַ געפרעגט און האָט באַלד חרטה געהאַט, זי זאָל נישט האָבן באַרירט מיט איר פראַגע דעם פּראָפעסאָרס פּריוואַט־לעבן.

— דאָס איז שוין אַן אַנדערער ענין — האָט בוימאַן אַראָפּגענידערט די שטימע — אָבער איר זענט מיר סימפּאַטיש, פריילין גראָסמאַן, קאָן איך נישט ביישטיין דעם נסיון אייך צו אַנטפּלעקן מיינע סימפּאַטיעס צו דער געשיכטע פון דער מוזיק.

— וואָס? — האָט בעלאַ אויסגערופן — איר זענט אַ מוזיקער? אויסגע־צייכנט...

— וואָס איז אויסגעצייכנט, פריילין?

— ס'איז אויסגעצייכנט, וואָס איר זענט אַ מוזיקער, ווייל איך...

— ניין פריילין, איר האָט אַ טעות... איך בין אַ קנאַפּער מוזיקער... איך בין בלויז אַ ליבהאָבער... און איר?

— אויך בלויז אַ ליבהאָבערין...

— ליבהאָבערין פון וואָס?

— פון מוזיק, פאַרשטייט זיך... — האָט בעלאַ געענטפערט.

— געוויס פון מוזיק... איך האָב נאָר געוואָלט וויסן צי פון דער קלאַסי־

שער צי פון דער מאָדערנער מוזיק און אויך צי איר שפּילט אויף וועלכן נישט איז אינסטרומענט... אַוודאי שפּילט איר קלאַוויר.... ניין?

— איר האָט נישט געטראָפן... איך שפּיל אַ ביסל פלייט... עס לוינט זיך נישט וועגן דעם צו רעדן... איך בין נישט קיין מוזיקערין, און איך, מעג איך אייך פרעגן, אויף וואָס פאַר אַן אינסטרומענט איר שפּילט?

— איך בין אויך בלויז אַ ליבהאָבער, איך שפּיל וויאָלאָנטשעל, אָבער אין דער געשיכטע פון מוזיק בין איך יאָ אַ ביסל באַהאַוונט... שוין אפשר צוואַנציק יאָר, ווי איך שטודיר די געשיכטע פון דער מוזיק.

— איך האָב זייער ליב וויאָלאָנטשעל — האָט ביילקע זיך אָפּגערופן — אַ שאָד, וואָס איך שפּיל נישט קלאַוויר... איך וואָלט אייך געקאָנט באַגלייטן...

— איך האָב אויך ליב וויאָלאָנטשעל — איז בת־שבע מסכים געווען.

ס'איז ווידער אַנטשטאַנען אַ פּויזע. סיי הירשקע, סיי בת־שבע, סיי די איבעריקע מיטשמועסער וואָלטן גריילעך געוואָלט הערן פון דעם פּראָפעסאָר בוימאַן, ווי אַזוי ס'איז פּאָרט געקומען צו דער היטלער־קאַטאַסטראָפע, צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי ער האָט געהערט, און ווען, מיינט ער, וועט צו דעם נעמען אַ סוף. אָבער דער שמועס האָט זיך מער נישט געקלעפּט.

ביי דריי אַנדערע טישלעך איז געזעסן אין צענטער נאָך אַ פּליט, אויך אַן אינטעלעקטואַל, אַ שרייבער, אַ ליטעראַטור־קריטיקער און אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט.

דאָס פאַרשטעלן זיך איז דאָרטן נישט צוגעגאַנגען אַזוי צערעמאָניעל, ווי אין דער ערשטער גרופּע. ווי נאָר חברה האָט געהאַט פאַרכאַפּט די בענקלעך און קורט העלפינגער האָט באַמערקט דעם אָרומרינגלונגס־מאַנעוור, האָט ער אַפילו נישט אַ פּינטל געטאָן מיטן אויג, נאָר רויִק ווייטער געזופּט זיין קאַווע, ווי נישט אים מיינט מען עס.

פלוצלינג האָט ער זיך געוואָנדן אין אַ געבראָכענעם פראַנצויזיש צו מאָריס הענדלער, וואָס איז געזעסן צו זיין רעכטער האַנט:

— פרעגט, וואָס ווילט איר וויסן?

ס'איז אויסגעקומען, ווי ער וואָלט זיך געריכט אויף אַ פּרעסע־קאָנפע־

רענץ. די דאָזיקע פראַגע איז געקומען אַזוי אומדערוואַרט, אַז מאָריס האָט פון פאַרלעגנהייט אַזש אָנגעהויבן צו שטאַמלען.

— וואָס זאָל איך וועלן וויסן ? איר מיינט וועגן די דייטשישע געשעע־נישן ?

— געוויס וועגן די דייטשישע געשעענישן, וועגן דעם טויזנטיעריקן רייך זייערן... קאָן איך אייך גלייך זאָגן, אַז דאָס טויזנטיעריקע רייך וועט באַלד פּלאַצן ווי אַ...

ער האָט נישט געוווסט ווי מען זאָגט עס אין פראַנצויזיש. האָט ביבי, וואָס האָט געקענט דייטש, אים אַרויסגעהאָלפן :

— ווי אַ זייפנבלאָז.

— יאָ, יאָ, — האָט קורט העלפינגער אונטערגעכאַפּט אין דייטש — ווי איין זייפענבלאַזע. איר זענט גערעכט... איר זענט גערעכט... דער גאַנצער היטלעריסטישער האָקוס־פּאָקוס וועט אָנהאַלטן ווען הויך נאָך דריי חדשים.

— און וואָס וועט זיין מיט די יידן־פאַרפאָלגונגען ? — האָט שלומקע, הירשקעס חבר, אַ פרעג געטאָן אין יידיש.

— ווען היטלער וועט נישט מער זיין, וועט מען מער נישט רודפן די יידן. דאָס דייטשישע פאָלק וועט זיך באַזינען. די דייטשישע אַרבעטערשאַפט וועט טאָן איר פליכט. זי האָט נאָך נישט געזאָגט איר לעצט וואָרט... ניין... איר וועט זען...

— מיר האָבן שוין געזען — האָט זיך שלומקע אָפּגערופן איראָניש.

— ניין, געזען... אויך אַ גענאָסע ? איר זענט נישט איינשטימיק מיט דער טאַקטיק פון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי ? קאָן איך אייך אויסזאָגן אַ סוד, אַז איך בין אויך נישט מסכים מיטן צענטראַל־קאָמיטעט. יאָ, געווען אַנטי־יידישע עקסצעסן, באָיקאָט פון די יידישע געשעפטן... מען האָט געשלאָגן יידן, אַנדערע יידן האָט מען פאַרשלעפּט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָבער נישט בלויז די יידן ווערן פאַרפאָלגט, פאַרפייניקט. אויך נישט־יידן, סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, בירגערלעכע ליבע־ראַלע פּאָליטיקער און אינטעלעקטואַלן אַריער ליידן אונטער דעם באַרבאַ־רישן רעזשים.

— אַ קנאַפּע טרייסט פאַר אונדז! — האָט אפרים, ר׳ פּנחסעס בכור, אַריינגעוואָרפן.

— טרייסט — נישט — האָט קורט העלפּינגער צוגעגעבן — אָבער ס׳איז אַ באַווייז, אַז דער היטלער־רעזשים קאָן זיך נישט האַלטן לאַנג, טאָר זיך נישט האַלטן לאַנג, אַנישט...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ באַווייז? האָט ביבי געוואָלט וויסן — פאַרקערט, לויט מיר קומט אויס, אַז דער היטלער־רעזשים... איבעריק צו באַטאָנען, אַז איך ווינטש דעם היטלער־רעזשים אַ שנעלע מפּלה...

— ניין, נישט אויף לאַנג — האָט קורט העלפּינגער זיך געקאָכט — דאָס איז קעגן יעדער לאָגיק... וואָס מיינט איר? איך וועל אייביק זיצן דאָ אין פּאַריז אָן אַ קאָנטאַקט מיט מיינע לייענער? אוממעגלעך, דאָס איז גאָרנישט צו דענקען, כאַטש...

און קורט העלפּינגער האָט זיך פאַרטראַכט. ווען זיין ווונטש פאַר־ווירקלעכט ווערן? ווען? דערווייל האָט מען אויף אַ שייטערהויפן אין בערלין און אין אַנדערע שטעט אונטערגעצונדן די דייטשישע מאָדערנע ליטעראַטור נאָר דערפאַר, ווייל אירע מחברים זענען געווען יידן, און אויך פון די, וואָס ווערן ביי די נאַציס פאַררעכנט ווי פּולבלוטיקע אַריער... ווער גאַראַנטירט אים, אַז דער היטלער־רעזשים וועט נישט אָנהאַלטן, אויב נישט טויזנט יאָר, ווי זיי פּראָקלאַמירן, איז אַ יאָר, אָדער צוויי, וואָס דאָס איז אויך אַן אייביקייט? דערווייל ווערט די דייטשישע קולטור חרוב, דאָס דייטשישע פאָלק חרוב — און די יידן אויך, וואָרעם וואָס די נאַציס זאָלן נישט זאָגן, קיין מאָל וועט מען קורט העלפּינגערן, דעם דייטשישן פּראָגרעסיוון ליטע־ראַט נישט קאָנען איינרעדן, אַז די דייטשישע יידן געהערן נישט צום דייטשישן פאָלק, קיין מאָל נישט...

ווייסט נישט קורט העלפּינגער וואָס ענטפערן די מזרח־אייראָפּעיִשע יידן, וואָס זענען געקומען אין „קופּאָל" אים אינטערוויוירן איבער דעם מצב אין דייטשלאַנד. אָבער ווי אַזוי ווייסן זיי, וואָס ער איז געווען? איצט איז ער גאָרנישט. אַ פּליט ווי אַלע אַנדערע, אַ שרייבער אָן אַ שפּראַך און אָן לייענער, אַן אַרבעטער־פירער אָן אַרבעטער, אַ ליטעראַטור־קריטיקער אָן ליטעראַטור. פון דעסטוועגן זענען זיי פאַרט געקומען צו אים... מיטגעפיל...

סאָלידאַריטעט... יידישע סאָלידאַריטעט... אָבער ווייסן זיי טאַקע ווער ער איז? אַלץ איינס. ער איז נישט אומבאַקאַנט, דאַרף ער זיין האָפענונג נישט פאַרלירן, טאָר ער נישט פאַרצווייפלען... ער טאָר זיי נישט אַנטוישן... ער וועט זיי ענטפערן אויף זייערע פראַגן...

— אַנטשולדיקט מיר, איך בעט אייך — האָט ער אַרויסגעמורמלט — איר האָט מיך עפּעס געפרעגט, דוכט מיר.

— ווו זענען די אַלע — האָט ביבי נישט נאָכגעלאָזט, — וואָס האָבן געשטימט קעגן היטלערן ביי די רייכסטאַג־וואַלן? פאַר וואָס הערט מען זיי נישט איצט?

— איר פאַרגעסט, ליבער פריינד, — האָט קורט העלפינגער זיך באַמיט אים צו געבן צו פאַרשטיין — איר פאַרגעסט, אַז גערינג האָט אונטערגע־צונדן דעם רייכסטאַג, כדי אויף די קאָמוניסטן, אויף די סאָציאַליסטן, אויף די אַנאַרכיסטן אַרויפצוּוואַרפן, אַז זיי האָבן אונטערגעצונדן... איר פאַרגעסט אויך, אַז הינדענבורג האָט היטלערן איבערגעגעבן די מאַכט... אַז עס זענען געווען מיליאָנען אַרבעטסלאָזע, וואָס האָבן מער קיין כוח נישט געהאַט אַרומצוגיין ליידיק... אַז דער דייטשישער מיטלקלאַס, דער לומפּענפּראָלע־טאַריאַט און די רור־מאַגנאַטן... אַלץ האָט צוגעשפּילט היטלערן, און די דעמאָקראַטיע האָט נישט געוואָלט אָננעמען קיין געוואַלד־מיטלען קעגן דעם אוזורפּאַטאָר...

## קאַפּיטל 31

פאַראַן ראָמאַנען, וואָס גייען זיך מיט זייערע אייגענע, קרומע וועגן און ענדיקן זיך פונקט קאַפּויער, ווי מען האָט זיך פאַרגעשטעלט.

צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע האָבן געהערט בת־שבעס ראָמאַנען. אירע לעצטע צוויי ליבעס זענען, דוכט זיך איר, געווען ערנסטע ביז גאָר. קודם שלמה פינקעלשטיין. זעלטן טרעפט זיך, אַז אַ פּאָרל זאָל זיין אַזוי צוגעפּאַסט.

האָט זיך איר געדוכט, אַז זי לאַנגווייליקט זיך מיט אים, אַז זי פאַר־דינט אַן אינטערעסאַנטערן חבר, און זי האָט געוואָרפן אַן אומחן אויף אים, כאָטש ער איז דווקא יאָ אַ שיינער בחור. אויף יעדן פאַל איז ער שענער ווי הירשקע. זי קאָן זיך גופא נישט פאַרשטיין, הלמאַי זי האָט אויסגעקליבן דווקא הירשקען פאַר אַ בחור, פאַר אַ מאַן.

אפשר האָט זי געוואָלט אויספּרווון שלמהן, זען ווי אַזוי ער וועט אויף דעם רעאַגירן. אייפערזוכט קאָן באַווייזן ווונדער, אייפערזוכט איז אין שטאַנד צו ענדערן דעם כאַראַקטער פון אַ מענטשן, פאַרוואַנדלען אַ פּאַסיווע נאַטור אין אַן אַקטיווער.

ווער דאָס זיין די אמתע סיבה, פאַר וואָס זי האָט פאַרלאָזט שלמהן און איז אַוועק ווינען מיט הירשקען? געוויס איז איר הירשקע געפעלן גע־וואָרן, כאָטש ווען זי האָט געפּרוווט אַ שמועס טאָן מיט אים, האָט זי געזען, אַז ער איז אַ דילעטאַנט, און אַלץ, וואָס ער ווייסט, האָט ער געשעפּט פון בראָשורן. ער קאָן איר נישט אימפּאָנירן מיט זיינע קענטענישן, מיט זיין געשמאַק און אַפילו נישט מיט זיין קוק אויפן לעבן. זיין גאַנצער וועלט־באַנעם שטיצט זיך דאָך אויף דער היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישער קאָנ־צעפּציע, וואָס איז טאַקע, אַזוי דוכט זיך איר נאָך היינט, די איינציק־ריכ־טיקע קאָנצעפּציע, אָבער אויפן קונסט־געביט, לאָזט זי זיך נישט אָנווענדן פול און גאַנץ. נאָר וועגן דעם דאַרף מען נאָך אַ טראַכט טאָן...

זי איז געווען צופרידן, וואָס זי רייסט איבער די באַציִונג מיט איר אייגענער פאַמיליע, כאָטש פערזענלעך האָט זי נישט געהאַט קיין טענות נישט צו איר אַלטן טאַטן, וואָס איז ממשיך זיין אַמאָליקן לעבנסשטייגער אין פּאַריז, נישט צו אירע ברידער די סוחרים און קליינבירגער און נישט צו אירע שוועסטער און שוואָגערס.

אָבער אַנשטאָט זי זאָל ווערן קלאַסן־באַוווסטזיניק, ווי מען זאָגט, האָט זי גאָר מורא, אַז הירשקע הייבט אָן צו ווערן אַן אַנדערער. ס׳קאָן נאָך פּאַסירן, אַז נישט זי וועט ווערן אַ פּראָדוקטיווער מיטגליד פון דער געזעל־שאַפט, נאָר ער וועט ווערן אויס פּראָלעטאַריער און זי וועט אַזוי אַרום האָבן דערגרייכט דעם היפּוך פון דעם וואָס זי האָט זיך פאַרגענומען.

ער רעדט איצט מער וועגן קונסט, וועגן מאָלעריי, ווי וועגן דעם גורל פון דעם אַרבעטער־קלאַס, מער וועגן די פאַרשידענע איזמען אין דער קונסט, ווי וועגן דער צוקונפט פון דער מענטשהייט. און דאָס האָט זי אים אַריינגע־פירט, זי מיט אירע אייגענע הענט, אין דער מאָלעריי. דעם אמת געזאָגט, ווייזט ער טאַקע אַרויס אַ סך טאַלאַנט אין דער מאָלעריי.

געוויס פעלט אים טעכניק. איידער ער נעמט זיך צו מאָלן איילבילדער, וואָלט ער צו ערשט געדאַרפט זיך אויסלערנען צייכענען ווי געהעריק, אָבער ער איז אומגעדולדיק ווי יעדער אָנהייבער, און וויל גלייך באַווייזן וואָס ער קאָן. ער איז טאַקע זייער אַ פעיִקער בחור. מער נישט וואָס? ער איז פּרימיטיוו אין זיינע בילדער. איצט אָבער, ווען דער פּרימיטיוו איז אַזוי שטאַרק אַריין אין דער מאָדע, קאָן דאָס דווקא זיך אַרויסווייזן ווי אַ מעלה, אויף יעדן פאַל איז עס פריש, נאַיִוו און אָריגינעל.

האָט אים בת־שבע דערמוטיקט און נישט געשטערט צו מאָלן וואָס און ווי אַזוי ער האָט געוואָלט. אָבער בת־שבע טראַכט נישט וועגן הירשקעס מאָלעריי, נאָר וועגן אירע באַציִונגען צו אים. דאָס האָט אַ קנאַפּע שייכות מיט זיין אָדער איר וועלטבאַנעם, וועלכער ער זאָל נישט זיין, מיט זיין, אָדער מיט איר מאָלעריי, און בכלל מיט דער קונסט. דאָ הערשן גאָנץ אַנדערע געזעצן.

וועלכע געזעצן הערשן אין דער ליבע?

יעדער אמתער ראָמאַן איז פול מיט פראַגע־צייכנס און מיט ספקות, וואָס קאָנען פון קיינעם נישט פאַרענטפערט ווערן. ווייסט דען אַ בחור פאַר וואָס ער ליבט דאָס מיידל און נישט קיין אַנדערע? פאַר וואָס אים דוכט זיך, אַז אָן איר איז זיין לעבן קיין לעבן נישט? פאַר וואָס אין אַ געוויסער צייט אַרום דוכט זיך אים פונקט פאַרקערט — אַז מיט איר איז זיין לעבן קיין לעבן נישט און אַז ער קאָן לענגער נישט אויסהאַלטן מיט איר?

ווייסט דען אַ מיידל פאַר וואָס דער אָדער יענער מאַנצביל געפעלט איר אַזוי שטאַרק, אַז טאָמער זי וועט אים נישט האָבן פאַר אַ מאַן, וועט זי זיך מוזן אַנטאָן אַ מעשׂה? זאָל זי אָבער דערגרייכן וועמען זי וויל, וועט זי — אין אַ יאָר אָדער אין צוויי — אפשר זוכן אַ מיטל ווי אַזוי פון אים פטור צו ווערן. עס וועט שוין אָבער זיין צו שפּעט. אַ קינד וועט שטיין אין וועג, אָדער אַן אַנדער פאַרדרייעניש. מען וועט בלייבן צוגעשמידט איינער צום צווייטן און מען וועט זיך פאַרגריזשען קעגנזייטיק.

בת־שבע האָט זיך צוגעקוקט אין איר אייגענער פאַמיליע און ביי אירע באַקאַנטע. אַזוי זעט געוויינלעך אויס די ליבע אין אַ געוויסער צייט אַרום נאָך דער אָפיציעלער חתונה. אַנדערש אָבער איז, ווען די ליבע איז אַ „פרייע״, אַ נישט־רעגיסטרירטע, פון קיינעם און אין ערגעץ נישט־סאַנקציאָנירטע, נישט ביים רב, נישט אין דער „מעריִ״, ווי דאָס איז דער פאַל טאַקע ביי איר.

אָבער דווקא די „פרייהייט״, דווקא די נישט אויפגעצוווּנגענקייט פון אַזאַ מין ליבע, איז טייל מאָל אַ שטער. אויב זי רופט אַרויס אַ שטיקל שפּאַנונג ביי ביידן, ווייל זיי מיינען, אַז זיי האָבן הנאה פון אַ פאַרבאָטענער פרוכט, איז אָבער די פאַרהעלטענישמעסיקע לייכטקייט זיך פונאַנדערצוגיין אויך אַ שטער. יעדער קאַפּריז קאָן ווערן פאַטאַל, די קלענסטע מיספאַרשטענדעניש קאָן גורם זיין אַן איבעררײַס, און ליבע אָן נסיונות, אָן שפּאַנונג, קאָן דאָך בכלל נישט געמאָלט זיין.

אין אירע טראַכטענישן, פאַר וואָס זי האָט זיך פאַרבונדן מיט הירשקען און פאַר וואָס זי בלייבט וווינען מיט אים, כאָטש ער האָט שוין לאַנג פאַרלוירן זיין רייץ פאַר איר, האָט זי אָנשטאָט זיך אַרויסצו־

פלאָנטערן פון אירע ספקות, נאָך מער זיך פאַרפּלאָנטערט, ביז זיי האָבן גאָר פּאַראַליזירט איר ווילן. זי איז נישט מער געווען אין שטאַנד אָנצו־נעמען אַ וועלכן נישט איז באַשלוס, נישט אויף צו בלייבן ווייטער וווינען מיט אים, נישט אויף זיך פאַנאַנדערצוגיין.

## קאַפּיטל 32

בת־שבע טראַכט: אין וועלכן צוזאַמענהאַנג קומט איר כסדר עלזאַס טויט אויפֿן געדאַנק? וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט איר פּריצייטיקער טויט מיט בת־שבֿעס געדאַנקען? און האַנס בוימאַן גופֿא, וואָס גייט ער איר אָן? ער איז געווען פּראָפֿעסאָר פֿון געשיכטע אין דעם בערלינער אוני־ווערסיטעט, פֿון אַלגעמיינער געשיכטע און פֿון דייטשישער געשיכטע, גערמאַנען, טעווטאָנען... ביז דאָ נישט לאַנג האָט ער אַפֿילו נישט גע־וווּסט וועגן יידן און יידישער געשיכטע.

צו וואָס באַמיט זי זיך אויסצוברייטערן דעם פּראָפֿעסאָרס געשיכטע־קענטעניש, גלייך ווי ער וואָלט געווען איר תּלמיד, אים געבן צו פֿאַר־שטיין, בלויז אין געדאַנק, פֿאַרשטייט זיך, אַז אויב יידן זענען שוין פֿון לאַנג נישט מער קיין אַקטיווע טרעגער פֿון דער געשיכטע, זענען זיי אָבער פֿאַרבליבן וויכטיקסטנס אַן אָביעקט פֿאַר דער אַלגעמיינער געשיכטע?

און אפשר וועט קומען אַ צייט, ווען די יידן וועלן צוריק ווערן באַלעבאַטים פֿון זייער געשיכטע און וועלן טאַקע ווערן אַ פֿאָלק מיט פֿעלקער צוגלייך? אפשר וועט ארץ־ישׂראל גאָר ווערן אַ רעפּובליק, אַ סאָוויעטישע רעפּובליק — פֿאַר וואָס נישט? אויב דער קאָמוניזם וועט זיך אויסברייטערן אומעטום און אויב אַלע לענדער וועלן ווערן סאָוויע־טיש, ווי הירשקע מיינט, פֿאַר וואָס זאָל ארץ־ישׂראל בלייבן הינטער־שטעליק?

בת־שבֿען דוכט זיך, אַז זי הערט הירשקעס געלעכטער פֿון דער ווייטנס. איצט איז זי איינע אַליין אין איר אַטעליע. הירשקע מיינט, אַז אויב דער קאָמוניזם וועט זיך פֿאַרווירקלעכן אומעטום, וועט דאָך דעמאָלט

ארץ־ישׂראל ווערן איבעריק. יידישע אַרבעטער דאַרפֿן זיך פּאַראייניקן אומעטום מיטן אָרטיקן לאַנד־פּראָלעטאַריאַט און קעמפֿן פֿאַר דער אויס־בעסערונג פֿון די עקאָנאָמישע באַדינגונגען אויפֿן אָרט.

אפשר איז ער גערעכט, אָבער אפשר איז גאָר איר ברודער, אשר דער חלוץ, גערעכט. ער זאָגט, אַז יידן וועלן קאָנען פֿירן אַ נאָרמאַל לעבן ווי אַלע מענטשן און ווי אַלע פֿעלקער נאָר אין ארץ־ישׂראל. ער זאָגט, אַז ס׳איז שוין צייט אויפֿצובויען אַן אייגענע היים און האָבן אַן אייגן לאַנד ווי אַלע פֿעלקער.

אָבער האַנס בוימאַן... איז ער דען אַ ייד? פֿאַר וואָס טראַכט זי אַזוי פֿיל וועגן אים? מסתמא דערפֿאַר, ווייל ערשטנס איז מיט הירשקען אויס. קלאָר און דייטלעך: זי האָט זיך טועה געווען אין אירע געפֿילן. צווייטנס, איז בוימאַנס כלה טויט... דריטנס, דוכט זיך איר עפּעס, אַז זי איז צום געשיכטע־פּראָפֿעסאָר נישט גלייכגילטיק...

זי ווייסט נאָך אייגנטלעך נישט, וואָס פֿון דער דאָזיקער נייער שפּיל קאָן אַרויסקומען. זי ווייסט אפֿילו נישט, צי זי האָט אים טאַקע ליב. וואָלט נישט געשאַדט, זי זאָל זיך באַקענען מיט אים אַ ביסל נעענטער. זי וועט אים ווייזן איר געשיכטלעכע אַרבעט איבער דער עמאַנ־ציפּאַציע פֿון די יידן אין פֿראַנקרייך. אַדרבא, זאָל ער זאָגן מבינות, ער איז דאָך אַ פּראָפֿעסאָר פֿון געשיכטע.

אמת, בוימאַן, ווייזט אויס, חברט זיך גאָר מיט בעלאַ גראָסמאַן, מיט הירשקעס שוועסטער. אָבער דאָס איז קיין מניעה נישט. בת־שבע מיינט דאָך נישט אים צו אַנעקטירן, אים צוצונעמען פֿון איר מיט גע־וואַלד. זאָל ער ווייטער זיך מיט איר חברן. זי גייט אים דען אויסכאַפּן? טאָמער וועט ער אַרויסווייזן צו איר גלייכגילטיקייט, וועט זי צו אים, חלילה, נישט צושטיין, זי וועט נישט מאַכן קיין שום חנדלעך, כדי אים צו געווינען. וואָס איז דאָס בכלל פֿאַר אַן אויסדרוק „געווינען״? ווי פֿון אַ שלעכטן ראָמאַן אַרויסגענומען. זי וווּנדערט זיך אויף זיך אַליין, ווי אַזוי ס׳האָט אַזאַ וואָרט געקאָנט זיך אַריינגנבענען אין אירע געדאַנקען. אַדרבא, זאָל זי זיין גליקלעך מיט אים, בעלאַ, און שלמה פֿינקעלשטיין מיט מלכהלען. זי וועט שוין געפֿינען איר גליק ערגעץ אַנדערשוווּ.

קנאַפּ פאַרערער האָט זי חוץ הירשקען? מיט הירשקען איז סיי ווי סיי אויס. ער האָט איר דערעסן. ער איז נאָך לאַנגווייליקער ווי שלמה.

שלמה, איבעריקנס, איז גאָרנישט אַזוי לאַנגווייליק. אויך אין אים האָט זי געהאַט אַ טעות. צו לאַנג איז זי מיט אים אַרומגעגאַנגען, דער עיקר אָבער איז איר נישט געווען צום האַרצן דאָס, וואָס ער איז איר טאָטן אַזוי געפעלן געוואָרן. אייגנטלעך נישט אַזוי פיל ער, ווי די גוטע פאַמיליע זיינע. באַלעבאַטישע מענטשן. זיין טאַטע אַ גאָלדשמיד, אַ פיין געשעפט, ער איז אַ ייד אַ גביר — אָט פאַר וואָס שלמה האָט נישט געטויגט. זי איז זיך מיט אים פונאַנדערגעגאַנגען אין גוטן מוט, זיי זענען פאַרבליבן די בעסטע חברים. זאָל זי נאָר געבן אַ ווונק, וועט ער ווידער קומען צו לויפן צו איר גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט נישט געשען.

אין צווישן האָט זיך שלמה אפשר שוין צוגעוווינט... ביי אים איז דאָך ליבע אַ זאַך פון געוווינהייט. גייט ער איצט אַרום מיט מלכהלען, מיט דער שיינער מלכהלע, מיט הירשקעס שוועסטער.

מאָדנע:ביידע מענער, וואָס געפעלן בת־שבען, זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון הירשקעס ביידע שוועסטער: שלמה פינקעלשטיין און האַנס בוימאַן. עס קומט אויס ווי הירשקע וואָלט זיי צונויפגעפירט מיט אַ געוויסער כוונה, אפשר כדי זי זאָל קיין אַנדערע ברירה נישט האָבן און אַזוי אַרום מיט אים פאַרבלייבן אויף שטענדיק.

בת־שבע ווייסט גאַנץ גוט, אַז דער דאָזיקער געדאַנק אירער איז אַ משוגענער געדאַנק. זי איז הירשקען חושד אין עפּעס אַזוינס, וואָס ליגט זיך נישט אויפן שכל. זי קאָן זיך אָבער נישט פאַרווערן צו טראַכטן וועגן דעם, צי עס האָט יאָ אַ זין, צי עס האָט נישט קיין זין.

טאָמער אָבער איז אין דעם דאָזיקן געדאַנק יאָ פאַראַן אַ שטיקעלע אמת, דאַרף דאָך בת־שבע עפּעס וואָס טאָן, כדי צו באַווייזן הירשקען — און זיך גופא טאָקע אויך — אַז אויב זי וויל, קאָן זי צוריק געווינען די פולע סימפּאַטיע נישט בלויז פון אַ האַנס בוימאַן, נאָר אַפילו אויך פון שלמהן. זאָל הירשקע נישט מיינען, אַז זי איז שוין אין גאַנצן זיינע, אַז ער האָט איר פאַרצוימט אַלע וועגן און שטעגן. זיין היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישער מעטאָד לאָזט זיך נישט אַנווענדן אומעטום...

האַנס בוימאַן איז איר נישט אַרויסגעגאַנגען פון קאָפּ, זי האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן אים און וועגן אַלץ, וואָס עס קאָן צווישן זייביידן פּאַסירן. אַרום דעם דאָזיקן געדאַנק האָבן צירקולירט אַלע אַנדערע געדאַנקען, אין וועלכע עס זענען געווען פּאַרמישט הירש־קע, שלמה, בוימאַנס טויטע כלה און אַפילו אויך די דייטשישע געשעענישן.

דאָס האָט זיך געצויגן עטלעכע וואָכן לאַנג, און אין משך פון דער צייט האָט זי נישט געצייכנט, נישט געמאָלן און בכלל גאָרנישט נישט געטאָן.

## קאַפּיטל 33

ווען בת־שבע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דעם דאָזיקן אויסטערלישן חלום אירן, איז שוין אַלץ געווען אין פולן גאַנג.

בת־שבע איז געווען אַנטציקט פון איר נייער באַקאַנטשאַפט. זי איז אויך געווען צופרידן דערפון, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט זי גענומען ערנסט, וואָס ער האָט זיך צוגעהערט צו אַלץ, וואָס זי פלעגט אים זאָגן און דערציילן. איר האָט שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס ער באַוווּנדערט זי ווי אַ פרוי.

אַ צרה איז בלויז דאָס, וואָס דער פּראָפעסאָר, נישט געקוקט אויף די קאָמפּלימענטן, וואָס ער זשאַלעוועט איר קיין מאָל נישט, איז אַזוי ווייניק דרייסט. בת־שבע ווייסט נישט וואָס פאַר אַ טאָן צו באַנוצן, עס זאָל זיך אין אים שפּירן אי אַ געוויסע אינטימקייט אי אַ געוויסע דיס־טאַנץ. זי קאָן דאָך נישט פלוצלינג אָנהייבן אים צו דוצן, ווי מען טוט עס מיט אַ חבר פון דער „קולטור־ליגע". שוין די טעמע „פרייע ליבע" זעט זי, שאָקירט אים. ער איז נישט קיין פּוריטאַנער מיט אַן אַלט־פרענקישן קוק אויפן לעבן. ביי אים איז דאָס גיכער אַן ענין פון אַזוי גערופענער גוטער דערציִונג.

בת־שבע אָבער האָט צייט. נישקשה, איינפירן אַ פּויזע צווישן איין ליבע און דער צווייטער איז גאָרנישט אַזוי שלעכט. בפרט נאָך, ווען מען באַטראַכט ליבע ווי אַ מין שפּיל, און צו יעדער ליבע דאַרף מען צוטראַכטן אַ נייע טאַקטיק, אַ נייעם סטיל. דאָס אַלץ קאָן נישט קומען פון איין טאָג אויפן צווייטן.

אויך פּראָפעסאָר בוימאַן האָט זיין ראָמאַן מיט בעלאַן נאָך נישט פאַרענדיקט. אויך ער, ווייזט אויס, קאָן זיך נישט באַשליסן. און בת־

שבע פרעגט זיך: ווער וועט דאָ אַרויסקומען די זיגערין און ווער די באַזיגטע?

אָבער כדי צו זיגן, דאַרף מען דאָך צו ערשט קעמפן, וויל זי דען קעמפן מיט בעלאַן? האָט זי שוין טאַקע באַשלאָסן, אַז עס לוינט צו קעמפן און צו זיגן?

אייגנטלעך וואָלט זי צו ערשט גאָר געדאַרפט באַשליסן, צי זי דאַרף בכלל אָננעמען אַ וועלכן נישט איז באַשלוס. אפשר איז גאָר גלייכער זי זאָל, ווי שטענדיק, זיך פאַרלאָזן אויף אַ צופאַל?

האָנס בוימאַן האָט אויך ווי געוואַרט אויף אַ גינסטיקן צופאַל, אַן אומגעריכטע סיטואַציע אין זיין לעבן. דער געשיכטע־פּראָפעסאָר איז געווינט געווען צו טראַכטן וועגן געשעענישן, וואָס זענען שוין לאַנג, לאַנג פאַרביי, וועגן אַלגעמיינע געשעענישן פון דער אַלגעמיינער געשיכטע, וועגן פאַרגליווערטע פּאַסירונגען, וואָס וועלן זיך קיין מאָל נישט מער צוריקקערן.

האָנס בוימאַן האָט איצט אויפגעבלעטערט אין זיין לעבן אַ ניי קאַפּיטל געשיכטע. ער ווייסט, אַז זיין פאַרשטאָרבענע כלה עלזאַ איז אויך געווען אַ יידישע, אָבער זי איז געווען אַזוי אַנדערש ווי בעלאַ און ווי בת־שבע. אַ דייטשקע איז זי געווען, וואָס האָט געהאַט יידישע עלטערן פונקט אַזוי, ווי ער איז געווען אַ דייטש פון יידישע עלטערן. זיי אָבער זענען עכטע יידישע מיידלעך. זיי זענען יידישע און זייערע עלטערן זענען יידישע. ביי זיי איז נישטאָ קיין איבעררייס. דער יונגער דור נעמט איבער די ירושה פון דעם עלטערן דור. איין לעבנס־שטייגער גיסט זיך איבער אויף אַ נאַטירלעכן אופן אין אַ צווייטן לעבנס־שטייגער, פאַראַן המשך און זין.

אים אָבער קומט איצט אויס, ווי ער וואָלט געדאַרפט זיך גאָר אין גאַנצן איבערשטעלן, זיך באַנוצן מיט גאָר אַן אַנדערן שׂכל. נאָך מער: זיך צופּאַסן נישט צו איינער, נאָר צו צוויי נייע וועלטן: צו דער פראַנצויזישער און צו דער יידישער. זיין געוועזענע דייטשישע וועלט האָט ער דאָך בעת די לעצטע אויסטערליש־ווילדע געשעענישן פאַרלוירן.

וואָלט ער געווען א מעדיצינער, אַ פיזיקער, אַ כעמיקער, אַן אינ־זשעניר, וואָלט ער מסתמא אַזוי שטאַרק נישט געפילט דעם ריס אין זיין לעבן. נאַטור־וויסנשאַפטן האָבן אין דער גאָרער וועלט איין לשון, ממילא אויך איין צוקונפט. לעכערלעך וואָלט געווען צו זאָגן, אַז עס עקזיס־טירט אַ יידישע פיזיק, אַ יידישע מאַטעמאַטיק, ווי עס זאָגן צום ביישפּיל געוויסע דייטשישע געלערנטע.

אָבער געשיכטע איז טאַקע יאָ פאַראַן אַ דייטשישע, אַ פראַנצויזישע, און ווי ער האָט דאָ איצט נישט לאַנג דערפאַרן — אויך אַ יידישע. איטלעך פאָלק האָט זיין געשיכטע, און יידן זענען אַ פאָלק. אפשר זענען טאַקע די ציוניסטן גערעכט מיט זייער חלום וועגן אַ יידיש לאַנד. אין דייטשלאַנד האָט ער אויך געקענט יידן־ציוניסטן, אָבער ער האָט נישט געפונען קיין געמיינזאַם לשון מיט זיי, ווייל ער איז געווען צו טיף פאַראַנקערט אין דער גערמאַנישער געשיכטע. היינט זענען זיי אַלע אין פאַלעסטינע.

איז ער זיי מקנא ? ער ווייסט נישט. אפשר איז ער זיי יאָ מקנא, נישט זיי, נאָר זייער מוט, זייער איניציאַטיוו, זייער ווילן צו פאַרגעסן זייער דייטשישע פאַרגאַנגענהייט און דעם דייטשישן אַרט פון דענקען און פילן. פון וואַנען האָט זיך צו זיי גענומען, פרעגט ער זיך, אַזאַ כוח אַריינצושפּרינגען אין דער אַלטער ביבל אַריין ? סיידן עס האָט נאָך ערגעץ־ווו אין זיי געטליעט אַן אַלטער יידישער פונק, וואָס האָט זיך איצט צע־פלאַקערט אין אַ פלאַמפייער. ווער ווייסט ?

ער אָבער, ווי שטאַרק ער זאָל נישט האָבן חשק, קאָן נישט אַרויס־שפּרינגען פון זיין אייגענער הויט. אַ געשיכטע פון אַ פאָלק, פּונקט אַזוי ווי די געשיכטע פון אַ יחיד, פאַרלאָזט מען נישט אַפילו ווען מען האָט פון איר גרויסע צרות. מען קאָן נישט אויסקלייבן אַ פאַרגאַנגענהייט, וועלכע מען וויל. אַפילו אַ צוקונפט לאָזט זיך אויך נישט אויסקלייבן. אָן אַ פאַרגאַנגענהייט איז נישטאָ קיין צוקונפט.

דאָס אַלץ איז אָבער געשיכטע, פּסיכאָלאָגיע. דאָס לעבן פאַרנעמט זיך נישט מיט געדאַנקען, נאָר מיט געשעענישן, טייל מאָל אויך מיט צו־פעליקייטן, וואָס לאָזן זיך נישט דערקלערן. אָט פאַר וואָס בוימאַן

האָט סוף־כל־סוף באַשלאָסן אַוועקצוואַרפן אַלע חקירות און זיך לאָזן טרייבן דורכן צופעליקן ווינט, וואָס היינט בלאָזט ער פון מערב און מאָרגן קען ער נעמען בלאָזן פון מזרח. מען קאָן נישט זיין קיין חכם.

און וואָס שייך דעם נייסטן, דעם העכסטן פערזענלעכן קאַפּיטל פון זיין לעבנס־געשיכטע, דאַרף ער אויך אָננעמען אַ באַשלוס: בעלאַ אָדער בת־שבע. ער קאָן דאָך נישט אייביק זיצן און טרויערן נאָך זיין פאַרשטאָרבענער כלה עלזאַ. זי גופא וואָלט עס נישט געוואָלט. זיי האָבן זיך· אַזוי ליב געהאַט, אַזוי ליב געהאַט... דאָס איז אויך אַ געשיכטע, וואָס איז חרוב געוואָרן, נאָך איידער זי האָט געטראָגן פרוכט, דערמאָנט ער זיך ווי דורך אַ נעפּל דאָס ביבלישע לשון.

וואָלט זי נישט אַזוי קראַנק געווען, וואָלטן זיי חתונה געהאַט און וואָלטן געהאַט קינדער. זי האָט אַזוי געוואָלט האָבן קינדער. פאַר דער אָפּיציעלער חתונה זייערער האָבן זיי אָבער נישט געוואָלט האָבן קיין קינדער. פאַר אַ פּראָפעסאָר פון געשיכטע פּאַסט נישט צו האָבן קינדער פאַר דער חתונה. דאָס איז געווען קעגן דער דייטשישער עפנטלעכער מאָראַל. אָבער איינפירן דעם רוצחישן היטלערישן רעזשים — דאָס איז, ווייזט אויס, יאָ מאָראַליש, דאָס איז יאָ אין הסכם מיט דער מאָראַל — מיט דער ראַסן־מאָראַל, ווי עס זאָגן די ראַסיסטישע טעאָרעטיקער. וואָרעם דאָס באַדייט: געזונט מאַכן די דייטשישע געשיכטע און זי אומקערן צו אירע וואָרצלען.

גאָר זיין לעבן האָט ער אָפּגעגעבן אויף צו שטודירן די דייטשישע געשיכטע — די געשיכטע פון זיין פאָטערלאַנד — און ס'איז אים נישט איינגעפאַלן אַ זוך טאָן די אמתע וואָרצלען פון דער דייטשישער געשיכטע.

וואָס מער האַנס בוימאַן טראַכט זיך אַריין אין דעם, וואָס מיט אים און מיט אַלע דייטשישע יידן האָט פּאַסירט, זעט ער, אַז ער האָט נישט מער קיין מאָס פאַר דער געשיכטע.

וואָס ער זאָל נישט זאָגן און וואָס ער זאָל נישט רעדן, מוז ער שטענדיק זיך אומקערן צו זיין געשיכטע, צו דער געשיכטע פון דייטש־

לאַנד, ווו ער האָט פאַרבראַכט גאָר זיין יוגנט. אָבער איצט, זיצנדיק ביי בת־שבען אין אַטעליע, דערמאָנט ער זיך אין זיין פריסטער קינדהייט, ערגעץ דאָרט אין דעם קליינעם פּרייסישן שטעטל.

זיין פראַנצויזיש איז נישט קיין שלעכטער, אָבער ווען ער הייבט אָן צו רעדן וועגן זאַכן, וואָס זענען אים זייער נאָענט, קאָן ער זיך נישט אויסדריקן אַנדערש ווי אין דייטש, אין זיין מאַמע־לשון.

בת־שבע פאַרשטייט דייטש. איר יידיש קומט איר צו נוץ דאָן, ווען עס רעדט זיך וועגן אַ טעאָרעטישן ענין, ווו עס שפּילן אַ ראָל בלויז די ווערטער, נישט דער טאָן. דאָרט אָבער ווו דער שמועס פאָדערט סיי פון דעם דערציילער, סיי פון דעם צוהערער האַרץ און געפיל, רייסט זיך איבער דער קאָנטאַקט צווישן די ביידע שפּראַכן: יידיש און דייטש, כאָטש זיי זענען וואָקאַבולאַריש אַזוי ענג פאַרבונדן צווישן זיך.

בוימאַנס קינדהייט איז אין אַ געוויסן זין געווען אַ יידישע, כאָטש זיין פאַמיליע איז שוין געווען אַסימילירט דורך און דורך. ס׳האָט אויס־געזען, ווי בוימאַן וואָלט שוין אַלס קינד געהערט צו אַ פרעמדן שבט. אַפילו די פּאָר העברעיִשע ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגעראַטעוועט פון זיין קינדהייט, האָבן אויך געקלונגען פרעמד פאַר אַ יידישן געהער, וואָרעם ווי ער אַליין האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, זענען זיי נאָך אין מיטל־עלטער באַנוצט געוואָרן דורך דער דייטשישער אונטערוועלט און זיי געהערן ביזן היינטיקן טאָג צו דער אַזוי גערופענער „יאַנאָווען־שפּראַכע”, דאָס הייסט: גנבים־שפּראַך.

האָט זיך בת־שבע צוגעהערט צו דעם פּראָפעסאָרס „ווידוי” — ווייל זיין דערציילונג האָט געקלונגען ווי אַ מין ווידוי — און האָט געהאָט דאָס געפיל, ווי זי וואָלט כסדר געמוזט זיך יאָגן, כדי אָנצויאָגן זיין קינדהייט.

ס׳איז שוין געווען גוט פינצטערלעך אין אַטעליע. אין דרויסן האָבן זיך אָנגעצונדן די לאַמטערנס. אַ בלאַסער שיין האָט פונאַנדערגעטיילט איין שאָטן פון דעם צווייטן. ס׳האָט אויסגעקוקט, ווי שאָטנס וואָלטן זיך געהאַט אַרומגענומען מיט די בילדער אויף די ווענט, מיט די בלומענטעפּ אויף דעם דיל, מיט די נישט־פאַרענדיקטע פּייזאַזשן און נאַטורמאָרטן.

זיי זענען געזעסן אויף דער סאָפקע איינער לעבן צווייטן, ס׳האָט נאָר געפעלט זיי זאָלן זיך צוטוליען איינער צום אַנדערן.

פאַר וואָס טאַקע נישט? ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַ פּראָפעסאָר פון אַ יאָר זעקס און דרייסיק, אַ פּראָפעסאָר פון געשיכטע, וואָס איז דורך אַ פּאָליטישער איבערקערעניש אין זיין לאַנד אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זיין אוניווערסיטעט־קאַטעדרע און דער ווינט האָט אים פאַרטראָגן אין אַ פרעמדער הויפּטשטאָט, זאָל פּלוצלינג ווערן גרייט אויפצונעמען לאַסקעס און צערטלעכקייטן. ס׳איז נישט קיין חרפה. אמת, בת־שבע איז מיט דרייצן־פערצן יאָר יינגער פאַר אים, אָבער אין דעם דאָזיקן מאָמענט איז זי זיין באַשיצערין.

אָבער עפּעס וואָס האָט זיי ביידן צוריקגעהאַלטן. בעלאַ? הירשקע? ווער ווייסט?

## קאַפּיטל 34

בת־שבע האָט נאָך אַלץ נישט דעצידירט. מיט האַנס בוימאַן איז זי נאָך נישט געקומען צו קיין טאָלק, מיט זיך אַליין אייגנטלעך אויך נישט. וואָלט זי געוווּסט וואָס און ווען זי וויל, וואָלט דאָס פּראָבלעם — אַזוי דוכט איר — אויפגעהערט צו זיין אַ פּראָבלעם. נישקשה, זי וואָלט שוין געפונען אַ מיטל ווי אַזוי זיך צו דערשלאָגן צו איר ציל. „אַמבאַראַ דע שואַ" — הייסט עס אין פראַנצויזיש, מחמת דער גרויסער מעגלעכקייט פון אויסוואַל ווערט מען ווי פּאַראַליזירט און מען ווייסט נישט וואָס און ווען אויסצוקלייבן.

אָבער האַנס בוימאַן וויל מסתמא גאָרנישט ווערן אויסגעקליבן... אַזאַ איינדרוק האָט זי פון די שמועסן, וואָס זי האָט מיט אים געפירט.

אָבער אויב נישט האַנס בוימאַן, פרעגט זיך בת־שבע — ווער זשע דען?

בלייבן איינע אַליין אין אַטעליע אויפן מאַנמאַרטר, אָפּגעריסן פון איר פאַמיליע, צעקריגט מיט הירשקען, איינע אַליין מיט אירע געדאַנקען און מיט אירע נישט־פאַרענדיקטע בילדער, דאָס לייגט זיך בת־שבען נישט אויפן שׂכל. וואָס מער זי טראַכט זיך אַריין אין איר מצב, אַלץ מער עלנט קומט זי זיך פאָר.

בת־שבע פילט זיך אַרויסגעשטויסן פון דער ריי. דער גורל האָט זי באַעוולט. בעלאַ שטייט איר אין וועג. ווען נישט זי, וואָלט דער פּראָפעסאָר אפשר געוועזן דרייסטער, בוימאַן וואָלט איצט געווען איר געליבטער און נישט קיין פעדאַנטישער, „קאַרעקטער" פליט.

עס מוז פאַרדראָסיק זיין, וואָס ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז בעלאַ איז בוימאַנס אמתע חברטע און נישט זי. בעלאַ האָט דאָס טאַקע פאַרדינט, דער פּראָפעסאָר אויך, אָבער בת־שבע קען זיך צו גוט. צווישן

הירשקען, שלמהן, בוימאַנען, ווייסט זי שוין וועמען זי וועט איצט אויס־קלייבן.

קודם שלמה. זי קאָן זיך ביז היינט נישט מוחל זיין, וואָס זי איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט אים. איצט חברט ער זיך מיט מלכהלען. עס ווייזט אויס, אַז עס האַלט שוין גאָר ווייט. אַט אַזוי לאָזט בת־שבע זיך באַוועלען פון דער פאַמיליע גראָסמאַן און טוט גאָרנישט, ווי זי וואָלט נישט געהאַט קיין שום מיטל זיך צו פאַרטיידיקן. זי קוקט זיך צו צו אירע מפלות און שווייגט.

איז זי גאָר די באַזולטע, די אָפּגענאַרטע? ווי לעכערלעך דער דאָזיקער געדאַנק זאָל נישט זיין, קאָן זי זיך נישט ווערן קעגן אים. דער נאַרישער געדאַנק לאָזט זיך נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. ער מאַכט זיך כלומרשט אומשולדיק, מאַכט זיך תמעוואַטע, ער טראַכט אויס זאַכן, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. — ס׳איז אָבער אַ פאַקט, אַז האַנס בוימאַן גייט אַרום מיט בעלאַן און שלמה מיט מלכהען. הירשקען האָט בת־שבע — מיט איר שולד אָדער אָן איר שולד — פאַר־לוירן; אויך מיטן פּראָפעסאָר קלעפּט זיך נישט, און שלמה, וואָס איז געווען איר אמתער באַשערטער, האָט זיך אויך אַרויסגעגליטשט פון אירע פינגער. יאָ, די פאַמיליע גראָסמאַן שטייט איר אומעטום אין וועג.

ווידער טראַכט זי פון שלמהן. פון אַלע דריי — איז ער דאָך דער נאָענטסטער און דער ליבסטער. מיט אים דאַרף זי אַ סך נישט רעדן. ער פאַרשטייט זי אויפן ווונק. זיי האָבן ביידע אַ סך בשותּפותדיקע מיינונגען וועגן קונסט, ליטעראַטור און בכלל אויפן לעבן. מיט אים איז זי זיכער אין געשמאַק, אין וועלט־באַנעם און אין דער ליבע. דער אופן, ווי אַזוי ער האָט זיך באַנומען בעת דעם קריזיס, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט, ווען איר איז באַפאַלן דער שגעון זיך צו פאַרבינדן מיט הירשקען, איז גאָרנישט אָפּצושאַצן, איידל, דיסקרעט, חבריש איז ער געווען ביז גאָר.

ער האָט מסתמא געגנוג געליטן פון אירע שטימונגען און קאַפּריזן, זי איז די שולדיקע. זי האָט זיך באַנומען לגבי אים שרעקלעך, שענדלעך, קאָן מען זאָגן. זי האָט אים געשטויסן אין די אָרעמס פון אַ צווייטער, אין די אָרעמס פון אַ פרעמדער.

יאָ, מלכהלע איז פאַר אים אַ פרעמדע, מוז זי זען איצט ווידער אַלץ גוט צו מאַכן, זי מוז איצט ווידער זיך דערנענטערן צו אים. זי איז מער ווי זיכער, אַז איר וועט זיך איינגעבן צו באַווייזן שלמהן אויף ווי ווייט פרעמד מלכהלע איז אים...

זי קאָן נישט בלייבן שטעקן איינע אַליין אין אַ לעבן, וואָס קאָכט און ברויזט, ווו יעדן טאָג קומט אַ נייע סכנה, אָן אַ פריינד און אָן אַ באַשיצער...

און דער אידעאַלער באַשיצער אירער איז שלמה. ער, נאָר ער.

נאָך דעם ווי בת־שבע האָט, הייסט עס, זיך באַקלערט אַהין און אַהער, נאָך דעם ווי זי האָט אָפּגעוווּיגן די מעלות און די חסרונות פון אַלע אירע אינטימע באַקאַנטע, איז זי געקומען צו דער מסקנה, אַז דאָס גלייכסטע וואָלט געווען פאַר איר, זי זאָל חתונה האָבן מיט שלמהן און ענדיקן מיט אַלע קאָמפּליקאַציעס אין איר ראָמאַנטיש לעבן. דאָס וועט אויך זיין די בעסטע געלעגנהייט שלום צו מאַכן מיט איר פאַמיליע, און ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען — אויך מיט דער פאַמיליע גראָסמאַן.

יאָ, די אַטעליע וועט זי טאַקע לאָזן פאַר הירשקען, און זי וועט גיין ווינען — מיט שלמהען פאַרשטייט זיך — אין אַ דירה. זי ווייסט נאָך נישט וועלכע, וואָרעם סיי איר פאַמיליע, ווי זי האָט דערפאַרן פון אַ זיכערן מקור, סיי זיין פאַמיליע קלייבן זיך צו דינגען פאַר דעם יונגן פּאָר אַ שיינע דירה אין די בעסטע געגנטן פון פּאַריז.

הירשקע האָט זיך אָבער אין צווישן אַריינגעוואָרפן צוריק אין זיין פּאָליטיק און נעמט נישט מער דעם פּענדזל אין האַנט. איז ער טאַקע נישט אַזוי באַגייסטערט פון דער אַטעליע, וואָס בת־שבע וויל אים איבער־געבן. ער האָט איר, פאַרשטייט זיך, באַדאַנקט. ער האָט אָבער אויך נישט פאַרפעלט — דאָס איז געשען מיט צוויי וואָכן צוריק — אַריינצוּוואַרפן אין זיין דאַנק עטלעכע איראָנישע באַמערקונגען, וואָס זייער ביטערן און אַזוי צו זאָגן געדעכטן טעם שפּירט זי נאָך עד היום.

— די אַטעליע — האָט ער אַ שמייכל געטאָן — האָסטו די ערשטע געזען, אָבער איך בין צו ערשט אין איר אַריין מיט דיינע בילדער, וואָס איך האָב געבראַכט אַהער צו טראָגן, האָסט באַצאָלט דאָס ערשטע דירה־

געלט, אָבער איך האָב אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט, ווייל דיין חתימה האָט דער זשיראַנט נישט געוואָלט אַקצעפּטירן, דו האָסט אַריינגעטאָן בלומען אין די טעפּ, אָבער איך האָב אויסגעקאָלכט די ווענט; דו ביסט געווען אַ צייט לאַנג מיין חברטע און האָסט מיך אַריינגעפירט אין דער מאָלעריי, אָבער איך בין געווען אַ צייט לאַנג דיין חבר און האָב דיך באַקאַנט געמאַכט מיטן סאָציאַליזם און מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג; ווי אַ היסטאָריקערין האָסטו מיך אַרומגעפירט אין דער פאַרגאַנגענהייט, איך אָבער האָב דיר באַוויזן ווי אַזוי די צוקונפט וועט אויסזען. און דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם קליינעם רוים צווישן אָט די פיר ווענט. פאַר דער פאַרגאַנגענהייט און דער צוקונפט איז דער דאָזיקער קליינער רוים געווען גרויס גענוג, אָבער פאַר דעם היינט האָט ער זיך אַרויסגעוויזן צו קליין, צו שמאָל, צו פלאַך.

— וועמענס שולד איז דאָס געווען? — האָט אים בת־שבע געפרעגט.

— שולד? קיינעמס נישט מסתמא — האָט ער געענטפערט — אונדזער היינט איז פּראָסט־פּשוט געווען אַ צו גרויסער... בעת מיר זענען געווען קעגנזייטיק פאַרליבט, האָבן מיר זיך פאַרגעסן און האָבן זיך מיטן היינט נישט גערעכנט. אַ פאַרשעמטער איז ער געשטאַנען ערגעץ אין אַ ווינקל מיט זיינע פּראָבלעמען, מיט זיינע פראַגן.

— וואָס האָבן מיר געזאָלט טאָן? — האָט זי אים ווידער געפרעגט.

— מיר האָבן געזאָלט זיין פון אָנהייב אָן אָפנהאַרציק, אַראָפּוואַרפן די מאַסקע פון פּנים און נישט זיך שפּילן ווי קאַץ און מויז.

— וואָס מיינסטו מיט דעם?

— איך מיין, אַז מיר... ניין, דו האָסט אין מיר געזען אין אַ געוויסן זין אַן אַליבי פאַר דיין אומרויִקן געוויסן.

— וואָס הייסט?

— האָסט זיך געזאָגט, אַז ס'איז נישט גענוג זיך איינצושטעלן בלויז מיט ווערטער פאַר אַ נייער אָרדענונג. האָסט געוואָלט באַווייזן, אַז דו אַליין ביסט אויך אַ פּראָלעטאַרקע. אַרבעטסטו נישט אין פאַבריק, האָסטו דערפאַר אַ חבר אַ פאַבריק־אַרבעטער, האָסט זיך אויסגעקויפט.

— ס'איז נישט אמת! — האָט בת־שבע פּראָטעסטירט — איך בין מיט

דיר געווען צוליב דיר אַליין, נישט דערפאַר, ווייל איך האָב געוואָלט זיך אויסקויפן, כ׳ווייס אַליין נישט פון וואָס. וואָלטסטו זיך באַטראַכט, וואָס דו וואַרפסט מיר פאָר, וואָלטסטו אַליין געזען, ווי נישט ריכטיק דיין באַשולדי־קונג איז.

— איך באַשולדיק דיך נישט אין גאָרנישט.

— דו באַשולדיקסט מיך יאָ, וואָרעם עס קומט אויס לויט דיר, אַז איך האָב געהאַט נישט קיין ריין געוויסן.

— נישט וועגן דיין פּערזאָן...

— וועגן וועמען דען?

— איך ווייס? אפשר האָסטו געוואָלט ריינוואַשן די סביבה, אין וועלכער דו ביסט געבוירן געוואָרן, דיין פאַמיליע, וואָס האָט דיר געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו בילדן.

— ביסט נישט גערעכט, דאָ אויך נישט, וואָרעם לויט דער מאַרקסיס־טישער קאָנצעפּציע, קאָן גאָר איינער דעם צווייטן נישט אויסקויפן און ריינוואַשן. און דאָס, וואָס דו דערמאָנסט בילדונג, האָסטו מסתמא פאַרגעסן, אַז דיינע אייגענע שוועסטער זענען, נישט געקוקט אויף די שלעכטע עקאָנאָ־מישע באַדינגונגען, אויך נישט באַעוולט געווען פון גורל... און טאָמער ווילסטו, וועל איך דיר זאָגן, ווי אַזוי מען דאַרף פאַרשטיין...

— שטענדיק רעדסטו צו מיר אין אַ טאָן, ווי איך וואָלט געווען דיין תלמיד.

— האָסט מיך נישט געלאָזט ענדיקן דעם זאַץ.

— ער געפעלט מיר נישט.

— וואָס געפעלט דיר נישט?

— גאָרנישט געפעלט מיר. אויך די מאָלעריי געפעלט מיר נישט מער.

— וועמענס מאָלעריי?

— די קונסט בכלל. מיין מאָלעריי אויך נישט...

— אויך אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועלן זיין מאָלערס, קינסטלער, מוזיקער און אַקטיאָרן.

— קאָן זיין! דו ביסט תמיד גערעכט. אין אַ דיסקוסיע ביסטו שטענדיק די זיגערין.

— נישט אמת.

— מיט מיר יעדן פאַלס.

— איך האָב מיר געגעבן די גרעסטע מי באַזיגט צו ווערן פון דיר אויף אַן אַנדער געביט, און עס האָט זיך מיר לײדער נישט איינגעגעבן.

— אויף וועלכן געביט ?

— אין דער ליבע, האַנרי.

— ווידער זוכסטו מיך צו דערנידעריקן. ווייסט וואָס ? ס'האָט נישט קיין זין. לאָמיר אויפהערן זיך צו אַמפּערן. מיר וועלן זיך קיין מאָל נישט פאַרשטיין, אויף קיין שום געביט נישט.

— ווי דו ווילסט.

— און די אַטעליע לאָז איך דיר איבער.

— בראַוואָ ! האָסט זיך גוט אַרויסגעדרייט פון דער דיסקוסיע. מיט איראָניע, מער ווי מיט עלעגאַנץ.

— ווו זעסטו דאָ איראָניע ?

— הער זיך צו, האַנרי, אויב איך האָב דיר פריִער אָנגעבאָטן די אַטעליע, איז דאָס נישט דערפאַר, ווייל איך האָב דיר געוואָלט שענקען אַ מתנה, איך האָב דערמיט נישט געמיינט צו זאָגן, אַז אייגנטלעך געהערט גאָר מיר די אַטעליע, נאָר איך לאָז זי דיר איבער, ווייל איך בין אַ גוטע, איך בין אַ פילאַנטראָפּקע. ביסט דאָך גאָר אַ שלעכטער פּסיכאָלאָג. איך וואָלט קיין מאָל נישט געטראַכט דו זאָלסט אַזוי שלעכט אויסטייטשן אַ זשעסט מײנעם.

— אַ זשעסט, יאָ, נישט מער ווי אַ זשעסט...

— זעסטו, ווי דו פאַרשטייסט אַלץ פאַלש. דאָס וואָרט „זשעסט" באַדייט נישט עפּעס אַזוינס, וואָס איז געקינצלט, נאָר יעדע טאַט, יעטווידע האַנדלונג.

— ווידער א טאָן פון אַ לערערקע.

— דו צווינגסט מיך דערצו. ווי זאָל איך אַנדערש רעדן ? ווי זאָל איך זיך אַנדערש מאַכן פאַרשטענדלעך ?

— שוין גוט, שוין גוט... בת־שבע. איך בלייב אין אַטעליע.

— טאָ גיב מיר אַ קוש !

— פאַר וועמענס וועגן קושן מיר זיך ?

— וואָס הייסט ?

— איך מיין: וועמען האָסטו איצט אויסגעקליבן פאַר דיין קרבן ? האַנס בוימאַן ?

— ניין.

— וועמען דען ?

— זאָג מיר צו, אַז דו וועסט פון מיר נישט לאַכן, וועל איך דיר אויסזאָגן אין וועמען איך בין אויף אַן אמת פאַרליבט...

— איך זאָג דיר צו.

— אין שלמהן.

הירשקע האָט נישט געהאַלטן וואָרט. אַזוי לאַכן ווי ער האָט דאָס מאָל געלאַכט, האָט זי אים נאָך ביז איצט נישט געהערט, ס'האָט אים אַזש אַ וואָרף געטאָן אויף דער סאָפקע. ער האָט נישט געקאָנט אויפהערן. זי האָט זיך דערשראָקן. די אויגן האָבן זיך ביי אים פאַרגלאָצט. ס'האָט זיך געדאַכט: אָט קריגט ער דאָס פאַליקע.

זי האָט זיך באַמיט צו דערגיין וואָס באַדייט הירשקעס ווילדע געלעכטער, וואָס קאָן מען פון אים אַרויסדרינגען. געווען איז אין אים באַוווּנדערונג, איראָניע, נצחון, שטוינונג און איבעררעאַשונג, און נאָך עפּעס, וואָס לאָזט זיך גאָר נישט דעפינירן. ער האָט זיך געקייקלט און בעת מעשׂה געשריגן ווי אַ באַנומענער: אוי, אוי, אוי!

געלעכטער איז אַנשטעקנדיק. אויף אים קוקנדיק, האָט זי זיך אויך פונאַנדערגעלאַכט. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי זי וואָלט זיך אַליין אויסגעלאַכט — זיך און אירע געדאַנקען, און אירע קענטעניש, און איר טאַלאַנט, און איר חן.

# קאַפּיטל 35

אַ נייער סקאַנדאַל: סטאַוויסקי־אַפּערע.

אמת, דער דאָזיקער סקאַנדאַל, אין פאַרגלייך מיט דעם היטלער־אוראַגאַן, וואָס האָט פון יענער זייט רהיין געבושעוועט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, איז געווען אַ גאָרנישט, אָבער אַ שטיקל אַנאַלאָגיע מיט דער ערב־היטלער־תקופה איז די סטאַוויסקיאַדע דאָך געווען.

די פראַנצויזישע רעפּובליק, און ממילא אויך די נייע היים פון אַזוי פיל יידישע אייננוואַנדערער און פּליטים, האָט זיך געפונען אין סכנה.

דער אַפעריסט איז נישט גלאַט אַזוי אַ גנב, אַ שווינדלער, אַ מערדער, וואָס זיינע קרבנות זענען פּריוואַטע מענטשן, אַזוי צו זאָגן, נאָר עס ווערן קאָמפּראָמיטירט פּאַרלאַמענטאַריער און מיניסטאָרן, פּערזענלעכקייטן, וואָס דינען ווי אַביישפּיל פאַר דער גאַנצער מדינה. דאָס שמעקט שוין מיט אינטערפעלאַציעס אין פּאַרלאַמענט, מיט אויספאָרש־קאָמיסיעס, וואָס באַמיִען זיך, ווי דער מנהג איז, נישט צו פאָרשן, נאָר וואָס מער צו פאַרדעקן דעם סקאַנדאַל, כדי די שטייער־צאָלער זאָלן זיך נישט כאַפּן ווו עס קומט אַהין זייער געלט, זייער פּראַצע.

ווער שמועסט נאָך, אויב דער אַפעריסט איז אַן אויסלענדער אָדער שטאַמט אָפּ פון אויסלענדישע עלטערן, אָדער, וואָס דאָס איז שוין גאָר שלעכט, אַ ייד, ווייניקסטנס אַ האַלבער ייד, ווייל זיין טאַטע, זיין מאַמע אָדער זיין זיידע זענען געווען יידישע — דעמאָלט הייבט אָן די אָרדענונג צו פיבערן און עס האַלט שמאָל מיט איר: מאַניפעסטאַציעס, קאָנטער־מאַניפעסטאַציעס, פּוטשן, פאַרשווערונגען, סקאַנדאַלן, סקאַנדאַלעכלעך מכל המינים, שיִער־שיִער נישט פּאָגראָמען, וואָס זענען דאָך די געוויינלעכע באַגלייט־דערשיינונגען פון דעם רוב איבערקערענישן.

אַ ביז גאָר שלעכטער סימן פאַר דער רו, פאַר דער זיכערקייט און

פאַר דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל גופא איז דאָס, וואָס די רעאַקציאָנערן ווערן פלוצלינג צדיקים און זאָגן, אַז זיי נעמען זיך אָן די קריוודע פון פאָלק, זיי נעמען זיך אָן פאַר דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל און זיי ווילן אויסראַמען דאָס שלעכטס אין לאַנד. מיטן וואָרט „שלעכטס" מיינען זיי, פאַרשטייט זיך, קודם־כל די יידן, די איינגעבוירענע אַזוי גוט ווי די איינגעוואַנדערטע, כאָטש צו ערשט שיטן זיי אין זייערע צייטונגען, אין זייערע פּראָקלאַמאַציעס און אין די אויפשריפטן אויף די ווענט און אויף די שאָסייען פון פראַנקרייך, פעך און שוועבל אויף די אויסלענדישע יידן, וואָס זענען אָנגעלאָפן אַהער, זאָגן זיי, פון אַלע עקן וועלט און פאַרסמען מיט זייער אָטעם די לופט, פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן אין מיטל־עלטער פאַרסמט די ברונעמס.

פאַרלאַנגען טאַקע די דאָזיקע מאָראַל־פּרעדיקער פון די יידישע פאַר־ברעכער, זיי זאָלן זיך אָפּטראָגן מיטן גוטן פון דאַנען, איידער דאָס געדולד פון די ערלעכע בירגער, אַלץ איינס אַרבעטסגעבער צי אַרבעטסנעמער, וועט פּלאַצן; וואָרעם זיי ווילן נישט, זאָגן זיי, פאַרגיסן אַפילו קיין שולדיק בלוט, זיי זענען קריסטן און זייער רעליגיע איז אַ רעליגיע פון גוטסקייט און פון ליבע, נישט ווי די יידן, וואָס האָבן, ווי אַלע ווייסן, מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געקרייציקט דעם אומשולדיקסטן פון די אומשולדיקע, פאַרגאָסן אומזיסט און אומנישט דאָס בלוט פון יעזוסן.

געוויס איז דאָס נישט זייער איינציקע אַרגומענטאַציע. מען לעבט דאָך פאָרט אין די מאָדערנע צייטן, און די אַרבעטער, ווייסן זיי, קאָן מען מער מיט אַזעלכע אַרגומענטן נישט איבערצייגן. וואַרפן זיי אַריין אַ וואָרט אויך קעגן קאַרל מאַרקס, וואָס איז געווען אַ ייד, אַ מין צווייטער משה און אַ דייטש נאָך דערצו, דאָס הייסט אַ קעגנער פון דער פראַנצויזישער אימ־פּעריע, אַ צווייטער ביסמאַרק, אַ שליח פון די געהיימע זקני־ציון, פון אָט דער אינטערנאַציאָנאַלער געהיימער פאַרשווערער־באַנדע, וואָס וויל חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט און אַלע רעליגיעס. דאָס האָבן די זקני־ציון געמאַכט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, זיי האָבן דערמאָרדעט די צאַרישע פאַמיליע. זיי האָבן איינגעפירט אין אונגאַרן די בלוטיקע דיקטאַטור פון בעלאַ קון, וואָס איז אויך אַ ייד, פּונקט ווי טראָצקי און ווי סטאַלין... זיי זענען די שולדיקע אין די איבערקערענישן אין בייערן, אין זאַקסן, זיי זענען

די אָנפירער פון דעם ספּאַרטאַקיסטן־בונד. ווו נאָר די זקני־ציון דערשמעקן אַ קרבן, פאַלן זיי גלייך אָן אויף אים און מאַכן פון אים אַ תל.

האָט זיך געטאָן און געקאָכט אין פּאַריז. די סטאַוויסקי־אַפערע איז אָבער אויסגעבראָכן אָדער צו שפּעט אָדער צו פרי. אין די רעאַקציאָנערע קרייזן האָט מען נאָך נישט געהאַט באַוויזן צוצופּאַסן די בייטיקע שלאָג־ווערטער און דעריבער האָט מען געמוזט אָנקומען צו די סאַמע אידיאָטיש־סטע, אַנטיסעמיטישע לאָזונגען און „באַווייזן". אין אַ צייט ווען מצות ווערן געבאַקן אין די פאַבריקן, ווו עס אַרבעטן קריסטלעכע אַרבעטער, האָבן אויך די בלוט־בלבולים נישט געקאָנט אויסנעמען אַפילו ביי די גאַנץ געוויינלעכע אַנטיסעמיטישע קליִענטן. די מעשה מיט די פאַנטאַסטישע זקני־ציון, די פירערס פון דער אַלוועלטלעכער ווירטשאַפט און פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן באַנקוועזן, וואָס זיצן אין אַלע טרעסטן און פאַרנעמען די הויפּט־פּאָסטנס נישט בלויז אין אַלע רעגירונגען פון דער גאָרער וועלט, נאָר אויך אין דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, אפשר אויך אין דעם וואַטיקאַן, האָט זיך אויך נישט געלייגט קיינעם אויפן שׂכל.

אויב שוין יאָ פאַנטאַמען, האָט דער אָדער יענער ווילדער אַנטיסעמיט מסתמא געקרימט מיט דער נאָז, וואָלטן זיי דאָך געדאַרפט זיין אויך אין דעם פאַשיסטישן און אין דעם היטלעריסטישן לאַגער. מאַקיאַוועלי טוט נישט קיין האַלבע אַרבעט און בלייבט נישט אויף איין אָרט, אַנישט ריזיקירט ער צו ווערן אויס מאַקיאַוועלי.

אפשר איז מוסאָליני, אפשר איז אַדאָלף היטלער אויך איינער פון די זקני־ציון? מילא, מוסאָליניס צוגעהעריקייט צו דער דאָזיקער געפערלעכער באַנדע, וואָס פאַרסמט די וועלט, וואָלט נאָך ווי נישט איז זיך געלאָזט אויסטייטשן. זענען דאָך אין דער איטאַליענישער אַרמיי פאַראַן יידישע גענעראַלן און אין דער פאַשיסטישער פּאַרטיי גופא באַגעגנט מען אַ פּאָר יידן. אָבער היטלער?

קיין שום אַנטיסעמיטישע דיאַלעקטיק איז נישט געווען אין שטאַנד נישט בלויז צו געפינען אַן אַרגומענט פאַר דער דאָזיקער אויבער־סברא, נאָר אַפילו נישט אַרויפלאָזן אויפן געדאַנק דעם פשוטן קורצן זאַץ: „היטלער איז איינער פון די אָנפירער פון די זקני־ציון".

האָט דאָך אַלפרעד ראָזענבערג, היטלערס מייסטער, לערער און גלייכ־צייטיק אונטערגעאָרדנטער געטרייער תלמיד, זיך געהאַט געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט אין זיין בוך: „די זקני־ציון און די יידישע וועלט־פּאָליטיק" צו באַווייזן, אַז די איינציקע רפואה קעגן דעם גיפט, קעגן דער דעמאָקראַטיע און קעגן דעם סאָציאַליזם, וואָס די דאָזיקע „העברעיִשע פאַר־ברעכער" פאַרשפּרייטן איבער דער גאָרער וועלט, איז דער „טויזנטיאָרי־קער רייך", וואָס וועט אויפגעריכט ווערן דורך אַדאָלף היטלער (דאָס דאָזיקע בוך איז פאַרפאַסט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער ערשטער אויפלאַגע נאָך איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט).

היטלער, אַן אָנפירער פון די זקני־ציון — די פראַנצויזישע אַנטיסעמיטן און רעאַקציאָנערן, די קאַמלאָ די רואַ, די „צלמים פון פייער", און אַלע אַנדערע באַנדעס וואָלטן געגעבן ווער ווייסט וואָס, כדי צו קאָנען אידענטיפיצירן די זקני־ציון מיט די דייטשן, וואָרעם אין אָנהייב זענען זיי, ווי מען ווייסט, געווען ריוואַלן פון די פאַן־גערמאַניסטן, ביז דאָ גאָר נישט לאַנג האָבן זיי קיין שום חילוק נישט געמאַכט צווישן יידן, פריימויערער, דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, וועגעטאַריער, טעאָזאָפן און דייטשישע מאָנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן און ספּאַרטאַקיסטן.

די געשעעענישן אָבער גייען געשווינד; די שלאָגווערטער באַוויזן נישט זיי נאָכצויאָגן. אַלע טאָג וואָלט מען געדאַרפט זיי רעווידירן פון דאָס ניי און זען, וועלכע עס טויגן, וועלכע נישט, וועלכע מען דאַרף אַרויסוואַרפן אָדער וויניקסטנס אָפּלייגן אין אַ זייט ביז עס וועט זיך עפּעס מאַכן אַזוינס, וואָס וועט די אַלטע שלאָגווערטער ווידער אַרויסרוקן אין פאָדערגרונט און מען וועט ווידער קאָנען זיך מיט זיי באַנוצן.

נאָר ווער האָט דאָס צייט צו מאַכן דעם אָפּקלייב? ווער האָט דאָס צייט זיך מיט זיי צו צערעמאָניען? איין שלאָגוואָרט איז סותר דאָס אַנדערע. נישקשה. אין אַ צייט, ווען אַלץ איז געווענדט קעגן יידן, קעגן אויסלענדער, קלייבט מען נישט שטאַרק איבער... טאָמער די אָדער יענע באַשולדיקונג קלעפּט זיך ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט, מאַכט אויך נישט אויס; דער עיקר איז דאָך נישט, אין וואָס די יידן ווערן באַשולדיקט, נאָר דער פאַקט, אַז זיי ווערן באַשולדיקט.

קומט אויס, אַז די יידן, נישט בלויז וואָס זיי מאַכן יד־אחת מיט זייערע פֿאַרפֿאָלגער אין דייטשלאַנד, מיט זייערע תּלינים, נאָר זיי ברענגען אויך צו שטאַנד די משוגענע קונץ צו זיין גלייכצייטיק באַנקירן, קאַפּיטאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן, באַנדיטן, אַטעיִסטן און וואָס נישט?

אַ געיעג פֿון אַנטי־יידישע שלאָגווערטער. ווי גיפֿטיקע פֿייַלן פֿלי־ען זיי און צילעווען זיך אין די יידישע עמיגראַנטן. פֿון די קעפּלעך אין די צייטונגען קוקן זיי אַרויס. עס דערגייט דערצו, אַז מער ווי איין יידישער עמיגראַנט הייבט סוף־כּל־סוף אָן צו צווייפֿלען אין דער פֿראַנצויזישער גרויסער רעוואָלוציע, די מאַמע פֿון אַלע מאָדערנע פֿרייהייט־באַוועגונגען אין דער גאַרער וועלט.

צום גליק זענען די אַנטיסעמיטישע העצערס געווען אַ נישטיקע מינ־דערהייט. אינסטינקטיוו האָבן די פֿראַנצויזן אין זייער גרעסטער מערהייט זיך דעאידענטיפֿיצירט מיט די אַנטיסעמיטישע העצערס. נאָר אַ קליינע צאָל סטודענטן־קוליגאַנעס, צעבאַלעוועטע זינדלעך פֿון די אינדוסטריע־מאַגנאַטן, האָט זיך באַמיט צו שאַפֿן אַ פּאָגראָם־שטימונג. אַרויסגעוואָרפֿענע מי! זיי האָבן זעלטן זיך געטרויט אַראָפּצוקומען מיט זייערע כוליגאַנישע אַנטי־יידישע אויסרופֿן אין די אַרבעטער־געגנטן, אויפֿן בעלוויל, צום ביישפּיל, ווו עס האָט זיך געפֿונען דער רוב בנין ומנין פֿון דער יידישער איינגעוואַנדערטער אַרבעטערשאַפֿט. טאָמער יאָ, האָט מען זיי דאָרט אַזוי צעשלאָגן, אַז זיי האָבן שוין פֿאַרזאָגט אַ צענטן זיך דאָרט נישט צו באַווייזן.

די פֿראַנצויזישע אַרבעטער און פֿאָלקס־מענטשן האָבן זיך אָנגענומען די יידישע קריוודע. זענען די יידן אין פּאַריז דאָס מאָל נישט געשטאַנען אַליין. זיי האָבן פֿאַרמאָגט אַ מעכטיקן פֿאַרבינדעטן. מען דאַרף נישט פֿאַרצווייפֿלען. פּאַריז איז פֿאָרט אַ נייע היים, מער היים נאָך, קאָן מען זאָגן, ווי פּוילן, רומע־ניע, אונגאַרן אָדער היטלער־דייטשלאַנד, פֿון וואַנען זיי זענען געקומען אַהער צו לויפֿן, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פֿון זייער אַלטער האָפֿענונג צו געפֿינען ערגעץ ווו אַ ווינקל אָן רדיפֿות און פֿאַרפֿאָלגונגען.

אין דער „קולטור־געזעלשאַפֿט" קאַכט, אין די סינדיקאַטן אויף רי גראַנזש־אָ־בעל טוט זיך מעשׂים און אין די יידישע וואַרשטאַטן איז די שטי־מונג אַן ערב־רעוואָלוציאָנערע, כאָטש אויבן־אויף האָט דערווייל דאָך גאַר־

נישט פאַסירט אַזוינס, וואָס שמעקט מיט אַן איבערקערעניש. ס'איז נישט קיין מלחמה, נישט קיין הונגער־עפּידעמיע, נאָר אַ פינאַנס־שווינדל, איינער פון אַ סך, אפשר דער סאַמע קלענסטער פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע סקאַנ־דאַלן פון דעם מין.

## קאַפּיטל 36

די ידיעה וועגן דעם איבערפּאַל אויף דעם פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט און דער אָפּקלאַנג פון דער שיסעריי אויף פּלאַס־דע־לאַ־קאָנקאָרד האָבן געפּלאַצט ווי אַ באָמבע אין פּאַריז.

וואָס איז געשען? ווער האָט אַטאַקירט דעם פּאַרלאַמענט? ווער האָט געשאָסן? וואָס זאָגט דערצו די אַרבעטערשאַפט? ווי פאַרהאַלט זיך דער פּראָלעטאַריאַט ביי ציטראָען און ביי רענאָ?

אָט די אַלע פראַגעס זענען אויפגעקומען צו דער זעלביקער מינוט אין אַלע פּאַריזער קוואַרטאַלן אויף אַ מאָל. אויף אַלעמענס ליפּן זענען זיי געהאָנגען.

אין די נעוראַלגישע פּונקטן פון פּאַריז איז די געוואַלדיקע אומרויִקייט געווען קענטיק אַפילו פאַר אַ נישט־געניט אויג. רעדלעך אויף אַלע ראָגן, ביי אַלע קאַפעס, ביי די קיאָסקן, נאָך איידער עס האָבן זיך באַוויזן די נאָכמיטאָג־צייטונגען און די עקסטראַ־בלעטער. מען האָט דיסקוטירט, זיך געאַמפּערט, געפּרווט טרעפן, וואָס עס איז געשען, פאַר וואָס דאָס איז געשען, קעגן וועמען דאָס איז געשען.

אויפן פּלעצל, אויפן בעלוויל, אויפן פּלאַס־דע־לאַ־רעפּובליק האָט געהערשט אַ פּאַניק. דער אָדער יענער עמיגראַנט האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצופּאַקן זיין וואַליזקע, האָט ער שוין געדאַרפט טראַכטן וווהין ווייטער צו לויפן...

ביי די קאַפעס פון בעלוויל, ביי די מעטראָ־איינגענג זענען געשטאַנען יידן און געזיפצט.

— וואָס וועט זיין? וואָס וועט פאַרט זיין?

— סטאַוויסקי, זאָגט מען...

— ווער איז סטאַוויסקי?

— וואָס איז סטאַוויסקי ?

— סטאַוויסקי איז אַן אַפּערע, אַ שרעקלעכע אַפּערע.

— וועלכע אַפּערע ?

— איר האָט גאָרנישט געהערט ?

— איך האָב נישט געהערט ? ווער האָט נישט געהערט פון דער סטאַוויסקי־אַפּערע ? זי ציט זיך דאָך שוין מאָנאַטן לאַנג. אָבער וואָס האָט ער אָפּגעטאָן פאַר אַ פאַרברעכן, דער סטאַוויסקי ?

— ער האָט באַגנבעט די פראַנצויזישע מלוכה.

— נישט אַזוי געפערלעך.

— דאָס איז אייך ווייניק ?

— אַ מלוכה שטעלט מען נישט בדלות. נאָר ס׳איז דאָך אַ פאַרדראָס. ערגער איז, ווייזט אויס, דאָס, וואָס ער איז אַ ייד, סטאַוויסקי...

— סטאַוויסקי איז נישט קיין ייד.

— איז ער אַ משומד.

— דאָס גייט אונדז נישט אָן.

— אַזוי זאָגט איר ? אין דייטשלאַנד מאַכט מען נישט מער קיין אונטער־שיד צווישן אמתע יידן און יידן־משומדים. פאַרקערט, אויף משומדים, דערציילט מען, איז היטלער נאָך מער מלא רציחה, ווי אויף יידן.

— אין דייטשלאַנד...

— מאַרקס שטעקט היטלערן ווי אַ ביין אין האַלדז.

— וואָס פאַר אַ פאַרגלייך ?

— ס׳איז יאָ אַ פאַרגלייך, אויב איר ווילט וויסן. היטלער זאָגט, אַז ווען נישט מאַרקס, וואָלט דער ראַטן־פאַרבאַנד אויף דער וועלט נישט געווען.

— אַז מען זוכט אין וואָס זיך צו טשעפּען, געפינט מען שוין.

— פערדינאַנד לאַסאַל און היינריך היינע זענען אויך געווען יידן.

— איך זע שוין, אַז איר טויגט זיך אויס נישט נאָר אין דערדל־שפּילן. איר ווייסט אַפילו ווי עס הייסן אַלע דייטשישע יידן. אָבער סטאַוויסקי, זאָגט איר דאָך, איז נישט קיין ייד ?

— ניין, ער איז נישט קיין ייד.

— דער קאַפּיטאַן דרייפוס איז אָבער יאָ געווען אַ ייד.

— וואָס האָט איר זיך פּלוצלינג דערמאָנט אין דרייפוסן ?

— איך מיין נאָר, אַז ווען זיי פאַרגלוסט זיך אויסצוטראַכטן אַ בלבול אויף יידן, איז זיי אַלץ איינס : סטאַוויסקי, דרייפוס, פּעטליורא, כמיעלניצקי, המן...

— פון דעסטוועגן אויסמישן קאָשע מיט מאַמעליגע זענט איר נישט מחויב. אַזוי איינפאַך איז נישט די געשיכטע.

— וואָס טויג מיר געשיכטע ? דאָס גלייכסטע מיין איך, וואָלט געווען פאַר יידן זיך אַריבערצופּעקלען.

— זיך אַריבערצופּעקלען וווהין ?

— אין בירא־בידזשאַן, צום ביישפּיל.

— אייך וועט מען קיין בירא־בידזשאַן אַזוי לייכט נישט אַריינלאָזן. איך אַליין האָב אויך שוין געטראַכט וועגן דעם. די קאָנטראָל איז אַ גאַנץ שטרענגע. נישט יעדן ווער עס וויל פאָרן, לאָזט מען אַהין אַריין. אַנקעטעס. מען פאָדערט פון אייך איר זאָלט זיין אַ האָרעפּאַשניק, וויניקסטנס נישט קיין הענדלער, נישט קיין סוחר.

— איך פּרוּוו גאָרנישט. איך טויג נישט פאַר בירא־בידזשאַן און בירא־בידזשאַן טויג נישט פאַר מיר, כאָטש בירא־בידזשאַן, זאָגט מען, איז כמעט אַ יידישע רעפּובליק... מיינער אַ פעטער, געדענק איך, האָט זיך אויך פאַרנומען מיט ערדאַרבעט...

— איר האָט באַוויזן ? מיינט נישט, אַז אָן באַוויזן וועט מען אייך גלייבן... מיט די סאָוויעטן שפּילט מען זיך נישט, איר פאַרשטייט ?

— ס'איז נישט גוט...

— קומט, וואָס וועלן מיר דאָ שטיין ? איר ווילט מאַכן אַ דערדל ? מיר וועלן סיי ווי סיי גאָרנישט נישט אויפטאָן.

— גוט, אַ דערדל. נאָר איר מעגט זיך זאָגן, וואָס איר ווילט, די שיסעריי אויף קאָנקאָרד געפעלט מיר גאָרנישט, כאָטש אויף די פּאַריזער אַרבעטער מעג מען זיך פאַרלאָזן. די חברה לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאָשע אַריין...

— פון וועמען ?

— פון וועמען מיינט איר? פון די „קרוא דע פע״, די פייערדיקע צלמים, די רעאַקציאָנערע געווזענע פראָנט־קעמפער, פון די קאַמלאָ די רואַ, פון די מאָנאַרכיסטן הייסט עס. „לע פאַשיזם נע פאַסערא פאַ״.

— דאָס הייסט?

— דער פאַשיזם האָט דאָ נישט וואָס צו זוכן, מען וועט אים פאַרצוימען דעם וועג, מען וועט אים געבן פולווער צו שמעקן, מען וועט אים פאַריאָגן ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט...

— הלוואי, הלוואי! פון אייער מויל אין גאָטס אויערן!

— איר וועט זען... דאָ וועט דער פאַשיזם נישט אויפקומען.

— איר זעט דאָך: היטלער...

— היטלער איז היטלער און פראַנקרייך איז פאָרט פראַנקרייך.

— קאָן מען, הייסט עס, רויִק גיין מאַכן אַ דערדל...

— נישט אַזוי רויִק, נאָר מען האָט דען אַ ברירה?

— פאַראַן אַ ברירה! מען קאָן זיך אָפזאָגן פון אַ דערדל... נישקשה, די וועלט וועט נישט אונטערגיין...

— אונטערגיין נישט, אָבער אַ סך דערמיט אויפטאָן וועלן מיר אויך נישט.

— איך ווייס, איך ווייס... איך האָב נאָר געמאַכט אַ שפּאַס...

# קאַפּיטל 37

פּאַריז באַווייזט ווידער זיין פּנים פון 1789. אָט איז פּלאַס־דע־לאַ־רעפּיבליק. מאַריאַנע האַלט איר שטיינערנעם פרייהייטס־פאַקל אין דער האַנט, אַ זכר פון דעם אויפשטאַנד קעגן דער טיראַניי, זי איז אַרומגערינגלט פון פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע גרופּעס.

די אויסלענדישע מאַניפעסטאַנטן פילן זיך ווי ביי זיך אין דער היים, זיי האָבן דאָס געפיל ווי זיי וואָלטן מאַניפעסטירט אין די גאַסן פון זייערע אייגענע שטעט קעגן זייערע אייגענע טיראַנען, קעגן זייערע אייגענע פאַשיסטן.

פון די יידישע אַרבעטער שמועסט מען נישט, וואָרעם די פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז זייער פאָטערלאַנד און די באַסטיליע איז אין זייערע אויגן אַ דאָפּלטער סימבאָל פון פאַרשקלאַפונג פון איין זייט און פון באַפרייונג פון דער צווייטער. אויך די איטאַליענער, די שפּאַנישע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן, די בולגאַרישע, רומענישע און אונגאַרישע עמיגראַנטן, אַלע, אַלע גיסן זיך איצט אַריין אין דעם מעכטיקן מענטשן־שטראָם, וואָס ציט זיך אָן אויפהער.

שוואַרץ זענען די גאַסן פון מענטשן, רויט זענען די פענער פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און פון די סינדיקאַטן, וואָס פלאַטערן איבער זייערע קעפּ, און רויט זענען די לאָזונגען.

זינט דעם זעקסטן פעברואַר 1934 גייט נישט פאַרביי קיין איין טאָג אָן אַ מאַניפעסטאַציע און אין יעדער מאַניפעסטאַציע באַטייליקן זיך אין די טויזנטער די יידישע איינגעוואַנדערטע אַרבעטער פון בעלוויל, פון פּלעצל, פון רעפּובליק, פון נאַסיאָן און מאָנמאַרטר. אויך יידישע פענער זעט מען אין דער מאַניפעסטאַציע, אויך יידישע רעוואָלוציאָנערע לידער הערט מען זינגען.

הערט זיך איין אַ פראַנצויז אין קלאַנג און אין די ווערטער פון די דאָזיקע לידער און מיינט, אַז ס'איז רוסיש אָדער פויליש.

פירט אים הירשקע אַרויס פון טעות:

— נישט קיין רוסיש און נישט קיין פויליש ליד איז עס, נאָר אַ יידיש ליד, אַ ליד פון יידישע אַרבעטער. פאַראַן אויך יידישע רעוואָלוציאָנערע לידער.

— ווי האָסטו געזאָגט, חבר?

— יידישע. יידיש, דאָס איז די שפּראַך פון די יידישע אַרבעטער.

הירשקע האָט נישט ווילנדיק זיך פאַרקלערט, כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט איז נישט דער מאָמענט זיך וועגן דעם צו חקרנען. וואָס קאָן זיין נאַטירלעכער ווי מאַמע־לשון? נאַטירלעכער ווי דער פאַקט, אַז יידישע אַרבעטער רעדן יידיש און זינגען יידישע רעוואָלוציאָנערע לידער?

שוין לאַנג ווי הירשקע איז צוריק אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. פון דאַן אָן האָט ער זיין מאָלער־פּענדזל נישט גענומען אין האַנט. אָבער נישט דאָס אַרט אים איצט. ער איז זייער אַקטיוו, נאָר עס פּאַסירט, אַז פּלוצלינג ווערט ער אַפּהענטיק און זיין געדאַנק פליט אַוועק, ער ווייסט אַליין נישט וווהין, ווי איצט צום ביישפּיל. נאָר עס דויערט נישט לאַנג, און הירשקע ווערט ווידער מיטגעריסן מיט דער כוואַליע.

לעבן אים מאַרשירן שלמה פינקעלשטיין, בת־שבע, מאָריס, רייזעלע... ער האָט זיי שוין אַ לענגערע צייט נישט געזען, ער איז שטאַרק פאַרנומען. אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן פאַרנעמט ער אין דער געזעלשאַפט „פריינד פון בירא־בידזשאַן". בירא־בידזשאַן איז פונקט דער היפּוך פון מאַנפאַרנאַס, פון בטלנות. בירא־בידזשאַן וויל געזונט מאַכן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, זיי פּראָדוקטיוויזירן, זיי פאַרבינדן מיט דער ערד.

קאָן מען אָבער קונסט, ליטעראַטור, מוזיק אַריינרעכענען צווישן די פּוסטע חלומות? וואָס איז בת־שבעס מיינונג וועגן דעם?

בת־שבע... זיי זענען דאָך פאַרבליבן גוטע־פריינד און טראָגן נישט

קיין כעס איינער אויף דעם צווייטן. פֿאַרקערט. דאַנקבאַר דאַרף ער איר זיין, וואָס זי האָט אים אַ צייט לאַנג געשאָנקען איר ליבע און האָט זיך נישט גערעכנט מיט דעם, וואָס גייסטיק קאָן ער זיך מיט איר נישט פֿאַרגלייכן, זי האָט אים אַריינגעפֿירט אין דער מאַלעריי, זי האָט אים דערמוטיקט און האָט געלויבט זיין טאַלאַנט.

פֿאַר וואָס האָט זי עס אָבער געטאָן? וואָס האָט זי אין אים אַזוינס געפֿונען, אַז זי זאָל קאָנען, אין משך פֿון לאַנגע חדשים, וואָס זענען ליידער צו גיך, געשווינד אַוועקגעפֿלויגן, אים באַטראַכטן ווי איר איינציקן חבר, ווי איר געליבטן, ווי איר מאַן? נישט אַנדערש, דאָס איז געווען אַ קאַפּריז. זי האָט געמאַכט מיט אים אַן עקספּערימענט. וואָס פֿאַר אַן עקספּערימענט? נאָך וואָס האָט זי עס נייטיק געהאַט? איצט אָבער איז ער פֿריי, פֿריי פֿון די קייטן, וואָס זי האָט געהאַט אָנגעטאָן אויף אים, פֿריי פֿון דער מאַלעריי, און ער איז צוריקגעגאַנגען אַהין ווו ער געהערט — צו דער גרויער אַרבעטער־מאַסע.

אָבער אַפֿילו איצט, כאַפּט ער זיך באַלד, איז ער אויך נאָך נישט אין גאַנצן געוואָרן אַ טייל פֿון דער מאַסע, וואָרעם ער איז דאָס, וואָס מען רופֿט אָן אַ „פֿאַראַנטוואָרטלעכער", אַזוי אין דער „קולטור־ליגע", אַזוי אין דער געזעלשאַפֿט „פֿרייַנד פֿון בירא־בידזשאַן" און אַזוי אויך אין די סינדיקאַטן... גיין, אין די סינדיקאַטן מישט ער זיך אין דער לעצטער צייט זייער ווייניק. ער איז דער סעקרעטאַר פֿון דער קאָמיסיע פֿאַר אָפּקלייב פֿון קאַנדידאַטן קיין בירא־בידזשאַן. דאָס איז אַ האַלב־אָפֿיציעלער פּאָסטן, ער איז שיִער־שיִער נישט אַן אָנגעשטעלטער פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד. וויצע־קאָנסול איז ער, קאָן מען זאָגן. ער דאַרף אויפֿפּאַסן אויף דער פּאָליטישער כשרות פֿון די בירא־בידזשאַנער קאַנדידאַטן. נאָר פּאַרטיי־חברים און אומפּאַרטייִשע ווערן צוגעלאָזן, אָבער נישט די „סאָציאַל־פֿאַשיסטן", ווי מען האָט די סאָציאַליסטן ביז איצט גערופֿן. איצט, מיטן אויפֿקומען פֿון פֿאָלקספֿראָנט איז דאָס דאָזיקע זידלוואָרט פֿאַרשוווּנדן... אגב, ווילן גאָרנישט יידישע סאָציאַליסטן פֿאָרן קיין בירא־בידזשאַן, אויך נישט די ציוניסטן פֿון אַלע שאַטירונגען...

נאָר וואָס האָט ער זיך דאָ פּלוצלינג פֿאַרטראַכט וועגן בירא־בידזשאַן?

עס קאָן זיין דערפאַר, ווייל אויך אין דער אַרבעט איז ער נישט זייער צופרידן מיט זיך. געדאַרפט וואָלט ער דער ערשטער זיך אַריבערפעקלען אַהין און אָנהויבן פירן דאָרט אַ שווער, אָבער אַ געזונט לעבן. איז ער אָבער דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר בירא־בידזשאַן אין פאַריז.

חוץ דעם, גנבעט זיך אין אים אַריין אַ קאָמישער געדאַנק אַזאַ, וואָס צעמישט אים גאָר זיינע רעיונות:

— ווער וועט אויספאָרשן דיין כשרות און גאַראַנטירן, אַז דו גופא פאַסט קיין בירא־בידזשאַן? ווער וועט מאַכן איבער דיר אַן אַנקעטע? איבער זיך זאָגט מען נישט קיין עדות, איבער זיך גופא אַנקעטעוועט מען נישט...

## קאַפּיטל 38

די שמועסן צווישן די מיטגלידער פוןביידע פאַמיליעס גראָסמאַן און שטיין און פון זייערע נאָענטע פריינד זענען בעת דער דאָזיקער מאַני־פעסטאַציע געווען פאַרפלאָנטערט ביז גאָר.

— ביסט זייער געשיקט, בת־שבע — האָט געזאָגט הירשקע — איך באַוווּנדער דיך. נישט ווי קיין פרוי באַוווּנדער איך דיך איצט, וואָרעם ווי ראַפינירט איך ליבע דו זאָלסט נישט זיין, קאָן מען זאָגן, אַז דו האָסט עס אַרויסגעלייענט פון די פראַנצויזישע ראָמאַנען, פון סטענדהאַל, פון פלאָבער, פון גי דע מאָפּאַסאַן און פון אַנדערע גרויסע מייסטערס. דו קאָנסט זיך דאָך נישט פאַרגלייכן אין דער הינזיכט מיט אַ גאַנץ איינפאַך פראַנצויזיש מיידל, מיט אַ מידינעטקע, מיט אַן אַרבעטערין אָדער אַ מאַשיניסטקע. איך באַוווּנדער דיך איבער דיינע אַנדערע פעיִקייטן. אַט האָסטו איצט ביידע זאַכן אויף אַ מאָל: אי דו מאַרשירסט מיט די אַרבעטער אין איין ריי, אי דו האָסט שלמהן, דעם רייכן גאָלדשמידס זונדל פאַר אַ מאַן. דו לעבסט אויף צוויי פראָנטן, אפשר אויף דריי פראָנטן, וואָרעם דו ביסט דאָך אויך אַ באַהעם, אַ מאָלערין, אַ קינסטלערין און דו פּילסט זיך באַפרייט פון אַלע פאָראורטיילן.

— ביסט אומגערעכט, הירשקע — האָט אָפּגעענטפערט בת־שבע — איך פאַרשטיי נישט פאַר וואָס דו ביסט אין כעס אויף מיר. האָב איך דיר געטאָן שלעכטס? האָב איך דען איך נישט געמיינט ערנסט מיט דיר? וואָס שייך אונדזערע אינטימע באַציִונגען, וויל איך מיט דיר נישט דיסקוטירן. עס קאָן זיין, אַז דאָס פראַנצויזישע מיידל זשאַנעט, מיט וועלכער דו טרעפסט זיך פון צייט צו צייט, איז מער צוגעפּאַסט צו דיין טעמפּעראַמענט, ווי איך. ס'איז נישט קיין פראַגע פון ראַפינירטקייט, נישט פון קענטעניש, נישט פון טעכניק, נאָר פון טעמפּעראַמענט. אָבער דו וואָרפסט דאָך מיר

פאַר עפּעס אַזוינס, וואָס מען קאָן באַצייכענען מיט וואָרט „פּאַרראַט".
האָב איך דיך פאַרראַטן!

— יאָ, דו האָסט מיך פאַרראַטן.

— עס וועט זיין, מיין איך, ריכטיקער צו זאָגן, אַז דו האָסט מיך פאַרראַטן, דיין אינטימע באַקאַנטשאַפט מיט זשאַנעט האָט זיך דאָך אָנגעהויבן, ווי דו האָסט אַליין זיך מודה געווען, אַ צייט לאַנג נאָך איידער מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, יאָ אָדער ניין?

— באַקאַנטשאַפט, אָבער נישט דאָס, וואָס דו רופסט אָן „אינטימע באַקאַנטשאַפט".

— האָסט מיר אַליין דאָס געזאָגט, זיי זיך מודה, אונדז הערט דאָך קיינער נישט.

— איך האָב געוואָלט דיר ווי טאָן. איך אַליין בין אויך געווען בייז און דערשלאָגן.

— פאַר וואָס האָסטו מיר געוואָלט ווי טאָן?

— וועקן דיין אייפערזוכט...

— דו און אייפערזוכט? ווען ס'האָט זיך גערעדט וועגן אייפערזוכט, האָסטו אַרויסגעוויזן בלויז סאַרקאַזם. האָסט געזאָגט, אַז צווישן פרייע מענטשן טאָר קיין אייפערזוכט נישט זיין. נאָר קליינבירגער זענען אייפערזיכטיק.

— מאַלע, וואָס איך האָב געזאָגט. אייפערזוכט וועט שטענדיק עקזיס־טירן. בין איך טאַקע געווען אייפערזיכטיק אויף דיר, אויף דיינע באַקאַנט־שאַפטן און אויף דיינע פריינדשאַפטן און איך האָב געוואָלט, אַז אויך דו זאָלסט ווערן אייפערזיכטיק, אָבער אין דער אמתן...

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי, איך האָב געוווּסט, אַז דאָס וואָס דו זאָגסט, דאַרף מען נישט נעמען צו ערנסט...

— אַזוי גאָר? האָסט מיר נישט געגלויבט? איך ווייס: שטענדיק האָסטו געוואָלט זיין די קלוגע, די, וואָס כיטרעוועט דעם צווייטן איבער. וואָס ווילסטו אָבער זאָגן, אויב איך וועל דיר איצט אַנטרויען אַ סוד, אַז דעמאָלט האָב איך גראָד יאָ געזאָגט דעם ריינעם אמת און איצט זאָג איך ליגן?

— דאָס איז שווער צו גלייבן.

— איך שווער דיר.

— שווער נישט פֿאַלש.

— איך ווייס שוין אַליין נישט, וואָס עס איז אמת און וואָס עס איז פֿאַלש... דו צעטומלסט מיך, בת־שבע... זאָג: פֿאַר וואָס פֿייניקן מיר איינער דעם צווייטן?

— מיך פֿייניקסטו נישט, מיין טייערער הירשקע, דו האָסט אויך אַ טעות, אויב דו מיינסט, אַז איך וויל דיך פֿייניקן. אַ גרויסן טעות האָסטו, וואָרעם פֿאַר וואָס זאָל איך דיך וועלן פֿייניקן? נישט דעמאָלט בין איך געווען אייפֿערזיכטיק און נישט איצט בין איך אייפֿערזיכטיק. גלייב מיר יאָ, אָדער גלייב מיר נישט. מיר איז טאַקע פֿרעמד דאָס געפֿיל פֿון אייפֿערזוכט, נישט דערפֿאַר ווייל איך האָב מורא, אַז מען וועט זאָגן אויף מיר, אַז איך בין אַ קליינבירגערין, נאָר ווייל...

— ווייל דו ביסט אַ שטאָלצע, ווייל דו ביסט צו פֿיל איינגעגלויבט אין זיך.

— קאָן זיין ביסט גערעכט, הירשקע...

— ביסטו אַן עגאָיִסטקע.

— קאָן זיין...

— און שלמהן האָסטו כאָטש ליב?

— דאָס איז מיין פּריוואַטע זאַך. איבעריקנס, וואָס איז ליבע? ווער קאָן פֿאַרשטיין וואָס ליבע איז?

— פֿאַר וואָס האָסטו חתונה געהאַט מיט שלמהן, חתונה געהאַט מיט דער גאַנצער פּאָמפּע, אויב דו ווייסט נישט, צי דו האָסט אים יאָ ליב, צי נישט?

— מיש זיך נישט אַריין, איך בעט דיך, אין מיינע ליבעס, איך מיש זיך אין דיינע ליבעס אויך נישט אַריין.

— אין דיינע פֿאַרראַטן, ווילסטו זאָגן?

— זאָל זיין פֿאַרראַטן, ווי דו רופֿסט עס אָן אויף זייער אַ קליינבירגער־לעכן לשון...

— פֿאַר וואָס קליינבירגערלעך?

— ווייל נאַר קליינבירגער, וואָס פאַר זיי איז ליבע אַן אייגנטום־פאַרהעלטעניש, וואַרפן זיך אַרום מיט אַזעלכע ווערטער, ווי פאַרראַט און אפּנאַרעריי.

— נישט דאָס האָב איך געמיינט...

— אָט וועל איך דיר זאָגן: דו מיינסט, אַז בלויז אין דער אַזוי גערופענער פרייער ליבע זענען אי דער מאַן אי די פרוי פריי יעדן טאָג זיך פונאַנדערצוגיין, אָבער נישט אַ פּאַרל, וואָס האָט איין מאָל פאַר אַלע מאָל חתונה געהאַט ביים רב אָדער בלויז אין דער מעריע...

— און שלמה, האָט ער דיך ליב?

— וואָס איז דיר דאָס נייטיק צו וויסן?

— סתם אַזוי.

— פרעג אים, אויב דו ווילסט וויסן.

— עס גייט מיר נישט אין לעבן. איבעריקנס, איז צייט איך זאָל נעמען טראַכטן וועגן וויכטיקערע פּראָבלעמען. עס טויג נישט זיך צו גריבלען אין דעם אייגענעם „איך".

— עס איז אויך נישט גוט זיך צו גריבלען אין דעם „דו"...

## קאַפּיטל 39

צווישן שלמהן און מלכהלען, וואָס האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דער פֿאָלקס־פראָנט־מאַניפֿעסטאַציע, האָט זיך אַנטוויקלט אַ מער אויפֿריכטיקער שמועס.

— ביסט צופֿרידן? — האָט מלכהלע געפֿרעגט.

— אַזוי זיך — האָט שלמה אָפּגעענטפֿערט.

— וואָס הייסט אַזוי זיך?

— איך בין צו איר צוגעוווינט.

— נישט מער ווי דאָס?

— וואָס נאָך ווילסטו?

— איך פֿרעג דיך, צי דו האָסט זי טאַקע ליב?

— זי איז מיין פֿרוי.

— דאָס איז אַלץ?

— דאָס קאָן זיין אַלץ, דאָס קאָן אָבער אויך זיין גאָרנישט.

— דריי זיך נישט אַרויס מיט צווייטייטיקע ענטפֿערס. מיך האָסטו נישט וואָס צו שאַנעווען. אמת, איך האָב דיך נאָך ליב, שטאַרק ליב, אויף יעדן פֿאַל אַ סך ליבער ווי בת־שבע, אָבער איך האָב שוין לאַנג רעזיגנירט פֿון דיר, מעגסטו מיר זאָגן דעם אמת, בפֿרט נאָך, אַז איך פֿרעג דיך נישט, צי דו האָסט מיך נאָך ליב און צי דו האָסט נישט אַ מאָל חרטה, וואָס דו האָסט מיך איבערגעלאָזט נאָך דערפֿאַר, ווייל זי האָסטו געקענט פֿאַר מיר און וואָס דו ביסט, ווי דו האָסט אַקערשט אַליין געזאָגט, צוגעוווינט צו איר...

— איך ווייס, מלכהלע, איך ווייס... איך האָב עס נישט באַדאַרפֿט טאָן...

— האָסט חרטה?

— חרטה? ניין... וואָס עס איז געשען, איז געשען.

— ביסט אַ שוואַכע נאַטור. אַט וואָס!

— זי האָט זיך געפונען איינע אַליין, איינזאַם... קיינער איז נישט געווען לעבן איר...

— זי איז אַליין שולדיק. אפשר נישט? מיין ברודער הירשקע... ניין, איך ווייס נישט, וואָס צווישן זיי האָט פּאַסירט, ווער וועמען האָט געלאָזט שטיין... איך וויל עס גאָרנישט וויסן, אָבער ס׳איז אַ פאַקט, אַז זי האָט זיך צו דיר ווידער דערנענטערט, נאָך דעם ווי זי האָט איינגעזען, אַז מיט האַנס בוימאַן קאָן זי גאָרנישט מאַכן. אַלע אירע אינטריגעס זענען צו נישט געוואָרן. בוימאַן און מיין שוועסטער בעלאַ ליבן זיך צו שטאַרק, און ער איז נישט קיין יינגעלע, ווי דו ווייסט. זי האָט געזען, אַז זי קאָן דעם פּראָפעסאָר פון בעלאַ נישט צונעמען, האָט זי זיך ווידער דערמאָנט אָן דיר...

— אַזאַ נידעריקע מיינונג האָסטו וועגן בת־שבען, אָדער, בעסער געזאָגט וועגן מיר? דאָס וואָלט איך קיין מאָל אויף דיר נישט געגלויבט.

— ניין, שלמה, גלייב מיר, איך האָב נישט געוואָלט דיר ווי טאָן, איך האָב נאָר געמיינט... ווייסטו כאָטש, אַז איך האָב דיך נאָך אַלץ זייער שטאַרק ליב? איך קאָן דיך נישט פאַרגעסן... דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט וועגן בת־שבען, האָב איך, פאַרשטייט זיך, איבערגעטריבן. איך האָב זיך נישט ריכטיק אויסגעדריקט. אַנטשולדיק מיר, שלמה.

— עס זיך נישט אָפּ דאָס האַרץ, מלכהלע, מיין נישט, אַז אַזוי דאַרף שוין פאַרבלייבן שטענדיק...

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— גאָרנישט, מלכהלע, נאָר דאָס איינע קאָן איך דיר זאָגן, אַז איך האָב דיך אויך נישט פאַרגעסן...

— דאָך האָסטו זיך געלאָזט...

— ס׳איז נישט אַזוי איינפאַך ווי דו מיינסט... איך האָב זיך גענוג געוואַקלט...

— און סוף־כל־סוף האָסטו דאָך באַשלאָסן חתונה צו האָבן מיט בת־שבען, אָפּיציעל חתונה צו האָבן... פאַר וואָס?

— ס׳איז שוין פריִער געווען די רייד וועגן דעם.

— ווען פריִער ?

— איידער נאָך מירביידע האָבן זיך באַקענט.

מלכהלע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט אויף אַ קול.

— פאַר וואָס לאַכסטו ? — האָט שלמה געפרעגט.

— אויב דו פרעגסט, האָסטו, ווייזט אויס, אַליין נישט געהערט, וואָס דו האָסט געזאָגט.

— וואָס האָב איך געזאָגט ?

— האָסט געזאָגט, אַז איידער נאָך מיר האָבן זיך באַקענט, האָט איר שוין געהאַט באַשלאָסן חתונה צו האָבן... שפּעטער, נאָך דעם, הייסט עס, ווי זי וועט שוין האָבן געווען פראָוויזאָריש די פרוי אָדער די געליבטע פון אַ צווייטן, פון אַ דריטן, אפשר פון אַ פערטן, און נאָך דעם, ווי דו אַליין וועסט אויך שוין האָבן באַשלאָסן זיך צו פאַרבינדן — אָפיציעל אָדער נישט אָפיציעל, וואָס פאַר אַ נפקא מינה ? — מיט אַן אַנדערער פרוי... אָט וואָס דו האָסט געזאָגט.

— פאַרדרייסט מיינע רייד, טייערע מלכהלע. האָסט זיי צוגעשפּיצט. וואָלט איך דאָס געמיינט, וואָלט עס אוודאי געווען העכסט קאָמיש. איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז דער געדאַנק וועגן חתונה האָבן איז אונדז קיין מאָל נישט געווען פרעמד. איצט, ווי באַלד מיר האָבן ווידער געפונען דעם וועג איינער צום צווייטן...

— נאָך דעם ווי איר האָט זיך פון אייער פריִערדיקן וועג אויסגערוט, זי ביי אַ צווייטן און דו ביי אַ צווייטער, נאָך דעם ווי איר האָט זיך איבערגעשלאָפן — קיינער הערט דאָך אונדז נישט — זי מיט אַ צווייטן און דו מיט אַ צווייטער — זענט איר אויפגעשטאַנען און האָט ווידער געפונען אייער וועג און אַלץ איז ווידער אין בעסטער אָרדענונג...

— אויב אַזוי האָסטו דאָך אויך ווידער געפונען דיין אַלטן וועג. דערמאָן זיך נאָר, מלכהלע, וואָס דו אַליין האָסט מיר דערציילט. פונקט די זעלביקע איראָניע לאָזט זיך אָנווענדן אויך אין דיין פאַל, מיין טייערע. באַטראַכט זיך נאָר וואָס דו רעדסט, איבער וואָס און איבער וועמען די לאַכסט. האָסטו דען נישט געפירט אַ ראָמאַן מיט דיין דירעקטאָרס זון, איידער מיר האָבן זיך באַקענט ? האָסטו דעמאָלט דען נישט געטראַכט,

כמעט ווי באַשלאָסן מיט אים חתונה צו האָבן? איך חזר איבער דיינע אייגענע ווערטער. איצט וואַרטסטו דאָך נאָר אויף דעם, ער זאָל אָפּהאַלטן זיין סוף־עקזאַמען, כדי מיט אים חתונה צו האָבן. וואָס איז דאָ פאַר אַ גרויסער אונטערשיד צווישן מיר און דיר?

— ס׳איז יאָ פאַראַן אַן אונטערשיד צווישן אונדזערביידע פאַלן, מיין ליבער!

— וועלכער?

— איך וויל דיר דאָס נישט זאָגן.

— פאַר וואָס?

— ווייל איך האָב דיך ליב, און דו?...

— איך האָב דיך נאָך ליבער ווי דו מיך.

— דאָס איז נישט אמת.

דאָס מאָל האָבן ביידע צוזאַמען זיך צעלאַכט.

## קאַפּיטל 40

עס זענען פֿאַראַן אַזוי פֿיל געדאַנקען נישט דערטראַכטע, אַזוי פֿיל באַשלוסן נישט באַשלאָסענע, אַזוי פֿיל פּלענער נישט דערפּלאַנטע, אַזוי פֿיל סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, וואָס געפֿינען נישט זייער ריכטיקן אויסדרוק.

מען מוז באַוווּנדערן דעם אופֿן, ווי שלמה, הירשקע, בת־שבע און מלכהלע האָבן זיך צונויפֿגערעדט אָדער בעסער געזאָגט זיך צונויפֿגעפֿילט אין דעם ליאַרעם, אין דעם געזאַנג, וואָס האָט געשפּאַרט פֿון אַלע זייטן אין דער דאָזיקער ריזן־פֿאָלקס־מאַניפֿעסטאַציע.

און דאָך איז פֿון די דאָזיקע שמועסן נישט אַרויסגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל האָבן אַ ווירקונג אויף די באַציִונגען צווישן די דריט־האַלבן פּאָרלעך, וואָרעם זשאַנעט האָט זיך דאָך אין דער מאַניפֿעסטאַציע נישט באַטייליקט. זי איז אַ סעקרעטאַרין אין צענטראַלע פֿון אַרבעטער־סינדיקאַט אויף גראַנזש אַ בעל און זי באַטראַכט איר ביוראָ־אַרבעט, כאָטש אַ באַצאָלטע, ווי אירביישטייער אין קאַמף קעגן דעם פֿאַשיזם. זי האָט זיך אַרויסגעדרייט פֿון דער מאַניפֿעסטאַציע. זי פֿילט זיך נישט געזונט, האָט זי הירשקען געזאָגט, קאָפּ־ווייטיק, האַלדז־ווייטיק. זי וועט גיין זיך לייגן אין בעט אַריין.

הירשקע דערמאָנט זיך אין זיין אָרעמער מאַמען, אין זיינע ברידער, אין זיינע שוועסטער, אין זיינע חברים און חברטעס, ער געהערט צו זיי אַלעמען, נאָך מער ווי צו זיך.

פֿאַרזאַמלט האָבן זיך די מאַניפֿעסטאַנטן, ווי שוין דערמאָנט, אויף פּלאַס־דע־לאַ־רעפּובליק, ביים דענקמאָל פֿון דער רעפּובליק. עס האָט זיך דאָך גערעדט וועגן פֿאַרטיידיקן די רעפּובליק קעגן אירע שונאים.

פּלאַס־דע־לאַ־רעפּובליק ליגט נישט ווייט פֿון בעלוויל. האָט אַ שטיק

בעלוויל זיך אַ לאָז געטאָן צו דער מאַניפעסטאַציע, כאָטש עס האָט געדראָט אַ געוויסע סכנה די אויסלענדער, זיי זאָלן נישט פאַרהאַלטן ווערן דורך דער פּאָליציי און נישט אַרויסגעשיקט ווערן פון לאַנד, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די מאַניפעסטאַציע איז געווען אַ מער־ווייניקער אָפיציעלע, כמעט אַ רעגירונגס־מאַניפעסטאַציע.

ווען עס האַנדלט זיך וועגן אויסלענדער, מאַכט די פּאָליציי נישט קיין אונטערשיד צווישן דערלויבטע, אַפילו דורך דער רעגירונג גופא אומאָפּי־ציעל אָרגאַניזירטע, און אַנדערע מאַניפעסטאַציעס.

פון פּלאַס־דע־לאַ־רעפּובליק האָט די מאַניפעסטאַציע זיך פאַרנומען איבער דעם בולוואַר רישאַרד לענואַר צו פּלאַס־דע־לאַ־באַסטיל. פאָרויס האָבן מאַרשירט די אָנפירערס, די מיטגלידער פון די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די קאָמוניסטישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין זייער פולן צוזאַמענשטעל, די פאָרשטייערס פון אַלע סינדיקאַטן, די ליגע פאַר מענטשן־רעכט, די כלערליי פאַראייניקונגען צום שוץ פון דער רעפּובליק און די וועטעראַנען פון דער פּאַריזער קאָמונע. די פּאַר זקנים קאָמונאַרן האָבן צוגעצויגן אַלעמענס בליקן און אַרויסגערופן גרויס באַגייסטערונג.

אויף פּלאַס־דע־לאַ־באַסטיל האָט שוין די פּאָלקספראָנט־מאַניפעסטאַ־ציע זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ברויזנדיקן ים. אין דעם דאָזיקן מענטשן־ים האָט זיך איצט נאָך אַריינגעגאָסן דאָס „פּלעצל״. ס'איז אַ טראָפּן אין ים, אָבער אין דעם דאָזיקן טראָפּן האָט אויך געהאַט אַ חלק שטיינס משפחה.

פון פּלאַס־דע־לאַ־באַסטיל פירט אַ גראָדער וועג צו נאַסיאָן. דאָרט זענען געהאַלטן געוואָרן די רעדעס און די מאַניפעסטאַנטן האָבן געשוווירן ביי זייערע פענער, אַז זיי וועלן בשום אופן נישט דערלאָזן, דער פאַשיזם זאָל פאַרכאַפּן פּאַריז.

## קאַפּיטל 41

בת־שבֿעס טאַטע איז אין זיבעטן הימל, וואָס זיין טאָכטער האָט אים צו ליב געטאָן — אַזוי מיינט ער — און האָט חתונה געהאַט מיט שלמה פינקעלשטיין, נישט מיט הירשקען, דעם שטעפּער־יונג.

בת־שבֿע איז אָבער נישט ווי אַלע יידישע טעכטער. איר חתן איז אויך נישט גלייך צו אַנדערע חתנים. וואָס איז דער וווּנדער? פּאַריז איז אויך נישט קיין שטאָט, וואָס וואָלט זיך געקאָנט פאַרגלייכן מיט אַ לאָדזש צום ביישפּיל. אַלץ איז דאָ מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

איז טאַקע בת־שבֿעס חתונה געווען זייער אַ מאָדנע. ביז צום היינטיקן טאָג קאָן ר׳ פּנחס נאָך אַלץ נישט פאַרשטיין ווי אַזוי ער האָט צוגעלאָזט צו אַזאַ חתונה. און דאָך איז ער געווען מלא שׂמחה...

אַלץ איז געווען אַנדערש, ווי ער האָט געוואָלט, ווי ער האָט זיך פאַר־געשטעלט.

קודם האָט בת־שבֿע בשום אופן נישט געוואָלט זיך אויפפירן ווי אַ כלה דאַרף זיך אויפפירן ביי יידן. נישט בלויז זי פלעגט זיך טרעפן מיט איר חתן ביי טאָג און ביי נאַכט, נאָר זי האָט מיט אים געלעבט נאָך פאַר דער חתונה. גאַנץ פּאַריז האָט עס געוווּסט, אַ חרפה און אַ בושה פאַר לייטן.

אַלץ איז געווען אַזוי מאָדנע, צו וואָס נאָר פּנחס האָט זיך צוגעריירט, איז ער געבליבן שטיין נישט אַהין און נישט אַהער. ער האָט געזוכט אַ פּאַסיק אָרט, ווו אייגצופעדעמען און האָט נישט געפונען.

נישט בלויז די פירונג פון זיין טאָכטער האָט ער נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַפילו איר חתן איז אין זיינע אויגן אויך פאָרגעקומען ווי עפּעס אַ שטיקל משוגענער. שלמה האָט דאָך נאָך מער ווי אַלע אַנדערע געוווּסט די מעשׂה צווישן זיין טאָכטער און הירשקען. ווי קומט עס, אַז דאָס אָרט אים גאָרנישט? ווי קאָן מען זיין גלייכגילטיק צו אַזאַ זאַך? נאָך מער:

עס ווייזט אויס, אַז שלמה האָט געהאַט צונויפגעפירט בת־שבען מיטן שטעפּער־יונג. ער גופא האָט זיי געהאַט פאַרשדכנט — אַך און ווי צו אַזאַ שידוך! דערנאָך האָט ער זיי געהאָלפן זיך פונאַנדערגיין, ווי עס וואָלט גאָרנישט נישט געשען. זיי זענען פאַרבליבן די בעסטע חברים, האָט בת־שבע אים אָנומלט דערציילט, ווער זיי? אַלע דריי: זיין טאַטע, דער שטעפּער־יונג און פינקעלשטיין, זיין קינפּטיקער איידעם...

— געוואַלט געשריגן! וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט געוואָרן.

ניין, ער ווייסט נישט מער וואָס צו טראַכטן, וואָס צו זאָגן. און עפּעס וואָס זאָגן מוז ער פאָרט.

— בת־שבע! — ווענדט ער זיך צו זיין טאָכטער — וואָלט איך, חלילה, געווען אַ קבצן, אַן אָרעמאַן, אַ שלעפּער, איינער, וואָס דאַרף, נישט דאָ געדאַכט, אָנקומען צו קהל, צו פרעמדע מענטשן — וואָלט דאָס געווען אַ שטראָף פון הימל... הכנסת־כלה איז אַ גרויסע מצווה...

— וואָס ווילסטו, טאַטעשי? איך ווייס, אַז דו ביסט אַ פאַרמעגלעכער מענטש, איך ווייס...

— אַ דאַנק דיר, מיין טאָכטער, וואָס דו ווייסט. ווייסטו אָבער אויך, אַז מיינע אַ טאָכטער דאַרף פאַר איר חתונה זיך מאַכן מלבושים, זיך באַקליידן, זיך באַצירן. שוין וואָכן לאַנג ווי איך טענה צו דיר: גיי צו אַ שניידערקע, לאָז זיך נעמען אַ מאָס. ווילסט נישט קיין שניידערקע, טאָ גיי אין אַ געשעפט, אין די גרויסע מאַגאַזינען, באַשטעל, קויף, וואָס דיין האַרץ גלוסט, האָב נישט מורא, טאָכטערל, איך וועל דיר פון דיין נדן נישט אָראָפּרעכענען.

— איך האָב דיר שוין געזאָגט, טאַטעשי, אַז איך וויל נישט קיין נדן.

— וואָס הייסט דו ווילסט נישט? ווי קאָנסטו נישט וועלן? איך האָב, גאָט צו דאַנקען... נישט צו פאַרזינדיקן, ברוך השם...

— איך דאַרף נישט קיין נדן.

— אָבער אָנטאָן דאַרפסטו זיך דאָך, אָנטאָן ווי עס פּאַסט פאַר מיינער אַ טאָכטער, זאָל מען נישט זאָגן, אַז...

— איך האָב נישט מורא וואָס מ׳וועט זאָגן...

— ווער רעדט וועגן מורא? וואָס איז דאָ פאַראַן צו שרעקן זיך?

— איך ווייס?

— אַזוי זשע רעד... מעגסטו זיך טאָקע פאַרגינען צו קויפן אַ פּאָר רעכטע קליידער, אַ פוטער, מאַלע וואָס!

— איך האָב וואָס אָנצוטאָן.

— אָבער דו גייסט דאָך חתונה האָבן...

— איז וואָס?

— דאָס איז ביי דיר גאָרנישט? אַ מאָל, אַ יידישע טאָכטער פאַר דער חתונה, פלעגט דער אָרעמסטער טאַטע זי באַקליידן, זי באַשוכן פון דעם שענסטן און פון דעם בעסטן.

— איך האָב אַלץ, וואָס איך באַדאַרף, טאַטעשי, זאָרג זיך נישט.

— איך וויל נישט עס זאָל הייסן, אַז שלמה פינקעלשטיין האָט גענומען אַ מיידל ווי זי שטייט און גייט. גענוג, אַז דיין קינפּטיקער שווער האָט געדונגען פאַר דיר אַ פיינע דירה.

— איך האָב עס נישט פאַרלאַנגט פון אים.

— ער האָט מיר אַרויסגעכאַפּט פון דער האַנט. איך האָב עס געוואָלט טאָן. איך האָב זיך צו שפּעט גענומען זוכן אַ דירה פאַר אייך. הייבט מען דאָ אָן מיט די מעקלער, נעמט קיין סוף נישט. מילא, עס דאַרף דיך נישט פאַרדריסן, טעכטערל. דיין שווער וועט צו מיר נישט צולייגן, מעגסט זיין זיכער.

— זאָרג זיך נישט, זאָרג זיך נישט, טאַטעשי.

— איך זאָרג זיך יאָ.

— אויב דו האָסט קיין אַנדערע דאַגות נישט.

— דאַגות, ברוך השם, פעלן מיר נישט, טאָכטער. איצט וויל איך טראַכטן נאָר פון איין זאַך, איך זאָל דיך אויסגעבן ווי עס באַדאַרף צו זיין. אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז דו האָסט זיך אַזוי איינגעשפּאַרט און ווילסט מיך נישט פאָלגן? פאַר וואָס ווילסטו מיך נישט פאָלגן?

— די דירה איז אויך געווען איבעריק.

— פאַר וואָס איבעריק?

— ווייל מיר האָבן געוואָלט בלייבן וווינען אין מיין סטודיאָ, אָדער נעמען אַ צימערל אין אַ האָטעל.

— ווייס איך שוין גאָרנישט וואָס דיר צו זאָגן. איינער פון אונדז

ביידע איז, חלילה, משוגע געוואָרן. נישט קיין קליידער, נישט קיין דירה, נישט קיין צירונג... נאָך וואָס האָסטו חתונה?

ר׳ פנחס אַליין האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט פון זיין מאָדנער פראַגע, דאָס איז טאַקע געווען דאָס בעסטע מיטל ווי אַזוי צו פאַרענדיקן אַ גע־שפּרעך, אין וועלכן עס האָט זיך נישט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט.

די חתונה איז געווען אַ יידישע חתונה, אָבער פאַרגעקומען איז זי אין דריי־פיר מאָל, אַזוי צו זאָגן. מיט גרויס מי האָט ר׳ פנחס געפּועלט ביי זיין טאָכטער, אַז עס זאָל געשטעלט ווערן אַ חופה ביי אַ רב אין דער אַנוועזנהייט פון די ענגסטע משפחה־מיטגלידער פון דער כלהס און פון דעם חתנס צד און אַ קליינע חופה־וועטשערע דערצו.

די אמתע מאָלצייטן אָבער זענען צו שטאַנד געקומען שפּעטער. דעם צווייטן טאָג האָט בעלוויל געפּראַוועט אַ סעודה אין אַ יידישן רעסטאָראַן פאַר בת־שבעס חברים, און אַ טאָג שפּעטער אויף מאָנפּאַרנאַס — אַ שׂמחה פאַר קינסטלער און סתם קונסט־ליבהאָבער.

די לעצטע צוויי שׂמחות האָט ר׳ פנחס נישט בייגעוווינט. ער האָט עס זיך נישט שטאַרק גענומען צום האַרצן. פּטור איז ער געוואָרן פון אַ האַרבן פּראָבלעם. ער איז געווען צופרידן, ער האָט אויסגעמיטן זיך צו געפינען פּנים אל פּנים מיטן שטעפּער־יונג, וואָס האָט געהאַט פאַרגאָסן זיין בלוט...

אין זיבן חדשים אַרום, ווען זיין אייניקל, דאָס „זיבעלע" — אַזוי האָט מען געשמועסט, כדי דער חשבון זאָל שטימען מיט דער דאַטע פון דער חתונה — איז געבוירן געוואָרן, האָט ער זיין טאָכטער גאָרנישט נישט געפרעגט. באַצייטנס האָט ער באַשטעלט אַ מוהל און דאָס יינגעלע איז גע־יידישט געוואָרן. נישט בת־שבע, נישט שלמה האָבן געשטעלט אַ וועלכן נישט איז ווידערשטאַנד, אַלץ איז פאַרגעקומען כשורה.

אַ שטיין איז אים אַראָפּ פון האַרצן. ר׳ פנחס איז — צום וויפלטן מאָל שוין, גאָט צו דאַנק — געוואָרן אַ זיידע.

## קאַפּיטל 42

צו בת־שבעס שׂמחה אין דעם בעלווילער רעסטאָראַן איז הירשקע געקומען נישט אַליין, נאָר מיט זיין חברטע זשאַנעט. זי איז שוין דעמאָלט געווען נישט בלויז זיין פריינדין, ווי מען זאָגט אין פראַנצויזיש, נאָר טאַקע זיין פרוי. ער האָט מיט איר חתונה געהאַט אין דער מערי.

זייער חתונה איז צוגעגאַנגען נאָך שטילער ווי בת־שבעס חתונה, זי איז פאָרגעקומען ערגעץ אין אַ פּראָווינץ־שטעטל. הירשקע האָט זיין מאַמען נישט געוואָלט אַנטאָן קיין איבעריקע עגמת־נפש.

אַזוי האָט יוכבד זיך אויך שוין גענוג געקלעמט, אָבער היות ווי הירשקע האָט סיי ווי שוין געלעבט מיט דער שיינער זשאַנעט, האָט זי זיך שוין צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז זי קריגט אַ פראַנצויזקע פאַר אַ שנור.

אַ פראַנצויזקע ? היינטיקע צייטן מאַכט מען נישט מער קיין אונטערשיד צווישן אַ יידיש און נישט־יידיש מיידל, בפרט אין זיינע קרייזן, ביי דער חברה. פון רעליגיע האַלטן זיי נישט, נישט פון דער יידישער, נישט פון דער קריסטלעכער. אַלע זענען גלייך, זאָגן זיי, איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן. האָט מען חתונה אין דער מערי... איז דען דאָס אַ חתונה ? פאַרשטייט זיך, בעסער וואָלט געווען ווען די היינטיקע קינדער זאָלן זיין נישט בלויז צו לייט, נאָר אויך צו גאָט. ווער וואָלט דעמאָלט געווען גלייך צו איר ? דערלעבט האָט זי נחת פון אַלע קינדער, גאָט צו דאַנקען.

אויך יאָסל איז אַן אַנדערער מענטש געוואָרן. וואָלט ער כאָטש אַ ביסל מער געטראַכט וועגן זיינע קינדער. אָבער צו פיל פאַרלאַנגען דאַרף מען נישט. מען מוז זיך צופרידנשטעלן. זי וואָלט אָבער וועלן וויסן, וואָס ער טראַכט וועגן זיין זונס חתונה מיט זשאַנעטן. אפשר וואָלט מען זיי געדאַרפט שיקן אַ טעלעגראַמע, ווי דאָס האָבן געטאָן זיינע חברים ?

אַנטוויקלט זיך איין אָונט אַזאַ מין שמועס צווישן יוכבדן און איר מאַן.

זי: נו, יאָסל, וואָס זאָגסטו עפּעס צו דעם שידוך?

ער: וואָס זאָל איך זאָגן? ער האָט מיך דען געפרעגט?

זי: און ווען ער וואָלט דיך געפרעגט, וואָס וואָלסטו אים געזאָגט?

ער: נישט ער וואָלט מיך געפרעגט, נישט איך וואָלט אים געזאָגט. זאָל ער טאָן ווי ער פאַרשטייט.

זי: דאָס טוט ער סיי ווי. אַפילו מיך האָט ער אויך נישט געפרעגט.

ער: זעסטו שוין.

זי: איך מיין, אַז ווען דו וואָלסט געווען אַן אַנדערער טאַטע, ווען דו וואָלסט...

ער: וואָס וואָלט איך?

זי: דו פרעגסט נאָך? ווען דו וואָלסט זיך געהאַט מער געזאָרגט וועגן אים, ווען דו וואָלסט אים געהאַט דערצויגן אין אַ יידישן וועג...

ער: אין וועלכן יידישן וועג? איך בין נישט קיין רב, נישט קיין רבי...

זי: אָבער אַ יידישער טאַטע ביסטו, יאָ צי ניין?

ער: אַ יידישער טאַטע, נישט קיין יידישער טאַטע, אין פּאַריז איז אַן אַנדערע וועלט... דאָ דאַרף יעדערער וויסן, וואָס ער האָט צו טאָן... ער איז שוין נישט מער קיין ייִנגעלע...

זי: און טאָמער נישט קיין ייִנגעלע, אַרט דיך שוין גאָרנישט וואָס ער האָט חתונה מיט אַ גויע?

ער: איך ווייס נישט צי מיך אַרט יאָ, צי מיך אַרט נישט. ער האָט געפונען אַ מיידל, וואָס געפעלט אים, האָט ער מיט איר חתונה, וואָס איז דאָ דער אומגליק?

זי: אומגליק? אַן אומגליק צו מיינע שונאים... קיין גליק איז דאָס אָבער אויך נישט. וואָלסטו געווען אַן אמתער טאַטע...

ער: דו ביסט דאָך שוין יאָ אַן אמתע מאַמע, האָט ער דיך דען געהערט?

זי: ניין, פאַר אַ מאַמען האָט מען קיין מורא נישט... דער בעסטער זון האָט פאַר זיין מאַמען קיין מורא נישט.

ער: טאַ שוויַג.

זי: דיר איז לייכט צו זאָגן: שוויַג... מיַין האַרץ בלוטיקט מיר גענוג, און דו זאָגסט: שוויַג.

ער: ווילסט נישט, שוויַג נישט... לאָז מיך צורו...

זי: געוויס, געוויס... אַזאַ טאַטע ביסטו...

ער: דו קאָנסט מיר נישט זאָגן ווי גוט ער איז צו מיר? קוים וואָס ער רעדט אַרויס אַ מאָל אַ וואָרט צו מיר.

זי: דאָס איז דיַין שולד, נישט זיַינע. אַ קינד אַרבעט, האָרעוועט פון די פריסטע יאָרן אָן...

ער: אַ דאַנק קומט אים דערפאַר. איך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן, ווען איך בין געווען אַ סך ייִנגער ווי ער, און איך האָב צו קיינעם קיין טענות נישט. וואָס האָט עס צו טאָן מיט זיַין חתונה? איך ווייס נישט וואָס דו ווילסט פון מיר.

זי: איך וויל, דו זאָלסט זיַין אַ טאַטע און אים שיקן אַ טעלעגראַמע צו זיַין חתונה.

ער: צו זיַין חתונה מיט דער גויע?

זי: יאָ, צו זיַין חתונה מיט זשאַנעט...

ער: איך וועל שיקן אַ טעלעגראַמע, איך וועל שיקן... טשעפּע זיך אָפּ פון מיר...

אַזוי אַרום האָט אין הירשקעס פּעקל טעלעגראַמעס זיך געפונען אויך די טעלעגראַמע פון זיַין טאַטע־מאַמע, און דער דאָזיקער מזל־טוב האָט אים פאַרשאַפט מער נחת און פריידן ווי אַלע איבעריקע, ווייל פון אים האָט טאַקע זיך געטראָגן אַן עכטער טעם פון אַ ייִדישער חתונה. ער האָט געפּרוּווט געבן צו פאַרשטיין זשאַנעטן:

— דו זעסט, זשאַנעט? — האָט ער צו איר געזאָגט, פאָכנדיק מיט דער טעלעגראַמע, גלייך ווי זי וואָלט געווען אַ פאָן — דאָס וועט אונדז ברענגען גליק.

זשאַנעט האָט אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט:

— איך פֿאַרשטיי נישט, האַנרי.

— לייען, זשאַנעט, וועסטו פֿאַרשטיין! — האָט הירשקע געענט־פֿערט, און בשעת־מעשׂה זיך געכאַפּט, אַז גראָד דאָס וויכטיקסטע וואָרט פֿון דער טעלעגראַמע וועט זי נישט פֿאַרשטיין.

— מאַ־זע־ע־לטאָוו — האָט זשאַנעט אומזיכער איבערגעלייענט.

— ניין — האָט הירשקע אויסגעבעסערט — נישט אַזוי. זאָג עס אַרויס מיט איין אָטעם. ס׳איז נישט שווער. אין גאַנצן האָסטו דאָ: דריי זילבן: מזל־טוב!

— וואָס באַדייט עס? — האָט זי אים געפֿרעגט.

— מזל־טוב, פֿאַרשטייסטו מיך, מיין טייערע זשאַנעט, באַדייט אַזוי גוט ווי פֿיל גליק און נאָך עפּעס.

— וואָס נאָך עפּעס?

— עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך נישט איבערזעצן.

— פֿאַר וואָס?

— ווייל ס׳איז יידיש.

— און יידיש קאָן מען נישט איבערזעצן? — האָט זיך זשאַנעט געחידושט.

— יאָ — האָט הירשקע געענטפֿערט מיט אַ שמייכל — יידיש אַליין קאָן מען איבערזעצן, העברעיִש אַליין קאָן מען איבערזעצן, אָבער יידיש און העברעיִש אין איין וואָרט, דאָס איז שווער צו איבערזעצן אין פֿראַנצויזיש.

— איך פֿאַרשטיי נישט.

— נישט קיין ווונדער. איך אַליין פֿאַרשטיי עס אויך נישט.

— וואָס פֿאַרשטייסטו נישט?

— איך פֿאַרשטיי נישט, פֿאַר וואָס איך פֿאַרשטיי נישט.

— הער זיך אויף צו שפּילן, מיין טייערער האַנרי, זאָג מיר פֿאַר וואָס דו פֿאַרשטייסט נישט, פֿאַר וואָס איך פֿאַרשטיי נישט.

— דאָס איז מיר יאָ קלאָר. איך פֿאַרשטיי, אַז דו קאָנסט נישט פֿאַר־שטיין...

— הער שוין אויף. ס'איז דאָך נישט מיין שולד, וואָס איך פאַר־שטיי נישט יידיש און העברעיש.

— נאַרעלע, וואָס רעדסטו? ווער זאָגט דען שולד? ווי קאָן דאָ זיין שולד? און אַז איך פאַרשטיי נישט קיין כינעזיש, איז עס דען מיין שולד?

— אין פראַנקרייך לערנט מען ווייניק אויסלענדישע שפּראַכן...

זי האָט אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויף זיינע פּלייצעס און זיך פאַרקלערט. וועגן וואָס, האָט זי אַליין נישט געוווּסט, אָבער טיף אין האַרצן האָט זי געשפּירט, אַז האַנרי איז זייער אַ ליבער בחור און זי האָט אים שטאַרק ליב. פון דעסטוועגן ווייסט זי, אַז ער איז איר ווייניקער נאָענט, ווי אַ סך אַנדערע פראַנצויזישע חברים. נאָר ווען זיי שווייגן ביידע, פילט זי זיך נאָענט צו אים. זיין אויסשפּראַך איז אַ מאָדנע. טייל מאָל כאַפּט זיך אַרויס ביי אים אַ יידיש אָדער אַ העברעיש וואָרט. זי קען נישט קיין אויסלענדישע שפּראַכן, די היינטיקע מיספאַרשטייעניש מיט „מזל־טוב" איז נישט די ערשטע. הלוואי זאָל זי פאַרבלייבן די לעצטע!

אויך הירשקען דוכט זיך, אַז עס איז אַרויסגעקומען אַ מיספאַר־שטייעניש מיטן וואָרט „מזל־טוב" און ס'האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, פאַר וואָס ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ דיסקוסיע מיט זשאַנעטן איבער דער מזל־טוב־טעלעגראַמע. אַ באַקאַנטע זאַך: עס הייבט זיך אָן פון אַ וואָרט, פון אַ קליינער מיספאַרשטייעניש. אַזוי איז טאַקע געווען ביי אים און ביי בת־שבען. דאַרף ער זיך נעמען אין די הענט און נישט צעבלאָזן אַ ליאַדע קליינינקייט.

ער גלעט איר די האָר און מורמלט:

— מזל־טוב, מיין טייערע זשאַנעט, באַדייט אין העברעיש אַ גוטער שטערן, אַ האַרציקער גליקווונטש, בפרט נאָך ווען ער קומט פון אַ מאַמען, פון אַ יידישער מאַמען...

— אַ יידישע מאַמע? — האָט זשאַנעט זיך אַ כאַפּ געטאָן — פאַראַן אַזאַ מין ליד אין פראַנצויזיש... אין ענגליש... אין יידיש...

— ביסט גערעכט, מיין טייערע זשאַנעט, „אַ יידישע מאַמע" איז האַלב יידיש, האַלב אַמעריקאַניש, אַ שלאַגער...

„אַ יידישע מאַמע״, און עס זעט אויס, ווי זי וואָלט געווען אַ יידישע, און ער אַ פראַנצויז, וואָרעם ער קרימט זיך אַ ביסל, דאָס ליד געפעלט אים נישט. די יידישע מאַמע, טראַכט ער, פאַרדינט מען זאָל זי באַזינגען מיט אַ שענערער מעלאָדיע, נישט אַזוי צעצויגן. די יידישע מאַמע טאָר נישט ווערן קיין שלאָגער...

אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען זיי צוריקגעקומען קיין פּאַריז, ווי מאַן און פרוי. אָבער אויסערלעך האָט זיך אין זייער לעבן גאָרנישט נישט געענדערט. זי אַרבעט ווייטער ווי אַ סעקרעטאַרין אין דער צענטראַלע פון די סינדיקאַטן אויף גראַנזש־אָ־בעל, און ער — אין דער געזעלשאַפט „פריינד פון ראַטן־פאַרבאַנד״ און אין דער קאָמיסיע פאַר בירא־בידזשאַן.

זשאַנעט איז געווען אין פערטן מאָנאַט, ווען זי האָט חתונה געהאַט. זי און בת־שבע זענען געלעגן געוואָרן אין איין וואָך. זשאַנעט האָט געבוירן אַ מיידל אין דער זעלביקער נאַכט, וואָס בת־שבע איר ייִנגל.

אַז ס׳איז נישט באַשערט געווען יאָסל גראָסמאַן און ר׳ פּנחס שטיין זאָלן ווערן אמתע מחותנים, האָט דער גורל, וואָס בינדט און פאַרבינדט, געמוזט אויסזוכן אַן אַנדערן וועג, ווי אַזוי צוצוקומען צו זיין ציל.

וואָס איז אָבער זיין ציל געווען ?

נאָר דאָס געהערט שוין צו דער צוקונפט, און דער גורל זאָגט קיין מאָל נישט אויס אירע סודות.

# קאַפּיטל 43

ס׳איז פרייטיק־צו־נאַכטס.

— גוט שבת! — באַגריסט רב פּנחס זיינע בני־בית, קומענדיק פון שול.

— גוט שבת! גוט שבת! — ענטפערט אים זיין ווייב מיט איר שבתדיק קול.

„שלום עליכם מלאכי השרת...״ צעזינגט זיך רב פּנחס.

זיין קול קלינגט דעם פרייטיק־צו־נאַכטס נישט אַזוי זיכער ווי אַלע מאָל. זיין געזאַנג איז אַ ביסל צעבראָכן. געוויס באַמיט ער זיך נישט אַרויסצוווייזן זיין עגמת־נפש. אָבער זיין ווייב, וואָס קען יעדן קנייטש פון זיין פּנים, יעדן טאָן פון זיין שטימע, פאַרשטייט זיין צער.

זי דערמאָנט זיך אָבער באַלד, אַז ס׳איז שבת, טאָר מען נישט וויינען אַפילו, חלילה, ווען עס פּאַסירט אַן אומגליק, מען מוז איינהאַלטן די טרערן ביז אויף מוצאי שבת. באַמיט זי זיך צו פאַריאָגן יעדן שאָטן פון שטוב.

און ווען ר׳ פּנחס נעמט זינגען דעם הימען לכבוד דער יידישער באַ־לעבאָסטע, „אשת חיל מי ימצא״, צעשטראַלט זי זיך פון פרייד און איר פּנים שיינט ווי אַלע פרייטיק־צונאַכטס ביי קבלת־שבת.

אָבער וואָס איז אין דעם פרייטיק־צו־נאַכטס געשען אַזוינס, אַז פּנחס איז אַזוי צערודערט? ס׳איז דאָך נישט דאָס ערשטע מאָל אין פּאַריז, אַז די קינדער פון זיינע דריי ווייבער, זיינע שטיפזין און זיינע קינדס־קינדער זאָלן פרייטיק־צו־נאַכטס נישט עסן ביי זיין טיש.

אויף די פינגער פון איין האַנט קאָן מען איבערציילן דאָ ר׳ פּנחסעס קינדער. אַ פערטל טיש פאַרנעמען זיי. שיטער זענען געוואָרן די פאַרנו־מענע פלעצער זינט די קינדער פון זיין צווייטער פרוי האָבן חתונה געהאַט, זינט די קינדער פון זיין צווייטער פרוי זענען אַוועק, ווער קיין ארץ־ישׂראל,

ווער אין אַן אַנדער פּאַריזער געגנט, אָדער ווייסט זיי דער גוטער יאָר וווהין.

ווי אַזוי זאָל ר׳ פּנחסעס שטימע נישט זיין געבראָכן? ווי אַזוי זאָל ער נישט זיפצן און נישט קרעכצן?

„אשת חיל מי ימצא...״ יאָ, אַן אמתע אשת חיל איז זיין ווייב. די קינדערלעך זענען געגאַנגען אין שול אַריין... וואָס קאָן מען פון זיי פאַר־לאַנגען? נאָך גוט, וואָס זיי זעצן זיך נישט ביי דעם שבתדיקן טיש מאַכן זייערע אויפגאַבן. מיט אַ דרייצן, פערצן יאָר צוריק איז ער אין פוילן רויִנירט געוואָרן און געמאַכט באַנקראָט; אין פּאַריז איז ער געוואָרן אַ באַנקראָטשיק ביים רבונו של עולם...

„אשת חיל מי ימצא...״ דאָס איז נישט זיין שולד, נישט איר שולד, נישט קיינעמס שולד. פּאַריז... עס טוט אים געגנוג ווי דאָס האַרץ, ער איז אָבער נישט איינער. אין אַלע יידישע משפחות קומט פאָר די זעלביקע איבערקערעניש. צוריק געשמועסט איז דער מצב ביי אים אין שטוב, לויט דעם, וואָס עס טוט זיך אין אַנדערע יידישע הייזער, נישט אַזאַ, אַז ער זאָל דאַרפן זיך אַזוי שטאַרק באַקלאָגן פאַרן רבונו של עולם. פאַראַן יידישע הייזער, ווו מען האָט זיך, נישט דאָ געדאַכט, אויסגעשמדט. באַנקראָט דורך און דורך...

„אשת חיל מי ימצא...״ מען מוז לאָזן גיין ווי עס גייט. געגנוג, מען דאַרף גיין זיך וואַשן און מאַכן קידוש. גאָט וועט מסתמא רחמנות האָבן. מען טאָר נישט פאַרלירן דעם בטחון.

## קאַפּיטל 44

דער יידישער בעלוויל איז עפּעס ווי פון גאָר אַן אַנדער טייג גע־קנאָטן. אין יידישקייט קאָן מען אים צום „פּלעצל" נישט פאַרגלייכן. די גרעסטע מערהייט פון די בעלווילער יידישע איינוווינערס איז יִינגער אין יאָרן, פונקט ווי דער קוואַרטאַל בכלל איז איינער פון די יִינגסטע, וואָרעם ער איז דער צוואַנציקסטער, אַ מיזיניקל איז ער ביי פּאַריז.

פריִער איז בעלוויל געווען אַ פאָרשטאָט ווי אַ סך אַנדערע פאָרשטעט. פּאַריז האָט די דאָזיקע פאָרשטאָט מיט אַ זעכציק־זיבעציק יאָר צוריק אַדאָפּטירט. די יידישע אימיגראַציע אין פּאַריז האָט איינגעהאַלטן די זעלביקע כראָנאָלאָגיע: צו ערשט האָט זי זיך באַזעצט אויפן „פּלעצל", דערנאָך אויפן מאָנמאַרטר, און צו לעצט, נאָך דער וועלט־מלחמה, האָט זי זיך צעשפּרייט און צעזייט איבער בעלוויל. פון ביידע זייטן בולוואַר דע מענילמאָנטאַן און בולוואַר דע בעלוויל ביז פּאָרט דע לילאַ פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט — ביז אַראָפּ צו פּלאַס דע לאַ רעפּובליק, אָדער ווי יידן רופן אָן דעם דאָזיקן פּלאַץ קורץ און שאַרף: רעפּובליק.

די יידן פון „פּלעצל" זענען באַלעבאַטישע יידן. זיי האָבן זיך אָפּגע־שטעלט דאָ אויף זייער דורכרייזע קיין אַמעריקע אָדער קיין דרום־אַפריקע און זענען שוין דאָ פאַרבליבן שטעקן צוליב דער אָדער יענער סיבה.

די מלחמה איז אויסגעבראָכן, דערנאָך די רעוואָלוציע, דער בירגער־קריג, אַמעריקע האָט פאַרשפּאַרט אירע טויערן און די יידן גופא האָבן שוין אויך פאַרלוירן דעם חשק ווייטער צו וואַנדערן. אַ משפּחה צו אַ משפּחה, די ניי־איינגעוואַנדערטע צו די אַלט־איינגעוואַנדערטע, ביז ס'איז אויסגעוואַקסן אַ „פּלעצל", ווי די יידן האָבן אַ נאָמען געגעבן די סאַן־פּאָול־געגנט, פול מיט יידן און מיט יידישקייט.

דאָס „פּלעצל" איז דאָס האַרץ פון דער פּאַריזער יידישקייט, אַ האַרץ,

וואָס קלאַפּט, פאַרשטייט זיך, נישט אַזוי הייס, נישט אַזוי שטאַרק ווי אין די אַלטע מזרח־אייראָפּעיִשע יידישע ישובים, אָבער ווערליק פּאַריז — איז נאָך אַ דאַנק גאָט!

ווילסטו אַ כשר שטיקל פלייש, האָסטו איין כשרע יאַטקע, אַ צווייטע, אַ דריטע, זאָל נאָר זיין אַזוי פיל כשרע יידן, וויפל עס איז דאָ אויפן „פּלעצל" יידישע קצבים, שוחטים, מוהלים, רבנים, דיינים, שמשים. נאָר קיין בעדער יידישע פאַרמאָגט נישט דאָס „פּלעצל" און מוז אָנקומען צו אַ פראַנצויזישן טערק אָדער צו אַ טערקישן פראַנצויז.

אויך נישט קיין צרה. אַ שוויצבאָד, מיט אָדער אָן אַ יידישן בעדער, בלייבט אַ שוויצבאָד. דערפאַר אָבער קריגט איר צו קויפן אין די געוועלבער אויפן „פּלעצל" וואָס אייער האַרץ גלוסט: שמאַלץ־הערינג, זויערע אוגערקעס, כריין, קרויט, קאַרפּן, העכט, בולקעס, חלות, קוכנס און בייגל, באַשאָטענע מיט מאָן, המן־טאַשן נישט בלויז ערב פּורים, נאָר אַ גאַנץ יאָר, הושענות, לולבים, סידורים און מחזורים.

אָבער נישט אין דעם באַשטייט דער חילוק צווישן דעם פּלעצל און דעם בעלוויל. אויפן בעלוויל קאָן מען פּונקט אַזוי גוט צופרידנשטעלן אַ יידישן מאָגן ווי אויפן פּלעצל.

אויך דאָ זענען פאַראַן יידישע יאַטקעס, כאָטש בלויז איינע אָדער העכסטנס צוויי זענען כשרע. קיין שוחט פון הינער דאַרף מען אויפן בעלוויל אויך נישט זוכן, אויך נישט קיין מוהל. דערפאַר אָבער קאַפעס, רעסטאָראַנען נישט כשרע, וויפל מען וויל, שוין צו פיל דאַכט זיך, ווייל ס'איז גאָר נישטאָ אַזוי פיל ליבהאָבער פון געפילטע קישקע, פון לעבערלעך און פון פּופּיקלעך.

איז אין די יידישע רעסטאָראַנען אויפן בעלוויל נישטאָ קיין סימן פון רעליגיעזער יידישקייט און אין די אַרבעטער־קלובן און אַרבעטער־סינדיקאַטן — אַוודאי און אַוודאי נישט. נאָר וואָס דען? דאָס יידישע לשון איז אין בעלוויל ביי זיך אין דער היים, די יידישע אַרבעטער־פּנימער, וואָס מען באַגעגנט דאָ, זענען באַקאַנט נאָך פון וואַרשע, פון לאָדזש און פון אַנדערע אַלטע יידישע ישובים. יידישע אַרבעטער־לידער און פאָלקס־לידער הערט מען אויך אָפט זינגען אויפן בעלוויל.

## קאַפּיטל 45

ווי אַלע פּרייטיק־צו־נאַכטס האָט יוכבד אויך דאָס מאָל באַצייטנס געבענטשט ליכט און געלאָזט פאַלן אַ טרער, ווי זי איז עס פון שטענדיק אָן געוווינט געווען. דערנאָך האָט זי זיך אַנידערגעזעצט אַ טרויעריקע ביי דעם ווייס־באַדעקטן טיש און זיך פאַרקלערט.

אין שטוב איז ליידיק, שטיל. קיינער אויסער איר איז איצט אין שטוב נישטאָ. נישט דער מאַן, נישט אירע קינדער, נישט אירע אייניקלעך, קיינער נישט, נאָר זי און איר אומעט.

יוכבד ווייסט, אַז קיינער וועט אַזוי גיך נישט קומען, נישט איר מאַן פון זיין אַרבעט, נישט די קינדער, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן ווינען מיט איר, פון זייער אַרבעט, פון זייערע פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס. די צוויי חלות וועלן בלייבן ליגן פאַרשעמט אונטער זייער ווייסער געשטריקטער סערוועטקע און די ליכט וועלן ברענען סתם אין דער וועלט אַריין.

איז דאָס שבת? פרעגט זיך יוכבד. ניין, נישטאָ מער קיין זכר אַפילו פון אַ יום־טוב, פון אַ שבת.

און וועמענס שולד איז דאָס?

קיינעמס נישט. אַפילו אויף יאָסלען קאָן זי זיך נישט באַקלאָגן מער, וואָרעם מיט אים איז געשען דאָס פונקט פאַרקערטע. אין דער היים, אין פוילן איז ער נאָך געווען אַ שטיקל ייד. אמת, קיין צדיק איז ער קיין מאָל נישט געווען, דאָך איז שבת ביי אים נאָך געווען שבת און יום־טוב — יום־טוב, ער פלעגט גיין אין שול דאַווענען, פלעגט מאַכן קידוש.

איצט, אויף דער עלטער, ווען די קינדער, קיין עין־הרע זאָל זיי נישט שאַטן, זענען אונטערגעוואַקסן, שמעקט ער מער נישט אין שול אַריין. נישט שבת, נישט יום־טוב. ער אַרבעט שבת, עסט אָן אַ היטל. אָבער איצט

באַהאַנדלט ער זי נישט מער אַזוי שלעכט. די קריגערייען האָבן נאָך נישט אין גאַנצן אויפגעהערט, אָבער ס׳איז שוין נישט דאָס וואָס אַ מאָל. אין דער בעסטער משפחה טרעפט, אַז מען צעווערטלט זיך אַ מאָל...

ווי קאָן מען עס באַגרייפן? ווען עמעצער, למשל, קומט איצט צו איר און זאָגט:

— הער נאָר, יוכבד, ווילסטו יאָסל זאָל ווערן צוריק אַ פרומער ייד, זאָל גיין דאַווענען, לייגן תפילין, נאָר דיר ווידער דערגיין די יאָרן ווי אַ מאָל, אָדער זאָל ער שוין בלייבן ווי ער איז איצט אָן אַ ברעקל יידישקייט, נאָר דו זאָלסט האָבן מנוחה? באַשליס זיך, יוכבד! — וואָלט איר שווער געווען צו זאָגן וואָס איז בעסער, וואָס איז גלייכער פאַר איר. זאָל דער רבונו של עולם זאָגן וואָס פאַר אים איז בילכער: זי, אָדער דער שבת־קודש?

אָבער פאַר וואָס קריכן איר אַזעלכע נאַרישקייטן איצט אין קאָפּ?

יוכבד פאַרטראַכט זיך ווידער. וואָלט זי געהאַט אַ מאַן, וואָס קומט פרייטיק־צו־נאַכטס פון שול מיט אַ „שלום־עליכם" אויף די ליפּן, מיט אַן „אשת חיל מי ימצא" ווי דער טאַטע, עליו השלום, צו דער מאַמען, וואָלט זי נישט געדאַרפט איצט זיצן איינע אַליין ביים טיש...

מילא, יאָסל — רופט זיך עמעץ אָן אין איר — ער איז אַלע מאָל געווען אַ פּרא אָדם, און דאָ האָט זיך אים אין גאַנצן דער קאָפּ פאַרדרייט. אויפן בעלוויל היטן ווייניק יידן אָפּ דעם שבת, טוט ער ווי אַלע טוען, אָבער די קינדער? ווי האָסטו זיי דערצויגן? פאַר וואָס האָסטו זיי געלאָזט זיך דערווייטערן פון יידישקייט?

— וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? — פּרוווט יוכבד זיך פאַרטיידיקן — אַ שוואַכע יידענע בין איך. וואָלטן זיי געהאַט אַן אַנדערן טאַטן, וואָלטן זיי נישט געווען ערגער ווי אַנדערע קינדער... ניין, זיי וואָלטן געווען בעסער ווי אַנדערע קינדער, וואָרעם ווער איז נאָך אַזוי גוט צו מיר ווי זיי? גילדענע קינדער זענען זיי. דאָס קאָן קיינער נישט לייקענען. זאָל זיי נאָר נישט פּאַסירן קיין שלעכטס ביי די מאַניפעסטאַציעס... איך בעט דיך, רבונו־של־עולם!

— וואָס דרייסטו זיך אַרויס? — לאָזט נישט אָפּ די שטימע אין איר —

זיי זענען טאַקע גוטע, טייערע קינדער, אָבער ווען זיי וואָלטן געווען אַ ביסל ייִדישער, וואָלסטו איצט נישט געדאַרפט זיצן איינע אַליין אַ פאַרקלעמטע, אַ פאַרזאָרגטע. דיין שבת וואָלט נישט געווען קיין פאַרשטערטער.

— איך ווייס, איך ווייס, טייערער מלאך! — ענטפערט יוכבד מיט אַ זיפץ — געוויס וואָלט בעסער געווען, ווען זיי וואָלטן געווען אַ ביסל ייִדישער, נישט קיין סך, איך פאַרלאַנג גאָרנישט אַזוי פיל.

— פאַר וואָס פאַרלאַנגסטו נישט? ווער עס פאַרלאַנגט אַ סך, האָט כאָטש אַ ביסל. ווער עס פאַרלאַנגט אָבער ווייניק, באַקומט גאָרנישט.

— פאַריז איז נישט קיין שטאָט פון פרומקייט — פרווט יוכבד עפּעס אַראָפּדינגען.

— אויך אין פאַריז זענען נאָך פאַראַן גענוג ייִדישע הייזער, ווו מען האַלט דעם שבת בכבוד.

— וואָלטן מיר כאָטש געווינט — קלאָגט זיך יוכבד — אויפן „פּלעצל", נישט אויפן בעלוויל, וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל איך טאָן?

— איצט איז שוין שפּעט. איצט קאָנסטו שוין גאָרנישט טאָן. דערמאָן זיך נאָר, ווי אַזוי דו גופא האָסט צוגעלאָזן שעפּסעלע זאָל אויפהערן צו לייגן תפילין... האָסט בעסער געוואָלט ער זאָל שלאָפן נאָך צען מינוט אין דער פרי...

— אַ שוואַך קינד געווען...

— אויף אַלץ האָסטו אַ תירוץ, יוכבד, אָבער ער איז שוין דאַן געווען אַלט פערצן יאָר און האָט קיין תפילין נישט געלייגט. שבת איז ער גע־גאַנגען אין ליצײ, ער האָט געשריבן אום שבת... און דו האָסט גאָרנישט געזאָגט...

— אין ליצײ מוז מען גיין אום שבת...

— נאָך וואָס האָסטו אים געשיקט אין ליצײ אַריין, ווי באַלד מען מוז דאָרט שרייבן אום שבת?

— וואָס האָב איך געזאָלט טאָן?

— וואָס דו האָסט געזאָלט טאָן? האָסט נישט געדאַרפט אים שיקן אין ליצײ.

— הירשקע איז צו מיר צוגעשטאַנען: שעפּסעלע האָט אַ גוטן קאָפּ... ער פאַרדינט שוין זיין אויסקומען מיט געבן לעקציעס.

— וואָס דערציילסטו מיר פון זיינע לעקציעס? און הירשקע, ווו איז ער איצט?

— מסתמא געפינט ער זיך ערגעץ אויף אַ מאַניפעסטאַציע. פרייטיק־צו־נאַכטס... פאַר וואָס קומט ער נישט צו זיין מאַמען, וואָס וויינט זיך אויס די אויגן טראַכטנדיק, אַז עס קאָן עפּעס וואָס מיט אים געשען?

— ער מיינט דאָך נאָר גוטס פאַר אַלע מענטשן, און פון שבת האָט ער שוין נישט געהאַלטן, ווען מיר זענען געקומען קיין פאַריז. ער האָט זיך פאַרקוקט אויף די אַנדערע אַרבעטער... רעליגיע, זאָגט ער...

— דאָס זאָגן זיי אַלע — לאָזט איר דער מלאך נישט אַרויסרעדן פון מויל, וואָס מען טאָר נישט, ווייל ער האָט רחמנות אויף איר און וויל נישט זי זאָל זיך פאַרזינדיקן פאַר גאָט.

דעם מלאכס שטימע ווערט ווייכער:

— פון דעסטוועגן קאָן איך דיר זאָגן, אַז דו ביסט נאָך נישט די ערגסטע, און דיינע קינדער זענען אויך נישט די ערגסטע אין דער וועלט.

— אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דיר.

— עס קומט מיר נישט קיין דאַנק. דו האָסט אויסגעהאָדעוועט דיינע קינדער גאָרנישט אַזוי שלעכט... קיינער נישט, נאָר דו אַליין... האָסט אויף וואָס שטאָלץ צו זיין... פערעלע האָט אַ מאַן אַ גאָלד... ער טראָגט זי אַרום אויף די הענט... אמת, אויך ער איז נישט אַזאַ הייסער ייד, אָבער צו אים קאָן מען דאָך קיין טענות נישט האָבן. זיינע עלטערן האָבן אים אין ישיבה נישט געשיקט. אין חדר אויך נישט... וואָס ווייסט ער פון יידישקייט?

— בעלאָס מאַן אויך נישט... ער איז אַ פּראָפעסאָר... יאָ, מיט אַ פּראָפעסאָר האָט מיין בעלאַ חתונה געהאַט, מיט אַ יידישן פּראָפעסאָר פון דייטשלאַנד. ווי זי שטייט און גייט האָט ער זי גענומען, וואָס קאָן מען האָבן קעגן אים?

ער איז זייער אַ גוטער מאַן פאַר זיין פרוי... „מוטי, מוטי", זאָגט ער צו איר שטענדיק אויף זיין דייטשן לשון, „איך האָבע דיך זאָ ליב, זאָ

אונגעוועהנליך ליב" און ער קושט איר די הענט... זאָל איך אים אפשר שיקן אין שול אַריין? וואָס זאָל איך טאָן?

— איך הייס דיך נישט אים שיקן אין שול אַריין. ער איז נישט דיין זון, אָבער מלכה, מלכהלע...

— ניין, ניין, גוטער מלאך, דערמאָן מיך נישט... אפשר וועל איך נאָך קאָנען אָפּשרייען די גזירה... אפשר וועל איך ביי איר דאָך פועלן זי זאָל איבעררייסן מיט אים... זי האָט דאָך מיט אים נישט חתונה געהאַט...

— אפשר — ווינטשט איר דער מלאך און פאַרשווינדט.

יוכבד רייבט זיך די אויגן, ווי זי וואָלט ערשט אויפגעשטאַנען פון שלאָף — קיינער איז דאָך דאָ נישט געווען. די ליכט צאַנקען... באַלד וועט ווערן פינצטער, און יאָסל איז נאָך אַלץ נישט צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. אַ פאַרשטערטן שבת מאַכט ער איר. אַלע אירע שבתים האָט ער איר פאַרשטערט, אַפילו דאַן, ווען ער איז נאָך געגאַנגען אין שול אַריין.

שאָטנס לייגן זיך אויף די ווענט, שאָטנס פון טאַנצנדיקע שבת־ליכט. זיי זאָגן נישט קיין גוטס, די דאָזיקע שאָטנס, ווען קיינער איז אין שטוב נישטאָ צו מאַכן קידוש און צו זינגען „שלום עליכם מלאכי השרת"...

יוכבד וויינט זיך פונאַנדער.

## קאַפּיטל 46

אַ שוואַרצער פרייטיק־צו־נאַכטס.

אונטער דעם דאָזיקן פינצטערן טיטל האָט דער פרייטיק־צו־נאַכטס זיך אַריינגעריסן אין פּאַריז און אין דער געשיכטע פון דער פאָלקס־פראָנט־באַוועגונג.

אין די לעצטע וואָכן האָט דער פּאָליטישער מצב אין פּאַריז זיך געהאַט שטאַרק פאַרשאַרפט. די אַרבעטער האָבן באַזעצט די פאַבריקן. ווי אין באַלאַגערטע פעסטונגען זענען זיי געזעסן. אָבער די פאַשיסטישע און האַלב־פאַשיסטישע גרופּירונגען האָבן נישט געשוויגן, זיי האָבן געהאַט באַשלאָסן צו שטערן מיט אַלע מיטלען די פאָלקס־פראָנט־מאַניפעסטאַציעס. ס׳האָט אויסגעזען, ווי די פּאָליציי וואָלט דאָס מאָל געהאַט געמאַכט יד אחת מיטן פאָלקס־פראָנט, האָט דאָס נאָך מער צערייצט די רעאַקציאָנערע פּראָוואָקאַטאָרן און זיי האָבן באַשלאָסן אויפצורייסן די דעמאָנסטראַציע.

הינטערוויילעכץ זענען זיי מאַסנווייז געקומען פון דער זייט, פון די אַרומיקע גאַסן און געסלעך און האָבן געפּרוווט זיך אַריינרייסן אין די אַרבעטער־רייען. אָבער די פּאָליציי האָט זיך באַמיט צו פאַרמיידן אַ צוזאַמענשטויס פון אָט דיביידע לאַגערן, זי האָט די קעגן־מאַניפעסטאַנטן צוריקגעשטויסן, צו ערשט אין גוטן מוט, דערנאָך אויך אויף אַ מער ווייניק דעצידירטן אופן. די אָרדנערס פון דער מאַניפעסטאַציע האָבן אויך נישט געשוויגן און ס׳איז געקומען צו אַ געשלעג.

היות די קעגן־מאַניפעסטאַציע איז געווען פאַרבאָטן, איז דער שונא געקומען פאַרשטעלט. דער אָדער יענער צוקוקער אויפן טראָטואַר, אין אַ פענצטער־ראַם אויף אַ באַלקאָן, אָדער אַ קאָנסומענט אין אַ קאַפע האָט געקאָנט זיין איינער פון די קעגן־מאַניפעסטאַנטן. אַ גלייכגילטיקער פאַרבייגייער האָט געקאָנט געהערן אַזוי גוט צו איין לאַגער, ווי צו דעם צווייטן.

זענען אין איין רגע מערערע קאָפּעס אויפן וועג פון דער פאָלקס־פראָנט־מאַניפעסטאַציע טאַקע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „שוצגראָבנס”. טישן, בענק, שטולן, גלעזער האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין קוילן און האַנט־גראַנאַטן, אָבער אמתע רעוואָלווער־קוילן זענען אויך געפלויגן און עס זענען געווען טויטע און פאַרוווּנדעטע.

## קאַפּיטל 47

נישט האַנריס „לעבנס־באַגלייטערין", ווי מען האָט דעמאָלט אין די אַרבעטער־קרייזן באַטיטלט אַ חתונה געהאַטע פרוי, נישט בת־שבעס „צווייטע העלפט", ווי זייערע חברים האָבן שלמהן אַ נאָמען געגעבן נאָך דער חתונה, האָבן נישט געטומען קיין אָנטייל אין דער דאָזיקער ערב־שבתדיקער פאָלקס־פראָנט־מאַניפעסטאַציע. וואָרעם נישט זשאַנעט, נישט שלמה האָבן געקאָנט איבערלאָזן זייערע עופעלעך אַליין אין שטוב.

האָבן הירשקע און בת־שבע ווידער אַ מאָל נאָך אַ לענגערער צייט זיך געטראָפן אין איין ריי, האָנט ביי האַנט, איינגעגלידערט אין דער דעמאָנסטראַציע, און חוץ דעם, נאָך פאַרבונדן צווישן זיך מיט אַזוי פיל אינטימע זכרונות.

זיי זענען געווען זייער צופרידן, וואָס זיי האָבן זיך נאָך אַזאַ לאַנגער צייט ווידער געטראָפן אין דעם מענטשן־ים. זיי האָבן אַזוי פיל וואָס איינער דעם צווייטן צו דערציילן, ווייל סיי ער, סיי זי, פילן זיך איינזאַם, נישט דערפאַר, ווייל זייער פאַמיליען־לעבן איז נישט קיין האַרמאָנישס, נאָר איבער די כלערליי מיספאַרשטייעניש, וואָס מאַכן זיך, ווי באַקאַנט, אין יעדן משפחה־לעבן, אַפילו אין דעם סאַמע גליקלעכסטן.

אָבער וועגן דעם קאָן מען נישט רעדן. רעדן זיי טאַקע נישט וועגן דעם און שמועסן זיך דורך מער מיט די בליקן, ווי מיט רייד, מיט איינצלנע אָפּגעריסענע ווערטער.

— דאָס ביסטו ? — האָט בת־שבע ווי פאַרחידושט אויסגערופן, ווען זי האָט הירשקען דערזען לעבן זיך אין דער ריי.

— מיר דוכט זיך אַזוי — ענטפערט הירשקע מיט אַ שמייכל — ווייזט אויס, אַז דאָס בין איך טאַקע.

— דיר דאַרף זיך נישט דוכטן, הירשקע. איך בין אַן עדות, דאָס ביסטו, הירשקע!

הירשקען טוט שטאַרק הנאה, וואָס זי רופט אים ביי זיין יידישן נאָמען, וואָרום זשאַנעטס „האַנרי״ קלינגט אים אַ ביסל פרעמד.

— אַ דאַנק דיר, בת־שבע!

— פאַר וואָס דאַנקסטו מיר?

— וואָס דו רופסט מיך הירשקע.

— ווי דען זאָל איך דיך רופן? — כאַפּט זיך נאָך אַלץ נישט בת־שבע וואָס ער מיינט.

— הירשקע, נישט האַנרי... הירשקע איז היימישער, וואַרעמער..

— איך זע, אַז דיר פעלט אַ ביסל היימישקייט, אַ ביסל וואַרעמקייט.

— ניין, נישט דאָס! — ענטפערט הירשקע אין אַ ביסל אַן אַנדערן טאָן. אים דוכט זיך, אַז זי שטעלט זיך שוין ווידער לגבי אים אין אַ פּאָזע פון אַ באַשיצערין.

— אַנטשולדיק מיר, הירשקע! גערעדט האָב איך וועגן וואַרעמקייט, ווייל דו האָסט עס אַליין דערמאָנט, און אויך ווייל איך פיל זיך אויך היימישער מיט דיר ווי מיט...

— איך דאַנק דיר האַרציק וואָס דו ביסט אָפן מיט מיר.

— איך מעג, הירשקע.

— איך אויך.

— ביידע מעגן מיר, הירשקע.

— וואָס מאַכט דיין טעכטערל?

— אַ קינד אַ פּראַכט.

— זי לאַכט שוין?

— גענוג, אַז זי שמייכלט. און דיין זונעלע?

— אַ דאַנק. מיין זונעלע שמייכלט שוין אויך.

— מאַדנע, אין איין עלטער זענען זיי, מיין און דיין טעכטערל...

— דאָס וואָלט נישט געווען אַזוי מאַדנע, נאָר דאָס, וואָס זיי זענען אין דער זעלבער נאַכט געבוירן געוואָרן...

דאָס געזאַנג פון דער מאַרסעליעזע פאַרטראָגט זיך צו זיי. די

טענער פון דער „וואַרשאַוויאַנקע״ הייבן זיך אויף און פאַרהילכן זייערע געדאַנקען.

נאָך דעם געזאַנג דערלאַנגען זיך אַ שאָט לאָזונגען און שלאַג־ווערטער:

— לעבן זאָל דער פאָלקס־פראָנט!

— נידער מיט דעם פאַשיזם!

— דער פאַשיזם וועט זיך נישט דורכרייסן!

— אין תפיסה די רעאַקציאָנערע באַנדיטן!

— זאָל לעבן די דעמאָקראַטיע!

— אַ טויט היטלערן!

— איינהייט־פראָנט!

און ווידער הייבט זיך אָן דער איבערגעריסענער שמועס צווישן הירשקען און בת־שבען.

— דו מאָלסט כאָטש אַ ביסל? — טוט בת־שבע פּלוצלינג הירשקען אַ פרעג.

— ניין.

— פאַר וואָס?

— איך ווייס נישט.

— אַ שאָד!

— ס'איז נישט קיין שאָד.

— דו מיינסט אַזוי?

— איך מיין אַזוי. איך האָב נישט גענומען קיין פענדזל אין דער האַנט זינט מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

— וואָס האָט עס צו טאָן מיט מיר?

— איך ווייס נישט, נאָר מיר דוכט זיך, אַז אויב איך פאַרמאָג יאָ אַ שטיקל טאַלאַנט, קאָן ער זיך בלויז אַנטוויקלען אונטער דיין השגחה.

— דו טרייבסט איבער, הירשקע, איך האָב דיר בלויז אונטער־געהאָלפן פון צייט צו צייט מיט אַן עצה, וואָס שייך דער טעכניק, און אויך דאָ, מיין איך, קאָן איך דיר קנאַפּ וואָס בייהעלפיק זיין. עס טרעפט וויפל מאָל, אַז דאָס באַהערשן די מאָל־טעכניק איז גאָר אַ שטער פאַר

דעם טאַלאַנט, אויב טאַלאַנט איז פֿאַראַן, פֿאַרשטייט זיך. אין דיין פֿאַל, מיין איך, שטימט עס ביז גאָר, ווייל דו ביסט זייער פֿעיִק, הירשקע. אַ שאָד, וואָס דו האָסט אַוועקגעוואָרפֿן די מאַלעריי.

— איך באַדויער נישט. איך בין נישט קיין אמתער מאָלער, אַנישט וואָלט איך קיין מאָל קיין האַרץ נישט געהאַט זיך אָפּצוזאָגן פֿון דעם תענוג צו מאָלן.

— דאָס איז קיין ראיה נישט. אַ תּירוץ איז דאָס. אין דער אמתן ווערט קיינער נישט געבוירן קיין פֿאַרטיקער קינסטלער. דורך אַ צופֿאַל ווערט מען אַ קינסטלער, דורך אַ צופֿאַל הערט מען אויף צו זיין אַ קינסט־לער. אַלץ איז מער וויניקער אַ צופֿאַל, נישט מער.

— איך האָב געהערט, אַז דו גרייטסט ווידער אָן אויסשטעלונג.

— יאָ.

— וווּ ?

— ביי קאַרפּאַנטיע.

— איך ווינטש דיר הצלחה.

— אַ דאַנק. וועסט קומען, האָף איך.

— איך וועל קומען, געוויס.

— קום מיט זשאַנעטן.

— ביידע צוזאַמען קאָנען מיר נישט קומען. עמעצער מוז בלייבן מיטן קינד.

— זאָל זי קומען אַליין.

— גוט.

— זאָל זי קומען מיטן קינד, מיט אייער מיידעלע. וועל איך וויסן ווען, וועל איך מיטברענגען אויף דער אויסשטעלונג מיין זונעלע.

— ווען ?

— די אויסשטעלונג וועט פֿאָרקומען אין אַ מאָנאַט אַרום. בעסער אַזוי, אין משך פֿון דער צייט וועלן די קינדער ווערן עלטער מיט אַ מאָנאַט און עס וועט אויך ווערן וואַרעמער אין דרויסן, וועט זיין לייכטער זיי צו ברענגען... אָבער צו וואָס אויף דער אויסשטעלונג ? לאָמיר זיך בעסער טרעפֿן אַ זונטיק ביי מיר.

— פריִער ביי מיר... צוליב זשאַנעט... זי איז זייער סענסיבל. זי פילט זיך פרעמד צווישן אונדז, אויסלענדער. מען דאַרף עס פאַרשטיין.

— געוויס. מיר איז נישט קיין אונטערשיד. לאָמיר זאָגן: דעם צווייטן זונטיק.

— אויף מיטאָג וועט איר קומען אַלע דריי.

— יאָ, זאָלן זיך ביידע קינדער אָנקוקן... זאָלן זיי זיך באַקענען...

— זיי זענען דאָך כמעט אַ צווילינג.

— ביסט גערעכט, כמעט אַ צווילינג.

— איך ווייס נישט ווי אַזוי דיר צו זאָגן, נאָר ס'איז מיר אַזוי גוט צו מאַרשירן איצט לעבן דיר...

— מיר אויך, הירשקע.

— לאָמיר גיין צוזאַמען נישט נאָר איצט, נאָר אויך אויסער דער מאַניפעסטאַציע...

— יאָ, הירשקע.

נישט ער, נישט זי האָבן געוווּסט, וואָס זיי מיינען צו זאָגן מיט דעם וואָרט „אויסער", וואָרעם זייערע וועגן זענען זיך דאָך פונאַנדערגעגאַנגען. ער האָט חתונה געהאַט מיט זשאַנעט און זי מיט שלמהן. ביידע זענען זיי אין גרונט גענומען געווען צופרידן, וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, ווייל זי פילט זיך שטאַרק פאַרבונדן מיט שלמהן און האָט אויף איר שריט נישט די מינדסטע חרטה. ער אויך, ער איז נישט אומצופרידן מיט זשאַנעטן, ער האָט אויך נישט קיין חרטה, וואָס ער האָט מיט איר חתונה געהאַט, ניין. אָבער עפּעס פייניקט זיי ביידע שטילערהייט. עפּעס אַ מין בענקשאַפט איז זיי באַפאַלן איינעם נאָכן צווייטן און אַ געפיל, אַן אומבאַשטימטער געפיל אַזאַ, אַז זיי געהערן ביידע צו זיך פון שטענדיק ביז שטענדיק.

זיי האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענט און ווי קליינע קינדער האָבן זיי מאַרשירט אין דעם מענטשן־ים, וואָס האָט געשטראָמט פון רעפּובליק ביז צו נאַסיאָן, אָן אַן אָנהויב, אָן אַ סוף.

## קאַפּיטל 48

דער ים ברויזט, שטורעמט, זינגט, בייזערט זיך. איין געדאַנק, איין ווילן, איין האַרץ, איין געפיל. עס דוכט זיך, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין כוח אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיין אין שטאַנד זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם דאָזיקן אָרגאַניזירטן ווילן־אויסברוך פון גאַנץ פאַריז; נישט פאַראַן קיין מאַכט אין ערגעץ נישט, וואָס זאָלן קאָנען אָפּשטעלן דעם אַנטשלאָסענעם טראָט פון די צענדליקער טויזנטער מענטשן, וואָס מאַרשירן פון פּלאַס דע לאַ רעפּובליק צו פּלאַס דע נאַסיאָן, פאַרביי דער באַסטיליע. אייניק זענען די מאַניפעסטאַנטן אין זייער ווילן, אין זייער טראָט, ווי זיי וואָלטן געהערט אַלע צו איין משפּחה.

און טאָמער געפינען זיך צופעליק, אָדער נישט צופעליק אין איין ריי צוויי מענטשן, אַ מאַן און אַ פרוי, אַ בחור און אַ מיידל, וואָס זענען צווישן זיך געקניפּט און געבונדן דורך בשותפותדיקע זכרונות, דערנענטערן זיי זיך איצט אַוודאי און אַוודאי איינער צום צווייטן, און זייערע הערצער קלאַפּן מיט דעם זעלבן ריטעם.

אַזאַ מאַניפעסטאַנטן־פּאָרל זענען הירשקע און בת־שבע.

— מיר גייען צוזאַמען — מורמלט הירשקע צו זיך אַליין — גלייך ווי ער וואָלט זיך איינגעחזרט אַ מין סוד, כדי ער זאָל אים קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

— מיר גייען צוזאַמען! — זאָגט זי צו אים און זי פילט זיך אַזוי גוט. וואַרעם איז איר אויף דער נשמה.

פּלוצלינג דערלאַנגט זי אַ געשריי, ווי עמעצער וואָלט איר הינטער־ווײַלעכץ אַ זעץ געגעבן אין שאַרבן.

די קני טרייסלען זיך איר. ווען הירשקע כאַפּט זי נישט אַריין אין די

אָרעמס זיינע, וואָלט זי אומגעפאַלן. אָבער אין דער אייגענער מינוט טוט אויך הירשקע אַ געשריי:

— מיר אויך... געטראָפן...

פון אומעטום דערטראָגן זיך די דאָזיקע ווערטער. די מאַניפעסטאַציע שטעלט זיך אָפּ, דאָס געזאַנג ווערט אַנטשוויגן אין די ערשטע רייען, און טויזנטער אויגן באַמיִען זיך צו דערגיין, וואָס עס איז געשען, ווייל קיין שיסעריי האָט קיינער נישט געהערט אין דעם טומל.

נאָך אין דער ריי, ווו הירשקע, בת־שבע און אַ דריטער מאַניפעסטאַנט, האָבן מאַרשירט, אַזוי גוט ווי אין די נאָענטע רייען, האָט מען גלייך דערזען, אַז זיי זענען פאַרווונדיקט. ווער שווער און ווער לייכט, דאָס האָט מען אין דער ערשטער רגע, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט מערקן.

פון וואַנען זענען די קוילן געקומען? פון אַ קאַפע־טעראַסע, פון אַ באַלקאָן, צי אפשר פון דער מאַניפעסטאַציע גופא, ווו ס'האָט אפשר זיך געהאַט אַריינגעגנבעט אַ פאַשיסטישער פּראָוואָקאַטאָר?

נאָר איצט איז קיין צייט נישטאָ אויסצופאָרשן דעם ענין. מען דאַרף וואָס גיכער אָפּפירן די פאַרווונדעטע אין שפּיטאָל אַריין.

— יאָ, יאָ, וואָס גיכער!

— רוקט זיך אָפּ...

— זאָלן זיי האָבן לופט.

— וואַסער.

באַלד האָט זיך באַוויזן אַ דאָקטער, פון דער מאַניפעסטאַציע.

באַלד באַווייזט זיך אַ צווייטער דאָקטער, אַ דריטער...

מען באַווייזט נישט די פאַרווונדעטע אַריינצוטראָגן אויף די אָרעמס אין אַ דערבייַיִקער קאַפע, ווי עס קומט אָן אַן אַמבולאַנס און פירט זיי שנעל אָפּ אין שפּיטאָל אַריין.

אָנקומענדיק אין שפּיטאָל, איז שוין בת־שבע געווען טויט. הירשקע איז געלעגן אָן באַוווּסטזיין, קענטיק, אַז ער האָט געוואָלט עפּעס־וואָס זאָגן פאַרן טויט, אָבער קיין איין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען אויף די ליפּן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט אויך זיין האַרץ אויפגעהערט צו קלאַפּן.

אַרום מיטן נאַכט האָט עמעצער אַ קלאַפּ געטאָן אין דער טיר פון גראָס־מאַנס שטוב. יאָסל, יוכבד און שעפּסעלע זענען שוין געלעגן אין די בעטן און געשלאָפן דעם ערשטן האַלבן שלאָף אַזוי, אַז דעם ערשטן קלאַפּ אין טיר און אויך דעם צווייטן קלאַפּ האָט קיינער פון זיי נישט געהערט.

ערשט ביים דריטן קלאַפּ האָט יוכבד זיך אויפגעכאַפּט. זי האָט געמיינט, אַז דער גערויש קומט פון דער שכנותדיקער שטוב. געוויס איז דער פראַנצויזישער שכן שוין ווידער געקומען אַ שיכורער. אויב אַזוי, האָט זי זיך געטראַכט, דאַרף מען זיך ריכטן, אַז דער ליאַרעם וועט אַזוי גיך נישט אויפהערן. מען וועט זינגען, מען וועט שרייען, מען וועט זיך שלאָגן ביז באַגינען און זי קאָן זיך שוין געזעגענען מיטן שלאָף. אויף די קינדער אירע האָט זי זיך נישט געריכט. יעדער ווינט שוין פאַר זיך. נאָך איידער הירשקע האָט חתונה געהאַט מיט דער פראַנצויזישער זשאַנעט, האָט ער שוין מיט איר צוזאַמען געוווינט. טאָ ווער קאָן דאָ קלאַפּן איצט ? זי האָט זיך שוין געקליבן ווידער איינצודרעמלען. עפּעס־וואָס איז געבליבן שטעקן אין מיטן חלום. עמעצער האָט געשריגן. אָבער ס'איז נישט דער שיכורניק, און קיין חלום איז דאָס אויך נישט. זי הערט דייטלעך ווי עמעצער קלאַפּט אין טיר. זי האָט געוואָלט אויפוועקן יאָסלען פון זיין האַרטן שלאָף. זאָל ער גיין זען ווער עס קלאַפּט דאָ אַזוי שפּעט. אָבער הערנדיק זיין כראָפּעניש, האָט זי באַשלאָסן צו גיין אַליין עפענען די טיר. אפשר איז דאָך עמעצער פון אירע קינדער געקומען.

זי האָט זיך איינגעוויקלט אין אַ פאַטשיילע, איז אַרונטער פון בעט און געגאַנגען אויפמאַכן די טיר.

מיט שרעק איז זי אָפּגעשפּרונגען, ווען זי האָט דערזען פאַר זיך ביי דער בלאַסער עלעקטריע־שיין פון דער טרעפּ־באַלייכטונג אַ פּאָליציי־אוניפאָרם.

דער פּאָליציאַנט האָט סאַלוטירט און האָט זי אַ פרעג געטאָן :

— דאָ ווינט די פאַמיליע גראָסמאַן ?

יוכבד האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ. דאָס לשון האָט איר אָפּגענומען. זי האָט געמוזט זיך אָנשפּאַרן אין דער וואַנט, כדי נישט אומצופאַלן.

— אייער זון האַנרי...

מער האָט יוכבד נישט געהערט.

אין בת־שבעס בייטל האָט מען געפונען אירע נייע פּאַפּירן, אין וועלכע זי האָט פיגורירט אונטערן נאָמען פינקעלשטיין. דערמיט דערקלערט זיך דאָס, וואָס דערוווּסט זיך פון דעם אומגליק האָט דער ערשטער שלמה און נישט איר טאַטע פּנחס שטיין.

מיט צוויי וואָכן צוריק האָט שלמה געהאַט איינגעפירט אַ טעלעפאָן אין זיין שיינער דירה. דערפאַר איז נישט קיין פּאָליציאַנט געקומען אים אָנזאָגן די טרויעריקע ידיעה, נאָר דער טעלעפאָן האָט אַ קלונג געטאָן.

ס'איז געווען אַרום דריי פערטל צוועלף. שלמה איז געלעגן אין בעט מיט אַ בוך אין האַנט. ער האָט געוואַרט אויף בת־שבען. ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס זי איז נאָך נישט צוריקגעקומען פון איר מאַניפעסטאַציע. „איר" מאַניפעסטאַציע האָט ער מיט פּאַרדרוס געטראַכט, ווייל היינט האָט זיך אים נישט זייער געגלוסט צו בלייבן אין שטוב מיטן קינד. אמת, עס טרעפט אויך אַ מאָל, אַז ער גייט אַרויס און זי בלייבט אין שטוב, אָבער דאָס רוב איז ער דער שטובזיצער, נישט זי. ער איז די ניאַנקע. קיין מאָל האָט ער איר נישט געמאַכט קיין פאָרוווּרפן וועגן דעם, ווייל אַזאַ אָפּמאַך איז געווען לכתחילה צווישן זיי: זי האָט אַלע פּריווילעגיעס, און ער אַלע פליכטן.

אַן אָפּמאַך? ניין, נישט קיין בפירושער אָפּמאַך, ווייל וועגן דעם איז גאָרנישט געקומען צו רייד. דאָס איז אויסגעקומען גאַנץ נאַטירלעך סיי אין אירע, סיי אין זיינע אויגן, אָבער עס טרעפט, אַז אינעווייניק אין האַרצן נעמט אים גריזשען אַ וואָרעם. ער זאָגט גאָרנישט, ער בונטעווועט זיך נישט, ער מאַכט קיין סצענעס נישט. חלילה, ער איז פון דער נאַטור אַ פרידלעכער און אַ נאָכגיביקער, שוין צו נאָכגיביק, וואַרפט זי גופא אים פאָר. אין אַ געלעכטער, פאַרשטייט זיך, וואָרעם זי פּראָפּיטירט דאָך דערפון. ער האָט אָבער צו איר קיין טענות נישט. אַזאַ איז זיין נאַטור. און איר נאַטור איז אַן אַנטקעגנגעזעצטע. דערגאַנצן זיי זיך טאַקע און אַלץ איז וווּיל און פיין...

פאַר וואָס אָבער איז זי נאָך נישט צוריקגעקומען? ווו איז זי געבליבן

אַזוי שפּעט? ס׳איז דאָך נישט מעגלעך איר זאָל זיך האָבן פאַרוואָלט נאָך דער מאַניפעסטאַציע זיך אַראָפּכאַפּן אין אַ קאַפע אויף מאָנפּאַרנאַס אָדער אויף סאַן־זשערמען.

מיינענדיק, אַז דאָס טעלעפאָנירט זי, האָט ער גאָרנישט געפרעגט צו ערשט ווער עס רעדט, נאָר אַריינגעשריגן אין טרייבל דער ערשטער:

— האַלאָ, בת־שבעלע! וואָס איז די מעשׂה? ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? דאָס קינד האָט געוויינט אַ גאַנצן אָוונט... ווו ביסטו?

— האַלאָ — האָט ער דערהערט אין טרייבל אַ פרעמדע מענערשע שטימע — זענט איר מסיע פינקעלשטיין?

— איך — האָט שלמה אַ דערשראָקענער געענטפערט.

— איר אַליין? — האָט יענער איבערגעפרעגט.

— יאָ, וואָס איז דען?

— בת־שבע פינקעלשטיין איז אייער פרוי?

— יאָ, מיין פרוי, וואָס איז דען? וואָס האָט פאַסירט?

— זייט שטאַרק, הער פינקעלשטיין.

— פאַר וואָס דאַרף איך זיין שטאַרק? זאָגט שוין גיכער וואָס עס איז געשען?

— איך באַדויער שטאַרק, וואָס איך מוז אייך מודיע זיין, אַז אייער פרוי איז אין שפּיטאָל...

— אין שפּיטאָל גאָר? וואָס טוט זי אין שפּיטאָל?

— זי געפינט זיך אין שפּיטאָל סענט־אַנטואַן.

— זי איז קראַנק?

— איך באַדויער...

— וואָס זאָגט איר? וואָס? ווען?...

— קומט וואָס גיכער אין שפּיטאָל...

— ווי אַזוי האָט דאָס פאַסירט?! — האָט שלמה אַריינגעשריגן אין טעלעפאָן אַריין, אָבער מען האָט שוין געהאַט איבערגעהאַקט דעם געשפּרעך און די פראַגע האָט זיך צו אים צוריקגעקערט אַ נישט פאַרענטפערטע.

ער איז נאָך אַ רגע געבליבן שטיין מיטן טרייבל אין דער האַנט אַ צעטומלטער און האָט נישט געוווּסט, ווי זיך אַן עצה צו געבן: אויף וועמען

זאָל ער איבערלאָזן דאָס קינד? אפשר זאָל ער אָנקלינגען... וועמען זאָל ער קלינגען?

ער וואָלט געקלונגען צו זיין מאַמען, וויל ער זי אָבער נישט איבער־שרעקן. ער האָט געטראַכט אַזוי לאַנג, ביז עס איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק אָנצוקלינגען אין אַן אַמבולאַטאָריע און בעטן דרינגלעך אַ קראַנקן־שוועסטער.

אין דעם טויטן־שטיבל פון דעם שפּיטאָל סענט־אַנטואַן זענען געלעגן אויף טראָגבעטלעך די דריי קרבנות פון דער פאָלקס־פראָנט־מאַניפעסטאַציע, באַוואַכט פון אַ צוויי צענדליק מאַניפעסטאַנטן. אַרבעטער האָבן אַריינגע־טראָגן דריי רויטע פענער מיט טיולענע שלייפן.

ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף דעם? ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף אַזאַ איבערפאַל, אויף אַזאַ אומגליק אין מיטן דער פאָלקס־פראָנט־מאַניפעסטאַציע? קיינער נישט, צום ווייניקסטן די קרבנות גופא: דער אומבאַקאַנטער אַרבעטער, הירשקע און בת־שבע.

יאָ, אומבאַקאַנט איז דער דריטער, וואָרעם קיינער איז צו אים נישט געקומען, נישט קיין מאַמע, נישט קיין פרוי, נישט קיין קינד. אפשר וועט מאָרגן זיך געפינען אַ קרוב, אַ פריינד און וועט קומען זיך געזעגענען מיט אים. אַנישט, וועט ער בלייבן דער אומבאַקאַנטער קרבן.

אָבער די צוויי אַנדערע קרבנות, הירשקע און בת־שבע, צו זיי איז מען גלייך געקומען צו לויפן, צו בת־שבע — איר חבר, איר מאַן שלמה, און צו הירשקען — זיין טאַטע און זיין ברודערל שעפּסעלע. געבליבן אין שטוב איז די מאַמע. מען האָט זי אָפּגעמינטערט, אַריינגעלייגט אין בעט און איינגערעדט איר, אַז זי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער פּאָליציאַנט האָט געזאָגט. הירשקען האָט מען אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל אַריין אָפּערירן אויף דער בלינדער קישקע. אַ קלייניקייט. אַ לייכטע אָפּעראַציע. מאָרגן וועט זי גיין אין שפּיטאָל אַריין, וועט זי אים זען מיט די אייגענע אויגן. זאָל זי זיך נישט קלעמען, ס׳איז גאָרנישט מיט גאָרנישט.

האָט יוכבד געגלויבט? האָט זי געלאָזט זיך טרייסטן? שווער צו זאָגן, אָבער זי האָט זיך געלאָזט איבעררעדן, אַז זי זאָל בלייבן אין שטוב, און דער טאַטע מיט שעפּסעלען וועלן גיין זען וואָס הירשקע מאַכט.

## קאַפּיטל 49

סאַקאַ און וואַנצעטי זענען אומגעקומען אויף דער עלעקטרישער שטול, נישט געקוקט אויף די פּראָטעסטן אין דער גאַנצער וועלט און נישט געקוקט אויף די ריזן־מאַניפעסטאַציעס, וואָס זענען פאָרגעקומען פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן.

שלום שוואַרצבאַרד האָט אין מיטן העלן טאָג דערשאָסן דעם פּאָגראָמ־שטשיק פּעטליוראַן. דאָס איז נישט געווען קיין נקמה־אַקט, ווי די רוסישע און אוקראַיִנישע שוואַרץ־מאהניקעס האָבן געשריבן אין זייערע צייטונגען, נאָר אַן אַקט פון גערעכטיקייט. עס האָט זיך נישט געפונען קיין טריבונאַל, וואָס זאָל משפּטן דעם דאָזיקן פּאָגראָמשטשיק פאַר די רציחות, וואָס עס האָבן באַגאַנגען קעגן הונדערטער יידישע ישובים אין אוקראַיִנע זיינע גענעראַלן און זעלנער. האָט דאָך געדאַרפט אַ מאָל קומען עמעצער וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַר די פאַרפייניקטע, געמאָרדעטע און פאַרגעוואַלטיקטע.

שוואַרצבאַרד האָט אים דערשאָסן אין מיטן גאָס און אין אַ יאָר אַרום איז ער נישט ווייט פון דער דאָזיקער גאָס דורך דער פראַנצויזישער יוסטיץ באַפרייט געוואָרן. נישט געווען ביז אים קיין דין, קיין דיין צו וועמען די קרבנות וואָלטן געקאָנט זיך ווענדן, האָט די גערעכטיקייט אַרויסגענומען איין מענטש פון פאָלק און האָט אים געהייסן, האָט אים דיקטירט וואָס צו טאָן.

אַרום דעם האָט זיך געדרייט דער שמועס דעם פרייטיק־צו־נאַכטס צווישן ד״ר זשאַק שטיין און זיינעם אַ חבר. וואָס זאָל מען טאָן? זאָגט ד״ר זשאַק שטיין — מען דאַרף נעמען ווי עס גייט. אַ ברירה האָט מען?

— ניין — ענטפערט זיין חבר — מען טאָר נישט רעזיגנירן, מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף גאָטס באַראָט. מען מוז כסדר קעמפן קעגן דער אומגערעכטיקייט, אַ נישט איז מען פאַרלוירן.

— וואָס זאָל מען טאָן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין ענערגיע צו קעמפן?

— מען דאַרף האָפן. האָפענונג גיט כוחות, גיט ענערגיע.

— האָפן אויף וואָס?

— אויף וואָס נישט איז, אַבי האָפן. אָן האָפענונג קאָן מען נישט לעבן, אָן האָפענונג איז מען אַ בר־מינן לעבעדיקערהייט. מען דאַרף האָפן, אַז עס וועט בעסער ווערן...

— אָן אילוזיע, אָן איינרעדעניש... עס ווערט נישט בעסער, נאָר עס ווערט אַלץ ערגער און ערגער. דער, וואָס דאַרף האָפן, ווערט עלטער און שוואַכער; די חלומות צערינען איינער נאָכן צווייטן.

— ווען אַלע וואָלטן אַזוי גערעדט ווי דו, וואָלט קיין פּראָגרעס־לעבן נישט געווען מעגלעך, זעסט דאָך, דו אַליין...

— איך טו מיין טעגלעכע אַרבעט, איך בין אַ דאָקטער. איך האָרך אויס מיינע קראַנקע, איך באַמי זיך צו היילן, אויף ווי ווייט מען קאָן היילן אַ מענטשן...

— אַפילו ווי אַ דאָקטער ביסטו אויך אַ סקעפּטיקער...

— ביסט גערעכט. אַלע דאָקטוירים טאַפּן אין דער פינצטער און זיי מאַכן נאָך דעם אָנשטעל גלייך ווי זיי וואָלטן געווען וואָר ווייסט וועלכע אויפטוערס...

— נישט גוט ווי דו רעדסט.

— נישט גוט... נישט גוט... אָבער איך קאָן זיך נישט העלפן...

אַזוי האָט בת־שבעס ברודער, ד״ר זשאַק שטיין, געזען די וועלט. די פּאָר חברים זיינע, מיט וועלכע ער פלעגט נאָך פון צייט צו צייט כאַפּן אַ שמועס וועגן זיך, וועגן דער וועלט, האָבן נישט געקאָנט אים איבערצייגן, אַז עס לוינט זיך נישט אַריינצופאַלן אין גלייכגילטיקייט צו אַלץ און צו אַלעמען, אַפילו צו זיך גופא.

זיין קאַבינעט געפינט זיך לעבן פּאָרט דע לאַ שאַפּעל אין אָן אַרבעטער־געסל. ער פילט זיך ווי ער וואָלט געוווינט אין דער פּראָווינץ. יעדן צווייטן שבת־צו־מיטאָג שטאָט ער אָפּ אַ וויזיט זיין טאַטן אויפן פּלעצל: דאָרט טרעפט ער זיך מיט אַ האַלבער משפּחה זיינער.

אָבער אויך ביי די דאָזיקע פאַמיליע־באַגעגענישן, ווען אַלע האָבן

אַזוי פיל צו דערציילן פון זיך, פון אַנדערע, דרייט זיך געוויינלעך זשאַק אַרויס פון אַלע שמועסן מיט לאַקאַנישע ענטפערס. שפּריכווערטלעך זענען זיי געוואָרן אין דער משפּחה. מען וווּנדערט זיך שטענדיק פון דאָס ניי איבער זיי און מען שרעקט זיך אויך פאַר זיי, וואָרעם קיין מאָל הערט מען נישט פון אים אַ „יאָ" ווי עס באַדאַרף צו זיין, אָדער אַ „ניין". אַלץ וואָס מען רייסט אַרויס פון אים, באַשטייט אין אַן „אפשר", אין אַ „ווייס איך וואָס", אין אַ „מסתמא", אָדער אין „מען וועט שוין זען". און מען ווייסט נישט, וואָס ער מיינט מיט זיין „אפשר", מיט זיין „מען וועט שוין זען".

זשאַק איז פאַר אַלעמען אַ רעטעניש. וויפל מען פּרוּווט נישט דערגיין פון אים, ווו דער שוך קוועטשט אים, וואָס אים פעלט און מיט וואָס ער איז נישט צופרידן, איז אַלץ אומזיסט. מען קאָן גאָרנישט אַרויסקריגן פון אים.

עס קאָן זיין, אַז ער גופא ווייסט אויך נישט אויף וואָס פאַר אַ קרענק ערליידט. ס'איז דאָך אַ באַקאַנטע זאַך, טאָמער ווערט אַ דאָקטאָר קראַנק, קאָן אים שוין קיינער נישט העלפן. דער שווערסטער דיאַגנאָז איז דער אייגענער דיאַגנאָז.

אָבער ווער זאָגט דען, אַז זשאַק איז קראַנק? איז דען שווייגעוודיקייט אַ קראַנקייט? איז דען גלייכגילטיקייט אַ מחלה? איז סקעפּטיציזם שגעון? אפשר איז גראָד דער דאָזיקער צוגאַנג צום לעבן אַ געזונטער?...

## קאַפּיטל 50

דעם שבת איז ער געקומען פריִער ווי אַלע מאָל, האָט ער קיינעם אין שטוב נישט געטראָפן, חוץ דער פּוילישער דינסט. זיין טאַטע און זיין שטיפמאַמע זענען נאָך געווען אין שול. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אין דער סאָפקע און נישט געטראַכט פון גאָרנישט; פּלוצלינג הערט ער אַ געוויין פאַר דער טיר: עס לאָזן זיך אַריין יידן און ווייבער. זיי האָבן געבראַכט צו פירן פנחסן און זיין ווייב. פון דער פאַווע־שול צו פנחסן אין שטוב איז נישט ווייט, אַנישט וואָלט מען זיי נישט געקאָנט ברענגען צו פירן אונטער די אָרעמס.

פנחס קרעכצט און האַלט זיך פאַרן קאָפּ. גאָלדע וויינט און טענהט, אַז זי וועט עס נישט איבערטראָגן.

— אַזאַ אומגליק! אַזאַ אומגליק! — כאַפּט זיך אַ ייד פאַרן קאָפּ.

— ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף דעם?

— פון וואַנען?

— ווי אַזוי?

זשאַק גלאָצט מיט די אויגן, אין דער ערשטער רגע ווייסט ער נישט וווהין זיך צו קערן און זיך צו ווענדן. וואָס איז געשען? וואָס פאַר אַן אומגליק?

עמעצער האָט אַרויסגעזאָגט בת־שבעס נאָמען און זשאַק דערמאָנט זיך אין די גרויסע צייטונגס־קעפּלעך, וואָס ער האָט, פאַרנדיק מיטן אויטאָבוס אַהער, אַרויסגעלייענט אין די קיאָסקן:

„אַ שיסעריי אויף דער נעכטיקער פאָלקס־פראָנט־מאַניפעסטאַציע".

„דריי טויטע ביי די מאַניפעסטאַנטן, צענדליקער שווער־ און לייכט־פאַרווונדעטע".

„אַ פאַשיסטישע פּראָוואָקאַציע!"

אויף דער רי דע ריוואָלי, אַרונטערגייענדיק פון אויטאָבוס, האָט ער געוואָלט קויפן אַ צייטונג און האָט עס נישט געטאָן. שוין וואָכן־לאַנג, מאָנאַטן־לאַנג, ווי ער לייענט נישט מער קיין צייטונגען, נישט קיין לינקע און נישט קיין רעכטע. וואָס מער די פּאָליטישע געשעענישן שפּיצן זיך צו אין אויסלאַנד, אָדער אין פראַנקרייך, אַלץ ווייניקער וויל ער פון זיי וויסן און הערן. אַ פּאַרקערטע דערשיינונג. ער איז בייז אויף זיך פאַר זיין אומגלויבלעכער גלייכגילטיקייט, ער וואָלט געדאַרפט זיך נעמען אין די הענט אַריין. ער טאָר נישט מער פאַרבלייבן „אומפּאַרטייִיש", ווי מען זאָגט, צו זיין אייגענעם צושטאַנד, אַנישט, ווער ווייסט וווהין דאָס קאָן אים נאָך פאַרפירן.

דער טאַטע זיינער חלשט. זיין שטיפמאַמע חלשט... זי איז זיין טאַטנס דריט ווייב. זי איז אַ גוטע מאַמע, נישט בלויז פאַר אירע אייגענע קינדער, נאָר אויך פאַר אירע שטיפקינדער, אָבער זי איז דאָך זיין טאַטנס דריטע פרוי. זיין צווייט ווייב איז געווען זשאַקס שטיפמאַמע. קאָן מען דען האָבן צוויי שטיפמאַמעס, איינע נאָך דער צווייטער?

אַזוי פיל ברעקלעך געדאַנקען אין איין אויגנבליק... ווי איז דאָס מעגלעך? ער האָט ליב זיין טאַטן, דעם שטאַרקן בוים, דעם דעמב. און זיין דערמאָרדעטער שוועסטער בת־שבען האָט ער אויך ליב געהאַט, ליבער פאַר אַלעמען אפשר. ער האָט זיך מיט איר זייער גוט פאַרשטאַנען, כאָטש זיי האָבן זעלטן אויסגערעדט אַ וואָרט איינער צום צווייטן. זי האָט אים פאַרשטאַנען אַ שווייגנדיקע. זי איז געווען דיסקרעט און איז קיין מאָל צו אים נישט צוגעשטאַנען, ווי דאָס טוען זיינע איבעריקע ברידער און שוועסטער — ער זאָל רעדן, ער זאָל דערציילן, ער ווייסט אַליין נישט וואָס. וואָס האָט ער זיי צו דערציילן? פאַר וואָס מיינען זיי אַלע, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ סוד, וואָס ער וויל קיינעם נישט אָנטרויען? פאַר וואָס פאַרשטייען זיי נישט, אַז ער איז פּוסט, ליידיק, און אויב ער שוויגט, איז דאָס נישט דערפאַר, ווייל ער וויל עפּעס באַהאַלטן, נאָר ווייל ער האָט פּשוט נישט וואָס צו זאָגן?

אָבער וואָס איז געשען? זיין שוועסטער? פאָלקס־פראָנט־מאַניפעס־טאַציע? זיין טאַטע חלשט?

— גיכער... גיכער...

— וואָסער...

— לאָזט זיין זון. ער איז דאָך אַ דאָקטער...

— האַלט זיך ר׳ פנחס... האַלט זיך !...

— זיין זון... דער דאָקטער...

מען זאָגט, אַז מען וועט די דריי קרבנות אָפּפירן אין דער סינדיקאַטן־צענטראַלע אויף גראַנזש־אַ־בעל, אָדער אין איינעם פון די צענטראַל־קאָמיטעטן פון דער קאָמוניסטישער, צי פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אָבער מען האָט געמאַכט דעם חשבון אָן די פאַמיליעס פון די הרוגים. נישט די משפחה שטיין, נישט די משפחה גראָסמאַן וועלן מסכים זיין מיט דעם.

ווען זיי האָבן געלעבט, בת־שבע און הירשקע, האָבן זיי געקאָנט טאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט. דאָס הייסט, מען האָט זיי געמוזט לאָזן טאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט, ווייל זיי האָבן ביי קיינעם קיין דערלויבעניש נישט געבעטן, אָפילו נישט ביי זייערע פאַמיליעס.

טויטע האָבן אָבער נישט קיין ווילן, און טאָמער יאָ, קאָנען זיי אים נישט מאַניפעסטירן, ווענדט זיך אַלץ אין זייערע עלטערן. ניין, עס ווענדט זיך אייגנטלעך אין הירשקעס פרוי און אין בת־שבעס מאַן. וואָלט מען זיי געפרעגט, וואָלטן זיי... זשאַנעט וואָלט געוויס געענטפערט יאָ, וואָרעם האַנרי דאַרף זיך דאָך געזעגענען מיט די סינדיקאַטן, וואָס האָבן אין זיין לעבן פאַרנומען אַזאַ גרויס אָרט. אין סינדיקאַט האָט זי זיך מיט אים באַקענט. ווען נישט גראַנזש־אַ־בעל, וואָלט זי קיין מאָל אפשר נישט געוווּסט, אַז עס איז פאַראַן אַ האַנרי אויף דער וועלט, און ער וואָלט נישט געוואָרן קודם איר חבר, נאָך דעם איר מאַן. ווו דען, אויב נישט אין די סינדיקאַטן ?

אָבער דער גורל האָט געוואָלט, אַז ער זאָל שטאַרבן אין איינעם מיט עליזאַבעט, אין איינעם מיט זיין געוועזענער חברטע, זי איז אַ יידישע, אַ טאָכטער פון אַ פרומער יידישער פאַמיליע...

און אפשר, פאַלט זשאַנעטן איין אַ געדאַנק, אפשר האָט ער זיך געהאַט אָפּגערעדט מיט איר צו טרעפן אין דער פאָלקס־פראָנט־מאַניפעסטאַציע... אויב אַזוי... ניין, וואָס קאָן זי אים איצט פאָרוואַרפן, ווען ער ליגט אַ טויטער ?

וועלכע טענות קאָן זי האָבן צום טאַטן פון איר קינד? ער איז געווען אַ ייד? וואָס הייסט דאָס אַ ייד? און זי, וואָס איז זי? אַ קריסטין? אַ קאַטוילין? ביידע זענען זיי אַטעיִסטן... זיין פאַמיליע וועט באַשליסן...

ביידע פאַמיליעס האָבן אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק וועגן אויסשטעלן די ארונות פון זייערע קינדער אין דעם לאָקאַל פון אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. די טויטע זענען געבליבן ליגן אין דעם מתים־שטיבל ווי אַלע בר־מיננס, וואָס שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט אין שפּיטאָל.

דער דריטער קרבן אָבער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין משפחה און קיין פאַפירן האָט מען ביי אים אויך נישט געפונען, האָט געהערט אין גאַנצן דעם פאָלקס־פראָנט. מען ווייסט נישט צו וועלכער פאַרטיי ער האָט געהערט, ווייל דאָס שטייט נישט געשריבן אויפן פנים; מען ווייסט אַפילו נישט, צי ער איז געווען אַן אַרבעטער, ווייל קיין אַרבעטער־קליידער, בעת די קויל האָט אים געטראָפן, האָט ער נישט געטראָגן. מען ווייסט נישט ווי אַלט ער איז געווען, פון וואַנען ער האָט געשטאַמט. איז ער אַ געבוירענער אַ פאַריזער אָדער אַ פּראָווינצער? אפשר איז ער גאָר אַן אויסלענדער: אַ בולגאַר, אַן איטאַליענער, אַ גריך?

האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „דער אומבאַקאַנטער מאַניפעסטאַנט״. זיין אָרון האָט מען יאָ אויסגעשטעלט אין גראַנזש־אָ־בעל.

## קאַפּיטל 51

אין דעם מתים־שטיבל זענען די ארונות פון הירשקע גראָסמאַן און פון בת־שבע געשטאַנען איינער לעבן דעם צווייטן. ווען זייערע קינדער האָבן געלעבט, זענען די פאַמיליעס גראָסמאַן און שטיין געווען ווייט איינע פון דער צווייטער, אַ סך מערער ווי דער בעלווילער קוואַרטאַל פון דעם פּלעצל. איצט שטייט ר׳ פּנחס לעבן יאָסלען, גאָלדע שטייט לעבן יוכבדן, ווי זיי וואָלטן געווען צוויי שוועסטער. דער טויט פון די יונגע האָט דערנענטערט די עלטערע, די לעבעדיקע, אויס יחוס, אויס כבוד און גאווה.

שבת טאָר מען קיין שבעה נישט זיצן. ווען נישט שבת, וואָלטןביידע טאַטעס, ביידע מאַמעס איצט געזעסן אויף אַן אומגעדרייטער באַנק, און זייער צער, זייער געוויין, וואָלט געווען אַ בשותפותדיקער. שטייען זיי לעבן דער אַרבעטער־ערן־וואַך, יעדע פאַמיליע לעבן איר אָרון און שלינגען זייערע טרערן שטילערהייט, ווייל שבת טאָר מען נישט וויינען אויפן קול.

דעם גאַנצן טאָג זענען געקומען דעלעגאַציעס צו ביידע ארונות. ווען נישט ר׳ פּנחס, וואָלטן די ארונות געווען פאַרדעקט מיט בלומען־קרענץ. ס׳האָט אים געקאָסט געננוג מי צו דערקלערן די נישט־יידישע דעלעגאַציעס, פאַר וואָס ביי יידן לייגט מען נישט קיין בלומען אויף אַן אָרון.

יענע הייבן נישט אָן צו פאַרשטיין פאַר וואָס בלומען זענען פאַרווערט ביי יידן, אָבער קעגן פאָטערס ווילן לייגן בלומען־קרענץ אויפן אָרון האָבן זיי נישט געוואָלט, זענען די קרענץ מיט די אויפשריפטן געבליבן ליגן פאַרשעמטע אין אַ ווינקל פון מתים־שטיבל און מען האָט נישט געוווסט וואָס מיט זיי צו טאָן.

הירשקעס מאַמע איז אַן עלטערע, אַ פאַרצייטיקע יידישע מאַמע, איר וואָלט מסתמא אויך נישט געווען צום האַרצן ווען מען וואָלט הירשקעס אָרון באַדעקט מיט בלומענקרענץ, זיין טאַטע אָבער, כאָטש נישט אַזאַ

פרומער ייִד און כאָטש ער איז, ווי אַלע ווייסן, געווען ברוגז מיט זיין זון, וואָלט אַלעמען די אויגן אויסגעדראַפּעט, ווען מען וואָלט איצט עפּעס־וואָס געטאָן קעגן דעם יידישן דין.

וועט זיך איינגעבן צו פאַרוואַנדלען די לוויה אין אַ פּאָליטישער פאָלקס־דעמאָנסטראַציע? וועלן די פאַמיליעס מסכים זיין זיך צו באַגיין אָן אַ רב, אָן קדיש, אָן אַן „אל מלא רחמים"?

געוויס וועלן זיי נישט מסכים זיין, געוויס וועט זיין אַ רב און מען וועט זאָגן קדיש, מען וועט מאַכן אַן „אל מלא רחמים" און די לוויה פון די צוויי קרבנות וועט טראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער.

קעגן דעם איז, ווייזט אויס, נישט מעגלעך עפּעס צו טאָן. די אַרבעטער האָבן באַצייטנס שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז מען וועט זיך צו זיי נישט צוהערן, אַז מען וועט מיט זיי וועגן דעם גאָרנישט דיסקוטירן. גאַנץ בעלוויל איז געקומען צו דעם אויספיר, גאַנץ בעלוויל, וואָס האָט דעם שבת באַווײנט די קרבנות פון דער דאָזיקער רציחה.

## קאַפּיטל 52

נישט פּאַריז, נישט קיין אַנדערע שטאָט אין דער וועלט האָט מסתמא אַזאַ לוויה־מאַניפעסטאַציע נאָך קיין מאָל נישט געזען. יידן און קריסטן, פראַנצויזן און אויסלענדער, אַרבעטער און אַרבעטגעבער, אינטעלעקטואַלן און מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר, אַרטיסטן און קונסט־ליבהאָבער, אַלע שיכטן, אַלע קרייזן, אַלע קלאַסן, בעלוויל, דאָס פּלעצל, די פאַבריק־שטאָט ביאַנקור — אַלע באַטייליקן זיך אין דער דאָזיקער ריזן־לוויה. שוואַרץ זענען די גאַסן פון מענטשן, אַ שפּילקע־קעפּל נישט אַריינצוּוואַרפן.

די דאָזיקע לוויה־מאַניפעסטאַציע האָט אַלעמען איבערראַשט. די יידן האָבן אויסגעזען גלייך ווי זיי וואָלטן געגאַנגען נאָך אַ לוויה פון אַ צדיק, זייערע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, ווי זיי וואָלטן תהילים געזאָגט.

ר׳ פּנחס, אַן אַנגעזעענער ייד אויפן פּלעצל, אַ ייד אַ למדן, אַ גבאי אין אַ שול און... פאָלקס־פראָנט־מאַניפעסטאַציע... וואָס וויל דער פאָלקס־פראָנט? פאַר וואָס איז זיין טאָכטער בת־שבע געגאַנגען דעמאָנסטרירן גראָד אין פרייטיק־צו־נאַכטס? גראָד דאַן, ווען איר טאַטע האָט מקבל שבת געווען? דאָס רוב קינדער פון יידישע משפּחות אין פּאַריז זיצן נישט מער ביים שבתדיקן טיש צוזאַמען מיט זייערע עלטערן: אָדער זיי מאַרשירן אין די מאַניפעסטאַציעס, אָדער זיי זיצן ערגעץ אין אַ קאַפע, אין אַ קינאָ, אין אַ טעאַטער.

און דאָך פאַרלאָזן די יידן זייערע געשעפטן, פאַרמאַכן זייערע געוועלבער און גייען נאָך דער לוויה. בת־שבע איז דערשאָסן געוואָרן נישט בעת אַ פּאָגראָם, נאָר בעת אַ מאַניפעסטאַציע. דאַרף מען זאָגן תהילים אין אַזאַ מין פאַל?

יונגוואַרג אָבער טראַכט נישט וועגן תהילים; בעלווילער יונגוואַרג קען אַ יידיש ליד, וואָס פּאַסט זיך צו דער דאָזיקער לוויה: „אַ קרבן געפאַלן...״

אָבער ווי נאָר זיי מאַכן אויף דאָס מויל, הייבן אָן די עלטערע יידן צו פאָכען מיט די הענט:

— שטיל זאָל זיין! בזיון המת...

דאָס ליד ווערט אַנטשוויגן. זיי לאָזן זיך אַרויסרייסן דאָס געזאַנג פון מויל, זיי פּראָטעסטירן נישט, איז דאָך די לוויה פאָרט נישט אין גאַנצן זייערע. ס'איז מער אַ יידיש־רעליגיעזע ווי אַן אַרבעטער־לוויה.

מילא, וואָס שייך בת־שבע שטיין, קאָן מען דאָ גאָרנישט טאָן, אָבער פאַר וואָס קומט הירשקען אַזאַ לוויה? פאַר וואָס זאָל מען אויף דער לוויה פון באַוווסטזיניקן רעוואָלוציאָנערן און אַנטיקלעריקאַלן רעדנער פאַרווערן צו זינגען „אַ קרבן געפאַלן״? דאָס איז אַ סקאַנדאַל! דאָס איז קאַפּיטולאַציע פאַרן יידישן קלער!

אָבער הירשקעס מאַמע איז אַ פאַרצייטיקע, טאָר מען איר איצט נישט אָפּעסן דאָס האַרץ. אויף אַ יידישער לוויה זינגט מען נישט. אויך די אָרקעסטערס וואַגן נישט צו שפּילן שאָפּענס אָדער בעטהאָווענס טרויער־מאַרש.

גייען די מוזיקאַנטן מיט אַראָפּגעלאָזטע אינסטרומענטן, פאַרשעמטע, באַליידיקטע, און ווייסן נישט פאַר וואָס אייגנטלעך די לוויה־קאָמיסיע, אין וועלכער עס זענען פאַרטראָטן פאָרשטייער פון אַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און פון דעם פאָלקס־פראָנט, האָבן זיי געבעטן צו קומען צו דער לוויה.

דריי מתים, אָבער בלויז איינער פון אָט די דריי דערוועקט ביי קיינעם נישט קיין פּראָבלעמען. אַנאָנים האָט ער געלעבט, אַנאָנים איז ער געשטאָרבן, דורך אַן אַנאָנימער קויל געטראָפן. ער איז אַן אידעאַלער קרבן, יעדע פּאָליטישע גרופּירונג קאָן אים איצט פאַררעכענען ווי אַן איריקן.

די אָרדענונג פון דער לוויה איז אַזאַ:

פאָרויס פאָרן דריי שוואַרצע אויטאָ־עגלות מיט די דריי קרבנות. הינטער זיי דריי אַנדערע עגלות מיט די נאָענטע און ווייטערע קרובים בת־שבעס און הירשקעס. דער שטומער אָרקעסטער גייט פאָרויס. הינטער אים — די פאָרשטייער פון דער פאָלקס־פראָנט־רעגירונג, די פאַרטרעטערס פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, יידישע ווי נישט־יידישע, די סינדיקאַטן, די קאָמיסיע־מיטגלידער פון דער פאַריזער בירא־בידזשאַן־סעקציע און

די קאָמיטעט־מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט „פריינד פון ראַטן־פאַרבאַנד״, די דעלעגאַציעס פון די איטאַליענישע, דייטשישע און פּוילישע אַנטיפאַ־שיסטישע אָרגאַניזאַציעס און פון די יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן אין פּאַריז און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. הינטער אַט די אַלע קערפּערשאַפטן און גרופּירונגען — מאַרשירט די מאַסע קילאָמעטערווייז איבער די בולוואַרן און דורך די גאַסן ביז צום באַניע־בית־עולם.

אויפן אַלגעמיינעם בית־עולם אין באַניע איז פאַראַן אַ יידישע אָפּ־טיילונג. די יידישע מתים האָבן דאָרט זייער אויטאָנאָמיע, זיי ליגן צווישן אייגענע.

פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן די יידן, ווי בת־שבע האָט עס געהאַט דערמאָנט אין איר דאָקטאָר־טעזע, פאַרמאָגט אַן אייגענעם בית־עלמין אין אַ פּאַריזער פאָרשטאָט. נאָכן טויט זענען זיי געווען אַרומגעצוימט מיט אַ צוים, אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע מתים.

בת־שבע האָט דאַן געטראַכט וועגן לעבן, נישט וועגן טויט; זי האָט נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז אין עטלעכע יאָרן אַרום וועט זי אַוועק־גיין פון דער וועלט מיט אַ סך נאָך נישט אויסגעחלומטע חלומות. וואָלט זי זיך דאָס געהאַט פאָרגעשטעלט, וואָלט זי מסתמא געהאַט אָנגעזאָגט, מען זאָל זי פאַרברענען אין דער קרעמאַטאָריע אויף פּער לאַשעז.

אַזעלכע געדאַנקען האָבן זיך אין שלמהס מוח געפּלאָנטערט. ער איז געווען זייער טרויעריק. ער האָט בת־שבען זייער ליב געהאַט. זי איז געווען זיין חברטע, זיין פריינד, זיין פרוי, און נאָך אַ סך מער ווי דאָס. זי האָט אים געהאָלפן טראַכטן, זי איז געווען די איניציאַטאָרין פון זיינע געדאַנקען, און טאָמער פלעגן זיי זיך פאַרפּלאָנטערן, פלעגט זי זיי מיט איין וואָרט, מיט איין באַמערקונג אַרויסשלעפּן פון קלעם.

איצט אָבער? איצט וועט ער קיינעם נישט האָבן וועער עס זאָל אים העלפן טראַכטן.

אין דעם שוואַרצן אויטאָקאָר זיצט ער אין איינעם מיט בת־שבעס משפחה, מיט איר טאַטן און מאַמען, מיט אירע ברידער און שוועסטער, שוואָגערס און שוועגערינס. שלמהס אייגענע פאַמיליע איז אַ קליינע: ער,

זיין טאַטע און זיין מאַמע. דאָס איז אַלץ. ער האָט נישט קיין פעטערס, קיין מומעס, קיין קוזינען און קיין קוזינעס. ער איז אָבער בת־שבעס מאַן, ער איז דער טאַטע פון איר זונעלע. זיין זונעלע הייסט דניאל פינקעלשטיין, איז שוין פאַראַן אַ צווייט ביימעלע. אין וועמען וועט דאָס דאָזיקע יונגע ביימעלע זיין געראָטן: אין בת־שבען, אָדער אין אים?

איצט פירט מען זי צום בית־עולם אין באַניע מקבר צו זיין...

פאַר וואָס האָט ער זי דעם פרייטיק־צו־נאַכטס געלאָזט גיין צו דער מאַניפעסטאַציע? אָבער האָט ער דען געקאָנט זיך פאַרשטעלן, אַז מען וועט שיסן, און אויב יאָ, איז גראָד איר וועט טרעפן די קויל? וואָלט ער פאַר־מאָגט אַ ביסל מער אינטויציע, וואָלט צו דעם נישט געקומען, ער וואָלט איר געזאָגט:

— איך האָב אַ שלעכט פאָרגעפיל.

שלמה טראַכט נישט מער פון גאָרנישט. ער קוקט זיך צו צו זיינע מיטפאַרערס, ער הערט זיך צו צו זייערע קרעכצן און זיפצעונישן, צו די טענות און צו די יללות פון בת־שבעס שטיפמאַמען. ער באַמיט זיך צו דערגיין, וואָס עס קומט פאַר הינטער דער פאַרגליווערטער מאַסקע פון ר׳ פנחסעס פנים, הינטער די פאַרשטיינערטע מאַסקעס פון אירע ברידער און שוועסטער. שווער צו קוקן גלייך אין זייערע גלעזערנע אויגן אַריין. אפשר טראַכטן זיי, אפשר מיינען זיי, אַז ווען נישט איר מאַן, וואָלט בת־שבע נישט אומגעקומען. ער איז ווי־נישט־ווי — כאָטש אומדירעקט — שולדיק אין איר טראַגישן טויט. יאָ, וואָלט ער זיך געהאַט איינגעשפּאַרט און זי בשום אופן ואופן נישט געלאָזט גיין צו דער מאַניפעסטאַציע, וואָלט דאָס דאָזיקע אומגליק נישט געשען. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַ מאַן זאָל זיין יונג ווייב לאָזן זיך טרעפן ווען איר גלוסט זיך מיט איר געוועזענעם געליבטן? מען דאַרף נישט מורא האָבן פאַר אַ וואָרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן אמת...

אָבער האָט ער דען געוווּסט, אַז זי וויל זיך באַגעגענען מיט הירשקען? איצט קומט טאַקע אויס, ווי זי וואָלט ספּעציעל געגאַנגען זיך באַגעגענען מיט אים... זיי האָבן מאַרשירט אין איין ריי, איינער נאָכן צווייטן זענען זיי געפאַלן... אַ צופאַל? וואָס איז אַ צופאַל? דאָס, וואָס זיי האָבן מאַרשירט אין

אין ריי, אָדער דאָס, וואָס צוויי קוילן פון איין רעוואָלווער האָבן זייביידע געטראָפן ?

שווער צו טראַכטן וועגן דעם... איצט איז שוין אַלץ פאַרביי... אַלץ פאַרביי...

אין דעם צווייטן לוויה־אויטאָקאַר פאָרט הירשקעס משפחה: דער טאַטע, די מאַמע, די קינדער, די איידעמס און די שנור. איין שנור איז פאַראַן אין דער פאַמיליע, זשאַנעט הייסט זי, זשאַנעט גראַסמאַן, הירשקעס אַלמנה.

האַרט לעבן יוכבדן זיצט זי, זשאַנעט, לעבן דער אומגליקלעכער יידישער מאַמע, וואָס הערט נישט אויף צו רייסן זיך די האָר פון קאָפּ.

ביי יידן, זאָגט מען, אַז מען טאָר נישט טרייסטן אַ מאַמען, אַ פרוי, אַ מאַן אָדער קינדער, ווען זייער מת ליגט פאַר זייערע אויגן. טראַכט טאַקע קיינער נישט צו טרייסטן יוכבדן. זי באַנעמט זיך, גלייך איר וועלט וואָלט אונטערגאַנגען — און איר וועלט איז דאָך טאַקע חרוב געוואָרן, ווייסט זי טאַקע נישט מער ווו זיך אַהינצוטאָן מיט איר צער:

— גאָטעניו! גאָטעניו! — קלאָגט זי — האַר פון דער וועלט! דו קוקסט זיך צו און דו שוויגסט... פאַר וואָס קומט עס מיר? פאַר וואָס האָט מען דערהרגעט מיין הירשעלען? מיין אויג אין קאָפּ... מיין לעבן... גאָטעניו... וואָס וועסטו מיר ענטפערן אויף דעם?

זשאַנעט האָט יאָ געוואָלט טרייסטן איר שוויגער, האָט יאָ געוואָלט איר זאָגן אַ גוט וואָרט. אַזוי קלאָגן? אַזוי וויינען? פאַר וואָס האָבן די יידן אַ טבע אַזוי שטאַרק צו קלאָגן נאָך אַ טויטן? אַזוי קלאָגן האָט זשאַנעט נאָך קיין מאָל נישט געהערט. אויך איר מאַמע האָט פאַרלוירן אַ געליבטן זון, אַ געראָטענעם און האָט נישט אַזוי שטאַרק געוויינט. האָט איר מאַמע ווייניקער געליטן?

אָבער מיין שוויגער, טראַכט ווייטער זשאַנעט, איז דאָך אַ טיף־גלויביקע, גלויביקע טאָרן נישט אַריינפאַלן אין פאַרצווייפלונג. וואָרעם די נשמה, זאָגן זיי, גייט נישט פאַרלוירן. אויך דער גלח, ביי וועמען זי האָט יונגערהייט

געלערנט קאַטעכיזם, האָט דאָס איר געזאָגט. פאַר וואָס מיינט די שוויגער, אַז פאַר איר האָט זיך אַלץ פאַרענדיקט?

בין איך שולדיק? פרעגט זיך זשאַנעט. און וואָס אָבער בין איך שולדיק? איבעריקנס, איז האַנרי גאָרנישט געווען קיין גלויביקער. ער האָט פון קיין שום רעליגיע נישט געהאַלטן, נישט פון דער יידישער, נישט פון דער קריסטלעכער. אַ פריידענקער איז ער פונקט ווי זי, אַ רעוואָלוציאָנער... רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק, פלעגט ער זאָגן, דאָס זעלביקע, וואָס מאַרקס האָט געזאָגט. און מאַרקס איז, ווי מען ווייסט, אויך געווען אַ ייד. נאָר נישט קיין גלויביקער ייד. פאַראַן אַ סך אַזעלכע יידן...

אָבער דערמיט קאָן זשאַנעט איר שוויגער נישט טרייסטן, דאָס ווייסט זי. מיט וואָס זאָל זי טרייסטן די אָרעמע, אומגליקלעכע פרוי? זי האָט נישט קיין געמיינזאַם לשון מיט איר. קוים, קוים, וואָס איר שוויגער פאַרשטייט אַ פּאָר ווערטער אין פראַנצויזיש: באָנזשור, מאָן פיס, אַ רעווואַר... נישט מער. איר שווער פאַרשטייט שוין מער פראַנצויזיש, אָבער האַנרי, ווייסט זי, האָט נישט געלעבט מיט אים גוט. פון זיין קינדהייט אָן שוין אַזוי. איר שווער איז זיך נישט גוט באַגאַנגען מיט זיין פרוי און מיט זיינע קינדער. דאָס טרעפט אַפילו ביי יידן אויך, כאָטש מען זאָגט, אַז אין דעם יידישן פאַמיליע־לעבן איז אַלץ אין אָרדענונג...

איר טעכטערל קאָלעט געהער צו איר, זי וועט בלייבן מיט איר, מיט איר מאַמען. זי וועט איר שפּעטער דערציילן ווער איר פּאַפּאַ איז געווען. אַ בילד האָט ער איבערגעלאָזט, אַ פּאָרטרעט, וואָס עליזאַבעט האָט געמאָלן פון אים.

זשאַנעט פאַרטראַכט זיך וועגן עליזאַבעט, אָדער ווי האַנרי פלעגט זי רופן מיט דעם מאָדנעם נאָמען „בת־שבע". זיין חברטע איז זי געווען, אַ מאָלערין איז זי. זי האָט געמאָלן זיין פּאָרטרעט. און איין ריי האָט זי מאַרשירט מיט אים. עס קאָן זיין, אַז זיי האָבן זיך אָפּגערעדט צו באַגעגענען אויף דער פּאָלקס־פראָנט־מאַניפעסטאַציע. וואָס איז אָבער דערפון געדרונגען? גאָרנישט... צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן זיך געטראָפן אויף דער דאָזיקער מאַסן־מאַנעפיסטאַציע, פאַר וואָס זאָלן זיי זיך נישט טרעפן?

נייק, זשאַנעט איז נישט איפּערזיכטיק. אויב שוין יאָ איפּערזיכטיק, וואָלט גאָר יענע געדאַרפט זיין איפּערזיכטיק, וואָרעם זשאַנעט האָט האַנרין געקענט נאָך פון דער צייט, ווען ער האָט געלעבט מיט עליזאַבעט. אויב זיי זענען נאָך דעם זיך פונאַנדערגעגאַנגען, איז דאָך אויך געווען נאָר דערפאַר — אין דעם קאָן קיין שום ספק נישט זיין — ווייל זשאַנעט האָט אים דערצו געשטויסן. זשאַנעט איז געווען די זיגערין. קאָן דען אַ טויטע געליבטע זיין איפּערזיכטיק אויף אַ לעבעדיקער? עליזאַבעט איז טויט, זשאַנעט אָבער לעבט. אפשר איז דאָס אַ בלויזער צופאַל. עס האָט דאָך געקאָנט געמאָלט זיין פאַרקערט. וואָלט זשאַנעט געגאַנגען מיט אים אויף דער מאַניפעסטאַציע, וואָלט די קויל זי געטראָפן, נישט עליזאַבעטן...

זשאַנעט פאַרפּלאָנטערט זיך אַלץ מער און מער אין אירע געדאַנקען... זי האָט דעם איינדרוק, אַז נישט זי טראַכט זיי, נאָר זיי, די געדאַנקען, פירן זי וווּהין זיי ווילן...

זשאַנעט איז טרויעריק, מיד, אַפּהעטיק. זי וואָלט געדאַרפט זיך אָפּרוען אַ ביסל פון אירע געדאַנקען. סיי ווי ווייסט זי דאָך נישט וואָס צו טראַכטן.

זשאַנעט דערמאָנט זיך אין ליד „אַ יידישע מאַמע". האַנרי האָט נישט ליב געהאַט דאָס דאָזיקע ליד... פאַר וואָס? וויפל מאָל, דערמאָנט זי זיך, האָט ער זיך באַמיט איר צו דערקלערן פאַר וואָס דאָס דאָזיקע ליד איז אים נישט געווען צום האַרצן, כאָטש זיין מאַמען האָט ער דאָך, ווי ער פלעגט איר דאָס זאָגן ביי יעדער געלעגנהייט, זייער ליב געהאַט. זי האָט נישט פאַרשטאַנען. ער האָט נישט גערעדט גוט פראַנצויזיש... מיט אַן אויסלענדישן ייִד האָט זי חתונה געהאַט... פאַר וואָס? ער איז געווען אַ ליבער, גוטער, אינטעליגענטער אַרבעטער... זיין ברודער, זיינע שוועס־טער, זיינע שוואָגערס. זי קען זיי זייער גוט. געוויס, זי האָט זיך מיט זיי געטראָפן, זי איז וויפל מאָל געווען איינגעלאַדן צו זיי. זיי האָבן זי זייער פריינדלעך אויפגענומען. אפשר האָבן זיי געוואָלט איר באַווייזן, אַז זיי באַטראַכטן זי ווי אַן אייגענע, ווי אַ שוועגערין אַן אמתע, ווי אַ שוועסטער. אַ סך מתנות האָבן זיי איר געשאָנקען. ווען קאָלעט איז געבוירן געוואָרן, האָבן זיי גאָרנישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט איר. זיי זענען נישט אָפּגע־

טראָטן פון איר בעט אין קליניק... ווינדעלעך, העמדעלעך, טונצנווייז... און דערנאָך אויך...

אַ ביז גאָר פריינדלעכע באַציִונג האָט איר שטענדיק אַרויסגעוויזן האַנריס שוואָגער, האַנס בוימאַן, ער איז אויך אַ ייד... פאַראַן יידן אומעטום... האַנריס צווייטער שוואָגער פּאָפּאָווסקי שטאַמט פון רוסלאַנד. שוין זייער לאַנג ווי זיינע עלטערן זענען אַנטלאָפן פון דעם צאַרישן רוסלאַנד... פּאָגראָמען... פאַר וואָס רודפט מען זיי אַזוי אומעטום? נישט בלויז די יידישע רעוואָלוציאָנערן ווערן אומעטום געהאַסט, נאָר אויך די יידישע פאַבריקאַנטן, די יידישע באַנקירן, פאַר וואָס?

אַלע געדאַנקען מישן זיך אויס אין קאָפּ. זי איז ווי באַטויבט. וואָלט זי געקאָנט כאָטש וויינען, ווי איר שוויגער טוט אין דעם מאָמענט...

## קאַפּיטל 53

אויפֿן בעלוויל, אויפֿן פּלעצל, אויפֿן מאָנמאַרטר, האָט מען נישט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי די רעפּובליקאַנישע פֿירער אין שפּאַניע האָבן געקאָנט זיך פֿאַרגינען צו זיין בלינד, טויב און שטום אין דער צייט, ווען די גענעראַלן האָבן אָפֿן צוגעגרייט דעם איבערפֿאַל אויף דער יונגער רעפּובליק. נישט שוין זשע האָבן זיי גאָרנישט נישט געהאַט געלערנט פֿון די געשעענישן אין איטאַליע, אין דייטשלאַנד, און דאָ נישט לאַנג — אויך אין פֿראַנקרייך?

פֿון יענער זייט ריין האָט אַ באַנדע פֿאַרברעכער איינגעפֿירט ראַסיזם, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, גרויל און מאָרד. יעדן טאָג קומען קיין פּאַריז צו לויפֿן נייע פּליטים, נאַקעט און הויל ווי פֿון אַ שׂרפֿה. זיי האָבן איבערגעלאָזט אין דעם דאָזיקן גיהנום אַלץ, וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט, אַבי צו ראַטעווען דאָס לעבן.

מוסאָליני שפּילט די ראָל פֿון אַ נייעם צעזאַר אין דער וועלט. פֿאַשיזם, טעראָר, פֿאַרשיקונגען. אין דער פּאַריזער קאָלאָניע פֿון די איטאַליענישע פּליטים־אַנטיפֿאַשיסטן קאָן מען נישט דורכקומען צווישן זיך נישט וועגן דער קאַמף־טאַקטיק, נישט וועגן דעם כאַראַקטער פֿון דעם נייעם רעזשים, וואָס דאַרף אויפֿגעריכט ווערן אין איטאַליע נאָך דעם, ווי דער פֿאַשיסטישער דיקטאַטאָר וועט פֿאַלן.

אין פֿראַנקרייך גופֿא וואַרט מען נאָר אויף אַ געלעגנהייט אויפֿצושטעלן אַ פֿאַשיסטישן רעזשים לויט מוסאָליניס מאָדעל. דער פּוטש פֿון פֿעברואַר 1934 איז טאַקע דורכגעפֿאַלן, אָבער ער איז מסתמא נישט דער לעצטער. צענדליקער טויזנטער פּאָליטישע פּליטים האָבן געפֿונען אין פֿראַנקרייך אַ פּראָוויזאָרישן אַזיל. זאָלן זיי ווידער לויפֿן? ווּהין? זיי האָבן נאָך נישט

פאַרגעסן די קאַשמאַרן, וואָס זיי האָבן ערשט נעכטן־אייערנעכטן דורכ־געלעבט. זאָלן זיי זיך ווידער שלעפּן פון איין לאַנד צום צווייטן?

דער פעלקערבונד שלאָפט. טאָמער כאַפּט ער זיך שוין יאָ אויף אַ מאָל פון זיין דרעמל, באַגנוגנט ער זיך מיט אַננעמען אַ נייע רעזאָלוציע, וואָס איז נישט אַהין, נישט אַהער. אַ רעזאָלוציע, וואָס דאַרף שאַנעווען דאָס שעפּסעלע און דאָך נישט צערייצן דעם אַפּעטיט פון דעם וואָלף.

דאָס שפּאַנישע פאָלק האָט דעם 14טן אַפּריל 1931 זיך דערשלאָגן צו אַ רעפּובליק. מען האָט פאַריאָגט דעם קעניג אַלפאָנס דעם 13טן פון לאַנד, אַראָפּגעוואָרפן דעם דיקטאַטאָר פּרימאָ דע ריוועראַ, און איצט וויל פראַנקאָ דאָרט פאַרכאַפּן די מאַכט. וועט דאָס אים געלינגען, וועט די פראַנצויזישע דעמאָקראַטיע זיין אַרומגערינגלט פון דריי זייטן.

ווען אַ פראַנצויז דערמאָנט זיך אין שפּאַניע, גיט ער אַ טראַכט וועגן די דאָרטיקע בלוטיקע אַרענעס, וועגן די אָקסן־קאַמפן, וועגן די פלאַמענקאָ־טענץ און הערט קלינגען די קאַסטאַניעטן. אַ פראַנצויזישער קונסט־ליבהאָ־בער דערזעט די בילדער פון די אומפאַרגעסלעכע גרויסע מאָלערס גאָיאַ, וועלאַסקעז און אַנדערע, ער דערמאָנט זיך אין דאָן קיכאָט. שפּאַניע איז אַלץ צוזאַמען: זון, ליידנשאַפט, האָפענונג, פאַרצווייפלונג.

אין דער יידישער פאָרשטעלונג דערוועקט שפּאַניע אַנדערע בילדער. קודם־כל די יידישע גאָלדענע תקופה אין שפּאַניע, די גרויסע יידישע פילאָזאָפן, דענקער און דיכטער: דער רמב״ם, ר׳ יהודה הלוי, ר׳ שלמה איבן גבירול, ר׳ אברהם אבן עזרא און נאָך אַנדערע.

דער דאָזיקער גלאַנץ ווערט אָבער באַלד פאַרטונקלט: אינקוויזיציע. אין גאַנץ שפּאַניע צעפלאַקערן זיך שייטערהויפנס. יידן לאָזן זיך מקריב זיין על קידוש־השם אָדער שמדן זיך לפּנים־וועגן. אַ סך יידן ווערן מאַראַ־נען, שיין־קריסטן. אַלע איבעריקע יידן ווערן פאַרטריבן פון לאַנד אין דעם זעלביקן יאָר, ווען קאָלאָמבוס אַנטדעקט אַמעריקע.

פראַנקאָס עלטער־עלטער־זיידע — אַזאַ מיינונג איז פאַראַן ביי יידישע היסטאָריקער — קאָן זיך נישט אַנטשליסן צו גיין אין גלות ווי אַלע אַנדערע יידן. אפשר חלומט זיך אים אַ חלום, אַז איינער פון זיינע אור־אור־אייניקלעך וועט ווערן אַ גענעראַל אין דער שפּאַנישער אַרמיי, וועט מורד זיין אין

דער רעפּובליקאַנער רעגירונג און וועט ווערן אַ שפּאַנישער מוסאָליני, אַ שפּאַנישער היטלער. ער וועט האָבן פאַרגעסן, אָדער וועט מאַכן דעם אָנ־שטעל, ווי ער וואָלט געהאַט פאַרגעסן, אַז ער איז פון יידישן אָפּשטאַם, אַז זיין זיידע האָט באַהאַלטענערהייט ערגעץ אין אַ קעלער, אין אַ הייל, מיט אַ טרויעריקן ניגון געזונגען „כל נדרי". אָטאָוויזם, אַ פּינטעלע פון אַ פּינטעלע־ייד האָט ביי זיין זיידן אפשר נאָך געטליעט, אַ רעזולטאַט פון דער געוווינהייט. וואָרעם אין זיין זיידנס צייט האָט די אינקוויזיציע דאָך שוין נישט געבושעוועט אין שפּאַניע און ער וואָלט נישט געדאַרפט מער מורא האָבן פאַרברענט צו ווערן אויפן שייטערהויפן, אויב מען וועט אים הערן זינגען יום־כפּור ביי נאַכט „כל נדרי", כאָטש אָפּגעשאַפט אָפיציעל איז די אינקוויזיציע אין יאָר 1814 דורך דער קאָנסטיטוציע פון קאַדיקס.

ווי מאָגער די קענטעניש פון יידישער געשיכטע ביי די בעלווילער יידן זאָלן נישט זיין, האָבן זיי דאָך אַוודאי געהערט וועגן דעם חרם, וואָס די פאַרטריבענע יידן האָבן געהאַט אויסגערופן קעגן שפּאַניע. לויט דעם דאָזיקן חרם, האָט קיין ייד נישט געטאָרט מער זיך באַזעצן, אָדער אַפילו בלויז דורכפאָרן דורך שפּאַניע; שפּאַניע איז געוואָרן טמא, אומריין אויף אייביקע צייטן.

געוויס איז דער חרם איצט נישט מער גילטיק. די אינקוויזיציע עקזיס־טירט שוין נישט מער אין שפּאַניע, די רעליגיעזע מלחמות זענען מער נישט מאָדערן. און די בעלווילער יידישע אַרבעטער טראַכטן זיכער נישט וועגן דעם אַמאָליקן חרם, בפרט נאָך, ווען עס רעדט זיך וועגן גיין פאַרטיידיקן דעם „פרענטע פּאָפּולאַר", דעם שפּאַנישן פאָלקס־פראָנט.

קודם כל דאַרף מען העלפן מאַטעריעל: געווער, קליידער, מעדיקאַ־מענטן, עסנוואַרג. שפּאַניע איז אַן אָרעם לאַנד און די שפּאַנישע רעפּובליק איז אַן אָרעמע רעפּובליק. די פאַשיסטן ווערן געשטיצט מיט אַ פולער האַנט דורך היטלער־דייטשלאַנד און דורך מוסאָליני־איטאַליע.

זאָל מען נישט זאָגן, אַז מען פאַרדינט קוים אויף דער אויסקומעניש, אַז מען טראָגט שוין אַזוי אויך אַ גרויסע לאַסט אויף די פּלייצעס: קאַסע פאַר אַרבעטלאָזע, רויטע הילף, צייטונגען, פּראָפּאַגאַנדע, צוגאָב־שולן, אַרבע־טער־ און קינדער־היימען, הילף פאַר פּליטים פון דער גאַנצער וועלט און

נאָך און נאָך פּריוויליקע אָפּצאָלן, מען קאָן עס גאָר אַלץ נישט אויסרעכענען. ניין, וויפל מען גיט, איז נאָך אַלץ וויניק, אָבער ווי וויניק דאָס איז, איז דאָס פּאָרט אַ גרויסע זאַך, אַ גרויסע הילף.

בעלוויל שטייט נישט אָפּ פון די אַנדערע פּאַריזער קוואַרטאַלן און פּאַריז שטייט נישט אָפּ פון די אַנדערע גרויסע שטעט אין פראַנקרייך און אין אַלע אַנדערע מדינות. בעלוויל גיט פּראָפּאָרציאָנעל מער אפשר ווי די איבעריקע ניינצן שטאָט־געגנטן צוזאַמען גענומען. פּאַריז שטייט אין דער שפּיץ פון די הויפּטשטעט פון דער וועלט, וואָס שייך געבן הילף פאַר דער שפּאַנישער רעפּובליקאַנער רעגירונג.

אָבער מאַטעריעלע הילף איז וויניק. ווער עס שטעלט נישט איין זיין אייגן לעבן פאַר יענעמס פרייהייט, האָט נישט ביז צום סוף באַצאָלט אַ חוב, פון וועלכן ער וועט אפשר קיין מאָל נישט קאָנען זיך אויסקויפן.

יעדער ווייסט, אַז ס׳איז נישט אַזוי לייכט צו זאָגן אַן אַרבעטער, ער זאָל פאַרלאָזן זיין אַרבעט; ס׳איז נישט אַזוי לייכט צוצונעמען אַ מאַן פון זיין פרוי, אַ זון פון זיינע עלטערן, אַ חתן פון זיין כלה און אים הייסן אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע און אַרבעטער־סאָלידאַריטעט פאַרלאָזן אַלץ און פאָרן אויפן שפּאַנישן פראָנט.

אמת, וויניק יידישע עמיגראַנטן האָבן געהאַלטן אַ ביקס אין האַנט און זענען געווען אויפן פראָנט. סתם פּריוויליקע אָן מיליטערישע קענטע־נישן וועלן נישט ברענגען קיין נוצן, נאָר שאַדן און שטערן די מלחמה־אָפּע־ראַציעס. די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס, וואָס ווערן אויפגעשטעלט אין שפּאַניע, נייטיקן זיך אין געניטע סאָלדאַטן, וואָס ווייסן ווי צו שיסן, ווי צו וואַרפן האַנטגראַנאַטן און ווי זיך צו באַגיין אין אַ מאָדערנער שלאַכט, וואָס ווערט געפירט מיט טאַנקען און מיט אַוויאָנען.

אויפן בעלוויל אָבער טענהט מען, אַז קיינער ווערט נישט געבוירן קיין סאָלדאַט. נישקשה, מען וועט זיך שוין אויסלערנען די תורה. אַבי מען איז פעסט אַנטשלאָסן נישט דורכצולאָזן דעם פאַשיזם.

איבעריקנס, זענען פאַראַן גענוג פּליטים, דייטשישע און איטאַליענישע פּליטים, געוועזענע סאָלדאַטן, פאַר זיי איז דאָס קיין פּראָבלעם נישט, זיי האָבן דאָ סיי ווי נישט קיין אַרבעטס־רעכט און זיי לעבן פון אונטער־

שטיצונגען. וואָס קאָנען זיי אָנווערן? וואָס פאַר אַן אונטערשייד איז דאָס פאַר זיי זיך צו וואַלגערן דאָ, אָדער אויף די שפּאַנישע פּראָנטן?

יאָ, די דייטש־יידישע פּליטים האָבן די ערשטע זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פּלאַן צו פאָרן קעמפן אין שפּאַניע קעגן היטלערן, וואָרעם דאָרט קאָן מען אים אַטאַקירן לייכטער ווי ערגעץ אַנדערשווו. אויף דעם שפּאַנישן פראָנט האָט דאָך היטלער נישט אַזאַ ריזיקע איבערגעוויכט אַפילו ווען מען רעכנט שוין אַריין די פראַנקאָ־שפּאַניער.

אמת, אַ גרויסע צאָל דייטש־יידישע פּליטים האָבן גאָר געהאַט בדעה צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, זיי האָבן זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף אַ סך מניעות.

ערשטנס, זענען זיי נאָך אַלץ נישט דערגאַנגען דעם סוד פון זייער יידישקייט: פאַר וואָס זענען זיי יידן? מיט וואָס זענען זיי יידן? נאָך וואָס זענען זיי יידן? פון ווען אָן זענען זיי יידן? ווי לאַנג נאָך וועלן זיי דאַרפן פאַרבלייבן יידן?

און אַז אַלץ וועט פאַרביי — וואָס וועט פון זיי דאַן ווערן? ווי וועלן זיי דאַן אויסזען? וועלן זיי זיך אומקערן צוריק קיין דייטשלאַנד, אָדער זיי וועלן ערגעץ ווו בלייבן הענגען אין דער לופטן, צווישן הימל און ערד? וועלן זיי אויך דאַן מוזן פאַרבלייבן יידן, כאָטש דאָס איז אַ גרויסע לאַסט פאַר זיי, אַ שווערע משא, וואָס זיי האָבן קיין כוח נישט צו שלעפּן אויף זייערע פּלייצעס?

צווייטנס לאָזן דאָך די ענגלענדער גאַרנישט אַריין אין ארץ־ישראל, אויף די פאַר סערטיפיקאַטן, וואָס מען רייסט פון זיי אַרויס, זענען פאַראַן בילכערע בעלנים. קודם כל דאַרף מען דאָך העלפן די חלוצים קומען קיין ארץ־ישראל, די פּיאָנערן, וואָס זענען גרייט צו אַקערן, ווי מען זאָגט, מיט דער נאָז די ערד.

דריטנס, איז שפּאַניע נענטער צו פראַנקרייך און צו דייטשלאַנד, וועט זיין לייכטער צוריקצוקומען אַהיים, ווען היטלער וועט איינגעמען אַ מיתה־משונה. מען וועט זיך דאָך סוף־כל־סוף אַרומזען אומעטום, וואָס פאַר אַ גרויסע סכנה היטלער איז פאַר אַלעמען, פאַרן שלום, פאַר דער גאַרער מענטשהייט... געוויס... געוויס... וועגן דעם איז קיין שום ספק

נישטאָ... אַ גאַנצע וועלט ווערט נישט משוגע, אַ גאַנצע וועלט וויל נישט באַגיין קיין זעלבסטמאָרד.

פּערטנס, דאַרף מען זיך אָפּגעבן אַ רעכענונג אין וואָס פאַר אַ צייט מען לעבט. די וועלט האַלט ביים חרוב ווערן. איז נישט קיין פּלאַן איצט צו גיין בויען נייע לענדער, אויפצושטעלן נייע ישובים, נייע מלוכות. זאָל מען בעסער צוזען די אַלטע לענדער זאָלן נישט חרוב ווערן, די אַלטע ישובים זאָלן נישט צעשטערט ווערן, די אַלטע מער־ווייניקער ליבעראַלע רעזשימען זאָלן נישט אָפּגעמעקט ווערן פון דער ערד, די קאָנסטיטוציע פון די אַלטע מלוכות זאָלן נישט פאַרגוואַלדיקט ווערן און די אַלטע פעלקער און אַלטע ציוויליזאַציעס זאָלן נישט פאַרשווינדן פון דער געשיכטע־אַרענע.

זענען טאַקע די ערשטע גרופּעס פּרייוויליקע שפּאַניע־קעמפער, וואָס האָבן זיך פאַרמירט אין פּאַריז, באַשטאַנען פון דייטש־יידישע פּליטים. און פאַרמירט האָבן זיי זיך נישט אויפן בעלוויל, נישט אויפן פּלעצל, נאָר אין דעם לאַטיינישן פערטל, אויפן בולוואַר סען־מישעל, אויפן בולמיש, ווי מען רופט אים אָן אויפן סטודענטן־לשון, און אויף בולוואַר מאָנפּאַרנאַס, אין די דאָרטיקע האָטעלן און אין די דאָרטיקע קאַפעס. אין אָט דיביידע געגנטן האָבן זיי געוווינט, דאָרטן האָבן זיי דיסקוטירט און זיך געקאַמפּערט איבער דער דאַטע, ווען דייטשלאַנד וועט זיך אויפכאַפּן סוף־כל־סוף פון איר קאָשמאַר און זיי וועלן קאָנען זיך צוריקקערן אַהיים, צו זייער דייטשישער שפּראַך, צו זייער דייטשישער קולטור, צו זייער דייטשישן לעבן.

סיי ווי האָבן זיך דאָך די פּרייוויליקע גרופּעס שפּאַניע־קעמפער, וואָס האָבן שפּעטער, אין שפּאַניע שוין, זיך איינגעגלידערט אין די אינ־טערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס, געהאַלטן ביים שפּראַך־פּרינציפּ. דייטשישע פּליטים בילדן אַ דייטשישע גרופּע, איטאַליענישע — אַן איטאַליענישע גרופּע. בלויז צו דער פראַנצויזישער גרופּע ווערן אויך צוגעלאָזט קעמפער פון אַנדערע שפּראַך־גרופּעס, פּליטים, וואָס זענען אויף זייער אייגענעם שפּראַך־געביט פאַראיינזאַמט און קאָנען מיט זייערע אייגענע כוחות קיין אייגענע גרופּע נישט פאַרמירן.

אויך די יידן פון בעלוויל און פון פּלעצל האָבן אויפגעשטעלט, לויט דעם אָקערשט דערמאָנטן פּרינציפּ, אַן אייגענע שפּראַך־גרופּע, און די שפּראַך

פון דער דאָזיקער גרופּע איז געווען ידיש, אַ לשון, צו וועלכן עס האָבן נישט געהאַט קיין צוטריט, נישט די פראַנצויזישע איינגעבוירענע, נישט די דייטשישע צונויפגעלאָפענע יידן.

אַזוי האָבן זיך פאָרמירט אין פאַריז צוויי יידישע גרופּעס, איינע פון די יידן פון בעלוויל און פון פּלעצל, און אַ צווייטע — פון דייטשיש־יידישע פּליטים, ווייל קיין אַנדערע עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד ווי יידן, חוץ אפשר צוויי צענדליק עלטערע קריסטלעכע אינטעלעקטואַלן, זענען נישט געווען. האָט דער אָדער יענער פון זיי זיך אויך געוואָלט באַטייליקן אין קאַמף פאַר שפּאַניעס פרייהייט, האָט ער געמוזט צוטרעטן צו דער דאָזיקער גרופּע.

## קאַפּיטל 54

האַנס בוימאַן געפינט זיך אין אַ מאָדנער לאַגע. פון איין זייט איז ער אַן אמתער אינטעלעקטואַל, אַ פילאָזאָף, אַן אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר, און דווקא אַ דייטשישער פּראָפעסאָר, און פון דער צווייטער זייט, פילט ער זיך אַלץ מער און מער ווי אַ ייד. נאָך אַן אויסטערלישע זאַך: געוויינלעך, ביי די דייטשישע אָדער ביי די פראַנצויזישע יאַהודים, ווען אַן אינטעלעקטואַל פאַרקירעוועט אויף לינקס, טרייסלט ער פון זיך קודם כל אַראָפּ דאָס ביסל בלאַסע יידישקייט און ווערט אַ וועלט־בירגער. מיט האַנס בוימאַן איז פונקט פאַרקערט. וואָס מער ער האָט זיך פאַרטראַכט איבער די לעצטע געשעענישן און איבער דעם גורל פון די גאַנץ־ אָדער האַלב־אַסימילירטע יידן, אַלץ מער האָט זיך אין אים דערוועקט זיין פינטעלע ייד. נישט ווייניק האָבן צו דער דאָזיקער דערקענטעניש מיטגעווירקט די דיסקוסיעס, וואָס ער האָט געפירט אין דער קאַפע „לאַ קופּאָל" אויף מאָנפּאַרנאַס מיט האַנריך, בת־שבען און זייערע חברים.

עמעצער האָט אים אַוודאי דערציילט, אַז ביי יידן איז פאַראַן אַזאַ מין פאַרטיי, וואָס פאַראייניקט דעם נאַציאָנאַלן אַספּעקט מיטן סאָציאַלן. קורץ און גוט, ער איז געוואָרן אַ פּועלי־ציוניסט נאָך איידער ער האָט אַפילו געוווּסט, וואָס דאָס איז און צי עס עקזיסטירט אין פּאַריז אַזאַ מין באַוועגונג.

אָבער נישט בלויז טעאָרעטיש איז ער געוואָרן אַ ייד, נאָר אויך אין דער פּראַקטיק. ער האָט איינגעזען, אַז יידישקייט אָן דער יידישער שפּראַך, אָן אַ ספּעציפיש יידישן לעבנסשטייגער, איז ווי אַ געבוי אָן אַ פונדאַמענט און קאָן קיין קיום נישט האָבן. האָט ער קודם כל זיך אָוועקגעזעצט לערנען העברעיש, ווייל ער האָט פיינט געהאַט האַלבע אַרבעט. יידיש אָן העברעיש איז נישט פולקאָם.

פון דעמאָלט אָן זענען פאַרבייגעגאַנגען צוויי יאָר און ער איז שוין אַ גאַנצער יידיש־קענער. ער האָט ליב זיך צו באַרימען מיט זיינע קענטע־נישן אין דעם נייעם לשון, און ווי נאָר עפּעס, פאַרט ער אַרויס מיט זיין דייטשישן אַקצענט — ווייל פון אַן אַקצענט, ווי באַקאַנט, איז נישט אַזוי לייכט פּטור צו ווערן.

— וואָס זאָגט איר עפּעס אויף דעם יעקע, וואָס איך בין?

— וואָס קאָן מען דערצו זאָגן? — ענטפערט מען אים אין שפּאַס — הלוואי אויף אַלע יעקעס געזאָגט געוואָרן, וואָרעם זיי ווילן דווקא פאַר־בלייבן יעקעס שביעקעס אַפילו דאָן, ווען אין זייער דייטש עקט זיך אַ וועלט...

— און וואָס איז מיט מיין אויסשפּראַך די יעקישע? ס'איז שוין אַזוי אויך אַנשטענדיק, מיין איך, וואָס איך קאָן זיך אַצינד אויסדריקן ווי אַ שיינער ייד.

מען לאַכט זיך פונאַנדער. נישט פון בוימאַנס יעקישן אַקצענט, נאָר פון דעם יידיש גופא, כאָטש דער זאַץ איז נישט פאַלש, נאָר זיין יידיש, זעט מען, איז אַן אויסגעלערנטער, אַ קינסטלעכער און אַפילו דער חן פון דעם וואָרט „אַצינד" איז אויך אַ געמאַכטער חן.

נישט געקוקט אויף זיין יידיש, אויף זיין פריש־געבאַקענעם פּועלי־ציוניזם, און אויף גאָר דער מי, וואָס ער גיט זיך צו ווערן אַ מאָדערנער ייד מיט אַלע פּיטשעווקעס, פילט מען אין יעדער באַוועגונג זיינער, אַז ער איז נאָך נישט ביי זיך אין דער היים, שוין נישט קיין דייטש, אָבער נאָך נישט אין גאַנצן קיין ייד.

די פאַרהעלטענישן, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט צווישן האַנס בוימאַן און זיין נייער סביבה, זענען נאָך אַלץ נישט פאַרפעסטיקט געוואָרן. נישט אַלץ איז שוין פריי פון מיספאַרשטייענישן, אמת, די מיספאַרשטייענישן זענען קליינע און עס לוינט זיך נישט צו מאַכן קיין ווען פון זיי, אָבער זיי שאַפן דאָך דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן.

האַנס בוימאַן פאַרטראַכט זיך איבער זיין נייעם צושטאַנד, איבער זיין שטעלונג צו מזרח און מערב, און דערמאָנט זיך בשעת מעשה אין אַ פערז

פון דעם מיטלאַלטערלעכן העברעיִשן דיכטער און פילאָזאָף רבי יהודה הלוי:

איך בין אין מערב
און מיין האַרץ איז אין מזרח.

ער האָט רבי יהודה הלויס באַרימטע ציון־לידער געלייענט אין דייטש. היינריך היינע האָט זיי איבערגעזעצט אויף דייטש. גרויסאַרטיקע לידער, אַ גרויסאַרטיקע איבערזעצונג, און דאָך קלינגען זיי אַוודאי אין העברעיִש אַ סך לויטערער און עלעגישער ווי אין דייטש. רעדן וועגן ציון, טרויערן איבער דעם, קאָן מען, ווייזט אויס, בלויז אין העברעיִש אָדער אין יידיש...

ווי אַזוי, אין וועלכער שפּראַך דאַרף מען טרויערן איבער דעם חורבן פון דעם דייטשישן יידנטום? אין העברעיִש אָדער אין יידיש? דער חורבן איז אַ דייטשישער חורבן, און דאָס דייטשישע יידנטום — וואָס פאַר אַ מין יידישקייט האָט געזשיפּעט אין דעם? וואָס פאַר אַ מין ייד איז ער גופא געווען איידער די פיזישע צעשטערונג האָט זיך אָנגעהויבן? ער, דער פּראָפעסאָר פון געשיכטע אויף דעם בערלינער אוניווערסיטעט.

דאָס דייטשישע יידנטום האָט אַרויסגעגעבן גרויסע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן שטאַרק באַרייכערט די פילאָזאָפיע, די וויסנשאַפט: הערמאַן קאָהען, אַלבערט איינשטיין, היינריך גרעץ. די דאָזיקע יידישקייט איז אָבער אַן אַבסטראַקטע יידישקייט, אַ טויטע יידישקייט און קאָן זיך נישט פאַרגלייכן מיט דער אומגעהובלטער, רויער, אָבער דערפאַר פולבלוטיקער און גשמיותדיקער יידישקייט... קאָן זי אָבער האָבן אַ קיום? ניין. שוין דער צווייטער דור פון די דאָזיקע יידישע ניי־איינגעוואַנדערטע עמיגראַנטן אַסימילירט זיך, און אין דעם דריטן דור, אויב עס וועט אַזוי ווייטער גיין, וועט נישט מער איבערבלייבן אַפילו קיין זכר פון דעם פּויליש־יידישן ספּעציפישן לעבנסשטייגער. די קינדער, וואָס ווערן דאָ געבוירן, טראָגן פראַנצויזישע נעמען, וואָס דאָס איז דאָך דער ערשטער טראָט צו אַסימילאַציע. אַזוי איז געווען אין דייטשלאַנד, אַזוי איז אין פראַנקרייך, אַזוי איז אויך אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע. אין דייטשלאַנד הייסן זיי: הערמאַן, אַלבערט,

היינריך אָדער האַנס ווי ער גופא הייסט. און דאָ? דאָ הייסן זיי נאָך אין שטוב, ביי טאַטע־מאַמע, הירשקע,ביילקע, שעפסעלע, בת־שבע, אין גאַס אָבער רופט מען זיי: האַנרי וואָס איז אַזוי גוט ווי אין דייטש היינריך, בעלאַ... בלויז שעפסעלע האָט נאָך נישט קיין פראַנצויזישן נאָמען און מלכהלען רופט מען מלכה, נישט „רען", וואָס איז דער טייטש: קעניגין. אויך האַנס האָט נאָך נישט, נישט קיין יידישן, נישט קיין פראַנצויזישן נאָמען.

## קאַפּיטל 55

די מהומה, וואָס די שפּאַנישע געשעענישן האָבן אַריינגעבראַכט אין דעם לעבן פון די יידישע עמיגראַנטן אין פּאַריז, לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט דערקלערן.

ס׳האָט אויסגעזען, ווי די קאָנטער־רעוואָלוציע וואָלט זיך אַריינגעכאַפּט אין דער גאָרער וועלט, און טאָמער גייט מען נישט לעשן, ריזיקן אַלע יידן פאַרברענט צו ווערן לעבעדיקערהייט.

לויט זיי, וואָלטן אַלע יידן — אַפילו יאָסל גראָסמאַן און ר׳ פּנחס שטיין, אַלע יידן, סיי די פון פּלעצל, סיי די פון בעלוויל — געדאַרפט פאַר־לאָזן ווייב און קינד, געשעפטן, הייזער, און לויפן ראַטעווען די שפּאַנישע רעפּובליק פון איר אונטערגאַנג.

די פּליטים פון דייטשלאַנד וואָלטן געדאַרפט לויפן די ערשטע קיין שפּאַניע, ווייל די שפּאַנישע רעפּובליק איז איינע פון די פרייהייט־אינדזלען, די שפּאַנישע פרייהייט באַדייט זייער אייגענע פרייהייט.

לעשן דאָס פייער? ווי אַזוי? נישטאָ מער אין פּאַריז קיין יידן בטלנים, וואָס זאָלן גלייבן, אַז מען קאָן מיט „הנותן תשועה״ העלפן אַ פאָלק, וואָס קעמפט פאַר פרייהייט.

איז ווו נעמט מען געווער, האַרמאַטן, אַעראָפּלאַנען? פראַנקאָ באַקומט געווער סיי פון מוסאָליניען, סיי פון היטלערן, סיי פון פּאָרטוגאַל.

און טאָמער וועלן זיי שוין יאָ קריגן געווער — קאָנען זיי דען שיסן?

נאָך וואָס טויג זיי, די יידן פון פּלעצל, צו פילאָזאָפירן? ווער עס וויל פאָרן קיין שפּאַניע — דאַרף פאָרן. לאָזן די פאַשיסטן זיגן אומעטום, פריִער אין איטאַליע, דערנאָך אין דייטשלאַנד, איצט אויך אין שפּאַניע?

וויפל האָט דען אין פראַנקרייך געפעלט, אַז די פאַשיסטן זאָלן פאַר־כאַפּן די מאַכט, אַז דער קאָלאָנעל דע־לאַ־ראָק און זיינע פייערדיקע צלמים

זאָלן דאָ הערשן? ווען נישט דער פאָלקס־פראָנט, ווער ווייסט וואָס דאָ וואָלט זיך געטאָן... ווען נישט די פאָלקס־פראָנט־דעמאָנסטראַציעס...

יאָ, אויך דאָ האָבן יידישע קינדער פאַרגאָסן זייער בלוט פאַר דער רעפּובליק, פאַר דער פראַנצויזישער רעפּובליק. בת־שבע שטיין פון פלעצל און הירשקע גראָסמאַן פון בעלוויל. זיי האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט פאַר פראַנקרייך, אָבער אויך פאַר די יידן אין דער גאַרער וועלט, ווייל טאָמער וואָלט פראַנקרייך, חלילה, אַריינגעפאַלן אין די פאַשיסטישע לאַפּעס, וואָלטן די יידן שוין נישט געהאַט מער וווהין צו אַנטלויפן. און די פראַנצויזישע יידן גופא — ווהין וואָלטן זיי זיך געראַטעוועט?

דערפאַר טאַקע דערמאָנען יידן פון פראַנקרייך מיט שטאָלץ און מיט טרויער די נעמען פוןביידע יידישע מאַרטירער, ביידע אויף אַ מאָל, ווי זיי וואָלטן געווען ברודער און שוועסטער, אָדער מאַן און פרוי.

אַפילו שלמה און זשאַנעט טראַכטן וועגן ביידע מיט אַ מאָל, כאָטש עפּעס אַזוינס, וואָס מען וואָלט געקאָנט אָנרופן אייפערזוכט, איז ווי באַהאַפטן מיט דעם דאָזיקן געדאַנק.

זשאַנעט ווייסט — האַנרי האָט זיך קיין מאָל נישט געגעבן די מי עס צו פאַרהוילן פון איר — אַז אים האָט נאָך אַלץ געצויגן צו בת־שבען. ער האָט זי נאָך אַלץ ליב געהאַט, כאָטש זי האָט אים געהאַט אַרויסגעטריבן פון איר אַטעליע. ווי דען זאָל מען עס אָנרופן? נאָר דאָס איז נישט וויכטיק. און דאָך פרעגט זי זיך אַלץ ווידער און ווידער, איצט אפשר נאָך מער ווי ווען ער האָט געלעבט, צי האַנרי האָט אויך זי ליב געהאַט.

געוויס, געוויס! וואָס פאַר אַ פראַגע? זי האָט באַוויזן, ער איז אָבער אַ מאַרטירער, און זיין אָנדענק דאַרף בלייבן הייליק פאַר איר. זי האָט פון אים אַ טעכטערל. באַלד וועט זי שוין אָנהייבן אַרומצוגייען... אָבער ס'איז אומדערטרעגלעך שווער פאַר אַ פרוי צו דערוויסן זיך נאָכן טויט פון איר מאַן, אַז ער האָט גאָר ליב געהאַט אַ צווייטע. גיכער וועט זי שוין פאַרטראָגן דעם געדאַנק, וואָס איז אויך גאַנץ ווייטיקלעך, אַז ער האָט זי פאַרראַטן מיט אַ צווייטער. ליבע אָבער — דאָס איז ערגער פון פאַרראַט.

און אפשר, טראַכט ווידער זשאַנעט, אפשר האָט זי גראָד איצט אַ געלעגנהייט אָנצולערנען האַנרין, אַז ביז זיין טראַגישן טויט האָט ער זי

פאַרראַטן מיט בת־שבען — אויב נישט אין טאַט, איז אין געדאַנק... אפשר זאָל זי שלמהן אַנטקעגנקומען?

אומגעריכט איז דער דאָזיקער געדאַנק צו איר געקומען. זי האָט קיין צייט נישט געהאַט זיך צו שיצן קעגן אים. זי האָט זיך צוגעדעקט דאָס פּנים מיטביידע הענט, אָבער דער געדאַנק האָט זיך אַרונטערגעגליטשט אונטער די הענט און האָט איר אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגן אַריין.

וואָס פאַר אַ בייז איז אָבער צו טראַכטן, אַז שלמה איז צו איר נישט גלייכגילטיק? איז ער דען נישט פריי? איז זי דען נישט פריי?

יאָ, געדאַנקען גייען גיך. מען דאַרף זיי נאָר לאָזן אין גאַנג, קאָנען זיי זיך שוין נאָך דעם מער נישט אָפּשטעלן. ס'איז גוט, וואָס ער האָט אַ קינד און וואָס זי האָט אַ קינד, וועלן זשאַנעט און שלמה זיך צונויפגיין, וועלן אפשר זייערע ביידנס קינדער אויך ווערן אַ פּאָרל... ווער ווייסט?

טאָמער אָבער, פאַלט זשאַנעטן פּלוצלינג איין אַ ווילדער געדאַנק. טאָמער איז זיין זונדעלע... וואָרעם פונאַנדערגעגאַנגען זענען זיי זיך ווי צוויי גוטע פריינד... נישט אמת, אַז זי האָט אים אַרויסגעטריבן פון איר אַטעליע. איבעריקנס, איז די אַטעליע גאָר געווען אויף זיין נאָמען, און אויב יאָ פאַרטריבן, האָט ער זי פאַרטריבן...

אַט ווהין נאַרישע געדאַנקען קאָנען פאַרפירן. איז זי צופרידן, וואָס איר טעכטערל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ *שמייכעלע*, וואָס וועט פאַרטרייבן אַלע אירע נאַרישע געדאַנקען.

איבעריקנס, האָט שלמה צוגעזאָגט צו קומען היינט צו איר, און זשאַנעט דערמאָנט זיך די באַגעגעניש אירע מיט בת־שבען.

ס'איז געווען אַ זונטיק־נאָכמיטאָג ווי היינט. זאַלבעדריט זענען זיי געקומען: בת־שבע, שלמה און זייער זונעלע. זיי זענען, הייסט עס, געקומען זי באַזוכן אין איר באַשיידן דירהלע. צוויי צימערלעך פאַרמאָגט דאָס דירהלע און אַ מין פאָדערצימערל, פאַראַן דאָרט אויך כמעט אַ באָדצימער מיט אַ ברויז. *שטייענדיק* קאָן מען זיך דאָרט גאַנץ גוט אויסבאָדן. זי קלאָגט זיך נישט אויף איר דירהלע, איצט איז עס גרויס פאַר איר, און ווען אַנדריי קומט, יאָ, אַנדריי, פאַר וואָס נישט? זי איז שוין זייער לאַנג מיט אים

באַפּריינדט, איבעריקנס, פאַרנעמט ער אין אירע געדאַנקען כמעט קיין אָרט נישט.. אָבער שלמה, מיט אים קאָן ווערן ערנסט, סיידן...

אויף וואָס שטיצט זי זיך ווען זי מיינט, אַז מיט שלמהן קאָן ווערן ערנסט און אַז זי וואָלט אפשר געקאָנט אָנהייבן צו פירן מיט אים אַ נײַ לעבן? אויף גאָרנישט. ביז איצט האָט ער אַפילו נישט קיין פינטל געטאָן מיטן אויג, וואָס וואָלט געקאָנט אויסגעטײַטשט ווערן ווי אַ פּרוּוו פון זײַן זײַט זיך צו דערנענטערן צו איר. אמת, ער איז פרײַנדלעך און זייער אויפ־מערקזאַם צו איר, אָבער דאָס באַדײַט נאָך גאָרנישט. נישקשה, אַ פרוי ווייסט ווען אַ מאַן באַגערט זי. ער דאַרף גאָרנישט נישט זאָגן, ער דאַרף אַפילו נישט אַרויסווײַזן קיין באַזונדערע פרײַנדשאַפט צו איר, אויב ער באַגערט זי טאַקע.

זשאַנעטס שטערן קנייטשט זיך, זי וויל וויסן, צי ער טראַכט טאַקע וועגן איר ווי מען טראַכט וועגן אַ פרוי, וואָס מען באַגערט.

און זי? צי איז זי אין אים פאַרליבט? ניין, זי טראַכט נאָר, אַז עס וואָלט איר ווויל באַקומען, ווען ער וואָלט זי געליבט און נישט בלויז איר אָנגעבאָטן זײַן פרײַנדשאַפט דערפאַר, ווײַל זי איז געווען האַנריס פרוי.

וואָס באַדײַט אָבער זײַן פרײַנדשאַפט צו האַנרין? איז האַנרי נישט געווען בת־שבעס געליבטער? זי פאַרשטייט בכלל נישט די יידן... שלמה איז אויך אַ ייד, כאָטש פראַנצויזיש רעדט ער ווי אַן אמתער פראַנצויז, אָן דעם מינדסטן אַקצענט, ער רעדט אַ פּאַריזער פראַנצויזיש. וואָס איז דער וווּנדער? ער איז דאָך דאָ געבוירן געוואָרן, נישט ווי די אַנדערע יידן, וואָס שטאַמען אַלע פון פּוילן אָדער פון אַנדערע לענדער.

מאָדנע. אין די סינדיקאַטן באַגעגנט מען זייער זעלטן אַן עכטן פראַנצוי־זישן ייד. געוויינלעך זענען דאָרט אַלע יידן אויסלענדער. צווישן זיי זענען פאַראַן קאָמערסאַנטן, דאָקטוירים, אָבער נישט קיין מיניסטאָרן. לעאָן בלום, למשל, איז אַ פראַנצויזישער ייד פון אַ סך דורות, אייגנטלעך וואָס גייט איר אָן דער ענין? אַפילו מיט פּאָליטיק אינטערעסירט זי זיך אויך נישט שטאַרק. האַנרי האָט דאָס איר פיל מאָל פאַרגעוואָרפן.

— שוין אַזוי לאַנג — האָט ער איר איין מאָל אַ זאָג געטאָן — ווי דו אַרבעטסט ווי אַ סעקרעטאַרין אין דער סינדיקאַטן־צענטראַלע און דו ווייסט

נאָך אַפילו נישט, דוכט מיר, דעם אונטערשיד צווישן דער ס.זש.ט. און דער ס.זש.ט.אי. אָדער דעם אונטערשיד צווישן אַן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן שטרייק. ניין, דאָס אפשר ווייסטו יאָ, אָבער דעם אונטערשיד צווישן אַ רעכטן אָפּנויג און אַ לינקן אָפּנויג ווייסטו געוויס נישט.

— פון וואַנען זאָל איך עס וויסן? — האָט זי זיך פאַרענטפערט — דאָס בייט זיך דאָך אַזוי אָפט.

— וואָס בייט זיך? — איז ער אומגעדולדיק געוואָרן — דער אָפּנויג אָדער די מיינונג וועגן דעם אָפּנויג?

— לאָז מיך צו רו! — דערמאָנט זי זיך, האָט זי זיך ביי אים געבעטן — גלייב מיר: וויסן ווי אַזוי זיך אָנצוטאָן, ווי אַזוי דעם אייגענעם מאַן צו געפעלן, ער זאָל נישט גיין זוכן קיין אַנדערע — איז פאַר אַ פרוי אַ סך וויכטיקער ווי אָט די אַלע אונטערשידן צווישן רעכטס און לינקס. פאַר אַ מאַן איז דאָס אפשר אויך וויכטיקער, מעגסטו זאָגן וואָס דו ווילסט.

ער האָט איר גאָרנישט נישט געענטפערט אויף דעם. ער האָט בלויז אַ שמייכל געטאָן. וואָס האָט ער זיך געטראַכט? אפשר האָט ער אינערלעך מיט איר מסכים געווען... און אין דער אמתן איז זי דאָך טאַקע געווען גערעכט. אַזוי מיינט זי היינט אויך.

איצט איז זי פאַרבליבן אַ יונגע אלמנה. אַ טעכטערל האָט זי פון אים. אַ גאַנצע וואָך איז דאָס קינד ביי אַן אַם, ווייל זי אַרבעט דאָך אַ גאַנצן טאָג און זי קאָן עס ביי זיך נישט האַלטן. איר שוויגער האָט זיך ביי איר געבעטן, זי זאָל דאָס קינד איבערלאָזן ביי איר, אָבער זי ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס — זי האָט דאָס קינד איר שוויגער נישט אָנגעטרויט. וואָלט עס געווען נישט קיין מיידל, נאָר אַ ייִנגל, וואָלט איר שוויגער מסתמא נישט אָנגעבאָטן אויך. אַ ייִנגל דאַרף ביי ייִדן געמלט ווערן... זונטיק נעמט זשאַנעט דאָס קינד צו זיך, זונטיק איז זי אַ מאַמע ווי אַלע מאַמעס.

## קאַפּיטל 56

ווער האָט דער ערשטער געהאַט דעם געדאַנק אײַנצוּאָרדענען אַ מין יאָר־צײַט־פֿאַרזאַמלונג אין אָנדענק פֿון בײדע ײדישע מאַרטירער הירש גראָסמאַן און בת־שבֿע שטײן ?

שווער צו זאָגן. פֿאַראַן געדאַנקען, וואָס קומען אויף גלײַכצײַטיק בײַ אַלעמען, און אײגנטלעך איז דער דאָזיקער געדאַנק גאָרנישט געווען אַזאַ גרויסער אויפֿטו. ײדן היטן אָפּ יעדע יאָרצײַט.

ר׳ פּנחס האָט טאַקע אָפּגעהיטן די יאָרצײַט נאָך בת־שבֿען, און יוכבד האָט דעם גאַנצן טאָג געוויינט מיט ביטערע טרערן, זיך דערמאָנענדיק, וואָס פֿאַר אַ טײַער קינד, וואָס פֿאַר אַ גוטן זון, וואָס פֿאַר אַן אײדעלע נשמה זי האָט פֿאַר אַ יאָרן פֿאַרלוירן, אָבער געפֿאַסט האָט זי בלויז אַ האַלבן טאָג, וואָרעם די קינדער האָבן זי געצוווּנגען עפּעס וואָס צו נעמען אין מויל אַרײַן. אַפֿילו יאָסל איז דעם טאָג געגאַנגען אין שול אַרײַן זאָגן קדיש נאָך זײַן זון.

נײַן, יאָסל איז שוין מער נישט געווען דער וואָס אַ מאָל ; זײַן הירשקע איז אין זײַן זכרון פֿאַרבליבן ווי אַ זון, וואָס מען מעג מיט אים שטאָלצירן. אגבֿ, איז יאָסלס אָנזען אויפֿן בעלוויל זינט יענעם פֿינצטערן פּרײַטיק־צו־נאַכטס געשטיגן. איז ער דאָך געווען דער טאַטע פֿון אַן אמתן מאַרטירער. סײַ פֿון די פּראָנצויזישע, סײַ פֿון די ײדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָט מען אים וויפֿל מאָל געגעבן צו וויסן, אַז טאָמער ער געפֿינט זיך אין אַ פֿאַר־לעגנהייט, איז מען גרייט זיך פֿאַר אים משתדל צו זײַן.

יאָסל אָבער האָט נישט אָנגענומען די אַלע פֿאָרשלאָגן. אַרבעט פֿעלט אים נישט, און אַנדערע שוועריקייטן האָט ער אויך נישט. ער וויל גאָרנישט פּראָפֿיטירן פֿון זײַן זונס אומגליק. יאָ, יאָסל איז געוואָרן אַ מענטש, מיט וועמען מען האָט זיך אָנגעהויבן רעכענען אין פּאַריז. די נאַטוראַליזאַציע האָט מען אים, אַזוי צו זאָגן, אַרײַנגעטראָגן אין שטוב אַרײַן, אים און זײַן גאַנצער

פאַמיליע. איצט איז די משפחה גראָסמאַן נישט בלויז אַ פראַנצויזישע, נאָר אויך דאָס, וואָס מען רופט אָן אַ פאַרדינסטפולע פראַנצויזיש־רעפּובליקאַנישע פאַמיליע. אין זיין זכות וועלן מסתמא באַלד אויך נאַטוראַליזירט ווערן דער דייטשישער געשיכטע־פּראָפעסאָר האַנס בוימאַן און זיין ווייבס פלימעניצע רייזעלע צוזאַמען מיט איר מאַן מאָריס הענדלער.

ביין, יאָסל איז שוין איצט נישט אַבי ווער. ער האַלט זיך אָבער נישט גרויס, ער איז נאָר געוואָרן אַ ביסל באַריידעוודיקער, מער צוגעלאָזן צו מענטשן און אַוודאי צו זיין אייגענער משפּחה. שווער איז, פאַרשטייט זיך, פּלוצלינג איבערצורייסן מיט אַלע שלעכטע געוווינהייטן. האָט זיך יאָסלען תחילת טאַקע איטלעך פריינדלעך וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט צו יוכבדן, געשטעלט ווי אַ ביין אין האַלדז, אָבער מיט דער צייט האָט ער זיך אויך צו דעם צוגעוווינט.

אָבער איצט רעדט זיך נישט וועגן דער יאָרצייט, וואָס די פאַמיליע גראָסמאַן איז אויפן בעלוויל און שטיין אויפן פּלעצל האָבן אָפּגעהיט אין שטוב און אין שול, נאָר וועגן דעם גרויסן יאָרצייט־אָוונט וואָס די „קולטור־ליגע״, בשותפות מיט דער יידישער סעקציע פון די סינדיקאַטן, גרייט צו אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן פון פּלאַס־דע־לאַ־רעפּובליק, נישט ווייט טאַקע פון דעם אָרט, ווו בת־שבע און הירשקע זענען פאַר אַ יאָרן אומגעקומען פון די פאַשיסטישע קוילן.

צוויי וואָכן נאָך אַנאַנד האָט מען זיך געגרייט צו דעם דאָזיקן טרויער־מיטינג. די יידישע „לינקע״ צייטונג האָט צום יאָרצייט אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלע ביילאַגע אין אַ שוואַרצער ראַם. אַפילו די לאַנדסמאַנשאַפטן, די סאָסיעטעס, האָבן אויך גערופן זייערע מיטגלידער קומען זיך באַטייליקן אין דער דאָזיקער צערעמאָניע. מען האָט אָפּגעדרוקט אַפישן און מען האָט זיי צעקלעפּט אויף די מויערן אין די יידישע געגנטן. האָט מען טאַקע זיך געריכט אויף אַ גרויסן עולם.

דער טרויער־מיטינג איז געווען אַ גראַנדיעזער. טויזנטער יידן זענען געקומען. בלויז אַ העלפט האָבן געקאָנט זיך אַריינשפּאַרן אין דעם גרויסן טעאַטער־זאַל, די איבעריקע זענען געבליבן שטיין אויף דער גאַס.

אויף דער טריבונע זענען געזעסן די מיטגלידער פוןביידע משפחות גראָסמאַן און שטיין. אַפילו דער אַלטער ר׳ פנחס האָט סוף־כל־סוף אויך געלאָזט זיך איבעררעדן און איז געקומען אָפּגעבן כבוד דעם אָנדענק פון זיין טאָכטער.

עס איז גאָרנישט געווען אַזוי לייכט צו פּועלן ביי אים ער זאָל זיך באַטייליקן אין אַ פאַרזאַמלונג, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער „קולטור־ליגע״. און באמת: וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט דער „קולטור־ליגע״ און מיט די סינדיקאַטן, וואָס שיטן פעך און שוועבל אויף דער תורה און אויף אַלע יידישע מנהגים?

געוויס, ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז דער פאָלקס־פראָנט איז גוט פאַר יידן, אַנישט וואָלט דאָך לעאָן בלום נישט געשטאַנען אין דער שפּיץ. אָבער מיט וואָס קאָנען די יידן העלפן? פאַר וואָס זאָלן די יידן זיך מישן? אַלץ ליגט אין גאָטס הענט און יידן דאַרפן זיך האַלטן אין אַ זייט. וואָס עס זאָל נישט געשען, לאָזט זיך דאָך אַלץ אויס צו אונדזערע קעפּ.

ביי אַזעלכע געדאַנקען האָט זיין זון דער דאָקטער אים געטראָפן, ווען ער איז אים געקומען בעטן, ער זאָל גיין צו דער יאָרצייט־פאַרזאַמלונג, וואָס די „קולטור־ליגע״ אָרדנט איין.

— וואָס פאַר אַ „קולטור־ליגע״ אין מיטן דרינען? — האָט דער טאַטע זיך געבייזערט. — איך בין זיי מוחל דעם כבוד! יאָרצייטן אין אַ טעאַטער? איך וועל אַהין נישט גיין...

זשאַק האָט געוווּסט, אַז אויב מען וויל עפּעס פּועלן ביי זיין טאַטן, מוז מען צו ערשט זיך אויסטענהן און צווואַרטן ביז מען זעט, אַז ער האָט שוין מער גאָרנישט וואָס צו זאָגן. דעמאָלט קען מען פּרווון, און אין ס׳רוב פאַלן גיט טאַקע ר׳ פנחס נאָך.

האָט זשאַק געשוויגן. ער האָט בלויז אַ הייב געטאָן מיט די פּלייצעס, אַזוי, אַז זיין טאַטע האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן, צי ער האָט יאָ איבער־צייגט זיין זון, צי נישט.

ר׳ פנחס האָט נאָך געפּרוּווט, גייענדיק איבער דער שטוב, אַריינרעדן אין זיין זון, פאַר וואָס עס פּאַסט נישט צו גיין צו אַ פאַרזאַמלונג פון דער „קולטור־ליגע״.

— פאַרזאַמלונגען... אָנדענק־אָוונטן... איך געדענק אַזוי אויך... ווי קאָן מען פאַרגעסן ?... אַזאַ אומגליק...

— ס׳איז דאָך נישט קיין עוולה, וואָס די „קולטור־ליגע״ וויל דערמאָנען דיין טאָכטער, וויל אָפּגעבן כבוד איר אָנדענק...

— ווער רעדט פון עוולות ? — איז ר׳ פנחס ווייכער געוואָרן — איך זאָג דען, אַז זיי טוען אונדז אַן עוולה ? אָבער...

— פּאַסט זיך, — איז זשאַק דרייסטער געוואָרן — פּאַסט זיך, מיר זאָלן די ערשטע קומען צו אַזאַ יאָרצייט־אָוונט...

— אפשר... אפשר...

ביז צו דער לעצטער מינוט האָט מען מורא געהאַט, אַז ר׳ פנחס וועט נישט קומען צום טרויער־אָוונט, און ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין זאַל באַגלייט פון זיינע זין, איידעמס, שנירן און אייניקלעך, האָט עס אויסגעזען ווי די אַלטע יידישע וועלט וואָלט געקומען זיך איבערבעטן מיט דער נייער צייט.

גאַנץ פּאַריז האָט אים געקענט. אַפילו די, וואָס האָבן אים קיין מאָל נישט געזען, האָבן עפּעס ווי אינסטינקטיוו דערשפּירט, אַז דאָס איז ער, און זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע פּלעצער.

מען האָט די גאַנצע פאַמיליע תיכף אַרויפגעפירט אויף דער טריבונע און זי אַוועקגעזעצט אויבן אָן. ר׳ פנחס און זיין ווייב גאָלדע זענען געזעסן פון דער רעכטער האַנט פון דעם פאָרזיצער. לינקס פון דער פאָרזיצער זענען געזעסן יאָסל גראָסמאַן און זיין ווייב יוכבד.

דער גרויסער טיש אויף דער טריבונע איז פאַר ביידע גאַנצע משפחות געווען צו קליין און מען האָט געמוזט אַוועקשטעלן שטולן אין דער צווייטער ריי, אין דעם הינטערגרונט.

די פאַרזאַמלונג איז געווען זייער אַ פייערלעכע. יוכבד האָט נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן און אין מיטן דער פאַרזאַמלונג אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. אויף איר קוקנדיק האָט גאָלדע זיך צעכליפּעט און אַפילו ר׳ פנחס, האָט מען געזען, האָט אויך געלאָזט אַ טרער אין זיין לאַנגער ווייסער באָרד.

די רעדעס זענען געווען ווי געווינלעך רעדעס אויף אַ געדענק־אָוונט :

נישט אין גאַנצן הספד, אָבער אויך נישט בלויז מיטינג־רייד. פאַרשטייער פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס האָבן גענומען דאָס וואָרט. איינער האָט גערעדט אין נאָמען פון דער „קולטור־ליגע", אַ צווייטער אין נאָמען פון דער סינדיקאַטן־צענטראַלע, אַ דריטער רעדנער האָט דערמאָנט גראָסמאַנס פאַרדינסטן פאַר דער אַרבעטער־קיך. די „רויטע הילף" איז אויך געווען פאַרטראָטן מיט אַ רעדנער.

בלעכמאַן, דער פּרעזידענט פון יאָסל גראָסמאַנס לאַנדסמאַנשאַפט, האָט דירעקט זיך געווענדט צו יאָסלען און צו זיין ווייב, יוכבד.

— טייערער חבר יאָסל, טייערע פרוי יוכבד — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע. — איך ווענד מיך צו אייך דירעקט און נישט צום פאָלקס־פראָנט. מיר שטאַמען אַלע פון איין געגנט אין פוילן. מיר געפינען זיך איצט אַלע אין איין סאָסיעטע. ווען מיר קלייבן זיך צונויף אויפן בעלוויל, דערמאָנען מיר זיך אַלע אין אונדזער אַלטער יידישער היים.

— מיר דערמאָנען זיך... כאָטש זי איז געווען אַזוי אָרעם, אַזוי שטאַרק געפאַלן, ווייל דאָרט האָבן מיר זיך אויסגעהאָדעוועט, דאָרט זענען מיר געגאַנגען אין חדר אָריין... אַזוינס פאַרגעסט מען נישט, קיין מאָל נישט... דאַרף איך דאָך אייך נישט זאָגן, ווי טייער קינדער זענען ביי אונדז... איידער מען האָדעוועט זיי אויס און איידער מען מאַכט פון זיי מענטשן... טאָ פאַר וואָס? פאַר וואָס? נו, איר ווייסט שוין וואָס איך מיין... דערפאַר זענען מיר זיך דאָ צונויפגעקומען...

— אַ געראָטענעם זון האָט איר געהאַט. אַן אַרבעטער זאָל קאָנען זיך אַרויפאַרבעטן און ווערן אַ פירער, איינער פון די פירערס פון דעם פראַנצויזישן פאָלקס־פראָנט, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך גרויסע מענטשן, קלוגע קעפּ, דורך אַזעלכע מיניסטאָרן ווי לעאָן בלום און אַנדערע — מעגט איר זיין שטאָלץ מיט אייער זון! ער איז געפאַלן פאַר דער פרייהייט. די פאַשיסטן האָבן אים דערהרגעט... מען האָט דאָס געזען אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער... ער האָט אונדז פאַרטיידיקט, אייער זון, דאַרפן מיר אַלע האַלטן טייער זיין אָנדענק און קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווער אייער זון איז געווען, וואָס פאַר אַ העלד...

— יאָ, טייערער יאָסל, טייערע יוכבד, וואָס נאָך קאָן איך אייך זאָגן

אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון אונדזער סאָסיעטע? איך וויל נאָר זאָגן, איר זאָלט זיך טרייסטן און איר זאָלט וויסן, אַז אייער זון איז געווען אַ צדיק... ווייל אַ צדיק איז מען נישט בלויז מיט פרומקייט אַליין, נאָר אויך מיט גוטע טאַטן, מיט מעשׂים, מיט ערלעכקייט. אייער זון האָט געהאַט אַ גוט האַרץ און האָט געוואָלט אַלע מענטשן זאָלן גליקלעך זיין, קיינעם זאָל מען קיין עוולות נישט טאָן...

## קאַפּיטל 57

אַ יאָרצייט איז נישט קיין פּאָליטישער מיטינג. קאָן מען אויף אַזאַ געדענק־אָוונט נישט אָננעמען קיין רעזאָלוציעס, אָבער אַ באַשלוס צו קעמפן קעגן פאַשיזם — דאָס יאָ. איז טאַקע דער גאַנצער טרויער־מיטינג געווען אַן אויסדרוק פון אַזאַ מין פעסטן באַשלוס, וואָס האָט זיך נישט געניטיקט אין אָפּשטימונגען.

געקומען איז מען דאָ, כדי צו דערמאָנען ביידע אומגעקומענע העלדן, און כדי זיי צו פאַרגעדענקען. אויף אַ פייערלעכן אָוונט געדענקט זיך אַנדערש ווי אין שטוב ביי זיך, עס געדענקט זיך אינטענסיווער. פון אַלעמען ווערט אײן כוח, וואָס שטויסט צו מעשׂים. און אויף דעם דאָזיקן געדענק־אָוונט איז טאַקע געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק, וואָס האָט געפירט צו מעשׂים — אַ געדאַנק צו גרינדן אַ יידישן פאָלקס־אוניווערסיטעט אויפן נאָמען פון הירש גראָסמאַן און בת־שבע שטיין.

נאָך דעם ווי די רעדנערס האָבן פאַרענדיקט, האָט דער פאָרזיצער אײן נאָמען פון אַלע פאַרזאַמלטע געמאָלדן, אַז עס ווערט געגרינדעט אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט אין פּאַריז. דאָס איז, מיינט ער, דער פּאַסיקסטער אופן ווי אַזוי צו פאַרגעדענקען די ביידע פּאַריזער פאָלקספראָנט־העלדן.

די דאָזיקע בשׂורה איז פון אַלעמען אָנגענומען געוואָרן מיט גרויס באַגייסטערונג. אַפילו ר׳ פנחס איז קענטיק געווען צופרידן פון דעם דאָזיקן געדאַנק. אַן אוניווערסיטעט אויפן נאָמען פון זיין אומגעקומענער טאָכטער — נישט קיין שלעכטער איינפאַל, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז דאָרט וועט קיין יידישקייט נישט געלערנט ווערן.

וואַלט ר׳ פנחס געהאַט אַ רויִקערן קאָפּ, וואָלט ער גענומען איצט איבערטראַכטן פיל ענינים. עפּעס וואָס שטימט דאָ נישט. לעצטנס האָט ר׳ פנחס גענומען איינזען, אַז אַלע זיינע געדאַנקען, דעות און מיינונגען,

וואָס ער האָט מיט יאָרן צוריק מיטגעבראַכט פון פוילן, האָבן דאָ אין פּאַריז עפּעס ווי פאַרלוירן זייער זין. אָבער קיין אַנדערע געדאַנקען האָט ער נישט, וואָס זאָל ער טאָן?

אַבי ער היט אָפּ כשרות, אַבי ער לערנט אַ בלאַט גמרא, און שבת איז ביי אים שבת, יום־טוב איז ביי אים יום־טוב...

זיינע קינדער? זיינע אייניקלעך? בעסער גאָרנישט טראַכטן וועגן דעם. ר׳ פּנחס לאָזט טאַקע אַלץ גיין ווי עס גייט. סיידן ווען ער באַגעגנט אַ מאָל זיין שטיפזון משהלען, וואָס הייסט מאָריס הענדלער. ער האָט חתונה געהאַט מיט יאָסלס פלימעניצע, איז דאָך ר׳ פּנחס, אויב אַזוי, אַ שטיקל מחותן מיט יאָסל גראָסמאַן.

אָט איז ער אויך געזעסן צוזאַמען מיט אים אויף איין טריבונע, מיט אים און מיט זיין ווייב יוכבדן... אַ יאָרצייט־אָוונט... הירשקע און בת־שבע... טייערע קינדער געווען...

אויך דער פּראָפעסאָר איז געזעסן אויף דער טריבונע, אויך זשאַק, יאַנקעלע, יאָ...

און ר׳ פּנחס פאַרקירעוועט אַלע זיינע געדאַנקען צו זיין זון יאַנקעלען, צו זשאַק דעם דאָקטער. פון אַלע קינדער איז אים צום שווערסטן צו פאַר־שטיין. דאָס ערגסטע איז, וואָס ער איז אַ שווייגער, קאָן מען דאָך מיינען, אַז דאָס איז אַזאַ נאַטור ביי אים? ניין, קליינערהייט, דערמאָנט זיך ר׳ פּנחס, איז יאַנקעלע דווקא געווען אַ גרויסער רעדער און פלעגט נישט אויפהערן צו שטעלן קשיות: פאַר וואָס דאָס? פאַר וואָס יענץ? כסדר פאַר וואָס. אַלץ האָט ער געוואָלט וויסן.

שווייגן האָט ער זיך אויסגעלערנט אין די תפיסות. יאָרן לאַנג איז ער געזעסן איינער אַליין אין אַ צעלע און נישט געהאַט מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט. טאָ וואָס פאַר אַ וווּנדער, אויב ער איז געוואָרן אַ שווייגער? פאַראַן קראַנקע, וואָס זאָגן, אַז פאַר אַ דאָקטער איז דאָס אַ מעלה, ווייל אַ דאָקטער, אַז ער שווייגט, קאָנען זיינע פּאַציענטן טאַקע אים דערציילן פון זייערע קראַנקייטן און דאַרפן נישט מורא האָבן, אַז זיי וועלן אַוועקגיין פון אים, נישט האָבנדיק זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ. פאַראַן אָבער אויך פּאַציענטן,

וואָס האַלטן, אַז אַ דאָקטער אַ שוויגער וואַרפט אַרויף אַ שרעק, און זיי מיינען, אַז זיי זענען ווער ווייסט ווי געפערלעך קראַנק.

„כרחם אָב על בנים" שטייט געשריבן. האָט טאַקע ר׳ פנחס שטאַרק רחמנות אויף זיין זון דעם שוויגער. ער זעט דאָך, אַז יאַנקעלע פירט שטילע חשבונות מיט גאָר דער וועלט, מיט זיך אַליין אויך. שטענדיק גייט ער אַרום פאַרטראַכט, צעטראָגן, פאַרקלעמט. וואָס פעלט אים? מיט וואָס איז ער אומצופרידן?

ר׳ פנחס ווייסט, אַז זיין זון באַדויערט די צייט, וואָס ער האָט פאַר־לוירן אין די פוילישע תפיסות, דאָ איז ער דווקא גערעכט, טראַכט ר׳ פנחס, אָבער ווי באַלד עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, דאַרף מען זיך עס נעמען צום האַרצן און זיך נישט פאַרגינען מער דאָס לעבן? ער האָט דאָך פאַרט גע־ענדיקט זיינע שטודיעס, ער איז געוואָרן אַ דאָקטער, האָט אויפגעמאַכט אַ קאַבינעט... מיט זיין הילף, פאַרשטייט זיך, וואָרעם ווער האָט אים געשטעלט אויף די פיס, אויב נישט זיין טאַטע דער גביר? פאַר וואָס טאַקע נישט?

וואָלט יאַנקעלע געדאַרפט זיין צופרידן מיט זיין גורל, וואָלט ער געמעגט טאָן אַ לייטישן שידוך און נישט בלייבן זיצן אַן אַלטער בחור. אָבער אים אינטערעסירט קיין זאַך נישט. וויפל זיין טאַטע בעט זיך נישט ביי אים ער זאָל אים זאָגן, וואָס אים פעלט — פאַרבייסט ער די ליפן, און ס׳איז נישט אַרויסצוקריגן פון אים קיין וואָרט.

אָבער זינט עטלעכע וואָכן, ווי זיין זון דער דאָקטער האָט ווידער אָנגע־הויבן צו רעדן, וואָס ווייטער אַלץ מער און מער. ער אינטערעסירט זיך, ווייזט אויס, ווידער מיט פּאָליטיק, ער אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט שפּאַניע.

— פאַר וואָס דווקא מיט שפּאַניע? — האָט ר׳ פנחס אים אַנומלט אַ פרעג געטאָן.

— ווייל אין שפּאַניע — האָט דער זון אים געענטפערט — האָט זיך צעפלאַקערט אַ בירגערקריג.

— אַ בירגערקריג? אַ סך צרות פאַר יידן קומען אַרויס פון אַ בירגער־קריג...

— פאַר נישט־יידן אויך.

— פאַר נישט־יידן אויך, אַוודאי! אָבער די גויים קאָנען אָן מלחמות

זיך נישט באַגיין, און טאָמער פירן זיי נישט קיין קריג מיט אַ צווייט לאַנד, מאַכן זיי אַ בירגערקריג צווישן זיך, אין אייגענעם לאַנד. אָבער יידן וואָלטן אָן בלוטפאַרגיסונג אויך געקאָנט אויסקומען.

— אַ בירגערקריג ברעכט אויס נישט פאַר ווילטאָג, אַ בירגערקריג קומט צו שטאַנד, ווען עס איז שוין קיין אַנדערער אויסוועג נישט, און דאָס איז נוגע אויך די יידן.

— ווו האָסטו יידן אין שפּאַניע ?

— ס׳איז אין שפּאַניע יאָ פאַראַן אַ ביסל יידן.

— די פּאָר יידן, וואָס וווינען דאָרטן ?

— דאָס איז נוגע נישט בלויז די יידן אין שפּאַניע.

— אָבער נישט די יידן האָבן אַרויסגערופן דעם בירגערקריג אין שפּאַניע.

— אין דעם באַשטייט דאָך דער באַזונדערער כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן בירגערקריג. נישט די יידן, נישט די רעפּובליקאַנער, נאָר די מיליטאַריסטן, די פאַשיסטן האָבן אַרויסגערופן דעם בירגערקריג, פראַנקאָ איז אָנגעפאַלן אויפן רעפּובליקאַנישן שפּאַניע...

— אפשר איז דאָס דיין שולד, יאַנקעלע ? אפשר גאָר מיין שולד ?

זשאָק האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. דאָס האָט אויסגעזען ווי אַ נס אין דעם טאַטנס אויגן. ביז צו דעם דאָזיקן אויסטערלישן געשפּרעך האָט זיין זון יאַנקעלע זיך נישט פאַרגונען, קאָן מען זאָגן, אַ לאַך צו טאָן ווי געהעריק. האָט זיך דער טאַטע געפרייט. ס׳איז אים איצט אַפילו נישט געווען קיין גרויסער אונטערשיד פון וואָס אָדער פון וועמען דער זון זיינער האָט געלאַכט. אַבי עס טוט זיך פון אים אָפּ די מרה־שחורה.

— זעסט שוין, מיין זון — האָט ר׳ פּנחס מוסיף געווען — זעסטו שוין, אַז מיר ביידע זענען אומשולדיק, נישט מיר האָבן דעם בירגערקריג אין שפּאַניע אַרויסגערופן און נישט צוליב אונדז איז ער געקומען. טאָ וואָס קאָנען מיר טאָן ?

— מיר קאָנען קעמפן.

— ווי אַזוי קעמפן ?

— מיט געווער אין דער האַנט.

— שיסן ?

— יאָ, שיסן.

— פון פּאַריז שיסן אויף שפּאַניע ?

ווידער האָט זשאַק זיך פונאַנדערגעלאַכט. דאָס מאָל אַזוי שטאַרק, אַזוי לאַנג, אַז דער טאַטע זיינער האָט אַזש געקוואָלן פאַר נחת איבער זיין זונס ברייטן און האַרציקן געלעכטער. מיט דעם דאָזיקן געלעכטער האָט דער שמועס זיך פאַרענדיקט. זשאַק האָט פאַרשפּאַרט מיטצוטיילן זיין טאַטן דעם באַשלוס, וואָס ער האָט אָנגענומען, זיך צו מעלדן ווי אַ פרייוויליקער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע.

ר׳ פּנחס האָט אַליין זיך אָנגעשטויסן וועגן זיין זונס באַשלוס. ער האָט אָבער געהאָפט, אַז עס וועט דערצו נישט קומען, וואָרעם עס איז דאָך כמעט ווי אוממעגלעך, אַז זיין זון יאַנקעלען, וואָס האָט זיך אַנטוישט אין דער פּאָליטיק, אין די רעוואָלוציעס, זאָל פּלוצלינג זיך פאַרוועלן איבערצולאָזן זיין מעדיצינישן קאַבינעט און פאָרן קיין שפּאַניע קעמפן, כאָטש...

איצט ווייסט שוין ר׳ פּנחס, אַז יאַנקעלע פאָרט קיין שפּאַניע. ער פאָרט נעמען נקמה פאַר זיין שוועסטערס פאַרגאָסן בלוט. דער טאַטע האָט זיך עס דערוווסט פון זיין עלטסטן זון אפרים, וואָס האָט דעם דאָזיקן פּראָיעקט שוין פון לאַנג געקענט. די אַנדערע פּרטים האָט ער זיך דערוווסט פון זיינע אַנדערע קינדער. מען האָט אויך וועגן דעם גערעדט אָפן נישט בלויז אויפן פּלעצל, נאָר אויך אויפן בעלוויל און אויף רעפּובליק. זשאַק גופא האָט עס אַלעמען דערציילט. נאָך מער: אין דער פאָלקס־אוניווערסיטעט אויפן נאָמען פון הירש גראָסמאַן און בת־שבע שטיין האָט ד״ר זשאַק שטיין איינגעאָרדנט אַ קורס פון גיכער הילף און פאָלקס־מעדיצין. ער גרייט צו סאַניטאַרן און קראַנקן־שוועסטער פאַרן שפּאַנישן פראָנט.

## קאַפּיטל 58

שפּאַניע איז געווען די הויפּט־טעמע פון אַלע רעפעראַטן, וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן אין דעם דאָזיקן פּאָלקס־אוניווערסיטעט. שפּאַנישע געשיכטע, געשיכטע פון דער שפּאַנישער אַרבעטער־באַוועגונג, שפּאַנישע ליטעראַטור, שפּאַנישע קולטור־געשיכטע, שפּאַנישע מאָטיוון אין דער יידי־שער ליטעראַטור, ווי, למשל, „מסעות בנימין השלישי״, וואָס דערמאָנט אין „דאָן קיכאָט״. אַפילו אין דער קונסט־געשיכטע האָט שפּאַניע זיך אויך געפונען אויבן אָן.

דאָס הייסט נישט אַז חוץ וועגן שפּאַניע, האָט מען אין דער פּאָלקס־אוניווערסיטעט קיין אַנדערע קעגנשטאַנדן נישט געלערנט. די לעקטאָרן האָבן נאָר אויסגענוצט די געלעגנהייט אונטערצושטרייכן די גרויסע ראָל, וואָס שפּאַניע האָט געשפּילט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

דערפאַר האָט אויך האַנס בוימאַן, געוועזענער פּראָפעסאָר פון בערלינער אוניווערסיטעט, זיך באַנוגנט מיט אַן אונטערגעאָרדנטער ראָלע. ער איז נישט געוואָרן דירעקטאָר פון דער פּאָלקס־אוניווערסיטעט צוליב דעם פּשוטן טעם, וואָס ער האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר גענוג ראוי. ביז צום היטלער־פּוטש איז די אַרבעטער־באַוועגונג פאַר אים געווען אַ געביט, צו וועלכן זיין פּראָפעסאָרישער געדאַנקען־גאַנג האָט קיין צוטרוי נישט געהאַט.

דאָס גלייכן האָט ער קיין שום שייכות נישט געהאַט צו יידישקייט — נישט צו דער אַלטער, נישט צו דער מאָדערנער. און מיט די יידן פון די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, מיט די אָסט־יודען, ווי די דייטשע יידן האָבן זיי גערופן, האָט ער בכלל נישט געהאַט קיין שום מגע ומשא. טאָמער האָט ער אין בערלין זיך אָנגעשטויסן אויף אַ קאַפּטאַן־ייד אין דער גרענאַדירשטראַסע אָדער אין דער עלזאַסער שטראַסע, האָט יענעמס צעשראָקענער בליק אים צעטומלט און צערודערט. פאַר דעם ייד מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע און מיט

דער לאַנגער באָרד איז ער מסתמא געווען אַ דייטש צו גלייך מיט אַלע דייטשן.

איז נישט קיין וווּנדער, וואָס די פירונג פון פאָלקס־אוניווערסיטעט ביי דער „קולטור־ליגע" איז אָנגעטרויט געוואָרן די חברים פישעק, אברהם און דבורהקע, וואָס זענען נישט קיין לעקטאָרן, אָבער ווי מיטגלידער פון דער „קולטור־ליגע"־פאַרוואַלטונג האָבן זיי געוווּסט, וואָס פאַר אַ ריכטונג דעם פאָלקס־אוניווערסיטעט צו געבן.

אַן אַנדערער אויף בוימאַנס אָרט וואָלט נישט מסכים געווען צו רעאַגירן אויף באַמערקונגען פון צוהערער, וואָס זענען לויט זייערע פאָרמעלע געשיכטע־קענטענישן אפשר גאָרנישט געווען מסוגל צו זיין זיינע תלמידים. ער אָבער האָט אויף דעם נישט געלייגט קיין אַכט. ס'האָט אים נישט געאַרט, וואָס זיינע לעקציעס ווערן קאָנטראָלירט, וואָס מען קאָנטראָלירט אים, גלייך ער וואָלט געווען אַ גרינער און אַ פרעמדער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

ס'איז דאָך אמת, האָט זיך בוימאַן געטראַכט: אַ פרעמדער און אַ נייער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. פון דער דייטשישער פאַרגאַנגענהייט דאַרף מען קאָנען אַרויסציִען מסקנות אי פאַר דעם היינט אי פאַר דעם מאָרגן. דאָס איז דער אמתער און איינציקער ציל פון יעדן געשיכטע־לימוד, אַנישט האָט מען פון דער געשיכטע קיין שום נוצן נישט. וואָס האָט ער דען אַרויסגעטראָגן פון דער גערמאַנישער פאַרגעשיכטע און אַפילו פון דער אוניווערסאַלער געשיכטע, וואָס אים האָט זיך געהאַט געדוכט, אַז ער קען אַלע אירע ווינקעלעך, אַלע אירע וועגן און שטעגן? גאָרנישט. היטלער האָט פון בוימאַנס געשיכטע־קענטענישן געמאַכט אַ תל.

ער איז געוואָרן אַ פּראָפעסאָר פון געשיכטע. אויך די געאָגראַפיע און אַפילו די פּאָליטישע און די היסטאָרישע געאָגראַפיע איז אים נישט געווען פרעמד. וואָס אים האָט ביז איצט געפעלט, דאָס איז דער ריכטיקער צוגאַנג פאַר זיינע געשיכטע־קענטענישן, אָדער, בעסער געזאָגט, פאַר דער היסטאָריאָגראַפיע. איבער דעם צוגאַנג דאַרף ער אַרבעטן. דאָס איז אַלץ.

אָט פאַר וואָס ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם „פּאָסטן" אויף דער פאָלקס־אוניווערסיטעט. ער האָפט אויסצואַרבעטן אַ ראַם, אַ צוגאַנג פאַר זיינע

געשיכטע־קענטעניש, אָדער בעסער געזאָגט, פאַר דער ריכטיקער געשיכטע־אינטערפּרעטאַציע.

זינט אָנהייב 1933 האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער יידישער געשיכטע און האָט געלייענט אַלץ, וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט, אין פראַנצויזיש, אין ענגליש, און איצט שוין אויך אין יידיש. סיי גרעץ, סיי דובנאָוו האָט ער שוין איצט כמעט געקענט אויף אויסווייניק. בת־שבעס דיסערטאַציע איבער דער עמאַנציפּאַציע פון די יידן אין פראַנקרייך האָט ער אפשר געקענט בעסער ווי בת־שבע אַליין. אין זיינע שמועסן מיט איר האָט ער זי וויפל מאָל איבערראַשט מיט זיינע קענטעניש פון דעם דאָזיקן געשיכטלעכן פּעריאָד, און איין מאָל האָט זי אים אין אַ געלעכטער אַ זאָג געטאָן:

— עס קומט אויס, ווי איר וואָלט די דאָזיקע אַרבעט געהאַט געשריבן, נישט איך, וואָרעם איר לייענט דאָך צווישן די שורות און איר דערמאָנט מיך אין שטעלן, וואָס לכתחילה האָב איך זיי געהאַט געשריבן, כ'האָב זיי אָבער נאָך דעם אויסגעמעקט, אָדער האָב רעזומירט, ווייל איך האָבן געוואָלט מיר איינשפּאָרן פּאַפּיר. זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי אַזוי מאַכט איר עס?

— דאָס איז מיין פאַך. אַזאַ געוווינהייט ביי מיר צו לייענען צווישן די שורות, אויך מסתמא כדי צו שפּאָרן פּאַפּיר און מי.

— וועלכע מי? — האָט זי אַ פאַרוווּנדערטע געפרעגט.

— די מי צו מישן די בלעטער — האָט ער איר מיט אַ דינעם שמייכעלע געענטפערט.

— נישקשה פון אַן איינפאַל! — האָט זי געלאַכט — נישקשה פון אַ וויץ.

— ס'איז אפשר גאָרנישט קיין וויץ.

— נאָר וואָס דען?

— מער מעטאָד ווי וויץ, אַ סיסטעם פון לייענען.

— אויב אַזוי, זענט איר דאָך אַן אמתער יעקע, זייט מיר מוחל.

— קען זיין. מען האָט עס מיר שוין געזאָגט וויפל מאָל. אַ ראַסן־פעלער. וואָס קאָן איך זיך העלפן?

— ניין, ניין! איך צי דאָס וואָרט „יעקע״ צוריק, ווייל איך גלייב אייך נישט דאָס וואָס איר זאָגט, אַז ס'איז אַ מעטאָד און נישט קיין וויץ.

— לאָמיר זאָגן אַ וויציקער מעטאָד... זענט איר מסכים מיט מיר?

— ניין, לאָמיר בעסער זאָגן אַ מעטאָדישער וויץ...

— בת־שבע! איצט מוז איך אייך בעטן, איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן... יאָ, איך האָב זיך פאַררעדט, פאַרפּלוידערט און האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איך מוז זיך צואיילן. איך האָב צוגעזאָגט זיך צו טרעפן מיט...

האַנס בוימאַן האָט גאָר ערנסט גענומען זיין געשיכטע־לימוד אין דעם פאָלקס־אוניווערסיטעט ביי דער „קולטור־ליגע״. היות אַ גרויסע צאָל צוהער־רער האָט זיך געגרייט צו מעלדן ווי פרייוויליקע אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן באַטאַליאָן — האָט דער פּראָפעסאָר האַנס בוימאַן זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן און מיט אַלע זיינע געדאַנקען אין די שפּאַנישע געשעענישן.

סיסטעמאַטיש, מעטאָדיש און גרינטלעך, ווי ער איז געווען, האָט ער זיך באַזעצט פון דער פרי ביז אין אָוונט אין דער פּאַריזער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק, און מער האָט גאָרנישט נישט עקזיסטירט פאַר אים נישט אויפן געביט פון געשיכטע, נישט אין געאָגראַפיע און נישט סתם אין געדאַנק, וואָס זאָל נישט האָבן דירעקט אָדער אומדירעקט אַ שייכות צו שפּאַניע.

האַנס בוימאַן איז דאָך אויך אויף זיין געביט געווען אַ בעל־תשובה: פון דער בלאָנדער בעסטיע, ווי דער דייטשישער פילאָזאָף פרידריך ניטשע דריקט זיך אויס, פון דער גערמאַנישער פאַרגעשיכטע, איז ער אַריבער־געשפּרונגען צו דער שפּאַנישער פאַרגעשיכטע. דאָרט האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין דעם לעצטן אַקט פון דער יידישער פּאָליטישער געשיכטע, וואָרעם באַלד נאָכן חורבן בית שני, דאָס הייסט אײדער נאָך די שפּאַניער זענען געווען אַ פאָלק, האָבן זיך אין שפּאַניע שוין געהאַט באַזעצט גרעסערע גרופּעס יידישע גולים.

קומט אַרויס אַ פּאַראַדאָקס, אַז איידער די שפּאַניער זענען געווען אַ פאָלק, אַ נאַציע ווי געהעריק אין זייער אייגענעם לאַנד, זענען שוין די יידישע פּליטים געווען נישט מער ווי רעשטלעך פון אַן אַלטער נאַציע, וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד און זענען צעזייט און צעשפּרייט

געוואָרן איבער גאַנץ אייראָפּע, קודם איבער איטאַליע, פראַנקרייך און שפּאַניע.

פאַראַן אַ סברא, אַז די יידן האָבן זיך געהאַט באַזעצט אין שפּאַניע שוין נאָכן חורבן בית ראשון אין נבוכדנאצרס צייטן. אַנדערע היסטאָריקער מיינען, אַז דער יידישער ישוב אין שפּאַניע שטאַמט נאָך פון אַ סך פריִער, פון יענער צייט, ווען שלמה המלך האָט געהאַט געשיקט זיינע קאָמערציעלע עקספּעדיציעס אין דעם לעגענדאַרן תרשיש, וואָס ווערט דערמאָנט אין תנ״ך.

די ראָל, וואָס די יידן האָבן געשפּילט אין דער פאָרגעשיכטע פון דעם שפּאַנישן פאָלק, איז נאָך פון קיינעם נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי געהעריק, ווייל אַלע שפּאַנישע און נישט־שפּאַנישע היסטאָריקער שעמען זיך מודה צו זיין, אַז די שפּאַניער, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע פעלקער, האָבן אייגנטלעך גאָר צו פאַרדאַנקען די יידן דעם אָנהייב פון זייער ציוויליזאַציע, דעם אָנהייב פון זייער קולטור.

וואָלט שפּאַניע זיך נישט געפונען, טראַכט האַנס בוימאַן, אין מיטן בירגערקריג, וואָלט אפשר כדאַי געווען זיך צו נעמען צו דער דאָזיקער זייער אינטערעסאַנטער געשיכטלעכער אַרבעט. איצט אָבער איז קיין צייט נישטאָ דערצו. דאַרף ער טאָג־איין, טאָג־אויס צוגרייטן די לעקציעס פאַרן יידישן פאָלקס־אוניווערסיטעט, וואָס וועט, קאָן זיין, שפּילן אַ גרויסע ראָל אויך אין דער היינטצייטיקער געשיכטע פון שפּאַניע, וואָרעם אַ סך פון די צוהערער, ווי שוין דערמאָנט, גרייטן זיך פאָרן אויפן שפּאַנישן פראָנט קעמפן קעגן דעם דאָרטיקן פאַשיזם.

די קאָמיסיע פון די דריי פּערזאָן, וואָס אין אירע הענט ליגט די פאַרוואַלטונג פון די קורסן, קלייבט זיך אויך צו פאָרן קיין שפּאַניע. ווייסט טאַקע האַנס בוימאַן נישט וואָס צו טראַכטן. איבעריקנס, ווי געזאָגט, נישט ער האָט צו באַשליסן איבער דעם גורל פון דעם פאָלקס־אוניווערסיטעט. דאָס איז שוין נישט זיין זאַך, ער איז צופרידן, וואָס מען האַלט זיך נישט קיין עצה מיט אים וועגן פאַרוואַלטונגס־ענינים, אַזוי אַרום קאָן ער זיך אָפּגעבן מיט דער געשיכטע פון דער שפּאַנישער אַרבעטער־באַוועגונג, און פאַר אײַן וועגס — אויך מיט דער שפּאַנישער פאָרגעשיכטע און מיט די שפּאַנישע

יידן, מיט דער שפּאַנישער קונסט און מיט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו שפּאַניע.

פון דער שפּאַנישער שפּראַך שמועסט מען שוין נישט. האַנס בוימאַן לערנט זיך גלייך ווי ער וואָלט זיך געגרייט אָפּצוגעבן אַן עקזאַמען. אַפילו די דינים פון דער קאָרידאַ, וואָס איז די ספּעציאַליטעט פון שפּאַניע, איר נאַציאָנאַלער און בלוטיקער ספּאָרט, לערנט האַנס בוימאַן אויך, אויף טשי־קאָוועס, פאַרשטייט זיך.

וואָס לאָזט אונדז די קאָרידאַ צו הערן? פרעגט ער זיך נאָך אַלץ, כאָטש ער האָט שוין איבערגעלייענט אַ שיינע פּאָר ביכער וועגן טאָרעאַ־דאָרן. פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ ליידנשאַפט צו די שפּאַניער, צו אַלע שפּאַניער, אַפילו צו די רעפּובליקאַנער און צו די סינדיקירטע אַרבעטער? נישט שוין זשע זענען די שפּאַניער אַזוי להוט נאָך בלוט? פאַר וואָס זענען זיי אַזוי פאַרקאָכט אין דעם דאָזיקן בלוטיקן טאַנץ? דער טעמפּעראַמענט זייערער? די הייסע זון, וואָס ברענט אין דעם שפּאַנישן הימל? אָבער איטאַליענער פאַרמאָגן דאָך אויך אַ הייסן טעמפּעראַמענט אין האַרצן און אַ הייסע זון אין הימל, פון דעסטוועגן איז דאָרט דער בלוטיקער אָקסנקאַמף אַ זעלטנקייט.

כדי צו שטילן זיין נייגעריקייט האָט האַנס בוימאַן זיך פאַרטיפט אין דער שפּאַנישער נאַציאָנאַלער פּסיכאָלאָגיע און דער קאָרידאַ, וואָס איז לויט דער מיינונג פון די קענער אַ „שול פון גראַציע און פון מוט” און נישט קיין שול פון רציחות, ווי עס מיינען דאָ איידעלע און איבערגעשראָ־קענע נשמות פון די מאָראַליסטישע וועגעטאַריער אָדער פון די וועגעטאַרישע מאָראַליסטן.

אין יעדן פאַל, זאָגן די „עסטעטן” פון דער דאָזיקער „שול”, איז די קאָרידאַ, צי מען וויל יאָ, צי מען וויל נישט, אַ גרויסער „ספּעקטאַקל”, וואָס פאַרמאָגט אי האַנדלונג אי אַ „מוסר־השׂכל”, אַ מאָראַל הייסט עס. די קאָרידאַ ווערט אויך פאַרגליכן צו אַ באַלעט, אַ טאַנץ. זי איז גראַציעז און אַלע אירע באַוועגונגען זענען גראַציעז און ריטמיש. נאָך מער: אַ גוט איינגעשטודירטע קאָרידאַ זעט אויס ווי אַ רעליגיעזע צערעמאָניע, ווי אַ

גערײַנגל פֿון דעם כּוהן גדול מיט די כּוחות פֿון דער ברוטאַלער נאַטור, ווארעם ווען מען קוקט זיך גוט צו צום פּאַרמעסט פֿון אַ שוואַכן מענטשן מיט אַ ווילדן אָקס אויף דער אַרענע, זעט מען, אַז דאָס איז אַ מיטאָלאָגישע שפּיל.

## קאַפּיטל 59

די וואָס האָבן כאָטש די מינדסטע אַנונג, ווי ווייט די מאָדערנע יידישע קולטור איז געוואָרן איינע פון די פּלאַטפאָרמען פון דעם גרעאַנגל קעגן פאַשיזם אין דער גאָרער וועלט, וועלן זיך כלל נישט וווּנדערן וואָס פּאַריז האָט דעם קאַמף פאַר דער מאָדערנער יידישער קולטור פאַרבונדן מיטן קאַמף קעגן די שפּאַנישע פאַשיסטן. ס'האָט אויסגעקוקט, ווי איינס וואָלט געוועזן אָפּהענגיק פון דעם צווייטן: ווער עס קעמפט קעגן פאַשיזם, מוז במילא אויך קעמפן פאַר דער יידישער מאָדערנער קולטור, און פאַרקערט.

דער געפּלאַנטער יידישער קולטור־קאָנגרעס האָט געזאָלט פאָרקומען דווקא אין פאַריז, וואָס ליגט סיי געאָגראַפיש, סיי פּאָליטיש צווישן בערלין און מאַדריד.

האָט טאַקע דאָס יידישע פּאַריז זיך געגרייט צו דעם דאָזיקן קאָנגרעס, און דווקא האַנס בוימאַן, וואָס ביז דאָ נישט לאַנג צוריק איז די יידישע קולטור פאַר אים נאָך געווען אַן אומבאַקאַנטער באַגריף, דווקא ער איז געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם דאָזיקן צוזאַמענ־פאָר, פון זיינע פּראָגראַמען, רעזאָלוציעס, און פון דעם ערשטן טאָג אָן, ווען דער קולטור־קאָנגרעס האָט באַקומען אַ דאַטע, האָט ער זיך באַטייליקט אַקטיוו אין די צוגרייטונגען.

אין דעם טאָגבוך, וואָס ער פירט זינט ער איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון דער גערמאַנישער געשיכטע, איז דער באַגריף „יידישע קולטור" געוואָרן אַ היימישער באַגריף. אין די לעצטע טעג איז צוגעקומען דאָס וואָרט „קאָנגרעס". איצט איז יידיש פאַר אים נישט בלויז אַ שפּראַך, נאָר אויך לעבן און קאַמף, און דאָס וואָס די יידישע קולטור פאַרמאָגט פינף קאָנטינענטן, הונדערטער יידישע שרייבער, טויזנטער לייענער, צענדליקער פאַרלאַגן

און טעאַטערס — דאָס אַלץ פאַרכאַפּט זיין אָטעם און פּילט אויס אַלע זיינע געדאַנקען.

זייטל נאָך זייטל פון זיין טאָגבוך איז אויסגעפּילט מיט שפּאַניע און מיטן קולטור־קאָנגרעס. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט גענוג פאַר אַ נייער געשיכטע־פילאָזאָפיע, אָבער עס איז פאַראַן מיט וואָס צו צעשטערן זיין אַלטע געשיכטע־קאָנצעפּציע, וואָס האָט נישט געהאַט — דאָס זעט ער אַיין מיט יעדן טאָג אַלץ מער — קיין שום שייכות מיט אים.

ווי אַלע דייטש־יידישע אינטעלעקטואַלן, האָט אויך האַנס בוימאַן געהאַט די באַדערפעניש בודק צו זיין יעדן געדאַנק זיינעם און יעדעס געפיל, כדי עס זאָל גאָרנישט נישט בלייבן פאַרבאָרגן פאַר זיין באַוווסטזיין. טאָמער האָט ער געהאַט באַשלאָסן, אַז ער קאָן זיך מער נישט פאַרלאָזן אויף קיין איינער פון די קאָנצעפּציעס, אידעען און דערפאַרונגען, מיט וועלכע זיין דייטשישע פאַרגאַנגענהייט איז געווען פול, האָט ער ממילא געמוזט אָנקומען צו יידיש, וואָרעם יעדע שפּראַך, ווייסט ער — און יידיש אפשר מער נאָך ווי אַלע אַנ־דערע לשונות — איז אַ מין פורעם, אין וועלכן עס פורעמט זיך אויס אַלץ, וואָס ווערט געטראַכט און פּילט אויס יעדנס לעבן.

פאַר האַנס בוימאַן, וואָס האָט געזוכט אין יידיש אַ צוגאַנג צו זיך גופא, צו זיינע געדאַנקען און צו זיינע געפילן, איז די שפּראַך געוואָרן אַ מקום־מקלט פאַר זיין אינטעלעקטועלן און סענסיטיוון איך; און די יידישע קולטור, אין אַלע אירע אויסדרוק־פאָרמען, איז פאַר אים געוואָרן דער אינהאַלט, וואָס אָן אים קאָן ער זיך נישט מער באַגיין.

דאָך, ווי פאַרליבט אין יידיש ער זאָל נישט האָבן געווען, און ווי שטאַרק ער זאָל נישט האָבן איינגעזען, אַז די יידישע קולטור, די יידישע געשיכטע, איז די איינציקע, וואָס דאַרף באַפרידיקן זיינע קולטורעלע הצטרכותן, נישט בלויז פאָרמעל, נאָר טאַקע גרינטלעך, האָט ער אָבער געמוזט צוגעבן, אַז איר פעלט נאָך אַ סך, כדי אָנצויאָגן די אַנדערע אייראָפּעיִשע קולטורן אין פאָרעם און אַ סך מער נאָך אין אינהאַלט.

געחלומט האָט זיך אים דעריבער אַ מין קולטור־קאָנגרעס, וואָס זאָל זיין אַ היסטאָרישער קולטור־אַקט איינציק אין זיין אַרט. ביי אייראָפּעיִשע פעלקער האָבן אויך די לעצטע צוויי־דריי יאָרהונדערט די וויסנשאַפטן זיך

פאַרצווייגט און זיך צעוואַקסן. עס זענען אַנטשטאַנען כלערליי שולן, אוניווער־סיטעטן און פאַרלאַגן, הונדערטער טויזנטער ווערק אויף אַלע געביטן זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן, טויזנטער טעאַטערס און אָפּערעס זענען אויפגעקו־מען. אפשר וואָלט דער אָנהייב אין יידיש געקאָנט ווערן דער געפּלאַנטער אַלוועלטלעכער קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז.

פון דעסטוועגן פירט האַנס בוימאַן זיין טאָגבוך אין דייטש, ווייל אַ טאָגבוך „שרייבט זיך" בלויז אין מאַמע־לשון, וואָרעם אין אַ טאָגבוך הערט מען זיך צו צו זיך גופא, מען פאַרהערט זיך, מען פאָרשט זיך, מען זוכט צו דערגיין, וואָס עס קומט פאָר טיף־טיף אין דער נשמה און מען באַמיט זיך צו געפינען אַ היימישן אויסדרוק, אַן אייגענעם ריטעם, און דאָס וואָרט, וואָס קומט מיט אַ שליחות פון האַרצן מער ווי פון די געדאַנקען. אַזאַ מין אינטים וואָרט איז שייך נאָר אין מאַמע־לשון.

אויב פאַר דעם געוועזענעם דייטשישן פּראָפעסאָר פון יידישער אָפּשטאַ־מונג איז דער דאָזיקער קולטור־קאָנגרעס געוואָרן אַ לעבנסוויכטיקער ענין, האָט ער אַוודאי און אַוודאי פאַר די צוהערער פון דעם פאָלקס־אוניווערסיטעט געהאַט אַ גוואַלדיקע חשיבות, אין קיין שום פאַראַרץ נישט מיט דעם, וואָס ער האָט געזאָלט אויפטאָן אין דער אמתן.

## קאַפּיטל 60

יידישע ליטעראַטור און יידישע מאָדערנע קולטור זענען תמיד געווען לימודים אין דעם פֿאָלקס־אוניווערסיטעט; אַ גרויסן פּלאַץ אין פּראָגראַם האָט אויך פֿאַרנומען די געשיכטע פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער און פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דעם אמת געזאָגט, זענען אַלע לימודים געווען געקניפּט און געבונדן צווישן זיך.

איצט אָבער האָט די געשיכטע פֿון דער יידישער מאָדערנער קולטור, אָדער גענויער געזאָגט די אויסזיכט פֿאַר איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, פֿאַרנומען דעם אויבן אָן. ס'האָט אויסגעקוקט גלייך ווי אַלע קולטורעלע, פּאָליטישע און אַפילו סינדיקאַלע פֿאָדערונגען פֿון דער יידישער פּאַריזער אַרבעטערשאַפֿט וואָלטן געדאַרפֿט באַפֿרידיקט ווערן דורך דעם קולטור־קאָנגרעס.

געוואָרט האָבן אַלע אויף דעם קולטור־קאָנגרעס ווי מען פֿלעגט אין מיטל־עלטער אַ שטייגער וואַרטן אויף דער התגלות פֿון משיחן. אין דעם פֿאָלקס־אוניווערסיטעט האָבן סיי די לעקטאָרן, סיי די צוהערער גערעדט בלויז וועגן דעם קולטור־קאָנגרעס. אַפילו די פּשוטסטע „סאָסיעטע"־יידן האָבן אויך, אויף זייער לשון, זיך באַמיט אויסצודריקן מיט אָפּשיי פֿאַרן יידישע וואָרט.

אין זיין געיעג קעגן די דייטשמעריזמען האָט האַנס בוימאַן אַריבערגע־כאַפּט די מאָס. אַ פֿאַסטקע איז פֿאַר אים געוואָרן איטלעך יידיש וואָרט. ער האָט מורא באַקומען נכשל צו ווערן מיט יעדן אויסדרוק, מיט יעדן זאַץ.

מער ווי אַלע האָט פֿון בוימאַנס „וואָרטאָפּאָביע", אַזוי צו זאָגן, געהאַט אויסצושטיין זיין פֿרוי בעלאַ. שיִער נישט אין פֿאַרצווייפֿלונג האָט האַנס זי אַריינגעבראַכט מיט אַלע זיינע קווענקלעניש.

— איך וויל רעדן אַ ריינעם, אַ קאָרעקטן יידיש.

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז לויט מיין מיינונג רעדסטו אַ ריינעם יידיש.

— דו טריי־ייי־סט מיך, בעלאַ, אָדער גאָר דו שפּאַ־אַ־סט פון...

— גיי שוין, גיי, האַנס, — פאַרלירט בעלאַ דאָס געדולד — גלייב מיר, אַז יידיש קענסטו אַ סך בעסער פאַר מיר, וואָרעם איך האָב דאָך קיין מאָל יידיש נישט געלערנט ווי עס באַדאַרף צו זיין. איך רעד אַזוי ווי מען האָט ביי אונדז גערעדט אין שטוב, אָבער דו רעדסט דאָך גראַמאַטיש און מיטן גאַנצן טאַראַראַם...

דער קולטור־קאָנגרעס איז געווען אַן אימפּאָזאַנטער ביז גאָר. ער איז געווען אי היימיש, אי פייערלעך, אי קעמפעריש געשטימט. די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און אינטערסינדיקאַלע קאָמיסיעס, דער פאָלקס־אוניוועסיטעט און אויך אַ סך לאַנדסמאַנשאַפטן זענען, פאַרשטייט זיך, געווען די הויפּט־מחותנים אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס. פון דער גאָרער וועלט זענען אָראָפּגעקומען צום קאָנגרעס יידישע שרייבער און קינסטלער. די קאָנגרעס־טעג אין פּאַריז זענען געווען אַ יום־טוב פון יידישן וואָרט פאַר אַלע די, וואָס באַנוצן זיך מיט דעם. פאַר דעם געוועזענעם פּראָפעסאָר פון אַלטגערמאַנישער געשיכטע, האַנס בוימאַן, איז געווען גרויס די פרייד, ווען ער האָט אויפן קאָנגרעס אָנגעטראָפן די אָנגעזעענע יידישע שרייבער.

די איניציאַטיוו אַריינצופלעכטן דעם אָנדענק פון די מאַרטירער אין דער מאַניפעסטאַציע פאַר דער יידישער קולטור איז געקומען פון דעם דיכטער אברהם. דער געדאַנק גופא איז געווען אַ געוואָגטער, וואָרעם נישט הירשקע, נישט בת־שבע האָבן געהאַט אַ דירעקטע שייכות מיט ליטעראַטור. אַרויסהייבן זייער גערעכעניש אויף אַ קולטור־קאָנגרעס, גלייך ווי זיי וואָלטן געהאַט געווען די מאַרטירער פון דער יידישער קולטור — דאָס קאָן מען זיך דערלויבן נאָר דעמאָלט, ווען מען איז איבערצייגט, אַז דער קאַמף קעגן פאַשיזם און דער קאַמף פאַר דער יידישער קולטור איז איינס און דאָס זעלביקע.

אברהמס פּלאַן האָט נושא חן געווען, נישט ביי אַלעמען אויף אַ מאָל, וואָרעם סיי האַנס בוימאַן, סיי ד״ר זשאַק שטיין, כאָטש זיי האָבן די ערשטע

געזאָלט זיך אָנכאַפּן אין אים, האָבן תחילת נישט איינגעזען די ענגע שייכות צווישן דער יידישער ליטעראַטור און דעם קאַמף קעגן פאַשיזם.

ווען האַנס בוימאַן האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם דאָזיקן פּראָיעקט, האָט ער אַרונטערגענומען זיינע ברילן, האָט זיי לאַנג, לאַנג געווישט, גלייך ווי כדי אים צו באַגרייפן, וואָלט ער געדאַרפט אָנקומען צו זיין זע־חוש און נישט בלויז צו זיין הער־חוש.

— מיר דאַרפן, לויט מיין מיינונג — זאָגט אברהם — אָפּגעבן אַ רעכע־נונג פאַר וועמען און צוליב וועמען זיי זענען אומגעקומען. און פון דער צווייטער זייט, אַ דאַנק וועמען און צוליב וועמען די מאָדערנע יידישע ליטע־ראַטור איז אויפגעקומען. אַזוי אַרום ווערט שוין די שייכות קלאָר און דייטלעך.

— יאָ, יאָ... איז בוימאַן קווענקלענדיק מסכים — אפשר זענט איר גערעכט. פאַר וואָס טאַקע נישט?

ביי אים, הייסט עס, האָט אברהם געפּועלט.

וואָס שייך ד״ר זשאַק שטיין, איז ער געווען נישט פאַר, נישט קעגן אברהמס פאָרשלאַג. יידישע קולטור? יידישע ליטעראַטור? זיי וועלן שוין זייער שטעטל, האָט ער זיך געזאָגט, אַליין באַשטיין, אָן אים אויך. דאָס איז נישט זיין געביט און אויס.

דערפאַר אָבער האָט דער קולטור־קאָנגרעס — טאַקע מחמת דעם — געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג ביי יאָסל גראָסמאַן און זיין פאַמיליע, און ביי ר׳ פנחס שטיין און זיין פאַמיליע.

צוויי וואָכן איידער דער קולטור־קאָנגרעס האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זיך געטומלט מיט דער דאָזיקער געשעעניש ביי די גראָסמאַנס און ביי די שטיינס, סיי ביי די, וואָס זענען פאַרבליבן וווינען אויפן בעלוויל און אויפן פּלעצל און סיי ביי די, וואָס זענען איצט שוין געווען צעזייט און צעשפּרייט שיִער נישט איבער אַלע צוואַנציק פאַריזער אַראָנדיסמאַנען.

## קאַפּיטל 61

די יידישע פּריוויליקע שפּאַניע־קעמפער האָבן פאַרן אָפּפאָרן אויפן פּראַנט איינגעאָרדנט אַ ליאַמע. ביי געדעקטע טישן אין גרויסן זאַל פון דער „קולטור־ליגע". עס זענען בייגעווען אַלע לעקטאָרן און אַלע צוהערער, מען האָט גערעדט און מען האָט זיך געזעגנט, מען האָט געטרונקען וויין און פאַרביסן מיט קיכעלעך. אויף אָט דעם געזעגענונגס־אָוונט האָט זיך געזאָלט אויפקלערן, ווער עס וועט בלייבן ענדגילטיק אין פּאַריז, ווער בלויז צייט־ווייליק און ווער וועט פאָרן קיין שפּאַניע אין עטלעכע טעג אַרום.

אייגנטלעך, האָט מען עס שוין מער־ווייניקער געוווּסט פריִער אויך, ווייל די, וואָס האָבן זיך געגרייט באַלד צו פאָרן, זענען דאָך שוין געווען מיטגלידער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע, וואָס האָט אויף אַן אומאָפיציעלן אופן זיך פאָרמירט אין פּאַריז.

לכתחילה האָט זיך געדאַכט, אַז אַ העלפט צוהערער, דאָס הייסט, אַרום הונדערט פון די צוויי הונדערט פאַרשריבענע אויף אַלע קורסן, זענען געווען גרייט צו פאָרן קעמפן קעגן פראַנקאָ. צום סוף פון דעם דאָזיקן געזעגן־אָוונט האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז חוץ די לעקטאָרן איז מען זיכער בלויז מיט אַ דרייסיק — פינף און דרייסיק אַנטשלאָסענע פּרייוויליקע, און פון זיי וועלן אַוודאי אין דער לעצטער מינוט איבערבלייבן בלויז פינף און צוואַנציק קעמפער. דער אָדער יענער ענטוזיאַסט וועט מסתמא אין דער לעצטער מינוט זיך באַטראַכטן און געפינען אַ תירוץ אָפּצולייגן זיין נסיעה. איינער וועט באַקומען אַרבעט, אַ צווייטער וועט פאַרלירן זיין אַרבעט, מיט אַ דריטן וועט פּאַסירן אַ פאַרדרייעניש מיט אַ ליבע, אַ פערטער וועט וועלן פאַרענדיקן דעם קורס פון דער שפּאַנישער אָדער גאָר פון דער יידישער שפּראַך.

אין די גאָר אַלטע צייטן, ווען די יידן, נאָך זייערע פּערציקיאָריקע

וואַנדערונגען אין דעם מדבר סיני, האָבן געדאַרפט באַצווינגען דאָס לאַנד כנען, האָט מען דאָך אויך באַפרייט פון מיליטער־דינסט און פון פראַנט, נישט בלויז די ווייכהאַרציקע, נאָר אויך אַלע די, וואָס האָבן געהאַט גענומען אַ פרוי, געפלאַנצט אַ ווייגאַרטן — אין די היינטיקע פאַריזער באַדינגונגען וואָלט דאָס באַדייט: געפונען אַ צימערל ערגעץ־ווו, אַ בוידעם־שטיבל.

אין דעם פאָלקס־אוניווערסיטעט זענען גלייך אין אָנהייב איינגעפירט געוואָרן קורסן פון דער פראַנצויזישער, פון דער יידישער און אין עטלעכע וואָכן אַרום אויך פון דער שפּאַנישער שפּראַך.

דער בירגערקריג אין שפּאַניע האָט זיך געהאַט ערשט אָנגעהויבן, די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס זענען נאָך נישט געהאַט געבוירן געוואָרן. מען האָט תחילת געמיינט, אַז די פרייוויליקע, וואָס זענען ביים אָנהייב בירגערקריג זיך צונויפגעפאָרן אין שפּאַניע פון פופציק לענדער, וועלן מוזן רעדן שפּאַניש. האָט מען זיך אין פאַריז געטראַכט: אַ סך יידישע ניי־איינ־געאָרדנטע האָבן זייער עמיגראַציע נאָך נישט פאַרענדיקט, קאָן דאָך מעגלעך זיין, אַז זיי וועלן באַלד דאַרפן ווייטער עמיגרירן אין די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער, אַ שטייגער, דאָרט רעדט מען שפּאַניש, טאָ פאַר וואָס זאָלן זיי נישט שוין נעמען זיך לערנען פראַנצויזיש און חוץ יידיש אויך די שפּאַנישע שפּראַך?

אין צווישן אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פרייוויליקע וועלן זיך גרופּירן אין באַטאַליאָנען און יעדער באַטאַליאָן וועט זיך באַנוצן מיט זיין אייגענעם לשון. אויך פאַר די יידן, איבערהויפּט די, וואָס שטאַמען פון מזרח־אייראָפּע, איז דאָס גלייכסטע זיי זאָלן זייער קאָמאַנדע פירן אין יידיש. זיי מוזן דעריבער פריִער פאַר אַלץ זיך אויסלערנען די מיליטערישע טערמינאָ־לאָגיע אין יידיש.

אָט פאַר וואָס די יידישע שפּראַך־קורסן, וואָס ביז דאָ נישט לאַנג האָבן זיי געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכענעם פאַציפיסטישן כאַראַקטער, האָבן געמוזט וואָס גיכער ווערן מיליטאַריזירט, אַזוי צו זאָגן.

דער דיכטער אַברהם איז געווען לעקטאָר פון דער יידישער שפּראַך און פון דער יידישער ליטעראַטור. ער טאַקע האָט עס געהאַט צו זינגען און צו זאָגן תמיד, ווען זיינע צוהערער פלעגן אים מאַטערן מיט קשיות: ווי

רופט מען דאָס אין יידיש? ווי הייסט דאָס אין יידיש? האָט אַברהם גענומען צושטיין צום דייטש־יידישן פּראָפעסאָר, ער זאָל אים געבן די מיליטערישע טערמינאָלאָגיע אין דייטש. אפשר וועט אַברהם קאָנען די דייטשישע ווערטער פאַרוואַנדלען אין יידישע אויסדרוקן. דער דייטש־יידישער פּראָפעסאָר וועט קאָנען באַהילפיק זיין, ווארעם אין דער דייטשישער שפּראַך איז ער דאָך ווי ביי זיך אין דער היים און די לעצטע צוויי וועלט־מלחמה־יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אויפן פראָנט.

דאָ האָט אָבער אַברהם זיך אָנגעשטויסן אין אַ שפּאָגל־נייער שוועריקייט. דער פּראָפעסאָר איז געוואָרן, ווי שוין דערמאָנט, אַ פאַנאַטיקער פון דעם יידישן לשון און האָט דאָס רוב דייטשישע ווערטער פון דעם מיליטערישן געביט געפּסלט פאַר יידיש. זייער איינגעבוירענער גערמאַנישער קלאַנג, האָט ער געזאָגט, טויג לחלוטין נישט פאַר יידיש, אפילו ווען זיי זאָלן זיך שוין יאָ לאָזן איבערניצעווען.

— אין יידיש וועלן זיי — האָט בוימאַן געטענהט — פאַלש קלינגען.

— ווי מיינט איר דאָס? האָט זיך אַברהם געוווּנדערט — פאַנעטיש אָדער אינהאַלטלעך?

— אי פאָנעטיש אי אינהאַלטלעך. איך ווייס נישט ווי אַזוי עס צו דערקלערן. צו פיל גערמאַנישער בלוטדורשט שטעקט אין זיי.

— אָבער מיר דאַרפן זיי דאָך טאַקע האָבן פאַר מלחמה — בעט זיך אברהם ביי אים.

— מען וועט אויסקומען אָן זיי אויך אין יידיש.

— און וואָס וועט פאַרט זיי מיט די מיליטערישע טערמינען? — לאָזט אַברהם נישט נאָך.

— איך ווייס נישט. דאָס אַרט מיך נישט. לויט דיר, אברהם, וואָלט מען אפשר געדאַרפט איינפירן אין אונדזער פאָלקס־אוניווערסיטעט אַ קורס פון מלחמה־קונסט לויט דער שיטה פון דעם דייטשישן גענעראַל קלאַוזעוויץ?

ווי די מעשׂה זאָל ניט זיין, ווען דער פאַרזיצער האָט די שפּאַניע־קאַנדידאַטן געבעטן פאַרנעמען אַן אָרט ביי אַ באַזונדערן פאַר זיי צוגעגרייטן טיש,

זענען גראָד די באַזוכער פון די שפּאַניש- און פון די יידיש-קורסן נישט געווען אין דער פולער צאָל.

נאָר אָט הייבן זיך שוין אָן די רעדעס. דעם פּאָרזיץ פירט דאָקטאָר זשאַק שטיין, וואָס איז לעקטאָר אויף די סאַניטאַר-קורסן.

ווי נאָר דאָקטאָר שטיין האָט געעפנט די ליאַמע, האָט ער איינגעטיילט די מיטבאַטייליקע אין עטלעכע קאַטעגאָריעס, אַרום באַזונדערע טישן. צו דער קאַטעגאָריע „פעסט-אַנטשלאָסענע" האָבן געהערט קודם-כל די לעקטאָרן גופא. חוץ די „פעסט-אַנטשלאָסענע" אויף דער טריבונע איז נאָך געזעסן אַ היפּשע צאָל פון דער זעלבער קאַטעגאָריע ביי דעם ערשטן לאַנגן טיש. אויך זייערע נעמען האָט דער פּאָרזיצער אויסגערופן איינעם נאָכן צווייטן.

אין דער צווייטער קאַטעגאָריע האָבן זיך געפונען די פרייוויליקע פון דער צווייטער שיכט, די וואָס וועלן פאָרן שפּעטער, און אויך די יעניקע, וואָס וועלן אפשר פאָרן קיין שפּאַניע צום סוף פון בירגערקריג, ווען מען וועט זיך שוין ריכטן אויפן פולן נצחון פון די רעפּובליקאַנער.

אין דער דריטער קאַטעגאָריע גייען אַריין די קרובים פון די פעסט-אַנט-שלאָסענע און פון די ווייניקער אַנטשלאָסענע. און גאָר צו לעצט, אין דער פערטער קאַטעגאָריע, געפינען זיך די איבעריקע צוהערער פון דעם פאָלקס-אוניווערסיטעט און סתם סימפּאַטיקער און געסט.

נאָך דעם ווי דאָקטאָר שטיין האָט צוגעווונטשן די ערשטע אַ „פאָרט געזונט", און די צווייטע, די דריטע און פערטע — אַ „זייט געזונט", האָט ער געגעבן „קורצע ווערטער", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, די לעקטאָרן און די פאָרשטייער פון דער און פון יענער קאַטעגאָריע.

איטלעכער פון זיי האָט געזאָגט, וואָס מען דאַרף.

## קאַפּיטל 62

אַ כאַאָס איז אין אברהמס מוח, אַ „ויתרוצצו" צווישן דעם, וואָס האָט זיך מיט אים פֿאַרלאָפֿן זינט זיין קינדהייט אין דער אַמאָליקער ליטע און זיין אָנקום אין פּאַריז. פֿון איין זייט דער חדר, די ישיבה, די חלומות, די האָפֿע־נונגען, און פֿון דער צווייטער — דער אייפֿלטורעם, די „קולטור־ליגע", בעלוויל, און ער גופא, ער מיט זיינע לידער.

אמת, אברהם איז אַן אינטערנאַציאָנאַליסט און זיין געדאַנק זאָגט אים אונטער, אַז מען טאָר נישט וועלן באַטראַכטן אַלץ פֿון אַן ענגן יידישן שטאַנדפּונקט, אָבער וואָס קאָן ער זיך העלפֿן, אַז דער ניגון פֿון דער ישיבה, ווו ער האָט פֿאַרבראַכט זיינע יוגנט־יאָרן, פֿאַרפֿאָלגט אים כסדר און לאָזט אים נישט צו רו?

אַלץ, וואָס ער קאָן טאָן דערוויל, איז שרייבן לידער. אַ מאָגערער אָנטייל. אברהם ווייסט עס און קאָן זיך דאָך נישט העלפֿן.

אָבער דאָס וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה. סוף־כל־סוף איז דאָך אברהם נישט קיין מיניסטער און אַפֿילו נישט קיין פּאַרטיי־אָנפֿירער, ווער הערט זיך דען צו צו זיין מיינונג און אַפֿילו צו זיינע לידער? אַ שטויבעלע איז ער אין דעם גרויסן וועלט־געווירבל. ער פֿאַרשטייט, אַז עס האָט נישט קיין זין זיך אויפֿצורעגן און זיך צו באַקלאָגן. עס איז גאָר נישטאָ פֿאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן.

וואָלט ער כאָטש געווען אין זיין פּריוואַט־לעבן גליקלעך.

יאָרן לאַנג האָט זיך אים געהאַט געחלומט, אַז „זיין" דבורהקע וועט זיין די שענסטע, די בעסטע, די קליגסטע פֿון אַלע דבורהקעס אין דער וועלט, און טאָמער וועט זי הייסן חנהקע אָדער שׂרהלע, ווען דאַן חנהקע אָדער שׂרהקע זיין מלא חן און פֿאַרמאָגן אַלע יידישע און נישט־יידישע

טעמים. פאַרשייט־צניעותדיק וועט זי זיין, באַשיידן־חוצפּהדיק, קינדיש־דערוואַקסן, אַ מיידל־פרוי.

וואָס איז פון די אַלע חלומות זיינע געוואָרן? אַ מיידל מיט אַ פּנים פול מיט זומער־שפּרענקלעך, אַ מייזעלע, פאַרצאָגט און פאַרדאַגהט, גרין און אויסגעטריקנט. פון חן איז ביי איר קיין שפּור נישטאָ, וואָס דען? אַ קאָפּ האָט זי און אַ מויל האָט זי. זי קען אויף אויסנווייניק די געשיכטע פונעם אַרבעטער־קלאַס און פון דער פרויען־באַוועגונג, וואָס עס דאַרף געשען און וואָס עס מוז געשען לויט די אייזערנע געזעצן פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. זי פאַרשטייט אויך נישט שלעכט פּאָעזיע. אָבער פאַר וואָס דוכט זיך איר, אַז אַ רעוואָלוציאָנערין, אַ קעמפערין דאַרף זיך באַמיִען צו האָבן אַ מענעריש קול און טאָר נישט זיין אַ קאָפּעלע קאָקעטיש? פאַר וואָס?

אברהם האָט דאָס זי קיין מאָל נישט געפרעגט. וואָלט ער דאָס געטאָן, קאָן זיין, אַז זי וואָלט פון אים געמאַכט אויסצודרייען. עס קאָן זיין זי וואָלט אים געזאָגט:

— און דו? קוק נאָר אַריין אין אַ שפּיגל, פאַר וואָס איז ביי דיר פאַרדרייט דער שניפּס? פאַר וואָס ראַזירסטו זיך אַזוי זעלטן? פאַר וואָס זענען דיינע אָפּצאַסן אויסגעדרייט? קוק נאָר אָן דיין אייגענעם הילוך און נאָך דעם וועסטו מיך מוסרן...

זי וואָלט גערעכט געווען. דער אמת איז, אַז אויף זיך האָט ער קיין צייט נישט — און קיין געדולד נישט — צו קוקן. פון דעסטוועגן וואָלט אים געפרייט ווען זיין חברטע, זיין דבורהקע, וואָלט געווען אַ מיידל ענלעך צו אַלע אַנדערע פראַנצויזישע. מידינעטקעס. יאָ, יאָ, טאַקע מידי־נעטקעס... מיט אַ פיגור, מיט אַ טאַליע, מיט אַ געשטאַלט. פאַר וואָס נישט? און ער, אברהם, וואָלט אויך געמעגט זיך צוזען. איז דען קאַרל מאַרקס, דער באַגרינדער פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, נישט געווען קיין שיינער מאַן און האָט ער דען נישט געהאַט אַ פרוי אַ שיינהייט?

איידער אברהם קומט מיט טענות צו זיין חברטע, דער פאַרהאַרעוועטער דבורהקען, וואָלט ער קודם געדאַרפט זיך אומקוקן אויף זיך. אָבער ער

איז דאָך אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער, טאָ וואָס איז דאָ שייך זיך צו באַ־קלאָגן? אויף וועמען זיך באַקלאָגן? פאַר וועמען זיך באַקלאָגן?

ניין, דאָס זענען זייטיקע געדאַנקען, וואָס געפינען קיין אָרט אין ערגעץ נישט. לאָזט אברהם אין מיטן וועג אַלע זיינע זייטיקע געדאַנקען און חזרט זיך איין דעם לעצטן פערז פון זיין נייער נאָך נישט אין גאַנצן אויסגעשליפענער פּאָעמע.

דערווייל אָבער האָט מען געזונגען גאָר אַנדערע לידער. אַ שטייגער: „דער רבי אלימלך" אָדער „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא" — פאָלקס־לידער, וואָס האָבן נישט די מינדסטע שייכות נישט צו שפּאַניע, נישט צו איר בירגערקריג.

אָבער וואָס מאַכט עס אויס? נישט דער אינהאַלט פון אַ ליד איז דער עיקר, נישט די ווערטער קומען דערוואַרעמען די נשמה, נאָר דער ניגון פון אַ ליד. ער פאַרטראָגט די בענקשאַפט אין דער פאַרגאַנגענהייט אָדער אין דער צוקונפט; ער קען דעם וועג צו דער אַלטער היים, צו די פּויליש־יידישע שטעט און שטעטלעך, אָדער צו דער היים, וואָס דאַרף אַנטשטיין ערגעץ ווו, ערגעץ ווען אין דער צוקונפט, ווען אַלע מענטשן וועלן ווערן ברידער און קיינער וועט שוין מער נישט זיין אין ערגעץ קיין אויסלענדער.

דאָך האָט דער נאָמען שפּאַניע זיך נישט זייער גוט געקלעפּט צו „רבי אלימלך" און צו „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא".

איין קשיא פרעגט די וועלט? צען קשיות פרעגט זי, הונדערט קשיות. אַ קנויל פון קשיות. פאַר וואָס קאָנען מענטשן זיך נישט אויסגלייכן איינער מיטן צווייטן, פאַר וואָס זענען פאַראַן שטאַרקע און שוואַכע, אויסנוצערס און אויסגענוצטע, פּייניקער און פאַרפּייניקטע, קריסטן און יידן?

פאַר וואָס אַפילו צווישן די יידישע אימיגראַנטן זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס עס גייט זיי שטענדיק גוט, און אַנדערע, וואָס דער שלימזל יאָגט זיי כסדר נאָך און זיי קאָנען אין ערגעץ זיך נישט ראַטעווען פון זייערע פאַר־זענלעכע אומגליקן? זיי ווייסן אַפילו נישט, ווער עס איז שולדיק אין זייער אומגליק, וועמען עס פאַרדריסט, וואָס זיי לעבן אויף דער וועלט,

ווער עס לאָזט זיי נישט צו צו דער מאָגערער סעודה. זיי ווייסן נישט צו ווען זיי זאָלן זיך ווענדן אין זייער נויט, צו וועמען זיי זאָלן האָבן טענות און וועמען זיי זאָלן באַשולדיקן. ווענדן זיי זיך צו זייער אייגענעם איך. בחדרי חדרים ליגט ער באַהאַלטן. פון אים, פון זייער אינערלעכן שׂטן, קאָנען זיי דאָך אַוודאי אין ערגעץ נישט אַנטלויפן.

## קאַפּיטל 63

אברהם דער דיכטער, פּישעק, מאָריס הענדלער, שלמה פינקעלשטיין — קיינער פון זיי האָט נישט געקאָנט באַשליסן, צי ער איז טאַקע גרייט אַוועקצוּוואַרפן אַלץ און פאָרן קיין שפּאַניע. אַלע אָבער האָבן געזונגען „דער רבי אלימלך", אויך האַנס בוימאַן, אויך זשינעט צוקערמאַן, אָבער גראָד זיי ביידע האָבן זיך נישט געקווענקלט.

אויף האַנס בוימאַן איז קיין חידוש נישט. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ גראָדן שׂכל, וואָס ווייסט קיין חכמות נישט. פאַר אים זענען די געשעענישן אין שפּאַניע געוואָרן אַ המשך פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין דייטשלאַנד. ביז דאָ נישט לאַנג האָט ער נאָך געהאַט צו טאָן מיט טויטער געשיכטע, פון איצט אָן וועט ער זיך פאַרנעמען מיט לעבעדיקער געשיכטע.

זשינעט צוקערמאַן אָבער — וואָס איז מיט איר דער מער? זי איז דאָך, קאָן מען זאָגן, גאָט די נשמה שולדיק. וואָס האָט זי צו טאָן מיט דער שפּאַנישער רעוואָלוציע? זי איז דאָך אַ „געוועזענע" טענצערין. זינט עס האָט געטראָפן דאָס אומגליק מיט איר טאַטן, איז זי מער עפּנטלעך נישט אַרויסגעטראָטן. איר טאַטע האָט קנאַפּ פאַרשטאַנען פון טאַנץ, אָבער אַ האַרציקער טאַטע. ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט מיט ליידיקע הענט, ער איז געוואָרן פאַרמעגלעך, ווי דאָס איז געשען מיט אַ שפּאָר ביסל יידישע עמיגראַנטן, וואָס אָנגעהויבן האָבן זיי מיט גאָרנישט און ביסלעכוויַיז האָבן זיי זיך דערשלאָגן צו אַ פיינער אַטעליע מיט אַ פּאָר צענדליק אַרבעטער. דער עקאָנאָמישער קריזיס איז אים אָבער מער דערגאַנגען די יאָרן ווי אַלע אַנדערע יידן.

איר מאַמען האָט זי קיין מאָל נישט ליב געהאַט. זי איז נישט ווי אַלע אַנדערע מאַמעס. און איצט האָט זי אַריינגענומען צו זיך עפּעס איינעם

אַ ייד, וואָס שפּילט טאָג און נאַכט אין קאָרטן, אין דערדלעך, אַ ייד אַן אַנאַלפאַבעט.

זינט איר טאַטנס טראַגישן טויט וויל זשינעט נישט מער אָנקוקן איר מאַמען. מיט איר ברודער דעם טעניס־שפּילער טרעפט זי זיך אויך זייער זעלטן. ער האָט חתונה געהאַט, ער וווינט אין דעם זיבעצנטן אַראָנ־דיסמאַן. עס קוקט אויס ווי די גאַנצע פאַמיליע צוקערמאַן וואָלט געהאַלטן ביים צעפאַלן. אַלע פאַרבינדונגען זענען לויז געוואָרן.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, זעקס חדשים נאָך איר טאַטנס טויט, האָט זשינעט זיך באַקענט מיט אַ סטודענט פון דרום־אַמעריקע, זיי האָבן זיך ליב באַקומען. דער דאָזיקער סטודענט איז לינק געשטימט און האָט זיך דעריבער געמאָלדן פרייוויליק אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע.

ער איז דאָס טאַקע געווען דער לערער פון שפּאַניש אין דעם פאָלקס־אוניווערסיטעט. ביי אים האָט זי זיך אויסגעלערנט אַ ביסל שפּאַניש. יאָזע לאַנגע — דאָס איז זיין נאָמען — איז געווען דער שפּאַניש־לערער פון די יידישע בעלווילער אַרבעטער און האָט אויך ווייטער געוואָלט פאַרבלייבן זייער לערער. יאָזע לאַנגע שפּילט אויך פידל.

זיי האָבן זיך שטאַרק ליב געהאַט, יאָזע לאַנגע און זשינעט צוקער־מאַן. עס קאָן גאָר קיין פראַגע נישט זיין פאַר זיי, זיי זאָלן זיך צעשיידן אַפילו אויף איין איינציקן טאָג. פאָרט ער קיין שפּאַניע, מוז זי מיט אים מיטפאָרן.

## קאַפּיטל 64

פאַראַן פאַמיליעס, וואָס צעפאַלן זיך ביים ערשטן שטורעמווינט. ווי נאָר דער מאַן קומט אום, איז נישטאָ מער קיינער, ווער עס זאָל ווייטער ציִען דעם פאָדעם. מקבר געווען דעם ראש פון דער משפחה, אָפּגעזאָגט נאָך אים קדיש — אַ סוף. זיין אַלמנה לאָזט פאַלן אַ פּאָר פאַלשע טרערן, דערמיט האָט זי יוצא געווען. אין אַ פּאָר חדשים אַרום וועט זי געפינען אַ נייעם מאַן און עס וועט זיך אָנהייבן אַ ניי לעבן.

פאַרבליבן איז פון יצחק צוקערמאַן אַ דערוואַקסענער זון, איז ער אַ פּראָפעסיאָנעלער טעניס־שפּילער. אויך אַזעלכע פּראָפעסיעס זענען פאַראַן. ער קאָן זיך באַשטיין זיין שטעטל אין פּאַריז. זיין מאַמע די אלמנה ווייסט נישט מיט אים וועגן וואָס צו רעדן. ער פאָרט נאָר אַרום, באַטייליקט זיך אין אַלע אינטערנאַציאָנאַלע טורנירן.

שוין דעם צווייטן טאָג נאָך זיין טאַטנס טויט האָט בערנאַרד געדאַרפט זיין אין אַמסטערדאַם. וואָס מיר שבעה זיצן? ווער מיר שבעה זיצן? אַלטפרענקישע צערעמאָניעס. קדיש האָט ער געזאָגט אויף זיין טאַטנס קבר. מער קאָן מען פון אים נישט פאַרלאַנגען. און קיינער האָט טאַקע מער פון אים נישט פאַרלאַנגט, קיינער קאָן פון אַ טשעמפּיאָן מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלן נאָמען מער גאָרנישט פאָדערן. אמת, פון דעם דאָזיקן אַמסטערדאַמער טורניר איז ער אַרויסגעגאַנגען דער דריטער, נישט דער ערשטער, ווי ער האָט געהאַט געהאָפט, כאָטש ער האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז ער וועט האָבן צו טאָן מיט טעניס־שפּילער פון דער ערשטער מדרגה. ער איז אַרויסגעגאַנגען דער דריטער פון דעם דאָזיקן טורניר און איז אין כעס געווען אויף אַלץ און אויף אַלעמען. אויף זיין אומגעקומענעם טאַטן אויך? חלילה, אַזוי פאַרדאָרבן איז בערנאַרד נישט געווען ער זאָל זיך בייזערן אין האַרצן אויף זיין טאַטן, וואָס איז אומגעקומען אויף אַזאַ טראַגישן אופן.

פון דעסטוועגן האָט אים גאַנץ גוט פאַרדראָסן, וואָס זיין טאַטן האָט זיך פאַרגלוסט דווקא עטלעכע טעג פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן טעניס־טורניר זיך אַריינצוּוואַרפן אין דער סענע. ווער ווייסט, אפשר איז דאָס טאַקע געווען די הויפּט־סיבה פון זיין דורכפאַל אויפן אַמסטערדאַמער טורניר...

נאָר דאָס איז שוין אַן אַלטע געשיכטע. איצט פאָרט ער נישט מער אויף טעניס־טורנירן. שוין מער ווי צוויי יאָר, ווי ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ רייכער פאַמיליע. זיין שווער פאַרמאָגט אַ הוט־פאַבריק און ער איז איר געשעפט־פירער. פיליאַלן האָט די פירמע נישט בלויז אין דער פראַנצויזישער פּראָווינץ, נאָר אויך אין אויסלאַנד, אין בעלגיע און אין לוקסעמבורג.

פון צייט צו צייט טרעפט זיך בערנאַרד מיט זיין מאַמען:

— מאַמע, וואָס מאַכסטו?

— נישקשה, און דו?

— איך קאָן זיך נישט באַקלאָגן.

— דו ווייסט, אַז דו האָסט מזל, בערנאַרד?

— עס קאָן זיין, מאַמע, עס קאָן זיין...

— דו ביסט עס אפשר גאָרנישט ווערט, בערנאַרד.

— פאַר וואָס זאָגסטו עס, מאַמע?

— איך ווייס? איך וויל זיך. אין דער אמתן ביסטו עס יאָ ווערט, אפשר נאָך מער...

האָדל, אָדער מיט איר פראַנצויזישן נאָמען אָדעט, ווייסט טאַקע נישט, זי ווייסט נישט פון דאַנען אַהין. נישט עס האָט ממשות דאָס, וואָס זי פרעגט, נישט עס האָט אַ וועלכן ס׳איז זין דאָס, וואָס זי ענטפערט. זי רעדט גלאַט אַזוי, זי פּלוידערט, אויך די געפילן אירע, מיט וועלכע זי באַרימט זיך, האָבן נישט קיין האַפט. אַפילו בערנאַרד, וואָס איז דאָך אויך אַ פּוסטע כלי, ווייסט עס. דעריבער טאַקע לאָזט ער זיך נישט אַריין מיט איר אין לאַנגע שמועסן און זיינע באַזוכן ווערן אַלץ זעלטענער און זעלטענער.

אויך זשינעט הייבט צו ביסלעך אָן צו פאַרגעסן איר היים, ווו זי איז געבוירן געוואָרן, ווו זי האָט געמאַכט איר ערשטע „פּאַ". שוין זייער

לאַנג ווי זי האָט נישט אַריינגעשמעקט אין שטוב. זי האָט איר מאַמען נישט מער געזען זינט דעם סקאַנדאַל, וואָס זי האָט געמאַכט. שטילערהייט מוז זי זיך מודה זיין, אַז זי איז נישט געווען גערעכט מיט דעם, וואָס זי האָט באַשולדיקט דער מאַמען אין טאַטנס טויט.

אַזוי אַרום איז זיך די פאַמיליע צוקערמאַן צעפאַלן. נישטאָ מער קיין פאַמיליע צוקערמאַן.

אויך די שפּאַנישע געשיכטע וועט דאָ גאָרנישט נישט העלפן. פאַר־קערט: עס איז דאָך מעגלעך, אַז דער שפּאַנישער בירגערקריג וועט זיך פאַרענדיקן מיט אַ רעפּובליקאַנישן זיג. עס קאָן זיין, אַז זשינעט וועט שוין אויף שטענדיק פאַרבלייבן אין שפּאַניע.

אָט וואָס זשינעט טראַכט בעת אַרום איר ווערט געזונגען „דער רבי אלימלך", „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא".

און יאָזע לאַנגע, וואָס טראַכט ער? קודם כל: ווער איז ער? ווי אַזוי הייסט אַ יידישער יונגערמאַן יאָזע לאַנגע? דאַרף מען אים נישט רופן בעסער מיט זיין יידישן נאָמען: יאָסל לאַנגער?

לאַנגע פאַרמאָגט אַ זייער קאָמפּליצירטע ביאָגראַפיע. נישט דאָ איז דאָס אָרט, נישט איצט איז די צייט זי פונאַנדערצוּוויקלען. לאָמיר בלויז פאַרבייגייענדיק באַמערקן, אַז ביי דעם דאָזיקן יאָזע לאַנגע האָט זיך קיין מאָל נישט געקאָנט שטעלן די פראַגע, צי ער זאָל פאָרן קיין שפּאַניע אָדער ער זאָל פאַרבלייבן אין פאַריז, וואָרעם ער האָט קיין מאָל נישט קיין טראַכט געטאָן זיך דאָ צו באַזעצן. דאָס איז אַ באַשלאָסענע זאַך. ער פאָרט קיין שפּאַניע צוזאַמען מיט זשינעט. אין שפּאַניע וועט זי טאַנצן פלאַמענקאָ און טענאַראָ. ער האָט זי ליב, זייער ליב. ער האָט ליב איר קערפּער און אירע טענץ. אָט זיצט זי דאָ לעבן אים אַ פאַרחלומטע. פון וואָס טראַכט זי? ער וויל איר אין אירע חלומות נישט שטערן. זאָל זי חלומען און שפּע־טער זאָל זי טאַנצן אירע חלומות.

וועלן זיי אָבער אין שפּאַניע פאַרמאָגן אַ צימערל? אין באַראַקן וועלן זיי ליגן, אין שטויב, אין די שוצגראָבנס, און זיי וועלן מוזן זיך צוהערן צום געפּייף פון די קוילן...

טוט ער נישט אַ מאָל אַ נאַרישקייט דערמיט, וואָס ער נעמט זי מיט

קיין שפּאַניע? ווער ווייסט? איינגנטלעך וואָלט ער געדאַרפט זי איבערלאָזן אין פּאַריז. קיינער צווינגט אים דאָך נישט זי מיטצונעמען. אדרבא. מען האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז דער שפּאַנישער בירגערקריג איז נישט פֿאַר אירטוועגן. זי איז אַ טענצערין, צאַרט איז זי. ווי וועט זי קאָנען פֿאַרטראָגן אַ מלחמה, שיסערייען, בלוט, רציחות?

נאָר וואָס זאָל ער טאָן? זי האָט זיך איינגעשפּאַרט. זי וויל דווקא מיטפֿאָרן. זי האָט דאָ קיינעם נישט, קיינעם נישט...

וויל יאָזע לאַנגע מער וועגן דעם נישט קלערן. סיי ווי ווייסט ער נישט ווי זיך אַן עצה צו געבן. פֿאַרלאָזט ער זיך אויף אַ נס. אפשר וועט זי אין דער לעצטער מינוט דאָך באַשליסן צו בלייבן אין פּאַריז. אָבער טאָמער זי פֿאָרט נישט, וועט ער דאָך אויך נישט קאָנען פֿאָרן, נישט געקוקט אויפֿן וואָרט, וואָס ער האָט געגעבן, נישט געקוקט אויף די אַלע הכנות, וואָס ער האָט געמאַכט, און ער וועט פֿאַרבלייבן אַ ליגנער, אַ פּחדן, אַ טרוס. יאָזע לאַנגע וועט געשטעמפּלט ווערן ווי אַ פּחדן נאָר דערפֿאַר ווייל זשינעט קווענקלט זיך, ווייל זי האָט אין דער לעצטער מינוט באַשלאָסן צו פֿאַרבלייבן אויף אַן אָרט.

דעם דאָזיקן געדאַנק קאָן ער נישט דערטראַכטן ביז צום סוף. אַן אַבסורדאַלער געדאַנק. אַזוי טראַכטן קאָן בלויז עמעצער, וואָס קען אים נישט און ווייסט נישט ווער ער איז. ער קען זיך. אויף יעדן פֿאַל ווייסט ער, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין לעבן, אין וועלכע געפֿערלעכע סיטואַציעס ער האָט זיך געפֿונען און ער האָט זיך נישט געשראָקן. נאָך מער: ביז איצט האָט ער געזוכט די סכנות, וואָרעם נאָר אין געפֿאַר, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, האָט ער דאָס געפֿיל פֿון זיכערקייט. אפשר איז „זיכערקייט" נישט דאָס ריכטיקע וואָרט. אויף יעדן פֿאַל, נאָר בעת אַ סכנה פֿילט ער, אַז ער לעבט אַזוי אין הסכם מיט זיין נאַטור. אַלץ איינס, טראַכט ער זיך, מיט אַ באַשלוס אָדער אָן אַ באַשלוס, ס'איז אַן אָפּגעמאַכטע זאַך: מען פֿאָרט קיין שפּאַניע.

און זשינעט, פֿאַרנעמענדיק מיט איר פֿיינעם און דעליקאַטן געהער יאָזעס געדאַנקענגאַנג, איז צופֿרידן. זי איז צופֿרידן דערמיט, וואָס זי רייסט איבער די לעצטע פֿעדעם, וואָס פֿאַרבינדן זי נאָך מיט איר מאַמען.

## קאַפּיטל 65

אַנדערש, אין גאַנצן אַנדערש זעט עס אויס ביי דער פאַמיליע גראַסמאַן און ביי דער פאַמיליע שטיין. זיי קאָן קיין שום געשעעניש נישט צעצווייען, צעטיילן, קיין איין מהלך, ווי ווייט ער זאָל נישט זיין, נישט דערווייטערן. נאָך מער: אַפּילו יענע, וואָס פאַלן פון זיי אָפּ אויף דעם סאַמע נאַטיר־לעכסטן אופן — וואָרעם באַלד, ווי אַ מיידל האָט חתונה, נעמט זי דאָך אָן דעם נאָמען פון איר מאַנס משפחה — ווייזן אויך אַרויס אַ טענדענץ צו פאַרבלייבן ענג פאַרבונדן מיטן אַלטן שטאָם זייערן.

לאָמיר אַ שטייגער נעמען יאָסלען. ווענדליק זיין געוועזענער פירונג (היינט איז ער שוין גאָר אַן אַנדערער, ווי מען ווייסט), ווענדליק זיין נאַטור, וואָלט ער געדאַרפט לכתחילה לאָזן זיצן זיין ווייב און קינדער אין פוילן. און האָט ער זיי שוין יאָ אַראָפּגענומען צו זיך, וואָלטן דאָך זיינע קינדער אַזוי באַלד ווי זיי זענען אונטערגעוואַקסן, באַדאַרפט זיך פונאַנדערלויפן.

ניין, יאָסל האָט זיך מיט יוכבדן נישט געגט און זיינע קינדער זענען זיך נישט צעלאָפן אין אַלע עקן פון פאַריז. פאַרקערט, זיינע טעכטער האָבן געמאַכט אַזוי, אַז זייערע ניי־געגרינדעטע פאַמיליעס זאָלן זיך אַנ־שליסן אין יאָסלס שטאָם.

די באָבע יוכבד האָט פערעלעס קינדער כמעט אַלע זונטיק געהאַט צו גאַסט. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, איבערגעקערט דער באָבעס שטוב מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. יוכבד האָט זיי צעבאַלעוועט. אויך יאָסל, וואָס אַמאָליקע יאָרן פלעגט ער דאָך זונטיק נישט קאָנען איינזיצן אַפילו איין רגע אין שטוב, טאַנצט אַרום מיט זיינע אייניקלעך. ער שפּילט זיך מיט זיי אין באַהעלטעניש.

די שטוב איז אַ קליינע און זיינע אייניקלעך דאַרפן לאַנג נישט זוכן, כדי אים צו געפינען.

ביילקע האָט אים אַריינגעבראַכט אין דער פאַמיליע אַ שפּאָגל נייעם פּרעמדאַרטיקן געוויקס: דעם דייטשיש־יידישן פּראָפעסאָר האַנס בוימאַן. דאָס יונגע פּאָרפאָלק האָט געוווינט אין גאָר אַן אַנדער שטאָטפּערטל, אָבער דאָרט ווו ער גרענעצט זיך מיטן בעלווילער צוואַנציקסטן אַראָנדיס־מאַן, אַזוי, אַזביידע פאַמיליעס לעבן פאָרט אין שכנות און זעען זיך גאַנץ אָפט.

בוימאַן האַלט גאָרנישט פאַר אַן אומכבוד צו זיין יאָסלס איידעם, ער האָט אַפילו ליב, ווייזט אויס, אַ שמועס צו טאָן מיט אים פון צייט צו צייט וועגן די פאַרשידנסטע ענינים. מאָדנע שמועסן פאַרפירן זיי ביידע. די, וואָס הערן די דאָזיקע שמועסן, הייבן נישט אָן צו פאַרשטיין זייער אמתן מיין. זיי פאַרשטייען נישט, וואָס פאַר אַן אינטערעס דער פּראָפעסאָר קאָן געפינען אין יאָסלס מעשׂיות. פאַר אים, טראַכטן זיי זיך, איז דאָס אפשר אַ געלעגנהייט זיך דורכצושמועסן מיט אַ פּשוטן יידן אין אַ פּשוטן זאַפטיקן לשון. אָבער יאָסלס יידיש איז דאָך היפּשלעך פאַרדאָרבן און איז אויסגעמישט מיט פאַרשידענע פראַנצויזישע גאַסן־אויסדרוקן און ווערטלעך. טאָ וואָס געווינט דאָ בוימאַן?

פאַרקערט, אין אַ טאָן, ווי עס ווענדט זיך אַ לערער צו זיינעם אַ תּלמיד, וואַרפט בוימאַן אַריין אין מיטן פון אַזאַ שמועס אַן אויסבעסערונג אין זיין שווערס לשון.

— מיר דוכט זיך, ליבער פאָטער, אַז אין יידיש איז בעסער צו זאָגן „אַן אויסטויגער".

— זאָל זיין אַן אויסטויגער, וואָס פאַר אַ נפקא־מינה? — ערגערט זיך יאָסל, וואָס זיין איידעם האָט אים אומזיסט און אומנישט, עפּעס צוליב אַ „דעברויאַר" אָדער אַן „אויסטויגער", איבערגעהאַקט אין מיטן דער מעשׂה.

— זאָגט דאָס נישט, איך בעט אייך — לאָזט בוימאַן זיין שווער נישט פאַרענדיקן — ס'איז יאָ... ווי זאָגט איר עס? ס'איז יאָ אַ נפקא...

— וואָס זאָל איך נישט זאָגן? — ווערט שוין יאָסל אַ צעטומלטער — וואָס האָב איך דען געזאָגט?

— איר האָט געזאָגט אַ נפקא... ס'איז זייער אַ גוט וואָרט. דוכט זיך

מיר ס׳איז אַן אַראַמיש וואָרט, וואָס ווערט דער עיקר באַנוצט דורך די תלמודיסטן אין זייערע דיסקוסיעס... ווי ווייטער? נפקא...

יאָסל קוקט אָן זיין איידעם און ווייסט נישט, וואָס ער וויל פון אים. מער ווי דאָס פעלט אים נישט: אַריינלאָזן זיך מיט זיין איידעם דעם פּראָפעסאָר אין אַ דיסקוסיע וועגן אַראַמיש, וועגן תלמודישע ווערטער, וואָס ער, יאָסל, אין דעם איז ער איבערצייגט, באַנוצט גראָד יאָ ריכטיק, באַנוצט ווו און ווען מען דאַרף, כאָטש ער ווייסט אפשר נישט ווי ווייט זיי זענען אַראַמיש, אָקערשט פון דער גמרא אַרויס.

— נפקא־מינה האָב איך געזאָגט — ענטפערט יאָסל און איצט מיינט ער, אַז ער איז שוין פּטור געוואָרן פון דעם עקזאַמען און וועט זיך שוין קאָנען צוריקקערן צו דער מעשׂה, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן פון איינעם אַ ייד אַ דעבּרויאַר... ניין, טאַקע אַן אויסטויגער, ווי זיין איידעם דעם פּראָפעסאָר ווילט זיך דווקא. הייבט זיך גאָרנישט אָן. בוימאַן דאַרף צו ערשט פאַרדייען, אויסטייטשן אויף זיין פּראָפעסאָריש לשון דאָס צונויפגעזעצטע וואָרט „נפקא־מינה״, פון וואַנען קומט אַזאַ וואָרט, ווּהין גייט עס און ווען דאַרף מען זיך מיט דעם באַנוצן, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז עס בלייבט נישט מער קיין צייט פאַר יאָסלען צו דערציילן און פאַר בוימאַנען אויסצוהערן די מעשׂה פון אַ ייד אַן אויסטויגער אויפן בעלוויל.

מיט יאָרן צוריק איז אַראָפּגעקומען קיין פּאַריז אַן אָרעם, אומגליקלעך מיידל, יוכבדס אַ פּלימעניצע. רייזל שטיקהאָלץ האָט מען זי גערופן. היינט הייסט זי שוין מאַדאַם הענדלער. ווערט זי פון אַלעמען באַטראַכט כמעט ווי יאָסלס אייגענע טאָכטער. וואָס פאַר אַ שייכות האָט זי דאַן געהאַט צו אים? בלויז עטלעכע טעג האָט זי געוווינט ביי דער פאַמיליע גראָסמאַן, דערנאָך איז זי זיך געגאַנגען איר וועג, באַפרייט זיך פון איר בויך און חתונה געהאַט מיט אַ צאָנטעכניקער. ווייזט זיך אַרויס, אַז מאַריס הענדלער איז אַ שטיפזון פון ר׳ פּנחס שטיין, דער עושר פון פלעצל, דער שיינער ייד מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד. איצט איז זי צוריק געוואָרן אַ היימישע ביי יאָסלען אין שטוב, נאָך היימישער ווי פריִער.

אָבער נישט דאָס איז יאָסל איצט אויסן מיט זיין טראַכטן וועגן רייזעלען.

איצט וואָלט מען געדאַרפט עפּעס צוקלערן אַ מיטל, ווי אַזוי אַרויסצושלאָגן פון דעם פּאַרפּאָלק די פאַרוועלעניש צו פאָרן קעמפן קיין שפּאַניע.

שפּאַניע האָט יאָסלען אין גאַנצן צעטומלט. וואָס קומט פאַר אין שפּאַניע? אַ בירגערקריג קומט דאָרט פאַר, אַ קאָנטער־רעוואָלוציע. אָבער וואָס שטעקט אייגנטלעך הינטער דעם דאָרטיקן בירגערקריג? פון וואַנען זאָל דאָס יאָסל וויסן? יאָסל מוז אָבער אַרויסזאָגן זיין מיינונג. חברה לאָזט אים נישט אָפּ. נישט אומזיסט איז ער הירשקעס, דעם מאַרטירערס טאַטע. ווער דען זאָל וויסן, אויב נישט ער?

אין דער אמתן, ווייסט מען, האָט ער אַ קנאַפּע השפּעה אויף זיינע קינדער, און אויף זיינע איידעמס האָט ער גאָר קיין איינפלוס נישט. נאָר זאָל ער זיך כאָטש נישט אַנטקעגנשטעלן זייער באַשלוס.

געפינט זיך טאַקע יאָסל אין אַ מאָדנער לאַגע. ווי זאָל ער האַנדלען? וואָס זאָל ער ענטפערן יוכבדן, ווען זי פאַלט צו אים צו און בעט זיך ביי אים רחמים, ער זאָל עפּעס וואָס זאָגן, ער זאָל עפּעס טאָן, כדי שעפּסעלע, וואָס האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט זיין ליציי, זאָל נישט פאָרן קיין שפּאַניע, כדי מלכהלע זאָל זיך אָפּזאָגן פון דעם דאָרטיקן בירגערקריג, און כדי רייזעלע זאָל צוזאַמען מיט איר מאַן נישט פאַרפּלאָנטערן זיך אין אַ מלחמה, וואָס קער זיך מיט איר נישט אָן?

— גענוג זענען מיר געפּרוווט געוואָרן! — טענהט זי אין יאָסלען אַריין, גלייך ווי ער וואָלט געווען דער הויפּטשולדיקער אין די שפּאַנישע געשעענישן — שפּאַניע האָט מיר נאָך געפעלט... וואָס טויג מיר שפּאַניע? פרעג איך דיך... אויסגעהאָדעוועט האָב איך קינדער, כדי צו שיקן זיי ערגעץ הינטער די הרי חושך? פאַר וואָס ענטפערסטו נישט? פאַר וואָס שווייגסטו? ביסט דאָך עפּעס אַ טאַטע...

— וואָס האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט אין מיר? — ווערט ער זיך קעגן איר. — וואָס ווילסטו פון מיר? ס׳איז מיין שפּאַניע? גיי האָב טענות צו פראַנקאָ...

— דו מיינסט אפשר איך האָב נישט געהערט, וואָס דו האָסט אַנומלט געזאָגט? אַלע דאַרפן פאָרן אַהין זיך שלאָגן...

— ס׳איז ריכטיק... דער פאַשיזם...

— אויב ס'איז ריכטיק, טאָ זאָלן עס אַנדערע טאָן... מיר האָבן שוין געגנוג באַצאָלט...

— איך האָב קיין מאָל נישט אַנדערש געזאָגט.

— ניין, אַנומלט האָסטו פאַר די קינדער אין די אויגן, יאָ, פאַר די קינדער אין די אויגן...

— אַנומלט, אַנומלט — ווערט יאָסל בייז — האָב איך געזאָגט, איז וואָס? איך האָב דאָך געמיינט אין אַלגעמיין. מען האָט גערעדט אין אַלגעמיין, האָב איך אויך אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, וואָס קומט מיר דערפאַר?

— דו וואַרפסט אַריין אַ וואָרט, די קינדער אָבער פאַרשטייען נישט קיין חכמות, זיי מיינען עס אויף אַן אמתן...

— אַזוי גאָר? דו מיינסט אפשר, אַז זיי וואַרטן אויף מיין גענעראַלסקע מיינונג? אַן מיר האָבן זיי גאָר קיין מאָל נישט געהערט רעדן וועגן שפּאַניע, ווי פראַנקאָ וואָלט אויף דער וועלט נישט געווען?

— דו האָסט עס אפשר נישט געמיינט — זאָגט יוכבד מיט אַ טאָן נידעריקער — אָבער זע נאָר, וואָס עס איז אַרויסגעקומען...

— וואָס איז אַרויסגעקומען?

— אַרויסגעקומען איז, אַז שעפּסעלע פּאַקט זיך אין וועג אַריין, פון ביילקען איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן, זי וועט טאָן וואָס איר מאַן וועט טאָן... ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אַ יידישע טאָכטער זאָל גיין שיסן מיט אַ ביקס? ס'איז דאָך משוגע צו ווערן! און איך, איר מאַמע, זאָל זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און שווייגן? אַזוי טראָגט דיר אויס דיין שׂכל? אַ טאַטע ביסטו? אַ שיינער טאַטע, נישטאָ וואָס צו זאָגן...

יוכבד וואָלט געהאַט אַ סך וואָס אים צו זאָגן און זי וואָלט קיין מורא נישט געהאַט, מען קאָן שוין מיט אים רעדן ווי מיט אַ מענטשן; מען קאָן האָבן צו אים טענות און אַפילו פאָדערן פון אים: „יאָסל, קום אַהין! יאָסל, קום אַהער! יאָסל, פאַר וואָס האָסטו דאָס געזאָגט, יענץ געזאָגט? אַן אמתער טאַטע דאַרף... אַן אמתער טאַטע מוז... אַן אמתער טאַטע...״ אָבער צו פיל איבערכאַפּן די מאָס איז אויך נישט כדאַי, און וואָס איז ער טאַקע אין דער אמתן שולדיק? וואָס קאָן ער דאָ אויפטאָן?

איבעריקנס, איז יאָסל שוין פון יענער זייט טיר, יוכבד וויינט. זי האָט

זיך דערמאָנט אין דעם שוואַרצן פּרייטיק־צונאַכטס... אייגנטלעך גייט ער איר קיין מאָל נישט אַרויס פון זינען. פאַרגעסן זאָל זי אים? ווי קאָן מען פאַרגעסן אַזאַ שרעקלעך אומגליק?

כאַטש זשאַק האָט געהאַט אָנגענומען זיין באַשלוס מיט חדשים צוריק אַריבערצופּעקלען זיין מעדיצינישן קאַבינעט הינטער די פּירענעען און זיך צו שטעלן אין רשות פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע, האָט קיינער נישט געגלויבט, אַז דאָס וועט טאַקע מקוים ווערן.

האָט מען זיך געחקירהט וועגן זשאַקס כאַראַקטער און מען איז סוף־כל־סוף געקומען צום אויספיר, אַז מען וועט צו גאָרנישט דערגיין. אויך איצט וועט מען פון יאַנקעלען פונקט אַזוי קלוג ווערן ווי דעמאָלט, ווען ער איז נאָך אַרומגעגאַנגען אַ שוויַיגנדיקער מיט אַ פאַרביסן שמייכעלע אויף די ליפּן.

נאָר פאַרט איז יאַנקעלע אַ טשיקאַווע טעמע פאַר סודותפולע מעשׂיות, פאַר אָנצוהערענישן און רעטענישן.

ר׳ פּנחס הערט נישט אויף די גאַנצע צייט צו קנייטשן מיטן שטערן. זשאַקס פלוצלינגדיקע באַרעדעוודיקייט און רירעוודיקייט האָט צעטומלט אויך זיינע שטיפברידער און שטיפשוועסטער, זיי האָבן נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין פון וואַנען עס נעמט זיך זיין באַשלוס צו ווערן אַ דאָקטער פון דעם רעפּובליקאַנישן רעזשים. אַלע דיסקוטירן זיי און קאָמענטירן זיין באַשלוס און קיינער קאָן נישט קלוג ווערן, וואָס מיט אים איז געשען.

דער באַלדיקער אָפּפאָר פון דער גרופּע יידישע פּרייוויליקע קיין שפּאַניע האָט אויפגערודערט דאָס יידישע פּאַריז, אַפילו די יידן, וואָס האָבן זיך אין פּאָליטיק נישט געמישט, נישט געוווינט אויפן בעלוויל, נישט אויפן פּלעצל, און האָבן מיט די שפּאַנישע געשעענישן קיין מגע ומשׂא נישט געהאַט.

## קאַפּיטל 66

לויט די הכנות אויפן בעלוויל האָט מען געקאָנט מיינען, אַז מען וועט דאַרפן דינגען אַ ספּעציעלן צוג פאַר די יידישע פּרייווויליקע, אָדער ווייניק־סטנס אַ צוויי־דריי וואַגאָנען. האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז פאָרן וועלן בלויז דערווייל אַ פּערצן־פופצן מיליציאָנערן. עס רעדט זיך פון דער ערשטער גרופּע, וואָס פאָרט שוין אָפּ דעם אָוונט צו דער שפּאַנישער גרענעץ. אין דער דאָזיקער גרופּע האָבן זיך געפונען בלויז צוויי יידישע מיידלעך: זשינעט און דבורהקע.

וואָס איז געשען מיט די איבעריקע חברטעס? ווו איז רייזעלע? יאָ, זיי זענען געקומען אויפן אויסטערליצער וואָקזאַל זיך געזעגענען מיט זייערע מער מוטיקע חברים, וואָס זענען טריי געבליבן זייער באַשלוס ביז צום סוף. זיי זענען געקומען זיי באַגלייטן פון דעם פּעראָן ביז אין וואַגאָן אַריין. זיי אַלע זענען נאָך ווייטער פאַרבליבן פּרייווויליקע, אָבער אין אַ „פּאַסיוון" צושטאַנד; „פּאַסיווע פּרייווויליקע" האָט עמעצער זיי אין דער לעצטער מינוט אַ צונאָמען געגעבן.

אפשר האָבן זיי דעם דאָזיקן איראָנישן טיטל נישט פאַרדינט, נאָר אַקצעפּטירט האָבן זיי אים מיט אַן „אויטאָקריטישן" שמייכל אויף די ליפּן. זיי שעמען זיך, הייסט עס, און קומען זיך פאַר אין זייערע אייגענע אויגן ווי דעזערטירן.

דעזערטירן? ניין, זיי זענען נישט קיין דעזערטירן, אויף קיין פאַל נישט. זיי האָבן, פּשוט, נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אין דער לעצטער מינוט צו לאָזן שטיין האַק און פּאַק, איבערלאָזן זייערע פאַמיליעס אָדער זייערע פלענער צו שאַפן אַן אייגענע היים, זיך אַריינקלייבן אין אַן אייגן דירהלע, אָדער אָפּצולאָזן זייער האָטעל־צימערל, צו וועלכן זיי האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוווינט, אָוועקצוואַרפן אַ פאַך, צו וועלכן זיי האָבן מיט

גרויס מי זיך דערשלאָגן, צו פאַרלאָזן זייער פּרנסה, ווייב, קינד, חבר אָדער חברטע — און פאָרן, וואַלגערן זיך אויף פראָנטן אין אַ ווילד־פרעמד לאַנד...

איבעריקנס, וועלן זיי דאָ אויף אַן אָרט ווייטער אַרבעטן פאַרן זיג פונעם רעפּובליקאַנישן שפּאַניע. יעדער פראָנט נייטיקט זיך אין אַ הינטער־לאַנד. די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס ווייסן, אַז אין די איצטיקע באַ־דינגונגען קאָנען זיי זיך נישט פאַרלאָזן אויף דעם דעזאָרגאַניזירטן און אָרעמען רעפּובליקאַנישן רעזשים. מען דאַרף זיי שיקן פון דאַנען קליידער, וועש, מעדיקאַמענטן אאַז״וו.

יאָ, זיי וועלן האָבן וואָס צו טאָן. אפשר איז זייער אָרט דווקא פאַריז, וואָרעם דאָ וועלן זיי דאָך קאָנען ווי עס באַדאַרף צו זיין אַלאַרמירן די עפנטלעכע מיינונג.

אַ קאָמיטעט האָבן זיי אויפגעשטעלט, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „הילף פאַר דעם פרייוויליקן יידישן אַנטיפאַשיסטישן פראָנט־קעמפער אין שפּאַניע״, פאַרקירצט הייסט דער דאָזיקער קאָמיטעט: „היפּיאַ־פראָן״.

איידער נאָך די אַקטיווע פרייוויליקע האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, האָט דער דאָזיקער קאָמיטעט שוין באַוויזן אויפצוטאָן זייער פיל. אין די לעצטע פאַר טעג זענען געזאַמלט געוואָרן הונדערטער העמדער, זאָקן, רפואות. צווישן די פרייוויליקע זענען געווען אַרבעטסלאָזע. זיי האָט מען געדאַרפט אויסקליידן פון קאָפּ ביז די פיס. דער קאָמיטעט האָט זיי פאַרזאָרגט נישט בלויז מיט באַן־בילעטן, נאָר האָט זיי אויך מיטגעגעבן פּראָוויאַנט אויפן וועג און קאָנסערוון אויף די ערשטע פאַר וואָכן אין שפּאַניע.

נאָר דאָס אַלץ ווערט דורך דעם פאַריזער קאָמיטעט באַטראַכט בלויז ווי אַ טראָפּן אין ים, ווי אַ סימבאָלישע הילף, ווי אַ צייכן פון ברידער־לעכער סאָלידאַריטעט.

האַלב פאַריז איז געקומען באַגלייטן די „אַקטיווע״ פרייוויליקע אויפן אויסטערליצער וואָקזאַל. לכתחילה האָט מען געהאָט געפּלאַנט אויסצונוצן די דאָזיקע געלעגנהייט צו מאַכן אַ מאַניפעסטאַציע לטובת די שפּאַנישע אַנטיפאַשיסטן, אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט מען געמוזט זיך

אַפּזאָגן דערפֿון, כּדי אויסצומיידן די פּאָליציי זאָל זיך אַריינמישן און זאָל צעטרייבן אי די „אַקטיווע" אי די „פּאַסיווע" פּרייוויליקע.

די פּרייוויליקע פֿוןביידע קאַטעגאָריעס, סיי די „אַקטיווע", סיי די פּאַסיווע", האָבן עס שיִער־שיִער נישט באַטראַכט ווי אַ מפּלה. מער ווי אין רעוואָלוציאָנערן געזאַנג האָבן זיי געמוזט מיט געוואַלד אונטערדריקן אין זייער האַלדז. קיינער האָט נישט געוואַגט אויפצומאַכן דאָס מויל; קיינער האָט נישט באַזונגען נישט זיין אייגענע העלדישקייט, נישט די העלדישקייט פֿון אַלע איבעריקע אַנטיפּאַשיסטישע קעמפֿער.

אָבער אַפּילו אָן געזאַנג איז די שטימונג אויפֿן וואָקזאַל געווען אַ באַגייסטערטע. און ווי עס טרעפֿט אין אַזעלכע מאָמענטן, איז אַ סך נישט דערזאָגט געוואָרן צווישן חבר און חברטע, מאַן און פֿרוי, ברודער און שוועסטער, זון און טאַטע. די חברטעס, די פֿרויען, די שוועסטער און די טאַטעס האָבן אין דער לעצטער מינוט נישט געפֿונען קיין פּאַסיקע ווערטער, קיין פּאַסיקע ברכות אָנצוווינטשן זייערע נאָענטע און טייערע.

מאָדנע האָט זיך אָפּגעשפּילט די געזעגן־סצענע צווישן זשאַק און פּנחסן, צווישן אים און זיינע ברידער און שוועסטער, צווישן האַנס בוימאַן און בעלאַן און יאָסל גראָסמאַנס גאַנצער פֿאַמיליע. מען האָט זיך געזעגנט ווי אין איילעניש.

— זיי געזונט!

— פֿאָר געזונט!

— זאָלסט נישט פֿאַרגעסן באַלד צו שרייבן!

— און דו אויך...

— געוויס וועל איך... וואָס דען?

אָרעמע ווערטער, איילִיקע ווערטער, מען האָט זיך באַמיט פֿון איין צד, אַזוי גוט ווי פֿון דעם צווייטן, אַריינצושטופּן אין זיי גאָר די צערטלעכקייט אַלץ, וואָס איינער האָט געפֿילט צו דעם צווייטן, און עס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן, נישט איינעם, נישט דעם אַנדערן.

נישטאָ קיין עצה דערצו. וואָס זאָל מען טאָן? נישטאָ קיין אַנדערע ווערטער, מוז מען זיך מיט זיי צופֿרידנשטעלן.

## קאפיטל 67

אין די לעצטע פאַר טעג פאַרן אָפּפאָר אויפן פראָנט איז די מיליטערישע דיסציפּלין, אַנשטאָט זיך צו פאַרשטאַרקן, גאָר שוואַכער געוואָרן. נישט קיין וווּנדער. אַלע מיליציאָנערן, אינסטרוקטאָרן, אַזוי גוט ווי די רעקרוטן, זענען געווען פאַרנומען מיט דער צוגרייטונג פון דעם געזעגן־אָוונט. אַלע זענען געוואָרן אַקטיאָרן, זינגער, טענצער; אַפילו די צושויער זענען אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין די רעפּעטיציעס און אין די הכנות צום אָוונט.

אייגנטלעך, איז די געוויינלעכע איינטיילונג אין אַקטיוו־באַטייליקטע און אין איינפאַכע צושויער דאָ נישט געווען שייך. דער פּראָגראַם איז געוואָרן אַזוי פיין צוגעשניטן, אַז אַלע זאָלן קאָנען האָבן אַן אַקטיוון חלק אין דעם ספּעקטאַקל פון די מיליציאָנערן; אַלע זאָלן קאָנען זיך באַטייליקן אין דער צערעמאָניע, וואָס די מיליציאָנערן האָבן זיך געקליבן זינט עטלעכע וואָכן צו פּראַווען אויפן לאַגער־פּלאַץ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע.

דעם געזעגן־אָוונט האָט מען אַ נאָמען געגעבן „דער באַל פון די פעלקער". יעדע פאָלקס־גרופּע, וואָס האָט געהאַט דעלעגירט פאָרשטייער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע, האָט געהאַט וואָס צו ווייזן אין דעם אָוונט און וואָס פאַרצושטעלן: פאָלקסטענץ, פאָלקסלידער און אַנדערע כאַראַקטעריסטישע, אַלטע קאָלעקטיווע קונסט־שאַפונגען.

ס׳איז בלויז געווען אַ שאָד, וואָס די מיליציאָנערן האָבן נישט געקאָנט זיך באַווייזן אין זייערע פאָלקס־טראַכטן, וואָרעם געקומען זענען זיי דאָך אַהער נישט צו אַ פאָלקלאָריסטישער מאַניפעסטאַציע, נאָר ווי זעלנער. וועט דער פעלקער־ספּעקטאַקל מוזן זיך באַגנוגענען מיט דער לאָקאַלער קאַטאַלאָנישער פאָלקס־טראַכט. כאָטש דער דאָזיקער ספּעקטאַקל ווערט אָרגאַניזירט דורך דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע, וואָס באַשטייט, ווי דער נאָמען אירער זאָגט, בלויז פון אויסלענדישע מיליציאָנערן, חוץ די

פאַר פאַרבינדלער צווישן זיי און דער רעגולערער שפּאַנישער פאָלקס־אַרמיי, האָט די אַרומיקע דאָרפישע באַפעלקערונג צוגעזאָגט זיך צו באַטייליקן אין אים.

נישט געקוקט אויף דעם פאָלקלאָריסטיש־קאָלעקטיוון אַספּעקט פון דעם געזעגן־אָוונט, האָט די אינדיווידועלע שאַפונג געזאָלט פאַרנעמען אין דעם אַ גאַנץ חשוב אָרט. דער אָרקעסטער איז דווקא נישט געווען קיין מיליטערישער, נישט קיין בלאָז־אָרקעסטער, ווי עס וואָלט זיך געפּאַסט פאַר זעלנער, נאָר אַ סטרונע־אָרקעסטער, אַ קאַמער־אָרקעסטער. אין זיין פּראָגראַם פיגורורן חוץ זשינעטס „שלום־באַלעט״, אויך די סאָנאַטן פון בעטהאָווען און וויוואַלדי.

עטלעכע וואָכן שוין, ווי זשינעט רעפּעטירט איר באַלעט אונטער דער באַגלייטונג פון דעם דאָזיקן אָרקעסטער, וואָס ווערט אָגב דיריגירט דורך דעם יונגן קאָמפּאָזיטאָר לעמקע, וואָס איז אין די לעצטע יאָרן באַקאַנט געוואָרן ווי איינער פון די אָנפירער פון דער יונגער מוזיקאַלישער שול. ער האָט דאָס טאַקע אויך קאָמפּאָנירט די מוזיק צו זשינעטס „שלום־באַלעט״.

דער דיריגענט, קאָמפּאָזיטאָר און לייטענאַנט לעמקע, דער פּראָפעסאָר, וויאָלאָנטשעליסט און אונטעראָפיציר בוימאַן, דער פידלער און קאָמאַנדיר יאָזע לאַנגע און די טענצערין און קראַנקן־שוועסטער זשינעט צוקערמאַן, האָבן אין איינעם אַן אָוונט, פאַרן אויפפירן דעם ספּעקטאַקל, זיך אַריינגעלאָזט אין אַ פאַכמעניש־מוזיקאַלישער דיסקוסיע וועגן דעם „שלום־באַלעט״. זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי וואָלטן געדאַרפט אָפּלייגן די דאָזיקע דיסקוסיע אויף אַ גינסטיקערן מאָמענט.

— אָבער די צרה איז די, וואָס איך וועל דאַן זיך נישט קענען אין איר באַטייליקן — רופט זיך אָן לעמקע מיט אַן איראָנישן שמייכל.

— ס'וועט אונדז אויסקומען — וואַרפט אַריין טרויעריק בוימאַן — צו לאַנג צו וואַרטן.

— נישטאָ קיין אַנדערע ברירה! — דערלאַנגט זשינעט, ווי איר שטייגער איז, קאַפּריזנע און אומשולדיק, אַ טופּע מיט אירע פיסלעך.

— וואָס שייך מיר פערזענלעך — טוט יאָזע אַ זיפץ — באַטראַכט איך

זשינעטס „שלום-באַלעט" און די אויסגעצייכנטע מוזיק, וואָס אונדזער טייערער חבר לעמקע האָט צו אים קאָמפּאָנירט, ווי מיין אייגענעם שוואַנען-טאַנץ, איך האָב דאָס פאַרגעפּיל...

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן! — בייזערט זיך זשינעט אויף אים — דו קאָקעטירסט מיך לעצטנס צו פיל... אָדער ווי זאָל איך עס אָנרופן?

— יאָ, יאָ — האָקט איר יאָזע איבער די רייד — האָסט טאַקע געפונען דעם פּאַסיקן אויסדרוק. איך קאָקעטיר טאַקע... איך מוז זיך מודה זיין, אַז דער געדאַנק פון מיין באַלדיקן טויט שפּילט זיך מיט מיר אָדער איך שפּיל זיך מיט אים. מאָדנע: איך בין נישט טרויעריק, מיך אַרט עס גאָרנישט... ניין, ניין, מיינט נישט, אַז עס רעדט צו אייך אַ ראָמאַנטיקער פון פאַרצייטן, אָדער זאָל זיין אַ רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיקער, מיינט נישט, אַז מיר ווילט זיך דווקא פאַלן אויפן שלאַכטפעלד, כדי איך זאָל נאָך מיין טויט באַרימט ווערן ווי אַ העלד.

— ביסט טאַקע אַ ראָמאַנטיקער, נישטאָ וואָס צו רעדן — נעמט לעמקע אים מוסרן — אָדער נאָך ערגער: דו האָסט אַ דעספּעראַדאָ-נאַטור...

— הייבט זיך גאָרנישט אָן! — פּראָטעסטירט יאָזע — איך האַלט עס פאַר גאַנץ נאַטירלעך, וואָס איך מאַך נישט קיין גרויסן וועזן פון מיין גורל, וואָס איך ווער נישט צעשמאָלצן פאַר רחמנות צו זיך גופא. אַ רחמנות בלויז אויף דער קינפטיקער יונגער אַלמנה...

— הערסטו נישט אויף מיט דיינע אומדערטרעגלעכע, נאַרישע רייד — נעמט אים זשינעט סטראַשען — גיי איך תיכף אַרויס...

מיט אַן אמת טענצערישן שווונג גיט זיך יאָזע אַ לאָז צו זשינעטן, ער כאַפּט זי אַרום און וויל זי קושן. עס קוקט אויס ווי ער וואָלט אין דער מינוט פאַרגעסן, אַז זיי געפינען זיך דאָ ביידע נישט אַליין. זשינעט דרייט זיך אַרויס פון זיינע אָרעמס:

— גיי שוין, גיי. דו ווייסט טאַקע נישט ווו איין און ווו אויס. פריִער רעדסטו נאַרישקייטן, דערנאָך חנפעסטו זיך צו מיר, גלייך ווי ס'וואָלט גאָרנישט נישט געשען.

— וואָס איז דען געשען? — פרעגט יאָזע — כ'לעבן, כ'ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן.

— דיינע כלומרשטע פאַרגעפילן.

— דאָס? — באַרויִקט זיך יאָזע — טאָ ווייס איין מאָל פאַר אַלע מאָל: פונקט אַזוי ווי איך נעם נישט ערנסט מיין לעבן, נעם איך אויך נישט ערנסט מיינע פאַרגעפילן. דאָס האָסטו געמיינט? זיי רויִק...

— איך וואָרן דיך! — בעט זיך זשינעט ביי אים — מער זאָלסטו אַזוינס נישט אַרויפברענגען אויף דיינע ליפּן, דו הערסט?

— ניין, זשינעט! איך זאָג דיר צו. איך האָב דיך אויף אַן אמתן שטאַרק ליב...

— וואָלסט געמעגט פאַרשווייגן דיין סוד — מורמלט זשינעט אַ פאַר־שעמטע, אַ צופרידענע און אַ באַרויִקטע.

## קאַפּיטל 68

די הכנות צום באַל־ספּעקטאַקל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע זענען ביז צו דער לעצטער מינוט נישט געווען אין גאַנצן פאַרענדיקט. דאַרף גראָד דעם טאָג קומען צו פאָרן די צווייטע גרופּע פרייוויליקע פון פראַנקרייך.

טאָג־טעגלעך פלעגן קומען צו פאָרן גרופּעס פרייוויליקע פון גאָר דער וועלט, אויך פון פראַנקרייך. ביז איצט, ווען אַ נייע גרופּע פלעגט קומען צו פאָרן אין דעם זאַמל־לאַגער, פלעגט זי ווי איינגעשלונגען ווערן פון אירע לאַנדסלייט: פּאָליאַקן צו פּאָליאַקן, איטאַליענישע אַנטיפאַשיסטן האָבן געפונען זייערע חברים; אַלע מיליציאָנערן האָבן פאַרמאָגט זייערע נאַציאָנאַלע גרופּעס, אין וועלכע עס האָבן זיך אויך געהאַט אָנגעשלאָסן מער ווייניקער אַסימילירטע יידן. אָבער די גרופּע, וואָס איז געקומען היינט צו פאָרן, איז באַשטאַנען פון יידיש־רעדנדיקע — אַלע פון בעלוויל, פון פּלעצל, פון מאָנמאַרטר און פון אַנדערע פּאַריזער יידישע געגנטן. זיי האָבן, אייגנטלעך, געזאָלט קומען מיט חדשים צוריק אין איינעם מיט דער ערשטער גרופּע, נאָר זיי האָבן איבער אַזאַ אָדער אַן אַנדערע סיבה זיך פאַרהאַלטן. אָבער פאַר וואָס זענען זיי געקומען דווקא היינט, ערב דעם געזעגן־אָוונט? אַ טומל, אַן איילעניש, ס'איז דאָך אַפילו נישטאָ קיין צייט זיך צו באַגריסן ווי געהעריק, נישטאָ קיין צייט זיי אויסצופרעגן, וואָס אין פּאַריז הערט זיך.

די ניי־אָנגעקומענע מיליציאָנערן האָבן גענומען באַדויערן, וואָס זיי זענען נישט געקומען מיט צוויי־דריי טעג פריִער. זיי דרייען זיך אַרום אויפן פּלאַץ מיט זייערע גרוסן פון פּאַריז און ס'איז נישטאָ קיינער, ווער עס זאָל זיי אָפּנעמען.

— פון פּאַריז זענט איר געקומען?

י. פינער

— פון פּאַריז.

— דירעקט?

— מען האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ טאָג און אַ נאַכט אויף דער גרענעץ אין פּערפּיניאַן.

— אַ סך פראַנצויזן זענען געקומען צוזאַמען מיט אייך?

— די מערהייט איז באַשטאַנען פון פראַנצויזן. עס זענען אָבער אויך געווען איטאַליענער, פּאָליאַקן, ענגלענדער, אַמעריקאַנער אַפילו, צווישן זיי מסתמא אויך יידישע בחורים.

— אַ פריילעכער וועג געווען, שטעל איך זיך פאָר.

— מיט די פראַנצויזן האָבן מיר געזונגען די „קאַרמאַניאָלע", מיט די איטאַליענער „באַנדעראַ ראָסאַ" און מיט די ענגלענדער האָבן מיר געזונגען „איט איס ע לאָנג וועי".

— לאַנג זענט איר געבליבן שטיין אין פּערפּיניאַן?

— איך האָב שוין דערציילט. אין פּערפּיניאַן זענען מיר פאַרבליבן בלויז צום אַנדערן באַגינען.

— מיר אויך אַזוי.

— דעם אַנדערן טאָג באַגינען האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין גרויסע בייכיקע אויטאָקאַרן — און היידאַ! איבער די פּירענעען. ווי אמתע טוריסטן.

— איר דערציילט אונדז? פּונקט אַזוי ווי מיר. ווי טוריסטן... אָבער אַן געזאַנג. איר אויך אַזוי?

— מיר אויך אַזוי. מען האָט זיך געשלענגלט דורך די באַרג־שלוכטן. דער קאָפּ נעמט זיך אַזש דרייען. עס שווינדלט פאַר די אויגן. אַזאַ שיינקייט! אַזאַ פּראַכט!

— און וואָס איז ווייטער געווען?

— ווייטער? אָנגעקומען צו דער גרענעץ: זשאַנדאַרן, גרענעץ־פּאָליציי. מען האָט אָבער נישט קאָנטראָלירט נישט אונדזערע פּאַפּירן, נישט אונדזער באַגאַזש... אויף דער גרענעץ ווייסט מען, אַז מיר זענען נישט

קיין טוריסטן, נאָר פּרייווויליקע, אַנטיפאַשיסטן... אַ קוק געטאָן פון יוצא וועגן אין די אויטאָקאַרן און — פאָרט ווייטער!

— פונקט אַזוי איז צוגעגאַנגען אויף דער גרענעץ אויך ווען מיר זענען געפאָרן... פונקט אַזוי... אַ באַקאַנטע זאַך...

— ווייסט איר אַלץ, אַלץ, טאָ וואָס פרעגט איר?

— איר זענט דאָך ערשט אָנגעקומען... מיר רעדן...

— דערנאָך זענען מיר אַ שטיקל וועג געפאָרן צווישן ביידע גרענעצן אין דעם „נאָ מאַנ׳ס לאַנד״. ביז מיר זענען אָנגעקומען צו דער „רעפּובליקאַ עספּאַניאָלאַ״. אַ שילד. א גרענעץ־וועכטער האָט אונדז באַגריסט מיטן „רויטן־פראָנט״־גרוס, אַ פויסט. ער האָט אונדז דערקענט. ער האָט געוווּסט ווער און וואָס מיר זענען. און אַזוי זענען מיר געקומען אין פיגוראַס...

— איר האָט זיך לאַנג פאַרהאַלטן אין פיגוראַס?

— דריי טעג.

— מיר זענען דאָרט פאַרבליבן פיר טעג.

— נו, און ווי געפעלט אייך דאָ? האָט מען אייך שוין אויסגעמושטרירט? וווּהין שיקט מען אייך איצט?

— צום פראָנט, צום פראָנט.

— צו וועלכן פראָנט?

— דאָס איז אַ מיליטערישער סוד. איר זענט נאָך גרינע, רעקרוטן, דאַרפט איר קוקן און שווייגן. עטלעכע חדשים וועלן פאַרבייגיין ביז מען וועט אייך געבן שמעקן פולווער. ניין, אַזוי כאַפּ־לאַפּ גייט נישט צו ביי אונדז. חברה לאַכט זון פונאַנדער.

— ווי איך זע — רופט זיך אָן אַ ניי־געקומענער פון דעם מאַנמאַרטר — לאַנגווייליקט איר זיך נישט. אָונטן מאַכט איר, פאַרשטעלונגען, טעאַטער...

— וואָס האָסטו געמיינט? — ענטפערט אים אברהם — אָן מלחמה קאָן מען לעבן, אָבער אָן קולטור?

— האַלט נישט קיין רעדעס, אברהם, זאָג אונדז בעסער ווי עס זעט אויס די קולטור־אַרבעט ביי אייך — וויל וויסן דער פּאַריזער חבר.

— נישט שלעכט. אָט וועט איר אַלע היינט אין אָונט זען, וואָס מיר

האָבן שוין אויפגעטאָן. מוזיק, טאַנץ... זשינעט... איר קענט זי דאָך פון פּאַריז?

— וועלכע זשינעט? — פרעגט פּישעק אַן איבערראַשטער.

— זשינעט צוקערמאַן! — זאָגט אברהם און פּאַרציט בעת־מעשה אַ מאָדנע גרימאַסע. אברהם ווייסט, אַז פּישעק איז זשינעטס אַ לאַנדס־מאַן, אייגנטלעך אַ לאַנדסמאַן פון איר מעדינער טאַטן, וואָס איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. עס קאָן אַפילו זיין, אַז ער איז אַ שטיקל קרוב פון דער פאַמיליע צוקערמאַן, אויף יעדן פאַל, איז פּישעק נישט געווען גלייכגילטיק צו זשינעט.

— די טענצערין? — חידושט זיך כלומרשט פּישעק, דעם אמת געזאָגט, האָט ער אָבער געוווּסט, פּישעק, אַז זשינעט איז געווען איינע פון די ערשטע, וואָס זענען געקומען קיין שפּאַניע. זי איז געקומען מיט דער ערשטער גרופּע פרייוויליקע.

פּישעק מוז מודה זיין, אַז זשינעט איז אים עד היום איינגעבאַקן אין האַרצן, כאָטש פאַר די לעצטע פאַר יאָר האָט ער שוין באַוויזן איבערצובייטן דריי מאָל זיינע ליבעס. זשינעט צוקערמאַן! וואָס פאַר אַן אומגעריכטע באַגעגעניש...

פּישעקס געדאַנקען פאַרפּלאָנטערן זיך... אויף יעדן פאַל האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז זיי געפינען זיך איצט ביידע אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע, אין שפּאַניע, זשינעט און יאָזע. פּישעק וואָלט געמעגט אויפהערן צו טראַכטן וועגן זשינעט. איבעריקנס, ווייסט דאָך קיינער נישט, אַז ער טראַכט נאָך אַלץ וועגן זשינעט, חוץ ביבי. יאָ, מיט ביבין, דערמאָנט זיך פּישעק, האָט ער וועגן דעם געשמועסט. אָבער חוץ ביבין ווייסט קיינער נישט, אַפילו זי אַליין אויך נישט. ער האָט קיין מאָל נישט געוואָגט צו רעדן מיט איר וועגן דעם. ער האָט אַפילו נישט געוואָגט צו מאַכן די לייכטסטע אָנצוהערעניש.

די ניי־אָנגעקומענע פּאַריזער חברים שטייען אַ ביסל צעטומלטע. וואָס קומט דאָ פאָר? ווי קומט אַ שלום־באַלעט אַהער? אַ שאָד, וואָס ביבי. וועלכער פאַרשטייט אַלץ, ליגט מיט אַן אויסגעלינקטן פיס אין דעם אַמבו־

לאַנס־באַראַק און קאָן זיך נישט רירן פון אָרט. אַן אויסגעלינקטער פיס, טענהט ער, איז הונדערט מאָל ערגער ווי אַ צעבראָכענער פוס.

אַ שאָד, וואָס ער איז דאָ נישטאָ. ער קען דאָך זשינעטן פּונקט אַזוי גוט ווי פּישעק. ער איז געווען דער פראַנצויזיש־לערער פון זשינעטס מאַמען. אַ גרויסער שאָד...

פּישעק איז טרויעריק. ער באַמיט זיך צו טראַכטן וועגן אַנדערע זאַכן, אָבער עס גיט זיך אים נישט איין.

## קאַפּיטל 69

אַ באַל, אַ פֿאָלקס־פֿאַרווײַלונג, אַ מין קאַרידאַ אָן אָקסן און אָן טאָרע־אַדאָרן — דאָס אַלץ, און נאָך מער, איז געווען דער ספּעקטאַקל, וואָס איז פֿאָרגעקומען אויף דעם געזעגן־אָוונט אײנעם לאַגער פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע. מען האָט געשפּילט, געהוליעט, געזונגען.

די ייִדישע גרופּע האָט זיך אַליין איבערגעשטיגן. זי האָט בײַגעשטייערט צו דעם אַלגעמיינעם ספּעקטאַקל מער נומערן, ווי יעדע אַנדערע גרופּע. די שטימונג איז געווען אַ גאָר געהויבענע, און דאָך האָט זיך עפּעס ווי געפֿילט פֿון אָנהייב אָן פּולווער אין דער לופֿטן. נישט קיין וווּנדער, דער דאָזיקער ספּעקטאַקל איז דאָך געווען אַ מיליטערישער, אַ מין ערבֿ־פֿראָנט־ספּעקטאַקל, און איטלעכער פֿון די דירעקט באַטייליקטע, אַזוי גוט ווי פֿון די צוקוקערס, איז שוין געשטאַנען מיט איין פֿוס אין דער קומענדיקער שלאַכט אויפֿן פֿראָנט.

פֿון זשינעטס „שלום־באַלעט" זענען אַפֿילו די צושויער, וואָס האָבן פֿון טאַנץ־קונסט בכלל און פֿון באַלעטן בפֿרט קיין אָנונג נישט געהאַט, געווען אַנטציקט. די פֿאַריזער ייִדישע פֿרייוויליקע האָבן שטאָלצירט מיט זשינעטס „שלום־באַלעט". זשינעט האָט אויסגעטאַנצט דעם שלום אויף דער וועלט. זיי האָבן שטאָלצירט מיט דער שיינער זשינעט און מיט איר טאַלאַנט. זשינעט פֿאַרבלײַבט זייערע אויף שטענדיק.

געוויס פֿאַרדריסט פּישעקן. הלמאַי זי קוקט זיך קיין מאָל נישט אים אויף אים, כאָטש ער איז איר לאַנדסמאַן און אַפֿילו אַ שטיקל קרובֿ, וואָס קיין שפּאַניע איז זי געקומען מיט אַ ווילד פֿרעמדן. אָבער וועך הייסט פּישעקן זײַן אַזוי אומגעלומפּערט?

קאָן ער טאַקע איצט האָבן טענות בלויז צו זיך אַליין. יאָזע לאַנגע איז איר חתן.

ווער איז יאָזע לאַנגע? אָט זיצט ער און שפּילט פידל; עס קוקט אויס ווי זי וואָלט געטאַנצט בלויז פאַר אים; עס קוקט אויס, ווי דער דייטש־יידישער קאָמפּאָזיטאָר לעמקע וואָלט געהאַט אַקאָמפּאַנירט זיין מוזיק ספּעציעל פאַרביידנס וועגן.

פישעקס צעטומלטע געדאַנקען פאַרטראָגן אים קיין מעדין, קיין פּוילן, צו זיין קינדהייט, ווען ער איז געווען אַ חדר־יינגל. עפּעס ווי אין אַ חלום דערמאָנט ער זיך אין זשינעט. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? זי איז דאָך געבוירן געוואָרן אין פּאַריז, נישט אין מעדין. איז זי, ווייניקסטנס אַ קרובה זיינע, לאָמיר זאָגן אַ ווייטע קרובה, אַ גליד־גליד־שוועסטערקינד?

ווען פישעק גיט אַ קנייטש זיין שטערן, דוכט זיך אים, אַז די דאָזיקע קרובהשאַפט זייערע איז אַ פּוסטע איינרעדעניש, וואָס האָט נישט קיין ממשות. נעמט מען נאָך אין באַטראַכט, אַז צוקערמאַן איז געווען אַ פאַבריקאַנט, אַן עקספּלואַטאַטאָר — פאַרשטייט שוין פישעק גאָרנישט, פאַר וואָס אַ וואָרעם הערט אים נישט אויף צו גריזשען, זינט ער איז אַן איינגייער אין צוקערמאַנס שטוב.

פישעק כאַפּט אַ קוק אויף ביבין. נישט געקוקט אויף זיין אויסגעלינקטן פוס און אויף זיינע ווייטיקן, איז ביבי אויך געקומען אָנקוקן דעם ספּעקטאַקל. פרוי צוקערמאַנס פראַנצויזיש־לערער איז ער דאָך געווען. איר געליבטער אָבער איז ער קיין מאָל נישט געווען, און אַלץ, וואָס מען האָט אויף זיי ביידע גערעדט, איז רכילות.

ניין, קיינער איז אים אין גאָרנישט נישט חושד. אין אַ משוגענער מינוט טרעפט, אַז ער גופא נעמט זיך חושד זיין — ווייסט דער טייוול אין וואָס. אַזוינס פּאַסירט אים גאַנץ אָפט... ביבי — אַלע ווייסן עס — איז אַן אומגליקלעכער פאַנטאַזיאָר. אַ קליינוווּקסיקער איז ער, קיין איבעריק שיינער איז ער אויך נישט. פון וואַנען נעמען זיך, פרעגט ער זיך וויפל מאָל, זיינע פּרעטענזיעס צו שפּילן דווקא די ראָל פון אַ דאָן־זשואַן? נישט מער און נישט ווייניקער... ער האָט ליב זיך צו באַנוצן מיט אָט דעם גאָרנישט זאָגנדיקן אויסדרוק.

ניין, דאָס לעבן האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. פאַרבליבן איז ער

אַן אַלטער סטודענט, אַן אַ פּאַך און אויך אַן אַ גלויבן אין אַנדערע און אין זיך אַליין. אומעטום פילט ער זיך ווי אַ פינפט ראָד צו אַ פרעמדן וואָגן.

אַפילו די שפּאַנישע רעפּובליק — טוט ער אַ שמייכל — פּאַסט זיך נישט גוט צו אים. טאָ פאַר וואָס איז ער אַהער געקומען? אַנקוקן זשינעטס שלום־באַלעט? ער קאָן זיך דאָס נישט דערקלערן. און ווען ער וואָלט פאַרבליבן אין פּאַריז, וואָלט דאָס דען געווען מער שׂכל? וואָלט דאָס דען געהאַט מער זין?

אין צווישן איז דער „שלום־באַלעט" שוין געווען פאַרענדיקט, אַזוי גוט ווי די לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן באַגלייט פון דער סצענע זשינעטס טאַנצנדיקע געשטאַלט. כאָטש דער פוס זיינער האָט אים שטאַרק ווי געטאָן, איז ביבי אויפגעשפּרונגען פון דער באַנק און האָט לאַנג געפּאַטשט בראַוואָ. ער האָט פאַר באַגייסטערונג גאַרנישט געקאָנט אויפהערן.

אַין קליינִיקייט! ווער האָט זי געהאַט פאַרזאָרגט מיט אַ טאַנץ־לערער? ביבי. אַ דאַנק אים, קאָן מען זאָגן, האָט זי דאָך געשטעלט אירע ערשטע „פּאַ" אין טאַנץ. וואָס האָבן דען איר טאַטע און איר מאַמע, איזאַק און אָדעט צוקערמאַן, פאַרשטאַנען? ווער האָט פאַר אירטוועגן געפונען אַ טאַנצ־לערער אין פּאַריז? ביבי. איר טאַטע האָט אין אָנהייב גאַרנישט געוואָלט וויסן פון דעם טאַנץ־פּראָיעקט, וואָס פרוי אָדעט און ביבי האָבן געהאַט צוגעטראַכט פאַר זשינעטס וועגן. ביבי האָט אויך צום ערשטן מאָל זי געבראַכט אין אַן אמתער באַלעטשול.

נאָר דאָס אַלץ איז שוין פאַרביי. אין עטלעכע יאָר אַרום איז זשינעטס טאַטע באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, און באַלד דערנאָך האָט די פריילעכע אַלמנה זיך פאַרבונדן מיט אַ יידן אַ קאָרטנשפּילער. זשינעטס ברודער האָט חתונה געהאַט און ביבי האָט אויפגעהערט צו קומען אין צוקערמאַנס הויז... יאָזע לאַנגע... אָבער דאָס איז שוין אַ ניי קאַפּיטל.

ביבי האָט אייגנטלעך צו אָט דעם נייעם קאַפּיטל קיין שום שייכות נישט. שטייט ער אויף איין פוס און פּאַטשט בראַוואָ. אויך אברהם האָט זיך אויפגעשטעלט. אַין קליינִיקייט: זשינעט! איר שיינקייט! איר חן! איר רייץ! איר טאַנץ!

אין צווישן איז אויף דער סצענע אַרויף אַ גרופּע טאָרעאַדאָרן און אָקסן, כדי צו שפּילן אַ סקעטש אויף אַ געמישטן לשון פון פראַנצויזיש, ענגליש, פּויליש און פון נאָך אַ האַלבן טוץ שפּראַכן. די צושויער האָבן תיכף פאַרשטאַנען, אַז ס'איז דאָ איבער וואָס צו לאַכן. לאַכן זיי טאַקע, כאָטש זיי פאַרשטייען נישט אַלץ.

די יידישע צושויער האָבן אויך געקאַטשעט זיך פון געלעכטער, אָבער ווייניקער ווי ס'איז געווען פּאָרויסצוזען, כאָטש זיי האָבן כמעט אַלץ פאַרשטאַנען, ווארעם יעדער פון זיי האָט באַהערשט עטלעכע שפּראַכן. כמעט אַלע יידישע פּריוויליקע האָבן זיך נאָך געפונען אונטער דעם איינדרוק פון זשינעטס שלום־באַלעט. ווי געפּלעפּט זענען זיי געווען. עס האָט אויסגעזען, גלייך עס וואָלט זיך זיי געחלומט אַ זיסער חלום פון שלום און פון רו.

„די נישט צושטאַנד געקומענע קאָרידאָ״. אַזוי האָט געהייסן דער דאָזיקער סקעטש, און נישט צו שטאַנד געקומען איז די קאָרידאָ, נישט ווייל די עסטראַדע איז נישט געווען קיין אַרענע, נישט ווייל עס זענען נישט געווען קיין אמתע, נאָר פאַרשטעלטע טאָרעאַדאָרן, און ווייל די אָקסן זענען נישט געווען קיין אמתע בהמות, נאָר מענטשן בצורת אָקסן — נאָר פּראָסט פּשוט, ווייל איינער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דער צווייטער וויל פון אים. דער טאָרעאַדאָר האָט נישט געפאָלגט דעם אָקס און דער אָקס האָט נישט געהערט דעם טאָרעאַדאָר דעם אָנגרייפער.

— איך האָב פאַר רויט קיין מורא נישט — האָט די פאַרשטעלטע בהמה געריטשעט אויף איר אָקסענעם לשון — באַוויז נאָר דיין טוך. קום צו נעענטער. האָסט בלויז איין טוך אַזאַ? שפּרייט אויס דיין רויט טוך פון פאָרנט און פון הינטן... נענטער... נענטער... ריר זיך... גיכער... גיכער...

— ביסט אַן אָקס און דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט... נאָך ערגער: דו ביסט אַ פאַרשטעלטער אָקס און דו קאָנסט אַפילו נישט ווי געהעריק לויפן אויף אַלע פיר פיס דיינע...

— האָב איך אַ דאַגה אַ גרויסע... שריי וויפל דו ווילסט, בייזער זיך און עס זיך אָפּ דאָס האַרץ... מיר איז גוט אַזוי... איך וויל בעסער זיין אַ פאַרשטעלטער אָקס איידער אַ פאַרשטעלטער מענטש. ווארעם וואָלט איך

טאָקע געווען אַ ריכטיקער אָקס, וואָלט איך דאָך געדאַרפט מיטמאַכן די נאַריש־בלוטיקע קאָרידאָ דיינע. אַזוי אָבער ביז איך פּטור. איך בעט דיך, לאָז מיך אַרויס פון שפּיל... ס'איז צו נאַריש... מיר זענען ביידע נישט קיין פּאָר... לאָז מיך אַרויס, אַנישט וועל איך...

— וואָס וועסטו ?

— וועסט באַלד זען, וואָס פאַר אַ געוואַלד איך וועל מאַכן, און אַלע וועלן מיר גערעכט געבן, אַלע די, וואָס זיצן דאָ און קוקן זיך צו, וואָס פאַר אַ צרות דו טוסט מיר אָן... אַן אויסוואורף, אַ טאָרעאַדאָר־אויסוואורף, אַ באַנדיט — אָט וואָס דו ביסט!

— הערסט דען נישט, ליבער אָקס מיינער, ווי זיי לאַכן אַלע פון דיר? זיי קאַטשען זיך פאַר געלעכטער. זיי האָבן נאָך קיין מאָל אַזאַ נאַרישן אָקס נישט געזען פאַר די אויגן!

— מיט מיר זאָלסטו נישט רעדן אין דעם טאָן. איך האָב טאָרעאַ־דאָרן פיינט, פאַרשטעלטע טאָרעאַדאָרן האָב איך נאָך מער פיינט, און טאָרעאַדאָרן אונטעראָפּיצירן האָב איך זייער פיינט... טאָמער רעדסטו אויס נאָך איין וואָרט — דו הערסט — קריגסטו פון מיר איינס און צוויי אין דער מאָרדע אַריין, פונקען וועלן פליִען פון דיינע אויגן...

דער דאָזיקער משונהדיקער דיאַלאָג וואָלט געקאָנט זיך ציִען נאָך און נאָך, אַ גאַנצע נאַכט אפשר, ווארעם איבערגעגעבן האָבן מיר בלויז דעם שמועס צווישן אַ פאַלשן אָקס און אַ פאַלשן טאָרעאַדאָר. אָבער פּלוצלינג האָט די סירענע אַ ריטשע געטאָן און די עלעקטריע אין דעם הויף האָט זיך אויסגעלאָשן.

אַ רעש, אַ טומל, אַ שטופּעריי. דער ספּעקטאַקל איז געוואָרן איבער־געריסן. דער גאַנצער לאַגער איז געלאָפן צו די אין פאָרויס אָנגעגרייטע פּאָזיציעס באַגעגענען מיט פייער די דייטשישע אָדער איטאַליענישע שטאָלענע פייגל, וואָס זענען געקומען צו פליִען אונטער דעם אָראַנזשן הימל זייען שרעק און טויט.

עמעצער האָט דורך אַ הויכהילכער זיך באַמיט צו באַרויִקן די פּרייווי־

ליקע פראָנט־קעמפער און די געסט, וואָס זענען געקומען צום ספעקטאַקל פון די אַרומיקע דערפער. די אינסטרוקציעס זענען איבערגעחזרט געוואָרן אין פאַרשידענע לשונות.

ביז איצט האָבן די רעקרוטן נאָך נישט געהאַט געפילט דעם טעם פון אַ מלחמה, איצט אָבער האָבן אַלע באַשיימפערלעך געזען ביים בלאַסן שיין פון דער שפּאַנישער לבנה, וואָס אַ בירגערקריג באַדייט.

די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן.

## קאַפּיטל 70

האַנס בוימאַן פירט אַ טאָגבוך זינט היטלער האָט זיך אַריינגעריסן אין דער וועלט־געשיכטע און האָט אין איר אַריינגעבראַכט אַזאַ איבערקער־רעניש, אַז קיינער ווייסט נישט מער — די היסטאָריקער און די געשיכ־טע־פילאָזאָפן נאָך ווייניקער ווי די מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר — ווו איין און ווו אויס.

אין דעם דאָזיקן טאָגבוך באַמיט ער זיך, אויף ווי ווייט מעגלעך, איינ־צושטעלן אַ גלייכגעוויכט צווישן די אַלגעמיינע דאַטעס און זיינע אייגענע דאַטעס. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער וועט מוזן בלייבן הינטערשטעליק לגבי דעם פאַרלויף פון די אַלגעמיינע געשעענישן.

וואָלט ער געשריבן די געשיכטע פון דער היינטיקער צייט, ווי ער האָט לכתחילה געהאַט זיך פאָרגענומען, וואָלט דאָס נישט געווען קיין חסרון, נאָר פאַרקערט, אַ גרויסע מעלה, וואָרעם פון געשיכטע, ווייסט ער, דאַרף מען זיך דיסטאַנצירן, אויב מען וויל זי באַהאַנדלען אָביעקטיוו. געשיכטע פאַר דער נאָז מאַכט קורצזיכטיק, אויב נישט גאָר אין גאַנצן בלינד. געשיכטע אויף דער הייסער מינוט טויג נישט.

אָבער אין אַ טאָגבוך ווערט יעדע רעטראָספּעקטיווע באַטראַכטונג שעדלעך; זי פאַרטונקלט דעם שׂכל. אין אַ טאָגבוך איז נישט ריכטיק צו האַלטן דיסטאַנץ. דאָ מוז אַלץ טראָגן אַ צאַפּלדיקן און סוביעקטיוו כאַראַק־טער. נאָך מער: אַ טאָגבוך מוז זיך באַמִיען צו פאַרלויפן די געשעענישן דעם וועג און טאָר זיי נישט לאָזן זיך אָפּקילן; מיט זייער אָטעם מוז מען עטעמען און מען מוז איינהאַלטן זייער ריטעם.

האַנס בוימאַן האָט אָבער נישט געפונען ביז איצט זיין טאָגבוך־סטיל און עס פעלן אים עד־היום די פּאַסיקע ווערטער פאַר זיינע איבערלעבונ־גען און פאַר זיינע געדאַנקען. איין טאָג איז נישט גלייך צום צווייטן

און איין זייטל פֿון זײַן טאָגבוך פּאַסט זיך נישט ווי געהעריק צו דעם קומענדיקן. ער ווייסט נישט, ווי אַזוי אויסצוגלײַכן אָדער אָפּצוּווענדן די סתּירות, וואָס הויבן זיך אָן פֿון אַלע זײַטן.

די סיבה דערפֿון איז לײַכט צו געפֿינען. די מלחמה אין שפּאַניע איז גאָרנישט אַזאַ ווי די מלחמות, וואָס זענען אים באַקאַנט פֿון די געשיכטע־ביכער. זי איז אַנדערש אַפֿילו פֿון דער מלחמה 1914—1918, וואָס ער גופֿא האָט מיטגעמאַכט. אפשר איז יאָ פֿאַראַן אַ שטיקל אַנאַלאָגיע צווישן דעם שפּאַנישן און דעם רוסישן בירגערקריג. אויך דאָרט — סײַ אין דער רויטער אַרמיי און סײַ אין די ווײַסע אַרמייען — האָבן זיך באַטייליקט פֿרײַוויליקע פֿון דער גאָרער וועלט.

אין רוסלאַנד אָבער זענען סײַ די, וועלכע זענען געווען פֿאַר דער רעוואָלוציע, און סײַ די, וועלכע זענען געווען קעגן, רעקרוטירט געוואָרן אויף אָן אָרט. אמת, עטלעכע אינטערווענצן זענען געמאַכט געוואָרן דורך אויסלענדישע עקספּעדיציע־קאָרפּוסן. קיין שפּאַניע אָבער זענען געקומען צו לויפֿן העלפֿן דעם רעפּובליקאַנישן רעזשים פֿון אויסלאַנד הונדערטער און טויזנטער פֿרײַוויליקע. אויך פֿראַנקאָ האָט באַוויזן שוין פֿון סאַמע אָנהייב אַרײַנצוציִען אין זײַנע חיילות גרויסע אָפּטיילונגען פֿון דעם דײַטשישן און איטאַליענישן לופֿטפֿלאָט.

דער געוועזענער געשיכטע־פּראָפֿעסאָר פֿירט אויך אויפֿן שפּאַנישן פֿראָנט אַ טאָגבוך. ער ווייסט אָבער נאָך אַלץ נישט מיט וועמען ער וואָלט זיך געקאָנט פֿאַרגלײַכן. ער האָט פֿאַר זיך פֿערזענלעך נאָך אַלץ נישט געפֿונען קיין אַנאַלאָגיע נישט אין דער געשיכטע און נישט אין דער שיינער ליטעראַטור. אפשר זאָל ער זיך פֿאַרגלײַכן מיט אַ יידישן היסטאָריקער בעתן גירוש שפּאַניע? טעאָרעטיש — און אַפֿילו פּסיכאָלאָגיש — וואָלט דאָס געווען מעגלעך, כאָטש עס וואָלט געווען אַ ביסל אויסגעקליגלט.

בוימאַן פֿאַרקלערט זיך. די פּאָזיציע, אין וועלכער ער געפֿינט זיך, איז נישט קיין באַקוועמע, און זײַן טאָגבוך גליטשט זיך אים אַרונטער פֿון די קני. אפשר וואָלט ער געדאַרפֿט זיך צושפּאַרן און פּרובירן אײַנצושלאָפֿן. פֿאַר וואָס איז ער אַזאַ עקשן? פֿאַר וואָס איז ער אַזאַ פּעדאַנט? פֿאַר וואָס דוכט זיך אים, אַז ווי באַלד ער האָט אָנגענומען אַ פֿעסטן באַ־

שלוס אַריינצושרייבן יעדן טאָג אַ זייטל אין זיין טאָגבוך, מוז ער אים אויספירן אין אַלע באַדינגונגען, אַפילו אויך אין שוצגראָבן?

וואָס וועט זיין, טאָמער איינע פון די קוילן, וואָס פייפן איבער דעם שוצגראָבן, ווו ער ליגט איצט אַ צונויפגעקאָרטשעטער, וועט זיך אַריינרייסן אינעווייניק און עס וועט מער נישט זיין קיינער, ווער עס זאָל ווייטער פירן זיין טאָגבוך אויף דעם שפּאַנישן פראָנט?

— טאָקע אַזוי — גנבעט זיך אַריין צו אים אַ שטימע אַזאַ — ווער צווינגט דיך דען צו האַלטן דיין באַשלוס מיט אַזאַ עקשנות? ווער? וועסטו לעבן און וועסט צוריקקומען צו בעלאַן, וועסטו קאָנען ווייטער פירן דיין טאָגבוך, טאָמער נישט, חלילה, זאָגסטו דאָך אַליין, אַז דאָס אַלץ האָט נישט קיין שום ווערט פאַר אַנדערע... דיר בענקט זיך אַהיים... אפשר האָסטו נישט געדאַרפט איבערלאָזן בעלאַן אין פאַריז. האָט מען חתונה, איז דאָס, כדי צו האָבן קינדער... וואָס דיר פעלט, וואָס אייך ביידן פעלט, איז אַ קינד... דאָס איבעריקע איז גאָרנישט נישט ווערט... דערמאָן זיך נאָר. דאָס האָסטו דאָך, דוכט זיך, אַליין יענעם טאָג אַריינגעשריבן אין דיין טאָגבוך, אָדער עפּעס ענלעכס...

זיין טאָגבוך — ברעקלעך געדאַנקען זענען דאָרט צעשפּרייט צווישן אַנדערע רעשטלעך פון זיין לעבן.

אויך אַ סך אַנדערע יידישע פּריוואַליקע פראָנט־קעמפער האָבן גענומען פירן טאָגביכער. ווי נאָר אַ פרייע מינוט הינטער דעם פראָנט און אַפילו אין שוצגראָבן — איז באַלד צום טאָגבוך.

אָט איז אַ פראַגמענט פון איין טאָגבוך אַזאַ.

„היינט האָבן מיר אויפן פראָנט אָפּגעשטויסן דעם שונא. די שלאַכט האָט געדויערט דריי שעה נאָך אַנאַנד... חיימקע איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן... פאַראַן אויך טויטע אין אונדזער ראָטע... אָבער די פאַרלוסטן פונעם שונא זענען אַ סך גרעסערע... איך האָב שוין מער ווי צוויי וואָכן פון דער היים נישט באַקומען קיין בריוו... ווער ווייסט וואָס דאָרט טוט זיך... אין דעם לעצטן בריוו האָט מיר חנהקע געשריבן, אַז מען גרייט זיך אויפן בעלוויל צו אַ גרויסן שטרייק... איצט שלעפערט מיך... ס׳איז קאַלט אין שוצגראָבן”...

אַ פראַגמענט פון אַ צוויטן טאָגבוך:

„איך דערמאָן זיך, אַז ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין יינגל, פלעגן מיר אין שטעטל זיך שפּילן אין מלחמה. איין חדר קעגן דעם צווייטן, אָדער אַלע דריי חדרים קעגן די „שקצים״, וואָס פלעגן אונדז באַפאַלן הינטערן מאַרק... איך וועל זיך נישט באַרימען — ס׳איז דאָך נישטאָ מיט וואָס, און ס׳איז נישטאָ פאַר וועמען — אָבער ס׳איז אַ פאַקט, אַז מיין חדר אָדער כיתה פלעגט תמיד געווינען. קיין גיבור בין איך נישט געווען, און אין דעם קעגנערישן לאַגער זענען געווען שטאַרקערע יינגלעך פון מיר, אָבער איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט. פלעג איך טאַקע שטענדיק, נישט געקוקט אויף דעם האָגל פון שטיינער, מיטציִען מיט מיר אַלע חברים: הוראַ און פאַרויס! דער שׂונא פלעגט כאַפּן די פיס אויף די פּלייצעס און פאַרשווינדן אַ צעניזוקטער, אַ צעקאַליע־טשעטער.

נישט זעלטן פלעג איך פון די געשלעגן אַרויסקומען מיט אַ צעדראַפּעט פּנים און מיט אונטערגעהאַקטע הענט און פיס. אַ צעפּליקטער, אַן אָפּגעריסענער, פלעג איך זיך שטילערהייט אַריינשאַרן אין שטוב. די אמתע קלעפּ און שמיץ פלעג איך אַריינכאַפּן פון מיין טאַטן. אָבער דאָס האָט מיך קיין מאָל נישט אָפּגעשראָקן. הלוואַי וואָלט איך היינט פאַרמאָגט מיין אַמאָליקן מוט. היינט אָבער בין איך אַ פּחדן, איך טראַכט נאָר — מיין טאָגבוך מעג איך עס אָנטרויען — ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון דעם פראָנט. האָב איך מורא פאַרן טויט? נאָך מער ווי פאַרן טויט האָב איך, ווייזט אויס, מורא, אַז איך וועל פאַרבלייבן אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן. אָט ווי אַזוי מיין מוט קוקט אויס. אַ וווּנדער, וואָס קיינער באַמערקט עס נישט אויף מיר. אַלע מיינען, אַז איך בין ווער ווייסט וואָס פאַר אַ העלד. מעדאַלן גיט מען מיר, מען שטעלט מיך אַרויס ווי אַ ביישפּיל. כבוד פאַרשאַף איך, זאָגט מען, דעם יידישן נאָמען. אינעווייניק אָבער ציטער איך... איך האָב מורא... איך שרעק מיך...

און אפשר בין איך טאַקע אַ העלד אויפן שלאַכטפעלד. נאָר ווי דאָס זאָל נישט זיין, דער, וואָס זעצט זיך אַנידער ביי זיין טאָגבוך איז אַ פּחדן... יאָ. איך באַווייז מיך נאָר אונטער אַ ליגנערישן אַספּעקט. ווער ווייסט? ווער

קאָן וויסן? איבעריקנס, האָט דאָס נישט קיין גרויסע באַדייטונג פאַר קיינעם נישט, פאַר מיר אויך נישט. וואָרעם שפּעטער, מאָרגן, איבערמאָרגן... ווער ווייסט, צי עס וועט זיין אַן איבערמאָרגן? קיינער ווייסט נישט אין דער אמתן גאָרנישט. ווי בלינד קריכן מיר אַלע אַרום. מיר זוכן אַלע אַ וועג, אָדער בעסער געזאָגט אַן אויסוועג, פון טויט...

אין דער לעצטער צייט טראַכט איך זייער פיל פון טויט. פון מיין טויט. אַ פאַרגעפּיל פייניקט מיך. מיר דוכט זיך, אַז איך וועל דעם שפּאַנישן בירגערקריג נישט איבערלעבן. אין פּאַריז האָב איך אַ צייט לאַנג זיך אַרומגעטראָגן מיט געדאַנקען וועגן זעלבסטמאָרד. איך וואָלט געוויס מיר געהאַט אָנגעטאָן אַ מעשׂה, ווען עס מאַכט זיך נישט די געשיכטע שפּאַניע...

ניין, פאַרן טויט האָב איך קיין מורא נישט. מיר דוכט זיך, אַז איך בין אַוועק אויף אַ פאַלשן וועג... געדאַרפט וואָלט איך שרייבן לירישע לידער און פּאָעמעס, ווי איך האָב געשריבן מיט יאָרן צוריק. איך בין געוואָרן אַ קעמפער, אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער. דאַרף איך שוין אָנהאַלטן אויף דעם וועג... איבעריקנס, בין איך אַ קליינבירגער, אַן עגאָיִסט. אויב נישט אין מיין טאָגבוך, וווּ זשע דען זאָל איך שרייבן דעם ריינעם אמת?

אָבער אויך דאָס איז מסתמא נישט אמת... איך בין אַ מיטלמעסיקער אומגליקלעכער מענטש. איך שפּיל זיך נישט בלויז מיט שיינע ווערטער און מיט קלינגענדיקע פראַזעס, נאָר אַפילו אויך מיט מיר גופא. מיט מיין לייב און לעבן.

ווער עס וועט נאָך מיין טויט געפינען מיין טאָגבוך, וועט מיינען, אַז איך האָב פון אים חוזק געמאַכט, ווען איך האָב דאָס דאָזיקע זייטל געשריבן.

אפשר זאָל איך צערייסן מיין טאָגבוך? פאַר וואָס זאָל איך טאַקע אָפּנאַרן די חברים מיינע, וואָס מיינען, אַז אַלץ, וואָס איך זאָג איז אמת און הייליק? פאַר וואָס זאָל איך זיי אַנטוישן? פאַר וואָס זאָל זיך אין מיר אַנטוישן די אָרעמע דבורהקע, וואָס איר דוכט זיך אפשר, אַז איך לעב פאַרן אידעאַל, פאַר דער באַפרייונג פון דער מענטשהייט?

ניין, איך וועל מיין טאָגבוך נישט צערייסן. דער עיקר איז צו זיין ערלעך מיט זיך אַליין, קיינעם נישט צו שאַנעווען, קיינעם נישט חנפהנען, זיך — ווייניקער ווי אַלע אַנדערע״...

## קאַפּיטל 71

אין פּאַריז, דער עיקר אין דעם יידישן פּאַריז: אויפן בעלוויל, אויפן פּלעצל, אויפן מאָנמאַרטער, אין די יידישע פאַבריקלעך און וואַרשטאַטן, אויף די פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, אין די כלערליי קאָמיטעטן „דער רעפּובליקאַנישער שפּאַניע צו הילף", זענען די רעפּובליקאַנישע נצחונות קאָמענטירט געוואָרן טאָפּלט און דרייפאַך. דאַקעגן די רעפּובליקאַנישע מפּלות זענען פאַרשוויגן געוואָרן. אַלע זענען געווען איבערצייגט אין דעם באַלדיקן זיג.

פּאַריז האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט בלויז מיט פאָלקס־דעמאָנסטראַציעס. אין יעדן קוואַרטאַל זענען אויך פאַרגעקומען זאַמלונגען פון געלט, פון וועש, פון פעקלעך פאַר די פרייוויליקע פראָנט־קעמפער. מען האָט נישט געזשאַלעוועט. יעדער איינער האָט געגעבן וויפל ער האָט געקאָנט, אַ סך האָבן געגעבן איבער זייערע כוחות.

פּאַריז האָט יעדן טאָג עקספּעדירט קיין שפּאַניע וואַגאָנען עסנוואַרג, בשתיקה — אויך געווער פאַר די פראָנט־קעמפער, צו ווייניק אָבער, כדי אָפּצוהאַלטן דעם גאַנג פון אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם.

מען האָט אַלץ נאָך געהאָפט אויף אַ נס. פון וואַנען אָבער קאָן קומען דער נס? קיינער האָט אויף דעם נישט געקאָנט געבן קיין ענטפער. האָט מען דערוויל זיך באַגנוגנט מיט קליינע נסים. יעדע ידיעה פון אַ פריינד, פון אַ חבר, פון אַ קעמפער אויף די שפּאַנישע פראָנטן, איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נס.

באַקומען אַ בריוו פון אַ זון, פון אַ ברודער, פון אַ מאַן אָדער פון אַ חבר, האָט מען אים איבערגעלייענט פאַר באַקאַנטע. זאָלן זיי זיך אויך פרייען. ס'איז נישט קיין פריוואַט־בריוו, געשריבן פון אַ פריוואַטער פּערזאָן. איבערגעלייענט דעם בריוו, איז מען געלאָפן אין די רעסטאָ־

ראַנען, אין די קאַפּעס, אין „קולטור־ליגע״ און אויף די פאַרזאַמלונגען, געפּאַכעט מיט אים ווי מיט אַ פאָן.

פאַראַן מענטשן וואָס פאַר זיי איז שרייבן אַ בריוו שווערער ווי האַקן האָלץ. איז אויך אין דער הינזיכט געשען אַ נס. אַלע האָבן געשריבן. ווער עס האָט קיין היים נישט געהאַט, ווי פישעק צום ביישפּיל, דער האָט גע־שריבן אין „קולטור־ליגע״ אָדער צו זיין סינדיקאַט. די בריוו, וואָס זענען געווען אַדרעסירט צו אַן אינסטיטוציע, צו אַן אָרגאַניזאַציע אָדער צו אַ סינדיקאַט, האָבן זיך אָנגעהויבן געווײנלעך מיט: „ליבע חברים!״ און זיך פאַרענדיקט „מיט חברישע גרוסן״. דערפאַר אָבער איז דער בריוו גופא — יעדער בריוו אַ זייטל פון אַ טאָגבוך, דעטאַלירטע באַשרייבונגען פון מאַרשרוטן, פון באַגעגענישן און נאַטור־שילדערונגען. קיינער פון די דאָזיקע בריוו־שרייבערס האָט זיך נישט באַקלאָגט אויף זיין גורל אָדער פאַרלאַנגט הילף.

יעדער בריוו האָט פאַרמאָגט זיין אייגענעם סטיל, און דאָך האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן אַלע געווען געשריבן פון איין מענטשן. עס זענען אָבער אויך אָנגעקומען צו דער פאַריזער „קולטור־ליגע״ און צו די פאַרשידענע הילף־קאָמיטעטן אַזעלכע בריוו, וואָס האָבן געטראָגן אַ מער געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער: בריוו־אויפרופן, בריוו־צירקולאַרן אָדער בריוו־־באַריכטן.

אַזעלכע בריוו זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער פּרעסע מיט קאָמענ־טאַרן; זיי זענען פאַרגעלייענט געוואָרן אויף פאַרזאַמלונגען און טייל מאָל זענען זיי אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואַנטצייטונגען.

וואָך נאָך וואָך זענען אָנגעקומען קיין פאַריז די בריוו־באַריכטן פון דעם יידישן זעלנער־קאָמיטעט ביי דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אויפן פראָנט ערגעץ ווו אין שפּאַניע. דאָס אָרט איז געהאַלטן געוואָרן בסוד ווי עס פירט זיך אין אַלע אַרמייען.

## קאַפּיטל 72

אין פּאַריז איז די שטימונג אַ געדריקטע, אַ נידערגעשלאָגענע. נייע גרופּעס פּריוויליקע שיקן קיין שפּאַניע האָט נישט קיין זין, אָבער די העלדישע קעמפּער דאָרטן נייטיקן זיך נאָך אין הילף. דער ווינטער איז דאָס יאָר אַ קאַלטער, אַ שטרענגער. דער בעלוויל און דאָס פּלעצל דאַרפֿן נעמען אונטער זייער שוץ די געשאַפֿענע יידישע קאָמפּאַניע אויפֿן נאָמען פֿון נפתלי באָטווין.

די באָטווין־קאָמפּאַניע איז געוואָרן אַ מין יידישער לעגיאָן. אַ באַ־דייטנדיקע „געשעעניש פֿאַרן קאַמף פֿון די יידישע אַרבעטנדיקע אין דער גאַנצער וועלט".

דער פֿאַרשטענדיקונג־קאָמיטעט, צונויפֿגעשטעלט פֿון די פֿאַרשטייער פֿון די יידישע קאָמוניסטן, פֿון די לינקע פּועלי־ציון און פֿון דעם סאָציאַ־ליסטישן מעדעם־פֿאַרבאַנד, האָט אַרויסגעלאָזט זאַמל־ליסטעס און צעטיילט זיי אין אַלע אַראַנדיסמאַנען.

עס איז דורכגעפֿירט געוואָרן אַ מאָביליזאַציע פֿון אַלע אָרגאַניזאַציעס, געזעלשאַפֿטן, לאַנדסמאַנשאַפֿטן, קלובן און סינדיקאַטן.

ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ מאָביליזאַציע־טאָג. אין יעדן פֿון די צוועלף פּאַריזער אַראַנדיסמאַנען, וואָס האָבן דורך זייערע יידיש־עמיגראַנ־טישע איינוווינער געהאַט אַ וועלכע נישט איז שייכות מיט דעם שפּאַנישן בירגערקריג בכלל און מיט דער באָטווין־קאָמפּאַניע בפֿרט, האָבן פֿונק־ציאָנירט פּערמאַנענצן, חוץ די צוויי ספּעציעלע פּערמאַנענצן אין מאָנטרוי און אין אָרוואַן.

די פֿריינד פֿון דער „נייע פּרעסע", צענדליקער סינדיקאַטן און סאָ־סיעטעס, דער ספּאָרט־קלוב „שטערן", דער אַרבעטער־רינג, די „פֿריינד פֿון דער מלאך־שול", דער פּאַריזער יידישער אַרבעטער־טעאַטער „פּיאַט",

די פאָלקסהילף, די האַנטווערקער, דער יידיש־שפּאַנישער קאָמיטעט, די סטודענטן, דער אַרבעטער־אָרדן, „יאַסק", דאָס פאָלקסהויז פון באַפּרואַ, דער עלטערן־קאָמיטעט פון די אַרבעטער־רינג־שולן, דער יידישער פאָלקס־כאָר, די צוגאָבשולן ביים מעדעם־פאַרבאַנד, די אַרבעטער־היים, דער צענ־טראַלער קולטורראַט, די יוגנט, די ליי־קאָמיסיע, די אַראָנסאָן־שול — אַלע, אַלע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם מאָביליזאַציע־טאָג, וואָס איז פייערלעך פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דעם פאַרשטענדיקונגס־קאָמיטעט אין דעם זאַל אַלבואי, אויפן אימפּאָזאַנטן סאָלידאַריטעט־אָוונט דעם 25סטן פעברואַר 1938.

אינעם פּרעזידיום פון דעם קאָנצערט־מיטינג זיצן צו צוויי פאַרשטייער פון יעדער ריכטונג.

אין זאַל זיצן הונדערטער לאָדזשער, ראַדאָמער, טשענסטאָכאָווער, בריסקער, וואַרשעווער, מינסק־מאַזאָוויעצקער און פּיאָטרקאָווער עמיגראַנטן, און אויך לאַנדסלייט פון דעם העלדיש־אומגעקומענעם יידישן אַרבעטער נפתלי באָטווין.

זיך צואיילן, איידער עס ווערט שפּעט — דאָס איז דער אינהאַלט און דער זין פון דעם היינטיקן קאָנצערט־מיטינג. מען לייענט אים, דעם דאָזיקן אינהאַלט, אויף אַלעמענס פּנימער. אָבער יעדעס פּנים פאַרמאָגט נאָך זיין אייגענעם אויסדרוק און זיין באַזונדערע גרייטקייט.

אָט זיצט בעלאַ, בוימאַנס פרוי, זיין שוואָגער דער סטודענט שעפּסעלע, רייזעלע און מאָריס הענדלער, שלמה פינקעלשטיין און נאָך אַנדערע. אַלע זענען זיי געקומען פּראָקלאַמירן עפנטלעך זייער גרייטקייט זיך צו באַטייליקן אין דער זאַמל־אַקציע לטובת די יידישע קעמפער אויפן שפּאַנישן פראָנט. יעדער איז פאַרנומען מיט זיין אייגענעם געדאַנק, אַדרעסירט צו עמעצן אַ גאָר נאָענטן אויפן פראָנט, ערגעץ אין אַ שפּיטאָל אָדער אפשר שוין אויפן צוריקוועג קיין פּאַריז.

בעלאַ וואַרט אויף האַנסן. אין זיין לעצטן בריוו האָט ער איר גע־שריבן, אַז ער איז אָפּגעקאָמאַנדירט געוואָרן קיין באַרצעלאָנע, ער טראַכט אָבער, אַז מען וועט זיך נאָך אין קורצן טרעפן אין פּאַריז. ער בעט, זי זאָל אים מער גאָרנישט שיקן, ווייל ער ווייסט נישט וויפל טעג אים וועט אויס־

קומען צו פאַרבלייבן אין דער קאַטאַלאָנישער הויפּטשטאָט. ער טראַכט כסדר פון איר...

אויך אַנדערע חברים האָבן באַקומען בריוו פון פראָנט. זייערע געפילן זענען געמישטע. פון איין זייט פרייען זיי זיך, וואָס זיי וועלן באַלד זען זייערע ליבע און טייערע, פון דער צווייטער זייט אָבער באַדויערן זיי דעם אונטערגאַנג פון דער שפּאַנישער רעפּובליק. ערגער איז די מאַמעס און טאַטעס, די ברידער און שוועסטער, וואָס האָבן שוין לאַנג נישט באַקומען קיין בריוו פון שפּאַניע, זייער צער איז גרויס.

ווי לאַנג וועט דויערן זייער ווינטער? וועט שוין פאַר זיי קיין מאָל דער פרילינג נישט קומען, נישט דעם איין און צוואַנציקסטן מערץ, נישט שפּעטער?...

מיט אומעט אין האַרצן באַטייליקן זיך אויך זיי אין דער ווינטער־אַקציע לטובת דער באַטווין־קאָמפּאַניע — 200 לעדערנע קורטקעס, 200 וואַרעמע פולאָווערס, 200 פּאָר מיליטערישע שיך...

## קאַפּיטל 73

זונטיק, אין פרידלעכע צייטן, ווען דאָס וועטער איז מילד, קאָנען פּאַריזער יידן מיט דער באַן אָדער מיטן אויטאָקאַר פאָרן אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון אַ גאַנצער וואָך שווערער אַרבעט אין בולאָנער וואַלד אָדער אין ווענ־סענער וואַלד. פאַראַן אויך גאַר נאָענט פון פּאַריז אַזאַ שטעטל ווי ברינואַ אָדער ווי גאַרגאַן, וואָס האָט אַ פּנים פון אַ טיפּיש־יידישער דאַטשע פון אַלטן שניט.

פאָרן יידן אַהין אויסרוען זייערע ביינער אין די פרילינג־ און זומער־זונטיקן. די מער פאַרמעגלעכע פאָרן אויפן גאַנצן וויקענד. דאָרט קאָנען זיי רעדן יידיש אויפן קול און דאַרפן נישט מורא האָבן טאָמער גייט הינטער זיי אַ פראַנצויז, וועמען עס געפעלט נישט זייער פרעמד לשון, אָדער די פּאָר צעקאַליעטשעטע פראַנצויזישע ווערטלעך און אויסדרוקן, וואָס זיי וואַרפן אַריין אין זייערע געשפּרעכן. דאָ, אין די דאָזיקע שטעטלעך, האָבן זיך די פראַנצויזן צוגעוווינט צו זייער יידיש, צו זייערע תנועות.

דעם היינטיקן זונטיק אָבער גייען אַ סך בעלווילער יידן מבקר חולה זיין די שפּאַנישע קראַנקע אין שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געעפנט מיט עטלעכע חדשים צוריק ספּעציעל פאַר די עוואַקויִרטע קראַנקע און פאַרוווּנדעטע מיליציאָנערן פון שפּאַניע. דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע מיליציאָנערן איז פון איינגעוואַנדערטע דייטשישע אָדער פּוילישע יידישע פּליטים; דאַרף מען דאָך אַוודאי זיי מבקר חולה זיין.

די באַזוכער געהערן אָדער צו דעלעגאַציעס פון די פאַרשידענע הילף־קאָמיטעטן און סתם לאַנדסמאַנשאַפטן, אָדער זיי קומען מבקר־חולה זיין די קראַנקע אין זייער אייגענעם נאָמען.

דער שפּיטאָל־בנין זעט אויס ווי אַ פּאַלאַץ פון גלאָז און ליכט. אינעם פּאַרק שפּאַצירן אַרום די, וואָס קאָנען זיך נאָך באַוועגן אויף זייערע אייגענע

פיס אָדער אויף קוליעס. דער קאָנטאַקט מיט זיי איז אַ ספּאָנטאַנער, אַ לייכטער, ווייל זיי ווייסן, אַז נישט סתם בייגעריקייט האָט אַראָפּגעבראַכט אַהער די באַזוכער, נאָר אַ וואַרעם מיטגעפיל און אַן אויסדרוק פון סאָלי־דאַריטעט.

די אַלע געסט זענען פאַרבעטן געוואָרן צו קומען אַהער פייערן דעם יאָרטאָג פון דער שפּאַנישער רעפּובליק. אַ שפּאַניער דערקענט מען אויפן ערשטן קוק: אַ טונקעלע הויטפאַרב און שוואַרץ־גליִענדיקע אויגן. פון די איבעריקע וואַרפן זיך אין די אויגן קודם כל די אַמעריקאַנער, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אַ סך מאַטראָסן, וואָס קייען אָן אויפהער שווינג־גומי. דאָס דאַזיקע קייען טיילט זיי אויס פון זייערע יידישע לאַנדסלייט, וואָס האַלטן מער, ווי איינער פון זיי באַמערקט וויציק: פון „הבלן ווי פון קין".

— אפשר וואָלט איר — חכמעט זיך אַ טוער פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט — אויך געדאַרפט עפּעס „קין", געווען צו זיין דער שטענדיקער הבל, וואָס ווערט דערהרגעט דורך זיין אייגענעם ברודער.

— אָל רייט! זאָרגט זיך נישט, ר' ייד! — ענטפערט אים אַן אַמע־ריקאַנער מיליציאָנער מיט אַ ווילן שמייכעלע אויף די ליפּן — דער פּאַשיזם האָט נאָך נישט געזיגט.

— הלוואַי, פון אייער מויל אין גאָטס אויערן.

— איר רעדט גאָר ווי ביי אונדז אין...

— וואָס האָב איך געזאָגט ?

— גאָטס אויערן...

— אַזוי דריקט מען זיך אויס אין יידיש... איך זע דאָך מיט וועמען איך האָב צו טאָן. איר זענט אַ יונגערמאַן, וואָס אַמעריקע האָט אייך נישט פאַרדרייט דעם קאָפּ...

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער? איר קענט דאָך מיך נישט.

— דאָס זעט מען באַלד. „אָל רייט" האָט איר געזאָגט...

דער אַמעריקאַנער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— מען זעט עס אויף אייער פּנים... איר קוקט אויס ווי איינער, וואָס

איז אָקערשט געקומען צו פאָרן פון פוילן, כאָטש אייער אויסשפּראַך איז נישט קיין פּוילישע, נאָר אַ...

— זאָגט, ר׳ ייד, מיך אינטערעסירט צו וויסן, וואָס פאַר אַן אויסשפּראַך איר געפינט אין מיין רעדן...

— מיר דוכט זיך אַ ליטווישע אויסשפּראַך...

דער אַמעריקאַנער האָט זיך ווידער פונאַנדערגעלאַכט.

— וואָס ? איך האָב נישט געטראָפן ?

— ניין, בפירוש נישט געטראָפן.

— טאָ זאָגט זשע מיר, ווּאָס פאַר אַן אויסשפּראַך איז ביי אייך.

— איך בין אַ געבוירענער אין אַמעריקע.

— און איר רעדט אַזאַ פיינעם יידיש — וווּנדערט זיך דער ייד — פון וואַנען ? ווי אַזוי ?

— איך האָב מיין יידיש געגנבעט.

— וואָס הייסט ?

— פּראָסט־פּשוט געגנבעט.

— איך פאַרשטיי אייך נישט, חבר.

— וואָס איז דאָ נישטאָ צו פאַרשטיין ? געגנבעט, זאָג איך אייך און פטור... איר פאַרשטייט שוין איצט, ר׳ ייד, פאַר וואָס איך האָב געלאַכט ?

— דעם אמת געזאָגט, פאַרשטיי איך נאָך אַלץ נישט וואָס איר רעדט. איך בין אַ פּשוטער מענטש. אין אַמעריקע בין איך קיין מאָל נישט געווען...

— איך בין אַן אַמעריקאַנער פון צענדליקער דורות אָן, נאָך איידער די יידן האָבן געוווּסט אַפילו ווו אַמעריקע געפינט זיך, איידער דער ערשטער ייד האָט איינגעוואַנדערט אין אַמעריקע.

— נו ? — שטעלט דער פאַריזער ייד אַן מויל און אויערן.

— נו, איז דאָך אַלץ קלאָר. דאַרפט איר דאָך שוין וויסן מיט וועמען איר רעדט. מיט אַ גוי רעדט איר.

— מיט אַ גוי ?

— יאָ, דאָס וואָס איר הערט, מיט „קין" רעדט איר, ר׳ ייד. איך הייס קין, וואָס שרייבט זיך ווי קין.

— מיינער אַ שכן, אַ ייד פון משה רבינוס צייטן אַוודאי, הייסט אויך

מיטן פאַמיליע־נאָמען קין. דאָס איז נאָך קיין ראיה נישט, אַז איר זענט אַ גוי, ווי איר דריקט זיך אויס, סיידן איר מאַכט חוזק פון מיר... איר ווילצלט זיך... פאַר וואָס נישט? איר מעגט טאַקע זיך ווילצלען, חבר... איך פאַרשטיי זיך אויך אויף אַ געלעכטער.

— ניין, ר׳ ייד, איך מאַך נישט קיין חוזק פון אייך, איך ווילצל זיך נישט, אַלץ איז אמת, וואָס איך זאָג אייך. מיינע אור־אור־עלטערן זענען געווען נעגער, אמתע נעגער...

— איר זענט דאָך אָבער גאָרנישט אַזוי שוואַרץ, כאָטש ווען איך קוק מיך צו נענטער צו אייער פנים, צו דעם און צו יענעם שטריך, קוקט איר יאָ אויס ווי אַ נעגער.

— מיינע שוואַרצע געקרייזלטע האָר מיינט איר? מיינע דיקלעכע ליפּן? נישט איבער מיינע שוואַרצע געקרייזלטע האָר, נישט איבער מיינע דיקלעכע ליפּן בין איך אַ געוועזענער נעגער. פאַראַן גענוג יידן, וואָס האָבן געקרייזלטן האָר און דיקלעכע ליפּן...

— איר האָט געזאָגט, אַז איר זענט אַ געוועזענער נעגער, אמת? וואָס הייסט עס?

— פאַראַן אַ שפּאַר ביסל געוועזענע נעגערס אין אַמעריקע.

— און איצט וואָס זענען זיי? זיי האָבן געביטן זייער הויט אפשר?

— אַזוי איז עס טאַקע. זיי האָבן געביטן זייער הויט.

— די שוואַרצע זענען פּלוצלינג געוואָרן ווייסע, מיט אַ ווייסער הויט־פאַרב?

— עס טרעפט, אַז זיי „ווייסן" זיך אויס. זיי „ווייסן" זיך אויס פון איין יאָר צום צווייטן, ביז זיי גייען אַריבער די גרענעץ פון שוואַרץ צו ווייס און — אויס נעגערס, אויס שוואַרצע...

— און זיי זענען, שטעל איך זיך פאָר, צופרידן פון דער דאָזיקער פאַרוואַנדלונג.

— געוויס. די מערסטע נעגערס, וואָס טרעטן אַריבער די דאָזיקע ליניע, פילן זיך גליקלעך. זיי ווערן פּאַקטיש פולבאַרעכטיקטע יענקיס, זיי קאָנען חתונה האָבן מיט ווייסע אַמעריקאַנער פרויען און דאַרפן נישט מער מורא

האָבן פאַר רדיפות. אַ געוועזענער נעגער קלייבט זיך אַריבער אין אַ צווייטן שטאָט, בייט זיין אַרבעטספּלאַץ און פאַרשוויגט זיין אָפּשטאַם.

— פון וועלן אָן זענט איר אַ ווייסער?

— איך בין שוין געבוירן געוואָרן מער ווייסער ווי שוואַרצער...

— און אייערע עלטערן?

— ביידע נעגערס. אי מיין טאַטע, אי מיין מאַמע.

וועלוול מאַכט אַ מינע ווי ער וואָלט נישט געגלייבט. דער אַמעריקאַנער רופט זיך אָפּ מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן.

— איך גופא האָב וויפל מאָל געטראַכט: אפשר איז מיין טאַטע, עליו השלום, גאָרנישט מיין טאַטע, און מיין מאַמע... מיין מאַמען האָב איך, פאַרשטייט זיך, אין גאָרנישט נישט חושד געווען, אָבער וועגן מיין טאַטן עליו השלום זענען מיך באַפאַלן ספקות... איך האָב נאָכגעפאָרשט דעם ענין און האָב זיך דערוווסט, אַז אַזאַ מין זאַך פאַסירט אויך ביי די נעגערס. מען ווערט געבוירן אַ ווייסער. די אַנטראָפּאָלאָגן באַשטעטיקן עס...

— ווי אַזוי אָבער זענט איר געוואָרן אַ ייד? זיך מגייר געווען?

— ניין, דאָס נישט. איך בין געבוירן געוואָרן אַ גוי און אַ גוי בין איך פאַרבליבן ביז צום היינטיקן טאָג.

— ווי אַזוי אָבער קומט איר קיין שפּאַניע?

— דאָס, ר׳ ייד, איז אַ לאַנגע מעשה, איך בין איין גוי צווישן אַ סך יידן, איין נעגער צווישן אַ סך ווייסע... געווען מיט מיר נאָך איין מיליציאַנער, אַ בויבעריקער פון אַמעריקע, אַ געמלטער, נישט קיין ערל ווי איך, ער איז געפאָרן צוזאַמען מיט מיר קיין שפּאַניע קעמפן קעגן פאַשיזם...

— ווו איז ער איצט?

— ער איז שוין עליו השלום, ר׳ ייד.

— געפאַלן?

— יאָ... מיט אַ וואָך צוריק... אַ גוטער חבר געווען. זיין מאַמע איז אַן אמתע יידישע מאַמע. איך פלעג אָפּט אַריינקומען צו זיי אין שטוב אַריין. ווי איר אייגענעם זון האָט מיך זיין מאַמע באַהאַנדלט... פרייטיק־צונאַכטס, איר וועט מיר גלייבן צי נישט, פלעגט מיך זיין מאַמע בעטן זינגען זמירות, און זי האָט דאָך געוווסט, אַז איך בין אַ גוי, אַ געוועזענער נעגער... האָב

איך טאַקע געשפּילט די ראָל פון אַ שבת־גוי. איך האָב אַראָפּגענומען די לייכטער פון טיש און געטאָן נאָך זאַכן, וואָס אַ ייד טאָר נישט טאָן אום שבת. איר זון האָט עס אַ ביסל פאַרדראָסן.

וועלוול, דער פּרעזידענט פון דער פּראָגרעסיווער ראַדאָמער לאַנדס־מאַנשאַפט, קאָן ביי זיך נישט באַשליסן, צי ער זאָל נעמען צושאָקלען מיטן קאָפּ אויף יאָ, אַ סימן, אַז ער גלייבט אַלץ, וואָס דער געוועזענער נעגער דערציילט אים, צי ער זאָל גאָר נעמען רעדן וועגן עפּעס אַנדערש...

נאָר דער שמועס זייערע האָט זיך סיי ווי איבערגעריסן. ס'האָט אַ קלונג געטאָן דער גלאָק פון שפּיטאָל. מען האָט די קראַנקע גערופן צו מיטאָג. וועלוול אָבער לויפט דערציילן זיינע באַקאַנטע, וואָס פאַר אַ מין פּענאָמען ער האָט דאָ באַגעגנט צווישן די אַמעריקאַנער מיליציאָנערן.

## קאַפּיטל 74

נישט אַלע קראַנקע, נישט אַלע פאַרוווּנדעטע אין דעם דאָזיקן שפּיטאָל אין אַבאַן, האָבן זיך באַטייליקט אין דער פייערונג צום יאָרטאָג פון דער שפּאַנישער רעפּובליק, כאָטש אין דעם גרויסן האָל מיט די גלעזערנע ווענט איז פאַראַן פּלאַץ פאַר די קראַנקע, פאַר דעם שפּיטאָל־פּערסאָנאַל, און נאָך פאַר הונדערט פון דרויסן.

אַ סך פּאַציענטן האָבן דורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע, אַנדערע פאַרוווּנדעטע שטייען ערב אָפּעראַציע, ליגן זיי.

די פייערונג גופא קומט פאַר ווי אונטער אַ סורדינע. קראַנקע נייטיקן זיך אין רו, נישט אין רעדעס. די ידיעות פון פראָנט זענען אויך נישט קיין פריילעכע. האָט טאַקע דער יאָרטאָג פון דער אַנטשטייונג פון דער שפּאַנישער רעפּובליק אַ פּנים פון אַ שטילער חתונה.

די דאָזיקע „שטילע חתונה" שפּילט זיך אָפּ איינס־צוויי. דער שעף־דאָקטער באַגנוגנט זיך מיט אַ פּאָר ווערטער וועגן דער לאַטיינישער קולטור, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ביידע לענדער: פראַנקרייך און שפּאַניע. וועגן דער שפּאַנישער רעפּובליק, וואָס האָט דער געשיכטע פון דער גאָרער מענטשהייט אַ שטויס געטאָן פאָרויס אויפן וועג פון פּראָגרעס, פון פרייהייט און פון גלייכהייט. פראַנקאָ, זאָגט ער, איז נאָר אַ משרת ביי דעם דייטשישן און איטאַליענישן פאַשיזם. אָט פאַר וואָס מען סימפּאַטיזירט דאָ אַזוי שטאַרק מיט דער העלדישער רעפּובליקאַנישער אַרמיי. אָט פאַר וואָס פון דער גאַנצער וועלט — און פון פראַנקרייך אין דער ערשטער ריי — האָבן אַ שטראָם געטאָן קיין שפּאַניע אַזוי פיל פרייוויליקע. דער שפּיטאָל איז דער בעסטער אויסדרוק פון דער אַנטיפאַשיסטישער סאָלידאַריטעט מיט די שפּאַנישע רעפּובליקאַנער.

נאָך אים האָט גענומען אַ וואָרט אַ פאָרשטייער פון די פּאַציענטן. ער

דאַנקט דעם פראַנצויזישן פאָלק און די דאָקטוירים פון דעם אָבאַנער שפּיטאָל בפרט פאַר דער הילף. צו לעצט רעדט אַ פראַנצויזישער פאַר־שטייער פון דער הילף־אַקציע לטובת דעם רעפּובליקאַנישן שפּאַניע.

אַ גלאָז ווײַן, אַ סאַנדוויטש — און דערמיט איז דער באַנקעט פאַר־ענדיקט. די פּאַציענטן גייען צוריק אַרײַן אין זייערע צימערן און די געסט צעשיטן זיך איבערן פּאַרק גאַרנישט אין אַזאַ געהויבענער שטימונג.

דער טאָג איז אָבער אַ זוניקער, און די פּאַריזער געסט גלוסט זיך אויסנוצן ביז צום סוף די געלעגנהייט, כדי אָנצופּילן זייערע לונגען מיט פרישער לופט. דעריבער איילט זיך קיינער נישט צוריק צו פאָרן קיין פּאַריז.

די לייכט־פאַרוואונדעטע, ווייסט מען, וועלן אין זייערע בעטן פאַר־בלײַבן נישט מער ווי אַן אַנדערהאַלבן שעה, נאָך דעם וועלן זיי ווידער אַרויסגיין אין פּאַרק, אויב דאָס שיינע וועטער וועט אָנהאַלטן. זיי ווייסן דאָך מער ווי די בעסטע אינפאָרמירטע צייטונגען וואָס עס קומט פאָר, ווי דער מצב איז אויף דעם אָדער יענעם פראָנט אין שפּאַניע. וועט מען זיי פרעגן, וועט מען זיי אויספרעגן.

די מיטגלידער פון די לאַנדסמאַנשאַפטן און די חברים פון דעם פאַר־אייניקטן הילפס־קאָמיטעט, האָבן דאָ אַ גוטע געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט חברים פון אַמעריקע, פון אַרגענטינע, פון פּוילן אָדער פון ארץ־ישראל. פאַר וואָס זאָלן זיי נישט אָנקניפּן מיט זיי ענגערע באַציִונגען? אַ באַגעגעניש פון יידישע חברים פון פאַרשידענע לענדער לאָזט זיך אָפּט אויס מיט אַן איבעראַשונג. וואָרעם נישט זעלטן באַגעגנט מען געמיינזאַמע קרובים אָדער קרובים פון קרובים.

די משפחות גראָסמאַן און שטיין זענען געווען פאַרטראָטן אויף דער פייערונג פון דעם שפּאַניש־רעפּובליקאַנישן יאָרטאָג. פון יאָסל גראָסמאַנס צד זענען געווען יאָסל און יוכבד, בעלאַ און שעפּסעלע, און אויך פּערעלע מיט איר מאַן; פון פּנחס שטיינס צד — רחלע.

און אָט איז אויך שלמה און זשאַנעט, יוכבדס שנור, מיט איר טעכטערל.

שוויגער און שנור כאַפּן זיך אַרום, גלייך זיי וואָלטן זיך נישט געהאַט

געזען ווער ווייסט ווי לאַנג. פאַרגאַנגענעם זונטיק איז זשאַנעט ווידער געקומען צו גאַסט צו יוכבדן. אַ גאַנצן נאָך מיטאָג האָט זי ביי איר פאַר־בראַכט. אויך איז געקומען שלמה מיט זיין יינגעלע.

זשאַנעט הייסט נאָך אַלץ מאַדאַם גראָסמאַן. זי וויל נישט חתונה האָבן צום צווייטן מאָל, זי וויל בלייבן טריי דעם אָנדענק פון האַנריין און צו זיין פאַמיליע־נאָמען... אָבער שלמה באַגלייט זי שטענדיק ווו זי גייט.

## קאַפּיטל 75

וועלוול שפּאַצירט שוין ווידער אַרום אין שפּיטאָל־פּאַרק מיטן „געווע־זענעם נעגער". באַלד קומען צו צו זיי נאָך אַנדערע יידן. אַ טשעקאָווער פּאַרשוין, טראַכט וועלוול, איז ער פּאָרט. געקרייזלטע האָר, דיקלעכע ליפּן...

עס קומען צו צו דער גרופּע נאָך דריי פאַרווונדעטע יידן. עס וויקלט זיך פונאַנדער אַ שמועס צווישן די מיליציאַנערן און די באַזוכער. אַלע דריי יידן זענען פּריוויליקע. איינער פון זיי האָט באַקומען אַ קויל אין די לונגען, אַ צווייטער האָט געכאַפּט אַ נערוון־דערשיטערונג, דער דריטער טראָגט זיך אַרום מיט עפּעס אַ געהיימנישפולער קראַנקייט. ער ווייסט נישט, זאָגט ער, פון וואַנען זי האָט זיך צו אים גענומען. ער ווייסט אַפילו נישט ווי אַזוי זי אָנצורופן. ער מיינט אָבער, טרייסט ער די פּאַריזער יידן, אַז ער וועט מסתמא אין גיכן זיך אומקערן אויפן פראָנט, זאָלן נאָר די רע־פּובליקאַנישע אַרמייען נישט מער אָפּטרעטן, וועט אַלץ זיין גוט.

וואָס שייך דעם נעגער, וויל ער בכלל נישט רעדן וועגן זיינע וווּנדן, וועגן זיינע קראַנקייטן.

— ס'איז דריי מאָל גאָרנישט — זאָגט ער — טראַכטן דאַרף מען נאָר וועגן געזונט ווערן, נישט וועגן קראַנקייטן. דאָס איז די בעסטע רפואה קעגן אַלע קרענק, זאָג איך אייך, יידן! פּאָלגט מיך, לאָמיר רעדן וועגן עפּעס אַנדערש.

און מען רעדט טאַקע וועגן עפּעס אַנדערש. דער ארץ־ישׂראלדיקער בחור דערציילט פון דעם לעבן אין ארץ־ישׂראל און אין די קיבוצים. דער שפּאַנישער בירגערקריג האָט אין ארץ־ישׂראל געמאַכט אַ גרויסן רושם, זאָגט ער. עטלעכע צענדליק חלוצים און קיבוצניקעס האָבן איבערגעלאָזט דעם אויפבוי פון דעם יידישן לאַנד אויף גאָטס באַראָט און זענען געלאָפן קיין שפּאַניע ראַטעווען די רעפּובליק פון דער פאַשיסטישער שׂריפה.

פאַראַן קרבנות, געוויס. זעקס חברים פון ארץ־ישראל זענען געפאַלן, פינף זענען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. ער געהערט נישט צו די שווער פאַר־וואונדעטע, אָבער ביי אים איז פאַראַן אַן אַנדערע קאָמפּליקאַציע. דערפאַר האָט מען אים געשיקט אַהער אויף קוראַציע. די אַנדערע פאַרוואונדעטע חברים ליגן אינעם שפּיטאָל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע.

שלמה גיט אים אַ פרעג, צי ער קען נישט דעם ד״ר זשאַק שטיין.

— געוויס קען איך אים — ענטפערט דער בחור — ווער קען דאָס נישט זשאַק שטיין? ער איז געווען מיין דאָקטער. ער האָט מיך באַהאַנדלט, און ער, מיין איך, האָט אויסגעפּועלט מען זאָל מיך שיקן אויף קוראַציע. גלייבט מיר, איך האָב דאָס גאָרנישט פאַרלאַנגט פון אים. פאַרקערט. איך האָב געוואָלט צוריקגיין אויפן פראָנט, נישט צו ליגן אין די שפּיטעלער בין איך געקומען קיין שפּאַניע. קראַנק זיין קאָן מען אין ארץ אויך.

דער ארץ־ישראל־חבר שטאַמט פון טשענסטאָכאָוו. ער קען אַלעמען פון דער באַטאַלין־קאָמפּאַניע, כאָטש ער גופא געהערט צו אַן אַנדערן באַטאַליאָן. אברהמען האָט ער אויך געקענט...

— נישטאָ מער אברהם! — פאַרענדיקט ער זיין באַריכט פון דעם שפּיטאָל אין שפּאַניע, ווו ד״ר זשאַק שטיין איז נאָך אַלץ דאָס האַרץ און די נשמה.

פון די אַנדערע צוויי מיליציאָנערן, איז איינער אַן אַרגענטינער און דער צווייטער אַ רומענישער.

זיי האָבן אויך גענוג וואָס צו דערציילן אי פון די פראָנטן אין שפּאַניע, אי פון די שפּיטעלער, ווו זיי האָבן דורכגעמאַכט זייער סטאַזש.

דעם „געוועזענעם נעגער" לאָזט מען צו רו. זיין ביאָגראַפיע איז שוין מער נישט קיין אַטראַקציע. די שטימונג איז ביי אַלעמען זייער אַן ערנסטע. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם הערט מען זיך צו צו די באַריכטן, וואָס די פיר מיליציאָנערן גיבן איבער פון דעם שפּאַנישן פראָנט. איז שוין טאַקע נאָך אַלעמען? קיינער טרויט זיך נישט צו ציִען די לעצטע מסקנות פון זייערע רייד.

אַן אומרו כאַפּט אַרום אַלעמענס געמיטער. די יעניקע, וואָס דאַרפן ענטפערן אויף בריוו, וואָס זיי האָבן נעכטן אָדער אייערנעכטן באַקומען פון

פראַנט אָדער פון אַ שפּיטאָל ערגעץ ווו אין שפּאַניע, פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם, וואָס זיי זאָלן שרייבן.

ווי גרויס זייער צאָרן קעגן דעם פאַשיזם זאָל נישט זיין, האָבן זיי בדעה צו שרייבן, אַז זייערע זין, ברידער אָדער חברים זאָלן זען וואָס גיכער צו קומען צוריק קיין פאַריז. אַלע ווייסן, אַז זיי האָבן געטאָן אַ סך מער, ווי די שפּאַנישע רעפּובליק האָט פון זיי פאַרלאַנגט. זיי האָבן געקעמפט אַזוי לאַנג ווי ס'איז נאָך געווען אַ פּיצעלע האָפענונג אויף זיג. איצט אָבער... פאַר וואָס זאָלן זיי ווייטער ריזיקירן מיט דעם טייערסטן, וואָס זיי פאַרמאָגן, מיט זייער לעבן און מיטן לעבן פון זייערע פאַמיליעס, וואָס נייטיקן זיך אין זיי?

צו דעם דאָזיקן אויספיר זענען כמעט אַלע געקומען, כאָטש זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי וועלן זייערע אַרגומענטן אויסדריקן מיט אַנדערע ווערטער.

## קאַפּיטל 76

בעלאַ האָט באַקומען אַ טעלעגראַמע פון איר מאַן, אַז ער קומט צו פאָרן. ער האָט איר אָבער נישט טעלעגראַפירט צי ער קומט בלויז אויף אורלויב, צי ער קומט אויף שטענדיק. אויך אין דעם בריוו, וואָס זי האָט אייערנעכטן פון אים באַקומען, האָט ער איר וועגן דעם גאָרנישט געשריבן. בכלל זענען די לעצטע בריוו זיינע געווען זייער לאַקאָנישע, נישט ווי געוויינלעך. קענטיק, דער רויִקער האַנס איז אויך געוואָרן נערוועז. זאָל ער נאָר צוריקקומען אַ געזונטער, נאָך דעם וועט מען ווייטער זען.

פאַר וואָס דוכט זיך איר, אַז עפּעס וואָס איז מיט אים געשען אויפן פראָנט? אויך זיין האַנטשריפט, מיינט זי, האָט זיך אַ ביסל פאַרענדערט. זי האָט זיך מיט גראַפאָלאָגיע קיין מאָל נישט פאַרנומען, אָבער ווען דער אומרו כאַפּט זיך אַריין אין די געדאַנקען, זעט מען אין אַלץ — אין דער האַנטשריפט אויך — אַ סימן צום שלעכטן.

נאָך אַ צען־צוועלף פאַמיליעס, ווייסט בעלאַ, האָבן באַקומען טעלעגראַמעס פון זייערע מיליציאַנערן. זיי קומען דעם זעלביקן טאָג, אין דער זעלביקער שעה וואָס האַנס. דער אייגענער צוג ברענגט זיי אַלעמען. אַ סימן מסתמא, אַז זיי ווערן עוואַקויִרט.

וואָלטן אַזוי פיל פּריוויליקע פון פּאַריז נישט אומגעקומען אויף דעם פראָנט פון עסטראַמאַדוראַ און אין די אַנדערע גרויסע שלאַכטן, וואָלטן זיי געקאָנט באַזעצן אַ גאַנצן וואַגאָן. זיי זענען אָבער געפאַלן און וועלן שוין מער נישט צוריקקומען.

בעלאַ פילט זיך גליקלעך, זי איז גליקלעך, וואָס ער קומט צוריק, וואָס דער בירגערקריג האָט אים נישט איינגעשלונגען. זי האָט מורא זיך מודה צו זיין, אַז שטילערהייט באַשטייט זי דער בירגערקריג זאָל זיך פאַרענדיקן כאָטש היינט; זאָל ער זיך פאַרענדיקן, אויב נישט מיטן פולשטענדיקן זיג

פאַר דער רעפּובליק, וואָס דאָס איז כמעט ווי אויסגעשלאָסן, טאָ זאָל זיין מיט אַ קליינעם אָדער גאָר אין גאַנצן אָן אַ זיג, אַבי עס זאָל נעמען אַ סוף, אַבי זי זאָל נישט בלייבן זיצן אַן אַלמנה...

זי ווייסט, בעלאַ, אַז ס'איז נישט שיין זיך אַרומצוטראָגן מיט אַזעלכע מיאוסע ווונטשן, אָבער זי איז דאָך אַ יונגע פרוי, אַ נאַרמאַלע יונגע פרוי, וויל זי האָבן איר מאַן לעבן זיך, נישט ערגעץ אויף אַ פראָנט.

פיר שעה זענען פאַרבליבן ביז דער צוג וועט קומען. זאָל ער זיך נאָר נישט פאַרשפּעטיקן, דער צוג. פיר לאַנגע שעהען. וואָס זאָל זי טאָן אין די דאָזיקע לאַנגע פיר שעה? זי געפינט זיך קיין אָרט נישט, גייט זי אַרום אין איר צימערל אַרויף און אַראָפּ, גלייך זי וואָלט געדאַרפט אָננעמען עפּעס זייער אַ וויכטיקן באַשלוס. זי האָט שוין אויפגערוימט איר צימערל, איינגעקויפט פרישע בלומען. דערנאָך איז זי אַ רעכטע ווײַלע געשטאַנען פאַרן שפּיגל און האָט באַטראַכט איר פריזור. וואָלט זי זיך נישט געשעמט, וואָלט זי גאָר צוגעפאָרן איצט צום באַרימטן פּאַריזער פאַריקמאַכער אַנטואַן, ער זאָל איר מאַכן אַ נייעם אינדעפּריזאַבל, כאָטש אייערנעכטן, נאָך דעם ווי זי האָט דערהאַלטן דעם בריוו פון אים, האָט זי זיך געלאָזט מאַכן אַ נייע פריזור, אמת, נישט ביי אַנטואַן, נאָר ביי איר שטענדיקן פאַריקמאַכער. נאָר וועגן דעם איז איצט נישטאָ וואָס צו קלערן. ביי אַנטואַן, ווייסט זי, מוז מען באַשטעלן אַ וואָך פאָרויס, זי וואָלט עס גאָר קיין מאָל נישט געטאָן. זי וויל זיך נישט מאַכן לעכערלעך. ס'איז אַזוי אויך גוט. אירע האָר זענען אין אָרדענונג. זי דאַרף אויסזוכן אַ מיטל ווי אַזוי צו פאַריאָגן די פיר לאַנגע שעהען.

בעלאַ לאַכט פון זיך אַליין. זי האָט נישט געוווּסט ביז איצט, אַז אויך ביי איר קאָן פּאַסירן, זי זאָל נישט קענען זיך געבן קיין עצה מיט דער צייט. אפשר וואָלט זי זיך גאָר אַראָפּגעכאַפּט צו פרוי טראַכטענבערג, וואָס וווינט צוויי טריט פון איר? זי האָט דאָך אויך באַקומען אַ טעלעגראַמע פון איר זון, אַז ער קומט צו פאָרן מיט דעם זעלביקן צוג.

ניין, באַקלערט זיך בעלאַ, צו פרוי טראַכטענבערג האָט זי איצט אַוודאי נישט קיין געדולד. אַז זי איז נישט געגאַנגען בעטן איר מאַמען גיין מיט איר צוזאַמען צום וואָקזאַל, וועט זי צו פרוי טראַכטענבערג אַוודאי

נישט גיין. זי וויל איר מאַן מקבל־פּנים זיין איינע אַליין. זי ווייסט, אַז דאָס וועט זיין אוממעגלעך, וואָרעם קומען וועט אַוודאי אַן עולם ווי צו אַ מיטינג. איין קלייניקייט: די יידישע פּריזוויליקע קומען צוריק פון פראָנט. העלדן זענען זיי. ווער וועט דאָס נישט וועלן קומען זיי דריקן די האַנט מיט דאַנק און פאַרערונג?

פאַר דעם האָט טאַקע בעלאַ מורא. זי וואָלט וועלן האָבן דעם איינדרוק, אַז האַנס קומט בלויז פאַר אירעטוועגן. דאָס זענען, ווייסט זי גאַנץ גוט, נישט אַזעלכע געפילן, מיט וועלכע מען דאַרף שטאָלצירן. יעדע יונגע פרוי וויל צוציִען אויף זיך גאָר די אויפמערקזאַמקייט פון איר מאַן. אויף אַנדערע זאָל ער נישט קוקן, מיט אַנדערע נישט אויסרעדן קיין וואָרט, ווייניקסטנס, נישט אין דער מינוט נאָכן אַרויסשטייגן פון צוג. זי קאָן זיך אָבער נישט העלפן. ביז איצט האָט זי אַליין נישט געוווּסט, אַז אויך זי קאָן ווערן אייפערזיכטיק, אויך זי פאַרלאַנגט איינזאַמקייט — זאַלבעצווייט.

וועט זי פאַרבלייבן ביי זיך אין צימערל, פאַרבלייבן מיט אירע געדאַנקען און עס וועט שוין ווי נישט ווי פאַרבייגיין די טויטע צייט.

זיך זעצן לייענען אַ בוך קאָן זי נישט. אפשר גאָר אָנשטעלן דעם ראַדיאָ? ס׳איז גראָד איצט די שעה פון אינפאָרמאַציע.

זי דערלאַנגט אַ שפּרונג פון דער שטול גלייך עמעצער וואָלט איר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ: היטלערס חיילות האָבן אַריינמאַרשירט קיין ווין!

ס׳איז איר אויך פּלוצלינג קלאָר געוואָרן אַן אַנדער צוזאַמענהאַנג: די לעצטע שעה פון דער שפּאַנישער רעפּובליק האָט איצט געשלאָגן. נישט אויף אורלויב קומט האַנס, נאָר אויף שטענדיק. עס רעדט זיך אַזוי: אויף שטענדיק. ווער ווייסט צי די גרויסע, די צווייטע וועלט־מלחמה, פאַר וועלכער די גאַנצע וועלט שרעקט זיך אַזוי, האָט זיך נישט אָנגעהויבן היינט אין דער פרי אין ווין?

בעלאַ איז אַזוי איבערראַשט געוואָרן פון דער דאָזיקער ידיעה, אַז זי האָט גענומען צווייפלען, צי זי האָט ריכטיק פאַרשטאַנען. דער ספּיקער האָט אָבער גערעדט איצט פון גאָר עפּעס אַנדערש, זי האָט געוואָלט זיך נאָכפרעגן ביי אירע שכנים, צי זי האָט נישט געהאַט אַ מאָל אַ טעות, צי ס׳איז טאַקע ריכטיק, אַז היטלער האָט איינגענומען ווין.

זי האָט אָנגעקלאַפּט ביי איר שכן אין טיר.

— אַ גוט־מאָרגן, מיין הער!

— גוט־מאָרגן, מאַדאַם! ס׳איז עפּעס וואָס געשען ביי אייך? איר זעט אויס ווי אַן איבערגעשראָקענע.

— גאָרנישט... זאָגט מיר, איר האָט עס אויך געהערט? ס׳איז אמת, אַז די נאַציס האָבן פאַרנומען ווין?

— פון וואַנען ווייסט איר? איך בין נאָך נישט אַרויסגעגאַנגען היינט פון שטוב און האָב נאָך נישט געלייענט קיין מאָרגן־צייטונג.

— איך האָב עס אָקערשט געהערט אין ראַדיאָ.

— אויב אַזוי איז דאָס אַוודאי אמת. אָבער פאַר וואָס זענט איר, מאַדאַם, אַזוי צעשראָקן? איר האָט עמעצן אין עסטרייך? אין ווין?

— ניין, קיינעם נישט, אָבער פאַרדריסן פאַרדריסט מיך פאָרט.

— מיך אויך, מאַדאַם, איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, אָבער קעגן אים איז גאָר נישטאָ וואָס צו טאָן. ער וועט נאָך אַריינמאַרשירן אין פּאַריז אויך, איר וועט זען, מאַדאַם.

— מעגלעך...

— נישט בלויז מעגלעך, מאַדאַם, ס׳איז געוויס. איר וועט זען, מאַדאַם. אַלע זענען אָנגעשראָקן, אַלע גיבן אים נאָך... שעמט ער זיך נישט און מאַרשירט אַריין וווהין נאָר ער וויל.

— איז טאַקע נישט פאַראַן קיין עצה קעגן אים?

— אפשר יאָ, אָבער מיט דעם איינציקן תנאַי, מען זאָל מיך מאַכן פאַר אַן אויסערן־מיניסטער. איך וואָלט שוין געוווסט, מאַדאַם, ווי אַזוי צו רעדן מיט אים; איך איינער וואָלט געוווען פעיִק אָנצוטאָן אַ צוים אויף זיינע דייטשישע גלוסטעניִשן... אָבער אַזוי ווי איך ווייס, אַז קיינער וועט מיך נישט מאַכן פאַר אַן אויסערן־מיניסטער, האַלט איך, אַז איירָאָפּע איז פאַרלוירן, „קאַפּוט״, ווי די „באָשן״ זאָגן... אָבער, מאַדאַם, איך בעט ביי אייך אַנטשולדיקונג, איך לאָז אייך שטיין אויף דער שוועל. קומט אַריין אויף אַ ווײַלע צו מיר. אייך וועל איך אויסזאָגן מיין פּלאַן, ווי איך וואָלט געהאַנדלט ווען מען מאַכט מיך פאַר אַן אויסערן־מיניסטער...

— ניין, איך דאַנק אייך זייער. ס׳איז טאַקע טשעקאַווע צו הערן, וואָס

פאַר אַ פּלאַן איר פאַרמאַגט, נאָר איך אייל זיך... אַן אַנדערש מאָל... זאָגט מיר אָבער פון וועלכן לאַנדווילט איר ווערן אַן אויסערן־מיניסטער: פון אייער היימלאַנד, פון גריכנלאַנד, אָדער פון פראַנקרייך?

בעלאַס שרעק האָט זיך איינגעשטילט. די וויציקע רייד פון איר שכן, דעם עלטערן סימפּאַטישן גריכישן אינזשעניר, האָבן אויף איר גוט געווירקט. זי האָט ליב פון צייט צו צייט צו כאַפּן אַ שמועס מיט אים. אויך דאָס מאָל איז זי אים דאַנקבאַר פאַר זיינע חכמות, וואָלט זי זיך נישט געאיילט אויף אַן אמת, וואָלט זי אָנגענומען זיין איינלאַדונג און וואָלט דעם שמועס פאַרלענגערט.

בעלאַ גייט צוריק אַריין צו זיך אין צימערל. זי טוט זיך אָן דעם מאַנטל, און כאָטש זי האָט נאָך גענוג צייט, גייט זי דאָך צום אויסטערליצער וואָקזאַל.

אָבער וואָס האָט זי זיך געאיילט? ס'איז נאָך זייער פרי, צו פרי צו פאָרן צום צוג, וועט זי טאָקע צו ערשט גיין זאָגן אַ „גוט־מאָרגן" איר מאַמען. איר טאַטע, איר מאַמע, אירע ברידער און שוועסטער — אַלע וויסן זיי פון דער טעלעגראַמע, וואָס זי האָט באַקומען. זי וואָלט זיי סיי ווי אַלעמען מיטגענומען צום וואָקזאַל. דער טאַטע אירער איז לכבוד דעם היינט נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט, און שעפּסעלע וועט אין דער סאָרבאָנע נישט גיין — האָט ער איר נעכטן געזאָגט. דאָס, וואָס זי האָט האַנסן געוואָלט באַגעגענען איינע אַליין, איז נישט מער געווען ווי אַ נאַרישער קאַפּריז. סיי ווי וואָלט פון דעם זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. איבעריקנס, זענען איצט פאַראַן וויכטיקערע זאַכן אויף דער וועלט: היטלערס חיילות האָבן היינט אין דער פרי אַריינמאַרשירט קיין ווין.

# קאַפּיטל 77

וואָלט דער צוג פון פּערפּיניאַן געקומען שפּעט אין אָוונט נאָך דער אַרבעטצייט, אָדער אַרום מיטאָגצייט, אָדער גאָר אין אַ זונטיק, וואָלט מסתמא קיין פּלאַץ נישט געווען אין דעם גרויסן אויסטערליץ־וואָקזאַל פאַר אַלע, וואָס זענען געקומען מקבל־פּנים זיין די מיליציאָנערן.

חוץ דער גאָר קליינער יידישער גרופּע פון דער באַטווין־קאָמפּאַניע. חוץ די צען אָדער צוועלף ביים לעבן און מער וויניקער ביים געזונט גע־בליבענע, האָט דער דאָזיקער צוג געבראַכט צו פירן אויך פערציק פאַר־וווּנדעטע פראַנצויזן, איטאַליענער און פּאָליאַקן, כדי זיי אַריינצוגעבן אין דעם אָבאַן־שפּיטאָל. אויף טראָגבעטלעך האָט מען די שווער־פאַרוווּנדעטע אַרויסגעטראָגן פון די וואַגאָנען.

דאָך איז דער עולם געווען אַזוי געדיכט, אַז אויפן פּעראָן איז זייער שווער געווען זיך דורכצושטופּן. אַ מאַניפעסטאַציע ביים אָנקומען פון צוג איז נישט פאָרגעקומען, לאָזונגען האָט קיינער נישט געוואָרפן, די „מאַר־סעליעזע" און דעם „אינטערנאַציאָנאַל" האָט מען נישט געזונגען. אַלע האָבן געפילט זייער שוואַכקייט לגבי די געשעענישן אין דער וועלט.

ווי עס ווייזט אויס, האָבן די פּאַסאַזשירן שוין געקענט די נייעס וועגן וויך. עס קוקט אויס, ווי זיי וואָלטן זי אַראָפּגעבראַכט פון שפּאַניע, פון באַרצעלאָנע, ווו די דייטשישע און די איטאַליענישע באָמבאַרדירער האָבן אין די לעצטע טעג געזייט טויט און פאַרוויסטונג. באַרצעלאָנע איז שווער באַשאָסן געוואָרן דורך דער פאַשיסטישער אַוויאַציע. ווין אָבער האָט זיך אונטערגעגעבן פרייוויליק, איז זי טאַקע נישט באַשאָסן געוואָרן דורך די נאַצישע באָמבאַרדירער. דאָ האָט די פינפטע קאָלאָנע גוט געאַרבעט. זי האָט אויפגעמאַכט טיר און טויער פאַר די נאַצישע חיילות. דאָך דוכט זיך בעלאַן,

אַז די דאָזיקעביידע געשעענישן זענען ענג פאַרבונדן צווישן זיך. איינע קאָן מען זיך נישט פאָרשטעלן אָן דער צווייטער.

איצט איז צוגעקומען נאָך אַ דריטע געשעעניש: די ביים לעבן געבלי־בענע יידישע פּריוויליקע קערן זיך אום צוריק קיין פּאַריז. ווייניק איז פון זיי געבליבן. אַ טייל איז געפאַלן, אַ צווייטער טייל קעמפט נאָך אין די שוצגראָבנס, און ערטערווייז — אויף די באַריקאַדן. שפּאַניע איז איבער־געשניטן געוואָרן אויף דער העלפט. ווי לאַנג וועט זיך נאָך האַלטן די רעפּובליק אויפן שמאָלן פּאַס ערד? ווער ווייסט?

האַנס בוימאַן ווייסט אויך, אַז ווין איז געפאַלן. איצט אָבער וויל ער וועגן דעם נישט רעדן. ער וויל צו ערשט קומען אַ ביסל צו זיך. אין זיינע אויערן רוישן נאָך די באָמבעס פון די לעצטע טעג אין באַרצעלאָנע. ער האָט דאָס אַלץ פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך.

— וועסט לייענען מיין טאָגבוך, מיין טייערע בעלאַ — זאָגט ער צו איר — דו ווייסט? עס זענען פאַראַן זייטלעך אין מיין טאָגבוך, וואָס איך האָב ספּעציעל פאַר דיר געשריבן. איך האָב געוואָלט, אַז מיינע לעצטע גע־דאַנקען זאָלן דיר געהערן, בעלאַ, מיין טייערע.

זי קוקט אים אָן מיט צערטלעכקייט. טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן. זיינע רייד האָבן זי שטאַרק גערירט.

— איך האָב געוואָלט — זאָגט ער ווייטער — אַז מיינע געפילן צו דיר זאָלן נישט פאַרלוירן גיין, אַז אָן עכאָ זאָל כאָטש בלייבן.

— וואָס טויג מיר אָן עכאָ — פּיעשטשעט זי זיך — אַז איך הער דיין קול, אַז איך הער דיך אַליין?

— יאָ, מיין ליבע! איצט גייען מיר צוזאַמען איינער לעבן אַנדערן, געאַ־רעמט, אַזוי ווי ס׳וואָלט גאָרנישט נישט געשען, אָבער דאָרט אויפן פראָנט, אין שוצגראָבן, אָדער אין מיטן פעלד, ביסטו פיזיש געווען ווייט פון מיר, יעדן מאָמענט האָב איך געקאָנט פאַלן, דערהרגעט ווערן. ווי אַזוי וואָלטסטו געוווּסט, אַז איך טראַכט פון דיר, און ווידער אַ מאָל פון דיר? ווי אַזוי וואָלטסטו עס געוווּסט, ווען איך וואָלט נישט טאָג־איין טאָג־אויס אַריינ־געשריבן אַ זייטל, אַ פּאָר שורות, אין מיין טאָגבוך?

בעלאַ דערציילט איר מאַן דעם קורצן שמועס, וואָס זי האָט געהאַט מיט איר שכן דעם גריך. פּלאַטאָן הייסט ער. פּונקט אַזוי ווי דער פּאַר־צייטיקער גריכישער פילאָזאָף.

— ניין, דו קענסט אים נישט. ער האָט זיך אַריינגעקליבן אַהער נאָך דיין אָפּפאָר קיין שפּאַניע. אַ וויציקער מענטש איז ער. אין ראַדיאָ האָט מען געהאַט איבערגעגעבן וועגן דער היטלעריסטישער אינוואַזיע אין עסטרייך. אַ צעטומלטע בין איך געוואָרן. איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. בין איך אַרויסגעלאָפן פון שטוב און האָב אָנגעקלאַפּט ביי אים אין טיר. היטלער, האָט ער מיר געזאָגט — קיין פּאָליטיקער, קיין דיפּלאָמאַט, קיין סטראַטעגיקער וועט אים נישט בייקומען. זיי זענען אַלע צו קלוג, צו געלערנט, צו געשיקט פאַר אים. מיט אים דאַרף מען רעדן גאָר אַנדערע דיבורים. היטלער איז נישט קיין מענטש פון דער מאָדערנע געשיכטע. ער געהערט אַפילו נישט צום מיטל־עלטער, אָדער צו דער אַלטער צייט, ניין, ער קומט פון דער פאַרגעשיכטע, ווען מענטשן האָבן נאָך געלעבט אין די היילן, אין די וועלדער. דאַרף איצט קומען עמעצער, וואָס קען די פּסיכאָלאָגיע פון די אורמענטשן, ווי ער, צוםביישפּיל, דער אַלטער גריך. ער, אונדזער שכן, וואָס האַלט זיך פאַר אַ גילגול פון דעם אורמענטש, וועט מיט אים פאַרהאַנדלען. ער וועט אים בייקומען...

— אייל זיך נישט! מאָרגן איז אויך אַ טאָג. ער אַנטלויפט נישט פון דאַנען, דער גריך.

— די געשיכטע פון דער מענטשהייט ווערט איינגעטיילט, ווי דו ווייסט, אין דריי הויפּט־תקופות: אַלטערטום, מיטל־עלטער און מאָדערנע צייט. די איינטיילונג איז אַ קינסטלעכע, אַן אויסגעטראַכטע, אָבער אַ גאַנץ באַקוועמע פאַר דעם לימוד פון דער געשיכטע, וואָס האָט ליב זיך צו שטיצן אויף שריפטלעכע דאָקומענטן, אָבער אין דער אמתן פאַרמאָגן מיר אַלע פאַרגעשיכטע. מיר קענען זי נישט, מיר ווייסן נישט רעכט, ווי אַזוי זי האָט זיך אַנטוויקלט, און היטלער קומט טאַקע אַרויס דירעקט פון דער גערמאַנישער פאַרגעשיכטע, דער שכן אונדזערער האָט אים ריכטיק כאַראַקטעריזירט.

— זעסטו שוין — רופט זיך אָפּ בעלאַ מיט אַ שמייכעלע.

— איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט בין איך געווען אַ פּראָפעסאָר פון דער דייטשישער פאַרגעשיכטע, אָבער ביז צו דעם גריך האָב איך, ווייזט אויס, גאָרנישט פאַרשטאַנען, איך האָב נישט געזען דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דער גערמאַנישער פאַרגעשיכטע און היטלערן און געבעלסן. איך האָב נישט אַרויסגעצויגן די געהעריקע מסקנות נישט פון דער פאַרגעשיכטע, נישט פון די געשעענישן. אויך די דאַטעס פון מיין פּראָפעסאָריש־אָפיציעלער געשיכטע־פילאָזאָפיע האָבן נישט געפונען קיין אָנשלוס אין די דאַטעס פון מיין פּריוואַט־לעבן. געשיכטע באַזונדער און פּריוואַט־לעבן באַזונדער.

יאָ, אַ קענער פון דער געשיכטע איז בוימאַן געוואָרן ערשט דאַן, ווען היטלער האָט אים פאַריאָגט פון דער דייטשישער געשיכטע־קאַטעדרע, ווען ער האָט געקומען שטודירן די געשיכטע פון זיין צייט אויף זיין אייגענעם לייב און לעבן אַזוי צו זאָגן. און נאָך האָט ער זיך דערוווּסט — אַז עס איז פאַראַן אויך אַ פּריוואַט־געשיכטע, וואָס לאָזט זיך נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, אַ פּריוואַט־געשיכטע, אין וועלכער עס דאָמינירט טייל מאָל די אָדער יענע דאַטע.

אַזאַ מין דאַטע איז אין זיינע אויגן דער דרייצנטער מערץ 1938. דעם דרייצנטן מערץ איז ער צוריקגעקומען פון שפּאַניע.

צוריקגעקומען — ער ווייסט אַליין נישט ווי דאָס אָנצורופן — אַ באַזיגטער, אַ צעטומלטער, פון דער היינטצייטיקער געשיכטע, אין וועלכער ער באַטייליקט זיך אַקטיוו און אינטענסיוו.

דער 13טער מערץ איז אָבער אויך אַן אַלגעמיין וויכטיקע דאַטע. היטלערס חיילות האָבן אַריינמאַרשירט קיין ווין.

האַנס און בעלאַ האָבן זיך באַמיט אויסצוטיילן פון דער דאָזיקער דאַטע איר גוטן באַטייט. זיין צוריקקער געהערט נאָר זייביידן, ווייטער קיינעם נישט, אַפילו נישט דער פאַמיליע, זיי איז געלונגען זיך אָפּצוטיילן פון דעם גרויסן עולם און אַוועק פון דעם וואָקזאַל אַן באַגלייטונג. בעלאַ

איז געווען דאַנקבאַר אירע פֿריינד און חברים פֿאַרן טאַקט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן.

ס'האָט זיך בעלאַן געדוכט, אַז זי באַגעגנט זיך מיט אַ געליבטן ערגעץ ווייט פֿון אַ בייז אויג. די דאָזיקע באַגעגעניש איז געווען אַזאַ שטילע, אַזאַ פֿאַרבאָרגענע, אַז זיי האָבן זיך עפּעס ווי געשעמט איינער פֿאַרן צווייטן.

## קאַפּיטל 78

איבער פּאַריז — דעם טראַדיציאָנעלן עיר־מקלט — האָט אַ פּלייץ געטאָן אַ נייע כוואַליע פון יידישע פּליטים. אין די אַלטע פּליטים־קאָמיטעטן און וווילטעטיקייט־אָרגאַניזאַציעס האָט געגומען רוישן און הודזשען. נייע קאָמיטעטן האָבן זיך געגרינדעט. יעדער פון די פּליטים קומט אַהין מיט זיין פּריש־צאַפּלדיקער געשיכטע. מיט עטלעכע טעג צוריק איז ער נאָך געווען אַ דאָקטער, אַן אַדוואָקאַט, אַ רייכער סוחר, געהאַט אַ פאַרגאַנגענהייט, אַ שפּראַך, אַ פאָטערלאַנד, אַ קולטור. היינט פאַרמאָגט ער נאָר דעם נאַקעטן נפש זיינעם און ער ווייסט נישט ווי אַזוי ער וועט קאָנען דעם דאָזיקן נפש זיינעם באַקליידן, באַשוכן, שאַפן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

דערווייל גייט דאָס לעבן וויטער מיט זיין געוויינלעכן גאַנג. מען לעבט „חיי שעה" און מען פּילט זיי אויס מיט אַרבעט אין פאַבריק, אין אַטעליע, אין ביוראָ און אין שטוב. חוץ אַרבעט זענען נאָך פאַראַן פאַרשי־דענע פאַרוויילונגען, ווייל אָן פאַרוויילונגען קאָן מען היינטיקע צייטן, זאָגט מען, פּונקט אַזוי ווייניק אויסקומען ווי אָן ברויט.

נאָך דער גרויסער עמיגראַנטן־כוואַליע פון עסטרייך האָט זיך דאָס סאָלידאַריטעט־געפיל פון די פּאַריזער יידן נאָך מער פאַרשטאַרקט און די בייטלען פון די סאַמע קאַרגסטע יידן האָבן זיך ברייט צעעפנט.

די פּליטים זענען אומעטום. כמעט אַלע וווינען זיי אין קליינע האָטעל־צימערלעך, און דאָס גופא איז איינע פון די סיבות פון זייער זיין אומע־טום, זיי און זייערע מעשׂיות, זייערע זכרונות, זייערע שרעק־וויזיעס.

די יידישע פּליטים פון עסטרייך האָבן נישט אַזעלכע גרויסע שווע־ריקייטן, ווי די יידישע פּליטים פון דייטשלאַנד, אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט דער יידישער עמיגראַנטישער געזעלשאַפטלעכקייט פון פּאַריז. אויב נישט זיי גופא, האָבן לכל הפּחות פיל פון זייערע עלטערן, זיידעס און

באַבעס געשטאַמט פון פוילן, פון גאַליציע, פון בוקאָווינע, און עס דויערט נישט לאַנג ביז זיי וואָרצלען זיך איין אין דער אַלגעמיינער יידישער אויס־לענדישער אויסגעוואָרצלטקייט.

צו ביסלעך זענען זיי אַפילו אויך אַריינגעדרונגען אין די יידישע עמיגראַנטישע אָרגאַניזאַציעס און פאַמיליעס. מיט דער צייט וואָלט מען אפשר נישט געקאָנט מער אונטערשיידן צווישן זיי און די עמיגראַנטן פון פוילן, ליטע און רומעניע. אָבער די געשעעענישן זענען נישט געבליבן שטיין אויף אַן אָרט. באַלד, געגוי אין זעקס חדשים אַרום, איז געקומען די צווייטע אָדער די דריטע „ערד־ציטערניש": סודעטן און דערנאָך גאַנץ טשעכאָסלאָוואַקיע. און ווידער האָט די וועלט איינגעהאַלטן איר אָטעם. ווידער האָבן אַלע זיך געכעסט, געשטוינט, מאַניפעסטירט און באַשלאָסן, ווי עס וואָלט טאַקע געווען מעגלעך מיט רעזאָלוציעס, מיט רייד און מיט מאַניפעסטאַציעס אָפּצוהאַלטן דעם הוראַגאַן.

פּאַריז שטעקט אין טיפן האַרבסט. דער הימל איז גרוי, דער ווינט שפּילט זיך מיט די געלע בלעטער אויף די בולוואַרן. אַ כמאַרע הענגט אויף די געמיטער.

וועט דער היטלער־הוראַגאַן זיך אַ לאָז טאָן איבער גאַנץ אייראָפּע? וועט מען אים באַצייטנס צוימען? ווער וועט אים צוימען? ווי אַזוי וועט די פראַנצויזישע באַפעלקערונג רעאַגירן אויף דעם אַטענטאַט? וועט מען נישט אַ מאָל באַשולדיקן די יידן — אַלע יידן פון דער גאָרער וועלט, איבער־הויפּט די יידן פון פראַנקרייך, און גאַנץ באַזונדערס די יידן פון פּאַריז, און מער פון זיי אַלעמען די יידישע פליטים פון דייטשלאַנד — אין פּראָוואָ־קאַציע?

די דאָזיקע פראַגע איז געהאַנגען אויף די ליפּן פון די יידן, וואָס האָבן אויפן בעלוויל און אין די אַנדערע יידישע פּאַריזער קוואַרטאַלן באַלאַגערט די צייטונגס־קיאָסקן. אין געציילטע מינוטן האָבן זיי אויסגעקויפט דעם גאַנצן באַרג צייטונגען, וואָס האָבן אין גרויסע איבערשריפטן געבראַכט צו טראָגן די ידיעה וועגן דעם אַטענטאַט אין דער דייטשישער אַמבאַסאַדע, וואָס איז פאָרגעקומען אין די פריִע שעהען פון דעם זיבעטן נאָוועמבער.

די דאָזיקע איבערשריפטן האָבן ווי געוואָרגן די יידישע לייענער.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נישט געטרויט צו לייענען ווייטער; איבערגעשראָקענע און צעטומלטע האָבן זיי נאָכן איבערלייענען די איבער־שריפט גענומען זשעסטיקולירן מיט די הענט.

— איר הערט? הערשל הייסט ער, הערשל גרינשפּאַן! — שרייט אויס אַ ייד מיט אַ צעדרייטן קאַפּעלוש אויפן קאָפּ — הערשל גרינשפּאַן הייסט ער.

— הערשל פייבל גרינשפּאַן — פּאָכעט אַ צווייטער מיט זיין צייטונג.

— ס'איז אַ גרייז — רופט זיך אָפּ אַ דריטער — די פראַנצויזן וויסן נישט ווי צו שרייבן יידישע נעמען. פייוול הייסט ער, נישט פייבל.

— וואָס איז דער אונטערשיד? — מישט זיך אַריין אַ פרוי — פייוול אָדער פייבל. אַ ייד איז ער? וואָס דאַרפט איר נאָך מער?

— אויף וועמען האָט ער געשאָסן?

— אויף דער דייטשישער אַמבאַסאַדע האָט ער געשאָסן?

— אויף דער דייטשישער אַמבאַסאַדע האָט ער געשאָסן, אויף היטלערן...

— וואָס פּלוידערט ער? ווי קומט היטלער אין פּאַריז? אויף אַ דייטשישן דיפּלאָמאַט האָט ער געשאָסן.

— וואָס פאַר אַן אונטערשיד? אַבי געשאָסן. זאָל די וועלט זען, אַז יידן זענען נישט קיין פּחדנים...

— קיין גרויסן מוט צו דערשיסן אין פּאַריז אַ דייטש דאַרף מען נישט האָבן...

— אַזוי גאָר? קוקט נאָר אָן דעם העלד. לייען ערשט וואָס עס שרייבט די צייטונג. אויב דו קאָנסט נישט קיין פראַנצויזיש, וועל איך דיר איבער־זעצן.

— איך קען פראַנצויזיש אָן דיר אויך.

— טאָ גיי געזונטערהייט...

דער ייד האָט אָבער דווקא יאָ געוואָלט וויסן, וואָס די צייטונג שרייבט וועגן דעם אַטענטאַט, וועגן הערשל פייוול גרינשפּאַן, וואָס האָט דערשאָסן אַ דייטשישן דיפּלאָמאַט אין דער דייטשישער אַמבאַסאַדע.

ווי אומגלייבלעך עס זאָל נישט קלינגען די איבערזעצונג פון דער

קליינער נאָטיץ מיט דער גרויסער דיקער איבערשריפט, שטעלט זיך אַרויס, אַז דער אַטענטאַטאָר, איבער דעם דייטשישן דיפּלאָמאַט אין דער אַמבאַסאַדע פון רי דע ליל, איז טאַקע אַ יידיש בחורל פון אַ יאָר זיבעצן. הערשל פּיוול, אָדער פּיוול גרינשפּאַן הייסט ער. ער שטאַמט פון דייטשלאַנד, פון האַנאָווער. דאָרט איז ער געבוירן געוואָרן, אָבער זיינע עלטערן שטאַמען פון פּוילן. דאָס זאָל טאַקע זיין די סיבה פון דעם אַטענטאַט. אַזוי האָט ער געזאָגט.

— ווער?

— הערשל גרינשפּאַן, פאַרשטייט זיך. איידער ער האָט זיך אויף אים געצילעוועט האָט ער אויסגעשריגן, אַז ער וויל נקמה נעמען פון אים פאַר גאָר דער פּיין, וואָס מען האָט יידן אָנגעטאָן אין דייטשלאַנד.

— און איך מיין, אַז ס'איז נישטאָ וואָס זיך צו פרייען מיטן אַטענטאַט... ווער ווייסט וואָס פאַר אַ נייע גזירות עס וועלן זיך נעמען שיטן אויף די דייטשישע יידן. הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן. נאָר דער אַטענטאַט געפעלט מיר נישט.

— גערעכט. אַזאַ אַקט קאָן אונדז אַלעמען קאָסטן טייער. וואָלט ער כאָטש געשאָסן אויף היטלערן, ווייניקסטנס אויף געריגגן אָדער געבעלסן, אָבער דער, ווי הייסט ער?

— פאָן ראַט הייסט ער.

— נישט כדאַי געווען אַ קויל אויסצובערענגען אויף אַזאַ קליין הינטל.

אין אַזאַ שטאָט ווי פּאַריז קומען פאָר טאָג־טעגלעך קאַטאַסטראָפעס אָן אַ שיעור. פאַראַן זשורנאַליסטן, רעפּאָרטערס, כראָניקערס, וואָס ווייסן ווי אַזוי אויסצוטייטשן יעדע מין קאַטאַסטראָפע, אַזוי אַז די רעדאַקטאָרן זייערע זאָלן זיין צופרידן. פאַראַן אויך לייענער, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט איבערצוכיטרעווען די אַרטיקל־שרייבערס און אַרויסצודרינגען פּונקט דעם היפוך פון דעם, וואָס זיי שרייבן.

פאַראַן אויך אַ רובריק אין אַלע צייטונגען, וואָס טראָגט דעם טיטל „פע דיווער”, ד"ה פאַרשידענע געשעעניש, ווי למשל: רויב, מאָרד, גניבות, שׂרפות, ערד־ציטערנישן, אינוואַזיע פון די מאַרס־מענטשן, פאַר־

גוואַלדיקונג, מעשׂיות פון סאַטירן און נאָך און נאָך אַזעלכע געשיכטעס, וואָס פאַרגרעסערן דעם טיראַזש פון די צייטונגען.

אָבער אַן אַטענטאַט אויף אַ דייטשישן דיפּלאָמאַט אין מיטן דער מעשׂה מינכען, ווען דאָס צינגל פון דער וואָגשאָל, אויף וועלכער די וועלט־געשעענישן ווערן געוויגן, וואַקלט זיך נאָך אַהער און אַהין, אַן אַטענטאַט, וואָס אַ ייד באַגייט אויף אַ פאַרשטייער פון נאַצי־דייטשלאַנד — ווי אַזוי זאָל מען אים באַהאַנדלען? אַזאַ מין אַטענטאַט איז בלויז אַ קאָפּ־פאַרדרייע־ניש, וואָס צעטומלט אי דעם רעדאַקטאָר, אי דעם אַרטיקל־שרייבער, אי די אַזוי גערופענע עפנטלעכע מיינונג.

איז טאַקע די מהומה אין די רעדאַקציעס אין דער נאַכט פון זיבעטן אויפן אַכטן נאָוועמבער געווען גאָר גרויס. אַפילו אין די רעדאַקציעס פון די פראַנצויזישע צייטונגען האָט מען זיך גענוג געבראָכן דעם קאָפּ, אין וואָס פאַר אַ טאָן צו באַשרייבן דעם דאָזיקן מאָרד, בפרט אין די רעדאַקציעס פון די יידישע צייטונגען.

ווער איז גרינשפּאַן? וואָס איז גרינשפּאַן? וואָס וועט פון דעם אַרויס־קומען?

זיין בילד, פאַרעפנטלעכט דורך אַלע אָוונט־צייטונגען, איז יעדן יידן פאַרגעקומען באַקאַנט, גלייך ער וואָלט געווען זיינער אַ חבר פון תּמיד אָן, און צו גלייכער צייט אַ שטיק לעגענדע, שיִער נישט אַ פאַנטאָם, וואָס האָט מיט דער וואָרער ווירקלעכקייט גאָרנישט צו טאָן.

הערשל האָט אָנגעגעבן ווי אַ מאָטיוו פון זיין אַטענטאַט זיין ווילן זיך נוקם זיין אין די דייטשן פאַר דעם גירוש פון זיינע עלטערן פון דייטשלאַנד קיין זבאָנשין, „קיינעמסלאַנד”.

אין איין טאָג האָט מען אַרעסטירט אין דייטשלאַנד די יידן מיט פּוילישע פּעסער, אַריינגעזעצט אין לאַסט־וואַגאָנען און אַריבערגעוואָרפן איבער דער דייטש־פּוילישער גרענעץ: גייט אייך, פון וואַנען איר זענט מיט צענדליקער יאָרן צוריק געקומען, און קיין זכר זאָל דאָ פון אייך נישט בלייבן!

נאַקעט און הויל, אָן עסן און אָן טרינקען, אָן אַ פּעניג אין קעשענע, האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווו זיי האָבן אַזוי לאַנג געלעבט, געאַרבעט, חתונה געמאַכט קינדער, זיך געשאַפן אַ היים, איבערגענומען

די שפּראַך און די קולטור פון זייער אומגעגנט. געווען זקנים צווישן זיי, שוואַכע און קראַנקע, וואָס מען האָט אַרויסגענומען פון די שפּיטעלער, אַרויסגעריסן פון זייערע בעטן. עס האָט נישט געהאָלפן קיין וויינען און קיין קלאָגן.

אויף אַ שמאָלן פּאַס לעבן דער גרענעץ, אויף דער פּוילישער זייט, האָט מען זיי קאָנצענטרירט אויפן פרייען פעלד און מען האָט זיי ווייטער נישט געלאָזט פאָרן.

נאָך דעם ווי גרינשפּאַן האָט דעם דריטן נאָוועמבער דערהאַלטן אַ בריוו פון זיין שוועסטער, אין וועלכן זי האָט אים געשילדערט דעם טרויעריקן מצב אירן און די פאַרצווייפלונג פון טאַטע־מאַמע, האָט ער פיר טעג נאָך אַנאַנד אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די פּאַריזער האַרבסטיקע גאַסן און בולוואַרן.

עס האָט גערעגנט, דער הימל איז געווען גרוי, אָבער ער האָט זיך דערפילט באַפרידיקט מיטן באַשלוס, וואָס ער האָט אָנגענומען. זאָל זיין וואָס עס וועט זיין. אויף אים, אויף דעם זיבעצן־יאָריקן הערשלען, איז אויסגעפאַלן דער גורל זיך מקריב צו זיין. ווער ווייסט צי די יידן וועלן ווי געהעריק אָפּשאַצן זיין אַקט.

די פראַנצויזישע אוונט־צייטונגען האָבן דערציילט, אַז דער זיבעצן־יאָריקער הערשל גרינשפּאַן איז געקומען אין דער דייטשישער אַמבאַסאַדע און האָט דערקלערט, אַז ער האָט אַ וויכטיקן געהיימען דאָקומענט, וואָס ער וויל איבערגעבן דעם אַמבאַסאַדאָר.

היות ווי דער אַמבאַסאַדאָר איז גראָד געווען אַוועקגעגאַנגען, איז הערשל אויפגענומען געוואָרן דורך זיין סעקרעטאַר פאָן ראָט. הערשל גרינשפּאַן האָט אויסגעשאָסן פינף קוילן אין אים. דערנאָך האָט זיך דער רעוואָלווער פאַרהאַקט און די זעקסטע קויל איז געבליבן שטעקן אינעווייניק. אַזוי אַרום האָט הערשל נישט געקאָנט באַגיין זעלבסטמאָרד, ווי ער האָט זיך געהאַט פאַרגענומען. ס'איז אים באַשערט געווען צו בלייבן לעבן.

דאָס אייגענע איז געהאַט געשען מיט דוד פראַנקפורטער מיט עטלעכע יאָר צוריק אין דאַוואָס.

אין דער קעשענע ביי הערשלען, שרייבן די צייטונגען, האָט מען

געפונען אַ בריוו צו זיינע עלטערן, וואָס ער האָט געהאַט געשריבן אין דער פרי און האָט נישט באַוויזן אָוועקצושיקן, אַ בריוו, אין וועלכן ער גיט אָן די מאָטיוון פון דעם פאַרצווייפלונגס־אַקט. דער אינהאַלט פון דעם בריוו איז געווען כמעט דער זעלביקער, וואָס אין דעם בריוו, וואָס מען האָט געהאַט געפונען ביי פראַנקפורטערן.

## קאַפּיטל 79

ווי יעדע וואָך, זענען אויך דעם דאָנערשטיק אָוונט בעלאַ מיט איר מאַן געקומען צו די עלטערן אויף אָוונטברויט.

האַנס האָט דאָס מאָל מיטגעבראַכט אַ פּעקל דייטשישע עמיגראַנטן־צייטונגען. אַלע זענען זיי פול מיט גרויל־ידיעות פון דער „קרישטאָל"־נאַכט, ווי די דייטשן האָבן אָנגערופן די נאַכט פון „לאַנגן מעסער".

אין אַלע טיילן פון דייטשלאַנד און עסטרייך איז דער נאָוועמבער־פּאָגראָם אויסגעבראָכן אין דער זעלבער צייט. די שולן, די סינאַגאָגעס אַזוי גוט אין דייטשלאַנד, ווי אין עסטרייך, זענען אונטערגעצונדן געוואָרן כמעט אין דער זעלבער שעה.

אין מוח פון האַנס בוימאַן, דעם געוועזענעם פּראָפעסאָר פון דער אורגערמאַנישער געשיכטע און מיטאָלאָגיע, האָט פּלוצלינג אויפגעבליצט אַ געדאַנק: ס'איז גריילעך מעגלעך, אַז די דייטשן האָבן אין דער דאָזיקער נאַכט פּראָקלאַמירט די מלחמה אויף לעבן און טויט קעגן די יידן פון דער גאָרער וועלט.

אָט האָבן די דייטשן אין דעם שטעטעלע קאַפּוט, לעבן פּאָטסדאַם, צע־שטערט אַ יידישן קינדער־אינטערנאַט. די קינדער זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון שלאָף און מען האָט זיי אַרויסגעטריבן אין מיטן דער נאַכט נאַקעטע אין דרויסן. זיי האָבן קוים געראַטעוועט זייער לעבן.

אין באַדען־באַדען איז די איינציקע סאַנאַטאָריע פאַר לונגענקראַנקע אין דייטשלאַנד פּאָגראָמירט און צעשטערט געוואָרן. די קראַנקע זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן אין גאַס.

אַלע קראַנקע פון יידישן שפּיטאָל אין נירנבערג האָבן געמוזט זיך אויסשטעלן מיטן פּנים צו דער וואַנט און זיך נישט באַוועגן עטלעכע שעה

נאָך אַנאַנד. איין קראַנקער ייד איז פאַר ערגעניש און ווייטיק געשטאָרבן אויפן אָרט.

אין עמס איז דער יידישער מושב־זקנים פאַגראַמירט געוואָרן און די זקנים זענען פאַרבליבן אָן אַ דאַך.

יידן צווישן 16 און 60 יאָר זענען אַרעסטירט און פאַרשלעפּט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערס. זייערע פאַמיליעס ווייסן נישט וואוהין זיי זענען אַהינגעקומען.

ווי געוווּנטשן פאַר די נאַצי־פירער איז געקומען גרינשפּאַנס אַטענ־טאַט. אויף איבערמאָרגן נאָכן אַטענטאַט איז דער פאַרוווּנדעטער דייטשישער דיפּלאָמאַט געשטאָרבן. די פּאַסיקע שעה פאַר דעם ריזן־פּאָגראָם האָט אויסגעשלאָגן.

גראָד אין דעם טאָג האָט די נאַצי־פירערשאַפט געפייערט מיט גרויס פּאָמפּע דעם יאָרטאָג פון זייער נישט געראָטענעם פּוטש אין 1923. געבעלס האָט ביי דער געלעגנהייט געהאַלטן אַ פּאָגראָם־רעדע. ער האָט דערקלערט, אַז ס'איז געקומען די צייט נקמה צו נעמען פון די יידן פאַר אַלע זייערע פאַרגאַנגענע, איצטיקע און קינפטיקע פאַרברעכנס.

פון דעם ביר־קעלער זענען באַלד נאָך זיין רעדע צעשיקט געוואָרן פּאָגראָם־באַפעלן איבער גאַנץ דייטשלאַנד און עסטרייך.

לויט דער אָפיציעלער נאַצי־סטאַטיסטיק — פירט האַנס בוימאַן אונטער דעם סך־הכל — זענען אונטערגעצונדן געוואָרן 250 סינאַגאָגעס און צוואַנציק טויזנט יידן אָן ערך זענען פאַרשלעפּט געוואָרן אין די קאָנ־צענטראַציע־לאַגערס. אָבער אין דער אמתן זענען די ציפערן אַ סך גרעסערע.

— אָט האָסטו דיר, דייטשלאַנד! — רופט זיך אָפּ יאָסל גראָסמאַן מיט אַ פאַרוואורף, גלייך ווי זיין אײדעם האַנס וואָלט דאָ געווען נישט קיין סך, נאָר לאָמיר זאָגן אַ ביסעלע, אַ קאָפּעלע שולדיק.

מאָדנע, האַנס אַליין פילט זיך אויך, ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט קלינגען, עפּעס ווי מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר די נאַצישע מעשים תעתועים.

מיט וואָס? ווי אַזוי? ער ווייסט נישט ווי דאָס צו דערקלערן. שווייגט ער. ער פאַרשווייגט זיין שווערס באַמערקונג.

דערפאַר אָבער מיינט בעלאַ, אַז זי דאַרף נעמען איר מאַן אין שוץ:

— טאַטעשי, האַנס האָט נישט קיין שום שייכות צו דייטשלאַנד.

— האָב איך דען וואָס געזאָגט? — פאַרענטפערט זיך יאָסל אַ צעטומלטער — הלוואַי וואָלטן אַ סך דייטשישע יידן געווען ווי האַנס...

— מיט וואָס אָבער זענען די איבעריקע דייטשישע יידן שולדיק? — וווּנדערט זיך האַנס, און שטילערהייט ביי זיך טראַכט ער, אַז די דייטשישע יידן האָבן געמעגט זיין אַנדערש ווי זיי זענען. זיי האָבן געמעגט זיך אויפפירן סיי פאַר היטלערס קומען צו דער מאַכט, סיי נאָך 1933 אַנדערש, ווי זיי האָבן זיך אויפגעפירט. וואָס אָבער האָבן זיי געזאָלט טאָן? ווי אַזוי האָבן זיי געזאָלט האַנדלען? אויף אָט די פראַגן געפינט אויך האַנס נישט קיין ענטפער. אָבער אַן אויפקלערונג פאָדערט ער פון זיך גופא: פאַר וואָס און מיט וועלכן ציל האָט ער זיך גופא געשטעלט אַזעלכע קלאָץ־קשיות?

— שולדיק זענען זיי טאַקע נישט אין גאָרנישט — שטאַמלט יאָסל — אָבער פון דעסטוועגן...

האַנס פאַרטיפט זיך פון דאָס ניי אין זיינע צייטונגען: די יידן ווערן אַרויסגעשטויסן פון זייערע לעצטעווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס. חוץ דעם מוזן זיי נישט בלויז באַצאָלן אַ פאַרגיטיקונג־סומע פאַר די מאַטעריעלע היזקות, וואָס זיי האָבן דורך דעם גוט אָרגאַניזירטן פּאָגראָם געליטן, נאָר אויך אַריינטראָגן אַ מיליאַרד און אַ פערטל רייכסמאַרק שטראָף. שטראָף דאַרפן זיי באַצאָלן, ווייל זיי זענען יידן און ווייל זיי זענען פּאָגראָמירט געוואָרן!

אונטערן צייכן פון אַזאַ טראַגישן אַבסורד אַנטוויקלען זיך די ווייטערדיקע געשעענישן אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך. היטלער, זעט מען באַשיימפּערלעך, פאַרנעמט זיך ערנסט צו טריומפירן אויף דער גאַנצער ליניע, אין זייער טויזנט־יאָריקן רייך אין לאַנד גופא, אַזוי גוט ווי אין אויסלאַנד.

און ווער וועט אים דען שטערן? אַלע קאַפּיטולירן זיי דאָך פאַר אים, אַלע האָבן מורא פאַר אים!

האַנס בוימאַנען דוכט זיך, אַז אַלע זיינע געשיכטלעכע קענטענישן,

נישט נאָר וואָס זיי וואַרפן נישט מער קיין שיין אויף דער צוקונפט, נאָר זיי באַלייכטן אָפילו נישט מער די פאַרגאַנגענהייט. אָן שום ספק,״ זאָגט ער זיך, דאַרף מען צו די היינטיקע געשעענישן אָנווענדן אַ גאַנץ אַנדערע מאָס ווי געוויינלעך. כדי צו באַגרייפן וואָס נישט איז, מורמלט האַנס צו זיך אַליין, איז היינט צו טאָג שוין נישט מער גענוג צו זיין אַ היסטאָריקער. מען דאַרף אויך זיין אַ פּסיכאָפּאַטאָלאָג, אַ פּסיכיאַטער, כדי צו פאַרשטיין די צעווילדעוועטע פּסיכיק פון די דאָזיקע ציוויליזירטע באַרבאַרן.

האַנס בוימאַן, דער געוועזענער דייטשישער געשיכטע־פּראָפעסאָר, האָט פון אַלע איכה־באַריכטן פון דעם נאָוועמבער־פּאָגראָם אין דייטש־לאַנד און אין עסטרייך אויסגעקליבן צו לייענען ביי זיין שווערס אָונטערברויט־טיש דווקא דאָס גבית־עדות, אין וועלכן עס איז געווען די רייד פון אַ חסידישן רבין, פון אַ רבינס אַ זון, פון אַ רבינס אַ ברודער און פון אַ ראַבי־נער אַ פּראָפעסאָר, וואָס זענען דורך די דייטשן פאַרפּייניקט געוואָרן.

לייענענדיק די באַשרייבונגען פון די יסורים, וואָס זענען אָנגעטאָן געוואָרן די דאָזיקע כלי־קודש, איז דער טאָן פון זיין קול געוואָרן נידעריקער און פינצטערער. ער האָט געהאַט אַ געפיל, ווי מען וואָלט אים געהייסן זיך אַנידערזעצן אויף אַ נידעריק בענקעלע און זאָגן מיט אַן איכה־ניגון קינות ווי אין דעם טאָג פון תשעה־באָב.

איכה־ניגון ? תשעה־באָב ?

ער האָט נישט געהאַט קיין קלאָרע פאָרשטעלונג, וואָס דאָס באַדייט. די ווערטער האָט ער געקענט, אָבער נישט דעם תוך גופא.

וויל מען דערגיין די אמתע סיבה פון דעם בלינדן אויסברוך פון דער פּאַטאָלאָגישער שנאה צו די יידן — דאַרף מען אפשר גאָר זיך פאַרקי־רעווען אויף אַנדערע וועגן.

אָט אַזוי, פון געדאַנק צו געדאַנק, פון קווענקלעניש צו קווענקלעניש, האָט דער פריידענקער און פּראָגרעסיסט, דער געוועזענער פּראָפעסאָר פון אורגערמאַנישער געשיכטע און מיטאָלאָגיע און היינטיקער מיטרעדאַק־טאָר פון אַ פּאַריזער יידישער אַרבעטער־צייטונג, זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן מיט תשובה־געדאַנקען.

ער זוכט ווי אָנצוטאַפּן דעם דופק פון יענער אַלטער און זעלבפאַר־

שטענדלעכער יידישקייט, וואָס פרעגט קיין קשיות נישט און איז פול מיט בטחון. ער זוכט ווי אַזוי צו אַנטלויפן פון דער געשיכטע און זיך באַגנוגע־נען בלויז מיט דער האָפענונג. אָבער ער ווייסט, אַז דאָס שמעקט מיט רעליגיעזע געפילן, פאַר וועלכע ער האָט שטאַרק מורא.

קיין מאָל האָט ער נישט פאַרמאָגט דאָס, וואָס מען רופט אָן רעליגיעזע געפילן, כאָטש ער קאָן נישט לייקענען, אַז זינט עטלעכע חדשים זוכט ער עפּעס אַ געלעגנהייט זיך צוצוקוקן ווי פרומע יידן דריקן אויס זייערע רעליגיעזע געפילן אין שול אָדער אין שטוב, בעת זיי באַקלאָגן דעם חורבן בית־המקדש, אָדער ווען זיי פרייען זיך מיט זייער תורה.

## קאַפּיטל 80

ווער עס האָט נישט פאַרבראַכט אַ נייאָר־נאַכט אויפן בולוואַר מאָנ־פּאַרנאַס, דער ווייסט נישט, וואָס עס הייסט אַ מגדל בבל אין דער היינטי־קער צייט.

די אַלע מענטשן וואָס זיצן אויף די געהייצטע טעראַסעס, אָדער אינע־ווייניק ביי געדעקטע טישן און פראַווען זייער נייאָר דורך עסן, דורך טרינקען, דורך רעדן, דורך לאַכן, זענען כלל נישט קיין פראַנצויזן. אויס־לענדער זענען זיי אַלע. פון אַלערליי לענדער זענען זיי געקומען אַהער, ווייל די ערד האָט געברענט אונטער זייערע פיס. איינער זיצט שוין דאָ אויפן מאָנפּאַרנאַס יאָרן לאַנג, ווער ווייסט פון וועלכע עמיגראַציע. דער צווייטער איז געקומען נעכטן.

פאַראַן אָבער אויך אַזעלכע, וואָס זענען געקומען אַהער פאַר ווילטאָג, נאָר דערפאַר, ווייל זיי האַלטן, אַז פּאַריז איז די איינציקע שטאָט, וווּ מען קאָן אַ לעב טאָן. אויסער דעם געפינען זיך דאָ טויזנטער טוריסטן, וואָס קומען אַראָפּ קיין פּאַריז נאָר אויף אַ פּאָר טעג און דאַן פאָרן זיי צוריק אַהיים.

מיט וואָס, פרעגט זיך, טיילט זיך דאָ אויס אַ נייאָר־נאַכט פון אַלע אַנדערע נעכט פון יאָר? מיט גאָרנישט, אייגנטלעך, אויסער דער דאַטע, וועלכע גיט די געלעגנהייט צו קאָנען וואַכן ביז באַגינען, ווייל דעם קומענדיקן טאָג וועט מען האַלטן צוגעמאַכט די געשעפטן, וועט מען נישט אַרבעטן און די קינדער וועלן זיין פריי פון דער שול.

מען דאַרף נישט מיינען, אַז אויף צו גיין פראַווען אַ נייאָר אויפן מאָנפּאַרנאַס דאַרף מען זיין אַ קינסטלער, אַ מאָלער, אַ סקולפּטאָר, אַ שריי־בער, אָדער ווייניקסטנס אַן אינטעלעקטועלער לײדיקגייער, מחמת די דאָזיקע געגנט, ווי באַקאַנט, איז אַ קינסטלער־געגנט. ניין, עס איז גענוג

צו זיין אַ פּליט. וואָרעם די פּליטים, אַלץ איינס וועלכע, ווייסע, רויטע אָדער בכלל פאַרבלאָזע, האָבן אַ טבע צו גיין צום מאַנפּאַרנאַס זיך טרעפן מיט אַנדערע פּליטים. אויפן מאַנפּאַרנאַס פילט מען זיך נישט אין גאַנצן אויסגעוואָרצלט פון דער וועלט. די היימלאָזיקייט איז דאָ אַ קאָסמאָ־פּאָליטישע, אַ היימלאָזיקייט ווי אויף צו פליסן. באַהעמע־מענטשן זענען אומעטום ביי זיך אין דער היים. יעדער יידישער פּליט האַלט זיך דאָ פאַר אַ שטיקל קינסטלער, במילא איז ער אויך אַ באָהעם און ער פילט זיך נישט אַזוי עלנט און פאַרוואָרפן.

אַט פאַר וואָס די קאַפע „לאַ קופּאָל" איז אויפן מאַנפּאַרנאַס אין דער נאַכט פון נייאָר 1939 דאָס פּאַסיקסטע אָרט אויך פאַר אַ באַגעגעניש צווישן די פאַמיליעס גראָסמאַן און שטיין.

אמת, זיי זענען נישט אין זייער פולן באַשטאַנד, וואָרעם דער עלטערער דור, די זיידעס און די באָבעס, און צום גרויסן טייל אויך די טאַטעס און די מאַמעס, זענען פאַרבליבן אין שטוב. בלויז די יונגע זענען געקומען און פאַרנעמען גאַנצע פינף טישלעך אויף דער טעראַסע, צו פיר פאַרשוין ביי אַ טישל. פון דעסטוועגן האָבן נישט אַלע געקאָנט געפינען פלאַץ ביי די דאָזיקע פינף טישלעך און טייל מוז דעריבער אַריבערוואַנדערן אויף דער צווייטער זייט מאַנפּאַרנאַס, אין דער קאַפע „סעלעקט".

פון דער יונגער משפחה פּאַפּאָווסקי זענען געקומען בלויז מאַן און פרוי. זיי זענען מיט דער צייט געוואָרן אַ וועלט פאַר זיך, און דאָך זענען אויך זיי — דער עיקר זי — דורך טויזנט פעדעם, געקניפּט און געבונדן מיט דער וועלט פון זייערע טאַטע־מאַמעס.

די דאָזיקע נייאָר־נאַכט אויפן מאַנפּאַרנאַס, ווו אַלע גיבן זיך די גרעסטע מי צו זיין פריילעך, שמעקט מיט פּולווער. דאָס קומט צום אויסדרוק אין די רייד פון פּאַפּאָווסקין צו זיין שוואָגער האַנס בוימאַן, וואָס זיצט מיט אים ביי איין טישל. דאָס קומט צום אויסדרוק ביי אַלע, אויף דעם אָדער יענעם אופן, און יעדער האָט גלייכצייטיק מורא פאַר זיינע אייגענע רייד, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט קעגן זיין אייגענעם ווילן. קוקט טאַקע דער שמייכל אויס אויף אַלעמענס ליפּן ווי אַרויפגעצוווּנגען.

די נייאַר־נאַכט 1939 אויף מאָנפּאַרנאַס קוקט אויס ווי אַ מאַסקנבאַל. יעדער מאַסקירט זיך ווי ער קאָן, מיט קינסטלעכע רייד, מיט אַ שמייכעלע, וואָס קוקט אויס ווי צוגעקלעפּט, ווייל אויף אַלעמען דריקט דער פּחד פאַר דער מלחמה.

בוימאַן שאָקלט צו מיטן קאָפּ און גיט זיך אַפילו נישט די מי צו פּרווון זיך און אַנדערע צוצוגעבן מוט, ווי ער טוט דאָס, למשל, אויף זיינע לעקציעס און אין זיינע אַרטיקלען. ער ווייסט, אַז די מלחמה איז אומ־פאַרמיידלעך, אַז די איניציאַטיוו ליגט אין היטלערס הענט, און אַז דער קריג וועט אויסברעכן אין דעם טאָג און אין דער שעה, וואָס ער וועט באַשטימען.

בוימאַן דערמאָנט זיך אין די פיל ציטירטע נביאות היינעס: „ווײ וועט זיין", האָט היינריך היינע פאָרויסגעזאָגט מיט מער ווי הונדערט יאָר צוריק, „ווײ וועט זיין קודם צו פראַנקרייך, און דערנאָך אויך צו דער איבעריקער וועלט, ווען דער אַלטער דייטשישער געטש טהאָר וועט זיך אויפכאַפּן מיט זיין האַמער, מיט וועלכן ער וועט זיך פאַרמעסטן — און טיילווייז וועט עס אים אויך געלונגען — צו צעשמעטערן די וועלט".

דעמאָלט, מיט הונדערט יאָר צוריק, איז טהאָר נאָך נישט געווען אַזוי שטאַרק אין כעס אויף די יידן פון דייטשלאַנד און פון דער גאַרער וועלט. ער האָט זיי אין זיין גרימצאָרן עפּעס ווי פאַרזען, אָבער היינט וועלן די יידן זיין אויפן סאַמע ערשטן פייער.

געקומען זענען צו דער באַגעגעניש אויף מאָנפּאַרנאַס אויך בערנאַרד קעלער און זיין פרוי סאָניע, ר' פּנחסעס איידעם, הייסט עס, און זיין עלטסטע טאָכטער. אַ פאַרפאַלק זענען זיי אין די מיטעלע יאָרן. אין דעם יידישן פאַריז האָט דאָס דאָזיקע פאַרפאַלק אַ שם פון קונסט־מעצענאַטן, כאָטש עס איז נאָך נישט געווען אַזאַ פאַל, זיי זאָלן האָבן אונטערגעשטיצט מאַטעריעל אַ יידישן מאָלער, אָדער ווייניקסטנס האָבן געקויפט ביי אים אַ בילד. ווי אַזוי זיי האָבן זיך דערוואָרבן דעם דאָזיקן שם איז אומבאַקאַנט. מסתמא האָט מען זיי ביי דער אָדער יענער געלעגנהייט געזען רעדן מיט אַ קינסטלער. אויף יעדן פאַל זענען זיי געווען אָפטע איינגייער אויף מאָנ־פּאַרנאַס און האָבן כמעט געקענט אַלע יידישע קינסטלער ביי די פּערזענלעכע

נעמען. בערנאַרד פלעגט זיי קלאַפּן גוטמוטיק אין פּלייצע און זי, זיין צווייטע העלפט, פלעגט גנאַדיק אונטערשמייכלען מיט אירע גילדענע ציין.

זיין נייאַר־טישל איז אויך דאָס מאָל אַרומגערינגלט געוואָרן אין איין אויגנבליק דורך יידישע מאָלערס. עס האָט זיך זיי געדוכט, אַז די קעלערס וועלן לכבוד נייאַר דאָך קויפן אַ בילד, אָדער אפשר גאָר עטלעכע בילדער. בערנאַרד זאָגט צו זיי אין אַ טאָן, וואָס שליסט אויס באַצייטנס יעדע קעגן־מיינונג:

— איצט, ווען מען האַלט אַזוי נאָענט ביי דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווילט איר, אַז איך זאָל פאַרגרעסערן מיין בילדער־קאָלעקציע און נאָך דעם זאָל איך נישט וויסן וואָס פריִער צו ראַטעווען?

אַלע וויסן, אַז די מעשה מיט זיין בילדער־קאָלעקציע איז אַ ליגן, און דערציילן דערציילט ער דעם דאָזיקן בפירושן ליגן צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, כדי זיך וויכטיק צו מאַכן, אויספּוצן זיך אין די פעדערן, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט פאַרמאָגט, וואָרעם די פּאָר בילדער, וואָס הענגען אין זיין סאַלאָן, זענען רעפּראָדוקציעס, און, צווייטנס, כדי מען זאָל אויפהערן צוצושטיין צו אים.

— ניין, מיין ליבער פריינד — קלאַפּט ער דעם נעבן אים שטייענדיקן קינסטלער אין פּלייצע — נישט קיין צייט איצט זיך צו קוויקן מיט קונסט. איז עס נישט אמת, מיין ליבער פריינד?

— מעגלעך, מעגלעך — ענטפערט מען אים — עס קאָן זיין, אַז איר זענט גערעכט... אָבער איר ווייסט, אַ קליינע גוואַש...

— אַ קליינע גוואַש? אַ קליינע גוואַש פאַרנעמט אויך אַן אָרט און ווען מען לויפט פון אַ מלחמה איז איטלעך פּעקל איבעריק...

— וווהין וועסטו לויפן? — רייסט אים איבער די רייד אפרים, וואָס זיצט מיט זיין עלזאַסיש ווייבעלע און מיט זייערע צוויי דערוואַקסענע זין ביי אַ רונדן טישל פּונקט אַנטקעגן בערנאַרדן — נאָך וואָס וועסטו לויפן? היטלער וועט ברעכן האַלדז און נאָקן דעם צווייטן טאָג פון דער מלחמה.

— אייל זיך נישט, אפרים, — האַקט אים איבער בערנאַרד די רייד — פון וואַנען נעמט זיך צו דיר אַזאַ זיכערקייט?

— איך קאָן זיי בעסער, די דייטשן — מישט זיך אַריין אפרימס עלזאַסיש ווייבל — איך קאָן בעסער די דייטשן אַלס זי. איך בין אַ געבוירענע פון עלזאַס, פון שטראַסבורג...

דערווייל פאַרצווייגט זיך אַלץ מער דער שמועס וועגן דער מלחמה, וואָס שטייט ביי דער טיר. ווי עס זאָל נישט זיין, וועט היטלער דערנאָך חרטה האָבן, טיף חרטה וועט ער האָבן, וואָרעם דאָס מאָל וועט דאָס אים גלאָט אַזוי נישט אָפּגיין, און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. אויך וועגן גרינשפּאַנען איז די רייד. ווער איז ער? וואָס איז ער? וואָס טוט ער איצט? וואָס מאַכט ער איצט? אַלץ „ער" — מען ווייסט שוין וועמען מען מיינט, ווייל זאָגן גרינשפּאַן האַלט מען זיך אָפּ אין אַן עפנטלעך אָרט, אויף מאָנפּאַרנאַס נאָך דערצו, וווּ עס שווייבלט און גריבלט, ווי מען ווייסט, מיט דייטשישע שפּיאָנען מכל המינים.

אַזוי גייט אַוועק דער נייִאָר־אָוונט ביז צום מיטן נאַכט, ווען די גלאָקן הייבן אָן צו קלינגען און די קאָרקעס שפּרינגען אַרויס מיט אַ קנאַק פון די שאַמפּאַניע־פלעשער.

— אַ גוט יאָר!

— אַ גוט יאָר!

1939 איז געקומען אויפן מאָנפּאַרנאַס. דערווייל איז נאָך טומלדיק, דערווייל איז נאָך פריילעך, ווייל דער ספּעקטאַקל האָט זיך נאָך נישט פאַרענדיקט, אָבער באַלד, אין אַ האַלבער שעה, שפּעטסטנס אין אַ שעה אַרום, וועט מען אָנהייבן זיך פונאַנדערצוגיין. פריִער די עלטערע און דערנאָך די באַווייבטע און די חתונה־געהאַטע, און גאָר שפּעט, דריי אָדער פיר אַ זייגער באַגינען, וועלן די יונגע גיין כאַפּן אַ קוק, וואָס עס טוט זיך אין די נאַכטלאָקאַלן און אין די קאַבאַרעטן, אָדער גיין אַהיים שלאָפן.

— איז, הייסט עס, — מורמלט האַנס בוימאַן מער צו זיך אַליין ווי צו זיין פרוי בעלאַ, וואָס זיצט אַנטקעגן אים אויף איינער פון די בענק פון

דער מעטראָ, וואָס פירט זיי פון מאָנפּאַרנאַס צוריק צו זיי אַהיים — איז, הייסט עס, דאָס יאָר 1938 אויך פאַרביי.

— וואָס דען מיינסטו, האַנס? — פרעגט אים בעלאַ אין אַ טרייסטנדיקן טאָן, גלייך ער וואָלט זיך געהאַט באַקלאָגט אויף עפּעס. זי וואַרפט בעת מעשׂה אַ קוק אויף שלמה פינקעלשטיין, וואָס האָט זיך געהאַט פאַרוויקלט אין אַ שמועס מיט איר מאַן אין דער קאַפע. דער שמועס איז דורך דעם נייאָר־געשריי, וואָס האָט זיך אַ טראַג געטאָן פון גאַנץ פאַריז, איבערגע־ריסן געוואָרן. איר בליק איז ווי אַ מין דערמוטיקונג ער זאָל אים, דעם איבערגעריסענעם שמועס, ווידער אויפנעמען.

כאָטש שלמה פינקעלשטיין פאַרשטייט גאַנץ גוט איר ווונק, און ער אַליין האָט אויך חשק צו פאַרענדיקן דעם שמועס מיט האַנס בוימאַן, טוט ער דאָך אַ לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ אויף ניין און זאָגט:

— נישט כדאַי! אָט דאַרף איך באַלד אויסשטייגן. איך בין שוין אַזוי גוט ווי אין דער היים.

אויף דער צווייטער מעטראָ־סטאַציע איז ער טאַקע אויסגעשטיגן. באַלד זענען אויך אויסגעשטיגן בערנאַרד קעלער און זיין ווייב און נאָך אַנדערע זין און טעכטער פון דעם שטיין־שבט. פאַרבליבן זענען אין מעטראָ בלויז האַנס און בעלאַ, אָדער ביילקע, ווי מען האָט זי גערופן און אַ סך רופן זי נאָך עד היום אויף איר היימישן נאָמען.

זיי אָבער געהערן, ווי מען ווייסט, צו דעם גראָסמאַן־שבט, וואָס ווייניק מיטגלידער זיינע זענען געגאַנגען באַגעגענען נייאָר אין דער קאַפע אויף מאָנפּאַרנאַס.

## ביכער פונעם זעלבן מחבר

די שעה פון בין השמשות — פּאַריז 1951

נאָוועלן — וואַרשע, 1962

די פיר צייטן — תל־אביב, 1966

**Les Brumes de l'Eté**

(פראַנצויזיש), פּאַריז, 1967